ספר

# צאינה וראינה

עם

## נופת צופים

חלק שני

ווילנא

ЦЕЕНА УРЕЕНА,

Переводъ Пятикнижія на жаргонъ.

Съ прибавленіемъ „Науфетъ Цуфимъ“.

Съ Виленскаго изданія 1883 г.

Два тома въ трехъ частяхъ. Ч. II.

Дозволено цензурою 9 ноября 1888 года Вильна.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи С. І. Финна, А. Г. Розенкранца
и М. Шрифтзетцера.
На Лидскомъ переулкѣ домъ № 2598/13
1889.

ספר

# צאינה וראינה

על

## חמשה חומשי תורה

עם

## הפטרות וחמש מגילות ותרגום למגילות

בלשון אשכנז׳ עברי טייטש.

עשה האלוף היקר החסיד כמהו׳ יעקב במהו׳ יצחק מק״ק יאנאווא

---

נם האבין מיר איצט גידרוקט נאך יעדער סדרה דעם היילגן ספר

## נופת צופים

וואס ער איז אריש גיקליבין פון זוהר הקדוש מהתנא הקדוש רשב״י זלה״ה

אין דיזער הדפסה איז צו גיקומען זייער פיל נייש וואס ווערין
אויס גירעכינט אין דער הקדמה אויף דעם צווייטין זייט.

---

## ווילנא

בדפוס של ר׳ ש״י פין, ור׳ א״צ ראזענקראנץ, ור׳ מ״ם שריפטזעטצער.

שנת תרמ״ט לפ״ק

# אקורצע הקדמה.

דיזער ספר **צאינה וראינה** אדער **טייטש חומש** איז זייער באוואוסט, אונ ער איז זייער פיל מאל גידרוקט גיווארין, דאך איז אזא איין צאינה וראינה נאך ביז איצט ניט גיוועזן, אין דיזען מאל איז פאר מערט אונ פאר בעסערט גיווארין מיט זייער פיל נייע זייער נייטיגע:

א) מיר האבין נאך יעדער סדרה גישטעלט דעם ספר **נופת צופים** וואס ביז דיא צייט זיינען זייא גיוועזן צווייא באזונדערע ספרים, אין פערשידענע בענדער, אונ איצט האבין מיר גידרוקט אלץ צו זאמען אין איין באנד צו פאר בעסערין אונ פאר גרינגערין דעם נוץ.

ב) אלע פסוקים פון תנ"ך, אונ גמרות, אונ זוהר הקדוש, אונ ראש גלייכין אלע לשון הקודש ווערטער, וואס ווערין גיבראכט זייא אין טייטש חומש אונ זייא אין נופת צופים, האבין מיר אלץ גידרוקט מיט נקודות.

ג) גם האבין מיר בייא יעדין חודש גידרוקט איין לוח אויף פופציג יאהר, מען זאל ווישין ווען עש גיפאלט דער מולד, אונ וועלכער טאג איז ראש חודש, אונ ווען עש גיפאלט יום טוב, חנוכה, פורים, תעניתים, חמשה עשר, ל"ג בעומר, אונ ארבע פרשיות, גם וועלכע סדרות לייענט מען צוא זאמען, אונ ווען באזונדער, אונ אלס דייטליך אויף עברי טייטש.

ד) מיר האבין גידרוקט אלע ציורים, וואס זיינען גידרוקט גיוועזן פון אלע מאל.

ה) גם דיא הדפסה בכלל איז זייער שיין, מיר האבין יעדער עמוד גידרוקט אין צווייא שפאלטין, אין שמאלע שורות, כדי עש זאל זיין לייכט צוא לייענען, אונ גוטין פאפיר. מיר האפין אז דער צאינה וראינה וועט אלעמען גיפעלין זיין.

המדפיסים.

במדבר סיני שלמה המלך זאגט אין משלי פלס ומאזני משפט לה׳ מעשהו כל אבני כיס גאט האט בייא זיין משפט אלערלייא געוויכט פון גראָביש ביז קליין כלומר ער טוט איטליכן רעכט משפטין גלייך וויא איינר וועגט רעכט זיין סחורה אזוא וועגט גאט איטליכנש עבירות • זיינן זיי פיל באצאלט ער אים איין גרויסין עונש זיינן זיי ווייניג באצאלט ער אים אקליינם עונש • אונ די מעשים פון גאט זיינן פר בארגין אונ קיין מענטש פר שטייט זיי ניט אזו וויא אין פסוק שטייט משפטיך תהום רבה דיינע משפטים זיינן פר בארגן אזו וויא דר תהום וואש מען ווייש ניט וואש אין אים איז • אונ אזוא וויא מיר געפינען דאס דער בית המקדש איז חרוב געווארין דעם ניינטין טאג אין חודש אונ גאט האט צוא יחזקאל געוויזין אז ער וועט חרוב ווערן דעם צעהענטין טאג אין חודש אונ האט ניט געוואלט אנפלעקין ווען ער וועט חרוב ווערן אבר אז גאט האט געוואלט מאכין רוען זיין שכינה אויף ישראל האט ער געזאגט אין וועלכין ארט אונ אין וועלכין יאר אונ אין וועלכין טאג אין חודש אונ זאגט במדבר סיני באוהל מועד באחד לחודש השני בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים אין דער מדבר אין דעם אוהל מועד איין טאג אין חודש אייר אין דעם אנדערן יאר וואש ישראל זיינן ארויש געגאנגען פון מצרים • דר מדרש זאגט מיט דרייא ערלייא איז די תורה געגעבן צו ישראל מיט פייער דען עש איז געוועזן גרויסע בליצין בשעת מתן תורה • אונ מיט וואשר דען עס איז געוועזן גרויסע רעגין • אונ אין דר מדבר • אונ דרום איז די תורה געגעבן מיט די דרייא זאכין • צו ווייזין אזו וויא פייער אונ וואשער אונ מדבר איז געגעבין אום זיסט • אזו איז די תורה געגעבין אום זיסט איטליכר מעג זיא לערנן • אונ אזו וויא דר מדבר איז פריי איטלעכר מעג גיין אין אים • אזו אויך זאל זיך דר מענטש פריי

מאכין אונ זאל זיך נידריג האלטן ווען ער וויל תורה לערנען במדבר סיני באוהל מועד צום ערשטין האט די שכינה גירועט אויף דעם בארג סיני אונ דר נאך אין דעם אוהל מועד אונ אזוא וויא אז דיא שכינה האט גירועט אויף דעם בארג סיני האט קיינר דעם בארג ניט גיטארט אן רירין • אזו אויך אז דיא שכינה האט גירועט אין משכן האט גאט גישטעלט די לוים ארום משכן צוא היטין דאש קיין ישראל זאל אין אים ניט אן רירן • אונ אזו וויא עש איז גיקומען צווייא אונ צוואנציג טויזנט מלאכים מיט גאט אויף דעם בארג סיני • אזוא אויך איז גיוועזן צוויי אונ צוואנציג טויזנט לוים ארום דעם משכן אונ פריער האט זיך גאט באוויזן אויף איין דארין אין מדין אונ אין מצרים • אונ אויף דעם בארג סיני האט זיך גאט באוויזן אליין אויפין באר • דר נאך האט גאט גיזאגט עס איז ניט רעכט איך זאל מיר באווייזין אן צניעות • דרום האט ער גיהייסן מאכן איין משכן • רש״י שרייבט ווייל גאט האט זייער ליב צו ישראל דרום האט ער זיי גצײלט אלע צייט • אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האט ער זייא גיצײלט • אונ אז עש איז פון זייא ווארין דר שלאגין איבער דער עבירה פון דעם עגל האט ער זייא ווידער גיצײלט • אונ דא אז ער האט גימאכט רוען זיין שכינה צווישן זיי האט ער זיי ווידער גיצײלט • דר תולדות יצחק שרייבט דאש ציילין האט גיוויזן אויף דרייא ערלייא ליבשאפט • דען עש איז גיוויש דאש איין זון האט ליב זיין פאטר • אונ איין מאן זיין ווייב וואש דאש איז דיא טבע פון דעם מענטשין ער זאל ליב האבין זיין פאטר אונ זיין ווייב אונ קינדער • אונ דאש אנדערע איז איין מלך האט ליב זיין פאלק צו משפטן זייא רעכט אונ צו באהיטין זיי פון מלחמות אונ דאש דריטע איז דאש פאלק האבן ליב דעם מלך אונ האלטין אים ערלאך אונ

דינען אים גיטרייא · אונ אויף דיא דביא
ליבשאפט האט דאש ציילין גיוויזין · דאש
ארשטע אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון
מצרים האט ער זייא גיציילט · אונ האט זיי
גירופין בני בכורי ישראל דאש ער האט זיי ליב
אזו וויא איין פאטער איין זון · דאס אנדרע
ליבשאפט איז אזו וויא איין מענטש האט
ליב זיין חבר אז ער איז פרום · אזו אויך
אז ישראל זיינען ווארין דער שלאגין ביא
דעם עגל אונ האבן תשובה גיטאן · דען נאר
משה אונ שבט לוי האבן דער שלאגין דיא
וואש האבן גדינט צום עגל אונ ישראל זיינן
גיוועזן זעקס הונדערט טויזנט אונ קיינער
האט קיין האנט ניט אויף גיהויבין אנטקעגן
משה אזוא מוז זיין דאש זייא האבן תשובה
גיטאן דרום האט זייא גאט ליב גיהאט אונ
האט זייא גיהייסן ציילין · דאש דריטע
ליבשאפט איז גיוועזן דאש ער האט גיוואלט
זיין איין מלך איבער זייא אונ האט גיוואלט
מאכין רוהען זיין שכינה איבער זיי אונ ישראל
זאלין זיין זיין פאלק דרום האט ער זייא
גיציילט · אויך שרייבט דער תולדות יצחק
דאש ליבשאפט פון דעם ציילין איז גיוועזן
דאש דורך דעם וואש מען ציילט זייא דא
דורך משה ואהרן איטליכן באזונדער · דורך
דעם וועט גאט זייא אויך דר מאנן איטליכן
באזונדר צוא אלעם גוטין · אונ מען האט
ניט גיציילט ביא די קעפ דאש מען זאל זיי
לאזין דורך גיין פאר משה ואהרן אונ זייא
זאלין זייא ציילין מיט דער האנט · דען עש
וואלט חס ושלום גיקומען דורך דעם איין
מארד אויף ישראל · אונ אויך ניט דורך איין
האלבין שקל וואש איטלעכער האט גיגעבן
דען דורך דעם וואלט זייערע נעמן ניט דר
מאנט גיווארין · נאר איטלעכר ישראל האט
אן גישריבין זיין נאמען אויף איין קוויטיל
אונ האבין די קוויטלאך גיגעבין צוא משה
ואהרן אונ צוא דיא נשיאים אונ מען האט
גיציילט די קוויטלאך · אויך האט זיי גאט
גיהיישין ציילין כדי זייא זאלן זיין אן גיבריים
צו גיין אין דער מלחמה קיין ארץ ישראל ·
אויך דרום האט זיי גאט גיהיישין ציילין ווייל
די עובדי כוכבים האבן גיזאגט ישראל זייגן
צום מיינשטין ממזרים דען די מצרים האבן
גיוועלטיגט אין זייערע ווייבער · דרום האט
זייא גאט גיהיישן ציילין כדי זייא זאלין זיך
מיחס זיין נאך זייערע משפחות נאך צוא
ווייזין דאש זייא זיינען ניט קיין ממזרים ·
דר רמב"ן אונ דר בחיי שרייבין גאט האט
גיזאגט שאו את ראש בני ישראל דאש האט צוויי
טייטשין עש איז טייטש דר הייבין אונ מאכט
חשוב דיא קעפ פון ישראל ווען זייא וועלין
פרום זיין · אונ עש איז טייטש נעמט אראפ
די קעפ פון ישראל ווען זיי וועלן ניט פרום
זיין · מבן עשרים שנה ומעלה כל יוצא צבא איר זאלט
ציילין דעם וואש איז עלטער פון צוואנציג
יאר וואש ער קאן גיין אין דער מלחמה דען
וויינגער פון צוואנציג יאר גייט ניט אין קיין
מלחמה · כל יוצאי צבא מען זאל נאר ציילין
דיא וואש זיינען ראוי צוא גיין אין דער
מלחמה אונ ניט דאש ערב רב וואש האבין
זיך מגייר גיוועזן אין מצרים אונ אויך ניט
קיין אלטע אונ קיין קראנקע · תפקדו אותם דר
בחיי שרייבט דרום זאגט דר פסוק תפקדו אונ
ניט תספרו וואש דאש איז אויך טייטש ציילין
ווייל מען האט ניט גיציילט ביי די קעפ עש
זאל אין זייא ניט זיין קיין מארד · נאר
איטליכר האט גיגעבין איין האלבן שקל אונ
דורך דעם האט מען גיוואוסט דיא צאל ·
דרום שטייט תפקדו דאש האט צוויי טייטשן
תפקדו איר וועט ווערין דער מאנט פאר גאט
דורך דעם וואש איר וועט געבן איין האלבן
שקל · אונ אויך איז טייטש תפקדו ציילן דורך
דעם וועט מען ווישין אייער צאל · דר בעל
הטורים פרעגט ווארום שטייט אין דר פרשת
אהרן אויך דר מאנט ביא דר צאל אונ אין
פרשת כי תשא שטייט ניט דר מאנט אהרן
ביי דר צאל · דר תירוץ איז דיא צאל פון

פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא אִיז גִּיוֶועְן נָאךְ דֶעם עֵגֶל אוּנ
דְרוּם אִיז אַהֲרֹן נִיט דֶר מָאנְט בַּייא דֶר צָאל
וַוייל עֶר הָאט גִּימַאכְט דָאשׁ עֵגֶל • לִבְנֵי יוֹסֵף
לִבְנֵי אֶפְרַיִם דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם רֶעכִינְט דֶער
פָּסוּק יוֹסֵף פַאר אַנְדֶרֶע שְׁבָטִים וָואס זַיינֶען
פִיל עֶלְטֶר פוּן אִים וַוייל זַיין מוּטֶר אִיז גִּיוֶועְן
אַיין רֶעכְטְ וַוייבּ צוּא יַעֲקֹב נָאךְ לֵאָה • אוּנ
דֶר פָּסוּק רֶעכִינְט אֶפְרַיִם פַר מְנַשֶּׁה חָאטְשֶׁע
מְנַשֶּׁה אִיז עֶלְטֶר גִּיוֶועְן • דָאשׁ אִיז וַוייל
יַעֲקֹב הָאט אֶפְרַיִם מֶער חָשׁוּב גִּימַאכְט פַאר
מְנַשֶּׁה • אוּנ דֶר רמב״ן פְרֶעגְט וָוארוּם הָאט
דָוִד גִּיצֵיילְט יִשְׂרָאֵל בַּייא דִי קֶעפּ אוּנ עֶשׁ
אִיז דוּרְךְ דֶעם פִיל גִּיפַאלִין פוּן יִשְׂרָאֵל הָאט
דָוִד נִיט גִּיוָואוּסְט דֶעם פָּסוּק וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף
בִּפְקֹד אוֹתָם דָאשׁ גָאט הָאט גִּיהֵייסִין אַיין
הַאלְבִּין שֶׁקֶל נֶעמֶען צוּ צֵיילִין יִשְׂרָאֵל כְּדֵי
זַייא זָאלִין נִיט שְׁטַארְבִּין פוּן וֶועגִין דֶעם
צֵיילִין דֶר תִּירוּץ אִיז דָוִד הָאט אוֹיךְ יִשְׂרָאֵל
מִיט אַיין מַטְבֵּעַ גִּיצֵיילְט • נָאר דְרוּם זַיינֶען
זֵיי גִּישְׁטָארְבִּין וַוייל עֶר הָאט זֵיי נִיט גִצֵיילְט
פוּן מִלְחָמָה וֶועגִין נָאר עֶר זָאל וִוישִׂין וויא
פִיל יִשְׂרָאֵל עֶר הָאט אוּנְטֶר זִיךְ צוּא וִוישִׂין
וויא אַיין גְרוֹישֶׁער שְׂרָרָה עֶר אִיז • נָאךְ אַיין
תִּירוּץ עֶנְטְפֶערְט דֶר רמב״ן דְרוּם זַיינֶען זַייא
גִּישְׁטָארְבִּין וַוייל דָוִד הָאט זֵיי גִּיצֵיילְט פוּן
דְרַייצֶעהֶן יָאר אָן • אוּנ אִין דֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט
מֶען זָאל צֵיילִין פוּן צְוַואנְצִיג יָאר • אוּנ דָוִד
הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִּיוֶועְן דְרִינֶען • וַוייל אִין דֶר
תּוֹרָה שְׁטֵייט נִיט בַּאשֵׁיידְלֶךְ מֶען זָאל דַוְקָא
צֵיילִין פוּן צְוַואנְצִיג יָאר אוּנ נִיט וֵוינִיגֶער
וְאֵת כָּל הָעֵדָה הִקְהִילוּ בְּאֶחָד לַחוֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי דֶער פָּסוּק
ווייזְט דָאשׁ מֹשֶׁה הָאט גִּיהֵיילְט צוּא טָאן
גָאטְשׁ גִּיבָּאט אוּנ הָאט כָּל יִשְׂרָאֵל אַיין
גִזַאמִילְט אִין דֶעם טָאג וָואשׁ גָאט הָאט אִים
גִּיהֵייסִין צֵיילִין • נָאר יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גִּיוֶועְן
זַייעֶר פִיל הָאט עֶר זֵיי נִיט גִּיקָאנְט אוֹישׁ
צֵיילִין אַלֶע אִין דֶעם טָאג • דְרוּם זָאגְט דֶער
פָּסוּק וַיִּפְקְדֵם עֶר הָאט זַייא גִּיצֵיילְט אִין מִדְבַּר
סִינַי אִין דִיא אַנְדֶערֶע טֶעג • אַזוֹ שְׁרַייבְּט

דֶר רמב״ן אוּנ דֶר בְּחַיֵי וַיִּתְיַלְדוּ עַל מִשְׁפְּחוֹתָם זֵיי
הָאבִּין גִּיבְּרַאכְט זֵייעֶר יִחוּס בְּרִיב אוּנ הָאבִּין
זִיךְ אוֹישׁ גִּירֶעכִינְט פוּן וָואשׁ פַאר אַיין
מִשְׁפָּחָה אִיטְלִיכֶר אִיז • אַזוֹ שְׁרַייבְּט רש״י •
אוּנ דֶר רמב״ן פְרֶעגְט וויא גִּישִׁיקְט זִיךְ דָאס
אִיטְלִיכֶער זָאל דַארְפִין בְּרֵיינְגֶען אַיין יִחוּס
בְּרִיב פוּן וָואשֶׁער שֵׁבֶט עֶר אִיז עֶשׁ אִיז אַיין
גְרוֹישֶׁע טִרְחָה • דְרוּם זָאגְט דֶר רמב״ן אִיטְלִיכֶר
הָאט גִּיבְּרַאכְט אַיין הַאלְבִּין שֶׁקֶל צוּא מֹשֶׁה
אוּנ הָאט אִים גִּיזָאגְט פוּן וָואשֶׁר אַיין שֵׁבֶט
עֶר אִיז אוּנ מֹשֶׁה הָאט גִּילֵייגְט דִיא שְׁקָלִים
פוּן אִיטְלֶעכִין שֵׁבֶט בַּאזוּנְדֶר דוּרְךְ דֶעם
הָאט עֶר גִּיוָואוּסְט אִין אִיטְלֶעכִין שֵׁבֶט וויא
פִיל מֶענְטְשִׁין עֶשׁ אִיז • דֶר בְּחַיֵי אוּנ דֶער
רמב״ן שְׁרַייבִּין וַיִּתְיַלְדוּ אִיז טַייטְשׁ זֵיי הָאבִּין
גִּיוִוייזִין אִין וָואשֶׁר טָאג אִיטְלִיכֶר אִיז גִּיבָּארִין
גִּיוָוארִין כְּדֵי מֶען זָאל וִוישִׂין אוֹיבּ עֶר אִיז
אַלְט צְוַואנְצִיג יָאר אַךְ אֶת מַטֵּה לֵוִי לֹא תִפְקֹד בְּתוֹךְ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דֶעם שֵׁבֶט לֵוִי זָאלְשְׁטוּ נִיט צֵיילִין
צְווִישִׁין דִי קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל וַוייל זֵיי זַיינֶען חָשׁוּב
דְרוּם זָאל מֶען זַייא בַּאזוּנְדֶר צֵיילִין דֶען זֵיי
זַיינֶען דִינֶר פוּן גָאט • נָאךְ אַיין פְּשַׁט אִיז וַוייל
דִי אַלֶע וָואשׁ מֶען הָאט גִצֵיילְט פוּן צְוַואנְצִיג
יָאר זַיינֶען אַלֶע גִּישְׁטָארְבִּין אִין דֶער מִדְבָּר
אִיבֶּר דֶעם עֵגֶל אוּנ שֵׁבֶט לֵוִי הָאבִּין זִיךְ נִיט
טוֹעֶה גִּיוֶועְן אִין עֵגֶל אוּנ זַיינֶען גִּיבְּלִיבִּן לֶעבִּן
דְרוּם הָאט מֶען זֵיי נִיט גִצֵיילְט צְווִישִׁן יִשְׂרָאֵל
אוּנ מֶען הָאט זֵיי גִצֵיילְט פוּן אַיין חוֹדֶשׁ וַוייל
דִי לְוִיִּם זַיינֶען הֵיילִיג וויא בַּאלְד זַייא וֶוערִין
גִּיבָּארִין • דְרוּם צֵיילְט מֶען זֵיי אַז זֵיי וֶוערִין
אַלְט אַיין חוֹדֶשׁ דָאשׁ עֶר אִיז שׁוֹין נִיט קַיין
נֵפֶל • דִיא גְמָרָא זָאגְט דֶער שֵׁבֶט לֵוִי אִיז
גִּיוָואנְט צוּ גִּיצֵיילְט וֶוערִין פוּן זַיין גִּיבָּארִין
אָן דֶען יוֹכֶבֶד אִיז וָוארִין גִּיבָּארִין צְווִישִׁין דִי
טוֹיעֶרִין אַז יַעֲקֹב אִיז גִּיקוּמֶן קַיין מִצְרַיִם •
אוּנ דֶער פָּסוּק צֵיילְט זִיא צְווִישִׁין אַלֶע
קִינְדֶר פוּן יַעֲקֹב דָאשׁ מִיט אִיר אִיז גִּיוֶועְן
זִיבֶּעצִיג • אוּנ מֹשֶׁה הָאט גִּיזָאגְט זָאל אִיךְ
דֶען גֵיין צוּ אִיטְלֶעבִן אִין גִּיצֶעלְט צוּ זֶעהֶן

וויא פיל קינדר אין איטליכן בעט איז · האט
גאט אים גיענטפערט טוא דוא דאש דיינע
אונ איך וועל טאן דאש מיינע · אונ וויא
משה איז גיקומן צו איטליכן גיצעלט איז
ארויש איין בת קול · אונ האט גיזאגט וויא
פיל קינדר אין דעם גיצעלט איז אונ משה
האט עש פר שריבין · דאש זאגט דער פסוק
ויפקוד אותם משה על פי ה׳ משה האט זייא גיציילט
דורך דעם מויל פון גאט דאש גאט האט
אים גיזאגט וויא פיל קינדער אין איטליכין
גיצעלט איז · אונ די לוים האבין גיטראגין
דעם משכן אז מען איז גיגאנגען · אונ אז
מען האט גירועט האבין דיא לוים אויף
גישטעלט דעם משכן אונ האבין גירועט
ארום דעם משכן איש על דגלו באותות רש״י
שרייבט איטליכער שבט האט גיהאט איין
פאן מיט איין זיידענע טוך · אונ דיא פארב
פון דר טוך איז גוועזן אזו וויא די פארב פון
זיין אבן טוב וואש אין חושן איז גוועזן וואס
זיין נאמען איז דרויף גישטאנען · נאך איין
פשט איין באותות מיט די צייכין וואס יעקב
האט זיי גימאכט זייא זאלין אים טראגין
פון מצרים קיין ארץ ישראל צוא באגראבין
אים · האט ער זייא גיבאטין יהודה אונ
יששכר אונ זבולון זאלין אים טראגין פון
מזרח זייט אונ ראובן שמעון אונ גד פון
מערב זייט · אונ אזוא האט ער גיבאטין
איטליכן אויף זיין ארט אזו האבן זיי גירועט
ביי דעם משכן · דר חזקוני שרייבט אונ אויך
דער צרור המור דאש אין דיא פאנען זיינן
גוועזן די נעמן פון די אבות אין דר פאן פון
ראובן איז גישטאנען די אלף פון אברהם אונ
די יוד פון יצחק אונ נאך איין יוד פון יעקב
אונ אויף דער אנדערר פאן איז גישטאנען
אנדערע דריי אותיות · די בית פון אברהם
אונ די צדי״ק פון יצחק אונ די עין פון יעקב ·
אונ אויף דר דריטר פאן איז גישטאנען דיא
ריש פון אברהם אונ דיא חית פון יצחק אונ
די קוף פון יעקב · אונ אויף דער פערטער

פאן איז גישטאנען · די מם פון אברהם אונ
דיא קוף פון יצחק אונ די בית פון יעקב · איז
איבר גיבליבין דיא הא פון אברהם איז דער
וואלקן גוועזן איבר ישראל אזו וויא איין הא
דר בחיי שרייבט משה האט זיך גיפארכטין
פאר די שבטים דאש איטליכר וועט וועלין
פריער זיין · האט גאט צו אים גיזאגט היים
זייא גיין אזו וויא זיי האבין גיטראגין דעם
ארון פון יעקב אזו וועט צווישין זייא קיין
קריג ניט זיין · אויך שרייבט דר בחיי אונ דר
רמב״ן אונ דער תולדות יצחק אונ דער
אבן שואב דאש אויף דר פאן פון ראובן
איז גוועזן גמאלט איין צורה פון איין מענטש
דאש האט גיוויזין אויף ראובן וואש ער
האט גיבראכט פייפלעך פון דעם פעלד וואס
זייא האבין איין צורה פון איין מענטשין ·
אונ אויף דער פאן פון יהודה איז גיוועזן
גימאלט איין צורה פון איין לייב דען יהודה
איז גיגליכין צוא איין שטארקין לייב · אונ
אויף דער פאן פון אפרים איז גיוועזן גמאלט
איין אקס ווייל יוסף ווערט גירופין בכור שור ·
אונ אויף דר פאן פון דן איז גיוועזן גימאלט
איין אדלר דאש זיינן די פיר חיות פון דאש
כסא הכבוד אונ יהודה אונ יששכר אונ
זבולון זיינען גיגאנגען אין מזרח ווייל יהודה
איז גיגליכין צוא איין לייב וואש גייט פריער
דרום איז יהודה אויך גיגאנגען פריער אין
מזרח · אונ יששכר האט גילערינט תורה
אונ האט גיטאן מעשים טובים · דרום זיינן
זייא מיט יהודה בייא אנאנדער גיגאנגען ·
אונ זבולון האט גיהאנדילט אונ האט צוא
יששכר גיגעבין עסין · אונ יששכר האט זיך
מיט אים גיטיילט מיט עולם הבא · דרום
זיינן זיי ביי אנאנדר גיגאנגן · דר אבן שואב
שרייבט עש איז גיוועזן איין מעשה דאש
צווייא חברים האבין אפ גימאכט צווישין זיך
דאש איינער זאל לערנען תורה · אונ דער
אנדערער זאל האנדלען סחורה · אונ זאלין
זיך טיילין מיט דעם ריוח פון דר תורה אונ

כהגיה

סחורה · אונ זיי האבין זיך אלין גיטיילט מיט
דעם רוח פון דער סחורה · אונ אז עש איז
גיקומן דיא צייט דאש דער תלמיד חכם איז
גישטארבין · איז דר חבר גיגאנגן אונ האט
גזאגט צו דעם מת · גדיינק וואש מיר האבן
גירעט צו צו טיילין זיך מיט דעם שכר פון
דר תורה · האט דר מת גשאקילט מיט דעם
קאפ · כלומר ער וועט אים איין חלק געבין
לעולם הבא · אונ די פאן פון שבט ראובן
איז גיוועזן אין דרום וויל ראובן איז גיוועזן
איין בעל תשובה אונ איז גיוועזן דר ערשטר
וואש האט לייטן מציל גוועזן פון דעם טויט ·
דען ער האט מציל גיוועזן צוא יוסף זיינע
ברידער זאלין אים ניט דער שלאגין · פון
דרום זייט קומען גוטע ווינטין אונ גוטע
רעגין אונ גוטע טויא וואש טוט גו לייטין
הנאה · דרום איז ראובן גיגאנגען אויף דרום
זייט · אונ שמעון איז גיוועזן ביי ראובן · אונ
גד איז אויך גיוועזן בייא ראובן · וויל
ער איז זייער שטארק גיוועזן · צו ווייזין אז
דר וואש וויל תשובה טאן מוז זיין שטארק
אנטקעגין זיין יצר הרע · אזוא וויא דיא
חכמים זאגין איזהו גבור הכובש את יצרו ווער
הייסט שטארק דער וואש נעמט איין זיין
יצר הרע · אונ חאטשע שמעון מיט לוי
זיינען תמיד חברים גיוועזן האט זיי יעקב
אפ גיטיילט פון אנאנדר · אזו וויא אין פסוק
שטייט אחלקם ביעקב איך וועל זיי צוא טיילן
צווישין יעקב · אונ דר נאך איז גיגאנגן די
מחנה פון לוים אונ זיי זיינן גיוועזן נאר צוויי
אונ צוואנציג טויזנט וויל זיי האבן גיטראגן
דעם ארון · אונ צוא צייטין האט איינר אן
גירירט אדער ער האט גיזעהען דארטן וואו
מען דארף ניט אונ איז גישטארבין דרום
זיינען זיי ווייניג גיוועזן אזו זאגט דר מדרש ·
אונ דער רמב״ן שרייבט זיי זיינן דרום ווייניג
גיוועזן וויל זייא האבין ניט גיארבעט בייא
פרעה אין מצרים דען ישראל האבן גיארבט
דרום זיינען זייא פיל גיווארין אזו וויא אין

פסוק שטייט וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ
מער מען הט מיט זיי גארבעט מער האבן זיי
זיך גימערט · אונ פרעה האט דרום ניט
גיארבעט מיט שבט לוי וויל יעקב האט זיי
ניט גיהייסן טראגין זיין ארון קיין ארץ כנען
וויל זיי וועלין טראגין דעם ארון מיט לוחות
אין דר מדבר · דרום האט זיי פרעה גיהאלטן
פאר חשובי לייט · אונ האט מיט זייא ניט
גיארבעט · אונ דר רמב״ן פרעגט אויף דעם
מדרש וויא קען זיין דאש זייא זיינען דרום
גיוועזן ווייניג וויל דר ארון האט אין זיי אויס
גיבראכט · אמער דעם ארון האבין זיי ערשט
גיטראגין נאך דעם ציילין אונ זיי זיינן גיוועזן
ווייניג נאך בשעת ציילין · אונ דאש קען
אויך ניט זיין דאש זיי זיינן דרום גוועזן ווייניג
וויל מען האט מיט זייא ניט גיארבעט ·
דען גאט האט דאך זיי גקענט מערין חאטשע
מען האט מיט זיי ניט גיארבעט · דרום האט
דער רמב״ן חרטה פון זיין תירוץ אויך אונ
זאגט זיי זיינן דרום ווייניג גיוועזן וויל יעקב
האט גיצערינט אויף לוי בשעת אז ער האט
גבענטשט די קינדר אזו וויא אין ויחי שטייט
בקהלם אל תחד כבודי אין זייער איין זאמלונג זאל
מיין נאמען ניט דער מאנט ווערין · אונ
שבט שמעון איז אויך פון דעסט וועגן ווייניג
גיוועזן דען מיר גיפינען דאש ער איז נאר
גיוועזן צוויי אונ צוואנציג טויזנט · דאס איז
אויך וויל יעקב האט אויף שמעון גיצערנט
אזו שרייבט דר רמב״ן · אונ דר צרור המור
פרעגט אויף דעם רמב״ן וויא קאן זיין אז
שבט שמעון זיינן ווייניג גיוועזן פון וועגן דעם
צארין פון יעקב · אמער מיר גיפינען דאך
דאש צום ערשטין זיינען שבט שמעון זייער
פיל גיוועזן · נאר פון וועגין דר עבירה וואש
זייא האבין מזנה גיוועזן מיט די טעכטר פון
מואב איז פון זיי פיל גישטארבין · אבר ניט
וועגין דעם צארין פון יעקב · דרום זאגט
דער צרור המור איין אנדערן תירוץ ·
שבט שמעון זיינען איבר די עבירה ווייניגר

גיווארין

געוואָרן · אונ שבט לוי איז ווייניג געוועזן ווייל
זיי האָבן טאָג אונ נאַכט אַלין תורה גילערנט
אזו וויא משה האָט אויף זיא גיזאָגט אין
פרשת וזאת הברכה · יורו משפטיך ליעקב ותורתך
לישראל די לוים וועלין לערנן תורה צו ישראל
אונ דיא תורה מאַכט דעם מענטשין שלאַף
דרום האָבין זיי קיין פיל קינדר ניט גיהאַט ·
אונ אפילו אין מצרים האָבן אויך שבט לוי
גילערינט תורה דרום האָבין זייא קיין פיל
קינדר ניט גהאַט · אונ אַזו וויא דיא ישראל
האָבן אַרום גירינגילט די לוים · אַזו האָבן די
לוים אַרום גירינגילט דעם משכן פון אַלע פיר
זייטין משה אונ אהרן זיינען גיוועזן אין מזרח
זייט אונ די קינדר פון גרשון אין מערב זייט
אונ די קינדר פון קהת אין דרום זייט אונ די
קינדר פון מררי אין צפון זייט · אונ דר משכן
איז גוועזן אין מיטין · אונ די דריטע פאָן איז
גיוועזן פון אפרים אונ זיינן גיגאַנגן אין מערב
זייט ווייל פון אפרים איז אַרויש גקומן ירבעם
וואַש ער האָט גיזינדיגט · דרום האָט אפרים
גימוזט זיין ביי ראובן וואַש טוט תשובה אונ
ביי יששכר וואַש לערינט תורה כדי אפרים
זאָל זיך פון זיי לערנן תשובה טאָן אונ תורה
לערנען · אונ די פערטע פאָן איז גיוועזן פון
שבט דן אין צפון זייט · ווייל דן האָט גידינט
עבודת כוכבים זיי האָבין גידינט פסל מיכה
אונ ירבעם בן נבט האָט גמאַכט צוויי קעלבר
איין קאַלב אין דן אונ איין קאַלב אין בית
אל · אונ שבט דן האָט זיי אויך גידינט אונ
זיי האָבין זיך דער מיט גימאַכט פינשטער ·
דרום האָבין זיי גירועט אין צפון זייט וואָס
דאָרטין איז פינשטער ווייל די זון איז דאָרטין
ניט דאָ · אונ דרום הײשט עש צפון דאַש איז
טייטש פאַר באָרגין ווייל די זון איז פאַר באָרגן
פון דר זייט · אונ ביי אים האָט גירועט אשר
אונ נפתלי צו דר לייכטן אים · דען די ברכה
פון אשר אונ נפתלי איז גיוועזן פול מיט בוים
אייל אונ זיסע עסין שפייז וואַש דר לייכטין
ד אויגין · כדי צו דר לייכטין די אויגין פון

דן וואַש זיינן וואָרין פאַר פינשטערט · ואתה
תפקד את הלוים דו זאָלשט ציילין די לוים · דר
רמב״ן שרייבט גאָט האָט גיהייסן משה אַליין
זאָל ציילין די לוים אונ זאָל ניט נעמן דר צו
אהרן אונ ניט די נשיאים · נאָר משה האָט
זיך ניט גיוואָלט אַזו חשוב האַלטין אונ האָט
אהרן דר צו אויך גינומן · דרום שטייט ווייטר
אין דר סדרה כל פקודי הלוים אשר פקד משה ואהרן
שטייט דאַש וואָרט ואהרן גיפינקטילט אויף
איטליכן אות · צו ווייזן דאַש אהרן איז ניט
וואָרין גיבאָטין פון גאָט צו ציילין דיא לוים
נאָר משה אַליין האָט אים דר צו גינומן ווייל
ער האָט זיך אַליין ניט גיוואָלט חשוב האַלטין
אונ אַז משה האָט גיזעצט די לוים איטליכן
אויף זיין דינשט האָט ער די נשיאים אויך דר
צו גינומן אונ האָט זיי מכבד גיוועזן דאַש זיי
זאָלין אויך דר ביי זיין · צו ווייזן דאַש איין
מענטש זאָל איין שררה זיך אַליין ניט טאָן
האַטשע ער איז איין חשוב אַזו וויא משה ·
אונ גאָט האָט דרויף מסכים גיוועזן וואַש ער
האָט גינומען אהרן צום ציילין אַזו וויא אין
פסוק שטייט אשר פקד משה ואהרן על פי ה׳ וואַש
משה מיט אהרן האָבן גיציילט אַזו וויא גאָט
האָט גיהייסן והלוים יחנו סביב למשכן אונ דיא
לוים זאָלין רוען אַרום דעם משכן · דר רמב״ן
שרייבט די לוים האָבין אַרום גירינגילט דעם
משכן צו היטין אים אַזו וויא מען היט דאַש
הויז פון איין מלך פון אַלע פיר זייטין · אַזו
האָבן זיי דעם משכן גיהיט פון אַלע פיר זייטן
די לוים האָבין פון אוישין ווייניג גיהיט אונ
די כהנים האָבין אינווייניג גיהיט אַזוא וויא
מען היט איין מלך מנגד סביב לאוהל דיא ישראל
האָבין גירועט אַרום דעם משכן צוויי טויזנט
איילין ווייט פון דעם משכן · כדי זיי זאָלין
קענן קומן אום שבת אונ יום טוב אין משכן
צו משה לערנן תורה וצבאו ופקודיהם אונ דער
נאָך שטייט כל הפקודים אונ אַזו שטייט ביא
איטליכן שבט · פרעגט דר רמב״ן וואָרום
דאַרף מיר שטיין ביא איטליכן שבט וצבאו

ופקודיהם

ופקודיהם · דער תירוץ איז דאש ווייזט אונז
דאש גאט האט גיטאן איין גרוישין נס צוא
ישראל אונ האט זיי באהיט פון אלעם בייזין
דען עש איז גיוועזן פיל הונדרט טויזנט וואש
מען האט זיי ניט גיצײלט דען מען האט מער
ניט גיצײלט נאר די זכרים וואש זיינן אלט
גיוועזן צוואנציג יאר אונ ניט די וואש זיינען
ווייניגער אלט אונ ניט קיין ווייבער · אונ די
גיצײלטע זיינען גיוועזן זעקס הונדרט טויזנט
אונ איטליכער האט גיהאט איין ווייב · עש
איז גיוועזן אזעלכע וואש האבין גיהאט צוא
צווייא ווייבער אדר מער · אזו זיינן די ווייבר
אויך גיוועזן זעקס הונדערט טויזנט אונ נאך
מער · אונ עש איז גיוועזן פיל קינדער וואש
מען האט ניט גצײלט · אונ מען האט גצײלט
די ישראל צוואנציג טעג · דען מען האט זיי
ניט גיקענט איבר צײלין אין פינף אדער אין
זעקס טעג · אונ אין די צוואנציג טעג איז
קיינער ניט גישטארבין פון ישראל דאס איז
איין גרויס חידוש גוועזן · דרום זאגט דר פסוק
אלע מאל וצבאו ופקודיהם דאס איז טייטש זייא
זיינן אלע אין גאנצן גוועזן מיט זייערע גצײלטע
קיינר איז ניט אפ גינאנגן פון זיי אויך פרעגט
דר רמב"ן דא הייסט דר נשיא פון גד רעואל
מיט איין רי"ש אונ אנאנדר מאל הייסט ער
דעואל מיט איין דל"ת · דר תירוץ איז דער
רעואל איז גוועזן איין חשובר מאן דרום רופט
אים דר פסוק דעואל דאש איז טייטש ער האט
זיין דעה אלץ גיהאט צו ווישין גאט אונ צו
דר קענן אים · אונ אויך רופט אים דר פסוק
רעואל דאש איז טייטש ער איז איין חבר צו
גאט · דען ווען איינר וויל ווישן גאט אונ דינט
אים דר ווערט איין חבר צו גאט · דרום האט
ער גיהײשן רעואל אונ דעואל · דער בחיי
אונ רש"י שרייבין יהודה אונ יששכר אונ
זבולון זיינן גיוועזן אין איין פאן ניט ווייט פון
משה אונ אהרן · דרום זיינען זיי גיוועזן אלע
תלמידי חכמים · דרויף זאגין די חכמים טוב
לצדיק טוב לשכנו ווען עש איז גוט דעם צדיק איז

זיין שכן אויך גוט · אבר די קינדר פון ראובן
זיינן גיוועזן נאהענט ביי קרח דרום זיינען זיי
ווארין פאר לארין אין דעם קריג פון קרח ·
דאש האבן די חכמים גזאגט אוי לרשע אוי לשכנו
ווען עש איז וויא צום רשע איז וויא צו זיין
שכן · אונ זיבן וואלקן זיינן גוועזן צו ישראל
אין דער מדבר פיר אויף די פיר זייטין אונ
איינער האט זיי פון אויבין צו גידעקט · אונ
איינר איז גיגאנגן דריי טעג וועג פאר זייא ·
אונ האט גיהרגת אלע ברענדיגע שלאנגען
וואש זיינן גיוועזן אזו גרויש וויא איין באלקן
אונ האט אויש גיגלייכט אלע בערג אונ אלע
טאלין · כדי ישראל זאלין גיין גלייך זיי זאלן
זיך ניט מיען אויף איין בארג ארויף צו גיין
אונ איין וואלקין איז גוועזן פון דר שכינה צו
לייכטין זייא אזו זאגט דר מדרש ראשונה יסש
רש"י · אונ דר בחיי שרייבן דאש ישראל האבן
אנדרש ניט גיצוינגן מיידין זיי האבין גיזעהן
דאש דער וואלקין הויבט אן צו גיין פריער ·
אונ וויא באלד דר וואלקין האט אן גיהויבן
צו גיין האבן די כהנים גיבלאזן מיט טרומייטן
אונ ישראל האבין אן גיהויבן צו רירין אונ
יהודה איז גיגאנגן פריער מיט זיין פאלק אונ
דר נאך איז גיגאנגן ראובן מיט זיין פאלק ·
אונ דר נאך זיינן גיגאנגן די לוים מיט דעם
משכן אונ דר נאך איז גיגאנגן אפרים מיט
זיין פאלק אין דרום זייט · אונ דן מיט זיין
פאלק אין צפון זייט · אויף דיא זייטין וואש
זיי האבין גירועט אויף די זייטין זיינען זייא
גיגאנגען איטליכר אויף זיין ארט · אלה תולדות
אהרן ומשה רש"י אונ דר רמב"ן אונ דער בחיי
שרייבין דר פסוק רעכינט נאר די קינדר פון
אהרן אונ רופט זיי תולדות אהרן ומשה · דר
תירוץ איז ווייל משה האט מיט זייא תורה
גילערינט רופט ער זיי אן זיינע קינדר · דען
דר וואש לערינט זיין חברש זון תורה איז גלייך
וויא ער האט אים גיוואונען · דרום זאגט דר
פסוק תולדות אהרן · אהרן האט זיי גימאכט
גיווינען אונ זיינן אויך גיוועזן די קינדער פון

משה · ווייל משה האט מיט זיי תורה גלערנט און דר פסוק זאגט ואלה שמות בני אהרן המשוחים דאש זיינן די קינדר פון אהרן וואש זיינען גיווארין גיזאלבט פאר כהנים און דער נאך זאגט ער ויָמת נדב ואביהוא דאש נדב ואביהוא זיינן גישטארבן · צו ווייזן דאס גאט איז מדקדק מיט דיא צדיקים אפילו אויף איין קליינע עבירה איז ער זיי ניט מוחל און חנפת זיי ניט · אזו וויא נדב ואביהוא וואש זיינן גיווארן גזאלבט פר כהנים און זיינן גישטארבן פון איין קליינע עבירה וועגין · ואני הנה לקחתי את הלוים תחת כל בכור מבני ישראל זאגט גאט איך האב גינומן די לוים אויף דעם ארט פון דיא בכורים וואש זיי פלעגין מקריב זיין קרבנות נאר ווייל ישראל האבין גידינט דאש עגל · דרום וויל איך ניט זיי זאלין דינען אין משכן נייערט די לוים זאלין דינען אין משכן וואש זיי האבין ניט גידינט דאש עגל · ולקחת את הלוים לי תחת כל בכור בבני ישראל גאט האט גזאגט צו משה צייל די בכורים וואש זיינן אלט איין חודש · האט משה גיציילט די בכורים איז גיוועזן צוויי און צוואנציג טויזנט און צוויי הונדרט און דריי און זיבעציג · און די לוים זיינן גיוועזן נאר צוויי און צוואנציג טויזנט · האט גאט גיזאגט איטלעכער לוי זאל זיין אנטקעגין איין בכור · און די צוויי הונדערט און דריי און זיבעצג בכורים וואש זיינן מער פון די לוים זאל איטליכר געבין פינף שקלים צו אהרן הכהן האט זיך משה גטראכט ווערלכן בכור איך וועל הייסן געבן פינף שקלים ווערט ער זאגן אנטקעגן מיר איז דא איין לוי וואש האט מיר אויש גילייזט · דרום האט ער גורל גיווארפין און האט גינומן צוויי און צוואנצג טויזנט קוויטלאך און האט אויף זייא אן גישריבן בן לוי און האט גינומן צוויי הונדרט און דריי און זיבציג קוויטלך און האט אויף זיי אן גישריבן פינף שקלים · און האט אלע קוויטלעך אין איינם אויש גימישט און האט גיהייסן איטליכן בכור איין קוויטיל ארויש נעמן · דר בכור וואש האט ארויש גינומען איין קוויטיל בן לוי איז ער פטור גיווארן פון פינף שקלים · דען איין בן לוי האט אים אויש גילייזט · און דר בכור וואש ער האט ארויש גינומן איין קוויטיל פון פינף שקלים האט ער גידארפט געבין פינף שקלים · פרעגט דער דבק טוב וואש האט משה גדארפט אן שרייבן צוויי און צוואנציג טויזנט קוויטליך מיט בן לוי · אמער האט ער גיזאלט אביין לייגין ליידיגע צוויי און צוואנצג טויזנט קוויטלאך און צוויי הונדרט און דריי און זיבצג קוויטלאך מיט פינף שקלים · און ווער עס וועט ארויש נעמן איין ליידיגין קוויטיל וועט פטור זיין · און דער בכור וואש וועט ארויש נעמן איין קוויטיל מיט פינף שקלים וועט ער דארפין געבן פינף שקלים · דר תירוץ איז דרום האט משה אן גישריבן אויף קוויטלאך בן לוי כדי דר בכור זאל האבן אין עטליכע יאר צו ווייזן דאש כתב פון משה אז איין בן לוי האט אים אויש גלייזט · נאך איין תירוץ איז ער וואלט נעמן ליידיגע קוויטלאך וואלטן דיא בכורים איטליכר גיהאלטן אין דר האנט איין ליידיגן קוויטיל · און וואלטן גיזאגט דאש ער האט פון דעם גורל אליידיגן קוויטיל ארויש גינומן און וואלט פטור גיוועזן · דרום האט משה אן גישריבן בן לוי אויף די קוויטלאך און דאש וועלין די בכורים ניט קענן נאך שרייבן ווייל איטליכר האט דר קאנט דאש כתב פון משה פרעגט ווייטר דר דבק טוב ווארום האט משה אויף די צוויי הונדרט און דריי און זיבעציג קוויטלאך אן גישריבן פינף שקלים · אמער וואלט ער זיי גילאזט ליידיג און אז איין בכור וואלט ארויש גינומן איין קוויטיל בן לוי וואלט ער פטור גיוועזן · און אז ער וואלט ארויש גינומן איין ליידיגן קוויטיל וואלט ער גדארפט געבין פינף שקלים · און דא וואלט שוין דר בכור ניט גבראכט אין זין האנט איין ליידיגן קוויטיל · דען ער וואלט גידארפט דורך דעם געבין פינף שקלים · און ער זאגט דרויף קיי

תִּירוּץ נִים • נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת נָאט זָאגְט צוּ
מֹשֶׁה צֵייל דִי בְּנֵי קְהָת דָאשׁ זֵיי זָאלְן טְרָאגְן
דִי כְּלֵי קוֹדֶשׁ אוּנ מֶען הָאט גְצֵיילְט פוּן דְרַייסִג
יָאר בִּיז פוּפְצִג יָאר אוּנ נִיט וַוייניגֶר פוּן דְרַייסִג
אוּנ נִיט מֶער פוּן פוּפְצִג אִיז וָוארִין גְצֵיילְט •
דֶען דֶר וָואשׁ אִיז פוּפְצִג יָאר אַלְט הָאט קֵיין
כֹּחַ נִיט צוּ טְרָאגְן • אוּנ אוֹיךְ דֶר וָואשׁ אִיז
נָאךְ נִיט אַלְט קֵיין דְרַייסִיג יָאר הָאט עֶר נָאךְ
נִיט זַיין כֹּחַ אִין גַאנְצִין • פוּן דַאנֶן לֶערְנֶן מִיר
אָפּ דָאשׁ צוּ דְרַייסִיג יָאר קוּמְט עֶרְשְׁט דֶער
מֶענְטְשׁ צוּ זַיין רֶעכְטְן כֹּחַ אוּנ דִי לְוִיִּם הָאבְּן
צוּ נוּמֶען דֶעם מִשְׁכָּן אַז מֶען הָאט גִידַארְפְט
צִיהֶען • אוּנ מֶען הָאט צוּ גְדֶעקְט דֶעם אָרוֹן
מִיט דֶעם פָּרוֹכֶת אוּנ מֶען הָאט פוּן אוֹיבְּן
צוּ גִידֶעקְט מִיט אֵיין פֶעל פוּן אֵיין חַיָּה וָואשׁ
הֵייסְט תַּחַשׁ • אוּנ אַזוֹ הָאט מֶען אַלֶע כֵּלִים
פוּן דֶעם מִשְׁכָּן גְטָאן אִין זַייעֶר פוּטֶער פַאס •
אוּנ מֶען הָאט פוּן אוֹיבְּן צוּ גִידֶקְט אוּנ הָאבְּן
דֶעם מִזְבֵּחַ אוֹיךְ מִיט גִיטְרָאגִין • אוּנ דָאשׁ
פַייעֶר וָואשׁ אִיז אַרָאפּ גִיקוּמֶן פוּן דֶעם הִימְל
אִיז גִיוֶועזְן אַלֵיין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ עֶס אִיז נִיט
פַאר לָאשִׁין גִיוָוארִין • אוּנ מֶען הָאט עֶס צוּ
גִידֶעקְט מִיט אֵיין אַייזֶרְנֶע פַאן אוּנ מֶען הָאט
דְרוֹיף צוּ גִידֶעקְט מִיט אֵיין קְלֵייד פוּן פּוּרְפִּיל
וָואל • אוּנ דָאשׁ קְלֵייד אִיז נִיט פַאר בְּרֶענְט
גִיוָוארִן • אוּנ אַז מֶען הָאט אַלֵין צוּ גִידֶעקְט
זַיינֶן גִיקוּמֶן דִי בְּנֵי קְהָת אוּנ הָאבִּין גִיטְרָאגְן
דִי כֵּלִים • וּפְקֻדַּת אֶלְעָזָר אוּנ אֶלְעָזָר אִיז גִיוֶועזְן
אֵיין הַאר אִיבֶּר דִי בְּנֵי קְהָת • אוּנ אִיז אוֹיךְ
גִיוֶועזְן צוּ אָן בְּרֵיינְגְן דֶעם שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה אוּנ
קְטוֹרֶת אוּנ בּוֹימְל צוּ דֶר מִנְחָה וָוען מֶען הָאט
גִירוּעֶצְט • אוּנ דֶר רמב״ן אוּנ דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּן
דָאשׁ וָוארְט וּפְקֻדַּת וַוייזְט דָאשׁ אֶלְעָזָר הָאט
קֵיין מַשָּׂא נִיט גִיטְרָאגִין נָאר עֶר אִיז גִיוֶועזְן
אֵיין פָּקִיד אִיבֶּר דִי לְוִיִּם • אָבֶּר אִין יְרוּשַׁלְמִי
שְׁטֵייט דָאשׁ אֶלְעָזָר הָאט גִיטְרָאגְן דִי קְטוֹרֶת
וָואשׁ הָאט גִיהַאלְטְן דְרַייא הוּנְדֶערְט אוּנ אַכְט
אוּנ זֶעכְצִיג מָנֶה • אוּנ דִייא בּוֹימִיל אוֹיף אֵיין
גַאנְצִין יָאר אִיז גִיוֶועזְן הוּנְדֶערְט אוּנ דְרַאיי
אוּנ אַכְצִיג מָאס • דָאשׁ אַלֵין הָאט אֶלְעָזָר
אַלֵיין גִיטְרָאגִין • דֶען נָאט הָאט אִים גִינֶעבִּין
כֹּחַ עֶר זָאל דָאשׁ אַלֵין טְרָאגִין • אַל תַּכְרִיתוּ אֶת
שֵׁבֶט מִשְׁפְּחוֹת הַקְּהָתִי נָאט הָאט גִיבָּאטְן דֶעם אַהֲרֹן
אוּנ זַיינֶע קִינְדֶר זָאלְן הִיטְן דָאשׁ דִי בְּנֵי קְהָת
זָאלְן רֶעכְט טְרָאגִין דִי כֵּלִים אוּנ זָאלִין נִיט
פַאר שְׁנִיטְן וֶוערִין • דֶען וֶוען זֵיי וֶועלִין נִיט
רֶעכְט טְרָאגְן אַזוֹ וֶועלִין זֵיי פַאר שְׁנִיטְן וֶוערְן
מִשְׁפְּחוֹת הַקְּהָתִי דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט דִי
תּוֹרָה אָן גִישְׁרִיבְּן בַּייא קְהָת אֵיין ה״א פוּן פָארִינְגְס
אוּנ אֵיין יו״ד פוּן הִינְטְן • דָאשׁ אִיז דֶר נָאמֶן
פוּן גָאט • וַוייל נָאט הָאט גִיוָואוּסְט דָאשׁ קֹרַח
אוּנ זַיין חֲבוּרָתָה וָואשׁ קוּמֶן אַרוֹישׁ פוּן קְהָת
וֶועלִין קְרֵיגִין אוֹיף מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן אוּנ וֶועלְן
וֶוערִין פַאר לָארִין • דְרוּם הָאט נָאט גִילָאזְט
רוּעֶן זַיין נָאמֶן אוֹיף דִי בְּנֵי קְהָת אוּנ הָאט זֵיי
מַצִּיל גִיוֶועזְן זֵיי זָאלִין אַלֶע נִיט פַאר לָארְן וֶוערְן
כְּבַלַּע אֶת הַקֹּדֶשׁ זֵיי זָאלְן נִיט קוּמֶן זֶעהֶן בְּשַׁעַת
אַז מֶען וֶועט צוּ דֶעקְן דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים אוּנ זָאלְן
נִיט שְׁטַארְבְּן וַוייל דִי כֵּלִים זַיינֶן זַייעֶר הֵיילִיג:

## הפטרת במדבר

וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זָאגְט דֶר נָבִיא עֶשׁ וֶועט זַיין
דִי צָאל פוּן דִי קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל אַזוֹ וִויא דֶי
זַאמְד פוּן דֶעם יַם וָואשׁ עֶר קָאן נִיט גְמָאסְטְן אוּנ
גִיצֵיילְט וֶוערִין דֶען אִיר וֶועט אִין גָלוּת תְּשׁוּבָה
טָאן אַזוֹ וֶועל אִיךְ גָאט מִיךְ דֶר בַּארִימֶען אִיבֶּר
אַייךְ אוּנ עֶשׁ וֶועט זַיין אִין דֶעם אָרְט וָואשׁ אִיז
וָוארִין גִיזָאגְט אוֹיף זֵיי זֵיי זַיינֶן נִיט מַיין פָאלְק
וֶועט וֶוערִין גִיזָאגְט אוֹיף זֵיי דָאשׁ זֵיי זַיינֶען דִי
קִינְדֶר פוּן לֶעבֶּעדִיגִין גָאט • וְנִקְבְּצוּ בְּנֵי יְהוּדָה וּבְנֵי
יִשְׂרָאֵל אוּנ זֵיי וֶועלִין אֵיין גִיזַאמִילְט וֶוערִין דִיא
בְּנֵי יְהוּדָה אוּנ דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִיט אֵיינַאנְדֶר אוּנ
וֶועלִין צוּ זִיךְ מַאכִין אֵיין מֶלֶךְ פוּן זֶרַע דָוִד אוּנ
וֶועלִין אוֹיף גֵיין פוּן דֶעם גָלוּת דֶען עֶשׁ וֶועט זַיין
גְרוֹיס דֶר טָאג פוּן דֶעם אֵיין זַאמְלוּנְג פוּן זַייעֶר
פַאר שְׁפְּרֵייטוּנְג אוּנ זַייעֶר פַאר זַייאוּנְג • זָאגְט נָאט
צוּ דִי נְבִיאִים אִמְרוּ לַאֲחֵיכֶם עַמִּי זָאגְט צוּ אַייעֶרֶע
בְּרִידֶער זֵיי זַיינֶן מַיין פָאלְק אוּנ צוּ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער
רוּחָמָה דֶר בַּארְעמִיגֶע דֶען אִיךְ וֶועל מִיךְ דֶער
בַּארִימֶען אִיבֶּר יִשְׂרָאֵל אוּנ וֶועל זֵיי נֶעמֶען פַאר

אֵיין

איין פאלק ווען זיי וועלין זיך אום קערין צו מיין
תורה אבער איצונד ריבו באמכם ריבו קריגט אייך
איר נביאים מיט אייער מוטר די כנסת ישראל
דען זיא איז ניט מיין ווייב צו באדינן מיך אונ
איך בין ניט איר מאן צו געבן איר איר באדערפינש
דרום לאז זיא אפ טאן דאש זנות וואש זיא טוט
אונ איר צירונג וואש מען האט איר גימאכט פון
וועגין זנות פן אפשיטנה ערומה דען טאמער וועל
איך איר שטעלין נאקעט אזו וויא דעם טאג וואס
זיא איז גיבארין גיווארין פון איר מוטערש לייב
אזו וויא איר זייט גיוועזן אין מצרים אונ וועל איר
פר ווישטין אונ איבר אירע קינדר וועל איך מיך
ניט דר בארימען דען זיי זיינן קינדר פון זנות כי
זנתה אמם הובישה הורתם דען זייער מוטר די כנסת
ישראל האט מזנה גיוועזן אונ די תלמידי חכמים
וואש לערנן זיי זיינן גיווארן פר שעמט אנטקעגן
די עמי הארצים דען דר תלמיד חכם קען ניט
זאגין צום עם הארץ ער זאל ניט גנבנן אונ זאל
קיין רוחים ניט נעמען וויל זיי אליין גנבנן אונ
נעמן רווחים · כי אמרה אלכה אחרי מאהבי דען זיא
זאגין מיר וועלין גיין נאך אונזערע ליב האבער
דאש איז די זון אונ די לבנה וואש זיי דינען צו
זיי אונ זאגין די זון אונ די לבנה גיט זיי ברויט
אונ בוימיל אונ וואל אונ פלאקס · לכן הנני שך
את דרכך בסירים דרום זאגט גאט איך וועל פר
צאמען דיין וועג מיט דערנר אונ וועל פר צאמען
דיין צאם דאש דו וועסט ניט גיפינען קיין וועג
אונ זיי וועלין נאך יאגין צו באקומען איין הילף
פון מצרים אונ פון אשור אונ זיי וועלין ניט
דר רייכין קיין הילף פון זיי אזו וועלין זיי זאגין איך
וועל מיך אום קערין צו מיין ערשטין מאן ווארום
עש איז מיר דערנשט מאל אז איך האב אים
גידינט בעסר גיוועזן פון היינט והיא לא ידעה אונ
זיי ווייסן ניט דאש איך האב זיי גיגעבין דאש
קארין אונ ווין אונ בוים אייל אונ איך האב זיי
גיגעבין זילבר אונ גאלד אונ זיא האבין דאש
גימאכט פר איין אפ גאט לכן אשוב ולקחתי דגני בעתו
דרום וועל איך מיך אום קערין אונ וועל צו
נעמען דאש ברויט וואש איך האב זיי גיגעבין
אזו וועלין זיי וויסין דאש איך האב זיא דאש
גיגעבין ועתה אגלה את נבלותה אונ איצונד וועל
איך אנטפלעקין זייערע בייזע מעשים פר די אויגן
פון זייערע ליב האבר והשבתי כל משושה אונ איך
וועל פר שטערין זייער פרייד אונ זייער יום טוב

אונ זייער חודש אונ זייער שבת והשימותי גפנה
ותאנתה אונ איך וועל פר וויסטין זייערע ווין
שטאקין אונ זייערע פייגין בוימער וואש זיא
זאגין דאש זייער עבודת כוכבים האט זיי דאש
גיגעבין ופקדתי עליה את ימי הבעלים אונ איך וועל
ברייננגען איין פורעניות אויף זיא אנטקעגין
דיא טעג וואש זיא האבין גידינט דיא עבודת
כוכבים אונ האבין אראפ גינומען זייער צירונג
פון זייער גוף אונ האבין גיגעבין צו דר עבודת
כוכבים אונ אן מיר האבין זיא פאר געסין אזו
זאגט גאט לכן הנה אנכי מפתיה דרום וועל איך זיי
איבער ריידין זיא זאלין גיין נאך מיר אונ וועל
זיא טרייסטין פון זייערע צרות אונ וועל זייא
אפ געבין זייערע ווין גערטנער אונ דעם טיפין
גלות וואש האט זיי באטריבט וועל איך זייא
געבין צו איין אן הויב האפונג דען דורך דיא
צרות וואש זיי וועלין דארטין האבין וועלין זיי
זיך געמען צום הארצין זיי זאלין תשובה טאן
וענתה שמה אונ זיי וועלין וואונען אין גלות אזוא
וויא זייא האבין גיוואונט אין מצרים אונ אזוא
וויא זיי האבין תפלה גיטאן צו מיר אין דעם טאג
וואש זיי זיינען ארויש גינאנגען פון מצרים אונ
איך האב זיי גיהאלפין אזו וועט לעתיד אויך
זיין והיה ביום ההוא אונ עש וועט זיין אין דעם טאג
וואש משיח וועט קומן וועט איר מיך רופין מיין
מאן דאש איז איין לשון פון ליבשאפט אונ איר
וועט מיך שוין ניט רופין מיין האר דאש איז
איין לשון פון מורא והסירותי את שמות הבעלים אונ
איך וועל אפ טאן די נעמען פון די אפ געטר פון
זייער מויל דאש זיי וועלין שוין מער ניט דער
מאנען זייער נאמען וכרתי להם ברית ביום ההוא אונ
איך גאט וועל פר שניידין איין ברית צו ישראל
אין דעם דאזיגן טאג מיט די חיות פון דעם פעלד
אונ מיט די פויגיל פון דעם הימל דאש זיי זאלין
ניט שאדין טאן צו ישראל אונ די שווערד אונ
מלחמה אונ דעם בויגין וועל איך צו ברעכן דש
מען וועט שוין מער קיין מלחמה ניט האלטן אונ
זיי וועלין רוען זיכער וארשתיך לי לעולם וארשתיך לי
בצדק אונ איך וועל דיר מקדש זיין צו מיר פון
וועגן דעם זכות פונדר צדקה אונ משפט אונ חסד
אונ רחמים וואש דו וועשט טאן וארשתיך לי באמונה
וידעת את יי אונ איך וועל דיך מקדש זיין צו מיר
פון וועגן דעם זכות וואש דוא וועסט גלויבין
אין מיר אונ דוא וועסט וויסן גאט :

וידבר יי אל משה במדבר סיני וגו' רבי אבא הויבט אן עש שטייט ויברא אלהים את האדם וגו' בשעת הקב"ה האט בשאפין צו אדם הראשון האט ער אים בשאפין בדמותו אין דעם גשטאלט פון די עליונים ותחתונים אונ ער איז גיוועזן כלול פון אלע בשעפעניש אונ זיין שוינקייט האט גילויכטין מסוף עולם ועד סופו אונ אלע האבין זיך פאר אים גיפארכטין אזו וויא מיר האבין שוין דאש מפורש גיוועזן אויף אנאנדער ארט · נאר עש איז דאך קשה אז עש שטייט שוין ויברא אלהים את האדם בצלמו נאך וואס בדארף ער נאך זאגין בצלם אלהים ברא אותו אלא ווייל ער איז גיוועזן כלול פון זכר ונקבה ער איז גיוועזן צווייא צורות דרום שטייט זכר ונקבה ברא אותם אונ ער האט גיזעהען מיט זיין חכמה למעלה ולמטה אונ דער נאך אז ער האט גיזינדיגט איז זיין ליכט גימינערט גיווארין · אונ זיין חכמה איז אוועק גיגאנגען פון אים אונ ער האט שוין נאר גיזעהען אויף דער וועלט גשמיות אבער ניט פון אויבין קיין רוחניות דער נאך האט ער גיהאט קינדער זיינען זייא גיוועזן אין נישטאלט פון דיא עליונים ותחתונים אונ זייא זיינען ביידע ניט גיבליבין ביז ער האט גיהאט איין זון שת פון אים איז די וועלט גיפלאנצט גיווארין אונ די וועלט איז אלץ ניט גאנץ גיוועזן אין רעכטין שטאנד ביז אברהם איז גיקומען ער האט זיא באגריפט בצד ימין דאש איז דורך חסד גליך וויא איינער פאלט אונ מען נעמט אים אן בצד ימין דער נאך איז גיקומען יצחק אונ האט זיא באגריפט בצד שמאל האט זיא שוין גיהאט איין קיום דער נאך איז גיקומען יעקב ער האט ערשט גישטעלט דיא וועלט אויף ארעכטין שטאנד פון דעסט וועגין איז זיא נאך ניט גיפלאנצט גיווארין ביז ער האט גיוואונען די צוועלף שבטים אונ דער נאך איז נשלם גיווארין די שבעים נפש איז זיא ערשט גיפלאנצט גיווארין דאך איז זיא נאך ניט רעכט נשלם גיווארין ביז די ישראל זיינען גשטאנען אויף דעם בארג סיני אונ האבין מקבל גיוועזן די תורה אונ דער משכן איז אויף גישטעלט גיווארין האט ערשט די וועלט ארעכטין קיום גיהאט אונ איז רעכט מיושב גיווארין אונ דיא עליונים ותחתונים זיינען מיושב גיווארין אונ אז די תורה מיט דעם משכן זיינען אויף גיריכט גיווארין האט הקב"ה באגערט צו ציילין דיא חיילות · קום אונ זעה אלץ וואש מען וויל מיישב זיין אויף איין ארט קען עש ניט זיין מיושב נייערט מען זאל עש ציילין אונ מען זאל עש פון דעם מויל ארויש ריידין אזו אויך די תורה אונ דאש משכן האט הקב"ה באגערט צו ציילין די חיילות פון דער תורה אונ פון דעם משכן אונ אלע זיינן אלץ איינש זיי שיידין זיך ניט אפ פון אנאנדר אזו וויא אויבין אונ דרום שטייט במדבר סיני אונ באהל מועד איינש ווייזט אויף דער תורה אונ איינס אויף דעם משכן כדי ער זאל זייא כולל זיין אזו וויא אויבין איז די תורה מיט דעם משכן איינש באחד לחודש השני רבי יצחק הויבט אן יי זכרנו יברך יברך את בית ישראל יברך את בית אהרן יי זכרנו יברך דאש זיינען דיא מענטשין וואש זיינען גיציילט גיווארין אין דר מדבר אונ הקב"ה האט זייא גיבענטשט אונ האט מוסיף גיוועזן אויף זייא ברכות דען ווען איינער דר ציילט דעם שבח פון זיין חבר סייא ער לויבט אים מיט זיינע קינדער אדער מיט זיין געלט מוז ער אים בענטשין אונ מוסיף זיין אויף אים ברכות אונ דאש לערנען מיר אפ פון משה רבינו ער האט גיזאגט והנכם היום ככוכבי השמים לרוב שטייט דער נאך יי אלהי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים דאש זיינען צווייא ערלייא ברכות איינש יי אלהיכם הרבה אתכם די אנדערע ברכה ויברך אתכם כאשר דבר לכם צו ווייזין איין ברכה איבער דר אנדערער אונ אז איינר דער ציילט דעם שבח פון זיין חבר אונ בענטשט אים ניט ווערט ער נתפס צום ערשטין אונ אז ער בענטשט אים יוא ווערט ער אויך גיבענטשט מלמעלה אונ אז ער בענטשט אים מוז ער אים בענטשין בעין טוב אונ ניט בעין הרע אונ בייא אלע זאכין וויל הקב"ה האבין דאש ליבשאפט פון דעם הארצין ומה דאך ווער עש בענטשט דעם חבר וויל הקב"ה ער זאל אים בענטשין בעין טוב ובלב טוב ואהבת הלב איז שוין אבל שבג אז ער בענטשט צו הקב"ה אונ דרום שטייט ואהבת את יי אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך קום אונ זעה דאש קיין ברכה רועט ניט אויף אזו איין ארט וואו מען ציילט עש · אויב דוא וועשט פרעגן אמאי האט מען די ישראל גציילט אלא מען האט זייא ניט גיציילט ביז מען האט בייא זיי גינומן איין כופר נפש דאש הייסט איין

אידיש ליוזונג אוג מען האט זיי פריער געבענטשט דר נאך האט מען ביא זיי גינומען דעם כופר דר נאך האט מען זיי ווידער גיבענטשט נמצא זיינען די ישראל גיבענטשט גיווארין בתחלה ובסוף דרום האט קיין מות ניט שולט גיוועזן אין זייא אבער אז מען ציילט אן אברכה איז שולט דר טויט דריגען וויל קיין ברכה רועט דארטן ניט אונ די ברכה גייט אוועק דער פון אזו איז די קללה אונ דער צד הטומאה שולט אונ קען מזיק זיין יברך את בית ישראל דאש זיינען דיא ווייבער וואש זיי זיינען ניט גיוועזן אין חשבון יברך את בית אהרן דאש זיינן די זכרים פון אהרן וואש זייא בענטשין די ישראל בעין טוב ובלב טוב ובאהבת הלב דאש הייסט בית אהרן אונ דער את איז מרבה די ווייבר פון אהרן זיי ווערן געבענטשט מיט זייער ברכה יברך יראי יי דאש זיינען דיא לוים וואש זייא פארכטין זיך פאר הקב"ה זייא וועלין אלע גיבענטשט ווערין הקטנים עם הגדולים האטשע זייא זיינען ניט גיקומען אין דער צאל ווערין זיי אלע גבענטשט ווערין׃ קום אונ זעה דו וועסט ניט גיפינען קיין שום צאל זיי זאלין אזו גיבענטשט ווערין אזו וויא דא דען די צאל איז גאר גיוועזן אז זיי זאלין גיבענטשט ווערין אונ משלים זיין דאש שלימות פון די עולמות עליונים ותחתונים דען די צאל איז גיוועזן פון אזו איין ארט למעלה וואש אלע ברכות קומען פון דארטן ארויש דרום שטייט באחד לחודש השני וואש דר חודש הייסט זיו דאש אלע לויטערקייט קומט פון אים ארויש דרום שטייט יברכך יי מציון אונ ווידער שטייט כי שם צוה יי את הברכה דאש איז אלץ איין זאך׃

אישׁ של דגלו רבי אלעזר הויבט אן שמחו את ירושלים וגילו בה כל אהביה וגו׳ וויא גיליבט איז די תורה פאר הקב"ה דען אויף איטליכין ארט וואו דברי תורה ווערט גיהערט קומט הקב"ה מיט אלע זיינע חיילות צו הערין אונ צו פאר נעמן זיינע רייד אונ הקב"ה קומט צו וואונן מיט אים אונ בענטשט אים אזו וויא עש שטייט בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך אונ אלע זיינע שונאים פאלין פאר אים׃ קום. אונ זעה די מצות פון דער תורה זיינען גאר הויך למעלה קומט אמענטש אונ טוט אמצוה אזו שטעלט זיך די מצוה פאר הקב"ה אונ זאגט דר מענטש האט מיך גימאכט דען אזו וויא ער איז

מעורר אונטין אזו דער וועקט ער למעלה אויך אונ מאכט שלום למעלה ולמטה אזו וויא דער פסוק זאגט או יחזק במעוזי יעשה שלום לי שלום יעשה לי עש שטייט דא אין פסוק צוויי מאל שלום יעשה איין שלום מיינט מען אונטן אונ איין שלום מיינט מען אויבן וואול צו דעם מענטשן וואש ער טוט מצות התורה שמחו את ירושלים דרום וויל הקב"ה האט ניט קיין חדוה ושמחה נאר אז די ישראל זיינן אין ארץ ישראל דען דארטן איז דר חיבור פון הקב"ה וכנסת ישראל דענשט מאל איז איין שמחה למעלה ולמטה אבר אז די ישראל זיינן ניט אין זייער לאנד בדארף זיך אמענטש ניט משמח זיין אונ צו ווייזין אשמחה דרום שטייט שמחו את ירושלים וגילו בה עש שטייט בה דווקא אז זייא זיינען אין איר ניט אז זייא זיינען אין גלות רבי אבא האט אמאל גיזעהן אמענטש האט זיך משמח גיוועזן ביא איין שררה אין שטוב אין בבל האט ער אויף אים אגישרייא גיטאן אונ האט גיזאגט עש שטייט שמחו את ירושלים וגילו בה ווען ירושלים איז בשמחה זאלט איר אויך זיין בשמחה אבער ווען ירושלים איז בצער טאר מען זיך ניט משמח זיין אונ רבי אלעזר וואש ער טייטשט אזו דעם פסוק גייט ער נאך זיין טעם נאך ווארום ער האט גפרעגט איין פסוק שטייט עבדו את יי בשמחה מען בדארף דינען גאט בשמחה אונ איין פסוק שטייט עבדו את יי ביראה זיינן דאך די פסוקים ווידר אנאנדר אלא בשעת די ישראל זיינען אין זייער לאנד איז בשמחה אונ בשעת זיי זיינן אין אפרעמדע לאנד איז ביראה נאך אפשט איז עבדו את יי ביראה יראה מיינט מען די כנסת ישראל אז זיי זיינן אין אפרעמדע לאנד אין גלות פרעגט רבי יהודה עש שטייט דאך כי בשמחה תצאו איז דאך גידרונגען אז די כנסת ישראל הייסט שמחה זאגט רבי אלעזר בוודאי איז אזו אז די כנסת ישראל איז אין גלות אונ ליגט אויף דר ערד בשפלות ווערט זיא ניט גירופין שמחה ביז הקב"ה אליין וועט צו איר קומען אונ וועט זיא אויף הויבין פון דער ערד אונ וועט איר זאגין התנערי מעפר קומי אורי אונ וועט זיך מחבר זיין מיט איר מיט אנאנדר דענסט מאל וועט הייסין די רעכטע שמחה כי בשמחה תצאו דען וועט אנטקעגין איר גיין כמה חיילות צו דר שמחת התחונה וואש הקב"ה וועט האבן מיט די ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט ההרים

נהגבעות

בגבעות יפקדו לפניכם רעה אונ ווידר שטייט כי תוכך לפניכם יי ומאספכם אלהי ישראל · רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט גרוישע סודות אין די דגלים וואש די שבטים זיינן גיגאנגען ארום דעם משכן מיט פיר דגלים דאש איז גלייך וויא די מלאכים למעלה זיינען ארום דעם כסא הכבוד אונ דאש איז אלץ גיוועזן וויא די מרכבה עליונה דאש קען מען ניט ארויש שרייבין · האט רבי פנחס זיין שווער דר הערט די סודות האט ער צו רבי אלעזר גיקושט אונ האט גיוויינט אונ גילאכט אונ זאגט וואול דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא ער האט אן גיהויבין צו זאגין עש שטייט יי אורי וישעי ממי אירא יי מעוז חיי ממי אפחד אז. דער מענטש איז זוכה צו זעהן אין דעם אור העליון פון הקב"ה אונ הקב"ה דר לייכט אויף: אים זיין ליכטיקייט דען האט ער קיין מורא ניט פאר די עליונים אונ פאר די תחתונים אונ אז הקב"ה באגריפט אן אין מענטשין האט ער זיך שוין ניט צו פארכטין בעולם הבא פאר אלע מדות הדינים אזו וויא עש שטייט יי מעוז חיי ועליך יזרח יי וכבודו עליך יראה אזו אויך אז איך בין בגריפט אין דיין פאטר רבי שמעון אונ אין דיר וויא אזו זאל איך מיך פארכטין בעולם הזה ובעולם הבא אויף דיר איז גיזאגט גיווארין דר פסוק ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך · ישמח אביך מיינט מען הקב"ה ואמך דאש איז די כנסת ישראל · ותגל יולדתך דאש זיינן דיינע פאטער אונ מוטר וואש זייא האבין דיך גיוואונן · עם שטייט בידו אפקיד רוחי פדיתה אותי יי אל אמת זאגט רבי אלעזר איז דאך קשה איז דען אזו דר סדר אז א מענטש זאל געבין דעם מלך עפעס צו באהאלטין נאר וואול צו דעם מענטשין וואש ער גייט בדרך המלך הקדוש אונ זינדיגט ניט פאר אים · קום אונ זעה אז די נאכט קומט איז דר מדת הדין דאש וואש דר טויט איז אין אים באהעפט איז ער שולט אויף דר וועלט אונ דר עץ החיים גייט ארויף אונ וייל בייא נאכט איז שולט דר כח פון דעם טויט דרום איז די גאנצע וועלט טועם טעם מיתה וייל דר מדת הדין איז דאש גורם וואש ער איז דיא צייט שולט דרום זאל זיך דער מענטש פעדרין אונ געבין באהאלטין זיין נפש פאר זיין שלאף צו דעם ארט פון דער קדושה בדרך פקדון גלייך וויא איינער: גיט איין פקדון באהאלטין צו זיין חבר דאטשע ער איז אים שולדיג געלט פון

דעסט וועגין האלט ער ניט איין דעם פקדון פאר דעם געלט וואס ער מאנט אים וייל ער האט אים גיגעבין בתורת פקדון אזו אויך בייא הקב"ה דאטשע דער מענטש האט גיזינדיגט אנטקעגין אים האלט ער ניט איין די נשמה פר איין משכון וייל ער גיט זיא פאר איין פקדון אונ וועלכר יהודי וואש זאגט ניט פר דעם שלאף דעם פסוק איז ער ניט מבני אמונה דרום נעמט דר מדת הדין אלע נשמות צו זיך אין דר צייט זיינן אלע נשמות טועם טעם מיתה אונ דר מדת הדין איז ניט כדאי אז ער זאל ווידער קערין די נשמה אין גוף אריין ביז עש ווערט טאג איז שוין דא דר עץ החיים וואש ער איז דורך רחמים דרום איז ער גורם מחיה זיין די מענטשין מיט זיין כח איטליכן מיט זיין נשמה אונ דר כח המות ווערט אפ גיטאן פון דר וועלט אויב דו וועשט פרעגין עש איז דאך פאר האנדין פיל מענטשין וואש שטייען אויף אין מיטין דער נאכט וויא אזו נעמן זיי אפ זייער פקדון איידר דר עץ החיים איז שולט אויף דער וועלט נאר דאש טוט דר מדת הדין פרובין דעם מענטשין לראות היש משכיל דורש את אלהים אונ כדי איין מענטש זאל קיין תירוץ ניט האבין צוא זאגין אויב ער וואלט האבן די נשמה וואלט ער אויף גישטאנען ביי נאכט לערנען זאגט רבי יהודה די דריי אבות זיינן אזו וויא איין סגול דעסט גלייכן די כהנים לוים וישראלים זיינען אויך וויא איין סגול אונ דאש איז אלץ איין סוד דאס די אלע זיינען סגולה דאש הייסט איין טייערער אוצר צו הקב"ה אזו וויא עם שטייט והייתם לי סגולה מכל העמים ער זאגט ווייטער סודות פון די דגלים:

רבי שמעון זאגט עש שטייט לדוד אליך יי נפשי אשא וואש האט דוד גימיינט וואש ער האט גישטעלט דעם מזמור אין א"ב אונ ווידר אלע מזמורים וואש זיינן גזאגט גיווארן מיט איין א"ב איז דא אין גאנצין דר א"ב אונ דר מזמור גייט אין אים אפ איין וא"ו · אונ ווידר פר וואס זאגט מען דעם מזמור נאך שמונה עשרה אז מען פאלט תחנון · נאר דעם טעם איז אז עש קומט די נאכט איז איטליכר טועם טעם מיתה דרום מוז מען זיך פעדערן צו געבין די נשמה בפקדון להקב"ה אונ אז עש קומט אין דר פרי אונ מען גיט אים אפ זיין פקדון די נשמה דארף דער מענטש לויבין צו הקב"ה וואש ער איז דער

נאמן

ותמו ילין דער נאך זאל ער גיין אין שול אריין אונ זיך קריינן מיט תפילין אונ זיך צו דעקן מיט איין טלית אונ ציצית אונ זאל זיך אין ערשטין מטהר זיין מיט פרשת הקרבנות אונ איזהו מקומן · דר נאך אז ער איז אויף זיך מקבל עול מלכות שמים מיט פסוקי דזמרה פון ברוך שאמר אונ ווייטר דיא מזמורים וואס דוד המלך האט גיזאגט דאש איז דער סוד פון מלכות שמים אונ חאטשע דער עיקר איז דער דיבור וואש דער מענטש טוט ריידין מיט זיין מויל פון דעסט וועגין הייגט אלץ אן אין דר מעשה אין ערשטין איז ער מקיים מצות ציצית ותפילין דאס זיינען תפילין של יד וואש מען דארף זיי לייגן זיצינדיג אונ תפילין של ראש דארף מען אן טאן שטייענדיג דאש איז אנטקעגין די תפלות וואש מען דארף זייא זאגין זיצינדיג · אונ ווידער שמונה עשרה דארף מען זאגין שטייענדיג דען דיא תפלה איז גישטעלט גיווארין בדיבור ובמעשה כדי זייא זאלין ביידע זיין באהעפט · אבער אז מען איז חלילה פוגם אין דער מעשה פון ציצית אדער תפילין אזו האט דער דיבור פון דר תפלה קיין תיקון ניט אונ ער איז פוגם למעלה ולמטה · דען דער מענטש מוז פריער גיזעהן ווערן מיט רעכטע מעשים דר נאך ווערט אן גינומן דער דיבור פון זיין תפלה אונ זיין תפלה איז גאנץ אונ רעכט ווי צו דעם מענטשין וואש ער איז פוגם אין זיין תפלה וואש זיא איז די עבודה פון זיין האר דרויף שטייט כי תבאו לראות פני וגו' גם כי תרבו תפלה אינני שומע איך טוא ניט פאר נעמען אייערע תפלות דען עש הייגט אלץ אן אין דיבור ומעשה אונ אז איין מענטש טוט רעכט תפלה מיט מעשה ודיבור ווערין דורך אים גיבענטשט די עליונים מיט די תחתונים אונ אז ער איז מתפלל שמונה עשרה זאל זיך אים אוים ווייזין וויא ער גייט אוועק פון דעם עולם החיים וואש דיא שמונה עשרה האט איין אחיזה אין דעם עולם · אונ אז ער גייט אויש שמונה עשרה זאל זיך אים אויש ווייזין אז ער איז גישטראפט אונ ער איז גישטארבין אונ איז אן גיהאלטין אין דעם מדת הדין דארטן וואו די מיתה האט איין אחיזה אונ צוא מארגין אז מען האט אים דיא נשמה אפ גיגעבין דרום מוז ער פאלן אויף זיין פנים אונ זאגין לדוד אליך ה' נפשי אשא אונ זאל זיך מוסר נפש זיין צו דר מיתה גוט אזו וויא בייא

נאכט וואש ער גיט נאר דיא נשמה פאר איין פקדון · אבר היינט אז ער האט שוין מתודה גיוועזן אויף זיינע זינד אונ האט מתפלל גיוועזן אונ האט מקשר גיוועזן אלע עולמות מיט זיין דיבור ומעשה באדארף ער זיך היינט רעכט מוסר נפש זיין צו דר מיתה גלייך וויא ער וואלט גישטארבין דרום איז דער מזמור גישטעלט גיווארין אויף דעם סדר א"ב אונ דרום איז אין אים ניט פאר האנדין דאש אות וא"ו ווייל זיא איז מרומז אויף דעם עץ החיים אונ דא איז ער זיך מוסר למיתה · אונ די כוונה דר פון פר וואס ער דארף זיך מוסר זיין למיתה ווארום עש איז פר האנדין פיל חטאים וואש דר מענטש האט דרויף קיין כפרה ניט ביז ער שטארבט אזו וויא עש שטייט ביי די בני עלי אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון אונ אז דר מענטש איז זיך מוסר נפש למיתה איז גלייך וויא ער וואלט באמת גישטארבין נאר ער זאל זיך באמת מוסר נפש זיין ניט אזו וויא ביי נאכט וואש ער האט זיא נאר גיגעבין פר איין פקדון וויא דען נאר באמת ובלב שלם זאל ער זיך מוסר נפש זיין איז דאש אויף אים רעכט מכפר אזוא וויא איין רעכטע מיתה איז מכפר אויף דיא זינד · וואול צו דעם מענטשין וואש ער קאן זיך רעכט מכוין זיין אין זיין תפלה דען איז זיך הקב"ה אויף אים מרחם אונ איז אים מכפר זיינע חטאים ווי צו דעם וואש ער בעט צו הקב"ה מיט איין ווייט הארץ אזו וויא עש שטייט ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו אז ער זאגט לדוד אליך ה' נפשי אשא נייערט מיט איין שלעכט הארץ איז ער אויף זיך גורם ער זאל שטארבין פר דר צייט בשעת · אז עש דער וועקט זיך איין דין אויף דר וועלט דרום גיהער איטליכר מענטש זעהן צו באהעפטין זיין נפש ורצון אין הקב"ה אונ זאל פר אים ניט קומן מיט אפאלש הארץ דען עש שטייט דובר שקרים לא יכון לנגד עיני ומכל שכן אז ער קומט מייחד זיין דעם שם הקודש אונ איז ניט מייחד אזוא וויא עש באדארף צו זיין דען גייט ארויש איין קול אונ זאגט לא יכון לנגד עיני ער איז ניט אן גיברייט אנטקעגין מיינע אויגין וואול צוא דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זיי שטייט ויבאו וראו את כבודי אונ עס שטייט אך צדיקים יודו לשמך איז גיקומן רבי אלעזר אונ האט אים גיקושט זיינע הענט אונ זאגט ווען איך וואלט נא

גיקומען

ניקומן אויף דר וועלט דאש צוא הערין וואלט אויך גינוג גיוועזן זאגט רבי יהודה וואול איז אונזער חלק פון די ישראל דאש זייא זיינען זיך מדבק אין הקב"ה אזו וויא עש שטייט ואתם הדבקים ביי אלהיכם חיים כולכם היום אונ ווידר שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' דר האר"י ז"ל שרייבט דער וואש קען ניט רעכט מכוין זיין דעם סוד פון תחנון מוסר צו זיין זיין נפש אויף קידוש השם אין דעם קאפיטל לדוד אליך יי נפשי אשא איז אגרויסע סכנה אונ אזו אויך איז משמע אין זוהר דרום זאל ניט איטליכר מענטש זאגין דעם פסוק אונ אויך נאך אונזר מנהג וואש מען זאגט נאר דאס קאפיטל יי אל באפך תוכיחני גיהער מען נאר מכוין זיין די פירוש המלות אונ די כוונה האבין דיא אנשי כנסת הגדולה גיוואוסט אזוא זאל מען טראכטין איז דאש גינוג פאר פראסטע לייט · אונ אין פרשת יתרו שטייט אז איינער טוט א מצוה אונ איז מכוין אין איר איז זיא רעכט פארטיג פר הקב"ה אונ אז ער איז זיך ניט מכוין חאטשע ער איז דאך איין זכאי דר מיט וואש ער טוט די מצוה אבר עש איז ניט אזו חשוב וויא איינר טוט די מצוה אונ איז מכוין אין איר רעכט אונ זיין מחשבה איז פון זיין הערין וועגין דען איז ער אלין מתקן אויבן אזו וויא עס גיהער צו זיין דען הקב"ה בגערט פון דעם מענטשן זיין הארץ אונ זיין ווילין אונ חאטשע די מעשה איז ניט אזו וויא עש בדארף צו זיין האט שוין דרויף דוד מתפלל גיוועזן ומעשה ידינו כוננה עלינו דאש הקב"ה זאל עס פארט אן נעמן דען איטליכער מענטש קען ניט טאן די מצוה אזו ווי מען בדארף דרום זאגט ער ומעשה ידינו אונזרע מעשים וואס מיר טוען די מצוה חאטשע מיר טוען ניט אזו וויא עש באדארף צו זיין פון רעכט וועגן כוננה עלינו זאלשטו אן ברייטין אויבין אזוא וויא עש גיהער צו זיין · אונ וויל מיט דר מחשבה דער וועקט דר מענטש אין עולם המחשבה וואש איז גאנץ הויך דרום זאגט ער ויהי נועם יי אלהינו עלינו דר עולם הייסט נועם יי חאטשע מיר זיינען ניט פעיג מיט אונזער שכל אזו הויך זאלשטו אן ברייטן גלייך וויא מיר האבין רעכט מכוין גוועזן אונ זאלשט מאכין אויף אונז רוען דיא קדושה וואש הייסט נועם יי זאגט רבי אלעזר וויא זיינען דיא לייט אזעלכע נארעשע דאש זיי ווייסן ניט אונ זיינען ניט משגיח אין דר תורה דען עס איז דרינן פר האנדין כמה פר בארגענע זאכן דאש מיט דעם וועג איז מען זוכה צו זעהן דעם נועם יי ווארום דער ביי שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום וואש איז דר נועם דאש איז דאס אויבערשטע ארט וואש די תורה איז פון דארטן ארויש גיקומען זאגט רבי חייא מיר האבין גילערינט בשעת הקב"ה האט גיגעבן די תורה צו די ישראל איז גיקומן אזו איין אור גדול פון דעם נועם אונ האט גיקריינט צוא הקב"ה אונ פון דעם אור ווערין דר לייכט דאש לייכטונג פון אלע עולמות אונ אלע הימלן אויף דר צייט שטייט צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו אונ בשעת דאש בית המקדש איז גיבויט גיווארין איז הקב"ה גיקריינט גיווארין מיט דער עטרה אונ דענסט מאל איז: הקב"ה גיזעסין אויף זיין שטול אונ בשעת דער בית המקדש איז חרוב גיווארן איז דיא קרוין פאר בארגין גיווארין:

אמר ר' אלעזר האט רבי אלעזר גיזאגט בשעת משה איז ארײן גגאנגן אין ענן אזו ווי עש שטייט ויבא משה בתוך הענן איז ער אין אים גקומן אזו וויא אמענטש גייט ארײן אין איין גרויס ארט ארײן אזו האט אים באגעגינט אגרויסער מלאך ער הייסט קמואל ער איז ממונה אויף צוועלף טויזינט ממונים שלוחים איז ער גיקומען צוא משה אונ האט אים גיוואלט איין שלינגן האט משה גיעפינט זיין מויל אונ האט דר מאנט דעם שם פון מ"ב אותיות הקדושים וואש ער האט אים גלערינט פון הקב"ה בשעת ער האט זיך צו אים באוויזין אין סנה אזו האט זיך דר מלאך פון אים דר ווייטערט צוועלף טויזינט מייל אזו איז משה ווידר גיגאנגן אין ענן אונ זיינע אויגן זיינן אים גיוועזן וויא פייערדיגע קוילין ביז עש האט אים נאך אגרעסרער מלאך באגעגינט ער איז חשובר פון יענם ער הייסט הדרניאל ער איז העכר פון אלע מלאכים טויזינט מיט זעכציג רבוא מייל אונ זיין קול איז גיגאנגן אין צוויי הונדרט טויזינט הימלן די וואש זיינען ארום גירינגילט מיט אש לבן ווייס פייער אונ אז משה האט אים דר זעהן האט ער ניט גקענט ריידן ער האט זיך גיוואלט ארויש ווארפן פון דעם ענן ארויס האט הקב"ה צו אים גיזאגט דו ביסט דאך דר משה וואש דו האשט מיט מיר פיל גירעט עש האט גידויערט דריי טאג דו האשט גיוואלט ניט ווייסן

דעם

דעם סוד פון דעם שם המפורש הקודש אונ היינט פארכשטו דיך פר איינם פון מיינע בדינער אז משה האט דר הערט דאש קול פון הקב"ה האט ער זיך געשטארקט אונ האט געעפינט זיין מויל מיט דעם שם פון ע"ב אותיות אונ אז דער מלאך האט דער הערט דעם הייליגין שם פון משה איז ער דער ציטערט געווארין אונ האט גינעהענט צוא אים אונ האט אים גיזאגט אשרי חלקך וואול צו דיין חלק משה דאש צו דיר איז אנטפלעקט געווארן וואש עש איז ניט אנטפלעקט געווארין צו די מלאכים עליונים קדושים אונ ער איז גיגאנגן מיט אים ביז ער איז גיקומן צוא דעם שטארקין פייער פון דעם מלאך וואס ער הייסט סנדל"ל אונ מיר האבין גילערינט דער מלאך איז העכער פון אלע מלאכים מיט פינף הונדערט יאר גאנג אונ ער שטייט אונטער דעם כסא הכבוד אונ איז קושר קשרים פון די תפלות פון דיא ישראל ובשעת דער כתר קומט ארויף בראש המלך הקדוש אונ ער איז מקבל אלע תפלות פון ישראל טוען אלע חיילות ומחנות ציטערין אונ ברומן אונ זאגן בריך יקרא דיי מאתר בית שכינתיה זאגט דר מלאך הדרניאל צו משה איך קען שוין ווייטר מיט דיר ניט גיין עש זאל מיך ניט פאר ברענן דאש שטארקע פייער פון דעם מלאך סנדל"ל באותו שעה איז משה דר ציטערט געווארן ביז הקב"ה האט אים אן גינומן אונ האט אים גישטארקט אונ האט אים גיזעצט פאר זיך אונ האט מיט אים גלערינט די תורה אונ האט אים צו גידעקט מיט דעם אור וואש ער הייסט נועם אזו איז דר פנים פון משה גילויכטין אין אלע הימלען אונ אלע חיילות השמים האבן גיציטערט פר אים · באותו שעה האט ער אראפ גינידרט מיט דר תורה אונ אז די ישראל האבן גיזינדיגט אונטין האט הקב"ה צו גינומן פון משה טויזנט חלקים פון דעם אור העליון וואש משה האט גיהאט באותו שעה האבן אלע חיילות עליונים אונ מלאכים אים גיוואלט פר ברענן · בשעת הקב"ה האט גיזאגט צו משה לך רד כי שחת עמך איז משה זייער דר שראקין געווארין אונ האט ניט גיקענט רידן ביז ער האט תפלה גטאן פר הקב"ה האט הקב"ה צוא אים גיזאגט משה שטארק דיך אין מיין כסא הכבוד אונ הקב"ה האט אן גישריען אין אלע חיילות ומלאכים אונ משה האט זיך גישטארקט אין די לוחות אונ האט זיי אראפ גינידרט אונטין אונ אויף אים שטייט עיר גבורים עלה חכם וירד עוז מבטחה אונ פון דעם אור וואס איז אים גיבליבין נאך די טויזנט חלקים האט דר פון זיין פנים גילויכטין ומה דאך נאר פון דעם אור וואש עש איז אים גיבליבין האט זיין פנים אזו גילויכטין מען האט ניט גיקענט זעהען אין זיין פנים איז שוין אבל שכן דעם אור וואש מען האט אוועק גינומען פון אים זאגט רבי חייא ימינך יי נאדרי בכח דאס איז די תורה וואש איז גיגעבין געווארין מימין ימינך יי תרעץ אויב דען עש איז ניט דא אזו אזאך וואס עם זאל צו ברעכין די עובדי כוכבים אזו וויא דיא תורה דרום הייסט די תורה עוז דאש הייסט שטארקייט אזו וויא עם שטייט יי עוז לעמו יתן אונ אז דיא ישראל זיינען ניט עוסק בתורה ווערט גשטארקט דר כח פון שלעכטע מלאכים אונ זיי זיינען שולט אויף די ישראל אונ דיא ישראל קענן גאר קיין קיום ניט האבן אונ דרום זיינען די ישראל פר טריבין געווארין אונ פאר שפרייט געווארין אזוא וויא דער פסוק זאגט על מה אבדה הארץ ויאמר יי על עזבם את תורתי דען כל זמן די ישראל זיינן עוסק בתורה צו ברעכין זייא דעם כח פון די מקטריגים דאש מיינט דער פסוק ימינך יי תרעץ אויב די תורה וואש זיא הייסט ימין יי טוט צוא ברעכן דעם פיינט זאגט רבי אלעזר אוודאי איז אזו אזוא וויא עס שטייט הקול קול יעקב כל זמן דאש קול פון יעקב ווערט גיהערט אין שול אונ אין בית המדרש מען לערינט תורה זיינן ניט שולט דיא מקטריגים אויף די ישראל אזו וויא מיר האבן גיזאגט אין פרשת חיי שרה · רבי אלעזר הייבט אן עש שטייט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך וויא גאר זיינן די מענטשין נארין זיי ווייסין ניט אונ זיינען ניט משתדל אין דר תורה דען די תורה איז דורך חיים אונ חרות אונ נאר טוב בעולם הזה ובעוה"ב זיא מאכט פריי דעם מענטשן בעולם הזה ובעוה"ב אונ ער איז זוכה לאורך ימים עליונים ושלמים אזו וויא דר פסוק זאגט את מספר ימיך אמלא אונ ווער עש איז משתדל אין איר קען קיינער אין אים ניט שולט זיין אויב דו ווערסט פרעגין פון רבי עקיבא מיט זיינע חברים אונ די אנדערע בני הגזרה זאג איך דיר דאס איז גיוועזן איין גזרה מן השמים אונ אזו איז אויף גיגאנגען במחשבה פר הקב"ה דאס האט אזו

גיטוזט

גימוזט זיין דען דר מלאך המות האט איז זייא קיין שליטה ניט גיהאט אונ אז אדם הראשון וואלט זיך גיווען באהעפט אין דער תורה וואס זיא הייסט עץ החיים וואלט ער ניט גורם גיוועען קיין מיתה זיך אונ אלע דורות וואש נאך אים אונ דרום אז הקב"ה האט גיגעבין די תורה צו ישראל שטייט חרות על הלוחות דאש הייסט זייא זאלין ניט גיווען זינדיגן אונ זאלן זיך ניט גוועען אפ לאזן פון דעם עץ החיים וואלטין זייא גיוועען חירות פרייא פין דעם טויט אונ דרום זאגט הקב"ה אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם איך האב גימיינט איר וועט שוין זיין אזו וויא די מלאכים וואש זיי שטארבין ניט קיין מאל אכן אז איר האט אבער גיזינדיגט כאדם תמותון מוזט איר שטארבין אזו וויא אדם הראשון דרום ווער עס איז עוסק בתורה קען אין אים ניט שולט זיין דר נחש הרע מיינט מען דער מלאך המות וואש ער האט פאר פינצטערט דיא וועלט זאגט רבי יוסי פאר וואש איז משה רבינו גישטארבן ער האט דאך ניט גיזינדיגט זאגט ער משה איז בוודאי ניט גישטארבין דען דער מלאך המות האט אין אים קיין שליטה ניט גיהאט ער איז דורך אים גיט גישטארבן אונ ער האט אים ניט מטמא גיוועען נאר ער איז בהעפט גיווארין אין דר שכינה אונ איז גיגאנגן לחיי העולם הבא ער הייסט חי אזו וויא עס שטייט ובניהו בן יהוידע בן איש חי רב פעלים מקבצאל אזו אויך אלע צדיקים וואש זיי דר קענן זייער האר זיינן אן גיברייט לחיי עולם צו לעבין אייביג אזו וויא עס שטייט כל הכתוב לחיים בירושלים דרום ווער עש לערינט תורה דר האט פריי שאפט פון אלין דינג אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט דאש מען פארשט אים ניט מען זאל אים דן זיין בעולם הבא ווארום ער איז איין צדיק ער האט ניט גיזינדיגט · קום אונ זעה אין דער תורה זייגען באהאלטין כמה סודות דרום שטייט יקרה היא מפנינים וויא פיל פאר בארגענע אוצרות איז אין דר תורה באהאלטין דרום אז דוד המלך האט דאש גיזעהען ברוח הקודש אונ האט אין איר גיזעהן כמה נפלאות וואונדרליכע זאבן האט ער גיבעטין צו הקב"ה אונ האט גיזאגט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך אנטפלעק מיר מיינע אויגן וועל איך זעהן וואונדר פון דיין תורה:

בפרשת ניקרא שטייט רבי שמעון זאגט עס שטייט עשרה עשרה הכף בשקל הקודש ווארום שטייט צווייא מאל דאש ווארט עשרה נאר איין עשרה זייגען דיא צעהען מאמרות וואש מיט זיי איז די וועלט בשאפן גיווארן אונ מיט דעם אנדערין עשרה מיינט מען די צעהן דברות פון דער תורה דאש ווייזט מיר אז די צעהען מאמרות וואש מיט זיי איז די וועלט באשאפין גיווארן איז נאר פון וועגין די צעהן דברות אז די ישראל וועלין עוסק זיין בתורה וועט דיא וועלט האבין אקיום אונ אז חלילה זייא וועלין ניט עוסק זיין בתורה וועט דיא וועלט חרוב ווערין אזו וויא עש שטייט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי קום אונ זעה אז די צעהן דברות זיינן פונקט אנטקעגין די צעהן מאמרות דר דיבור אנכי יי אלהיך איז אנטקעגן דעם מאמר ויאמר אלהים יהי אור דען דיא אמונה ויחוד פון הקב"ה הייסט אור אזו וויא עש שטייט יי אורי וישעי ממי אירא דר אנדערר דיבור לא יהיה לך איז אנטקעגן דעם אנדערין מאמר יהי רקיע בתוך המים דאש זיינן די ישראל וואש זייער אחיזה איז אין דעם ארט וואש הייסט שמים אזוא וויא עש שטייט ואתה תשמע השמים דאש איז איין סוד · דען אמאל האט רבי יוסי גיפרעגט צוא רבי אלעזר אין וואש האבין די ישראל איין אחיזה האט ער אים גיענטפערט ויתן אותם אלהים ברקיע השמים די אחיזה פון דיא ישראל איז אין הקב"ה וואש ער הייסט שמים אונ די ישראל מאכין איין צווישן שייד בין מים למים צווישין השי"ת וואש ער הייסט מים חיים אונ צווישין דיא עבודת כוכבים וואש זיא הייסט בורות נשברים גריבר מיט פאר שטונקענע וואשר · דר דיבור לא תשא איז אנטקעגין דעם מאמר יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד דען דר וואש שווערט פאלש מאכט ער איין צווישין שייד צווישן הקב"ה ושכינתיה דרום שטייט יקוו המים אל מקום אחד עש זאל זיין איין יחוד · זכור את יום השבת איז אנטקעגין דעם מאמר תדשא הארץ דשא ווען ציהט די ארץ הקדושה אויש עשב מזריע זרע דאס מיינט מען נשמות וחיילות של מעלה דאש איז נאר בשבת דען ווערט זיא גיבענטשט אין דר צייט איז דר יחוד הקב"ה ושכינתיה וואש דש הייסט ארץ חפץ ליי' · כבד את אביך איז אנטקעגין יהי מאורות די תורה איז מרמז מיט דעם וואש זיא זאגט שמש ירח [illegible] הקב"ה ושכינתיה דען זיי הייסן

די נעמען אזוא וויא עס שטייט כי שמש ומגן יי
וירחך לא יאסף אונ ווייל עס איז אלץ איינס אן
איין פירוד דרום שטייט יהי מאורות זייא זאלין
זיין ביידע ביחוד לא תרצח איז אנטקעגין ישרצו
המים נפש חיה דוא זאלשט ניט הרגענען איין
מענטשין וואס ער הייסט נפש חיה איר זאלט
זיך ניט גלייכין צוא דיא פיש וואס איינער
שלינגט איין דעם אנדערין לא תגנוב איז אנטקעגין
הנה נתתי לכם את כל עשב השדה איר זאלט נאר עסן
וואס איך האב אייך גיגעבין אונ ניט קיין
פרעמדע לא תענה איז אנטקעגין נעשה אדם בצלמנו
ווער עס איז בצלם אין גישטאלט פון דעם מלך
זאלסטו אים ניט פאלש עדות זאגין אונ ווער
עס זאגט פאלשע עדות אויף זיין חבר איז גלייך
וויא ער זאגט עדות חלילה אויף הקב"ה לא
תחמוד איז אנטקעגין לא טוב היות האדם לבדו עס
זאל זיך דיר ניט גילוסטין דיא בת זוג פון דיין
חבר ווארום דו האשט דאך דיין בת זוג דרום
שטייט עשרה דאס זיינען די עשרת הדברות עשרה
הכף איז אנטקעגין דיא צעהען מאמרות וואס
דורך זייא איז די וועלט בשאפין גיווארין · רבי
יצחק זאגט דיא פינף דברות וואס עס איז
גישטאנען אויף איטליכין לוח איז איינס
אנטקעגין דעם אנדערין אנכי איז אנטקעגין לא
תרצח דען ווען איינער הרגית דעם אנדערין
מאכט ער קלענער דעם צלם ודמות פון זיין הארן
ווארום דער מענטש איז בצלם אלהים · לא
יהיה איז אנטקעגין לא תנאף ווער עס איז מזנה
לייקנט ער אין הקב"ה דער צלם אלהים איז
גיצייכינט אויף דעם מענטשין אונ אז ער איז
מזנה איז ער משקר חלילה אין הקב"ה אזוא
וויא עס שטייט ביי בגדו כי בנים זרים ילדו · לא
תשא איז אנטקעגין לא תגנוב ווארום איטליכער
גנב איז אן גיברייט פאלש צו שווערין ווארום
איינס ברייגט צו דעם אנדערין אזו וויא עס
שטייט חולק עם גנב שונא נפשו אלה ישמע ולא יגיד:
זכור את יום השבת איז אנטקעגין לא תענה ברעך
עד שקר דען שבת איז איין עדות אויף הקב"ה
אז ער האט די וועלט באשאפין אונ דר מענטש
מוז עדות זאגין כי ששת ימים עשה וגו' אונ שבת
איז דר כלל פון דר גאנצר תורה אונ ווער עס
לייקנט חלילה אין שבת לייקנט ער אין דער
גאנצער תורה · כבד את אביך איז אנטקעגין לא

תחמוד אז ער איז מזנה מיט דעם אנדערינס
בת זוג אונ האט מיט איר א קינד האלט ער
ערליך איין פרעמדן פאטער אונ זיין פאטער
גיט ער ניט אפ קיין כבוד אונ דרום שטייט
ביא כיבוד אב למען יאריכון ימיך על האדמה וגו'
אויף דר ערד וואס הקב"ה האט דיר גיגעבין
ניט דוא זאלסט גילוסטין שדהו עבדו וכל אשר
לרעך וואס עס איז פר האנדין ביא דיין חבר ·
זאגט רבי אליעזר אין דיא עשרת הדברות זיינן
מרומז אלע מצות פון דר תורה גזירות ועונשין
טהור וטמא שמים וארץ ים תהום דען דיא תורה איז
דער שם פון הקב"ה אזוא וויא דער שם פון
הקב"ה איז מיט צעהען מאמרות אזו אויך
דיא תורה איז מיט צעהען מאמרות אונ דיא
עשרת הדברות מיט דר תורה זיינען אלץ דר
שם פון הקב"ה וואול צו דעם מענטשין וואס
ער איז זוכה צוא דער תורה איז ער זוכה צוא
דעם שם הקודש פון הקב"ה זאגט רבי יוסי ער
איז זוכה צוא הקב"ה ממש דען ער מיט זיין נאמן
איז אלץ איינס בריך שמיה לעלם ולעלמי עלמיא:

רבי חייא הייבט אן אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי
תשורי מראש אמנה וגו' דער פסוק גייט אויף
דיא כנסת ישראל בשעת זיי זיינען גיקומען
מקבל זיין דיא תורה האט הקב"ה צוא איר
גיזאגט אתי מלבנון כלה דו בישט מיט מיר גיקומען
פון דעם גן עדן העליון אתי מלבנון תבואי דוא
בישט גיקומען פון וועגין דיינע קינדער זאלין
מקבל זיין דיא תורה תשורי מראש אמנה דוא
זאלשט מקבל זיין איין מתנה פון דיינע קינדער
וועגין וואס זייא זיינען אריין גיגאנגען בראש
אמונה העליון אונ האבין גיזאגט כל אשר דבר יי נעשה
ונשמע זייא זיינען גיוועזן אזוא וויא דיא מלאכים
עליונים וואס אויף זייא שטייט ברכו יי מלאכיו
גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו שטייט פריער
עושי אונ דר נאך לשמוע אזוא אויך דיא ישראל
האבין פריער גיזאגט נעשה אידער זייא האבין
גיזאגט נשמע · מראש שניר וחרמון דאס איז דער
בארג סיני וואס זייא האבין גינעהענט צוא
אים אונ זיינען גישטאנען אונטער דעם בארג
אזוא וויא עס שטייט ויתיצבו בתחתית ההר ·
ממעונות אריות דאס זיינען דיא בני שעיר דאס
הקב"ה האט זייא גיזאגט זייא זאלין מקבל זיין
די תורה אונ זייא האבין ניט גיוואלט מהררי
נמרים

נמרים דאש זיינען דיא בני ישמעאל אזוא וויא עש שטייט יי מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קודש וואש מיינט מען דאש ואתה מרבבות קודש אלא אז הקב"ה האט גיוואלט געבין דיא תורה צוא דיא ישראל זיינן גיקומען חיילות מלאכים אונ האבין גיזאגט יי אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים אונ זייא האבין גיוואלט מען זאל זייא דיא תורה געבין האט הקב"ה גיזאגט צוא זייא איז דען פאר האנדין מיתה צווישין אייך אזוא וויא דער פסוק זאגט אדם כי ימות באוהל וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת איז דען דא איין חטא צווישין אייך אדער איין גנבה אדער ווייבער וואש דיא תורה זאגט לא תנאף איז דען דא צווישין אייך שקר וואש דיא תורה באדארף אן זאגין לא תענה ברעך עד שקר איז דען דא צווישין אייך גילוסטיקייט וואש עש שטייט אין דר תורה לא תחמוד וואש ווילט איר דיא תורה מיד תיכף האבין זייא גיזאגט יי אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אונ האבין שוין ניט גיזאגט תנה הודך על השמים דרום שטייט ואתה מרבבות קודש דיא מלאכים הקדושים וואש זייא זיינן רבבות קודש האבן מסכים גיווען מען זאל געבין דיא תורה צוא דיא ישראל:

## להפטרה דיומא מפרשת כי תשא

תחלת דבר יי בהושע והיה מספר בני ישראל וגו' הקב"ה האט ניט ליב אז מען זאל ריידן שלעכטש אויף די ישראל חאטשע זייא זינדיגין אונ ווייל הושע האט אויף זיי גירעט שלעכץ דרום האט ער זיי דער נאך גיבענטשט מיט כמה ברכות והיה מספר בני ישראל כחול הים וגו' אונ ער האט זייא גיוואלט מחזיר בתשובה זיין פאר הקב"ה אונ איז פון דארטין ניט אוועק גיגאנגען ביז הקב"ה האט זייא מוחל גיווען זייערע זינד אונ זיינען גיווארין ריין פר אים אזו אויך ביי אליהו שטייט ויבא וישב תחת רותם אחד וגו' ער האט אזו גזאגט דו האשט גשיקט איין אשה צו די ישראל ויא הייסט דבורה עם שטייט ביי איר והיא יושבת תחת תומר דבורה אונ תומר איז די אותיות פון רותם דרום שטייט דא רותם צו מרמז זיין אויף דבורה וואש בייא איר שטייט תומר זיא האט די ישראל מחזיר למוטב גיוועזן אזו וויא דער פסוק זאגט עד שקמתי דבורה וגו' אונ איך האב שוין כמה מאל פר זיי אויש גירופין אז זיי זאלין תשובה טאן אונ זייא פאלגין מיך ניט אזו האט זיך הקב"ה צו אים אנטפלעקט אונ זאגט צו אים מה לך פה אליהו וואש מושטו דא · אין די טעג פון משה בישטו גיוועזן איין מקטרג ומקנא פון וועגין די מענטשין ביי מעשה זמרי דען פנחס איז אליהו אונ דו האשט מקנא גיוועזן פון מיינט וועגן פון וועגן אות ברית דרום האב איך גינומען דעם אות ברית מיט דעם ווילין פון משה אונ האב דיר אים גיגעבין ביז משה אליין האט גיזאגט הנני נותן לו את בריתי שלום אונ אז דער ברית איז דיינער איז ניט ראוי אז דו זאלשט מקטרג זיין אונ זאגסט כי עזבו בריתך בני ישראל דרום זאגט ער מה לך פה פ"ה באטרעפט מיל"ה ווייל דו האשט דרויף מקטרג גיוועזן דרום זאל זיך עש אום קערין ווידער צו משה · באותו שעה האט מען אוועק גינומען פון אים די מתנה וואש משה האט אים גיגעבין דרום שטייט וילך בכח האכילה ההיא ארבעים יום עד הר האלהים ער איז גיגאנגען אהין צוא בעטין ווידער אויף דער מתנה פון דעם ברית וואש משה האט גירשת בהר האלהים האט משה גיזאגט דו קענשט שוין פון מיר ניט מקבל זיין די מתנה גייא צו די ישראל פון זייא וועשטו אים קענען ווידער צוריק נעמען האט ער אזו גיטאן אונ האט זייא איבער גיבעטין אונ האט שוין גירעט גוטש אויף זייא האט מען אים ווידער אפ גיגעבין · אונ ווידער גיפינען מיר כמה גוטש וואש הקב"ה האט גיטאן צו די ישראל חאטשע זייא זיינען שלעכט גיוועזן אונ האט פארט ניט גיוואלט מען זאל אויף זייא ריידין שלעכץ קום אונ זעה עס שטייט ואשלח לפניך משה אהרן ומרים אמער עס זיינען דאך גיוועזן כמה נביאים נאך משה עש וואלט באדארפט שטיין ואשלח לפניך משה אהרן ומרים אלעזר ופנחס יהושע אלישע אונ נאך אנדערע צדיקים נביאים ווארום זאגט ער נאר דיא דרייא אלא הקב"ה האט צוא זייא אזוא גיזאגט מיינע קינדער מיין פאלק פאר וואש גידיינקט איר ניט אלע טובות וואש איך האב אייך גיטאן אז איך האב אייך גישיקט

משה

משה אהרן ומרים · עש איז איין משל צוא איין מלך ער האט אמדינה אונ שיקט צו זייא גרוישע שרים וחשובים אז זייא זאלין דאש פאלק פירין אונ זייא מדריך זיין זייגען זייא דאך ווייערע דיינים דרום מוזין זייא געבין צו די דיינים עסין אונ וואש זייא באדארפין אונ איך האב אייך גיגעבין משה האט ער אייך גיפירט אונ אייערע קינדער אונ אייערע בהמות אונ האט זיך משתדל גיוועזן אין אייערע דינים אונ האט אייך גיגעבין דעם מן · איך האב אייך גישיקט אהרן האט ער אייך גיבראכט די ענני כבוד אייך צו באדעקין אזו וויא די מלאכים אונ דיא עננים האבין אייך גיוואשין אייערע קליידער מיט דעם טל הבקר זייא זאלין ניט פאר פוילט ווערין אונ אייערע שיך זייגען תמיד נייא גיוועזן · איך האב אייך גישיקט מרים האט זיא אייך גיבראכט דעם ברונים בארה של מרים איר זאלט דער פון טרינקען אונ אויך אייערע בהמות זיי האבין אייך גיגעבין פון זייער עסין אונ טרינקען אונ איר זייט גיזעסין בחופה של כבוד אונ איר האט זייא פון אייערין נאר ניט גיגעבין אונ ניט דאש אליין נאר זייא האבין אויף אייך תמיד משתדל גיוועזן אונ האבין תמיד מתפלל גיוועזן אויף אייך לטובה אונ איר האט זייא נאך גזידילט · זאגט רבי יוסי עש איז ניט דא אזו איין רחמן אונ אזו איין עניו וויא הקב"ה איז אזו וויא דער פסוק זאגט לא נפל דבר אחד מכל דברו וואלט זיין משמע אז אלע זייגע רייד זייגען מקוים גיווארן אפילו דאש שלעכץ וואס ער האט גיזאגט אז ער וועט אויף זיי ברייגגען עש שטייט אבער מכל דברו הטוב איז גידרונגען אז דאש גוטץ איז מקוים גיווארין אבער ניט דאש שלעכץ האטשע ער האט גימאכט אויף זייא איין מורא אונ האט אויף גיהויבין אויף זייא די רצועה איז גיקומען די שכינה אונ האט עש אויף גיהאלטין ער זאל זיא אויף זייא ניט אראפ נידערין פון וואגען לערגען מיר דאש אפ פון משה דען הקב"ה האט אים גיזאגט לך רד כי שחת עמך הקב"ה האט אויף זייא די רצועה אן גיהויבין אויף צו הויבין אונ משה האט ניט גיוואושט זיין סדר האט ער גישוויגין אונ אז הקב"ה האט גיזעהען אז משה איז ניט מתפלל האט ער אים מרמז גיוועזן אונ האט אים גיזאגט

ועתה הניחה לי לאז מיך · גלייך וויא ער האט אים צוא גיהאלטין האט משה פאר שטאנען אז הקב"ה וויל אז ער זאל פאר זיי מתפלל זיין קאט ער גיזאגט זכור לאברהם דאש איז דער יד ימין פון הקב"ה האט שוין הקב"ה ניט אראפ גינידערט די רצועה אויף זייא · אויב דו ווערסט פרעגין אז די שכינה איז תמיד גיוואנטליך אז זיא זאל אויף האלטין די רצועה פון דעם מלך וואו איז זיא דענשט מאל גיוועזן אונ זיא האט גילאזט אז משה זאל אויף האלטין די רצועה פאר וואש האט זיא אליין ניט אויף גיהאלטין אזו וויא תמיד זאגט רבי יוסי איך האב דאך די זאך גיזאגט נאר איך קען ניט ווישין דיא לויטערע זאך ביז מיר ווערין זיין פאר דעם הייליגין ליכט רבי שמעון · וויא זייא זייגען גיקומען פאר רבי שמעון האט ער דער זעהען איין סימן אין זייער פנים זאגט ער גייט אריין איר בני הקדושים גייט אריין ליב האבער פון דעם מלך אונ פון מיר גייט אריין איר ליב האבער איינער נאך דעם אנדערין דען רבי אבא זאגט אלע חברים אלע תלמידי חכמים וואש האבין זיך ניט ליב גייען זייא אוועק פון דער וועלט פאר זייער צייט אונ אלע חבירים וואש זייגען גיוועזן אין דער צייט פון רבי שמעון איז בייא זייא גיוועזן אהבה של נפש ורוח דרום איז גיוועזן די סודות אין די טעג פון רבי שמעון אנטפלעקט וואורום רבי שמעון האט גיזאגט אלע חברים בתורה וואש זייגען זיך ניט קיין ליב האבער זייגען זייא גורם דאש זייא גייען ניט בדרך הישר אונ מאכין איין חסרון אין דער תורה דען די תורה איז דורך אהבה ואחוה ואמת אזו וויא אברהם האט ליב גיהאט צו יצחק אונ יצחק צו אברהם אונ זייא ביידע צו יעקב אונ יעקב צוא זייא ביידע אזו מוזין זיין דיא חברים אונ זאלין ניט מאכין קיין חסרון אונ אז רבי שמעון האט זיי דאש גיזאגט אז ער זעהט איין סימן אין זייער פנים האבין זייא גיזאגט וודאי רועט דער רוח נבואה אויף דעם בוצינא קדישא וויינט רבי שמעון אונ זאגט וואש איז צו אייך קשה וואורום האט די שכינה גילאזט די זאך צו משה דאש איז איינש פון די זאכין וואש מען האט מיר גיזאגט בסוד פון דעם ראש ישיבה פון דעם גן עדן אונ מען האט עש

מיר מגלה געוועזן שטילער הייד און מען האט
עס מיר ניט געהייסן אנטפלעקן דען דאס איז
אגרויסער סוד נאר וואס זאל איך מיט אייך
טאן איר זייט בייא מיר ליב אזו וויא מיין לעבין
מוז איך אייך דאס אנטפלעקן און זאגט זייא
אגרויסין סוד וואס מען קען עס ניט ארויס
שרייבין נאר בדרך כלל ווייל זייא האבין זייער
הויך פוגם געוועזן מיט דעם חטא העגל האט
זייא שוין ניט באדארפט צו האלטין דיא רצועה
דרום האט הקב"ה דאס געלאזט צו משה:

## מענין מגלת רות

בפרשת ביקהל רבי יהודה הטיבט אן עיניך בשדה
אשר יקצורון והלכת אחריהן הלא צויתי את
הנערים לבלתי נגעך אין דעם פסוק באדארף מען
פאר שטיין נאך וואס באדארף די תורה דאס
צו שטעלין · זאגט רבי יצחק אמאי עס איז
דאך כמה פסוקים אין דער תורה וואס מען
מיינט אז זייא זיינען גאר ניט און מיר זעהען
דאך אז זייא זיינען גרויסע סודות · זאגט רבי
יהודה דעם פסוק ווער עס זעהט אים און
קוקט ניט רעכט אין אים אריין ווייזט זיך אים
אויס אז דאס איז נאר אמעשה און דברים
בטלים אבער דער פסוק איז רעכט און איז
ברוח הקודש גירעט געווארין דען בועז דער
שופט ישראל האט געזעהען איר גרויש ענוה
דאס די צדקת האט ניט אויף געהויבין אירע
אויגין צו קוקין אויף אנאנדער ארט נאר אלץ
לעבין איר און זיא איז ניט געוועזן קיין עזות
מצח דרום האט ער אירע אויגין געלויבט · דען
עס איז פאר האגדין אויגין אז וואס זיי זעהען
איז דרינען ניט שורה קיין ברכה אבער וואס
רות האט געזעהען איז געוועזן בעין טובה און
אלץ וואס זיא האט גיקליבין האט מצליח
געוועזן און עס איז גימערט געווארין אין פעלד
און דער רוח הקודש האט אויף איר גירועט
דרום זאגט ער עיניך בשדה אשר יקצורון דיינע
אויגין ווייל זייא זיינען געבענטשט און דוא
בישט גורם אברכה דרום והלכת אחריהן מעגסטו
נאך גיין נאך זייא אבער קיין אנדערע לייט
האבין קיין רשות ניט צו גיין נאך זייערע אויגין
אבער דו מעגשט גיין נאך דיינע אויגין ווייל
דו בישט גורם איין ברכה · דבר אחר ער האט
געזעהען אז פון איר וועלין ארויס קומען עינים
עליונים הקדושים וויא זיינען דיא אויגין פון אלע
מענטשין די אויגין זיינען מלכים אזו וויא דאס
פאלק גייט נאך דעם מלך מיט דיא מנהיגים
און הערין זייא צו אזו גייט נאך דער גוף נאך
די אויגין אזו וויא עס שטייט בייא תמר ותשב
בפתח עינים זיא איז געזעסין אין דער טיר וואו
אלע מלכים ושלטונים זיינען ארויס גיגאנגען
דרום זאגט דער פסוק ואם מעיני העדה נעשתה
דאס זיינען די מלכים מיט די סנהדרין וואס
זייא הייסין עינים דרום זאגט בועז עיניך דיא
מלכים מיט דיא געוועלטיגער וואס וועלין פון
דיר ארויס קומען בשדה אין ציון וירושלים וואס
זיא הייסט שדה אזו וויא עס שטייט ציון שדה
תחרש אויך שטייט כריח שדה אשר ברכו יי דאס
איז דיא שכינה וואס איז דארטין · דען זייא
וועלין געוועלטיגין אין ירושלים אשר יקצורון פון
דארטין וועט מען שניידין דאס הייסט זייא
וועלין מקבל זיין דיא תורה אזוא וויא עס
שטייט כי מציון תצא תורה' והלכת אחריהן מיינט מען
מיט דיא מעשים טובים וואס איך וועל דיר
זאגין הלא צויתי את הנערים דאס איז אזו גיוויא
דער פשוטער פשט איך האב אן גיזאגט די
יונגען זייא זאלין דיך ניט אן רירין דען איין
אשה האט איין גרינגע דעה · וצמית און אז
דוא וועסט זיין דארשטיג ער האט מיט איר
גישמועסט איין שיין לשון דאס מיינט ער אז
דוא וועסט זיך וועלין באהעפטין צו איין מאן
והלכת אל הכלים זאלשטו גיין צוא דיא צדיקים
וואס זייא הייסין כלי יי דאס זייא זיינען אן
גיבריים זייא זאלין בריינגען כלל העולם פאר
איין מתנה צו דעם מלך המשיח וויא איין חשובי
כלי אויך זיינען זייא די כלים פון הקב"ה וואס
ער האט הנאה פון זייא דען זייא זיינען אויף
דער וועלט צו בראכענע כלים כדי זייא זאלין
קענען האלטין תורה ומצות דען הקב"ה ניצט
מער ניט נאר מיט דעם וואס ער איז בייא
זיך וויא איין צו בראכענע כלי און אז דוא
וועסט זיך צו זייא באהעפטין ושתית וגו' ווייטער
שטייט אין פרשת עקב:

בפרשת לך לך שטייט מצאוני השומרים הסובבים
בעיר · תנן מיר האבין גילערינט אז די
חלקים פון דער נשמה איז צו טיילט געווארין
אויף

איך פיר חלקים נפש רוח נשמה ונשמה לנשמה דאש הייסט חיה יחידה אלימלך דאש ווייזט אויף דער העכשטער מדריגה וואש איז דער חלק חיה נעמי הייסט די נשמה זיא איז פון דעם ארט למעלה וואש הייסט נועם יי אלהינו מחלון הייסט דר רוח רות דער נפש כליון הייסט דער רוח הבהמה דאש איז דער חלק פון דעם יצר הרע אזו איז אויך איין חלק פון דעם בת זוג פון דעם יצר הרע הייסט ערפה פון איר קומן ארויס דאש עם קשה עורף אונ ערב רב אז דער מענטש איז זוכה זיינען די אלע חלקים פאר האנדין ביא אים אבער אז ער איז ניט זוכה שטייט ותצא מן המקום ושתי כלותיה עמה ותאמר נעמי אל כלתה הנה שבה יבמתך דיא נשמה איז ארויש גיגאנגען פון אים אונ איר בלייבט דא וערפה שבה אל עמה ואל אלהיה מצד יצר הרע אן ריידין

צו אירע מעשים:

תנן מיר האבין גילערינט הקב"ה האט גימאכט ירושלים של מעלה אין גישטאלט פון ירושלים של מטה מיט מויערין אונ טויערין אונ אפינע טירין זיינען אין זייא אונ אויף די מויערין זיינען שומרים ממונים וואש היטין די טירין פון די מויערין אזו וויא עם שטייט על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים וגו' אונ מיכאל כהן גדול למעלה איז איין ממונה איבער אלע שומרים אונ אז די נשמה וואס הייסט נעמי גייט ארויש פון דער וועלט איז זיא זוכה גייט זיא אריין בגן עדן התחתון וואש ער איז אויף דער ערד וואש השי"ת האט אים גיפלאנצט צו דיא רוחות הצדיקים אין דעם גישטאלט פון גן עדן העליון וואש דארטין זיינען דיא נשמות הצדיקים פון דער וועלט אונ אז דיא נשמה גייט אוועק פון דער וועלט גייט זיא אריין אין דער מערת המכפלה וואש דארטין איז דיא טיר פון דעם גן עדן אזו באגעגינט זיא צוא אדם הראשון אונ צוא דיא אבות וואס זיינען דארטין איז זיא זוכה אזו פרייען זייא זיך מיט איר אונ עפענען איר דיא טיר וואס איז אין גן עדן אריין אונ זיא גייט אריין גליך אין גן עדן אונ אז חלילה ניט שטויסין זייא זיא ארויס אונ זיא זאגט בשעת מעשה מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את רדידי מעלי אונ איידער די נשמה איז גיקומען אויף דער וועלט האט מען איר גיגעבין איין ליכט אויף איר קאפ אזו וויא עם שטייט בהלו נרו עלי ראשי אונ אז מען שטויסט זיא ארויש אזוא דיא נשמה נעמי ווער עם זעהט זיא פאר וואונדערט זיך אויף איר אונ דער שרעקט זיך אונ זאגט הזאת נעמי איז דאש די נשמה הקדושה וואש זיא האט פריער גילויכטין אונ היינט איז זיא אזו פאר פינצטערט אונ איז נע ונד דאש הייסט זיא האט ניט קיין ארט וואו אהין צו גיין אונ זיא זאגט רופט מיך שוין ניט נעמי נאר רופט מיך מרה דען איך בין גאר פול אוועק גיגאנגען פון אויבין אין גוף אריין אונ היינט וריקם השיבני יי בין איך גיקומען אהער ליידיג אן תורה ומצות אונ אן מעשים טובים מען האט מיך אריין גיבראכט אין איין שלעכטין גוף פון איין רשע · אבער אז זיא איז זוכה אזו קומט זיא אין גן עדן אריין אונ באהעפט זיך אין איר אלימלך דאש איז דער חלק וואש הייסט חיה רוח ונפש השכליות אונ זיא טוט זיך דארט אן קליידין אין דעם לבוש אונ אין דעם גישטאלט וויא דער גוף איז גיוועזן אויף דער וועלט אונ איז דארט מקבל אלע תענוגים אונ אין דעם גן עדן התחתון קליידין זייא זיך אן דעם אויר פון דארטין אזו וויא דיא מלאכים עליונים אז זייא קומען אראפ אויף דער וועלט דען זייא זיינען אויך פון דעם רוח אזו וויא עם שטייט עושה מלאכיו רוחות אזו אויך איז דא דער רוח בגן עדן התחתון מתלבש אין דעם גישטאלט פון דעם עולם אונ טוען דארט מקבל זיין אלע תענוגים אונ בגן עדן זיינען אלע ציורים אין דעם גישטאלט פון דעם אויבערשטין עולם אונ פון דעם אונטערשטין עולם אויך · אונ די צדיקים האבין דארט אלע תענוגים · אונ אז עם קומט שבת וראש חודש טוען זייא זיך אויש פון דעם נפש ורוח אונ גייען אויף אין גן עדן העליון אונ זיינען זיך דארט מתלבש אין איין לבוש וואש ער איז אין אלערלייא גישטאלט מיט פיל אורות עליונים אונ זיינען דארט נהנה מזיו השכינה אונ אז דער רוח וויל ארויף גיין אין איר ארט וואש זיא איז פון דארט ארויש גיקומען אזו וויא עם שטייט

והרוח

ורוח תשוב אל האלהים אשר נתנה גענמט זיא מיכאל
הכהן הגדול אונ איז זיא מקריב לריח ניחוח פאר
הקב"ה אונ זיא איז דארט בתענוגים אין דעם
צרור החיים וואש דרויף שטייט עין לא ראתה
אלהים זולתך אונ דער נאך גייט זיא ווידער
אראפ אין גן עדן התחתון אונ האט אלע
תענוגים טאפיל פון פריער אונ איז זיך ווידער
מתלבש אין איין מלבוש אונ גייט ארויף אין
דיא ישיבות פון דעם גן עדן אונ לערינט
דארטן תורה אונ אז דער רוח גייט אוועק פון
דער וועלט גייט זיא פריער אין דער מערת
המכפלה אונ אדם הראשון מיט דיא אבות
גיבין איר איין בוך פאר איין סימן מען זאלן
זיא לאזין גיין ווייטער אונ אז זיא קומט
פאר דעם גן עדן בגעגינט זיא אין דיא
כרובים אונ אין דעם להט החרב המתהפכת וואס
זייא זיינען פאר דעם גן עדן לשמור את דרך עץ
החיים ווען זיא איז זוכה זעהען זייא דעם בוך
פון דיא אבות עפינט מען איר אויף די טיר
זיא זאל גיין ווייטער אונ אז חלילה זיא איז
ניט זוכה שטויסט מען זיא ארויש אונ זיא
זיצט דארט אונ איז זיך דארט מתלבש אין
דעם גישטאלט פון דער וועלט אונ אז מען
נעמט ביא איר אוועק דעם בוך זאגט זיא
מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את
רדידי מעלי וגו' אונ דער נפש בלייבט ביא דעם
גוף למטה אין דער ערד דרום שטייט אך
בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל אונ אויף דעם
האט מען גיזאגט אז די מתים נייעשין אויף
יענער וועלט פון דעם כבוד הצדיקים אונ
פון דער וועלט אונ ריידין איינש מיט דעם
אנדערין· עש שטייט בפרשת תרומה איין
טעם דרויף ווארום דער נפש בלייבט אין גוף
אונ בתיקון ל"א שטייט ותלכנה שתיהם דאס ווייזט
אונז אויף דיא צווייא לוחות אונ אויף דיא
צווייא תורות שבכתב אונ תורה שבעל פה
זייא האבין אראפ גינידערט אויף דעם בארג
סיני ותהום כל העיר מיינט מען די גאנצע וועלט
האט גיציטערט אזו וויא עס שטייט וכל העם

רואים את הקולות וגו' וירא העם וינועו אונ האבין
גיזאגט הזאת נעמי די תורה וואש זיא הייסט
זאת איז זייער גוט אונ זייער זיס אבער אז
די לוחות זיינען צו בראכין גיווארין אזו וויא
עס שטייט וישבר אותם תחת ההר זיינען דיא
אותיות פון דער תורה ארויף גיפלויגין האט
זיא גיזאגט אני מלאה הלכתי איך בין גאר פול
גיגאנגען אויס דעם בארג סיני אונ היינט
וריקם השיבני בין איך ליידיג ארויף גיקומען
דבר אחר ותלכנה שתיהם דאש איז דער גוף מיט
דעם נפש אונ ווען דער מענטש איז חוזר
בתשובה האט דער נפש ליב דעם גוף אונ
זאגט צו איהם באשר תמותי אמות ושם אקבר חאטשע
דוא וועסט שטארבין וועל איך בלייבין ביא
דיר אין קבר אויף דעם שטייט בהתהלכך
תנחה אותך דאש איז בעולם הבא בשכבך תשמור
עליך דאש איז אין קבר היט דער נפש דעם
גוף והקיצות זיא וועט דיך מאכין ווידער אויף
שטיין לתחיית המתים אבער ווען ער טוט קיין
תשובה ניט הייסט זיא ערפה ווייל זיא קערט
אום דעם אקין צו איהם כלומר זיא גייט אוועק
פון דעם גוף אזו ווערט ער פאר לארין פון
ביידע וועלטין· זאגט רבי שמעון נאך דיר
זיינען דאך פיל קברים אום זיסט אז דער גוף
וועט פאר לארין ווערין וויא אזוא וועט דער
נפש אויף שטיין לתחיית המתים· אלא הקב"ה
וועט בוודאי ניט פאר דארבין זיין בשעפעניש
נאר אז הקב"ה וועט מבטל זיין דיא קליפות
אונ עס וועט מקוים ווערין אויף דעם ס"ט ובת
זוגו וואש אויף זייא שטייט כי שמים כעשן נמלחו
והארץ כבגד תבלה אז זייא וועלין פאר דארבין
ווערין דענשט מאל וועט הקב"ה מחדש
זיין דיא וועלט אזו וויא עס שטייט כי כאשר
השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה אזו
וועלין זייא האבין איין תיקון דען הקב"ה
בגערט ניט זיין מעשה ידיו זאל פאר
דארבין ווערין דער גוף מיט דעם נפש ביז
מתוא יהיה יי אחד ושמו אחד:

נשא את ראש שלמה המלך זאגט אין משלי: שמחה לצדיק עשות משפט עש איז איין שמחה דעם צדיק ווען ער טוט משפט דאס קיין גזילה איז ניט אין זיין שטאט אונ דעם רשע איז דאש איין פארכט ער פארכט זיך מען זאל אים ניט שטראפין אויף זיין ביין. שלמה המלך לאזט מיך וויסן דאש איין מענטש דארף זיך פרייען מיט דעם גאנצן הארצן איין מצוה צו טאן ווערט אים גאט געבין שכר אויף דר שמחה גליך וויא אויף דער מצוה אליין אזוא וויא אין פסוק שטייט עבדו את יי בשמחה דינט גאט מיט שמחה אונ דרום האט מען גיזונגען מיט דעם מויל אין בית המקדש דר וואש האט גיהאט איין גוט קול. אין משכן אין דר מדבר האט מען אויך גיזונגען מיט קולות אונ מיט כלי זמר כדי מען זאל ברייגען שמחה אויף די לייט וואש זיינען גישטאנן ביי דיא קרבנות אונ דרום זאגט דר פסוק לעבוד עבודה באהל מועד צוא דינען איין דינשט אין אוהל מועד זאגין די חכמים וועלכעש היישט איין דינסט צו איין דינסט דאש איז דאש גיזאנג וואש די לוים האבין גיזונגען ביי דעם קרבן כדי מען זאל דעם קרבן ברייגן בשמחה דר חזקוני שרייבט מען האט דרום די קינדער פון קהת פריער גיציילט ווייל זיי האבין גיטראגין די הייליגע כלים דעם ארון אונ דעם טיש אונ די מנורת אונ דעם מזבח אונ דר נאך האט מען גציילט די קינדר פון גרשון חאטשע זיי האבין ניט גיטראגין דען זייא האבין גיהאט וועגין מיט אקסין פון דעשט וועגין ציילט ער זיי נאך די קינדר פון קהת ווייל גרשון איז גיוועזן דער עלצטער זון פון לוי. אונ דער צרור המור שרייבט ווייל גרשון איז גיוועזן דר עלצטר זון פון לוי דרום שטייט ביי אים נשא את ראש בני גרשון גם הם כלומר גרשון איז אויך איין ראש אזו וויא קהת אבער ביי די קינדר פון מררי שטייט ניט נשא את ראש ווייל ער איז ניט חשוב גיוועזן וויא גרשון. אונ די קינדער פון קהת זיינן חשוב גוועזן ווייל זיי זיינן גיטראגן בארוועם ביי דעם ארון דען דאש ארט וואו דער ארון איז גיוועז וואש איז גוועזן הייליג מוז מען גיין דרויף בארוועם אונ אויך ווייל זיי זיינן גיטראגן מיט דעם רוקין צום פאלק אונ מיט דעם פנים צום ארון אונ ווייל זיי זיינן זייער חשוב גוועזן שטייט ביי זיי ויפקוד משה ואהרן ונשיאי העדה את בני הקהתי משה אונ אהרן אונ די נשיאים פון ישראל האבן גיציילט די קינדר פון קהת אבר די קינדר פון גרשון האט נאר משה אונ אהרן גיציילט אונ ניט די נשיאים ווייל זיי זיינן ניט אזו חשוב גוועזן וויא די קינדר פון קהת ובשמות תפקדו את כלי משמרת משאם דער רמב"ן שרייבט מען האט זייא צו איטלעכין לוי צו גיציילט וויא פיל ברעטער אדר ריגלען אדר זיילן ער זאל טראגין דען ווען מען וואלט זיי הייסין אליין נעמען ברעטער אדר ריגלען נאך זייער ווילין נאך וואלט זיך איטליכר בהאלטין אונ וואלט גיטראכט לאז מיין חבר פריער נעמן ווייל דאש טראגין פון די קינדער מררי איז גיוועזן איין שווערע משא שווערע ברעטר אונ ריגלען דרום האט מען צו איטלעכין לוי צו גיציילט וויא פיל ער זאל טראגין אזו וועלין זיי מוזין דאש האלטין איש איש על עבודתו דער רמב"ן שרייבט דר פסוק ווייזט אונז איטלעכן לוי זאל זיין ביי זיין עבודה אונ איינער טאר דעם אנדערין ניט העלפין אין איין אנדערע מלאכה וואש ער איז דרויף ניט גיזעצט וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש די ישראל זיינען גיוועזן דריי מחנות צום ערשטין גאנץ איניווייניג אין משכן איז גוועזן די מחנה כהונה אונ ארום דעם משכן איז גיוועזן די מחנה פון לוים זיי האבין גירועט ארום דעם משכן אונ ארום די לוים איז גיוועזן מחנה ישראל זייא האבין גירועט אויף אלע פיר זייטין פון דיא לוים איין מצורע האט גידארפט ארויש גיין פון אלע דריי מחנות ער זאל זיצן אליין אויף דעם פעלד. אונ איין זב וואש בלוט רינט פון אים האט גידארפט ארויש גיין פון מחנה

כהונת

כהנה אונ לויה · אבר ער האט גימעגט זיין אין מחנה ישראל · אונ דער וואש האט אן גירירט אין איין מת האט גידארפט ארויש זיין פון מחנה כהונה אבר ער האט גימעגט זיין אין מחנה לויה אונ אין מחנה ישראל · דר רמב״ן אונ דר חזקוני אונ דר צרור המור שרייבין דרום האט די תורה גישטעלט דיא פרשה פון טומאה לעבן דר פרשה וואש מען האט די ישראל גיציילט איטלעכן אויף זיין ארט דאש איז וויל די ישראל זיינען ווארין גיציילט אויף וואש פאר איין ארט איטלעכר זאל רוען ביא דעם משכן אונ וויא מען זאל דעם משכן טראגין דרום זאגט ער באלד דיא פרשה פון טומאה מען זאל זיך היטין דעם משכן ניט פאר אום ריינִיגען · אויך שרייבט די פרשה מען זאל גיווארינט זיין ניט צו גזלנן אונ די פרשה פון סוטה ווען איין אשה איז מזנה · למעול מעל די פרשה לערינט אונז מען זאל ניט גזלנן אונ ניט פאלש שווערין אונ ניט פאר לייקענען עפעס זיין חבר אונ ווען ער האט יוא עפעס גיגזלת ביי זיין חבר אונ האט אים פאר לייקינט אונ האט פאלש גישווארין אונ וויל תשובה טאן זאל ער אום קערין די גזילה וואש ער האט גיגזלת אונ זאל נאך געבן איין פינפטיל מער דהיינו ווען ער האט גיגזלת פיר גילדין זאל ער אפ געבן פינף גילדין אונ מוז איין קרבן אויך ברייננן אונ ווען איינער האט גיגזלת זיין חבר אונ ער איז גישטארבן אונ האט קיין קרובים ניט זאל ער אפ געבן די גזילה צו די כהנים · דר בעל הטורים שרייבט די תורה האט אן גישריבן מכל חטאת האדם אונ האט דר ביי גישטעלט מען זאל ארויש שיקין דיא טמאים פון צווישין ישראל דאש לערינט אונז דש גאר די טומאה איז גיקומן פון וועגן דר זינד פון אדם הראשון וואש ער האט גיגעסן פון דעם עץ הדעת אונ די אשה האט עש אים גיגעבן אונ דר שלאנג האט זיא אן גירעט דר צו אונ האט גירעט בייז אויף גאט אונ דרום זיינען די שלאנגען

גישלאגין גיווארין מיט צרעת אונ איין אשה רינט בלוט פון איר · אדם הראשון האט גימוזט שטארבין ווענין דעם חטא אזו האט דיא תורה כסדר אן גישריבין צום ערשטין שטעלט די תורה ווען איינר איז מצורע דארף מען אים ארויש שיקין פון אלע דריי מחנות דאש איז אנטקעגין דר מכה פון דעם שלאנג צום אנדרין שטעלט די תורה ווען עש רינט בלוט פון איין מאן אדר פון איין אשה דאש איז אנטקעגן דר מכה פון חוה וואש זיא איז ווארין גישלאגין מיט דם נדה · דיא דריטע פרשה שטייט ווען איינר רירט אן אין איין מת דאש איז אנטקעגין אדם הראשון וואש אויף אים איז נגזר גיווארין ער זאל שטארבן אונ פון אים אן אונ ווייטער איז גיקומן דער טויט אויף דר וועלט ואיש את קדשיו לו יהיה רש״י שרייבט ווען איין מענטש וויל ניט רעכט מעשר געבין אזו ווערט דר מעשר צו אים זיין כלומר זיין פעלד ווערט ווייטר מער ניט מאכן וואקסן נאר וויא פיל דר מעשר האט בטראפן איש אשר יתן לכהן לו יהיה אבר ווען איין מענטש ווערט געבין מעשר צום כהן אזוא וויא מען דארף דר ווערט האבין גוטש איש איש כי תשטה אשתו רש״י שרייבט ווען איין מענטש וויל ניט געבין מעשר צום כהן ווערט דר סוף זיין דאש זיין ווייב ווערט איין סוטה זיין אונ ער ווערט זיא דארפין בריינגען צום כהן דרום האט די תורה גישטעלט די פרשיות ביי אנאנדר אונ די תורה האט דרום גשטעלט צווייא מאל איש צו ווייזין ווען איין אשה איז מזנה טוט זיא מורד זיין אן גאט וואש ער הייסט איש מלחמה אונ אויך אן איר מאן וואש ער הייסט אויך איש · כי תשטה די חכמים זאגין דרום שטייט תשטה צו ווייזין דאש קיין מענטש טוט ניט קיין עבירה סידין עש גייט אין אים אריין איין נארעשע דעת דען תשטה איז טייטש זיא ווערט פר נארעשין ושכב איש אותה ווען איין פרעמדר מאן ווערט ליגין מיט דר אשה ווערט זיא אום קומן פון דר וואשר וואש מען ווערט

איר געבין טרינקן אין בית המקדש אבר איר
שוועסטר וועט ניט אום קומען אזו שרייבט
רש״י · דען עש איז גיוועזן איין מעשה דאש
צווייא שוועסטער האבין ביידע גיהאט איין
גישטאלט האט איינע מזנה גיוועזן האט מען
איר גיוואלט געבן טרינקן די וואשר פון דעם
בית המקדש האט זיא גזאגט צו איר שוועסטר
גייא דו אויף מיין ארט דען די וואשר וועלין
דיר ניט שאטין איז די שוועסטר גיגאנגן אין
בית המקדש אריין אונ מען האט איר גיגעבין
טרינקען די וואשער אונ עש האט איר ניט
גישאט · אונ אז זיא איז אהיים גיקומן האט
זיא די שוועסטר אן גיהויבין צו האלזן אונ
צו קושין וייל זיא האט זיא מציל גיוועזן פון
דעם טויט · אזו איז אין איר אריין דער ריח
פון די וואשר וואש איר שוועסטר הט גטרונקן
אונ זיא איז וואָרן גישוואלן אונ איז גשטארבין
פון דעם ריח פון דר וואשער האט דיא זונה
גישאט אונ די שוועסטר ניט ונעלם מעיני אישה
ווען דר מאן האט ניט גיזעהן וויא זיא האט
מזנה גיוועזן האט מען איר גיגעבין טרינקען
די וואשר אבער ווען ער האט גיזעהן אדר
גוואוסט האט מען איר ניט גיגעבין טרינקן
די וואשר נאר ער האט איר גיגט ועד אין בה
ווען אפילו איין עדות איז ניט דא דאש זיא
האט מזנה גוועזן האט מען איר גיגעבן טרינקן
די וואשר אבר ווען עש איז גיוועזן איין עדות
דאש זיא האט מזנה גיוועזן האט זיא קיין
וואשר ניט גטרונקן נאר זיא איז אסור גווארן
צו איר מאן אונ ווען עש איז גיוועזן צווייא
עדות מיט התראה האט מען זיא דר וואָרגין
אונ מען האט איר ניט גיגעבין טרינקן סיידין
דר מאן האט איר פר ווערט זיא זאל זיך ניט
פאר בארגין מיט דעם מענטשן אונ עש זיינן
גיקומן צווייא עדות דאש זיא האט זיך יוא פר
בארגין נאר זייא ווייסין ניט אויב זיא האט
מזנה גוועזן אזו האט מען איר גיגעבן טרינקן
די וואשר והיא לא נתפשה אונ זיא איז ניט וואָרן
באצוואונגן כלומר מען האט זיא ניט גינומן

מיט גוואלד נאר מיט איר גוטין ווילן ווערט
זיא אסור צום מאן אבר ווען מען האט זיא
גינומן מיט גוואלד איז זיא מותר צום מאן
דען זיא איז ניט שולדיג קמח שעורים זיא זאל
ברייגן איין קרבן פון גערשטין מעל אונ ניט
פון קיין ווייץ וייל זיא האט גיטאן די מעשה
פון איין בהמה דרום זאל איר קרבן זיין איין
מאכל פון איין בהמה דאש איז גערשטן אונ
מען זאל ניט גיסין אויף איר קרבן קיין בוים
אייל אזו וויא מען גיסט אויף איין מנחה וייל
בוים אייל לייכט אונ זיא האט גיטאן איר
מעשה אין דר פינשטער אונ מען זאל צו איר
קרבן קיין ווייראך ניט נעמן וייל שרה רבקה
רחל לאה זיינן גיגליכין צו ווייראך אונ דיא
אשה האט זיך אפ גישייד פון זיי מיט אירע
בייזע מעשים אונ די וואשר זאל מען נעמן
פון דר האנט פאס וואש איז גיוועזן גימאכט
פון די שפיגלען וואש די פרומע ווייבר האבין
גיגעבין אין משכן אונ די אשה איז וואָרן אפ
גישייד פון זיי מיט אירע בייזע מעשים · אונ
דר כתיב שרייבט דרום האט מען גיגעבן ערד
אין דעם וואשר צו ווייזין ווען די אשה וועט
גירעכט זיין וועט זיא האבין איין זון אזוא
וויא אברהם וואש עש שטייט ביי אים ואנכי
עפר ואפר איך בין ערד אונ אש אבר ווען זיא
וועט ניט גירעכט זיין אזו וועט זיא שטארבן
אונ עש וועט ווערין פון איר ערד אונ אש ·
רבי מאיר זאגט גאט צאלט מדה כנגד מדה
אונ אזו אויך זאגט רבי חייא פון דעם מאלאן
וואש די סנהדרין זיינן בטל גיוואָרין אונ מען
משפט ניט די פיר מיתות בית דין אזו משפט
גאט אליין די פיר מיתות נאר די לייט פאר
שטייען ניט וואש דאש איז דהיינו ווען איינר
האט איין עבירה גיטאן דאש ער איז חייב צו
פאר שטיינען פאלט ער אראפ פון איין דאך
אדר איין חיה איז אים דורס · אונ ווען איינר
איז חייב צו פאר ברענט ווערן פאלט ער אריין
אין פייער אדער איין שלאנג לאזט אים איין
גיפט אונ דאש ברענט אים אזו וויא פייער ·

איז ער חייב מען זאל אים דעם קאפ אראפ נעמן מיט איין שווערד פאלט ער אריין צו גזלנים אין די הענט אונ זיי האקן אים אפ דעם קאפ איז ער חייב צו דר וואגין ווערין פאלט ער אריין אין וואשר אונ ווערט דער טרונקן דאש איז אזו וויא דר וואגין אדער איין מכה ווערט אים אין האלז אונ ער ווערט דר וואגין פון איר אונ אזו אויך ביי דר סוטה האט מען איר אלין גיטאן מדה כנגד מדה זיא האט דעם נואף גיגעבין טרינקען מיט שיינע כלים דרום גיט מען איר די וואשר טרינקען מיט איין טרדענע כלי זיא האט דעם נואף גיגעבין גוטע וויין דרום גיט מען איר ביטער וואשר זיא האט זיך גישטעלט אויף דר טיר צו זעהן וויא איר ליב האבר גייט דרום האט זיא דר כהן גשטעלט אויף דעם טויער פון דעם בית המקדש וואו אלע לייט גייען זיא האט זיך גיצירט מיט איין שיינר הויב אונ מיט איין שיינעם שלייער כדי זיא זאל דעם ליב האבן גיפעלין דרום זאל דר כהן איר דעם שלייער אראפ נעמן פון איר קאפ אונ זאל זיא שטעלן וואר האפטיג פאר אלע לייט זיא האט אירע האר שיין גיפלאכטין דרום צו פלעכט איר דר כהן די האר אונ צו רייסט אירע קליידר ביז מען זעהט ארויש איר הארץ אנטקעגן אלע לייט זיא האט איר פנים שיין גימאכט פאר איר ליב האבער דרום ווערט איר פנים ווערין גרין אונ געל פון די וואשר טרינקן זיא האט אירע אויגין שיין גיפארבט דרום ווערין איר די אויגין ארויש שפרינגן פון די וואשר זיא האט איר ליב האבר גיגעבן גוטע עסין שפייז דרום איז איר קרבן גיוועז פון גערשטין דער מאכל פון איין בהמה והקריב אותה הכהן רשיי שרייבט דער כהן האט זיא גיפירט פון איין ווינקל צום אנדרין כדי ער זאל זיא מיד מאכן מאטר ווערט זיא מודה זיין דאש זיא האט מזנה גיוועזן אונ מען ווערט ניט דארפן דעם שם פון גאט אפ מעקין אין וואשר פון אירט ווערין אונ מען האט איר די האר פון דעם קאפ אפ

גידעקט צוא פאר שעמען זיא איז מען האט איר גיגעבין די מנחה אויף די הענט צו מיד מאכין זיא טאמער ווערט זיא מודה זיין דאש אז זיא האט מזנה גיוועזן אונ דער כהן האט גינומן אין זיין האנט די וואשר אונ האט זיא בשווארן אויב דוא בישט ניט גילעגן ביי איין פרעמדן מאן אונ ניט נאר מיט דעם אליין וואש מען איז דיך מיט אים חושד נייערט מען ביי שווערט דיך אויף אלע מאנן דאש דוא בישט מיט קיינעם ניט גילעגן חוץ דיין מאן אונ אויב דו בישט גילעגן מיט איין פרעמדן מאן זאל דיך גאט פאר שילטן מיט די וואשר אונ זאל דיך געבן צו איין קללה ביי אלע לייטן מען ווערט איינם שילטן זאל מען אים זאגן עש זאל דיר אזו גישעהן וויא צו דר אשה את ירכך נופלת ואת בטנך צבה דיין דיך זאל דיר איין פאלן אונ דיין בויך זאל דיר ווערן גישוואלן · אונ ווייל זיא האט אן גיהויבן די עבירה טאן מיט דער דיך אונ מיט דעם בויך דרום ווערין זייא פריער גשטראפט דר נאך ווערט אויך דר גאנצר גוף שטיקר ווייש צו פאלן אונ דעם נואף ווערט אויך דר גאנצר גוף שטיקר ווייש צו פאלין איבר די וואסר וואש די אשה טרינקט ׃ והניף את המנחה דר כהן האט די מנחה אויף גיהויבן מיט דר האנט פון דר אשה דען די מנחה איז גוועזן אין דר האנט פון דר אשה אונ דר כהן האט זיינע הענט גילייגט אונטר דר האנט פון דר אשה אונ האט אויף גיהויבן · פרעגט דר אמרי נועם וויא גשיקט זיך דאש דר כהן זאל אן רירין אין דר האנט פון איין אשה דר תירוץ איז דר כהן איז גוועזן איין זקן וואש דר יצר הרע האט זיך אפ גטאן פון אים אונ אפילו איין יונגער כהן אין איין קליינע ווײלע ווערט דר יצר הרע אים ניט ברייגנען צו קיין בייזע מחשבות ואמרה האשה אמן אמן רשיי שרייבט די אשה האט אויף די קללות גיזאגט אמן אמן כלומר די קללות זאלין אין איר מקוים ווערן אויב זיא האט מזנה גיוועזן מיט דעם וואש מען איז זיא חושד · אדר אויב זיא האט מזנה

גיוועזן מיט איין אנדרין · אונ ווען מען האט דעם שם אפ גימעקט אין דאש וואשר אונ די אשה האט ניט גיוואלט טרינקן האט מען איר גינייט סידין זיא האט מודה גיוועזן אז זיא הט מזנה גוועזן ונקתה ונזרעה זרע אונ ווען די אשה האט אבר ניט מזנה גיוועזן האט איר די וואשר ניט גישאט אונ פר דר חרפה וואש זיא האט איין גינומן האט איר גאט בצאלט דהיינו ווען זיא האט פריער קיין קינדר ניט גיהאט וועט זיא הייגט האבין קינדער מיט איר מאן · אונ ווען זיא האט גיהאט קינדער מיט צער וועט זיא הייגט גרינג האבין קינדר אונ ווען זיא האט פריער גהאט טעקבר וועט זיא הייגט האבן זין אונ ווען זיא האט פריער גהאט שווארצע קינדר וועט זיא הייגט האבן ווייסע קינדר ונקה האיש מעון דר מענטש וועט זיין ריין פון דר עבירה · רשי אונ דר אמרי נועם שרייבן דר פסוק ווייזט אונז דר מאן זאל ניט זאגן איך בין שולדיג דאש זיא איז דורך די ביטערע וואשר גשטארבן דרום זאגט די תורה דר מאן וועט זיין ריין פון דעם עונש · אויך ווייזט אונז דר פסוק ווען די וואשר האט איר ניט גשאט איז זיא ריין גיבליבן אונ איז מותר צום מאן אזו וויא פריער · דר אמרי נועם שרייבט דריי מאל שטייט אין דר תורה ונקה צו ווייזן דאש דריי מאל איז מען דעם מענטשין מוחל זיינע עבירות · איינש איז ווען איין מענטש איז עולה לגדולה איז אים גאט מוחל זיינע עבירות · אונ דאש אנדרע ווען ער איז קראנק גוועזן אונ איז גזונט גיווארן איז אים גאט מוחל זיינע עבירות אונ דאש דריטע איז ווען איין חתן גייט אונטר דר חופה איז אים גאט מוחל זיינע עבירות · דר רמב״ן אונ דר בחיי שרייבן ונקה האיש מעון דאש איז טייטש ווען דר מאן איז ריין פון זינד דש ער האט קיין מאל ניט מזנה גיוועזן אונ איז ביא זיין ווייב ניט גילעגין זינט ער האט איר פר ווערט זיא זאל זיך ניט פאר בארגן מיט דעם מענטשן ניט קען זיין ווייב טרינקן די וואשר

אבער אז ער איז ניט ריין ניט מען איר ניט טרינקן אונ אויך ווען ער איז ביי זיין כלה גלעגין פאר דר חופה האט מען זיין ווייב ניט גיגעבן קיין וואשר טרינקן אונ ווען ער האט זיין ווייב ניט פאר ווערט האט מען איר קיין וואשר ניט גיגעבן טרינקן אונ אויך ווען איין כהן האט גינומן איין גרושה וואש זיא איז צו אים אסור האט מען איר אויך ניט גיגעבן קיין וואסער טרינקן איש כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר ליי ווען איין מענטש וועט איין נדר טאן צו זיין איין נזיר פון גאטש וועגן רשי אונ דר בחיי שרייבן דרום האט די תורה אן גישריבן די פרשה פון נזיר נאהנט פון דר פרשה פון סוטה צו ווייזן ווען איין מענטש זעהט איין סוטה איז ווארין גישטראפט זאל ער זיך אפ שיידין פון ווין טרינקן ווייל די עבירות קומן פון וועגין ווין טרינקן תער לא יעבור על ראשו ער זאל ניט שערן די האר פון זיין קאפ · אונ דרום הייסט ער איין נזיר פון גאטש וועגן ווייל דורך דעם וואש ער שייד זיך אפ פון ווין טרינקן קען ער גאט דינן מיט איין לויטערן שכל · דר בחיי אונ דר אבן שואב שרייבן דרום האט ער גילאזן וואקסן די האר פון זיין קאפ דען ווען מען האט גרויסע האר איז מען ניט פריילך דרום וועט ער מורא האבן פאר גאט אונ וועט אים רעכט דינן · דר תולדות יצחק אונ דר אבן שואב שרייבן דרום איז די פרשה פון נזיר גישריבן גיווארן לעבן דר פרשה פון סוטה צו ווייזן די סוטה אז זיא איז מזנה איז זיא עובר אויף די עשרת הדברות וואש משה האט מקבל גוועזן אויף דעם בארג סיני אונ דר נזיר האלט זיי אונ טוט נאך מער וויא מען דארף · רב הונא זאגט פון וועגן רבי אבא איין אשה וואש איז מזנה איז זיא עובר אויף די עשרת הדברות דאש ערשטע איז ווען זיא איז מזנה אונ פאר לייקנט אן מאן איז גלייך וויא זיא לייקנט אן גאט אונ איז עובר אויף אנכי יי אלהיך איך בין דיין גאט · דאש אנדרע איז ווען זיא איז מזנה מיט איין פרעמדן מאן איז גלייך וויא זיא נעמט איין פרעמדן גאט אז

איז זיא עובר אויף לא יהיה לך אלהים אחרים דוא זאלשט ניט האבן קיין פרעמדין גאט · דאש דריטע איז ווען זיא איז מזנה אונ שווערט אז זיא האט ניט מזנה גיוועזן אזו איז זיא עובר אויף לא תשא דו זאלשט ניט פאלש שווערן · דאש פערטע איז ווען זיא איז מזנה אונ האט איין זון תון דעם זנות אונ איר מאן איז איין כהן אזו מיינט מען אז דאש קינד איז א כהן אונ ער טוט די עבודה אין בית המקדש אום שבת אונ אין אמת איז ער איין זון פון איין ישראל אונ איז אום זישט מחלל שבת אונ זיא איז דאש גורם דרום איז זיא עובר אויף זכור את יום השבת · דאש פינפטע איז עש קען זיין דאש דר זון שלאגט דעם נואף וואש ער איז זיין רעכטר פאטער ווייל ער האלט איר מאן פר איין רעכטן פאטר אונ זיא איז דאש גורם אזו איז זיא עובר אויף כבד את אביך דאש זעקסטע איז צו צייטין הרגת דר נואף דעם מאן דורך איר איז זיא עובר אויף לא תרצח דאש זיבעטע איז לא תנאף מען זאל ניט מזנה זיין אונ זיא איז מזנה · דאש אכטע איז לא תגנוב אונ דר וואש איז מזנה גנבת אוועק פון זיין חבר זיין ווייב · דאש ניינטע איז לא תענה מען זאל ניט פאלש עדות זאגין אונ ווען זיא ווערט טראגין פון זנות אונ זאגט צום מאן איך בין פון דיר טראגינדיג אזו זאגט זיא פאלש עדות · דאש צעהענטע איז לא תחמוד מען זאל ניט גלושטן פון זיין חבר אונ דער נואף גילושט זיין חברש ווייב · כל ימי נזרו קדוש הוא דר נזיר דארף זיין הייליג ער זאל זיך ניט מטמא זיין צו קיין מת ווען אפילו זיין פאטר אונ מוטר אדר איין ברודר אדר איין שוועסטר שטארבין זאל ער זיך צו זיי ניט מטמא זיין וכפר עליו מאשר חטא על הנפש ווען ער איז פלוצלונג אריין גיגאנגן אין איין הויז פון איין מת אונ איז טמא גיווארין זאל ער ברייגן איין קרבן פר איין כפרה אויף דר עבירה וואש ער האט גיזינדיגט רשי שרייבט ער האט גיזינדיגט וואש ער האט זיך ניט גיהיט צו טמא ווערין

רבי אליעזר זאגט ער האט גיזינדיגט ווייש ער האט זיך אפ גישייד פון צו טרינקען וויין אונ האט מצער גיוועזן דעם גוף דר תולדות יצחק פרעגט נאך רשי נאך וואש ער שרייבט ער האט גזינדיגט וואש ער איז טמא גיווארן וואש איז ער שולדיג ווען ער איז פלוצלונג אריין גיקומן אין איין הויז פון איין מת אונ האט דר פון ניט גיוואוסט אונ ווארום זאל ער איין קרבן ברייגן · דר תירוץ איז דר מענטש וואש איז איין נזיר איז זייער פרום אונ ווען ער קומט אריין אין איין הויז מאכט ער גידיינקן די עבירות פון דעם בעל הבית פאר גאט · דען די מלאכים זאגן דר נזיר איז איין גרויסר צדיק אונ דר בעל הבית איז אנטקעגין אים איין רשע אזו טוט גאט טייטן דעם בעל הבית דורך דעם נזיר דרום מוז דר נזיר איין קרבן ברייגן דרויף וואש דר בעל הבית איז דורך אים גישטארבין · אונ דר רמב"ן אונ דר בחיי אונ דר אבן שועב שרייבין דרום ברייגט דר נזיר איין קרבן ווייל ער איז נאר איין נזיר דרייסג טעג אונ דר נאך איז ער אזו וויא פריער אונ איז זיך מטמא צו מתים אונ טרינקט וויין דרויף דארף ער איין קרבן ברייגן ווייל ער איז ניט גיבליבן אייביג איין נזיר אזו וויא שמואל הנביא אונ וויא אנדרע נזירים · דען דר פסוק גלייכט דעם נזיר צו איין נביא אונ וויא גישיקט זיך נאך דרייסג טעג אפ שיידין דר פון דרום זאל ער ברייגן איין קרבן דר בעל הטורים שרייבט על כל נפשות מת לא יבא ווייל ער איז איין נזיר אונ די שכינה רועט אויף אים אונ ער וייס דורך דעם וואש עש ווערט זיין דרום זאל ער צו קיין מת ניט קומן כדי מען זאל ניט זאגן ער טוט כישוף מיט די מתים אונ דורך דעם וייס ער וואש עש ווערט זיין וזאת תורת הנזיר דאש זיין די דינים פון דעם נזיר ווען עש האט זיך אים אויש גילאזן די דרייסיג טעג זאל ער ברייגן איין קרבן · אונ זאל אפ שערין די האר פון זיין קאפ אונ זאל זיי פאר ברענגן אונטר דעם קעסל וואו מען קאכט די שלמים יברכך ה' וישמרך

גאט האט געגעבן רשות צו די כהנים זיי זאלן בענטשן ישראל · אונ אזו זאלין זייא זאגין יברכך יי׳ גאט זאל דיך ישראל בענטשן מיט פיל גוטש אונ געלט · וישמרך אונ ער זאל דיך היטן דען ווען איין מלך שינקט איין מתנה אונ עש קומן גזלנים אונ נעמן עש אוועקפון אים וואש פאר איין הנאה האט ער פון דר מתנה אבר גאט ווען ער גיט עפעס איין מענטשין אזוא היט ער עש מען זאל עש ביי אים ניט אוועק נעמן · יאר יי׳ פניו אליך ויחנך גאט זאל דיר ווייזן איין פריילך פנים אונ זאל דיר חן געבין ביי אלע וואש ווערין דיך זעהן · ישא יי׳ פניו אליך וישם לך שלום גאט זאל צו געמן זיין צארין פון דיר אונ זאל דיר געבין שלום · אין ערשטן פסוק איז דריי ווערטר אנטקעגן די דריי וואש מען רופט אויף שבת צו מנחה אונ מאנטיג אונ דאנערשטיג · אונ אין אנדרין פסוק איז פינף ווערטער אנטקעגין די פינף וואש מען רופט אויף אום יום טוב · אונ אין דריטן פסוק איז זיבין ווערטער אנטקעגין די זיבין וואש מען רופט אויף שבת פריא · וישם לך שלום אונ דורך דעם מאכט גאט שלום צווישין שבט לוי אונ צווישין אנדערע ישראלים דען פון שבט לוי רופט מען אויף אזו פיל וויא פון ישראלים דען אום שבת פרי רופט מען אויף צווייא פון שבט לוי איין כהן אונ איין לוי אונ צווייא צו מנחה איין כהן מיט איין לוי · אונ איין כהן מיט איין לוי אום מאנטיג · אונ איין כהן מיט איין לוי אום דאנערשטאג אזו איז מיט אנאנדר אכט פון שבט לוי אונ פון ישראלים רופט מען אויך אויף אלע וואך אכט · פינף שבת פריא · אונ איינם צו מנחה · אונ איינם מאנטיג · אונ איינם דאנערשטיג · אזו איז שוין קיין קריג ניט צווישין די שבטים · אונ די תורה האט אן גישריבן די ברכות כהנים לעבן דר פרשה פון נזיר וואש ער האט זיך אפ גשייד פון וויין אונ פון אנדרע תענוגים · צו ווייזן דר וואש גייט ניט נאך תענוגים קומט אויף אים די ברכות כהנים · אזו שרייבט דר תולדות יצחק

ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן אונ עס איז גיוועזן אין דעם טאג וואש משה האט אויף גשטעלט דעם משכן האבן די נשיאים מקריב גיוועזן זייער קרבן רש״י פרעגט ווארום שטייט ניט אין וואש פאר איין טאג משה האט אויף גישטעלט דעם משכן · דר תירוץ איז משה האט זיבן טאג אלע טאג אויף גשטעלט דעם משכן אונ האט אים ווידר צו נומען אונ אין דעם אכטין טאג דאש איז גיוועזן ראש חודש ניסן האט ער אויף גישטעלט דעם משכן אונ האט אים גילאזין שטיין : ויהי המקריב וגו׳ קערת כסף אחת כף אחת דר בחיי שרייבט איטליכר נשיא האט מער ניט גיבראכט נאר איין זילבערנע שיסיל מיט איין לעפיל · אונ איין ציקעלע אונ צווייא רינדר · עש איז איין משל איין מלך וואש פארט אין וועג אזו זיינען די שרים אים ניט פיל מכבד זאגט דער מלך איך בין איין מלך איבר אייך אונ איר זייט מיך ניט מכבד אזו וויא מען דארף מכבד זיין איין מלך ענטפערן די שרים מיר זיינן אין וועג אז מיר ווערן קומן אהיים אין אונזר לאנד ווערין מיר דיך רעכט מכבד זיין אזו אויך די נשיאים זיינן גוועזן אין דר מדבר ניט אין קיין באזעסין לאנד דרום האבין זיי ווייניג גיבראכט צו איין קרבן אבר אז זיי ווערין קומן אין זייער לאנד ווערין זיי פיל ברייניגען צו איין קרבן אזו וויא אין פסוק שטייט היטיבה ברצונך את ציון אז יעלו על מזבחך פרים ווען עש ווערט גיבויט ווערין דיא שטאט ציון ווערין מיר ברייניגען פיל רינדר אויף קרבנות אונ אזו גיפינען מיר ביי שלמה אז ער האט אויף גבויט דעם בית המקדש האט ער גבראכט איין קרבן צוויי אונ צוואנציג טויזנט רינדר אין איין מאל אונ הונדרט אונ צוואנציג טויזנט שאף ויקריבו נשיאי המטות דיא נשיאים האבין גיבראכט קרבנות זיי זיינן גיוועזן שוטרים ביי פרעה וואש ער האט זיי גיקעצט זיי זאלן זעהן די ישראל זאלין רעכט ארבעטין אונ ווען די ישראל האבן ניט רעכט גארבעט האט פרעה גיהייסן שלאגין די שוטרים אונ זיי האבן זיך

גִילָאזְט שְׁלָאגְן אוּנ הָאבְּן נִיט שְׁוֶוער גְמַאכְט
דִי אַרְבֶּעט אוֹיף יִשְׂרָאֵל אוּנ זַיי וֶוערְן גִירוּפִין
נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל אוּנ אוֹיךְ נְשִׂיאֵי הַמַּטּוֹת צוּא
וַויזִין זַייא הָאבִּין דְרוּם זוֹכֶה גִיוֶוען צוּא זַיין
נְשִׂיאִים וַוייל זַיי הָאבְּן זִיךְ גִילָאזְן שְׁלָאגְן מִיט
שְׁטֶעקְן פוּן וֶועגְן יִשְׂרָאֵל דָען מַטּוֹת אִיז טַייטְשׁ
שְׁטֶעקִין פוּן דַאנֶן לֶערְנֶן מִיר אָפְּ וֶוען אַייְנֶער
אִיז גְזֶעצְט אִיבֶּר יִשְׂרָאֵל פַּר אַיין רֹאשׁ הַקָּהָל
אוּנ לָאזְט זִיךְ שְׁלָאגִין אִיבֶּר יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר
זוֹכֶה צוּ זַיין אַיין נָשִׂיא אִיבֶּר יִשְׂרָאֵל אוּנ גָאט
וֶועט אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד שֵׁשׁ עֶגְלוֹת
צָב דִי נְשִׂיאִים הָאבְּן גִבְּרַאכְט זֶעקְס בַּאהַאנְגֶנֶע
וֶועגִין אוּנ צְוֶועלְף רִינְדֶר צְוַויי רִינְדֶר צוּ אַיין
וָואגִין אוּנ מֹשֶׁה הָאט זַייא נִיט גִיוָואלְט צוּא
נֶעמֶן בִּיז גָאט הָאט אִים גִיהַיישְׁן נֶעמֶן • רַבִּי
נָתָן זָאגְט וָוארוּם הָאבִּין דִי נְשִׂיאִים דָא דִיא
קָרְבָּנוֹת צוּם עֶרְשְׁטִין גִיבְּרַאכְט אוּנ בַּיי דֶער
נְדָבָה צוּם מִשְׁכָּן הָאבִּין זַייא גִיבְּרַאכְט צוּם
הִינְטֶערְשְׁטִין דֶער תֵּירוּץ אִיז בַּיי דֶער נְדָבָה
הָאבִּין דִי נְשִׂיאִים גִיזָאגְט לָאזִין כָּל יִשְׂרָאֵל
פְרִיעֶר בְּרֵיינְגְן אוּנ עֶשׂ וֶועט גִיוִוישׂ פִיל אָפְּ
גַיין וֶועלִין מִיר דָאשׂ דֶר לֵייגִין אָבֶּר דִי יִשְׂרָאֵל
הָאבִּין נָאךְ אִיבֶּערִיג גִיבְּרַאכְט הָאבְּן שׁוֹין דִי
נְשִׂיאִים נִיט גִיהַאט וָואשׂ צוּ בְּרֵיינְגֶען הָאבְּן
זַיי נָאר גִיבְּרַאכְט אֲבָנִים טוֹבוֹת צוּם חוֹשֶׁן
דְרוּם הָאבִּין זַיי זִיךְ בַּיי דִי קָרְבָּנוֹת גִיפֶעדֶרְט
צוּם עֶרְשְׁטִין זַיי זָאלִין אוֹיךְ נִיט פַאר זַאמֶן •
אוּנ מֹשֶׁה הָאט גִיגֶעבִּין צְוַויי וֶועגִין מִיט פִיר
רִינְדֶער צוּ דִי קִינְדֶר פוּן גֵּרְשׁוֹן • דֶר בְּחַיֵי אוּנ
דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבִּין דִי קִינְדֶר פוּן גֵּרְשׁוֹן הָאבְּן
גִיטְרָאגְן דִי אוּם הַאנְג אוּנ דִי דֶעקִין פוּן דֶעם
מִשְׁכָּן וָואשׂ אִיז פוּן וָואל אוּנ עֶס אִיז גְרִינְג
דְרוּם הָאבִּין זַיי גִינוּג גִיהַאט צְוַויי וֶועגִין מִיט
פִיר אָקְסִין אוּנ צוּ דִי קִינְדֶר פוּן מְרָרִי הָאט
מֹשֶׁה גִיגֶעבְּן פִיר וֶועגִין מִיט אַכְט רִינְדֶר וַוייל
זַיי הָאבְּן שְׁוֶוערֶע מַשָּׂאוֹת גִיטְרָאגְן דִי בְּרֶעטֶר
מִיט דִי רִיגְלֶען אוּנ דִי זַיילִין אוּנ דִי שְׁוֶועלִין •
אוּנ צוּ דִי בְּנֵי קְהָת הָאט עֶר נִיט גִיגֶעבְּן קַיין
וֶועגִין וַוייל זַייא הָאבִּין גִיטְרָאגִין דִי הַיילִיגֶע

כֵּלִים דֶעם שׁוּלְחָן אוּנ דֶעם אָרֹן אוּנ דֶעם מִזְבֵּחַ
אוּנ דִי מְנוֹרָה אוּנ נָאךְ הַיילִיגֶע כֵּלִים דָאשׂ דַארְף
מֶען טְרָאגִין אוֹיף דֶעם אַקְסִיל נִיט אוֹיף קַיין
וָואגִין • דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט זַיי הָאבְּן דְרוּם זֶעקְס
וֶועגִין גִבְּרַאכְט אַנְטְקֶעגִין דִי זֶעקְס הִימְלֶן אוּנ
דֶעם הִימִיל וָואשׂ גָאט זִיצְט אִיז נִיט גֶרֶעכִינְט
הָאט מֹשֶׁה גִיזָאגְט צוּא גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם
וֶוען אַיין רִינְד פוּן דִי רִינְדֶר וֶועט פֵייגֶערְן אָדֶר
אַיין רָאד פוּן דִי רֶעדֶר וֶועט צוּ בְּרָאכְן וֶוערְן
וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פָּסוּל וֶוערְן דֶר קָרְבָּן פוּן דִי נְשִׂיאִים
הָאט גָאט צוּ אִים גְזָאגְט קַח מֵאִתָּם וְהָיוּ נֶעם פוּן
זַיי אוּנ זַיי וֶועלִין בְּלַייבְּן אַייבִּיג אַמַייל רַבָּנִים
זָאגְן דִי רִינְדֶר הָאבְּן גִלֶעבְּט בִּיז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ
הָאט דָאשׂ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיף גִבּוֹיט אַזוֹ הָאט
עֶר זַייא מַקְרִיב גִיוֶוען צוּ אַיין קָרְבָּן אוּנ רַבִּי
מֵאִיר זָאגְט זַייא לֶעבִּין נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ פוּן
דַאנֶן קֶען מֶען אָפּ לֶערְנֶן וֶוען דִי רִינְדֶר לֶעבְּן
אַייבִּיג וַוייל זַיי הָאבִּין גִידִינְט בַּיי דֶעם מִשְׁכָּן
מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ לֶערְינְט תּוֹרָה אוּנ
דִינְט גָאט וֶועט עֶר בְּוַודַּאי אַייבִּיג לֶעבְּן אוֹיף
יֶענֶעם עוֹלָם וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה נָשִׂיא אֶחָד לַיּוֹם מֹשֶׁה
הָאט נִיט גִיוָואלְט דִי קָרְבָּנוֹת אָן נֶעמֶען בִּיז
גָאט הָאט אִים גְזָאגְט וָואשׂ מֶען זָאל טָאן מִיט
זַיי אוּנ וִויא אַזוֹ מֶען זָאל זַיי מַקְרִיב זַיין אוּנ
וֶוער זָאל פְרִיעֶר מַקְרִיב זַיין • צוּם עֶרְשְׁטִין
הָאט גִיבְּרַאכְט זַיין קָרְבָּן נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב
פוּן זַיין גֶעלְט נִיט פוּן דֶעם גֶעלְט פוּן זַיין
שֵׁבֶט • דֶר בְּחַיֵי אוּנ דֶר צְרוֹר הַמּוֹר אוּנ דֶער
חִזְקוּנִי שְׁרַייבִּין עֶשׂ שְׁטֵייט אִין דֶר תּוֹרָה בַּיי
נַחְשׁוֹן וְקָרְבָּנוֹ מִיט אַיין ואו הָאמְשֶׁע עֶר אִיז
גִיוֶוען דֶר עֶרְשְׁטֶר דָאשׂ וַוייזְט דָאשׂ עֶר הָאט
זִיךְ נִיט הוֹיךְ גִיהַאלְטִין דֶער מִיט וָואשׂ מֶען
הָאט זַיין קָרְבָּן צוּם עֶרְשְׁטִין מַקְרִיב גִיוֶוען
דְרוּם שְׁטֵייט וְקָרְבָּנוֹ דָאשׂ אִיז טַייטְשׁ אוּנ זַיין
קָרְבָּן אִיז אוֹיךְ אַזוֹ גִיוֶוען גְלַייךְ וִויא אַיינֶער
הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר מַקְרִיב גְוֶוען אוּנ אוֹיךְ דְרוּם
שְׁטֵייט נִיט בַּיי נַחְשׁוֹן נָשִׂיא אַזוֹ וִויא בַּיי אַלֶע
נְשִׂיאִים נָאר עֶס שְׁטֵייט וַיְהִי הַמַּקְרִיב בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן
אֶת קָרְבָּנוֹ נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב לְמַטֵּה יְהוּדָה צוּ וַוייזְן דָשׂ

נחשון איז געוועז איין גרוישר עניו אונ האט זיך נידריג געהאלטין גלייך וויא ער איז ניט קיין נשיא · אונ דר בעל הטורים שרייבט עש שטייט דרום ביי נחשון וקרבנו מיט איין וא״ו צו ווייזן דאש פון נחשון זיינן ארויש גיקומן זעקס חשובי קינדער וואש איטליכער איז גיבענטשט גיווארין זעקס ברכות · אונ דאס זיינן זיי דוד משיח דניאל חנניה מישאל עזריה אונ דר צרור המור שרייבט זעקס זאכין זיינן גיווארין אפ גיטאן פון אדם הראשון אז ער האט גינעמן פון דעם עץ הדעת אונ די וועלט איז גיוועז גימינערט פון די זעקס זאכין ביז נחשון האט מקריב גיוועז זיין קרבן · דרום שטייט איין איבעריגער וא״ו וואש זיא האט אין דר צאל זעקס · ביום השני הקריב נתנאל בן צוער נשיא יששכר רש״י שרייבט דרום האט די תורה גישטעלט ביי דעם נשיא פון יששכר דאש ווארט הקריב מער וויא ביי אלע נשיאים דאש איז ווייל דר נשיא פון ראובן האט גיזעהן דש דר נשיא פון יהודה איז צום ערשטין מקריב האט ער גיזאגט נאך אים מוז איך מקריב זיין ווייל מיין שבט איז איין בכור · האט משה גזאגט לאז דר נשיא פון שבט יששכר מקריב זיין דען אזו האט גאט גיהייסן · דרום שטייט הקריב ער איז גיווארן גינעהענט דאש משה האט אים גינעהענט ער זאל פריער מקריב זיין אונ דרום שטייט צוויי מאל הקריב צוא ווייזן פון צוויי זאכין וועגין האט דער נשיא פון יששכר זוכה גיוועז צו ברייגן פריער זיין קרבן · איינש איז ווייל שבט יששכר לערינט תורה אונ דאש אנדרע איז ווייל דר נשיא פון יששכר האט די עצה גיגעבין צו די נשיאים זיי זאלין ברייגן קרבנות אויף חנוכת המזבח אונ וואש מען זאל ברייגן · דר אבן שועב שרייבט די פרשה לערינט אונז דאש עם איז ניט פאר האנדין קיין בעסערע מדה וויא צו האלטין זיך נידריג · אזו וויא מיר גיפינן ביי אברהם דאש ער האט גיזאגט ואנכי עפר ואפר איך בין ערד אונ אש · אזוא אויך משה אונ אהרן האבן גיזאגט ונחנו מה וואש זיינען מיר גיאכט · אויך שטייט ביי משה והאיש משה ענו מאוד משה האט זיך זייער נידריג גיהאלטין · אונ שאול המלך האט זיך פאר בארגן אז מען האט אים גיוואלט פאר איין מלך מאכין אונ האט ניט גיוואלט קיין שררה אן נעמן אונ ער איז גיוועז איין גרוישר צדיק מיט צניעות · דען אז די ישראל האבין איין חרם גיגעבין מען זאל קיין טאכטער ניט געבין צוא שבט בנימין פר איין ווייב · ווייל דורך זיי איז גיפאלן פיל פון ישראל איבער דר מעשה פון פלגש בגבעה · אונ דר נאך האבן די ישראל חרטה גיהאט אונ האבן גילאזט דיא בתולות פון זיי אלע יאר אטאנץ מאכין אין די ווייג גערטנער · אונ שבט בנימין זיינן גיקומן אונ האבן גיחאפט בתולות פון ישראל צוא זיך פר ווייבר · אונ די ישראל האבן דאס גלאזט כדי עש זאל ניט גימינערט ווערין איין שבט פון ישראל · אונ שאול המלך איז אויך גיוועז פון שבט בנימן אונ איז גיוועז איין בחור ער האט זיך גישעמט צו חאפן איין בתולה ביז עש איז גיקומן איין חשובי בתולה אונ האט אים גינומן טאנצן צו ווייזן דאש זיא וויל אים פאר איין מאן · אזו האט ער דיא בתולה גינומן פאר איין ווייב · אונ האט מיט איר גיחאט איין זון ער האט גיהייסין יונתן ער איז גיוועז איין גוטר חבר צו דוד · אונ אז שאול האט גיוואלט דוד דר שלאגן האט יונתן גיטענת מיט זיין פאטער דוד איז שאול ברוגז גיווארן אונ זאגט צו אים בן נעות המרדות דוא בישט איין עזות פנים דו בישט גיראטן אין דיין מוטר זיא האט אויך בווייזן עזות אנטקעגין מיר צו אן נעמן מיך טאנצן אויך גיפינן מיר דאש אונזרע חכמים זאגין דר וואש הערט וויא מען פר שעמט אים אונ שווייגט שטיל איז זיין שכר זייער גרויס אזו וויא מיר גיפינן דאש איין חסיד האט גיהערט וויא איין מענטש האט אויף אים ביז גירעט האט דר חסיד אים גישיקט איין מתנה אונ

ואגט

זאגט צוא אים דוא האסט מיר גיגעבן דיינע זכיות וואש דו האשט · דרום שיק איך דיר איין מתנה · דר חכם זאגט הען מען ברייגגט דעם מענטשן אויף יענם עולם ברייגגט מען פר אים אלע זיינע זכיות זאגט ער איך האב ניט אזו פיל זכיות גיטאן אויף מיינע טעג · ענטפערט מען אים דוא האשט אלע דיינע טעג גישוויגן אז מען האט אויף דיר בייז גירעט · דרום זאלשטו איצונד נעמען די זכיות אונ די מצות וואש יענר האט גיטאן וואש האט אויף דיר בייז גרעט · דרום זאל מען נעהן נידעריג זיך צוא האלטן מיט זיין עשירות אונ אין אלע זאכן · אזו וויא מיר גיפינן ביי די נשיאים דאש זייא האבין זיך ניט פאר לאזין אויף זייער זכות נאר אויף דעם זכות פון זייערע עלטערן · אזו ווי רש״י שרייבט דאש זייער קרבן איז גוועז אנטקעגן די עלטערן · קערת כסף · האט אין דר צאל ניין הונדערט אונ דרייסיג דאש איז אנטקעגן די יארן פון אדם הראשון וואש ער האט גלעבט · אונ דיא שיסל האט גיוואזגן הונדערט אונ דרייסיג שקלים · דאש איז אנטקעגין דעם וואס אדם הראשון הט גיוואונגן איין זון אז ער איז אלט גיוועזן הונדרט אונ דרייסיג יאר וואש פון אים איז די וועלט בזעצט גיווארן · מזרק אחד כסף איין זילבערנר שפריינג בעקן אונ מזרק אחד כסף האט אין דר צאל פינף הונדרט אונ צוואנציג · דאש איז אנטקעגן נח וואש ער האט גוואונן קינדר אז ער איז אלט גוועזן פינף הונדרט יאר אונ צוואנציג יאר פריער איז גיוועזן די גזירה פון דעם מבול · אונ דר בעקן האט גיוואוגן זיבעציג שקלים דאש איז אנטקעגן די זיבעציג אומות וואש זיינן ארוים גיקומן פון נח · כף אחת איין לעפיל דאס איז אנטקעגן דר תורה וואס זיא איז ווארן גיגעבן פון דער האנט פון גאט · דען כף איז אויך טייטש איין האנט אונ די לעפל האט גיוואוגן צעהן שקלים דאש איז אנטקעגן די עשרת הדברות · פר אחד איין אקס דאש איז אנטקעגן

אברהם וואש ער האט גיגעבן עסן די מלאכים איין אקס · איל אחד איין איל דאש איז אנטקעגן יצחק דאש מען האט אויף דעם מזבח איין איל מקריב גוועזן פר אים אז מען האט אים גיוואלט ברייגגן פר איין קרבן · כבש אחד איין שאף דאש איז אנטקעגן יעקב וואש ער האט אפ גישייד די שאף ביי לבן · שעיר עזים איין ציקעלע דאש איז איין כפרה אויף דיא קינדר פון יעקב וואש זייא האבין גקוילעט איין ציקלע בשעת אז זיי האבן פר קויפט יוסף אונ האבין איין גיטונקט זיין העמדיל אין בלוט · דער רמב״ן אונ דר בחיי פרעגין ווארום האט די תורה גידארפט ביי איטלעכען נשיא ארויס שטעלן זיין קרבן · אמער אלע קרבנות זיינן דאך גלייך גיוועזן וואלט די תורה נאר גדארפט ארויש שטעלין ביי דעם ערשטין נשיא זיין קרבן · אונ זאל נייטר שרייבן דר אנדרר האט אויך אזו איין קרבן גיבראכט אונ דר דריטר אויך אזו אונ ביי אלע אזו דר תירוץ איז די תורה האט גוואלט איטליכן נשיא כבוד אן טאן · דרום האט זיא ביא איטליכען זיין קרבן ארויס גישטעלט · אונ אויך האט איטליכר נשיא איין אנדר טעם גהאט ווארום ער האט אזו איין קרבן גבראכט · דרום שרייבט די תורה ביי איטליכן זיין קרבן · ביום השביעי נשיא לבני אפרים אמייל חכמים זאגין דר נשיא פון שבט אפרים האט זיין קרבן גיבראכט אין דעם זיבעטין טאג אום שבת · אונ חאטשע איין קרבן יחיד טאר מען ניט מקריב זיין אום שבת נאר איין קרבן פון כל ישראל · אבער דעם קרבן הט מען מקריב גיוועזן אום שבת דען גאט האט גזאגט צו יוסף ווייל דו האסט גיהאלטן מיין גבאט לא תנאף אונ האסט ניט מזנה גיוועזן אין מצרים נאך איידר די תורה איז גיגעבן גיווארן · דרום וועלן דיינע קינדר זייער קרבן ברייגגן אום שבת חאטשע זייא זיינען יחידים · אונ דער צרור המור שרייבט ווייל יוסף האט אין מצרים שבת גיהאלטין

דרום האט גאט מתיר גיוועזן זיינע קינדר זאלן זייער קרבן ברענגן אום שבת. אויך שרייבט דר צרור המור דרום האט די תורה ניט דער מאנטערעם נאמן פון יוסף ביי די קרבנות אזו ווי זיא האט זיין נאמן דר מאנט ביי דר צאל. דר תירוץ איז ווי אונזרע חכמים זאגן דאס דרום איז יוסף פריער גישטארבן פר זיינע ברידר ווייל איי ער האט זיך דר קענט צו זיי האבין זיי גיזאגט עבדך אבי דיין קנעכט אונזר פאטר אונ ער האט גישוויגן. אונ דאש איז איין עבירה גיוועזן וואש ער האט גלאזט זאגין אויף זיין פאטר קנעכט. אונ דרום האט דר פסוק זיין נאמן ניט דר מאנט. אבר פון דעסט וועגן האט ער גרויש כבוד גהאט דאס זיינע ביידע קינדר האבן מקריב גיוועזן קרבנות. כל כסף הכלים רשי פרעגט וואש דארף דר פסוק נאך איין מאל רעכנען וויא פיל אלע כלים האבן גיוואוגן. אז איך וועל צו גויף רעכענען וועל איך אליין וויסן. דר תירוץ איז דער פסוק ווייזט דאש חאטשע מען האט איטלכע כלי באזונדער גיוואוגן. אונ מען האט ווידר אלע כלים אין איינם גיוואוגן אזו איז דאך די וואג גלייך גיוועזן. אונ דאס איז גיוועזן איין חידוש דען ווען מען וועגט פיל פונטן איטלכש פונט באזונדר. אונ מען וועגט דר נאך די אלע פונטן ווידר אין איינם נייט אפ פון דר וואג. אונ דא איז ניט אפ גינאנגען. כפות זהב דר פסוק ווייזט אונז דאש די לעפיל זיינן גיוועזן לויטער גאלד. וישמע את הקול דער בחיי שרייבט דר פסוק לערינט אונז. דאש דאש קול איז גיקומען פון דעם הימיל צווישן די כרובים וואש זיינן גוועזן אין משכן אונ פון דיא כרובים איז דאש קול גיקומען אינווייניג אין משכן. אונ ווער עש איז גוועזן אויש ווייניג האט ניט גיהערט. וידבר אליו אונ ער האט גירעט צו משה. אונ אפילו אהרן וואש איז גישטאנען לעבין אים האט ניט גיהערט. אויך שרייבט דער בחיי וידבר אליו ווייזט דאש משה האט באלד גיענטפערט צו נאך אונ האט זיך ניט דר שראקן אזוא וויא אנדרע נביאים זיינן דר שראקן גיווארן. דאס אפילו ווען זיא האבן גירעט מיט איין מלאך איז זיי די נשמה אויס גינאנגן פר מורא. מבל שכן ווען די שכינה אליין האט מיט זיי גירעט אבר משה רבינו איז ניט גיווארן דר שראקן ווען ער האט גירעט מיט גאט. דרום שטייט מבין שני הכרובים כלומר וויא באלד דאש קול איז גיקומען פון דיא כרובים האט משה באלד גיענטפערט:

# הפטרת נשא

ויהי איש אחד מצרעה עש איז גיוועזן איין מאן כון דר שטאט צרעה ער האט גיהייסן מנוח אונ זיין ווייב האט קיין קינדר ניט גיהאט בזה מלאך יי האט זיך איין מלאך פון גאט באוויזן צו דר אשה אונ זאגט צו איר דו וועסט האבין איין זון ועתה השמרי נא אונ איצונד זיי גיווארינט דוא זאלשט ניט טרינקען קיין ווין אונ זאלשט ניט עסין קיין אום ריינקייט כלומר דאש וואש איין נזיר טאר ניט עסין טארשטו אויך ניט עסין. דר בעל הטורים שרייבט איין מאל שטייט אין הפטורה כל טמא לשון זכר אונ איין מאל שטייט כל טומאה לשון נקבה צו ווייזין דאש דר סדר איז גיוועזן מען פלעגט געבן צו איין אשה וואש האט קיין קינדר ניט גיהאט זיא זאל אויף עסין איין מאגין פון איין האז דרום האט דר מלאך צו איר גיזאגט דו זאלסט ניט עסין קיין מאגין פון איין האז איין זכר אדער איין נקבה דען גאט וועט דיר געבין איין זון אן דר רפואה כי הנך הרה וילדת בן דען דו וועסט טראגעדיג ווערין אונ וועשט גיווינען איין זון אונ ער זאל זיך ניט שערין זיינע האר דען ער וועט זיין איין נזיר צו גאט אונ ער וועט העלפין די ישראל פון דר האנט פון דיא פלשתים ותבא האשה ותאמר לאישה איז גיקומען די אשה אונ האט גיזאגט צו איר מאן עש איז צו מיר גיקומן איין געטליכר מאן אונ זיין גישטאלט איז אזו וויא איין מלאך אונ ער האט מיר גזאגט איך וועל האבין איין זון אונ איך האב אים ניט גיפרעגט וויא ער הייסט ויעתר מנוח אל יי האט מנוח תפלה גיטאן צו גאט אונ האט גיזאגט רבונו של עולם שיק אונז דעם געטליכן מאן

נאך איין מאל אונ לאז ער אונז לערנען וויא אזו
מיר זאלין זיך פירין מיט דעם קינד דאש ער זאל
זיין איין נזיר וישמע האלהים בקול מנוח האט גאט צו
גיהערט אין דעם קול פון מנוח אונ דר מלאך
איז גיקומען צו דר אשה אונ זיא איז גיזעסין אין
פעלד אונ איר מאן איז ניט גיוועזן ביי איר איז
קשה ווארום זאגט נאך דער פסוק דאש דער
מלאך האט זיך באווייזין צו איר אויף דעם פעלד
דר תירוץ איז כדי מען זאל אים ניט חושד זיין
מיט איר דרום זאגט דר פסוק והיא יושבת בשדה
ומנוח אישה אין עמה כלומר ער האט זיך דרום צו
איר באווייזין אויף דעם פעלד וואו מענטשין
גייען ווייל מנוח איר מאן איז ניט גיוועזן ביי איר
אונ זיא האט קיין שומר ניט גיהאט · אונ אזו
מוז מען זאגין ביי דבורה דאש זיא פלעגט זיצין
אונטר איין טייטיל בוים אונ פלעגט משפטין
דיא ישראל אונ ניט אין איין הויז דען טאמער
וועט איין מאל אריין קומען איין פרעמדר מאן
אונ זיא וועט זיין אליין אין הויז אבער אונטער
איין בוים וואו לייט גייען אהין אונ הער מעג זיא
זיצן · פון דאנן זאל מען אפ לערנן דאש איטליכע
אשה זאל גיווארינט זיין ניט צו זיין אן אשומר
ותמהר האשה ותרץ ותגד לאישה איז די אשה גילאפן
אונ האט גיזאגט צו איר מאן דער געטליכער
מאן האט זיך צו מיר נאך אמאל באווייזין ער
איז גיקומען ביי טאג צו מיר · דר פסוק ווייזט
אונז דאש די ביידע האבין גימיינט ער איז איין
מענטש דרום האט זיא גיזאגט ער איז צו מיר
גיקומען ביי טאג אויף דעם פעלד אויפין באר
ניט ביי נאכט ויקם וילך מנוח אחרי אשתו איז מנוח
גינאנגען נאך זיין ווייב צו דעם מאן אונ האט
אים גיפרעגט דו ביסט עש דר מאן וואש האט
גיזאגט צו מיין ווייב דאש זיא וועט האבין איין
זון האט דער מלאך גיזאגט איך בין עש האט
מנוח גזאגט צו אים זאג מיר וויא אזו מען זאל זיך
נוהג זיין מיט דעם קינד האט דר מלאך צו אים
גיזאגט ער זאל ניט טרינקן קיין וויין אונ זאל ניט
עסן קיין טומאה ויאמר מנוח אל מלאך ה' האט מנוח
גזאגט צום מלאך פון גאט קום אין מיין הויז איך
וועל דיך מכבד זיין מיט איין ציקעלע זאגט דר
מלאך צו אים איך וועל דיין ברויט ניט עסין נאר
ווען דו ווילסט אויף ברייננגן איין קרבן צו גאט
ברייננג אויף דען מנוח האט ניט גיוואושט דאס

ער איז איין מלאך פון גאט האט מנוח אים
גיפרעגט וויא אזו איז דיין נאמען כדי ווען דו
וועסט נאך איין מאל איין שליח צו אונז שיקין
זאלין מיר דיינע רייד ערלאך האלטן ענטפערט
דר מלאך ווארום פרעגשטו אויף מיין נאמן מיין
נאמען איז פר הוילין כלומר איך האב אלע מאל
איין אנדערין נאמען נאך דר זאך וואש איך ווער
גשיקט ויקח מנוח את גדי העזים האט מנוח גבראכט
דאש ציקעלע פאר איין קרבן צוא גאט אויף
איין שטיין אונ דר מלאך האט אן גירירט אין
שטיין איז ארויש גיגאנגן איין פייער אונ האט
פר ברענט דאש ציקעלע אונ די מנחה אונ עש
איז גיווארן איין גרויסער פלאם ביז אין הימיל
אונ דער מלאך איז מיט דעם פלאם אויף דעם
הימל ארויף גגאנגן אונ מנוח אונ זיין ווייב האבן
דאס גיזעהען אונ זיינן גיפאלין צו דר ערד אונ
דר מלאך האט זיך שוין מער ניט באווייזין צוא
מנוח אזו האט מנוח גיוואוסט דאש ער איז איין
מלאך פון גאט האט מנוח גיזאגט צו זיין ווייב
מיר וועלין שטארבין דען מיר האבין גיזעהען
איין מלאך פון גאט האט זיין ווייב צו אים גזאגט
ווען גאט זאל אונז וועלין טייטין וואלט ער ניט
אן גינומן אונזר קרבן אונ וואלט אונז ניט גוויזין
די וואונדר אונ וואלט אונז ניט גילאזט הערין די
גוטע בשורה דאש מיר וועלין האבין איין זון
ותלד האשה בן האט די אשה גיוואונען איין זון אונ
האט זיין נאמען גירופין שמשון אונ דאש קינד
איז אויף גיוואקסן אונ גאט האט אים גיבענטשט
ותחל רוח ה' לפעמו איז גיקומען די נבואה פון גאט
אויף שמשון צו צייטין ווייס אין דר מחנה דן
צווישן צרעה אונ צווישן אשתאול אונ אצונדרט
האט זיך אן גיהויבין דאש נביאות פון יעקב
וואש ער האט גיזאגט עש וועט אויף שטיין איין
מענטש פון שבט דן אונ וועט שלאגין דיא
פלשתים · דיא גמרא זאגט וילך מנוח אחרי אשתו
מנוח איז גיגאנגען נאך זיין ווייב דאש ווייזט
דאש מנוח איז איין עם הארץ גיוועזן דען עש
גישיקט זיך ניט דאש איין מאן זאל גיין נאך זיין
ווייב ער דארף פריער גיין · אויך זאגט דיא
גמרא עש איז גיוועזן צוויא בערג וואש האבין
גיהייסין צרעה אונ אשתאול דיא האט שמשון
אויס גירישין אונ האט זיא צו שטויסין :

וידבר יי אל משה לאמר: נשא את ראש בני גרשון וגו׳ רבי יהודה הייבט אן אשרי אדם לא יחשוב יי לו עון ואין ברוחו רמיה דעם פסוק בדארף מען צוא פר שטיין׳ קום אונ זעה תמיד אז דר זמן מנחה קומט הייבט זיך אן דר מדת הדין צוא דער וועקן אויף דר וועלט אונ אז עש ווערט נאכט דר וועקין זיך אלע שומרים וואש שטייען אין דרויסין ביי די טירן אונ זייא צו שפרייטן זיך אויף דר וועלט אונ די גאנצע וועלט איז טועם איין טעם מיתה בשעת זיי שלאפין אונ אז עס קומט האלבע נאכט דען רופט מען אויס איין כרוז אויף דר וועלט איצונד איז די צייט מען זאל זיך דער וועקין מיט שירות ותשבחות דען ווערט גיפונען דר תענוג פון אלע וואול צו דעם מענטשין וואש ער שטייט אויף דיא צייט צוא לערנן תורה לשם יחוד קב״ה ושכינתיה ווייל דענשט מאל איז איין עת רצון אונ ביי נאכט גייט דיא נשמה ארויף אונ מען פרעגט זיא אויף אירע מעשים וואש זיא האט אגאנצין טאג גיטאן אונ זיא אליין זאגט עדות אויף אלעמען אונ אלץ ווערט אויף גישריבין אפילו איטליכעש ווארט וואס דער מענטש האט גירעט אגאנצין טאג נייט עס אלץ ארויף אויבין אונ שפאלט אלע הימלן אונ שטייט במקום המיוחד ביז דיא נשמה נייט ארויף אונ באהעפט עש אלץ פר הקב״ה אזו וויא דר פסוק זאגט משוכבת חיקך שמור פתחי פיך דרום שטייט אשרי אדם לא יחשוב יי לו עון וואול צוא דעם מענטשין וואש עש ווערט אים ניט גירעכינט זיין עון ווען איז דאס ואין ברוחו רמיה אז זיין נשמה ורוח זיינן אויף אים קיין עדות ניט אפילו אויף זיין רוח פיז דענשט מאל ווערט עש אויף אים ניט גירעכינט:

איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו׳ קום אונ זעה עש שטייט וחבר הקיני נפרד מקין מבני חובב חותן משה דאש זיינן דיא קינדר פון יתרו ווארום הייסין זיי קיני דאש איז טייטש לשון נעסט ווייל זיי האבן זיך גימאכט איין נעשט אין דר מדבר צו לערנן תורה אזו וויא איין עוף מאכט זיך איין נעסט אזוא האבין זיי זיך אפ גישייד פון די מענטשין אין דר מדבר׳ זכאה איז דער מענטש וואש ער איז זוכה צו גיין אין דר תורה אונ צוא באהעפטין זיך אין איר וועג דען אז ער גייט אין וועג פון דר תורה ציהט ער אויף זיך ארויף דעם רוח קדושה עליונה אזו וויא עש שטייט עד יערה עלינו רוח ממרום אונ אז ער איז מקיים דיא מצות התורה איז ער מקיים ביידע עולמות אזו וויא מיר האבן מפורש גיוועזן עש שטייט ועשיתם אותם לייען איך אתם גלייך וויא ער מאכט אלץ אונ יתרו איז פריער גיוועזן איין כומר לעבודת כוכבים אונ האט גידינט צו דעם צד הטומאה דר נאך האט ער זיך דר פון אפ גישייד אונ האט זיך מחבר גיוועזן אין הקב״ה דרום שטייט ובני קיני דאש זיינען די קינדר פון יתרו נפרד מקין ווייל זיינן גיוועזן אפ גישייד פון דר טומאה וואש עש קומט מצד קין׳ אונ ווער עס איז עובר אויף דער תורה איז ער פוגם למעלה ולמטה צו זיך אונ צו גאר דר וועלט עש איז גלייך צו איין שיף מיט מענטשין אונ עס איז דא צווישין זיי איין שוטה מאכט ער אונטין איין לאך איז ער גורם איין רעה צו זיך אונ צו אלע לייט וואש איז אין דר שיף דען זיי ווערן אלע דר טרונקן דרום שטייט איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם אפילו נאר איין איש אדר איין אשה וואש זיא וועט טאן איין עבירה היינגט דר חטא אן צו אלע מענטשין׳ קום אונ זעה עס שטייט והמה כאדם עברו ברית אדם הראשון האט עובר גיוועזן איין מצוה האט ער גורם גיוועזן מיתה צו זיך אונ צו דר גאנצר וועלט אונ האט פוגם גיוועזן למעלה ולמטה אונ זיין חטא איז נאך עד היום תולה ביז הקב״ה וועט מתקן זיין די וועלט אזו וויא זיא איז פריער גיוועזן אונ וועט אפ טאן דעם פגם פון דר וועלט אזו וויא דר פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה יי אלהים דמעה מעל כל פנים דרום זאגט דר פסוק כי יעשו אז זיי וועלן טאן מכל חטאת האדם פון די זינד פון אדם הראשון למעול מעל ביי וואש ער האט פוגם גיוועזן אין דר מדה פון יי ער איז ארויס גיגאנגן פון מדת הרחמים פון הקב״ה הרחמן יצילנו הקב״ה דר רחמן זאל אונז מציל זיין אויף דער וועלט פון דיא רשעים אונ פון זייער חטא שטארבין אויש כמה צדיקים פון זייערט וועגן חוץ וואש זיי זיינן גורם למעלה ולמטה׳ רבי יצחק אונ רבי יהודה זיינען גיגאנגען פון אושא קיין לוד זאגט רבי יצחק לאמיר ריידין דברי תורה אונ לאמיר גיין הייבט ער אן עס שטייט ווען איינר וועט עפענן איין גרוב אדר ער וועט זיא פון תחלת אן גראבין אונ איינער וועט אין איר אריין פאלין אונ וועט גיזוק ווערן בעל הבור ישלם מוזר בעל הבור בצאלין היינט אז עש

איז ביי דעם אזו על אחת כמה וכמה ווען איינער
האט גורם געווען מיט זיינע חטאים צו דר גאנצע
וועלט איז שוין אבל שכן וויא אזו זיין עונש איז
איך טוא זיך וואונדערין אז איינר איז גורם צו
דר וועלט שלעכץ דורך זיינע חטאים וויא אזו
זאל אים העלפין תשובה אזוא וויא דער פסוק
זאגט איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם שטייט
ווייטער והתודו את חטאתם והשיב וגו' אלא וודאי
תשובה איז אזו גרויש אז מיט דר תשובה איז
ער אלץ מתקן וואש ער האט פוגם געווען למעלה
ולמטה זיך אונ צו דר גאנצר וועלט:

פתח רבי יהודה הייבט אן נאך אים דעם פסוק
בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה פון דאנן
לערנן מיר אפ אז תשובה איז גרעשר פון אלץ
איידער דר דין איז שולט אבער אז דער דין איז
שוין שולט איז זיין כח זייער שטארק דער דין
גייט שוין ניט אוועק ביז ער איז משלים זיין
שליחות אונ אז ער טוט תשובה איז ער מתקן
זיך אונ די גאנצע וועלט דרום שטייט בצר לך
ומצאוך כל הדברים האלה דער נאך שטייט ושבת עד
ה' אלהיך האטשע הקב"ה שיקט דעם דין אויף דר
וועלט וויל ער אויך מען זאל טאן תשובה כדי ער
זאל מטיב זיין מיט זיי בעולם הזה ובעולם הבא
אונ עש איז ניט דא קיין שום זאך אויף דר וועלט
וואש זאל שטיין אנטקעגן תשובה אונ ער איז
אויך גורם מיט זיין תשובה דאש די שכינה
וואש זיא הייסט תשובה וועט זיך אום קערין
אויף איר ארט פון דעם גלות אונ די תשובה
איז אז ער איז זיך מוסר נפש אין דר תשובה צו
השי"ת נעמט מען אן די תשובה אזו איז אלץ
מתוקן ער אונ די גאנצע וועלט למעלה ולמטה
אבער דער רשע איז מקלקל זיך אונ די גאנצע
וועלט פון זיינט וועגן אוי לרשע ואוי לשכנו קום
אונ זעה יונה איז אנטלאפן געווארין אונ האט
ניט געוואלט גיין אין שליחות פון הקב"ה אונ
כמה מענטשין וואש זיינן געוועזן מיט אים אין
שיף זיינן אלע שיר דער טרונקן געווארן אין ים
ביז זיי האבין אים ארין געווארפן אין ים זיינען
זיי ניצול געווארן דר נאך האט ער תשובה געטאן
אונ האט גירופן צו הקב"ה אין זיין צרה אונ איז
ניצול געווארין אונ האט מציל געווען אין שטאט
נינוה כמה היילות דאש איז אלץ ווייל ער
האט גירופן צו הקב"ה פון זיין צרה אזו וויא
עש שטייט קראתי מצרה לי אל ה' ויענני אונ ווידער
שטייט אין פסוק מן המצר קראתי יה:

# רעיא מהימנא

רעיא מהימנא דאש האט גיזאגט משה רבינו דר
רועה נאמן צו רבי שמעון איש איש כי תשטה
אשתו וגו' זאגט דר רעיא מהימנא צו אליהו הייב
אן דו אליהו מיט מיר אין די מצות דען דו בישט
מיר אלע מאל צו הילף דוא בישט דאך געוועזן
אויך צום ערשטין פינחס בן אלעזר בן אהרן
הכהן מיין ברודר ואח לצרה יולד ער הייבט אן אונ
זאגט ביי דער מצוה פון פרשת סוטה שטייט
ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו דאש איז מרומז
אויף דעם יצר הרע ס"מ ער איז זיך מקנא אין
דר הייליגר נשמה וואש זיא איז גיגליכין צוא
איין אשה וואש זיא איז שיין אין אירע מעשים
אויף איר איז גיזאגט אשת חיל עטרת בעלה אונ ער
מחמת זיין קנאה וויל ער זיא מטמא זיין. אזוא
וויא ער האט גיטאן ביי אדם הראשון ער האט
זיך מקנא געווען אין זיין ווייב ביז ער האט זיא
איבר גירעט אונ האט זיי גורם געוועזן מיתה אונ
די צייט וואש ער איז איבר איר שולט איז ער
זיא מטמא אונ זיין ווילין איז צו פר ברענן די
נשמה אין פייער פון דעם גיהנם וקנא את אשתו
והיא נטמאה אונ דרום האבין מיר גילערינט ובת
איש כהן דאש איז מיכאל כהן גדול כי תחל לזנות
את אביה היא מחללת באש תשרף די זוהמא אונ די
טומאה פון איר ווערט אין גיהנם פאר ברענט
אונ גילייטרט אזו וויא מען לייטרט זילבר אין
איין טעסט ווערט דאך דאש פסולת פר ברענט
אזו אויך די ישראל אז זיי זינדיגן ברענט זייא
הקב"ה אין גיהנם ווערן זיי דארטן גילייטערט
אזו וויא עש שטייט וצרפתים כצרוף את הכסף וגו'
ביז עש ווערט אין זיי מקוים אם יהיו חטאיכם כשנים
כשלג ילבינו דען ווען די ישראל זיינן אוים גימישט
מיט דעם ערב רב זיינן אלע מצד עץ הדעת טוב
ורע זיס אונ ביטער אונ אז זייא מאכין זינדיגן
די ישראל זיינן זיי אלע מצד הרע זיי זיינן וויא די
מי מרה וואש זיינן ביטער געווען אונ הקב"ה האט
גיהייסין ארין ווארפין איין האלץ אזו וויא עש
שטייט ויורהו ה' עץ וישלך אל המים וימתקו המים אזו
וויא ביי דער סוטה אז דר כהן האט אין דער
וואשר ארין געווארפין דעם שם הקודש וואש
הייסט עץ אונ אז זיא איז טמא געוועזן זיינען די
וואשר ביטר געווארין אונ עש איז געוועזן וצבתה
בטנה

כמנה והדה וכו' איז זיא צו שפרונגן געווארין אונ אז זיא איז געוועזן ריין שטייט ונמתקו המים זיינן זיי זיס געווארין אונ זיא האט געהאט איין בן זכר אזו איז זיא גיפרובט געווארין דורך דר וואשר אזו אויך וועט הקב"ה פרובין די ישראל בייא דר גאולה אחרונה דרום שטייט יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים אונ זיי וועלין ווערין מצד הטוב די וואש וועלין בייא שטיין אויף דעם נסיון אונ צו די רשעים וועט מקוים ווערין ואל אדמת ישראל לא יבואו דאש הקב"ה וועט זייא אום ברייננגען שטייט ווייטר אבער והמשכילים יבינו די קלוגע וואש זייא זיינען גיהאלטין אין דעם עץ החיים האט אויף זיי דניאל גזאגט והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע די וואש וועלין קליגין אין דר תורה וואש זיא האט איין אחיזה אין דעם עץ החיים זייא וועט מען ניט פרובין נייערט די וואש זיינן מצד עץ הדעת טוב ורע אונ די ישראל וועלין אין דעם פאר זוכין פון דעם עץ החיים אונ בזכות וואש זיי וועלין לערנען די תורה וועט די גאולה קומן מצד הרחמים אין דר צייט וועט אין זיי מקוים ווערין ה' בדד ינחנו אז גאט אליין וועט זייא פירין דאש קיין צר הרוגז וועט שוין ניט זיין צווישין די ישראל אונ בייא דער תורה הקדושה וואש היינט איז די תורה הקדושה גישטעלט אין איין לבוש פון סיפורים וואש דרינן איז דא אסור ומותר כשר ופסול טומאה וטהרה וואש מצד הטוב איז דש כשר מותר טהור אונ מצד הרע איז דאש פסול אסור וטמא דאש איז ווייל די וועלט ווערט היינט גפירט בדרך טוב ורע אבער לעתיד וועט דר אילן טוב ורע קיין שליטה ניט האבין אויף די ישראל דען זייער פרנסה וועט שוין זיין מצד עץ החיים דען וועט שוין אין דער תורה ניט זיין קיין מחלוקת מצד הרע אונ קיין קשיא מצד הטומאה ווארום מחמת דר שליטה פון טומאה ורע פר שטייט מען ניט רעכט די תורה דרום איז פר האנדין אין דער גמרא מחלוקת אונ קשיות דר פאר שטייט אזו אונ דער אנדערר פר שטייט אנדערש אבר בזמן הגאולה וועט מקוים ווערין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ דאם קיין טומאה וועט שוין ניט שולט זיין וועט שוין איטליכר די תורה רעכט פאר שטיין אונ דאש ערב רב מיצ"מ וועלין גאר ניט נחשב זיין גלייך ווייא זייא וואלטין גאר אויף דער וועלט ניט גיוועזן זייא וועלין ניט פאר זוכין פון דעם עץ החיים אויף זיי איז גיזאגט גיווארין וואש וועט זיין דר חילוק צווישן עולם הזה אונ ימות המשיח דאס קיין גלות וועט ניט זיין אבער אנדרע מעלות וועלין זיי ניט האבין ווייא די לומדים אנטקעגן זיי איז דר משניות מיט איסור והיתר טומאה וטהרה ניט אנטקעגין די תלמידי חכמים דען זייא וועלין פר שטיין דאש פנימיות דאש איז אש טהור אונ וועלין מבוזה ווערין פר די תלמידי חכמים זיי וועלין אנטקעגין זייא זיין ווייא אור אנטקעגן חושך דען ביי ישראל שטייט וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים דר חמשים איז טייטש שער החמשים דאש דער יובל מאכט פון דארטין פרייא צו פופציג יאר דארטין איז דר עץ החיים וואש אלע פרייד קומט פון דארטן ארויש דרום איז אויף זייא גיזאגט געווארין הסה יעלו בהר זיי וועלין ארויף גיין אויף דעם בארג סיני אויף זיי שטייט ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל אויך שטייט ואשא אתכם על כנפי נשרים דאש זיינן די ענני כבוד ואביא אתכם אלי אבער דר ערב רב זיינען ניט גיוועזן אין די ענני כבוד נייערט די ישראל אליין אויף זייא שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה אזו וועלין די תלמידי חכמים ארויש גיין אין אלערליי כבוד אונ ווייא אזו עש איז גזאגט גיווארין אויף די עמי הארצים פון די יהודים וואש זיינען מצד הטוב ויתיצבו בתחתית ההר אזו וועלין זיי שטיין אונטער די צדיקים גלייך ווייא איין פערד אונטער זיין האר אונ ווייא איין קנעכט אונטער זיין בעל הבית אונ אזו ווייא הקב"ה האט צו זיי גיזאגט בשעת זייא זיינען גישטאנגן אונטער דעם בארג סיני וועט איר מקבל זיין די תורה איז גוט אונ אז ניט וועט איר דא בגראבין ווערין אזו אויך וועט הקב"ה זאגין צו די עמי הארצים פון יהודים וואש זיינען מצד הטוב ווילט איר מקבל זיין אויף איך דיא תלמידי חכמים גלייך ווייא איין האר וואש רייט אויף זיין פערד אונ דער קנעכט בייא דינט אים איז גוט אונ אויב ניט וועט איר אלע דא אין גלות בגראבין ווערין אונ דאש ערב רב אזו ווייא ביי מתן תורה שטייט וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק דאש זיי זיינען גישטאנען פון ווייטין אזו וועלין זייא לעתיד אויך ווייט זיין פון דר גאולה אונ וועלין זעהען די תלמידי חכמים זיינען אלע אין גרויש גוטש אונ גרויש כבוד אונ אז זיי וועלין נייט זיין דער פון אונ אז זיי וועלין זיך אויף

וועלין בהעפטן מיט זיי שטייט לא תגע בו יד כי סקל יסקל או ירה יירה אין דער צייט ווען מקוים ווערין דער פסוק יי בדד ינחנו ואין עמו אל נכר אונ חנה האט גיזאגט ורשעים בחושך ידמו דאס זיינן די ערב רב וואש זיינען נאך פון יציאת מצרים אונ אויף זייא האט דער נביא גיזאגט ואל אדמת ישראל לא יבואו · אין זוהר פנחס שטייט ווייטער אויף דער צייט שטייט כה אמר יי לרועים הפושעים כי דאש זיינען די מנהיגים אונ די פרנסי הדור פון די ישראל וואש זיי זיינען רשעים אויף זיי איז גיזאגט גיווארין דער פסוק הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדברה ונשפטתי אתכם כאשר נשפטתי את אבותיכם דאש זיי וועלין אום קומן במכת חושך ע״כ איז די רייד פון משה · זאגט רבי שמעון צו אים דו רועה נאמן איך באשווער דיך דו זאלסט ריידין אויבין פון מיינט וועגין דאש הקב״ה זאל געבין רשות מגלה צו זיין די תורה דאש מיט דעם וועל איך דיך אויש לייזין דו בישט פאר שוועכט איבער דעם חטא פון די ישראל אזו וויא דר פסוק זאגט אויף דיר והוא מחולל מפשעינו דרום וויל איך מיט דיר טאן טובות דורך דיין דיבור · זאגט דער רועה נאמן משה צו רבי שמעון דא באשווער איך דיך בייא דעם שם הקודש יי דאש דו זאלשט דיך ניט זאמען מיט דיין כח ווען איך בין אין גרוישין צער איך קער מיך כה וכה הין אונ אהער וירא כי אין איש אונ עש איז קיינר ניט דא ער זאל מיר העלפין אוים ציהען מיך פון מיין צער מיט דר קבורה וואש עש שטייט אויף מיר גישריבן ויתן את רשעים קברו דאש זיי וועלין מיך ניט דר קענען דאש איך בין גיווארין צווישין די רשעים איך בין נחשב צווישין זייא וויא איין מת · די תורה אונ דיא תלמידי חכמים זיינען נידעריג מבוזה אונ די אנשי חיל יראי חטא מוזין ציהען מעיר לעיר אונ מען איז זיך איבער זייא ניט מרחם אונ דו זאלשט ריידין פאר השי״ת בכל יכולתך צו ווישין דעם דוחק פון דיא תלמידי חכמים עד

כאן רעיא מהימנא :

איש איש כי תשטה אשתו ומעלה מעל ווארום שטייט צווייא מאל דאש ווארט מעל אלא זיא פעלשט אין איר מאן אונ די כנסת ישראל אונ דרום וויל די אשה איז מועל אין דער שכינה דרום שטייט והביא האיש את אשתו אל הכהן ווען דר כהן איז דר שושבין אונ דר ליב האבער פון דר שכינה דרום מוז ער זיא דן זיין דא קען מען פרעגין נאך וואש איז דאש גיוועזן ביי דעם כהן אמער מיר האבין דאך גילערינט אז בייא איין קרבן האט בדארפט אנאנדרר קולין ניט דער כהן דרום וייל דער כהן האט איין אחיזה אין חסד דרום טאר ער ניט טאן קיין דין אונ ער זאל קולין דעם קרבן וואלט ער דאך גיטאן איין דין וואלט ער פוגם גיוועזן אין מדת החסד אונ פר וואש ביי דר סוטה האט ער יוא גיטאן איין דין מיט די מים המאררים אלא דר כהן האט דאש גימוזט טאן וייל ער איז חסד אונ שלום מאכין בין איש לאשתו ער מאכט שלום דורך די מים המאררים ווען זיא איז טהור אונ האט ניט חוטא גיוועזן שטייט ונקתה ונזרעה זרע האט זיא דר פאר איין בן זכר אונ דר כהן ווייזט אז ער האט זיא שלא כדין חושד גוועזן אונ אז זיא האט יוא גיזינדיגט האט דר כהן איר דין ניט גיטאן נייערט דר שם הקודש וואש ער האט אין דעם וואשער ארייין גיטאן אונ דר כהן האט זיא פיל מאל גיפרעגט זיא זאל זיך מודה זיין כדי מען זאל דעם שם הקודש ניט אפ מעקין אין וואסר דרום אז זיא האט די וואשער גיטרונקען האט דר שם הקודש גיטאן אין איר דעם דין אבר ניט דער כהן · אמר המעתיק דרום שטייט אין פסוק ובאו בה המים המאררים למרים די וואשר זיינן גוט אונ זים גיוועזן נאר אין איר האט דר שם הקודש גימאכט אז זיי זיינען אין איר ביטער גיווארן ווייל זיא האט אין זייא פוגם גיוועזן :

רבי אלעזר הויבט אן אין דער פרשה ויבאו מרתה ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם איך פר וואונדר מיך אין דער פרשה צו פאר שטיין די פרשה רעכט ווארום בייא די וואשער פון מרה שטייט שם שם לו חוק ומשפט ושם נסהו אלא דר ענין פון דר סוטה איז גיוועזן אין מרה ביי דר וואשר ווען די מצרים האבן גיזאגט אז די קינדר פון די ישראל זיינען פון זיי אונ אויך די ישראל האבין זייערע ווייבער חושד גיוועזן אז זיי האבין מזנה גוועזן מיט די מצרים ביז הקב״ה האט זיי גבראכט צו דעם ארט מרה בודק צו זיין זיי וויא איין סוטה מיט דער וואשער דרום שטייט ויצעק משה אל יי זאגט הקב״ה צו משה וואש ווילשטו עש זיינן כמה מקטריגים ומשחיתים אויף זיי דרום וויל איך בודק זיין די ווייבער פון ישראל דרום שרייב אויף דעם שם הקודש אונ ווארף אריין

אין וואשר אריין וועל איך דר מיט בודק זיין אלע ווייבר אונ די מאנען וועלין דא ווארטין כדי עש זאל שוין קיין שם רע ניט זיין אויף מיינע קינדר אונ כל זמן אז איך וועל אלע ניט בודק זיין וועל איך מיין נאמן אויף זיי ניט מאכן רוען מיד שטייט ביתהו יי' צו דאס איז דר שם הקודש אונ ער האט אים אריין גיווארפין אין וואשער אריין אונ דעם שם וואס דר כהן האט בודק גוועען די סוטה דעם שם האט משה אין וואשער פון מרה אריין גיווארפן דרום שטייט שם שם לו חוק ומשפט ושם נסהו דען דארטין האט מען גיטאן חוק ומשפט מיט די ווייבר · אויב דו וועסט פרעגין דאש איז רעכט וואש מען האט בודק גיוועזן די ווייבר אבר נאך וואש האט מען די מאנען בודק גיוועזן דען די מאנן האבן דאך אויך גטרונקן אלא מען האט זיי בודק גוועזן אויב זיי האבין זיך ניט מטמא גיוועזן מיט די ווייבער פון מצרים דאש איז גיוועזן די גאנצע צייט וואס זיי זיינן דארטין גוועזן אין מרה זיי צוא פרובין אונ זיי זיינען גיפונען גיווארן אלע זכאין צדיקים אונ מען האט גיזעהען אז די זרע ישראל זיינען קדושים דרום שטייט בייא דער וואסר ושם נסהו דארטן זיינן זיי גיפרובט גיווארן אונ אזו האט דר כהן בודק גיוועזן די סוטה מיט דעם שם הקודש אונ אז זיא איז ריין גיוועזן זיינן די וואשר אין איר זיס גיווארין אונ האבין זיא גיריינוקט אונ זיינען אין איר גיוועזן ביז זיא איז מעוברת גווארין אונ אז זיא איז מעוברת גיווארן האבן די וואשר אין איר דאש קינד שיין אונ ריין גמאכט דאש עש האט אין זיך קיין שום חסרון ניט גיהאט מכל מום שבעולם אונ אז זיא איז ניט ריין גיוועזן זיינן די וואשער אין איר פר קערט גיווארין צו אשלאנג אונ עש האט פון איר גישמעקט די טומאה אונ די זוהמא מיט וואש זיא האט מקלקל גיוועזן אונ גיזינדיגט איז זיא ווארין באגריפין אונ עש איז ווארין גיזעהן איר חרפה ובושה פר אלע · זכאה איז דר חלק פון ישראל דאש הקב"ה באגערט אין זייא אונ וויל זייא מטהר זיין :

רבי חזקיה הויבט אן אשתך כגפן פוריה די אשה איז גיגליכן צו איין וויין שטאק אזו וויא איין וויין שטאק קען ניט מקבל זיין קיין הרכבה פון אנדרע מין דאס הייסט אז מען וויל איין זעצן איין צווייג אין אים מוז ער זיין טאר פון דעם מין אבר ניט פון אנאנדר מין בוים אזו איז אויך איין אשה בהעפט זיך נאר אין איר בת זוג [illegible] זיא איין טויב האלט זיך נאר אין איר בת [illegible] פוריה זיא בליט אונ ציהט אויש צווייגין אויף אלע זייטין דאש איז בירכתי ביתך אין דיין הויז זיא זיצט נאר אין שטוב זיא גייט ניט אויף דער גאס כדי זיא זאל חס ושלום ניט קומן לידי מכשול אונ צו איין חטא · בניך כשתילי זיתים אייערע קינדר וועלן זיין אזו וויא דאש פלאנצן פון איין אייל בירט בוים אזו וויא איין אייל בירט בוים איז שענר פון אלע בוימר דען סיי זומער אונ סיי ווינטר פר לירט זיא ניט אירע בלעטר אונ זיא איז תמיד שענר פון אלע בוימר אזו וועלין אירע קינדר אויך זיין חשובר פון אלע אונ ניט דאש אליין נאר איר מאן וועט גיבענטשט ווערין מיט אלע ברכות למעלה ולמטה מיט עושר אונ בנים ובני בנים אזו וויא דר פסוק זאגט הנה כי כן יבורך גבר ירא יי' אונ ווידר שטייט יברכך יי' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך וראה בנים לבניך שלום על ישראל :

איש כי יפליא לנדור רבי אלעזר הויבט אן מדוע באתי ואין איש וויא גאר זיינן גיליבט די ישראל פר הקב"ה דען וואו זיי זיינן וועט ער גיפונן מיט זיי אונ ווערט פון זיי ניט אפ גיטאן אזו וויא עס שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם עס שטייט כתם מקדש דען אלע שולן פון דר וועלט הייסן מקדש אזו וויא מיר האבן עש אויף אנאנדר ארט שוין מפורש גיוועזן אונ די שכינה פעדערט זיך נאר אין בית הכנסת · וואול צו די מענטשין וואס ווערין גיפונען צום ערשטין אין שול דען זיי זיינן זיך מתקדש מיט דר שכינה צום ערשטן אונ די ערשטע צעהן דארפין מיט איין מאל אריין [illegible] אין איין צייט ניט איינציג ווייס דען די צ[illegible] מענטשן זיינן גלייך אזו וויא איינר דרום דאר[illegible] אלע אריין גיין אין איינם אונ גלייך אזו וויא ד[illegible] מענטש איז מיט איין מאל באשאפן גווארין אזו וויא עש שטייט הוא עשך ויכוננך :

איש כי יפליא לנדור וואס מיינט מען כי יפליא דאס הייסט ער וועט זיך אפ שיידין פון אנדרע לייט ער זאל זיין היליג אין גישטאלט פון אויבן אונ צו גיפונען ווערן גאנץ דען איין מענטש וואס ער קומט זיך מקדש ומטהר זיין איז מען אים פון אויבן מקדש ומטהר ער זאל זיין היליג אונ ריין אונ מען פר שפרייט אויף אים די אויבערשטע קדושה דאש השי"ת ווערט דורך אים גהייליגט אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

**בְּהַעֲלוֹתְךָ** אֶת הַנֵּרוֹת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח וְנֵר רְשָׁעִים יִדְעָךְ

דֶר פָּסוּק גְלַייכְט דִי נְשָׁמָה פוּן אֵיין צַדִּיק צוּ אֵיין לִיכְט · דֶען אַזוֹ וִויא מֶען צִינְט אָן אֵיין לִיכְט פוּן דֶר אַנְדֶרֶר · אַזוֹ אִיז אוֹיךְ דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם לִיכְט פוּן דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד · אוּנ דָאשׁ אִיז אֵיין לִיכְט פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶשׁ דַארְף צוּ זִיךְ קֵיין אַנְדֶרֶע זַאךְ נִיט הָאבְּן עֶס זָאל לַייכְטְן · אָבֶר דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם רָשָׁע אִיז גְלַייךְ וִויא אֵיין לִיכְט וָואשׁ בְּרֶענְט דוּרְךְ אֵייל אָדֶר דוּרְךְ וַואקְס אוּנ אַז דֶר אֵייל אָדֶר דֶר וַואקְס לָאזְט זִיךְ אוֹישׁ אַזוֹ וֶוערְט דִי לִיכְט פַר לָאשְׁן · אַזוֹ אוֹיךְ אִיז דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם רָשָׁע זִיא הֵיינְגְט אָן אִין גוּף וָואשׁ עֶר גֵייט נָאךְ אוֹיף דֶר וֶועלְט נָאךְ עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶן אוּנ וִויא בַּאלְד עֶר שְׁטַארְבְּט וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה פִינְסְטֶר וַוייל עֶר אִיז נָאךְ גִיגַאנְגְן נָאךְ פִינְסְטֶרֶע מַעֲשִׂים · אוּנ דִי נְשָׁמוֹת זַיינֶן גִינוּמֶען גִיוָוארִין פוּן דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד וָואשׁ דָארְטְן אִיז אֵיין לוֹיטֶערֶע לִיכְט דֶען בַּיי גָאט אִיז אֵיין לוֹיטֶער לִיכְט · אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר גִיבָּאטִין צוּ יִשְׂרָאֵל זַיי זָאלִין אָן צִינְדְן לִיכְט אִין מִשְׁכָּן פוּן זַיין כָּבוֹד וֶועגְן דָאס זָאגְט דֶר פָּסוּק בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת וֶוען דוּ וֶועסְט אָן צִינְדְן דִי לִיכְט אִין מִשְׁכָּן · דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט גָאט זָאגְט נִיט אִיךְ דַארְף דִיא לִיכְט · נָאר לַייכְט פַר מִיר אִין מִשְׁכָּן אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ פַאר אֵייךְ גִילַייכְט אִין דֶר מִדְבָּר מִיט אֵיין פַייעֶרְדִיגֶע זַייל · כְּדֵי אִיךְ זָאל אֵייךְ לוֹיבִּין פַאר דִי עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים דָאס אִיר טוּט מִיר כָּבוֹד אָן · דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֵלָיו גָאט זָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּ זָאלְשְׁט זָאגְן צוּ אַהֲרֹן עֶר זָאל אָן צִינְדִין לִיכְט אִין מִשְׁכָּן אוּנ אִיר זָאלְט נִיט מֵיינֶן דְרוּם צִינְט מֶען לִיכְט אִין מִשְׁכָּן וַוייל קֵיין פֶענְצְטֶר אִיז אִין אִים נִיט דָא · אָבֶר אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דָא פֶענְצְטֶער דַארְף מֶען קֵיין לִיכְט נִיט צִינְדְן · דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק וְאָמַרְתָּ אֵלָיו דוּ זָאלְשְׁט זָאגְן צוּ אַהֲרֹן עֶר זָאל אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיךְ אָן צִינְדְן לִיכְט הָאטְשִׁי עֶשׁ אִיז דָא פֶענְצְטֶער · דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק אוּנ דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּן דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט אֵיין מָשָׁל · אֵיין מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט אֵיין שַׂר פוּן זַיינֶע שָׂרִים אוּנ הָאט אִים גִיהַייסְן זָאגְן דָאס עֶר וִויל זַיין בַּייא אִים אוֹיף אֵיין סְעוּדָה · אוּנ דֶר שַׂר טוּט זִיךְ אָן גְרַייטְן מִיט אַלֶדִינְג אוּנ אַז דֶר מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶן אִיז גִיקוּמֶן מִיט דֶעם מֶלֶךְ פִיל קְנֶעכְט מִיט שֵׁיינֶע לִיכְט אוֹיף אַלֶע זַייטְן מִיט גִילְדֶרְנֶע לַייכְטֶר · אוּנ וִויא דֶר שַׂר הָאט גִיזֶעהֶן דָאס דֶר מֶלֶךְ הָאט מִיט זִיךְ גְרוֹישׁ כָּבוֹד · הָאט דֶער שַׂר זִיךְ גִישֶׁעמְט צוּ וַוייזְן זַיינֶע לַייכְטֶר פַר דִי קְנֶעכְט אוּנ גֶעמְט צוּ אַלִין וָואשׁ עֶר הָאט אָן גִיגְרַייט זָאגְט דֶר מֶלֶךְ צוּם שַׂר וָוארוּם הָאשְׁטוּ דִיךְ נִיט גִיגְרַייט פוּן מַיינְט וֶועגְן · עֶנְטְפֶערְט דֶר שַׂר אִיךְ הָאבּ אָן גִיזֶעהֶן דַיין כָּבוֹד הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִישֶׁעמְט מִיט מַיינֶע וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִיגְרַייט אוּנ הָאבּ אַלִין פַר בָּארְגְן · אַזוֹ הָאט דֶר מֶלֶךְ גִישַׁאפְט מֶען זָאל זַיינֶע לַייכְטֶר מִיט זַיינֶע קְנֶעכְט אוּנ דִי שֵׁיינֶע כֵּלִים אָפּ שַׁאפִין אוּנ וִויל הָאבְּן דִי לַייכְטֶר פוּן דֶעם שַׂר · אוּנ אַז דִיא קְנֶעכְט פוּן דֶעם שַׂר זָאלִין דֶעם מֶלֶךְ בַּאדִינֶן אוּנ לַייכְטְן · אַזוֹ אוֹיךְ גָאט אִיז לוֹיטֶר לִיכְט אוּנ אִיז גִיקוּמֶען אִין מִשְׁכָּן אוּנ הָאט גִיבָּאטְן דִי יִשְׂרָאֵל זָאלֶן מַאכְן אֵיין מְנוֹרָה צוּ לַייכְטְן · אוּנ הָאט גִיוָואלְט כָּבוֹד הָאבְּן פוּן יִשְׂרָאֵל וָואשׁ עֶר הָאט לִיבּ · דֶר חִזְקוּנִי אוּנ דֶר צְרוֹר הַמּוֹר שְׁרַייבְּן וָוארוּם אִיז דִי פַּרְשָׁה פוּן דֶר מְנוֹרָה אָן גִישְׁרִיבְּן גִיוָוארְן נָאךְ דֶר פַּרְשָׁה וָואשׁ דִי נְשִׂיאִים הָאבְּן גִבְּרַכְט קָרְבָּנוֹת דָאשׁ אִיז וַוייל דִיא לְוִיִּם הָאבִּין גִיזֶעהֶן דָאשׁ אַלֶע נְשִׂיאִים פוּן אַלֶע שְׁבָטִים בְּרֵיינְגֶן קָרְבָּנוֹת אוּנ שֵׁבֶט לֵוִי הָאט נִיט גִיבְּרַאכְט · הָאבְּן דִי לְוִיִּם גִיטְרוֹיעֶרְט אוּנ הָאבְּן גִזָאגְט וָואס זַיינֶן מִיר עֶרְגֶר פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל · דָאס מִיר זָאלִן קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט בְּרֵיינְגֶן · הָאט גָאט גִזָאגְט צוּא שֵׁבֶט לֵוִי אַהֲרֹן וָואשׁ אִיז פוּן אֵייעֶר שֵׁבֶט וֶועט בַּאזוּנְדֶר בַּאנֵייעֶן דֶעם מִשְׁכָּן דָאשׁ עֶר וֶועט אָן צִינְדִין דִי לִיכְט · וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה דִי

מעשה פון דר מנורה מאכן איז זייער שווער גיוועזן אויף משה צו פאר שטיין · האט גאט אים גיוויזן איין מנורה פון פייער אונ האט אים גזאגט אזו זאלשטו מאכן · אונ משה האט דאך ניט גיקאנט מאכן · האט גאט אים גיהייסן איין צעהנטן גאלד אין פייער אריין ווארפן וועט ארויס גיין איין מנורה פון זיך אליין · דאש זאגט דער פסוק תיעשה המנורה די מנורה וועט ווערן אליין גמאכט · די חכמים זאגן פיר זאכן זיינן שווער גיוועזן אויף משה · ביז גאט האט אים גיוויזן מיט דעם פינגער ער זאל פאר שטיין · דאש ערשטע איז דיא מנורה · דאש אנדערע איז די קרבנות צו ברייננן · דאש דריטע איז שקלים געבין איטלעכר זאל געבן אהאלבין שקל האט משה ניט גיוואוסט וואש פר איין מטבע מען זאל געבין ביז גאט האט אים גיוויזן איין מטבע פון פייער · דאש פערטע איז משה האט ניט גוואוסט ווען מען זאל די לבנה מקדש זיין אז זיא באווייזט זיך דאש ערשטע מאל אין חודש ביז גאט האט אים גיוויזן דיא לבנה אונ האט אים גיזאגט אז דוא וועסט זיא אזו זעהן זאלשטו זיא מקדש זיין · אונ דאש ווארט מקשה ווייזט אויף דיא אלע פיר זאכין די מם מאכט מנורה אונ די קוף קרבנות אונ דיא שין שקלים אונ דיא הא החודש אונ האטשע גאט האט אויך גיוויזן צו משה וועלכע חיה אונ בהמה מען זאל עסן אונ וועלכע ניט אונ וועלכע שרצים מען זאל עסין אונ וועלכע ניט דאך האבן די חכמים נאר די פיר גרעכינט וואס זיינן שווער גיוועזן אויף משה אזו שרייבט דר בחיי · אונ דר חזקוני שרייבט עש איז משה ניט מער שווער גיוועזן נאר דריי זאכן אבר דעם שקל האט ער גיקענט פר שטיין נאר עש איז אים קשה גיוועזן וויא קען איין מענטש איין כפרה האבן מיט אזו איין קליינר מטבע · דר בחיי שרייבט דיא מנורה איז זייער הייליג גיוועזן דרום אז דר בית המקדש איז חרוב גיווארן

איז די מנורה פר בארגן גיווארן דאש דער שונא האט זיא ניט גיקענט גפינן קח את הלוים דר בחיי אונ דר חזקוני שרייבן די תורה האט גיהייסן נעמן די לוים וואש זיינן פר מישט גווארן צווישן. ישראל פון דעם בארג סיני אן זאל מען זיי אוים קלייבן אונ די פרשה איז ווארן אן גישריבן לעבן דר פרשה פון ליכט אן צינדן דאס ווייזט אונז דיא כהנים זאלין ליכט אן צינדן אונ די לוים זאלן די עבודה טאן אונ דער נאך זאגט ער דאס ישראל זאלן אויך גאט דינן זיי זאלן איין קרבן פסח מאכן אין דר צייט אונ ווען זיי זיינן ריין וכה תעשה להם לטהרם אונ אזו זאלסטו טאן צו דיא לוים צו ריין מאכן זיי ווייל זיי האבן גיהרגת ווער עש האט גידינט דאש עגל דען משה האט איין גיזאמלט דיא לוים אונ האט זייא גיהייסן טייטן אלע די וואש האבן דאס עגל גידינט פון דעגט מאל אן זיינן די לוים טמא גיווארן ווייל זיי האבן אן גירירט אין מתים דרום האט מען זיי גידארפט ריין מאכן מען זאל אויף זיי שפריינגן וואסר מיט דר אש פון דר פרה אדומה אונ זיי זאלן אפ גאלן גאר די האר פון זייער גוף אפילו דיא האר פון דעם בארד זאלן זיי אויך אפ גאלין אונ דיא פיאות פון זייער קאפ זאלן זיי אויך אפ גאלן רש"י אונ דר בחיי שרייבן מען האט זיי דרום אפ גיגאלט ווייל זייא זייגען גיוועזן איין כפרה אויף די בכורים וואש זיי האבן גידינט דאס עגל אונ ווער עש דינט עבודת כוכבים ווערט גירופן מת אונ איין מצורע ווערט אויך גירופן מת אונ אז ווען מען וויל איין מצורע ריינגן דארף מען אים אפ גאלין אזו זאל מען דיא לוים אויך אפ גאלין והניף אהרן את הלוים אהרן האט אויף גיהויבן די לוים איטלעכן באזונדר צווייא אונ צוואנציג טויזנט לוים אונ קרח האט דר פון גישפעט אונ האט גזאגט משה האט אונז צוא נארין גימאכט ער האט אונז אפ גיגאלט אונ האט אונז אויף גיהויבן אזו וויא נארין אבר פון דעם גשפעט איז אים שלעכט

אויש גיגאנגען • נתונים נתונים המה לי די לוים
זיינן וואָרן גיגעבן צו מיר אונ ער זאָגט צווייא
מאל נתונים צו ווייזן דאס זיי זיינן וואָרן גיגעבן
צו טראָגן דאש משכן אונ זיינן וואָרן גיגעבן צו
זינגן אין משכן ואתנה את הלוים רש"י שרייבט אין
דעם פסוק שטייט פינף מאל ישראל אנטקעגן
חמשה חומשי תורה צו ווייזן דאס גאָט האָט
זייער ליב די ישראל • אונ דר בחיי שרייבט
עס איז איין משל איין קינד וואָס גייט אין
חדר צום רבי אזו קומט דר פאָטר אהיים אונ
פרעגט אויף דעם קינד האָט מיין קינד גיגעסן
האָט מיין קינד גיטרונקען איז מיין קינד
גיגאנגען אין חדר אזו דר מאָנט ער ביי איטליכן
וואָרט מיין קינד מחמת ליבשאפט אזו אויך
דער מאָנט גאָט ישראל ביי איטליכן וואָרט
מחמת ליבשאפט • אויך שרייבט דר בחיי
מען קען זעהען די גבורה פון אהרן דאש ער
האָט אויף גיהויבן צווייא אונ צוואנציג טויזנט
לוים אין איין טאָג מבן חמש ועשרים שנה פון פינף
אונ צוואנציג יאָר אונ ווייטר זאָלן די לוים
דינן אין משכן פרעגט רש"י אין פרשת נשא
שטייט מען זאָל זייא ציילן פון דרייסיג יאָר
אונ ווייטר זיי זאָלן דינען דער תירוץ איז צו
פינף אונ צוואנציג יאָר האָט מען זייא אָן
גיהויבן לערנן די עבודה טאָן אונ צו דרייסיג
יאָר האָט ער אָן גיהויבן צו טאָן די עבודה
פון דאנען לערנען מיר אז ווען איין תלמיד
ווערט אין פינף יאָר ניט גבעסערט ווייסט מען
אין אים קיין בעסערקייט שוין ניט זעהן ולא
יעבד עוד ווען דער לוי איז אלט פופציג יאָר
זאָל ער שוין ניט ארבעטן אין משכן צוא
טראָגן אויף דעם אקסיל נאָר ער זאָל היטן די
טירען אונ זינגן אין משכן אונ האָט גהאָלפן
אויף לייגן אויף די וועגן וואָס מען האָט
גיפירט די כלים פון דעם משכן אזו שרייבט
רש"י ולא יהיה בבני ישראל נגף דו זאָלשט נעמען די
לוים פר די בכורים ווערט ניט זיין אין די בני
ישראל קיין מארד • דר בחיי שרייבט ווען די
בכורים וואָלטן די עבודה גטאָן וואָלטין זייא

גישטאָרבן דען צו צייטן איז דר בכור ביי
איין פאָטער וואָש איז ניט קיין בכור אזוא
ווייסט ער נאָר ניט צו זאָגן פון דר עבודה
אונ זעט קיין מאָל ניט די עבודה אָבר אז די
לוים זיינען אלע וואָרן גינומן צוא טאָן דיא
עבודה אין בית המקדש אזו ווערן די קינדר
זעהען פון יוגנט אָן פון זייערע פאָטער אונ
ווערן בקי זיין אין דער עבודה ובפרט צוא
גיוואָנען די הענט אונ די פינגער צו די כלי
זמר דאש מוז מען זיך לערנן פון דער יוגנט
ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם עס זיינן גוועזן
מענטשין וואָש זיינען גיוועזן טמא אונ האָבן
ניט גיקענט מאכין דעם קרבן פסח אין זיין
צייט זיינן די לייט גיקומן צו משה אונ אהרן
אונ האָבן גיזאָגט מיר זיינען טמא אונ
וואָרום זאָלן מיר זיין ערגר פון אלע דאס מיר
זאָלן ניט מקריב זיין איין קרבן פסח צווישין
ישראל האָט משה צוא זייא גיזאָגט וואַרט
ביז איך וועל הערין וואָש גאָט ווערט דרויף
זאָגין • רש"י שרייבט וואוֹל צוא משה דאס
ער האָט גיקענט ריידין מיט גאָט ווען
ער האָט גוואָלט אונ גאָט האָט אים געענטפרט
דר צרור המור פרעגט וואָש האָבן זיי גוואָלט
האָבן ווען זיי זיינן טמא גוועזן קען מען דאך
ניט מקריב זיין קיין קרבן פסח נאָך מער איז
קשה וואָש האָט זיי משה גיענטפרט ער ווערט
פרעגן גאָט האָט ער דען ניט גוואוסט דאש
איין טמא טאָר ניט מקריב זיין דעם קרבן פסח
אויך איז קשה וואָש האָבן די מענטשן גזאָגט
אנחנו טמאים לנפש אדם דאש וואָרט אדם איז
איבעריג דען לנפש איז אויך טייטש איין
מענטש דר תירוץ איז די מענטשן האָבן
גיזאָגט מיר האָבן גיטראָגן נדב ואביהוא פון
דעם משכן וואָש זיי זיינן גשטאָרבן אין משכן
ניט פון זייערע עבירות וועגין דען זיי זיינען
גיוועזן גרויסע צדיקים נאָר גאָט האָט גזאָגט
בקרובי אקדש מיט מיינע צדיקים וועל איך
גיהייליגט ווערין דאש אלע לייט ווערן מורא
האָבן אונ ווערן זאָגן ווען גאָט שטראָפט צו
צדיקים

צדיקים מכל שכן דש ער וועט אונז שטראפן
אונ ווען זיי זיינן ניט גישטארבן פון זייערע
עבירות וועגין זיינן מיר ניט טמא וואש מיר
האבין זיי גיטראגין אונ דרום זאגין זיי לנפש
אדם נדב ואביהוא זיינן נאר גישטארבין פון
וועגן דר עבירה פון אדם הראשון דאש אלע
לייט מוזין דורך דעם שטארבין אונ ניט פון
זייערע עבירות וועגין · אונ משה האט זייא
גענפערט דאש וייס איך ניט איך וועל פרעגן
גאט האט אים גאט גיענטפערט איש כי יהיה
טמא לנפש אונ זאגט ניט אדם כלומר וואש פר
איין טמא עש איז זאל ער אלין ניט מאכן קיין
קרבן פסח ווען ער איז טמא · דר בחיי פרעגט
ווארום זאגין די חכמים וייל משה האט זיך
חשוב גיהאלטן אונ האט גזאגט אלע שווערע
זאכין זאלט איר ברייגגען צו מיר וועל איך
אייך זאגין · דרום איז ער גשטראפט גיווארן
דאס ער האט ניט גיוואוסט דעם דין פון דיא
טעכטר פון צלפחד אונ ווארום זאגין זיי ניט
דאס ער איז ווארן גישטראפט אונ האט ניט
ניוואוסט דעם דין פון פסח שני · דער תירוץ
איז דש איז קיין שטראף ניט וואש משה האט
ניט גיוואוסט דעם דין פון פסח שני דען עס
איז אחידוש מען זאל אפ לייגן דעם קרבן פון
ניסן ביז אייר דרום האט משה גימוזט פרעגן
גאט אבר דעם דין פון די טעכטר פון צלפחד
דאס זייער פאטער האט קיין זון ניט גילאזט
נאר טעכטער אונ דיא טעכטער האבין אים
גיפרעגט אויב זיי זאלין ירשנן זייער פאטער
דאש וואלט משה גדארפט וויסן דען איטלכר
ווייסט דש וואול ווען עס איז קיין זון ניט דא
ירשנען טעכטער · אונ משה האט עס ניט
גיוואושט דאש מוז זיין איין שטראף פון גאט
בחודש השני גאט האט גיזאגט ווער עש איז
טמא זאל מאכין איין קרבן פסח אין אנדרין
חודש דאש איז אייר · אונ ביי דעם קרבן פסח
האט מען גיהאלטין חמץ אונ מצה אין הויז
אונ עס איז קיין יום טוב ניט גוועזן נאר מצות
אונ מרור האט ער גיגעסן מיט דעם קרבן וביום

הקים את המשכן אונ אין דעם טאג וואס דר משכן
איז ווארין אויף גישטעלט האט דר וואלקין
צו גידעקט דעם משכן אונ ביי נאכט איז גוועזן
איין וואלקין פון פייער ביז טאג : על פי יי יסעו
דורך דעם ווארט פון גאט האבין זיי גיצויגין
דהיינו ווען דער וואלקין האט זיך אפ גיטאן
האבן זיי גיצויגין נאך דעם וואלקן נאך · אונ
ווען דר וואלקין האט זיך גשטעלט האבין זיך
די ישראל גשטעלט אונ ווען דר וואלקן האט
זיך אפ גטאן האט ער זיך צום אויף גוויקלט
איבר די קינדר פון יהודה אונ איז איבר זיי
גישטאנן צו וייזין דאש עש איז צייט צו גיין
אזו האט מען גיטרומייטערט מיט טרומייטין
אונ מען האט זיך ניט גירירט ביז משה האט
גיזאגט קומה יי ויפוצו אויביך שטייא אויף גאט צו
גיין פאר ישראל אונ לאזין ווערין פר שפרייט
דיינע פיינט אונ ווען ישראל האבין גידארפט
רוען איז דר וואלקין ווידר גיקומן אויף שבט
יהודה אונ האט זיי באדעקט וויא איין סוכה
אונ דר וואלקין האט זיך ניט אפ גיטאן פון
שבט יהודה ביז משה האט גזאגט שובה יי רבבות
אלפי ישראל רוא גאט צווישן פיל צעהן טויזנט
פון ישראל · ונעלה הענן בבוקר דר בחיי אונ דער
חזקוני שרייבין דאש אלע אן הויב ציען פון
ישראל איז נאר גיוועזן פון אין דר פריא ביז
האלבן טאג אבר ניט נאך האלבן טאג · עשה
לך שתי חצוצרות כסף גאט האט גיבאטן צו משה
צו מאכין צוויי טרומייטין פון זילבר מען זאל
מיט זיי איין זאמלן די ישראל אדר די נשיאים
ווען משה האט זיי גידארפט · ווען מען האט
מיט ביידע גיבלאזין איין תקיעה זיינן ווארין
איין גזאמילט כל ישראל · אונ ווען מען האט
מיט איינעם גיבלאזין איין תקיעה זיינן ווארן
איין גזאמילט די נשיאים · אונ ווען מען האט
גידארפט ציהן האט מען מיט ביידע גיבלאזן
איין תקיעה מיט איין תרועה · אונ די כהנים
האבין גיבלאזין מיט די טרומייטין · אונ דרום
זיינן זיי גיוועזן פון זילבער אונ ניט פון גאלד
כדי מען זאל ניט דר מאנן די עבירה פון דעם

גל וואש איז גיוועזן פון גאלד אונ אין איין
מלחמה האט מען אויך מיט זיי גיבלאזין צו
דר מאנט ווערין פאר גאט · אויך האט מען
מיט זיי גיבלאזין ווען מען האט מקריב גיוועזן
קרבנות כדי די ישראל זאלין הערין דאס מען
איז מקריב זייערע קרבנות אונ זאלן גאט בעטן
דאש זייערע קרבנות זאל ווערין אן גינומן פר
גאט רבי איסריל פרעגט ווארום האט מען נאר
גיבלאזין ווען די ערשטע צווייא פאנגען האבין
גיוואלט גיין · אונ ווען די הינטערשטע צוויי
פאנן האבן גיוואלט גיין האט מען ניט גיבלאזין
דר תירוץ איז משה איז גלייך גיוועזן וויא איין
מלך וואש גייט אין מיטן פאלק אונ שרים גייען
פריער פאר אים אונ ווידר גייען שרים הינטער
אים · אונ אז ער וויל רידין זאגט דר מלך צו
די שרים וואש גייען פאר אים זיי זאלין רידין
אונ ער רידט נאך זיי אונ די הינטערשטע רידן
נאך אים אונ ער דארף צוא די הינטערשטע
שרין ניט זאגין זיי זאלין רידין אזו אויך משה
איז גיוועזן ביי דעם משכן אין מיטין פאלק ·
אונ ווען דר וואלקן האט זיך אפ גטאן האבן
זיך די ישראל אן גבריט צו גיין נאר זיי האבן
נים גרירט ביז משה האט גיהייסן טרומייטרן
אזו האבן אן גיהויבן צו גיין די ערשטע צוויי
פאנגען אונ משה איז גיגאנגן נאך זיי אונ די
הינטערשטע צוויי פאנן זיינן גיגאנגן נאך משה
ויסע דגל מחנה בני יהודה אונ עש האט גיצויגן די
פאן פון מחנה יהודה אונ יששכר אונ זבולון
זיינן מיט זיי גיגאנגן אונ זיינען אלע פריער
גיגאנגן אונ וויא באלד די מחנה יהודה האבן
זיך אן גיהויבין צו רידין זיינן גיגאנגן אהרן
אונ זיינע קינדר אונ האבין אראפ גינומן דעם
פרוכת אונ האבין צו גידעקט דעם ארון אונ
דר נאך האבין די קינדר פון גרשון אונ מררי
צו נומען דעם משכן אונ האבין אים ארויף
גליינט אויף די וועגין אונ די קינדר פון קהת
האבן אן גיטראגן דעם ארון אונ די כלי קודש
צו טראגין אונ אז די מחנה פון ראובן האבין
אן גיהויבן צו גיין אזו האבין זיך גרירט אלע

לוים אונ אז דר וואלקין האט זיך גישטעלט
האבין די קינדער פון גרשון אונ מררי אויף
גישטעלט דעם משכן אונ די קינדר פון קהת
זיינן גיקומן מיט דעם ארון אונ האבן גיפונן
דעם משכן גרייט אזו וויא מען גרייט אן דעם
מלך איין הארבערג איי ער קומט: ונסע דגל
מחנה בני דן מאסף לכל המחנות דיא מחנה דן איז
גיגאנגען צום הינטערשטין · אונ ווען איינער
פון ישראל האט עפעש פאר לארין האבן זיי
דאש גיפונען אונ האבין עש אפ גיגעבן אונ
די ישראל זיינען גיגאנגען אויף פיר זייטן אזו
ווי איין קאסטין אונ שבט דן זיינען גיגאנגען
צוא צפון זייט אונ וייל זייא זיינען זייער פיל
גיוועזן זיינן זיי אויף מערב זייט אויך גיגאנגן
אונ האבן דרום אלם דינג גיפונען · דר חזקוני
פרעגט וויא קאן זיין דאש שבט דן איז דער
גרעשטר שבט גיוועזן אמער שבט יהודה איז
גרעשר גוועזן דר תירוץ איז שבט דן איז מער
גיוועזן פון די שבטים וואש זיינן גיגאנגן נאך
דעם משכן אבר שבט יהודה איז נגאנגן פאר
דעם משכן אונ ווען איינר פון ישראל האט
ניט גקאנט ציהן מיט זיין שבט איז ער גבליבן
צום הינטערשטין אונ איז גיגאנגן מיט שבט
דן דרום האט ער גיהייסן מאסף לכל המחנות ער
האט איין גיזאמילט אלע די וואש האבן ניט
גקענט ציהן מיט זייער מחנה: לכה אתנו והטבנו
לך משה האט גזאגט צו זיין שווער יתרו גייא
מיט אונז קיין ארץ ישראל אונ מיר וועלן דיר
גוטש טאן האט יתרו גיענטפערט איך וויל
ניט גיין איך וועל בעסר גיין אין מיין לאנד:
נוסעים אנחנו משה האט גזאגט צו יתרו מיר וועלן
קומן אין דריי טעג קיין ארץ ישראל אונ אזו
וואלט גיוועזן נאר זיי האבין גיזינדיגט דרום
זיינן זיי גיבליבין נאך פערציג יאר אין דער
מדבר · רש״י שרייבט משה האט זיך גשעמט
פאר יתרו צו זאגין דאש ער וועט ניט קומען
קיין ארץ ישראל דרום האט ער גיזאגט מיר
וועלין ציהען קיין ארץ ישראל אונ האט זיך
אין כלל ארין גשטעלט: אל נא תעזוב אותנו משה

זאגט צו יתרו איך בעט דיך דו זאלשט אונז
ניט פאר לאזין כדי די עובדי כוכבים זאלין
ניט זאגין · דו האשט דיך נאר מגייר גיוועזן
ווייל דו האשט גימיינט דו וועסט האבין איין
חלק אין ארץ ישראל אונ אז דו ביסט גיוואר
גיווארין דאש איין גר האט קיין חלק ניט אין
ארץ ישראל אזו האסטו אונז פאר לאזט אונ
האסט דיך אפ גישייד פון אונז אונ פון אונזר
גאט דרום גייא מיט אונז ווייל דו האסט גיזעהן
די נסים ונפלאות וואש גאט האט מיט אונז
גיטאן אין דר מדבר : והיית לנו לעינים דו וועסט
אונז זיין צו איין וועג ווייזר · פרעגט דר בחיי
וואש האט יתרו גידארפט זיין איין וועג ווייזר
אמער דר וואלקן האט דאך צו ישראל גפירט
דר תירוץ איז דאש האט משה נאר גיזאגט
אנטקעגין די שלעכטע לייט וואש זיינן גיוועזן
צווישן ישראל אונ האבין ניט רעכט גיגלויבט
אין גאט אונ האבין אלין מורא גיהאט דאש
זיי וועלין ניט קומן צו קיין לאנד דרום האט
ער גיזאגט צו יתרו ער זאל גיין ווייזן דעם וועג
וועלין די שלעכטע לייט אויך זאגן היינט וועלין
מיר קומן צו איין לאנד דען יתרו ווייסט גוט
דעם וועג · נאך איין פשט איז דו זאלסט אונז
זיין צו איין ווייזר כלומר דו זאלשט ווייזן די
עובדי כוכבים דאש מיר דינן רעכט גאט אונ
גאט האט אונז גיטאן נסים אין דר מדבר אונ
דיין עדות וועט מער העלפין אנטקעגין דיא
עובדי כוכבים ווייל דו ביסט גיוועזן איין עובד
כוכבים אונ האסט דיך מגייר גיוועזן פון וועגן
די נסים ונפלאות וואש גאט האט אונז גטאן
נאך איין פשט איז והיית לנו לעינים משה האט
גיזאגט צו יתרו דו וועסט אונז זיין צוא איין
ווייזר כלומר פון דיר וועלין זיך די ישראל לערנן
פרום צו זיין דען זיי וועלין זאגן יתרו איז איין
עובד כוכבים גיוועזן אונ איז פרום מכל שכן
מיר וואש מיר זיינן די קינדר פון אברהם יצחק
ויעקב דארפן מיר בוודאי פרום זיין דרך שלשת
ימים איין וועג פון דריי טעג זיינן זיי איין גגאנגן
אין איין טאג דען גאט האט זיי באלד גוואלט

ברייננן קיין ארץ ישראל וארון ברית ה' אונ דער
ארון מיט די צו בראכענע לוחות איז גיגאנגן
דריי טאג ווייט פון ישראל צו אויש זעהן זיי
איין רואונג אונ דר אנדרר ארון איז גוועזן אין
דר מחנה ביי משה אונ אהרן אונ דר וואלקן
איז גוועזן פון אלע פיר זייטן אונ איין וואלקן
איז גיוועזן איבר זיי אונ איין וואלקן איז גוועזן
הינטר זיי אונ איין וואלקן איז גיגאנגן פריער
צו אויש גלייכין דעם וועג אונ האט נידריג
גימאכט די בערג אונ האט דר פילט די טאלן
אונ האט פאר ברענט די גרויסע שלאנגן אין
דר מדבר וואש זיינן אזו גרויס וויא באלקינש
ויסעו מהר ה' זיי זיינן באלד אוועק גילאפין פון
דעם בארג סיני דען זיי האבין מורא גיהאט
מען וועט זיי נאך מצות געבין אונ זיי האבן
שוין מער קיין מצות ניט גוואלט אונ די תורה
האט די עבירה ניט בפירוש אן גישריבן ווייל
זיי האבן עש נאר גיהאט במחשבה נאר גאט
ווייס די מחשבה דרום האט דער פסוק אונז
גיוויזן דאש ער ווייס · דר בחיי שרייבט דרום
האט די תורה גישטעלט די פרשה ויהי בנסוע
הארון ביי דר פרשה וואש ישראל האבן גרעט
ביז אויף גאט דאש איז ווייל דר ארון האט
גיטאן וואונדער צו ווייזן זיי דאש גאט האט
כח איבר אלין דינג אונ זיי האבן ניט גדארפט
אויף גאט ריידין קיין שלעכטש אונ עש איז
גוואוסט דאש די וועלט איז גטיילט אויף דריי
חלקים איין חלק איז ים אונ איין חלק איז
מדבר אונ איין חלק איז ישוב וואו לייט זיצן
אונ אז די ישראל האבין גידארפט גיין קיין
ארץ ישראל האט גאט זיי גיפירט דורך אלע
דריי חלקים צום ערשטין האט ער זיי גיפירט
דורך דעם ים אונ האט דעם ים גמאכט פאר
איין יבשה אונ ווידער צו ים צו ווייזן דאש
ער האט די וועלט בשאפין אונ זיא איז ניט
פון זיך אליין גיווארן אונ ער האט כח צו טאן
אין איר וואש ער וויל · דר נאך האט גאט זיי
גיפירט אין דר מדבר וואש קיין מענטש קען
דארטין ניט גיין פון וועגין די גרויסע שלאנגן

צו ווייזן דאש ער האט כח איבר אלין דינג ׃ אונ דר נאך האט ער זיי גיבראכט קיין ארץ ישראל וואש דאש איז ישוב דאש דריטע חלק פון דר וועלט אונ האט זיי גטאן גרויסע נסים אונ האט איין גיווארפין די גרויסע מויערין פון יריחו וואש דאש איז גוועזן ווידר דר טבע נאר דורך גאטש נסים אונ דרום האט משה גיזאגט בייא דעם ארון ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך כלומר גאט וואש זיין שכינה רוהט אויף דעם ארון מאכט די פיינט פון ישראל פאלין אונ טוט נסים ובנחה יאמר אונ ווען ישראל האבן גידארפט רוהן האט משה גיזאגט שובה יי' גאט מאך רוהן די פיל צעהען טויזנט פון ישראל אויף זייער ארט דאש קיינר פון זיי זאל ניט גיבראכין ווערין בע באזני יי' רש"י שרייבט דיא ישראל האבן גירעט בייז אויף גאט אונ האבן גיוואלט דאש גאט זאל דאש הערין דען זיי האבין אים גיוואלט דר צערענען אונ האבין גיזאגט מיר האבין שוין דריי טעג ניט גירוהט אונ דאש איז זייער טובה גיוועזן כדי זיי זאלן באלד קומן קיין ארץ ישראל כקצה המחנה גאט האט גישיקט איין פייער אונ עש האט פאר ברענט דאש ערב רב וואש זיינן גינאנגן אין עק מחנה הינטר די ישראל אונ אטייל זאגין עש האט פאר ברענט די הארן אונ די חשובי פון דר מחנה ישראל האט משה תפלה גטאן צוא גאט אזו איז דאס פייער גיווארין איין גיזונקן אין דר ערד אונ דרום איז דאש פייער ניט מער לאשין גיווארין אדר ארויף גינאנגן אזו וויא דר סדר איז פון פייער דאס עס גייט ארויף דש איז דרום כדי די ישראל זאלן מורא האבין זיי זאלין מיינען ווען זיי וועלין בייז טאן ווערט דאש פייער ווידער פון דר ערד ארויש קומן אונ ווערט זיי פר ברענן והאספסוף אשר בקרבו אונ דאס ערב רב וואס איז גיוועזין צווישין ישראל האבן גלוסט צו עסן פליש אונ האבן די ישראל אויך גמאכט זינדיגן אונ זיי האבן אלע גיזאגט ווער ווערט אונז געבין פליש צו עסין אונ האטשע פיל רינדר אונ שאף זיינען

מיט ישראל פון מצרים ארויש גינאנגען אונ זיי האבין זייא נאך ניט גיהאט אויף גיגעסין דען עס שטייט ומקנה רב היה לבני גד ולבני ראובן זיי האבין גאר פיל בהמות גיהאט נאך דיא פערציג יאר וואש זיי זיינן גוועזן אין דר מדבר נאר זיי האבין גיוואלט בלבולים מאכין אויף גאט האטשע זיי האבין גיהאט פליש האבין זיי גיוואלט נאך מער פליש דר רמב"ן שרייבט דר סדר איז אין איין מלחמה ווייל דאש פאלק איז ביי אנאנדר איז פליש טייער אזו אויך אין דר מדבר וואש ישראל זיינן גיוועזן בייא אנאנדר איז אויך טייער גיוועזן פליש נאר די רייכע האבן גינוג פליש גיהאט אבר די ארעמע האבן ניט גיהאט קיין פליש אונ האבן גשריען זיי ווילין פליש זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם די ישראל האבין גיזאגט מיר גידיינקן די פיש וואש מיר האבן גיגעסין אין מצרים אום זיסט פרעגט רש"י מען האט זיי קיין שטרויא ניט גיוואלט געבין אום זיסט אונ וויא קאן זיין דאש מען האט זיי גיגעבן פיש אום זיסט דר תירוץ איז זיי האבן גימיינט אום זיסט אן מצות שרייבט דר דבק טוב כלומר מיר האבן גיגעסן אום זיסט ניט פון אונזרע מצות וועגן דען מיר האבין נאך קיין מצות ניט גיהאט דרום האבין מיר קיין מורא ניט גיהאט דאש מיר וועלין ניט האבין וואש צו עסין אבער היינט אז מיר האבין מצות האבין מיר מורא ווען מיר וועלין די מצות ניט האלטין וועלין מיר ניט האבין וואש צו עסין ווייל גאט ווערט אויף אונז ברוגז זיין איבר די מצות ׃ אונ דר אבן שועיב אונ דר חזקוני אונ דר רמב"ן אונ אויך דר בחיי שרייבן די מצרים האבן גיגעבן צו ישראל פיש אום זיסט ווייל די ישראל האבן גיהאלפן ארויש ציהן די נעץ פון דעם וואשר אונ האבין גרויש מיא גיהאט דר ביי אזו איז דער סדר דאש מען גיט קליינע פישלעך צווא דעם וואש העלפט ארויש ציהען די נעץ פון דעם וואשר ׃ אונ דר בחיי שרייבט נאך מער די גמרא זאגט גאט האט גיגעבן צו ישראל

פיש אין מצרים דאש די ווייבר זיינן גיגאנגן
שעפין וואשר מיט זייערע קריג האט גאט זיי
צו גשיקט פיש אין זייערע קריג · אונ דר בחיי
אונ דר תולדות יצחק שרייבן הדגה איז טייטש
טויטע פיש אזו וויא מיר גיפינן ביי יונה דש
איין פיש האט אים איין גשלונגן שטייט ויתפלל
יונה אל יי ממעי הדגה יונה האט תפלה גיטאן צו
גאט פון די גידערים פון איין טויטן פיש דען
דער פיש וואש האט יונה איין גישלונגן איז
באלד גיטייט גיווארין אונ גאט האט גשיקט
איין אנדר פיש אריין צו נעמן יונה אין זיך
אריין דען עש איז ניט קיין כבוד צו איין צדיק
צו זיין אין איין טויטן פיש אונ דרום שטייט
ווייטר אין פסוק ויאמר יי לדג ויקא את יונה גאט
האט גזאגט צום לעבדיגין פיש אונ ער האט
אויש גישפייאין צו יונה אזו זעהן מיר דאש
דגה איז איין טויטר פיש אונ דא שטייט אויך
הדגה דאש מיינט מען אויך די מצרים האבן
צו ישראל גיגעבין עסין די טויטע פיש וואש
זיינן אלט פיר אדר פינף טעג וואש זיי זיינען
אום גזונט צו עסן אבר ניט קיין פרישע פיש
דען די מצרים האבן גיוואלט טייטן די ישראל
מיט די אלטע פיש את הקשואים די ישראל זאגן
מיר גידיינקן די פלוצערין אונ די ציבעלעם
אונ קנאביל אונ די בוריקעם וואש מיר האבן
גיגעסן אין מצרים רש"י שרייבט דר מן האט
גיהאט איין טעם פון אלערלייא שפייז וואש
אויף דר וועלט איז נאר ניט אזו וויא די מינים
ווש דא שטייען דרום האבן זיי גזאגט די מינים
האבין מיר ניט · אונ גאט האט דאש גיטאן
פון זייער טובה וועגן וייל די מינים שאטן צו
איין מעוברת אונ צו איין מינקת · אונ דער
צרור המור שרייבט דר מן האט גבראכט דעם
מענטשין ער זאל טאן מצות אונ זאל לערנן
תורה אונ זאל טראכטין אין גאטש דינשט
אונ דרום האבן זיי אויף אים גרעט ביז וייל
זיי האבין גיוואלט אזעלכע שפייז וואש זאל
דעם גוף לושטיג מאכין צוא נאך גיין נאך
תענוגים דאש האבין אונזרע חכמים גיזאגט
חנם בלא מצות כלומר די ישראל האבין גיזאגט
מיר האבן אין מצרים גיגעסן די מינים וואש
בריינגען ניט צו טאן מצות דרום זיינען מיר
גיווען פרייא אן מצות אבער דר מן בריינגט
דעם מענטשין צו טאן מצות אונ צו לערנען
תורה ועתה נפשנו יבשה אין כל בלתי אל המן עינינו די
ישראל זאגין טאג אונ נאכט עסין מיר נאר
מן אונ ניט קיין אנדר שפייז עס איז שוין אונז
גמאס גיווארין אלין איינש צו עסן · אונ גאט
טוט דעם מן לויבן אונ זאגט וויא דר מן איז
זייער גוט ער האט איין פנים וויא גליינדר אונ
איין גישטאלט וויא קרישטאל · אונ דר צרור
המור שרייבט גאט האט דעם מן גילויבט דען
עש איז גיוואוקסט צו איין עסין עס זאל גוט
זיין מוז מען האבין פיר זאכן · דאש ערשטע
איז עס זאל זיין גזונט צום קאפ אונ גוף · דש
אנדרע איז דאש עסין מוז זיין שיין צו זעהן
עש זאל דעם מענטשן איין לושט מאכן · דש
דריטע איז עש מוז זיין זיס צום מויל · דאש
פערטע איז עש מוז זיין ריין אונ דר מיט האט
גאט גילויבט דעם מן · דאש ערשטע האט
ער גיזאגט כזרע גד דר מן איז גיזונד אזו וויא
גליינדר איז גיזונט צום קאפ אונ צו די אויגין
דאש אנדרע האט ער גיזאגט כעין הבדולח דר
מן איז שיין אן צו זעהן אזו וויא איין קרישטאל
דאש דריטע האט ער גיזאגט לשד השמן דר מן
איז זיס וויא האניק אונ בומיל · דאש פערטע
האט ער גיזאגט וברדת הטל ירד המן עליו דער מן
פאלט ריין דער טל ליגט פון אונטין אונ פון
אויבין · אונ דר תולדות יצחק שרייבט דיא
ישראל האבין גיזאגט דר מן איז זייער וייש
ער מאכט זיי בלינד די אויגן האט גאט גזאגט
כעין הבדולח ער איז אזוא וויא קרישטאל וואש
מען מאכט דר פון ברילן וואש די אלטע לייט
זעהן אויף זיי כלומר ער נעמט ניט צו דאש
זעהן פון די אויגין ער גיט נאך צו זעהונג צו
די אויגין · אונ רש"י שרייבט נפשנו יבשה איז
טייטש די ישראל האבין גיזאגט דר מן האט
קיין אויש גאנג ניט פון אונזער לייב דער סוף

נועט זַיין דָאשׁ אוּנְזֶרֶע בַּייכֶר וָועלְן גִישְׁוָואלְן וֶוערִין דָר פוּן אוּנ מִיר וֶועלְן שְׁטַארְבִּין דוּרְךְ דָעם • פְרֶעגְט דֶער חִזְקוּנִי נָאט הָאט דָאךְ גִיהַייסְן מַאכְן אִיטְלִיכְן יִשְׂרָאֵל אַיין אַיינָערְנֶם נָאגִיל עֶר זָאל אִים הַאלְטְן בַּייא זִיךְ וֶוען עֶר וֶועט זַיין צוֹרֶךְ טָאן אִין דֶער מִדְבָּר זָאל עֶר מִיט דָעם נָאגִיל אָן גְרָאבִּין עֶרְד צוּ צוּ דֶעקְן זַיין צוֹרֶךְ • וָועת אִיךְ דָאךְ דָאס יִשְׂרָאֵל הָאבְּן יוֹא גִיהַאט אַיין אוֹיש נַאגְג אִין דֶער מִדְבָּר הָאטְשֶׁע זַייא הָאבִּין גִינֶעסִין דָארְטִין דָעם מַן נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַזוֹא דִיא אוּמוֹת הָאבְּן גִבְרַאכְט שְׁפַּייז צוּ פַר קוֹיפְן צוּ יִשְׂרָאֵל אִין דָר מִדְבָּר דָר פוּן הָאבְּן זֵיי צוֹרֶךְ גִהַאט • דְרוּם הָאט גָאט גִיהַייסְן מַאכְן אַיין אַיינָערְנֶם נָאגִל צוּ צוּ דֶעקְן דָעם צוֹרֶךְ • וְשָׁחֲגוּ בְּרֵחַיִם אוֹ דָכוּ בַּמְּדוֹכָה רש״י שְׁרַייבְּט דֶער מַן הָאט אַלֶע עֶרְלַייא טְעָמִים גִיהַאט • עֶר הָאט אִין זִיךְ גִהַאט אַיין טַעַם פוּן דִי זַאכְן וָואשׁ מֶען מָאלְט אִין אַיין מִיל אוּנ פוּן דִיא זַאכִין וָואשׁ מֶען שְׁטוֹיטְשְׁט אִין אַיין שְׁטוֹיסִיל • אוּנ פוּן דִיא זַאכְן וָואשׁ מֶען קָאכְט אִין אַיין טָאפּ • אוּנ דָר חִזְקוּנִי זָאגְט דִי גְמָרָא זָאגְט דִיא צַדִיקִים הָאבְּן דָעם מַן גִיקֶענְט עֶסִין אַזוֹ וִויא עֶר אִיז פוּן דָעם הִימִיל גִיפַאלִין • אוּנ דִיא מִיטִיל מֶעסִיגֶע לַייט הָאבְּן אִים גִימוּזְט צוּ שְׁטוֹיסִין אִין אַיין שְׁטוֹיסִיל אוּנ הָאבִּין אִים גִינֶעסִין • אוּנ דִי רְשָׁעִים הָאבְּן אִים גִימוּזְט קָאכְן אִין אַיין טָאפּ אוּנ הָאבְּן דָר נָאךְ גִינֶעסִין • בּוֹכֶה לְמִשְׁפְּחוֹתָיו רש״י שְׁרַייבְּט זַייא הָאבִּין זִיךְ אַיין גִיזַאמִילְט מִשְׁפָּחוֹת וַויים אוּנ הָאבְּן גִיוַויינְט בְּפַרְהֶסְיָא צוּ אַרוֹיש וַוייזִין זַייעֶר בֵּייז הַארְץ דָאשׁ זֵיי רֵיידְן בֵּייז אוֹיף גָאט • אוּנ דִי חֲכָמִים זָאגְן אִין דָר גְמָרָא זֵיי הָאבְּן גִיוַויינְט פוּן וֶועגְן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואשׁ מֶען הָאט זֵיי פַר בָּאטְן פוּן צוּ לִיגְן בַּיי אַיין אֵשֶׁת אִישׁ אוּנ נִיט צוּ נֶעמְן אַיין קְרוֹבָה • דְהַיְינוּ אַיין מוּטֶר אָדֶער אַיין שְׁוֶועסְטֶר פַר אַיין וַוייבּ פְּרֶעגְט דֶר אִמְרֵי נוֹעַם וָוארוּם הָאבִּין זַייא אִיצוּנְד גִיוַויינְט אוּנ נִיט אוֹיף דָעם בַּארְג סִינַי בִּשְׁעַת אַז מֶען



הָאט עֶס זֵיי פַר בָּאטְן • דָר תֵּירוּץ אִיז זַייא הָאבְּן נִיט גִיוָואלְט פַר מִישְׁן דִי שִׂמְחָה בַּייא דָעם בַּארְג סִינַי • דְרוּם הָאבִּין זַייא אִיצוּנְד גִיוַויינְט • נָאךְ אַיין תֵּירוּץ קֶען מֶען זָאגְן זַיי הָאבִּין דְרוּם גִיוַויינְט אִיצוּנְד בַּייא דָעם מַן פַאלִין • אַזוֹ וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט דָר מַן הָאט גִיוַוייזִין וֶוער עֶשׁ אִיז מְזַנֶה • אוּנ אוֹיךְ וֶוען אַיין אִשָּׁה וָואשׁ דָר מַן אִיז אִיר גִישְׁטָארְבִּין • אוּנ זַייא הָאט גִינוּמְן אַיין מַן פַר דְרַיי חֳדָשִׁים נָאךְ דָעם מַאנְשׁ טוֹיט אוּנ הָאט גִיהַאט אַיין קִינְד צוּ זִיבְּן חֳדָשִׁים • הָאט מֶען נִיט גִיוואוּסְט אוֹיבּ עֶס אִיז וָוארְן גִיבָּארִין צוּ זִיבְּן חֳדָשִׁים פוּן דָעם אַנְדֶערְן מַאן אָדֶר צוּא נַיין חֳדָשִׁים פוּן דָעם עֶרְשְׁטְן מַאן אַזוֹ אִיז מֶען דָאס גִיוָואר גִיוָוארְן דוּרְךְ דָעם מַן • דֶען דָר מַן אִיז גִיפַאלְן פַר אִיטְלֶעכְן גִיצֶעלְט אַזוֹ פִיל מֶעסְטְלִיךְ וִויא פִיל מֶענְטְשִׁין אִין דָעם גִיצֶעלְט אִיז גִיוֶוען אַיין מֶעסְטִיל צוּ אִיטְלֶעכְן • אוּנ אוֹיבּ זַייא זַיינְן גִיוֶוען נַיין מֶענְטְשְׁן בַּיי דָעם אַנְדֶערִין מַאן חוּץ דָעם קִינְד • אוּנ עֶשׁ אִיז גִיפַאלִין צֶעהֶען מֶעסְטְלִיךְ מַן • הָאט מֶען גִיוואוּסְט אַז דָאשׁ אִיז זַיין קִינְד • אָבֶּר אַז עֶשׁ אִיז נָאר גִיפַאלְן נַיין מֶעסְטְלִיךְ מַן אוּנ פַר דָעם גִצֶעלְט פוּן דָעם עֶרְשְׁטִין מַאן אִיז גִיפַאלִין אַיין אִיבֶּערִיגֶע מֶעסְטִיל • הָאט מֶען גִיוואוּסְט דָאשׁ דָאשׁ קִינְד אִיז פוּן דָעם עֶרְשְׁטְן מַאן • אוּנ אוֹיךְ וֶוען אַיין אִשָּׁה הָאט גִיהַאט אַיין קִינְד פוּן זְנוּת הָאט מֶען גִיזֶעהֶן בַּייא וֶועמֶען עֶשׁ אִיז אַיין אִיבֶּערִיגֶע מֶעסְטִיל מַן גִיפַאלִין פוּן דָעם אִיז דָאשׁ קִינְד • דְרוּם הָאבִּין דִיא וַוייבֶּר מוֹרָא גִיהַאט מְזַנֶה צוּ זַיין • דֶען דָר מַן וֶועט אוֹישׁ זָאגִין מִיט וֶועמֶן זִיא הָאט מְזַנֶה גִיוֶוען דְרוּם הָאבִּין זַייא אִיצוּנְד גִיוַויינְט • הֶאָנֹכִי הָרִיתִי אֵת כָּל הָעָם הַזֶּה מֹשֶׁה זָאגְט צוּא גָאט וָוארוּם טוּשְׁטוּ דִי מַשָּׂא פוּן דָעם פָאלְק אוֹיף מִיר • הָאבּ אִיךְ דֶען גִיטְרָאגִין דָאשׁ פָאלְק אָדָר הָאבּ אִיךְ דֶען זַייא גִיוואוּנְן וָואשׁ דוּא זָאגְשְׁט מִיר אִיךְ זָאל זַיי טְרָאגְן • אַזוֹ וִויא אַיין דֵּר צִיהֶר טְרָאגְט אַיין זֵייגֶענְדִיגֶע קִינְד •

תרגני נא הרוג אויב דוא ווילסט מיר אזו א מאן
זאלשטו מיך בעסר הרגנן · אונ דרום זאגט
ער צווייא מאל הרגני נא הרוג כלומר משה רבינו
זאגט צו גאט רבונו של עולם איך וועל ממה
נפשך זיין דער שלאגין · וועל איך עפעש
זאגין צו ישראל וועלן זיי מיך דערגענן וועל
איך זיי ניט זאגין וועל איך חייב מיתה זיין
וואש איך וועל ניט טאן דיין שליחות · אונ
ווייל משה האט גזאגט גאט זאל אים הרגענן
דורך דעם איז ער גישטארבן · דען דורך דבי
זאכן ברייגנט מען הם ושלום אויף זיך אליין
בייז · איינש איז ווען איינר ווארפט ברעקלך
ברויט אויף דער ערד ברייגנט ער אויף זיך
דלות דאש אנדערע איז ווען איינער ניט
זיך אליין איין קללה קומט דער שטן פר גאט
אונ זאגט דר מענטש באגערט אויף זיך
אליין בייז · אונ האטשע משה האט דאך
פריער אויך גיזאגט ביי דעם עגל מחני נא מספרך
מעק מיך אפ פון דיין ספר החיים · אונ פון
דעשט וועגין האט ער גילעבט · דאש האט
ער גיזאגט אן בעס · אבר דא האט ער גיזאגט
מיט בעס דרום איז ער דורך דעם גישטארבן
אונ דאס דריטע איז ווען איין מענטש צינט
אן איין ליכט אין מוצאי שבת איידר מען
זאגט ויהי נועם ואתה קדוש דר ברייגנט אויף זיך
בייז דען די מתים שילטן אים · אזו שרייבט
דר צרור המור · אספה לי שבעים איש גאט האט
משה געענטפערט דו וועשט ניט אליין טראגן
די משא פון ישראל · זאמל מיר איין זיבעציג
אלטע לייט פון ישראל אונ זייא וועלין דיר
העלפין אין אלץ דינג · רש״י אונ דער בחיי
פרעגן עס איז דאך אין מצרים גוועזן זיבעציג
זקנים · דר תירוץ איז די זקנים זיינען פאר
ברענט גיווארין אין תבערה וואש די ישראל
האבין גירעט בייז אויף גאט אונ די זקנים
האבין ניט גירעט קיין בייז אויף גאט נאר
זיי זיינן חייב מיתה גיווארן בייא מתן תורה
וואש זיי האבן פיל גיזעהן אין דעם וואלקן
גואו גאט איז גיוועזן · נאר גאט האט זייא

דענשט מאל ניט גיטייט ווייל ער האט ניט
גיוואלט פאר מישן דיא שמחה פון מתן
תורה · דרום זיינן זייא פאר ברענט גיווארין
אין תבערה ווייל ישראל האבן אן דעם גיוויינט
אזו האט גאט גיזאגט לאזן זיי אויף דיא
זקנים אויך וויינן · אונ גאט האט גיזאגט צו
משה קלייב אויש זיבעציג זקנים פון די וואס
האבין זיך גילאזט שלאגין אין מצרים איבר
ישראל · דען זיי זיינען גיווארין גיזעצט פון
פרעה איבער ישראל צוא זעהן דיא ישראל
זאלין רעכט ארבעטין · אונ זיי האבין צוא
ישראל גרינגר גימאכט די ארבעט אונ האבן
זיך גילאזט שלאגן · דרום האבין זייא זוכה
גיוועזן צוא זיין הארין איבער ישראל · אונ
דו זאלסט צו זיי זאגין וואול צו איך דאש
איר זייט זוכה צו זיין הארין איבר די קינדר
פון גאט · אונ שטעל דיא זקנים לעבין דיר
דאש ישראל זאלין זעהען אונ זאלין מורא
האבין פאר זייא · ואצלתי מן הרוח אשר עליך אונ
איך וועל אפ שיידין פון דיין נבואה אונ וועל
געבין אויף זיי · דר בחיי שרייבט ווייל משה
האט זיך איבער גיענטפערט צום טויט פון
וועגן ישראל · דרום האט ער זוכה גיוועזן
דאש פון זיין רוח נבואה איז ווארין גיגעבין
אויף דיא זקנים גלייך וויא גאט ניט פון
זיך איין רוח נבואה אויף דיא נביאים
אונ אז גאט האט גירעט צו משה איז דיא
נבואה אויף זיי אויך גיקומען אונ זיי האבין
גיהערט וואש גאט האט צו אים גירעט · עד
חודש ימים תאכלו בשר גאט האט גזאגט איר וועט
עסין פלייש איין גאנצין חודש דרייסיג טעג
רש״י שרייבט אטייל חכמים זאגין די כשרים
פון ישראל האבין איין חודש צער גיהאט
פון דעם פלייש אונ דר נאך זיינן זיי גישטארבן
אונ די רשעים האבן נאך דאש פלייש גיהאט
צווישין די ציין אונ זיינן באלד גישטארבן ·
אונ אטייל חכמים זאגין דיא כשרים זייגען
באלד גישטארבין · אונ דיא רשעים האבין
דרייסיג טאג צער גיהאט אונ דר נאך זייגען

זיי גישטארבין • והיה לכם לזרא איר ווערט אזוא לאנג עסין פליישׁ ביז עשׁ ווערט אייך נמאס ווערין • אונ איר ווערט דורך דעם אום קומן • ויאמר משה שש מאות אלף רגלי העם הזה האט משה גיזאגט צו גאט זעקס הונדערט טויזינט מאן זיינען ארויס גיגאנגען פון מצרים • אונ דוא ווילשט זיי געבן איין חודש פליישׁ עסין אונ דר נאך זאלין זיי שטארבין • הצאן ובקר ישחט להם ומצא להם איז דען רעכט מען זאל זייא קוילין שאף אונ רינדר אונ דאשׁ זאל זייא גינוג זיין אויף אייביג • עשׁ איז גלייך וויא מען זאגט צוא איין איינזיל מען ווערט דיר געבן איין מאס גערשטין אויף עסין אונ דר נאך ווערט מען דיר דעם קאפ אפ האקין • האט גאט צוא אים גיזאגט ווען איך וועל זיי קיין פליישׁ ניט געבין ווערין זיי זאגין איך האב קיין כח ניט צו געבין פליישׁ אין דר מדבר אזו ווערט מיין נאמען ווערין פאר שוועכט • דרום מוז איך זיי פליישׁ געבן נאר זיי ווערין מוזין פר לארין ווערין דורך דעם • דען איך ווייש וואול זיי זוכין נאר איין בלבול ווען איך וועל זיי געבין אקסין פליישׁ ווערין זיי זאגין זיי ווילין שאפין-פליישׁ • וועל איך זייא געבין שאפין פליישׁ ווערין זייא דאך זאגין זיי ווילין אקסין פליישׁ אדר זייא ווילן פישׁ • האט משה גזאגט צו גאט איך וועל גיין צוא ישראל אונ וועל זייא איבער ריידין דאשׁ זייא זאלין קיין בייז ניט ריידין • האט גאט צו אים גיזאגט עתה תראה היקרך דברי אם לא איצונד וועשטו זעהן אויב עשׁ ווערט ניט זיין אזו וויא איך האב דיר גיזאגט דאשׁ זייא ווערין דיך ניט צו הערין איז משה גיקומען צו ישראל אונ האט גיזאגט צו זיי האט דען גאט קיין כח ניט צוא טאן אלץ וואשׁ ער וויל • ער האט אונז גיגעבין וואסער פון איין שטיין אונ מן פון דעם הימל • האבין דיא ישראל אים גיענטפערט ער האט קיין כח ניט צו טאן אונזער ווילין • דרום שיקט ער אונז איין צוא ריידין מיר זאלין ניט ווערין

קיין פליישׁ • אונ דר תולדות יצחק אונ דער אבן שואב שרייבין די ישראל האבן גיהאט גינוג בהמות צו עסין נאר זיי האבן גיזאגט גאט האט פאר באטין מען זאל קיין פליישׁ ניט עסין ביז מען זאל פריער דאשׁ בלוט שפריינגען אויף דעם מזבח אונ מען זאל מקטיר זיין דעם חלב • אונ עשׁ איז מער קיין כהנים ניט דא נאר אהרן מיט זיינע צווייא קינדער • אונ וואשׁ קענען זיי גינוגין טאן צו כל ישראל • דרום שטייט ניט מי יתן לנו בשר ווער ווערט אונז געבין פליישׁ דען זיי האבין גינוג פליישׁ גיהאט • נאר זיי האבין גיזאגט מי יאכילנו בשר ווער זייגן• די כהנים וואשׁ קענען אונז גינוג פליישׁ מאכן עסין • דאשׁ זיי ווערין מקריב זיין דאשׁ חלב אונ דאשׁ בלוט מיר זאלין מעגין עסין גינוג פליישׁ • האט גאט גיזאגט איך וועל אייך געבין גינוג פליישׁ אונ ווערט האבן צו עסין האטשׁע איר האט ווייניג כהנים • איך וועל אייך געבן וואכטלען דאשׁ מען דארף ניט מקריב זיין זייער חלב אונ בלוט אויף דעם מזבח • אויך שרייבט דר תולדות יצחק ווארום האט גאט פריער גיזאגט דאשׁ זיי ווערין עסין אחודש פליישׁ אונ דער נאך האט ער זייא גיטייט אז דאשׁ פליישׁ איז נאך גיווען צווישין זייערע ציין אונ האט ניט גיווארט איין חודש • דר תירוץ איז משה האט גיזאגט צוא גאט ווייל דוא האשׁט גיזאגט זייא ווערין עסין איין חודש פליישׁ אונ ווערין שטארבן פון פיל עסין • אזו ווערין זייא זיך היטין ניט פיל צוא עסין כדי זיי זאלין ניט שטארבן • אונ ווען אפילו פיל רינדער אונ שאף ווערין גיקולעט ווערין צוא עסין זיי • אדר אלע פישׁ פון דעם ים ווערין ווערין איין גיזאמילט צוא זייא ווערין זיי זיך דאך היטין פיל צו עסין • אזוא ווערט דיין גזירה ניט מקוים ווערן • האט גאט צו אים גיזאגט היד יי׳ תקצר האט דען גאט קיין כח ניט צוא טייטין זייא האטשׁע זייא ווערין ווייניג פליישׁ עסין • הבשר עודנו בין שניהם דאשׁ

לייש

פליש איז נאך גיוועזן צווישן זייערע ציין אזוא האט זיא גאט באלד גיטייט צוא וויזין דאש ער קען זיא טייטין חאטשע זיי עסין ווייניג פליש • וישארו שני אנשים במחנה רשי אונ דר בחיי אונ דר אבן שועיב שרייבן גאט האט גיהייסין נעמען זיבעציג זקנים פון ישראל פאר נביאים • האט משה גיזאגט די ישראל זיינען צוועלף שבטים ווען איך וועל נעמן פון איטליכין שבט זעקס זקנים וועט זיין צווייא איבעריגע • דען צוועלף מאל זעקס איז צוויי..אונ זיבעציג • וועל איך נעמען פון צווייא שבטים צוא פינף זקנים וועלין זיך די שבטים מיט מיר קריגין ווייל איך נעם פון זייא ווייניגער זקנים וויא פון אלע שבטים • דרום האט משה גינומן צוויי אונ זיבעציג זקנים צוא זעקס פון איטליכען שבט • אונ האט גינומען צוויי אונ זיבעציג קוויטלאך • אויף זיבעציג האט ער אן גישריבן זקן אונ צווייא איז גיוועזן ליידיג • דער וואש וועט נעמען איין קוויטעל זקן דר וועט ווערין איין נביא • אונ דער וואש וועט נעמען איין ליידיג קוויטעל דער וועט זיך אפ שיידין • דען גאט וויל אים ניט פר קיין נביא • אונ מען האט גורל גיווארפין ווער עש זאל פריאר נעמען איין קוויטעל • דען דר פריעדיגר קען גיבער קריגין איין קוויטל זקן • ווייל עש זיינען נאך דא פיל קוויטלאך זקן • אונ אלדד ומידד זיינען גיוועזן פון די זקנים וואש משה האט אויש גיקליבין צום גורל • אונ זייא זיינען זייער פרום גיוועזן אונ האבין זיך נידעריג גיהאלטין אונ האבין זיך באהאלטין אונ האבין ניט גיוואלט גיין צום גורל • דען זיי האבין גיזאגט ווען דער גורל וועט אויף אונז גיפאלין צוא זיין זקנים וועלין אנדערע צווייא זקנים ארויש גיין בחרפה • דרום זיינען זייא ניט גיגאנגען אין משכן צום גורל • אונ אטייל חכמים זאגין דאש זיי זיינען יוא גיגאנגען צום גורל ווייל משה האט זיי גיבעטין • דרום האבין זיי ניט

גיוואלט עובר זיין דאש גיבאט פון משה • אונ אז זייא זיינען גיקומען צום גורל האבין אכט אונ זעכציג זקנים ארויש גינומען קוויטלאך וואש אויף זייא איז גישטאנגן זקן • אונ צוויי זקנים האבין גינומען דיא ליידיגע צוויי קוויטלאך • אונ זיינען איבער גיבליבין דיא הינטערשטע צוויי קוויטלאך פון זקן צו אלדד ומידד • האבין זיי ניט גיוואלט נעמען דיא קוויטלאך • אונ האבין גיזאגט לאזין זיי בלייבין צוא דיא צווייא זקנים וואש האבין גינומן די ליידיגע קוויטלאך • דען זייא זיינען מער ראוי צו זיין זקנים וויא מיר • חאטשע גאט וויל זייא ניט אונ וויל אונז • אונ ווייל זייא האבין זיך נידעריג גיהאלטין האבן זיי זוכה גיוועזן צוא האבין מער כבוד וויא אלע זקנים • דען דיא זקנים האבין מער קיין נביאות ניט גיקאנט זאגין נאר וואש עש וועט גישעהען אין זייערע צייטין • אבער אלדד ומידד האבין נביאות גיזאגט וואש וועט גישעהען אין דיא טעג פון משיח מיט גוג ומגוג • אונ דיא נעמען פון דיא זקנים זיינען ניט אן גישריבין גיווארין אין דער תורה • אבער דיא נעמען פון אלדד ומידד זיינען ווארין אן גישריבין אין דר תורת • אויך אלע זקנים האבין נביאות גיזאגט פון דעם רוח פון משה • אבער אלדד ומידד האבין נביאות גיזאגט פון דעם רוח פון גאט אונ אויך דיא אלע זקנים זיינען גישטארבין אין דער מדבר אבער אלדד ומידד זיינען גיקומען קיין ארץ ישראל וירץ הנער ויגד למשה איז גילאפין גרשום דער זון פון משה אונ האט גיזאגט צוא משה אלדד ומידד זאגין נביאות אין דער מחנה ויאמר אדוני משה כלאם האט יהושע גיזאגט צו משה מיין האר זעץ זייא איין אין דער תפיסה דען זייא האבין גיזאגט משה וועט שטארבין אונ יהושע וועט פירין דיא ישראל קיין ארץ ישראל אונ חאטשע זייא האבין נוטש גיזאגט אויף יהושע דאש ער וועט איין מלך ווערין דאך

האט אים באנק גיטאן וואש זייא זיינן מבייש
זיין רבי דרום האט ער גיזאגט צוא משה
זעין זייא איין אין דער תפיסה ויאסף משה אל
המחנה הוא וזקני ישראל משה מיט דיא זקנים
זיינען ווארין איין גיזאמילט אין דר מחנה׃
דער צרור המור שרייבט דער פסוק ווייזט
אונז וויא משה האט זיך נידעריג גיהאלטין
אונ עש האט אים ניט גיארט וואש די זקנים
האבן שררה שאפט גלייך מיט אים ניט אזו
וויא אמדערע ווילין נאר זייא אליין זאלין
זיין שררות אונ ניט קיין אנדערער׃ דער
תולדות יצחק אונ דער צרור המור אונ
דער אבן שואב שרייבין אלדד ומידד זיינען
גיוועזן ברידער צו משה פון איין פאטער דען
עמרם האט גיהאט זיין מומע יוכבד פאר
איין ווייב׃ אונ וויא ער האט גיהערט פון
משה דאש דיא תורה וועט פאר באטין צו
נעמען איין מומע׃ אזוא האט ער זיך אפ
גישייד פון יוכבד אונ האט גינומען איין
אנדער ווייב אונ האט גיוואונען מיט איר
אלדד ומידד אונ דרום האט איינער גיהייסן
אלדד דאש איז טייטש ער איז ניט קיין
פעטער׃ כלומר ער איז ניט ווארין גיבארין
פון איין מומע׃ אונ מידד איז טייטש ווער
איז דער פעטער כלומר ער איז אויך ניט
ווארין גיבארין פון איין מומע׃ דריי בייזע
מדות האבין דיא ישראל גיהאט אין דער
מדבר איינס איז קנאה דאש איז גיוועזן
ביי יהושע דאש משה האט אים גיענטפרט
המקנא אתה לי ווילסטו דען דיך מקנא זיין פון
מיינט וועגין׃ אונ האטשע יהושע האט
דאש גיטאן לשם שמים וויל אלדד ומידד
האבין גיפסקנט איין הלכה פאר זייער רבי
משה דאך האט משה אין אים אן גישריען
אונ ער איז דורך דעם גישטארבין צעהען
יאר איי זיין צייט איז גיקומן אנטקעגין צעהן
ווערטער פון פסוק ויען יהושע בן נון משרת משה
מבחוריו ויאמר אדוני משה כלאם דאש אנדערע איז
תאוה אזו וויא מיר גיפינען דאש אהרן

אונ מרים האבין גירעט אויף משה וואש
משה האט זיך אפ גישייד פון זיין ווייב וויל
דיא שכינה האט אלע צייט גירעט מיט
אים אונ אהרן אונ מרים האבין גיזאגט עס
איז ראוי ער זאל זיך ניט אפ שיידין פון
איר וויל ער האט שלעכטע קינדר טאמער
וועט ער אויף דער עלטר בעסערע קינדר
האבין אונ דרום זיינען זייא גישטראפט
גיווארין אויך גיפינען מיר אין דער סדרה
דאש דיא ישראל האבין גיגלושט פיל
פלייש צוא עסין׃ דאש דריטע איז כבוד
דען מיר זעהען דיא תורה לויבט אלדד
ומידד דאש זייא האבין ניט גיוואלט אן
נעמען קיין שררה שאפט אונ קיין כבוד
מוז זיין אז אנדערע זקנים זיינען יוא נאך
גינאנגען נאך כבוד׃ אויך גיפינען מיר
דאש דורך דעם זיינן אלע זקנים גישטארבן
אין דר מדבר׃ אונ אלדד ומידד זיינען יוא
גיקומען קיין ארץ ישראל׃ ויאסף משה
אל המחנה משה איז אריין גינאנגען אין
דער מחנה ער אונ די זקנים אונ די וואכטלן
האבין זיך ניט גיוויזין ביז דיא זקנים זיינען
גיקומען איטליכער אין זיין גיצעלט אונ דער
נאך האט גאט גיבראכט איין ווינט אונ ער
האט גיבראכט צו פליען די וואכטלען פון
דעם ים אונ האט זיי פאר שפרייט ארום דר
מחנה אויף אלע פיר זייטין איין טאג גאנג
אויף איטלעכער זייט׃ אונ זיי זיינען נידריג
גיפלויגין גלייך אנטקעגין דעם הארצין פון
דעם מענטשין כדי עש זאל זיין גרינג צוא
נעמן זיי מען זאל זיך ניט דארפין איין בויגן
אדר אויף הויבין צו נעמן זיי׃ אונ דר חזקוני
שרייבט זיי זיינען גראב גיפאלין איינס אויף
דאס אנדערע ביז צווייא איילין פון דר ערד אונ
די ישראל האבין גיקליבין איין גאנצין טאג
אונ איין גאנצע נאכט אונ ווידר דעם אנדרין
טאג אונ דר מינסטער וואס האט ניט גיקאנט
גיך קלייבין דהיינו איין הינקעדיגר האט אויך
צעהען הויפין איין גיזאמילט׃ דער חזקוני

שרייבט

שרייבט איטליכער מענטש האט אן גיקליבן דריי הונדערט סאה אונ האט גיהאט אויף איין חודש אויף דרייסיג טעג אזו האט ער אויף איין טאג גיהאט צעהן סאה אונ דיא ישראל האבין עס פאר שפרייט צו טריקענן ארום דר מחנה הבשר עודנו בין שניהם דאס פלייש איז נאך גיוועזן צווישין זייערע צין זיי האבן עש נאך ניט פאר דייעט אונ גאט האט זיא באלד גישייט · דר חזקוני שרייבט דרום האט זיי גאט פריער פלייש גגעבן אונ דר נאך האט ער זיי גיטייט דען ווען ער וואלט זיי פריער גיטייטן אזוא וואלט מען גיזאגט וויל גאט האט קיין כח ניט גיהאט צו געבין זיי גינוג פלייש דרום האט ער זיי גיטייט אונ דר בחיי פרעגט ווארום האט משה דא קיין תפלה ניט גיטאן אזו וויא ער האט תפלה גיטאן בשעת אז דיא ישראל האבין גירעט בייז אויף גאט אונ איין פייער פון דעם הימיל איז גיקומען אונ האט פאר ברענט פיל פון ישראל אזוא האט משה תפלה גיטאן איז דאש פייער איין גיזונקען גיווארין אין דער ערד · דער תירוץ איז וויל דיא ישראל האבן שוין פיל בייז גיטאן דען זיי האבין גיזעהן וויא דאס פייער פון גאט האט זיי פאר ברענט אונ זיי האבין דאך בייז גירעט אונ האבין ניט גיגלויבט אין גאט דרום האט משה פאר זיי קיין תפלה ניט גיטאן אויך האט זיך משה גיפארכטין וויל ער האט דא אויך מיט כעס גירעט אנטקעגין גאט אונ האט גיזאגט ועסטו דען קענען גינוג פלייש געבין צוא ישראל · אויך האט ער גיזאגט למה הרעותה לעבדך ווארום האסטו דיין קנעכט שלעכץ גיטאן דאש איך זאל אליין פירין די ישראל אונ עס איז ניט רעכט אזוא צוא ריידין אנטקעגין גאט דרום האט ער מורא גיהאט תפלה צו טאן פאר ישראל כי שם קברו את העם המתאוים דאש ארט וואו מען האט באגראבין דיא וואש האבין גיגלוסט פלייש האט מען גירופין קברות התאוה דאש איז טייטש דאש זיינען קברים וואס מען האט דארטין באגראבין די וואס האבין גיגלוסט פלייש · אונ אפילו אין קבר האבין זיי אויך גישריען רעב רעב זייא זיינען הונגעריג אונ גלוסטין נאך צוא עסין

ותדבר מרים ואהרן במשה מרים אונ אהרן האבין בייז גירעט אויף משה על אודות האשה הכושית אשר לקח וויל ער האט גינומן איין שיין ווייב וואס זיא איז שיין אין מעשים אונ ער האט זיך פון איר אפ גשייד אונ דרום רופט זיא דר פסוק כושית דען אזו איז דר סדר אויף איין שיין קינד זאגט מען ציגיינער כדי מען זאל אים קיין עין הרע ניט געבין אונ דרום זאגט דער פסוק אויף אים עדות והאיש משה ענו מאוד משה איז גיוועזן איין גרויסער עניו אונ איין ביישן אונ איין צדיק ער האט ניט גיקוקט אויף זיין ווייב אויב זיא איז שיין אדר ניט אזו וויא אברהם האט ניט גיקוקט אויף זיין ווייב שרה אונ דר אבן שואב אונ דער חזקוני שרייבין דאס אין ספר דברי הימים שטייט דאש משה איז גיוועזן איין מלך אין לאנד כוש אז ער איז אנטלאפין גיווארין פאר פרעה אונ האט די מלכה פון כוש גינומען פאר איין ווייב אונ דרום האט אהרן אונ מרים אויף אים בייז גירעט אונ האבין גיזאגט וויל גאט האט מיט אים גירעט דרום האלט ער זיך הויך אונ חשוב אונ וויל ניט נעמן איין בת ישראל פאר איין ווייב נייערט איין מלכה פון דיא עובדי כוכבים אמער גאט האט דאך מיט אונז אויך גירעט · רשי פרעגט וויא האט מרים גיוואוסט דאש משה האט זיך אפ גישייד פון זיין ווייב דער תירוץ איז מרים איז גישטאנגן לעבין צפורה אז מען האט גיזאגט צו משה דאש אלדד ומידד זיינען נביאים גיווארין האט צפורה גיזאגט וויא צו זייערע ווייבער דען זייערע מאנען ווערין זיך אפ שיידין פון זייא אזו וויא משה האט זיך אפ גישייד פון מיר אונ מרים האט דאס גיהערט אונ איז גיגאנגען אונ האט דאש דער ציילט פאר

אַהֲרֹן אוּנ הָאטְשִׁי מִרְיָם אוּנ אַהֲרֹן הָאבִּין זִיךְ נִיט מְכַוֵּין גִיוֶועֶן צוּ שֶׁענְדִין מֹשֶׁה זַיינֶען זֵיי דָאךְ גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מְכַוֵּין צוּ שֶׁענְדִין זַיין חָבֵר וֶועט עֶר פְּשִׁיטָא גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין אוּנ דֶער חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט מִרְיָם הָאט גִפְרֶעגְט צוּ צִפּוֹרָה וָוארוּם זִיא צִירְט זִיךְ נִיט אַנְטְקֶעגִן אִיר מַאן מֹשֶׁה דֶען עֶס אִיז אַיין מִצְוָה דִי וַוייבֶּער זָאלִין זִיךְ שַׁיין צִירִין אַנְטְקֶעגִין זֵייעֶרֶע מַאנֶען כְּדֵי דִי מַאנֶן זָאלִין קַיין מַחֲשָׁבָה נִיט הָאבִּן אוֹיף פְרֶעמְדֶע וַוייבֶּר הָאט אִיר צִפּוֹרָה גֶעֶנְטְפֶערְט מֹשֶׁה הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג אָפּ גִשַׁייד פוּן מִיר אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פְרִיעֶר מִרְיָם פַאר אַהֲרֹן וַוייל זִיא הָאט אָן גִיהוֹיבְּן בַּייז צוּ רֵייךְ דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט מִרְיָם אוּנ אַהֲרֹן הָאבִּין גִיזָאגְט מֹשֶׁה הָאט זִיךְ פוּן אִיר אָפּ גְשַׁייד וַוייל זִיא אִיז מִיאוּס דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאוֹד אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק דְרוּם הָאבִּין זֵיי בֵּייז אַהֶער נִיט גִירֶעט וַוייל זֵיי הָאבִּן גִזָאגְט עֶר אִיז גִירֶעכְט וָואס עֶר שַׁייד זִיךְ אָפּ פוּן זַיין וַוייבּ וַוייל עֶר אִיז אַיין נָבִיא אִיבֶּר יִשְׂרָאֵל אָבֶּר הַיינְט אִיז גִיוֶועֶן זִיבֶּעצִיג זְקֵנִים נְבִיאִים מִיט אִים דְרוּם הָאבִּן זֵיי גִרֶעט וָוארוּם שַׁייד עֶר זִיךְ מֶער אָפּ וִויא אַנְדֶרֶע זְקֵנִים פִּתְאוֹם גָאט הָאט זִיךְ בַּוֵוייזְן פְּלוּצְלוּנְג צוּ מֹשֶׁה אוּנ צוּ אַהֲרֹן אוּנ צוּ מִרְיָם ׃ אוּנ אַהֲרֹן אוּנ מִרְיָם זַיינֶען נִיט רֵיין גִיוֶועֶן הָאבִּן זֵיי גִשְׁרִיעֶן וַואשֶׁר צוּ רֵיין מַאכִּן זִיךְ צוּ רֵיידִין מִיט גָאט ׃ אוּנ דָאס הָאט גָאט דְרוּם גִטָאן צוּ וַוייזְן זֵיי דָאשׁ מֹשֶׁה הָאט רֶעכְט גִיטָאן וָואשׁ עֶר הָאט זִיךְ אָפּ גִישַׁייד פוּן זַיין וַוייבּ ׃ וַוייל דִי שְׁכִינָה טוּט זִיךְ אָפְּט צוּ אִים בַּאוַוייזְן אוּנ עֶס אִיז נִיט דָא קַיין גִזֶעצְטֶע צַייט דֶר צוּ ׃ אוּנ דֶר כְּלִי יָקָר שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט זִיךְ גָאט בַּאלְד צוּ זֵיי בַּוֵוייזְן וַוייל אִין זֵייעֶר רֵיידְן אִיז גִיוֶועֶן אַיין חִלּוּל הַשֵּׁם דֶען דֶר וָואשׁ רֶעט אַנְטְקֶעגִן נְבִיאִים אָדֶר אַנְטְקֶעגִן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר רֶעט אַנְטְקֶעגִין גָאט דְרוּם הָאט זִיךְ גָאט בַּאלְד בַּאוַוייזְן צוּ זֵיי כְּדֵי זֵייא זָאלְן דֶר וַוייל קַיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן אוֹיף זֵייעֶר

עֲבֵירָה ׃ דֶען אוֹיף דֶר עֲבֵירָה פוּן חִלּוּל הַשֵּׁם וִויל גָאט קַיין תְּשׁוּבָה נִיט נֵייעֶרְט עֶר וִויל שְׁטְרָאפְן דְרוֹיף וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַיין גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה ׃ אוּנ דֶער צְרוֹר הַמּוֹר שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט גָאט זִיךְ בַּאלְד בַּוֵוייזְן צוּ זֵיי אַז זֵיי זַיינֶען נָאךְ בַּיי אַנַאנְדֶר גִישְׁטַאנֶען כְּדֵי מֶען זָאל נִיט זָאגְן מֹשֶׁה אִיז בַּאזוּנְדֶר גִיוֶועֶן אוּנ הָאט זִיךְ גִיקְלָאגְט פַאר גָאט אוֹיף מִרְיָם אוּנ אַהֲרֹן דֶען עֶר הַאלְט זִיךְ הוֹיךְ אוּנ וִויל נִיט לַיידִין מֶען זָאל אִים אַיין וָוארְט רֵיידְן ׃ אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט וַיִּשְׁמַע ה׳ גָאט הָאט אַלֵיין גֶהֶערְט אָן דֶר תְּפִלָּה פוּן מֹשֶׁה ׃ וַיִּקְרָא אַהֲרֹן וּמִרְיָם גָאט הָאט גִירוּפְן אַהֲרֹן וּמִרְיָם אוּנ נִיט מֹשֶׁה צוּ וַוייזְן דָאס מֹשֶׁה אִיז נִיט אִין צָארִין אוֹיף אַהֲרֹן אוּנ מִרְיָם ׃ אוּנ דֶער אָבֶן שׁוּאַב שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט עֶר מֹשֶׁה נִיט גִירוּפְן וַוייל גָאט הָאט גִוָואלְט זָאגְן דָאס מֹשֶׁה אִיז אַיין צַדִּיק דְרוּם הָאט עֶר נִיט גִוָואלְט זָאגְן פַאר מֹשֶׁה ׃ נָאךְ אַיין תֵּירוּץ אִיז עֶר הָאט נִיט גִוָואלְט מֹשֶׁה זָאל הֶערְן דִי חֶרְפָּה פוּן אַהֲרֹן וִויא גָאט וֶועט אִים מְבַיֵּישׁ זַיין ׃ בַּחֲלוֹם אֲדַבֶּר בּוֹ גָאט הָאט צוּ זֵיי גִזָאגְט וִוי וָואלְט אִיר אַייךְ גְלַייכִן צוּ מֹשֶׁה ׃ וֶוען אִיךְ רֵייד מִיט אַנְדֶרֶע נְבִיאִים טוּא אִיךְ מִיךְ בַּוַוייזְן צוּ זֵייא אִין חָלוֹם אָבֶּר מִיט מֹשֶׁה רֵייד אִיךְ בַּשַׁיידְלִיךְ פָּנִים אֶל פָּנִים ׃ אוּנ אִיךְ הָאבּ אִים גְהֵייסְן עֶר זָאל זִיךְ אָפּ שַׁיידְן פוּן זַיין וַוייבּ ׃ אַזוֹ שְׁרַייבְּט רַשִׁ״י ׃ פְרֶעגְט דֶר אִבְּרַבַּנְאֵל נוּעֶם דִי גְמָרָא זָאגְט דָאךְ דָאס מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אַלֵיין אָפּ גְשַׁייד פוּן זַיין וַוייבּ ׃ דֶר תֵּירוּץ אִיז פְרִיעֶר הָאט זִיךְ מֹשֶׁה אַלֵיין אָפּ גְשַׁייד פוּן זַיין וַוייבּ ׃ נָאר דֶר נָאךְ הָאט גָאט אִים גְזָאגְט דוּ הָאסְט רֶעכְט גִטָאן וָואס דוּ הָאסְט דִיךְ אָפּ גְשַׁייד פוּן דַיין וַוייבּ אוּנ אַזוֹ זָאלְסְטוּ דִיךְ הַאלְטְן אַלֶע צַייט וַיִּחַר אַף ה׳ בָּם וַיֵּלַךְ גָאט הָאט זֵיי פְרִיעֶר גִזָאגְט דִי עֲבֵירָה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיטָאן אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִישְׁטְרָאפְט ׃ פוּן דַאנֶען זָאל מֶען אָפּ לֶערְנֶען וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ וִויל צֶערְנֶען אוֹיף זַיין חָבֵר זָאל עֶר אִים פְרִיעֶר זָאגִין זַיין עֲבֵירָה וָואשׁ עֶר הָאט גִיטָאן ׃ אוּנ דֶער טָאלְקִין הָאט זִיךְ

אפ גיטאן פון דעם משכן אונ מרים איז מצורע גיווארין · אונ אהרן איז אויך מצורע גיווארין נאר ער איז באלד גיהיילט גיווארין אונ איין טייל חכמים זאגין דאש אהרן איז ניט מצורע גיווארן · אונ אהרן האט גיבעטן צוא משה אונ זאגט לאז ניט זיין. אונזער שוועסטר אזו וויא איין מת דען איין מצורע איז גלייך וויא איין מת · אשר בצאתו מרחם אמו ווייל מרים איז ארויס גיגאנגין פון דר מוטרס לייב וואו מיר זיינען ארויס גיגאנגין אונ מיר קענען איר העלפין מיט תפלה אונ אז מיר וועלין איר ניט העלפין איז גלייך וויא מיר פאר דארבין אונזער פלייש דען אונזער שוועסטר איז גלייך וויא אונזער פלייש אויך האט אהרן גיזאגט צוא משה ווען דו ווערסט קיין תפלה ניט טאן אויף איר ווער ווערט זיא היילין דען איין מצורע פלעגט איין כהן אים פאר שליסין פלעגט ער גיהיילט ווערין אבר איך בין איין ברודער צו מרים אונ איין כהן איין קרוב טאר ניט פאר שליסין זיין קרוב דעם מצורע אונ קיין אנדר כהן איז ניט דא ער זאל זיא פאר שליסין האט גאט גיזאגט איך וועל זיא פאר שליסין אונ וועל זיא היילין · דער בחיי שרייבט אשר בצאתו מרחם אמו ווייזט דאש אהרן האט גיזאגט צו משה טוא תפלה אויף מרים דען ווען דוא ווערסט אויף איר קיין תפלה ניט טאן העט אונזער שוועסטער זיין גלייך וויא איין קינד וואש ווערט גיבארין מצורע איז דאס איביג טמא אזו ווערט מרים אויך איביג טמא זיין דען עס איז ניט דא קיין כהן וואש זאל זיא פאר שליסין אונ מטהר זיין האט משה תפלה גיטאן צו גאט אונ האט גיזאגט אל נא רפא נא לה גאט הייל מרים פון דעם צרעת אונ דרום האט ער אזו קורץ תפלה גיטאן כדי דיא ישראל זאלין ניט זאגין זיין שוועסטער איז אין איין צרה אונ ער טוט לאנג תפלה אדר זיא זאלין ניט זאגין פון זיין שוועסטער וועגין טוט ער לאנג תפלה אונ פון אונזערט

וועגין ניט ואביה ירוק ירק בפניה נאט זאגט ווען דער פאטער זאל זיא פאר שעמין אזו וואלט זיא זיך גישעמט זיבען טעג מכל שכן דאש זיא האט גיזינדיגט אנטקעגין מיר נאט דרום זאל זיא זיין פאר שלאסין זיבין טאג כלומר זיא זאל זיין מצורע זיבין טעג והעם לא נסע עד האסף מרים אונ די ישראל האבן ניט גיצויגן ביז מרים איז ריין גיווארן פון איר צרעת אונ דאש האט זיא זוכה גיוועזן ווייל זיא האט גיווארט אויף משה אז מען האט אים אריין גיווארפן אין טייך אונ די טאכטר פון פרעה האט אים פון דעם טייך ארויס גינומן אונ האט גיזאגט צו מרים זיא זאל איר רופן איין זייגרן פון ישראל אן זייגן דאש קינד האט מרים גירופן די מוטר אן זייגן אים אונ ווייל זי הט גיווארט אויף משה איין קליינע ווילע האבן כל ישראל אויף איר גיווארט זיבין טעג פון דאגן לערגן מיר אפ דאש גאט בצאלט איטליכן שכר מדה כנגד מדה:

# הפטרת בהעלותך

רני ושמחי בת ציון זינג אונ פרייא דיך דו שטאט ציון דען איך וועל קומען אונ וועל רוען אין דיר זאגט גאט אונ אין דעם דאזיגין טאג פון דער גאולה וועלין זיך בהעפטין פיל עובדי כוכבים צו גאט צו דינען אים אונ זייא וועלין זיין צו מיר צו איין פאלק אונ פון דעסט וועגין וועל איך רוען צווישין דיר ישראל אונ דוא ישראל ווערסט ווישין דאש גאט האט מיך זכריה גישיקט נביאות צו זאגין צו די ישראל ונחל יי את יהודה חלקו אונ גאט ווערט מאכין ירשנן צוא שבט יהודה זיין חלק אויף דער הייליגער ערד אונ ער ווערט אויס דער וויילין אין ירושלים · הס כל בשר מפני יי אלע מענטשין וועלין זיין גישטילט פון פאר גאט דען גאט ווערט זיך דער וועקין פון זיין הייליג וואונונג · דער מדרש זאגט אין בראשית רבה רבי פנחס זאגט פון וועגין רבי ראובן פינף מאל האט דוד המלך גיזאגט קומה יי שטייא אויף גאט · האט גאט צוא אים גיענטפערט ווען דוא ווערשט טויזנט מאל זאגין קומה יי וועל איך דאך ניט אויף שטיין · ווען דען וועל איך אויף שטיין ווען מען טוט עניים אונ אביונים אום רעבט אזו וויא אין פסוק

שטייט משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום יאמר יי
פון ווענין דאש בארויבונג פון דיא עניים אונ
פון ווענין דאש גישרייא פון די אביונים וועל
איך נאט אויף שטיין דאש מיינט דר פסוק ביס
זל גשר אלע מענטשין וועלין זיך פארכטין אונ
וועלין שטיל שווייגין ווען גאט וועט זיך דער
וועקין פון ווענין עניים ׃ ויראני את יהושע הכהן
הגדול אונ גאט האט מיר גיוויזין יהושע כהן
גדול שטייט פאר איין מלאך פון גאט אונ דער
שטן שטייט אויף זיין רעכטע האנט צו מקטרג
זיין אויף יהושע כהן גדול אזו האט דער מלאך
פון גאט גיזאגט צום שטן גאט זאל אן שרייען
אין דיר שטן הלא זה אוד מוצל מאש דען דר יהושע
איז ראוי צוא זיין איין כהן גדול ווייל ער איז
ווארין אפ גישייד פון דעם פייער ׃ אונ אזו איז
גיוועזין די מעשה ׃ די גמרא זאגט אין חלק צווייא
פאלשע נביאים זיינען גיוועזין אין גלות בבל
איינער האט גיהייסין צדקיה בן מעשיה אונ
דער אנדערער האט גיהייסין אחאב בן קוליה
איז גיגאנגען צדקיה צו דער טאכטער פון
נבוכדנצר אונ האט גיזאגט צו איר גאט האט
גיהייסין דו זאלשט צו הערין אחאב דעם נביא
אונ אחאב האט אזו גיזאגט אויף צדקיה איז
גיגאנגען דיא טאכטער אונ האט עס דר ציילט
צו איר פאטער האט דער פאטער צוא איר
גיזאגט ווען זייא וועלין קומען צו דיר שיק זיי
צו מיר האט נבוכדנצר זיי גיזאגט ווארום האט
אייך גאט אזו בפוילין אונ צוא חנניה מישאל
ועזריה האט ער ניט אזו בפוילין האבין זייא
גיענטפערט חנניה מישאל ועזריה זיינען קיין
נביאים ניט גיוועזין אונ מיר זיינן נביאים האט
נבוכדנאצר צו זיי גיזאגט איך וועל אייך פרובן
אזו וויא איך האב גיפרובט חנניה מישאל
ועזריה אונ האב זיי אין איין פייערדיגין קאלך
אויבין אריין גיווארפן האבין די פאלשע נביאים
גיענטפערט זיי זיינען גיוועזין דרייא דרום איז
זייער זכות פיל גיוועזין זיינען זייא ניצול גיווארין
אונ מיר זיינען נאר צווייא האט נבוכדנאצר
גיזאגט נעמט אייך נאך איינעם צו אייך האבין
זייא אויש גיקליבין יהושע כהן גדול דען זייא
האבין גימיינט זיי וועלין ניצול ווערין פון זיין
זכות וועגין האט מען זייא אלע דרייא אין דעם
פייער אריין גיווארפין זיינען דיא צווייא פאלשע
נביאים פאר ברענט גיווארין אונ יהושע כהן
גדול איז ניצול גיווארין נאר זיינע קליידר זיינן
ווארין פאר ברענט האט נבוכדנצר צו אים
גיזאגט איך ווייש דאש דוא ביסט איין צדיק
נאר ווארום זיינען דיינע קליידער פאר ברענט
גיווארין אונ צו חנניה מישאל ועזריה זיינען
זייערע קליידער אויך ניט פאר ברענט גיווארין
האט יהושע גיענטפערט די זיינען גיוועזין דרייא
אונ איך בין גיוועזין אליין זאגט נבוכדנאצר
אברהם איז דאך אויך אליין גיוועזין אין קאלך
אויבין אונ זיינע קליידער זיינען ניט פר ברענט
גיווארין האט יהושע גיענטפערט ביי אברהם
האט דאש פייער קיין רשות ניט גיהאט צוא
ברענען אבער דא ווייל עס האט גיהאט רשות
צו פאר ברענען צדקיה אונ אחאב דרום האט
עש מיינע קליידער אויך פאר ברענט אויך
האט ער גיזאגט ווען צווייא דארע שטיקער
האלץ ברענען מוז דאש דריטע שטיק האלץ
אויך ברענען חאטשע עש איז פייכט אונ דער
אמת האט יהושע פאר זינדיגט דאש זיינע
קליידר זיינן פאר ברענט גיווארין ווייל ער האט
גילאזט זיינע קינדער גרושות נעמען וואש זיינן
אסור צו איין כהן ויהושע היה לבוש בגדים צואים
אונ יהושע איז גיוועזן אן גיקלייד אין איין
גריכטע קליידר כלומר ער האט אויף זיך גיהאט
די עבירה וואש זיינע זין האבין גינומן גרושות
אונ ער האט זיי ניט גיווערט אזוא האט דער
מלאך גיזאגט צו די אנדערע מלאכים וואש זיינן
גישטאנען פאר אים טוט אפ דיא איין גריכטע
קליידר פון יהושע כלומר לאזין זיינע זין גם
געבין די גרושות וועט אים גאט מוחל זיין זיין
עבירה אונ דער מלאך האט גיזאגט צו יהושע
זעה איך האב גימאכט איבער פארין דיינע
עבירות אונ האב דיך אן גיקלייד מיט שיינע
קליידער כלומר מיט זכיות כה אמר יי צבאות אזו
האט גיזאגט גאט צו יהושע אויב דוא וועסט
גיין אין מיינע וועגין אונ וועסט משפטין מיין
הויז אונ וועסט זיין איין האר דריבר אונ וועסט
היטין מיינע הויפין ונתתי לך מהלכים בין העומדים
האלה וועל איך דיר געבין גייערש צווישין דיא
דאזיגע שטייענדיגע מלאכים כלומר דיינע
קינדר וועלין לעתיד לבא גיין צווישן די מלאכים
שמע נא יהושע הכהן הגדול הער צו דו יהושע כהן
גדול אונ דיינע חברים חנניה מישאל ועזריה
וואש זיצין פאר דיר דען צו זיי איז אויך ווארין

גיטאן

גיטאן וואונדער אזו וויא דיר זאלט איר הערין
דאש איך וועל ברייגגען משיח וואש ער ווערט
גירופין צמח · כי הנה האבן אשר נתתי לפני יהושע
דען דער שטיין וואש איך האב גיגעבין פאר
יהושע כלומר דעם יסוד וואש איר האט גילייגט
אין די טעג פון כורש אונ אייערע פיינט האבין
מבטל גיוועזן פון צו בויען אויף אים אונ דער
יסוד איז גיוועזן קליין אין אייערע אויגין וועל
איך אויף דעם יסוד מאכין אן זיבטיג זיבין מאל
ברייט אזו וויא דער ערשטער בית המקדש איז
גיוועזן הנני מפתח פתוחה איך וועל עפענן דעם
קנופ פון אייערע פיינט וואש זיי האבין גימאכט
צו מבטל זיין דעם בנין בית המקדש אונ וועל
פאר שטערין זייער עצה אזו זאגט גאט אונ איך
וועל אפ טאן די זינד פון דעם לאנד אין איין
טאג אונ עש וועט זיין גרויס שלום צו אייך
דאש איר וועט רופין איטליכר מאן צו זיין חבר
אונטער זיין ויין שטאק צו טרינקען וויין אונ
אונטער זיין פייגין בוים צו עסין פייגין · וישב
אונ דער מלאך וואש האט מיט מיר גירעט
האט מיך אויף גיוועקט אזו וויא איין מענטש
וועקט זיך אויף פון זיין שלאף אונ זאגט צוא
מיר וואש זעהסטו האב איך גיזאגט איך זעה
איין גילדערנעם לייכטער אונ איין בעקין איז
אויף איר שפיץ אונ זיבין רערלעך זיינען אין דר
מנורה וואש מען גיסט אין זיי בוים אייל צו די
קנייטליך אונ צו איטלעכין רעריל זיינען זיבין
קליינע רערלעך וואש דורך זייא רינט דער
בוים אייל פון דעם בעקין אין די רערלעך פון
דער מנורה אונ צווייא אייל בורט בוימר שטייט
בייא דער מנורה איינער איז ביי דר רעכטער
זייט אונ איינער בייא דער לינקער זייט ויען
ואמר אל המלאך הדובר בי האב איך גיפרעגט דעם
מלאך וואש האט מיט מיר גירעט וואש איז
דאש דאש דיא אייל בורט בוימער מאכין פון
זיך זעלבערט בוים אייל אונ עס פאלט אריין
אין בעקין אונ פון דעם בעקין אין דער מנורה
אונ קיין מענטש ארבעט ניט דער צו ויען ויאמר
אלי לאמר האט דער מלאך גיענטפערט אונ האט
צו מיר גיזאגט דאש איז איין סמן אזו וויא דר
בוים אייל ווערט אויש גיקוועצט פון זיך אליין
אזו אויך ניט מיט חיל אונ ניט מיט כח וועט
איר קענען בויען דאש בית המקדש נאר מיט
מיין ווילין אזו זאגט גאט דען איך וועל געבין
מיין ווילין אויף דריוש המלך אונ ער וועט
שאפין מען זאל אייך געבין גאר אייער בדרפניש
פון דעם בנין אונ אויך אייער פרנסה · אונ איר
וועט ניט דארפין צו קיין הילף פון קיין אנדערין
מענטשין : מי אתה הר הגדול לפני זרובבל למישור
ווער ביסטו דער גרויסר בארג דוא וועסט זיין
פאר זרובבל צו איין גלייכין פלאץ · כלומר
די הארין פון עבר הנהר וואש האבין ביז אהער
מבטל גיוועזן דעם בנין בית המקדש וועלין
היינט מער ניט האבין קיין גדולה אונ שררות
איבער זרובבל · זייא וועלין פאר אים גלייך זיין
וויא איין גלייכער פלאץ · אונ דער זרובבל
וועט אויש ציהען דעם בלייער שטיין וואש
מען מעסט מיט אים דען ער וועט זיין דער
עלצטער איבער דיא בויערס אונ זייא וועלין
בויען נאך זיין באפעל נאך אונ עס וועט זיין
איין שיינער בנין תשואות חן חן לה איין ברומונג
פון חן וועט זיין צו דעם בלייער שטיין כלומר
איטליכער וועט זאגין וואש פאר איין שיינער
בנין איז גיווארין גיבויט דורך דעם בלייא
שטיין · דיא גמרא זאגט אין ברכות אויף
דעם פסוק ויאמר יי אל השטן רבי יהושע בן
לוי זאגט דער מלאך המות האט מיר גיזאגט
דוא זאלסט ניט שטיין פאר דיא ווייבער ווען
זייא קערין זיך אום פון איין מת דען איך
טאנץ אונ שפרינג פאר דיא ווייבער אונ האב
רשות צוא מזיק זיין ווען איך באגעגין דען
ווען חוה וואלט ניט דיא עבירה גיטאן מיט
דעם עץ הדעת וואלטין מענטשין איביג
גילעבט וואלט דער מלאך המות ניט גיהאט
קיינעם צו טייטין אזו וואלט זיין מלאכה גאר
ניט אן גיגאנגען דרום פרייט ער זיך היינט
ווען ער זעהט ווייבער בייא איין מת · דער
פרדס רמונים שרייבט דרום זאל מען ניט
גיין פאר קיין ווייבער בייא איין מת דען דיא
ווייבער וויינען באלד בייא איין מת אזו איז
זייא דאש פנים רויט אונ ווען איין מאן וועט
אויף זייא קוקין וועט דער יצר הרע זיך אן
רייצין אין אים צוא האבין בייזע מחשבות
דען דער מלאך המות איז דער יצר הרע אבער
אז משיח וועט קומען וועט גאט מאכין פאר
לירין דעם מלאך המות אזוא וויא אין פסוק
שטייט בלע המות לנצח דער מלאך המות וועט
ווערין פאר דארבין ביז איביג ·

וידבר יי' אל משה לאמר: בהעלותך את הנרות וגו' רבי יהודה זאגט וואול איז דער חלק פון די ישראל דאש הקב"ה האט אין זיי בגערט בשעת יציאת מצרים אונ האט זיי דערנמאלט גיגעבן איין תורת אמת איין עץ חיים דאש דורך דר תורה ירשנן די ישראל חיים בעולם הזה ובעולם הבא דען דר וואש ער בהעפט זיך אונ איז עוסק אין דער תורה דר האט דאש לעבין אונ ווער עש שייד זיך אפ פון דער תורה דער שייד זיך אפ פון זיין לעבין דען זיא אונ אלע אירע רייד זיינען כולו חיים שטייט חיים הם למוצאיהם אויך שטייט רפאות תהי לשרך ער זאגט ווייטער סודות· רבי אבא זאגט עש שטייט אשרי העם יודעי תרועה יי' באור פניך יהלכון וואול צו זיי וואש הקב"ה האט זיי גיגעבן די הייליגע תורה אונ האט זייא גילערינט איר וועג זיי זאלין זיך אין איר בהעפטין צו היטן די תורה ומצות דען דורך דעם איז ער זוכה לעולם הבא אונ האט זייא ארויש גיצויגין פון מצרים פון דעם רשות הטומאה אונ האט זיי מקרב גוועזן צו זיך זיי זאלין ווערין אן גהאלטין אין זיין נאמן וואש ער איז שולט על עליונים ותחתונים אונ מחמת גרויש ליבשאפט האט ער זיי דערנמאלט גירופין בני בכורי ישראל זיי זיינען אין גישטאלט פון דר קדושה עליונה אונ האט צו בראכין די כוחות הטומאה פון מצרים אונ האט אויף גבונדין די קניפין וואש די מצרים האבין זיי פר בונדין מיט כישוף אז זיי זאלין ניט קענן ארויש גיין פון מצרים· דרום האט הקב"ה גיהרגת אלע בכורים פון מצרים מיט זייערע כוחות וממונים של מעלה אונ די מכה האט הקב"ה ניט גוואלט טאן דורך איין מלאך אדער איין שרף ווארום קיין מלאך האט ניט גיקאנט וויסין וועלכער עס איז איין בכור אונ ווידער קיין מלאך האט ניט גיקענט אויף בינדין דאש פאר בינדונג וואש זיי האבין פר בונדין דרום האט הקב"ה אליין גימוזט דאש טאן· קום אונ זעה דיא נאכט פון מכת בכורות האבין די מלאכים גוואלט שירה זאגין אז זייער צייט פון שירה איז גיקומען האט הקב"ה צו זיי גיזאגט היינט איז ניט די צייט איר זאלט שירה זאגין דען מיינע קינדר זאגין אונטין איין אנדר שירה אונ אז עס איז גיקומן האלבע נאכט האט זיך דער וועקט דר צפון ווינט אונ הקב"ה האט גיטאן נקמות אין מצרים אונ די ישראל האבין אונטין גיזאגט שירה והלל מיט אגרויש קול· אין דר צייט זיינן זיי גיווארין פריי פון אלסדינג אונ אלע מלאכים אונ חיילות האבין פר נומען דאש קול פון די ישראל· דר נאך אז זיי האבין זיך מל גיוועזן אונ זיינן גיצייכינט גוועזן מיט דם מילה אונ דם פסח אויף דעם אייבער שטידיל אונ אויף די צוויא מזוזות· אז דער משחית האט גיזעהן דעם צייכין האט ער אויף זיי קיין שליטה ניט גיהאט ווארום הקב"ה האט אויף זייא חס גיהאט אזו וויא עש שטייט ופסח יי' על הפתח אויב דו וועסט פרעגין ווארום שטייט ולא יתן המשחית איז משמע דר משחית האט גישלאגין אמער הקב"ה אליין האט דאך גישלאגין די בכורים נאר עש שטייט ויי' הכה כל בכור שטייט והי' מיט איין וא"ו ווייזט דאש אז הקב"ה מיט זיין בית דין איז גיוועזן אין מצרים דרום האט מען גמוזט צייכענן אויף איטליכר שטוב מיט דעם דם פסח ומילה כדי די וואש זיינען גיוועזן מיט הקב"ה זאלין זיי ניט מזיק זיין ישראל דען ביי אלס דינג דארף זיין א מעשה מעזאל דורך דעם ניצול ווערן פון די מקטריגים אזו אויך אויף דעם מזבח איז אויך גיוועזן איין מעשה וואש מען האט אויף אים גשפריינגט דאש בלוט פון דעם קרבן כדי די מקטריגים זאלין ניט קענען מקטרג זיין דורך דער מעשה אבער אום ראש השנה וואש איז איין יום הדין אונ אלע בעלי לשון הרע די מקטריגים שטייען אלע אויף ישראל מקטרג צו זיין דערנסט מאל דארף מען ניט טאן קיין מעשה נייערט מיט דבור תפלה ובקשה אונ מען מוז ווייזין התעוררות מיט דעם רוח ונפש דאש איז מיט דעם שופר אזו וויא מיר האבן שוין מפורש גיוועזן דאש מיט דעם שופר למטה דער וועקט מען דעם שופר גדול למעלה וואס אלע רחמים קומען ארויש פון אים וואש דר מיט ווערין צו בראכין. אלע בעלי דינים אונ מקטריגים אונ זיי האבין דעם טאג קיין שליטה ניט אונ אז מען דער וועקט דעם רחמים פון אויבין אזו ווערין דר וועקט אלע אורות די ליכט לייכטין פון אלע זייטן אין דר צייט איז באור פני מלך חיים קום אונ זעה בשעת דר כהן גדול האט זיך מכוין גיוועזן אן צו צינדין די מנורה אונ דער נאך האט ער מקטיר גיוועזן די קטורת הסמים אזו האט ער דר וועקט למעלה דאש אלע אורות זיינן דר לויכטין גיווארין אונ עש איז אלץ מקושר גיווארין בנאנדר אין דר צייט איז גיפונען גיווארין ששון ושמחה

אין אלע עולמות אזו וויא עס שטייט שמן וקטורת ישמח לב דרום שטייט דאס לשון בהעלותך את הנרות עס וואלט גידארפט שטיין בהדלקתך לשון אן צינדין ניט לשון אויף ברייננגען נאר מיט דעם וואס ער האט אונטין אן גיצונדין דיא מנורה האט ער אויף גיבראכט דאס התעוררות אויבין דען עס איז אלץ גישטעלט גיווארין למטה אנטקעגין דעם משכן של מעלה דרום זאגט ער אל מול פני המנורה דיא מנורה של מעלה איז גישטעלט אנטקעגין די מנורה של מטה בשעת דער כהן האט זיא אן גיצונדין יאירו שבעת הנרות האט ער דר מיט דר לייכט שבעה נרות של מעלה:

רבי אלעזר מיט רבי יוסי ורבי יצחק זיינן גיגאנגן אין וועג זיינען זיי גיקומען צוא הרי חושך וויא רבי אלעזר הייבט אויף זיינע אויגין האט ער דר זעהן די הויכע פינצטערע בערג אונ וואר במורא גדול זאגט רבי אלעזר וואלט מיין פאטר דא גיוועזן וואלט איך מיך גאר ניט גיפארכטין אונ היינט אויך ווייל מיר זיינען דריי מענטשן וועל איך מיך אויך ניט פארכטין פון צו האבין דא איין בייז זאגט ער צו זיי וויא ליב זיינען די דברי תורה דען איטליכס ווארט אין דר תורה איז גרויסע סודות ורזין עליונים אונ די תורה איז דר כלל העליון אונ מיר האבין גילערינט די תורה ווערט גידרשת מיט דרייצעהן מדות איינס פון זייא איז כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל ללמד לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא איין זאך וואס איז גיוועזן אין כלל פון אלע אונ עס איז ארויש גיגאנגן פון דעם כלל אויף אנייע זאך הייזט עס מיר אויף דעם גאנצין כלל אזו אויך די תורה איז איין כלל פיל סודות גדולות אונ האטשע איין זאך איז ארויש גיגאנגען היינו עס שטייט איין סיפור המעשה אדער עפעס אנדרע רייד איז דאך די מעשה ארויש גיגאנגן פון דעם כלל פון דר תורה דען מענטשין מיינן די תורה דר ציילט זייא איין מעשה אונ ווייטער מיינט ניט די תורה נאר אזו וויא עס שטייט פר אים. אונ באמת לא ללמד על עצמו יצא עס איז ניט ארויס גיגאנגן פון דעם כלל פון דער תורה וואס זיא איז אין גאנצן גרויסע סודות צו ווייזין אויף זיך אליין דאס הייסט נאר די מעשה וואס ווערט דער ציילט ניט מער נאר עס קומט צו ווייזין על הכלל כולו יצא אויף דעם גאנצין כלל דאס זיי זיינן גרויסע סודות דהיינו עס שטייט אין פסוק ותנח התיבה בחודש השביעי בשבעה עשר יום לחודש על הרי אררט דא איז דר פסוק ארויש גיגאנגן פון דעם כלל פון דער תורה וואס זיא איז גרויסע סודות אונ דא דר ציילט זיא נאר איין מעשה בעלמא וואס קומט אונז ארויש וואו די תיבה האט גרוט אויף די בערג אדר אויף אנדרע בערג נאר דאס איז ארויש גיגאנגען פון דעם כלל ללמד על הכלל כולו יצא צו לערנן אונז מיר זאלן גלייבן אזו וויא די גאנצע תורה איז דער כלל עליון סודות הגדולות אזו דאס איז אויך גרויסע סודות. פיל זוכה זיינן די ישראל מען האט זיי גיגעבן די תורה עליונה וואס זיא איז תורת אמת קום אונ זעה צו איין שר איז אויך קיין כבוד ניט צו ריידין אזעלכע פראסטע רייד ומכל שכן אויף צו שרייבין על אחת כמה וכמה באלף אלפי אלפים הבדלות דר מלך מלכי המלכים הקב"ה וואס ער וואלט זיך גקענט מאכן איין תורה פון פיל הייליגע זאכין של מעלה ניט צו שטעלין פראסטע רייד צו מאכין דר פון איין תורה דהיינו די רייד פון הגר אונ פון עשו אונ פון לבן מיט יעקב די רייד פון בלעם אונ בלק אונ פון זמרי בן סלוא דעסט גלייכין אנדערע רייד אונ סיפורים וואס שטייען אין דער תורה אונ פאר וואס הייסט זיא תורת אמת תורת יי תמימה משיבת נפש עדות יי פקודי יי יראת יי מצות יי ועוד אויך שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב וויא גישיקט זיך דאס לשון זאל שטיין אויף אזעלכע סיפורי דברים נאר די תורה הקדושה הייסט בוודאי רעכט תורת יי תמימה אין איטליכן דבור פון איר איז מרומז אנדערע סודות אזו וויא מיר האבין גיזאגט. קום אונ זעה דער פסוק ותנח התיבה איז אזו גילערינט גיווארין דען דאס ווייזט אויף אנדערע זאכין אונ בחודש השביעי דאס איז ראש השנה דאס דענסט מאל דר וועקין זיך דינים אויף דער וועלט אונ הקב"ה זיצט על כסא דין צו משפטין די וועלט אויף זייערע מעשים אונ דרום ווערט אן גירופין דר כסא דין תיבה דען דרינען איז אלץ דא אזו וויא אין דר תיבה אזו אויך איז דרינען דא אלערליי בריב פר בארגן אין דעם אוצר המלך וואס דרינען איז פאר צייכינט אלע זאכין. אלע ספרים וואס ווערין גיעפינט זיינען דארטן פר בארגין דרום ווערט נאר ניט פאר געסין אונ דער כסא דין איז אן גיברייט אום ראש השנה וואס ער איז איין יום הדין דעם טאג ווערט די גאנצע וועלט דארט

גידאבט

גידאכט דרום זאגט דער פסוק ותנח התיבה דער כסא דין טוט רוען אום ראש השנה על הרי אררט ראש זיינען די אונטער לעהר פון דעם כסא הדין דאש איז די שרי הדינים די שרים פון ילה ויבבא דאש איז לשון קלאגין די דר וועקין זיך אונ זיינן שכיח פר הקב"ה דעם טאג אונ אלע בעלי תריסין דאש הייסט די וואש גייען מיט כלי זיין דר וועקין זיך דעם טאג אונ שטייען אלע פר הקב"ה אונטער דעם כסא הדין צו טאן דין אויף דער וועלט אונ די ישראל זייגען דעם טאג מתפלל תפלות מיט בקשות ותחנונים פר הקב"ה אונ בלאזין שופר האט הקב"ה רחמנות אויף זיי אונ פאר קערט דעם דין צו רחמים אונ אלע עליונים ותחתונים הייבין אן צו שרייען אונ זאגן אשרי העם יודעי תרועה אונ דרום מוז מען האבין דעם טאג איין בעל תוקע וואש ער זאל וויסין די סודות פון דעם בלאזין וואש די כוונה דער פון איז אונ זאל קענען רעכט מכוין זיין בתרועה אונ זאל זיין זאך טאן בחכמה אונ דרום שטייט אשרי העם יודעי תרועה אונ עש שטייט ניט שומעי תרועה וואש זיי הערן בלאזין נייערט יודעי תרועה וואש זיי ווייסין וואש דאש בלאזין בטייט דאש הייסט ער זאל קענען דער וועקין מיט זיין כוונה אויבין צו פאר קערין דעם דין צו רחמים דורך דעם בלאזין אזו וויא מיר האבין דאש מפורש גיוועזן אויף אנאנדער ארט ׃ זייא גייען אזו אגאנצין טאג וויא עש איז שפעט גיווארין פאר נאכט קומן זייא אויף איין ארט אונ זעהן דארטין איין מערה זאגט רבי אלעזר לאז איינר פריער אריין גיין אונ זעהן אויב דאש איז אזו איין ארט וואש עס איז אן גיבדייט פאר אונז אלע אזו גייט אריין רבי יוסי אונ זעהט אז דארטין איז דא נאך איין הייל אונ איין ליכט איז דארטין אונ הערט איין קול עס זאגט בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות וגו׳ העלה נרותיה אונ זאגט דרויף גרוישע סודות וואש מען קען ניט ארויס שרייבין ׃ רבי יוסי הערט עש אונ פרייט זיך זייער אונ דער ציילט דאש צו רבי אלעזר זאגט רבי אלעזר מיר וועלין אריין גיין דען הקב"ה האט אונז מקדים גוועזן צו טאן נסים היינטיגין טאג ׃ זיינן זיי אריין גיגאנגען זעהען זיי דארטן וויא צוויי לייט זיינן עוסק בתורה זאגט רבי אלעזר מה יקר חסדך אלהים ובצל כנפיך יחסיון זיי זעצין זיך אונ זיינן

זיך אלע משמח זאגט רבי אלעזר וויא גאר ווירדיג זיינען די גינאר פון הקב"ה וואש איך האב דא היינט גיפונען ציינד אן די ליכט צו דר לייכטן מיט דיין תורה הייבט רבי יוסי אן בהעלותך את הנרות עס איז גיטאן גיווארין צווייא מצות איינס נאך דעם אנדערין הדלקת נרות אונ קטורת דאש זיינן גרוישע סודות דאש מיט דער התעוררות למטה איז דער לייכט גיווארין די שכינה מיט פיל ברכות בכל העולמות ׃

וידבר יי׳ אל משה במדבר סיני וגו׳ ויעשו את הפסח במועדו

פרעגט רבי אבא מען האט דאך זיי שוין אן גיזאגט ביציאת מצרים אויף דעם פסח וואש בדארף מען זיי דא נאך אמאל אן זאגין אלא דא שטייט בשנה השנית ווייל דיא ישראל האבין גימיינט די מצוה פון פסח איז נאר גיוועזן אין מצרים אבר ניט לדורות דרום האט ער זיי דאס אנדרע יאר אן גזאגט אויף לדורות אונ ער זאגט גרויסע סודות אויף בחודש השני זאגט רבי שמעון ווייא צו די לייט וואש זאגין אז די תורה איז נאר ספורי דברים פון פראסטע רייד דען אזעלכע תורות קען איטליכר מאכין מיט אגרעסרן שבח אויב די תורה וויל אונז דר ציילין וואש עס איז גיוועזן ׃ האבין דאך שרים ומלכים אויך ספורים אונ דברי הימים וואש האט זיך גיטאן פר צייטן אם כן לאז מען דר פון מאכין איין תורה ׃ אלא קום אונ זעה דער עולם העליון אונ דר עולם התחתון איז איינס אנטקעגן אנדערין די צדיקים אונטין זיינן אנטקעגין די מלאכים אויבן ׃ ביי די מלאכים שטייט עושה מלאכיו רוחות דאש איז נאר למעלה אבער אז דער מלאך וויל אראפ גיין אין דעם עולם מוז ער זיך מתלבש זיין אין איין לבוש וואש איז אין גשטאלט פון דר וועלט אבער אן דעם לבוש קען ער ניט זיין אויף דר וועלט אונ די וועלט קען זיי ניט פאר נעמן אונ אזו איז ביי מלאכים איז שוין אכל שכן די תורה וואס מיט איר האט הקב"ה אלע עולמות בשאפן אונ אלע עולמות האבין נאר איין קיום דורך דר תורה דורך אירע גרוישע סודות אונ שמות הקדושים ממילא אז זיא האט בדארפט אראפ גיין אויף דער וועלט וועז זיא וואלט ניט גיוועזן אן גיקלייד מיט דעם מלבוש פון דיא ספורי מעשיות ודברים וואלט זיא די וועלט ניט געקענט פר טראגין מחמת גרויס רוחניות דרום זיינען די ספורים נאר דער לבוש פון איר אונ דער וואס

מיינט אז דר פשוטר פשט איז די גאנצע תורה איז ער גינארט אזו וויא דער גוף פון דעם מענטשן איז נאר איין לבוש צו זיין רוח אונ אז זיין רוח גייט ארויש איז אין גוף גאר ניט דא קיין ממשות דען די מעלה פון דעם גוף איז נאר אז דער רוח איז מיט אים אזו אז ער מיינט אז דר לבוש פון דער תורה איז דר עיקר אונ עש איז דרינען ניט דא קיין פנימיות האלט ער נאר חשוב דעם לבוש וואש ער איז אגוף ניט דיא סודות וואש זיי זיינען די נשמה דרום איז זיין עונש גרוים מדה כנגד מדה אזו בלייבט זיין גוף עפר ואפר דר לבוש אן דער נשמה׳ דען דער עולם איז גישטעלט גיווארין דורך אברים אזו וויא דער מענטש איז בשאפין גיווארין אברים אברים איין אבר איבער דעם אנדערין אונ אלע גלידער מיט אנאנדער ווערין איין גוף אזו אויך אלע בריות אין דער וועלט זיינען פיל אברים אונ זייא אלע זיינען איין עולם דרום איז ניט דא איין אבר בייא דעם מענטשין וואש איז ניט דא אנטקעגין אבריה אויף דער וועלט אונ אלץ איז אנטקעגין דער תורה דען דיא תורה איז אויך אזו גלידער אונ שטיקער אונ שטייען איינער איבער דעם אנדערין אונ אז אלע זיינען אן גיברייט זיינען זייא איין גוף אונ דוד אז ער האט גיזעהן אין דיא מעשים פון הקב״ה האט ער גיזאגט מה רבו מעשיך יי׳ כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך עש זיינען אין דער תורה רזין וסודות וואש זיינען פאר הוילין וואש דער מענטש קען ניט קומען מיט זיין שכל דער צו׳ אין דער תורה זיינען אלע דברים עליונים וואש זיינען אנפלעקט אונ וואש זיינען ניט אנפלעקט׳ אין דער תורה זיינען כל הדברים עליונים ותחתונים אלע זאכין פון עולם הזה אונ פון עולם הבא דאש אלץ איז מרומז אין דער תורה אונ קיינער באגערט ניט ער זאל משגיח זיין דרינען צו פאר שטיין אונ ווישין זייא דרום שטייט מי ימלל גבורות יי׳ ישמיע כל תהלתו קום אונ זעה עס איז גיוועזן שלמה המלך אונ האט גיוואלט וויסין קלאר די דברי תורה אונ דקדוקי תורה אונ האט ניט גיקענט האט ער גיזאגט אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני איך האב גימיינט איך וועל פאר שטיין די תורה אבער היינט זעה איך אז זיא איז ווייט פון מיר קום אונ זעה עש שטייט בייא שלמה וידבר שלשת אלפים משל ויהי שירו חמשה ואלף האבין דיא חכמים מפורש גיוועזן אז אין איטליכין משל איז גיוועזן טויזינט מיט פינף טעמים היינט לערנען מיר אפ איין קל וחומר ומה דאך שלמה איז דאך נאר גיוועזן איין בשר ודם זיינען זיינע רייד אזו טיף גיוועזן׳ דיא תורה וואש הקב״ה אליין האט גירעט איז שוין אכל שכן אז איטליכער דיבור איז כמה משלים כמה שירות כמה שבחות כמה חכמות כמה רזין סודות עליונים אונ דרום שטייט מי ימלל גבורות יי׳ ישמיע כל תהלתו׳ אונ דרום האט דוד המלך גיבעטין גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך דו זאלשט אנטפלעקן מיינע אויגין זייא זאלין זעהען צוא פאר שטיין וואש אונטער דעם לבוש פון דער תורה דאש איז דאש פנימיות דער פון למשל דיא תורה זאגט בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ צום ערשטין האט השי״ת בשאפין הימיל אונ ערד דאש איז נאר דער מלבוש פון דיא ספורי דברים אבער דאש פנימיות דער פון איז מרמז וויא הקב״ה האט בשאפין די מדריגות עליונות אונ דיא מדריגה הייסט ראשית די מדריגה הייסט אזו איין שם אונ חוץ דיא פנימיות איז דא נאך מער פנימיות היינו דיא צרופי שמות וואש זייא גייען ארויש פון די פסוקים היינו שם מ״ב אונ אנדערע שמות וואש גייען ארויש פון דער פרשה דעסט גלייכין ויצא יעקב כבאר שבע איז דער פשוטר פשט נאר אפיפור יעקב איז ארויש גיגאנגען פון דער שטאט באר שבע צוא גיין קיין חרן אזו וויא דער אמת איז גיוועזן אבער דאש פנימיות דער פון איז גאר אנדערש עש איז למעלה אזעלכע שמות עולמות מדות הקדושות דאש איז איינש מיט דעם פסוק ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן דאש איז אלץ די עולמות עליונות דאש איינש האט אחיזה אין דעם אנדערין אונ דיא תורה דעם כפשוטו אזו וויא עש איז גיוועזן אבער זייא מיינט מען זאל פאר שטיין ווייטער וויא דאס אלץ גייט למעלה דרום שטייט כי לא דבר רק הוא די תורה איז ניט קיין ליידיגע זאך אונ אז דוא מיינשט אז זיא איז יוא ליידיג מכם איז דאש נאר פון אייך ווייל איר פאר שטייט ניט

אונ

אונ דרום שטייט דאש לשון ר״ק דאש מיינט מען עס איז נאר איין גוף וואש איז ליידיג אן איין נשמה · קום אונ זעה דאש מלבוש ווערט גיזעהען צוא אלע אונ דער נפש רוח ונשמה זעהט מען ניט וואש פאר איין חשיבות איז אין דרינען אונ עש איז פאר האנדין אזעלכע לייט וואש זייא פאר שטייען אין גוף די שבע פנימיות פון דעם מענטשין נאך זיין נשמה נאך אזו וויא יתרו האט גיזאגט צו משה ואתה תחזה דאס איז צו פאר שטיין ואתה תחזה צו דער קענען אין דיא האר פון דעם מענטשין · מכל העם אין דעם שטערן · אנשי חיל אין פנים · יראי אלהים אין די אויגן · אנשי אמת אין די לעפצן · שונאי בצע אין די צייכין וואש זיינען פאר האנדין אין די הענט שטריכלעך אין דיא אלע קען מען דער קענען אלע מעשים אונ מדות פון דעם מענטשין אויב עס איז אויף אים שורה דער רוח חכמה אבער משה האט ניט גידארפט דער קענען אין די חכמות נייערט עש שטייט ניבחר משה אנשי חיל מכל ישראל ווייל דער רוח הקודש איז בייא אים גיוועזן דרום האט ער גיוואוסט אין איין אויגין בליק דרום האט ער גיזאגט כי יהיה להם דבר בא אלי · על כל פנים זעהט מען דאך אז מען קאן פאר שטיין אין דעם גוף פון דעם מענטשין אזו אויך דיא תורה האט איין גוף אונ עש איז פאר האנדין דברי תורה וואש זייא הייסין גופי תורה וואש זייא זיינען זיך מתלבש אין דיא ספורים · אונ דיא נארין באגערין נאר צו פאר שטיין דעם מלבוש פון די ספורי דברים אליין אונ ניט וואש אונטער דעם מלבוש · אונ דיא וואש זיינען קליגער די זעהען צו פאר שטיין דעם גוף וואש אונטער דעם מלבוש איז אונ די וואס זיינען נאך קליגער די זיינען עבדי מלך עליון דיא וואש זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני זייא זעהען נאר דיא נשמה דאש פנימיות פון דער תורה דאש איז דער עיקר אלע סודות דאש איז דיא רעכטע תורה אונ לעולם הבא וועט מען פאר שטיין דאש רעכטע פנימיות דאש איז וויא איין נשמה צוא דער אנדערער נשמה אזו זיינען אלע מדריגות עליונות איינש צו דעם אנדערין איז אזו וויא איין מלבוש דאש די שמים מיט אלע היילות של מעלה אונ אלע מדריגות זיינען נאר אזו וויא מלבושים צוא דער כבוד פון הקב״ה אויך בייא דיא נשמות איז איינע צו דער אנדערער איין לבוש דאש ניט איטליכער קען דאש פאר שטיין אונ איינש איז אן גיהאלטין אין דעם אנדערין · ווייא צו דיא רשעים וואש זאגין אז דיא תורה איז נאר ספורי דברים אליין אונ באגערין נאר צו לערנען דעם מלבוש אליין ניט מער · פיל זיינען זוכה דיא צדיקים וואש זיינען מסתכל אין דער תורה וויא עש דארף צוא זיין אזו וויא מען האלט טייערין וויין אין איין כלי אזו אויך ווערט די תורה דער קענט אונ גיהאלטין דורך אירע מלבושים אונ ספורי דברים אונ דרום מוז מען פאר שטיין אז דיא מלבושים דעקן צו דיש פנימיות וסודות התורה:

ויעשו בני ישראל את הפסח במועדו זאגט רבי יוסי פון דעם ווארט ויעשו לערנען מיר אפ אז איטליכער וואש טוט אונטין א מצוה וויא עש דארף צו זיין איז גלייך וויא ער וואלט גיטאן דאש אויבין כביכול דען מיט דער מעשה למטה ווערט דער וועקט למעלה אויך אזוא וויא אויבן שטייט:

איש איש כי יהיה טמא לנפש ווארום שטייט מיר צווייא מאל איש נאר דאש ווייזט אין מענטש אז ער קען זיין אאיש זאל מקבל זיין די נשמה הקדושה העליונה אונ זאל ניט מטמא זיין אונ ער איז מטמא איז גורם אז דיא שכינה מיט דער נשמה גייען אוועק פון אים אונ רוען ניט אויף אים דרום שטייט איש צווייא מאל צו ווייזין אז ער איז איין מענטש וואש איז ראוי אז ער זאל זיין אאיש רוען דיא קדושה עליונה אונ ער אליין האט זיא מטמא גיוועזן קען מען אויף אים ניט מאכין רוען די קדושה עליונה:

וביום הקים את המשכן כסה הענן וגו׳ רבי חייא זאגט עש שטייט פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד דער פסוק ווייזט אונז ווער עש צוא שפרייט זיין געלט אויף צדקה אזו וויא עס שטייט יש מפזר ונוסף עוד ווער עש איז מפזר זיין געלט אויף צדקה ווערט אים גימערט נאך מער געלט אונ לעבין דרוב ווייל דער עני איז חשוב וויא איין מת אונ ער איז אויף אים מושך דעם כח החיים מלמעלה דרום ווערט ער גיבענטשט אונ עס איז א שמחה אין אלע עולמות דער כח הדין וואש איז שולט אין דעם עני ווערט אונטער טעניג דורך דער צדקה:

שלח לך שלמה המלך זאגט אין משלי סוס מוכן ליום מלחמה ולה' התשועה איין פערד דארף זיין אן גגרייט צו דר מלחמה אונ די הילף איז צו גאט דר פסוק לערינט אונז דש איין מענטש זאל ארבעטין וויא וייט מגליך איז אונ זאל זיך פאר לאזין אויף גאט דאש ער וועט אים העלפין אזו וויא איינער וואש גייט אין דער מלחמה מוז זיך אן ברייטין אפערד אבער אז ער זאל גאר ניט טאן נאר ער זאל זיך פר לאזן אויף גאט אזו וועט ער די מלחמה פאר לירין אונ דרום שטייט אין דער סדרה שלח לך אנשים ויתורו גאט זאגט שיק דיר מענטשין זיי זאלן אויש זעהן דאש לאנד כנען וויא אזו מען קען עס איין נעמן דש ווייזט די תורה דר מענטש זאל טאן וואש צו אים גהער אונ אין הארצן זאל ער זיך פר לאזן אויף גאט דר אבן שועב שרייבט די עבירה פון ישראל איז גוועזן וייל זיי האבין גישיקט מרגלים דען זייא וואלטין גידארפט נאך גיין נאך דעם וואלקין וייל זיי האבין גיזעהן די נסים ונפלאות וואש גאט טוט מיט זיי אונ משה האט מקבל גוועזן זייערע רייד דען ער האט מורא גיהאט אנטקעגין זיי צו ריידין אונ ער האט גיפרעגט גאט · האט גאט צו אים גיזאגט שלח לך שיק נאך דיין דעה נאך איך שאף דיר ניט צו שיקין נאר אויב דו ווילסט שיק רש"י שרייבט דרום איז די פרשה פון מרגלים נאהנט אן גישריבין ביי דר פרשה פון מרים צו ווייזין חאטשע מרים איז מצורע גיווארין וייל זיא האט גירעט לשון הרע אויף משה אונ די מרגלים האבין דאש גיזעהן אונ האבין דאך זיך דר פון קיין מוסר ניט ארויש גינומען אונ האבן גירעט לשון הרע אויף ארץ ישראל · ר' בחיי שרייבט שלח לך שיק פון דיין טובה וועגין דען ווען די ישראל וואלטן באלד גקומן קיין ארץ ישראל אזו וואלט משה באלד גימוזט שטארבין דען ער האט ניט גיטארט קומען קיין ארץ ישראל אבער היינט אז דיא מרגלים האבין גימאכט זינדיגן די ישראל אונ זיי זיינן דורך דעם נאך פערציג יאר גיבליבין אין דער מדבר אזו האט משה גילעבט נאך פערציג יאר · אונ משה האט גישיקט צוועלף מרגלים איין מענטש פון איטליכין שבט כדי ווען זיי וועלן פרום זיין וועלן כל ישראל איין זכות האבין דורך דעם שליחות אונ ווען זיי וועלן שלעכט זיין וועט גאט אלע מיט אנאנדר שטראפין · דר מדרש זאגט עש שטייט ביי יהושע וישלח יהושע שנים אנשים מרגלים חרש דאש איז טייטש יהושע האט גשיקט צוויי מרגלים ניט אזו וויא משה האט גשיקט צוועלף מרגלים אונ די מרגלים האבין זיך גימאכט טויב אונ שטום כדי אז מען וועט זיי עפעש וועלן פרעגן זאלן זיי ניט קענן ענטפרן אונ חרש איז אויך טייטש טעפר דען זיי האבין גיבראכט טעפ צו פאר קויפין כדי מען זאל ניט גיוואר ווערן דאש זיי זיינן מרגלים אונ דרום האבין זיי פר קויפט טעפ וייל דאש איז איין סחורה וואש וייבר קויפין אונ קיין מאנן קומן ניט דר צו אזו וועט מען ניט גיוואר ווערין דאש זיי זיינן מרגלים דען די מאנען וואלטין זיך גישטויסן אין זייער לשון אדר אין זייער פנים אבר דיא וייבער טראכטין ניט וייט · אויך וייל דיא וייבר ריידין פיל קאן מען ביי זיי אלע סודות גיוואר ווערין אונ די מרגלים האבין זיי אלין גפרעגט אויב זיי האבן מורא פר ישראל אונ האבן אלין אויש גזאגט דרום זאגט דר מדרש די מרגלים פון משה זיינן גיוועזן רשעים אונ נארין אונ די מרגלים פון יהושע זיינן גיוועזן גרויסע חכמים אונ צדיקים פנחס אונ כלב כולם אנשים משה האט אויש גיקליבין צדיקים פר מרגלים נאר אויף דעם וועג זיינן זיי גווארן רשעים כלב בן יפונה דרום האט מען אים גירופן בן יפונה דאש איז טייטש קערין וייל ער האט זיך אוועק גקערט פון דר עצה פון די מרגלים למטה יוסף למטה מנשה דר בחיי אונ דר תולדות יצחק אונ דר חזקוני פרעגין ווארום האט די תורה דא גשטעלט יוסף ביי מנשה אונ ערגעץ אנדרש שטייט יוסף ביי אפרים דר תירוץ איז וייל דר נשיא פון מנשה האט גרעט ביז אויף

ארץ ישראל אונ יוסף האט אויך גירעט בייז אויף די ברידר דרום שטעלט ער יוסף ביי מנשה אונ ניט ביי אפרים ווייל זיין נשיא איז גוועזן יהושע אונ ער האט ניט גירעט קיין בייז אויף ארץ ישראל אונ דרום האט דיא תורה ניט גישטעלט מנשה אונ אפרים ביי אננדר ווייל דר נשיא פון אפרים איז פרום גיוועזן אונ דער נשיא פון מנשה איז שלעכט גיוועזן אונ פון שבט לוי איז קיין נשיא ניט גיגאנגן ווייל זיי האבין קיין חלק ניט גיהאט אין ארץ ישראל נאר מען פלעגט זיי געבן תבואות אונ מעשרות אונ צו די כהנים האט מען גיגעבן דאש פלייש פון קרבנות ויקרא משה להושע בן נון יהושע משה האט גירופן צו הושע בן נון יהושע כלומר ער האט אים גיבענטשט גאט זאל דיר העלפן דו זאלשט ניט זיין אין דר עצה פון די מרגלים דען משה האט גזעהן בנבואה דש די מרגלים וועלין בייז ריידין אויף ארץ ישראל · אונ דר בחיי שרייבט דרום האט ער אים מוסיף גוועזן איין יוד אויף זיין נאמן צו ווייזן דאש ער וועט געמן דעם שכר פון די צעהן מרגלים וואש האבן לשון הרע גזאגט אויך פרעגט דר בחיי ווארום שטייט דא דאש משה האט אים איין נאמען גיגעבן יהושע אמער מיר גיפינן אין דר גאנצר תורה רופט אים דר פסוק יהושע דר תירוץ איז זיין רעכטר נאמן איז גיוועזן הושע נאר די תורה האט גוואוסט דאש משה וועט אים איין נאמן געבן יהושע דרום האט אים די תורה אויך גירופין יהושע אונ דא שטעלט ער עש דאש משה האט אים איין נאמן גגעבן יהושע אונ משה האט זיין שטעקן גיגבן צו די מרגלים כדי זיי זאלין ניצול ווערין דורך אים פון אלם בייזן אונ זאלן גיין בשלום אונ האט זיי גזאגט עלו זה בנגב גייט אויף אין דרום זייט דען דארטן איז דאש ערגשטע לאנד פון ארץ ישראל אזו וויא איין קרעמר ווען מען קומט צו אים איין סחורה קויפין ווייזט ער פריער דיא ערגשטע סחורה אונ דר נאך ווייזט ער די בעסרע אזו האט משה אויך גיהייסן זעהן פריער דאש ערגשטע לאנד אונ דר נאך דש בעסטע · החזק הוא הרפה משה האט גזאגט צו די מרגלים איר זאלט זעהן אויב זיי זיינן איין שטארק פאלק אדר ניט דען ער האט זיי דעם סימן מוסר גוועזן זיצין זיי אין שטארקע שטעט איז עש איין סימן דש זיי זיינן שלאפע לייט אונ דרום מאכן זיי זיך שטארקע פעסטונג ווייל זיי האבן מורא פר מלחמה אונ ווען זיי זיצן אין אפינע שטעט מוזן זיי זיין שטארק דען זיי זיינן זיך סומך אויף זייער גבורה אונ האבן קיין מורא ניט פר איין מלחמה אויך זאלט איר זעהן אויב עס איז דרינן דא גוטע קוואלין מיט וואסר אונ אויב די לייט זיינן דארטן גזונט היש בה עץ איר זאלט זעהן אויב עש איז דא איין צדיק צווישין זיי וואש ער קאן מציל זיין גאר דאש פאלק מיט זיין זכות אונ איר זאלט נעמן פון די פירות פון דעם לאנד ויבא עד חברון ער איז גקומן ביז חברון פרעגט רש"י זיי זיינן דאך גוועזן צוועלף מרגלים וואלט גידארפט שטיין ויבאו זיי זיינן גיקומן דר תירוץ איז כלב אליין איז גקומן קיין חברון אונ האט זיך פאר שפרייט אויף די קברים פון די אבות אונ האט תפלה גיטאן ער זאל ניט איבר גרעט ווערן אין דר עצה פון די מרגלים אבר יהושע האט ניט גדארפט דרויף תפלה טאן דען משה האט אים מוסיף גוועזן איין יוד אויף זיין נאמן אונ האט אים גבענטשט גאט זאל דיר העלפין פון דר עצה פון די מרגלים · אונ דר מדרש זאגט גאט איז גקומן קיין חברון צו לאזין ווישין די אבות דאש ער וועט געבן דאש לאנד ארץ ישראל צוא זייערע קינדער וישאוהו במוט בשנים די מרגלים האבן אפ גישניטן איין היינגיל וויין טרויבן אונ ער איז אזו גרויס גוועזן דאש מען האט אים גימוזט טראגן אויף צוויי שטאנגן מיט אכט מענטשן אונ צוויי פון די מרגלים האט איינער גינומן איין פייג אונ דר אנדרר איין מיל גרוים אונ יהושע וכלב האבן גאר ניט גינומן ווייל די מרגלים האבין גיוואלט לשון הרע ריידין דורך די פירות צו זאגן אזו ווי די פירות זיינן משונה פון אנדרע

לעגדער

לענדר אזו זיינן די לייט פון ארץ ישראל משונה
פון אנדרע לייט אונ יהושע וכלב האבן ניט
גיוואלט ריידן דרום האבן זיי די פירות ניט
גינומן אונ די מרגלים זיינן אויש גנאנגן גאנץ
ארץ ישראל אין דר לייני אונ אין דר ברייט אין
פערציג טאג חאטשע מען דארף דאש גיין אין
אכציג טעג נאר גאט האט זיי דעם וועג קירצר
גימאכט ווייל ער האט גיוואושט די מרגלים
ווערן מאכין זינדיגין ישראל אונ דורך דעם
וועלן זיי מוזין בלייבן אין דר מדבר איין יאר
אנטקעגן איטליכן טאג · דרום ווען זיי וואלטן
לייננר גיין וואלטין זיי לייננר גיבליבין אין דר
מדבר · אונ דר בחיי שרייבט דש יהושע וכלב
האבן גיטראגן דאש היינגיל וויין טרויבן אונ
צעהן מרגלים האבין אים ניט גיקענט טראגן
אונ דאש האט זיי גאט גיוויזין דש זיי ווערין
ניט ארבן ארץ ישראל נאר יהושע וכלב וועלן
דש ארבין אונ וועלן עסין די פירות פון דעם
לאנד וישיבו אותם דבר אז די מרגלים זיינן גיקומן
זיינן זיי ניט גינאנגן פריער אין זייער גצעלט
נאר זיי זיינן באלד גינאנגן צו משה אונ צו כל
ישראל אונ האבין זיי גיוויזין דיא פירות פון
דעם לאנד אונ האבן גזאגט דש לאנד איז פול
האניק אונ מילך דען ווען איינר וויל איין ליגן
זאגן מוז ער פריער עפעס אמת זאגן כדי יענר
זאל אים דר נאך גלייבין אויף דעם ליגן דרום
האבין זייא פריער גיזאגט עש איז איין פעט
לאנד נאר דאש פאלק איז זייער שטארק אונ
די שטעט זיינן אויך זייער פעסט אונ מיר האבן
דארטן גיזעהען דיא ריזען אונ זייא האבין
גמאכט איין מורא צו ישראל אונ זאגן עמלק
זיצט אין דרום זייט אונ איר ווייסט דאך וואש
פר איין בייז עמלק האט אייך גטאן · אונ דר
חתי אונ דר אמורי זיצן אויף דעם בארג אונ
דר כנעני זיצט ביי דעם ים · דרום איז שווער
איין צו נעמן דאש לאנד ויהס כלב האט כלב
גישטילט דאש פאלק אונ האט גיזאגט ציא
נאר דאש אליין האט אונז דר זון פון עמרם
גטאן · אזו האבן די ישראל גימיינט דאש ער

ווערט עפעס ריידן בייז אויף משה · אונ ווייל
זיי זיינן גיווען אין כעס אויף משה דרום זיינן
זיי שטיל גיבליבין צו הערין דאש בייז · אזו
האט כלב גזאגט ער האט אונז פיל גוטש גטאן
ער האט אונז גישפאלטין דעם ים אונ האט
אונז גיגעבין דעם מן אונ די וואכטלן עלה נעלה
ווען ארץ ישראל זאל זיין אויף דעם הימל אונ
משה זאל אונז הייסין מאכן לייטר צו ארויף
גיין וואלטין מיר באגליקט אין זיינע רייד אונ
מכל שכן דאש ארץ ישראל איז אויף דר ערד
אונ גאט האט אונז צו גיזאגט צו געבן דאש
לאנד אזו ווערין מיר גיוויס אהין קומן · אונ
די מרגלים האבין גיזאגט מיר ווערן ניט קענן
אויף גיין קיין ארץ ישראל · דען ווען אפילו
דש פאלק זאל ניט זיין אין די שטעט זיי זאלן
נאר זיין אויף דעם פעלד וואלטן מיר זיי אויך
ניט גקענט איין נעמן דען זיי זיינן זייער שטארק
אונ מכל שכן ווש זיי זיצן אין שטארקע שטעט
ווערן מיר זיי בוודאי ניט קענן איין נעמן אויך
האבן זיי גזאגט דארטין שטארבט מען זייער
אונ דאש האט גאט גיטאן פון זייער טובה
וועגן · אונ האט אין דר צייט אויף זיי גשיקט
איין מארד כדי זיי זאלין האבן צו טאן מיט
זייערע פגרים אונ זאלן פאר זעהן די מרגלים
אונ די מרגלים האבן דורך דעם נס בייז גרעט
אויף ארץ ישראל אונ דורך דעם זיינן זיי וואורן
גהאפט אין זייערע רייד דען זיי האבן פריער
גזאגט עס איז איין שטארק פאלק אונ איצונד
זאגן זיי דאש לאנד פר דארבט די וועש וואונן
דרינען הנפילים בני ענק די פאלינדיגע ריזן וואש
זיינן פון דעם הימל אראפ גיפאלן פון ששת
ימי בראשית אונ דרום הייסן זיי נפילים ווייל
ווער עש זעהט זיי פאלט אים איין דש הארץ
האבן מיר גזעהן אונ מיר זיינן גיווען אין זייערע
אויגן ווייא היישעריקין דען זיי האבן גיזאגט
היישעריקין גייען אין אונזרע וויין גערטנער
אין דעם גישטאלט פון מענטשן אויך האבין
זיי גיזאגט כי חזק הוא ממנו די לייט זיינן שטארקר
פון גאט אזו האבין די ישראל אן גיהויבן צו

וויינן

זַיינֶן׳ אוּן הָאבְּן גְזָאגְט לו מֵתְנוּ הַלְוַאי וָואלְטְן מִיר גִישְׁטָארְבְּן אִין מִצְרַיִם אָדֶר אִין דָר מִדְבָּר אַזוּ וָואלְטְן אוּנְזֶרֶע קִינְדֶר נִיט גְפַאלְן דוּרְךְ דָר שְׁוֶוערְד פוּן דֶעם פַּיינְט ׃ אוּן וָוארוּם הָאשְׁטוּ מֹשֶׁה אוּנְז אוֹיף גִבְּרַאכְט פוּן מִצְרַיִם צוּ מַאכְן אוּנְז פַאלְן דוּרְךְ דָר שְׁוֶוערְד ׃ דְרוּם לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַיין עֶלְצְטִין אִיבֶּר זִיךְ אוּן לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין קַיין מִצְרַיִם ׃ אוּן וִויא בַּאלְד מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן הָאבִּין דָאשׁ דָר הֶערְט זַיינֶען זַייא גִיפַאלְן אוֹיף זַייעֶר פָּנִים אוּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבִּין צוּ רִיסִין זַייעֶרֶע קְלֵיידֶר פַאר צַעַר אוּן הָאבְּן גְזָאגְט דָשׁ לַאנְד אִיז זַייעֶר גוּט הַלְוַאי וָואלְט נָאר גָאט אוּנְז גִיוָואלְט אַהִין בְּרֵיינְגֶען נָאר אִין גָאט זָאלְט אִיר נִיט וִוידֶר שְׁפֶּענִיגְן ׃ אוּן דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִיוַויינְט אִין דֶער דָאזִיגֶר נַאכְט ׃ הָאט גָאט גִיזָאגְט אִיר וַויינְט הַיינְט אוּם זִיסְט דְרוּם וֶועל אִיךְ אַייךְ מַאכִין אַיין גִיוַויין אוֹיף תָּמִיד אִין דָר דָאזִיגֶר נַאכְט דָאשׁ אִיר וֶועט וַויינֶען וַוייל דָר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט אִין דֶר נַאכְט חָרוּב וֶוערְן אוּן דָאשׁ אִיז גִיוֶועֶן אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב ׃ אוּן יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב זָאגְן צוּ יִשְׂרָאֵל כִּי לַחְמֵנוּ הֵם מִיר וֶועלְן דִי עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים גְרִינְג אַיין נֶעמֶען גְלַייךְ וִויא עֶשׁ אִיז גְרִינְג אַיין שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט אוֹיף צוּ עֶסִין ׃ זַיי הָאבְּן גְהַאט אַיין צַדִיק אִיוֹב וָואס הָאט אוֹיף זַיי מָגִין גִוֶועֶן וִויא אַיין שָׁאטִין אִיז מָגִין אוֹיף אַיין מֶענְטְשְׁן פַאר דָר זוּן דָר אִיז אוֹיךְ שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין ׃ אוּן דֶער בַּחְיֵי שְׁרַייבְּט סָר צִלָּם מַיינְט מֶען דִי מַלְאָכִים פוּן דִי זִיבְּן אוּמוֹת וָואשׁ זַייגֶן אִין הִימִיל הָאבְּן זִיךְ אָפּ גְטָאן פוּן זַיי אוּן זַיינֶן מִיט אוּנְז ׃ אוּן דְרוּם הָאבִּין זַיי גִיזָאגְט וַיְיָ אִתָּנוּ אַל תִּירָאוּם כְּלוֹמַר גָאט מִיט זַיין בֵּית דִין דָאשׁ זַיינֶן דִי מַלְאָכִים פוּן דִי זִיבְּן אוּמוֹת זַיינֶן מִיט אוּנְז ׃ דְרוּם זָאלְט אִיר פַר זַיי קַיין מוֹרָא נִיט הָאבְּן ׃ אוּן דָר בַּחְיֵי שְׁרַייבְּט פוּן דֶעם רמב״ן וֶועגִין סָר צִלָּם מַיינְט מֶען דָאס וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ זֶעהְט דִי נַאכְט פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה דָאשׁ עֶר הָאט קַיין שָׁאטִין נִיט וֶועט עֶר גִיווִיס אִין דֶעם יָאר שְׁטַארְבִּין ׃ דָאשׁ הָאט יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב גִיזָאגְט זַיי הָאבְּן קַיין שָׁאטְן נִיט ׃ זַיי זַייגֶן וָוארְן אָן גִיהַתְמָת צוּ שְׁטַארְבְּן אִין דֶעם יָאר ׃ אוּן נָאךְ אַיין פְּשַׁט אִיז כִּי לַחְמֵנוּ הֵם סָר צִלָּם מֵעֲלֵיהֶם מִיר הָאבְּן צְוַויי מִצְוֹת אַיינְס וָואשׁ מִיר עֶסִין מַצּוֹת אוּם פֶּסַח דוּרְךְ דֶעם זְכוּת וֶועלִין מִיר דִי עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים אוֹיף עֶסִין אַזוּ וִויא בְּרוֹיט ׃ אוּן דָאשׁ אַנְדֶרֶע אִיז וָואס מִיר זִיצֶן אוּם סֻכּוֹת אִין דֶעם שָׁאטְן פוּן אַיין סוּכָּה אוּן פוּן דֶעם זְכוּת וֶועגִין וֶועט וֶוערִין אָפּ גִיטָאן דֶר שָׁאטְן פוּן דִי עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים ׃ אוּן גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּא מֹשֶׁה וִויא לַאנְג נָאךְ וֶועלִין מִיךְ דִיא יִשְׂרָאֵל דֶר צַארְעֶנֶען אוּן וֶועלִין נִיט גְלֵייבְּן בְּכָל הָאוֹתוֹת אֲשֶׁר עָשִׂיתִי בְּקִרְבּוֹ דִי אַלֶע צֵייכִן וָואשׁ אִיךְ הָאבּ גְטָאן צְוִוישְׁן אִים דֶר בַּחְיֵי פְרֶעגְט וָוארוּם שְׁטֵייט בְּקִרְבּוֹ צְוִוישְׁן אִים גְלַייךְ וִויא מֶען רֶעט צוּ אַיין מֶענְטְשְׁן ׃ עֶס וָואלְט גִידַארְפְט שְׁטֵיין בְּקִרְבָּם צְוִוישְׁן זַיי וַוייל עֶר הָאט גִירֶעט אוֹיף כָּל יִשְׂרָאֵל ׃ דֶער תִּירוּץ אִיז גָאט הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גְטָאן צֵייכִינְם צוּ יִשְׂרָאֵל אַז זַיי הָאבְּן גִיהַאט אַיין הַארְץ צוּ דִינֶען מִיךְ אוּן זַיינֶען גִוֶועֶן אַלֶע גְלַייךְ וִויא אַיין מֶענְטְשׁ ׃ אוּן דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט בְּקִרְבּוֹ וַוייזְט דָאשׁ גָאט הָאט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ זַיי גִיגֶעבְּן דֶעם מַן וָואשׁ זַיי הָאבְּן קַיין אוֹיס גַאנְג פוּן אִים נִיט גִיהַאט נָאר עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אִין זַייעֶר בּוֹיךְ ׃ דֶען בְּקִרְבּוֹ אִיז טַייטְשׁ אִין זַיין בּוֹיךְ ׃ פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אִין יוֹמָא וֶוען יִשְׂרָאֵל הָאבִּין קַיין אוֹיס גַאנְג נִיט גִיהַאט פוּן דֶעם מַן וָוארוּם הָאט גָאט גִיהֵיישְׁן מַאכִין אַיין אַייזֶערְנֶען נָאגִיל צוּא צוּ דֶעקִין דָאשׁ צוֹרְךְ עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא זַיי הָאבִּין גִיהַאט צוֹרְךְ פוּן דֶר שְׁפַּייז וָואשׁ זַיי הָאבִּין גִיקוֹיפְט פוּן דִי אוּמוֹת ׃ פְרֶעגְט וַוייטֶער דִיא גְמָרָא וֶוען יוֹא זַייא הָאבִּין אַנְדֶערֶע שְׁפַּייז גִיגֶעסִין דָאךְ וָואלְט דֶר מַן גִידַארְפְט דָאשׁ שְׁפַּייז פַר דַייעֶן דָאשׁ זַייא זָאלִין דָר פוּן אוֹיךְ קַיין אוֹישׁ גַאנְג נִיט הָאבִּין ׃ עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא דֶעם נָאגִיל הָאבְּן זַיי גִידַארְפְט הָאבְּן אַז זַיי הָאבְּן עֲבֵירוֹת גִיטָאן אַזוּ הָאבִּין זַיי שׁוֹין גִהַאט אוֹיס גַאנְג

פון דעם מן · דען גאט האט גזאגט צו ישראל
איך האב איך גיהאלטן פר מלאכים אונ האב
איך גיגעבן מן צו עסן · אבר היינט אז איר
האט גיזינדיגט וועט איר זיין אזו ווי אנדרע
לייט אונ מוזט איך במיהען צו גיין דריי
מייל · דען די מחנה ישראל איז דרייא מייל
גרויש גוועזן אונ דר וואס האט גדארפט צורך
טאן האט גמוזט גיין דריי מייל אויש דר מחנה ·
מפני כדבר גאט זאגט איך וועל ישראל דער
שלאגין מיט איין מארד דאס זייא זאלן ניט
פאלין אין די הענט פון די פיינט · כדי דיא
עובדי כוכבים זאלין ניט זאגן גאט האט קיין
כח ניט גיהאט צו ברייגן זיי קיין ארץ ישראל
אזו וועט עס זיין איין חילול השם · אונ גאט
זאגט צו משה ווען דו וועסט פרעגן ווען איך
וועל טייטן ישראל וויא וועט מקוים ווערן די
שבועה וואש איך האב גישווארן צו אברהם
יצחק ויעקב צו געבן דאס לאנד צו זייערע
קינדר · זאג איך דיר איך וועל דיך מאכן צו
איין גרויס פאלק וואש דו ביסט פון זייערע
קינדער אונ דיינע קינדער וועלין ירשנן ארץ
ישראל · האט משה גיענטפערט ווען דיא
מצרים וועלין דאס הערן אונ זיי ווייסן דאס דו
האסט אויף גבראכט מיט גרוישע וואונדר די
ישראל פון מצרים · אונ היינט ווען דו וועסט
זייא טייטין אין דער מדבר וועלן זייא ניט
זאגין די ישראל האבין גיזינדיגט · נאר זיי
וועלין זאגין גאט האט קיין כח ניט צווא
ברייגן זייא קיין ארץ ישראל דרום האט ער
זיי גטייטט אין דר מדבר · ויארך אפים גאט וואס
דו דר לייגערשט דיין צארן אונ שטראפסט
ניט באלד · רש"י שרייבט אז משה איז גיקומן
אויף דעם הימל האט ער גיזעהן דאש גאט
האט גישריבן ויארך אפים האט משה גיפרעגט
גאט דאש איז צו צדיקים האט גאט געענטפערט
צו רשעים דר לייגער איך אויך מיין צארין ·
האט משה גזאגט לאזן די רשעים פר לארין
ווערן פון וועגן זייערע עבירות · האט גאט צו
אים גיזאגט עש וועט זיין איין צייט וואש דו
וועסט דר צו דארפן · אונ אז די ישראל האבן
גיזינדיגט מיט דעם עגל אונ מיט די מרגלים
האט משה תפלה גיטאן אונ האט גזאגט
ויארך אפים האט גאט צו אים גזאגט דו האסט
אליין גזאגט מען זאל נאר צו צדיקים דער
לייגערין דעם צארן · האט משה גיענטפערט
רבון העולמים דו האסט דאך גיזאגט דאש
דוא דער לייגערשט דיין צארין צו רשעים
אויך · ונקה לא ינקה גאט לאזט ליידג די וואש
טוען תשובה אונ לאזט ניט ליידיג וואס טוען
קיין תשובה ניט · אונ משה האט גיבעטן פר
גיב די זינד פון דעם פאלק אזו ווי דו האסט
פר געבן זינט דו האשט זיי אויס גיצויגן פון
מצרים אונ ביז אהער · האט גאט גזאגט איך
האב זיי פר געבן אזו ווי דו האשט בגערט ·
אבר דאס שווער איך אזו וויא איך לעב אייבג
אונ מיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט דאס
זיי מוזין אלע שטארבן אין דר מדבר ווייל זיי
האבן גיזעהן מיינע גרוישע נסים וואש איך
האב זיי גיטאן אונ זיי האבין ניט גיגלויבט
אין מיר · אונ האבן מיך צעהן מאל גפרובט
דרום וועלן זיי ניט זעהן דאס לאנד · נייערט
אלע וועלן שטארבן אין דר מדבר אונ זייערע
ווייבר אונ קינדר וועלן קומן קיין ארץ ישראל
אבער גאט האט דיא עבירה ניט גאר מוחל
גיוועזן · נייערט דיא ישראל מוזין אלע יאר
וויינן אום תשעה באב פון דר עבירה וועגן ·
דען דער בית המקדש איז דורך דעם חרוב
גווארן · דר בחיי אונ דר חזקוני שרייבן סלחתי
כדברך איז טייטש גאט האט גיזאגט צו משה
די עבירה פון דעם עגל האב איך מוחל גוועזן
אזו וויא דו האסט בגערט אבר די עבירה פון
די מרגלים וועל איך ניט מוחל זיין · נאר זיי
וועלן אלע שטארבן אין דר מדבר נאר ביסלך
ווייש ניט מיט איין מאל · כדי דיא עובדי
כוכבים זאלין ניט זאגין גאט האט קיין כח
ניט צו ברייגען זיי קיין ארץ ישראל דרום
האט ער זייא גיטייט · אונ דרום האט גאט
גיבראכט זייערע קינדר קיין ארץ ישראל צו

ווייזין דאס ער האט יוא כח איבער איין אונ
דרייסיג מלכים · אונ זיי וועלין אלע שטארבן
ווער עש איז אלט פון צוואנציג יאר אונ
ווייטער : ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו נאר
מיין קנעכט כלב ווייל ער האט אין זיך צוויי
דעות גהאט מיט זיין מויל האט ער גזאגט צו
דיא מרגלים ער וועט אויך בייז ריידן · אונ
זיין הארץ איז גיוועזן צו גאט גוטש ריידין ·
דרום וועט ער קומן קיין ארץ ישראל · אונ
זיינע קינדר וועלין ירשענען דאס לאנד · דער
חזקוני פרעגט ווארום זאגט ניט דר פסוק דאס
יהושע וועט קומן קיין ארץ ישראל אזו וויא
ער זאגט ביי כלב · דר תירוץ איז ער דארף
ניט זאגן דאש יהושע וועט קומן ווייל ער
וועט פירן כל ישראל קיין ארץ ישראל מכל
שכן דאס ער וועט אליין קומן · נאך איין
תירוץ איז דרום זאגט ער ניט יהושע וועט
קומן קיין ארץ ישראל ווייל יהושע האט
קיין זין ניט גיהאט אזו האט דר פסוק ניט
גיקאנט זאגין דאס זיינע קינדר וועלין דאש
לאנד ירשענן · אונ דר תולדות יצחק ענטפרט
דרום האט דר פסוק ניט גידאכט איין שכר
צו יהושע אזו וויא צו כלב ווייל משה האט
אים גיבענשט ער זאל גיצול ווערין פון דער
עצה פון די מרגלים · אבער צוא כלב האט
קיינר ניט גיבענטשט אונ ער האט זיך אליין
אפ גיהיט פון דיא מרגלים דרום האט גאט
אים איין באזונדערן שכר גיגעבן · אונ נאך
איין תירוץ איז ווייל כלב האט זיין האלז
גישטעלט אונ האט גישריען אנטקעגין דיא
מרגלים מיר וועלן דאס לאנד ירשנן אונ עש
איז איין גוט לאנד · דרום האט אים גאט איין
באזונדרין שכר גיגעבן · אונ אויב דו וועשט
פרעגן ווארום האט יהושע קיין גוטש ניט
גירעט אויף ארץ ישראל אזו וויא כלב האט
גירעט גוטש אנטקעגן די מרגלים · דר תירוץ
איז יהושע איז איין גרוישר חכם גיוועזן ער
האט זיך גיטראכט ווען ער וועט אויך גוטש
זאגן וועלן די מרגלים זאגן איר זאגט ליגן אונ
מיר זיינן מער וויא איר דען איר זייט צווייא
אונ מיר זיינען צעהען · דרום זיינן מיר מער
בגלייבט וויא איר דרום האט יהושע גישוויגן
אונ האט גלאזט כלב ריידן כדי דיא מרגלים
זאלין מיינן ווייל ער שווייגט מן הסתם איז
ער מסכים צו זיי אזו וועלן זייא אים פרעגין
ווער עש זאגט אמת אונ וועלין זיך אויף אים
פר לאזין אזו וועט ער דעם גאנצן אמת זאגן
אונ וועט מקדש השם זיין · אבער וויא ער
האט גיזעהן דאס ער שווייגט אונ די מרגלים
פרעגן אים ניט · אזו האט ער פריער צו ריסן
זיינע קליידר אויף דר בייזער זאך וואש די
ישראל האבן גירעט · במדבר הזה יפלו פגריכם אין
דר מדבר וועלין פאלין אייערע גופים אבער
אייערע נשמות וועלין קומען לעולם הבא ·
רש״י שרייבט דיא ישראל זיינן גוועזן פערציג
יאר אין דר מדבר אנטקעגן די פערציג טעג
וואס די מרגלים זיינן גגאנגן אין ארץ ישראל
אונ האבן בייז גירעט דרויף · דרום האבן זיי
גימוזט פערציג יאר אין דר מדבר בלייבן כדי
די וואש זיינן היינט אלט צוואנציג יאר זאלין
לעבין נאך פערציג יאר דאש קיינר זאל ניט
שטארבן פאר זעכציג יאר · אם אתם תבואו אל
הארץ אויב איר וועט קומן קיין ארץ ישראל ·
דר בחיי שרייבט גאט האט גיוויזן דאס משה
אונ אהרן וועלין ניט קומן קיין ארץ ישראל
אונ וועלין שטארבן אין דר מדבר אונ דאש
איז לכבוד ישראל · כדי אז משיח וועט קומן
וועט משה אונ אהרן אויף שטיין אונ וועלין
מיט זיך פירן די וואס זיינן גישטארבן אין דר
מדבר · במגפה דיא מרגלים זיינען גישטארבין
אין איין מגפה · רש״י שרייבט גאט האט זיי
בצאלט מדה כנגד מדה זיי האבין גרעט בייז
מיט זייער צונג · דרום איז זייער צונג גרויס
גיווארן ביז צום נאפיל · ויתאבלו העם מאוד דיא
ישראל האבין חרטה גיהאט אויף זייערע
עבירות זיי האבן גזאגט מיר וועלן אויף גיין
קיין ארץ ישראל · האט משה צו זיי גיזאגט
גייט ניט ווייל גאט איז ניט ביי איך אזו וועט
איר

איר ניט באגליקין אונ וועט ווערן גישלאגין פר אייערע פיינט · דען עמלק זיצט פר אייך אויף דעם גרענץ · אונ די ישראל האבן ניט גיפאלגט אונ זיינן אויף גיגאנגן אויף דעם בארג אויף צו גיין קיין ארץ ישראל אונ משה אונ דר ארון האבין זיך ניט גירירט פון דר מחנה · אזו איז גיקומן עמלק אונ דר כנעני וואס זיצן אויף דעם בארג אונ האבין דער שלאגין פיל פון ישראל · דער אבן שועיב שרייבט דיא חכמים האבין גיזאגט וחאטשע מרים האט ניט קיין כוונה גיהאט צוא ריידן לשון הרע איז זיא דאך מצורע גיווארן · מכל שכן ווען איינר רעט לשון הרע ער זאל לייטן דר צערנן וועט ער בוודאי גישטראפט ווערן דרויף האט שלמה המלך גזאגט מות וחיים ביד לשון דר טויט אונ דאס לעבן הייננט אין דעם צונג · דער מדרש זאגט איין מעשה איין זון פון איין מלך איז זייער קראנק גיוועזן האבין דיא דאקטורים גיזאגט ער קען אנדרש קיין רפואה ניט האבן נאר ווען ער וועט טרינקן מילך פון איין לייב · איז גיקומען איינר צום מלך אונ זאגט איך וועל דיר בריינגען מילך פון איין לייב · האט דר מלך צו אים גיזאגט אז דו וועשט בריינגן וועל איך דיך מאכין פר איין גרוישן שר · האט דער מענטש זיך גיהייסין געבן צעהן ציגין אונ איז גיגאנגען צוא איין לייבן גרוב · אין דעם ערשטן טאג גיט ער די לייבין איין ציג אויף עסין · אונ אין דעם אנדערין טאג גיט ער זיי ווייטר איין ציג אויף עסין · אונ ווייזט זיך פון ווייטן פר די לייבן כדי דיא לייבן זאלן זעהן ווער עש גיט זיי די ציגן עסין · אונ אזו האט ער גטאן דעם דריטין טאג אונ האט זיך אלע מאל נעהענטר גישטעלט פר די לייבן ביז ער איז מיט זיי גיוואנט גיווארן · אונ האט זיך מיט די לייבן אן גיהויבן צו שפילן ביז אין דעם צעהנטן טאג האט ער די לייבן אויס גימאלקן אונ האט גינומן די מילך אונ איז גיגאנגען זיין וועג · ביי נאכט איז ער גיקומן אין איין הארבערג אונ האט זיך גיליגט שלאפן האט זיך אים גיחלמת דאש דער מלך האט אים גרויש כבוד אן גטאן · האבן די פיס גיזאגט מיר האבן דאש גורם גיוועזן ווייל מיר זיינען גיגאנגן צו דעם לייבין גרוב · אונ די הענט האבן גזאגט מיר האבן דאש גורם גוועזן ווייל מיר האבין די לייבין גימאלקן · אונ די אויגן זאגן מיר האבין דאס גורם גיוועזן וואש מיר האבן גיזעהן איין לייבן גרוב · אונ די אויערן זאגין ווען מיר וואלטין ניט העריין פון דיא דאקטורים דש מען דארף לייבן מילך האבן וואלט איר ניט גיבראכט · אונ דאש הארץ זאגט ווען איך וואלט ניט די עצה געבן מיט די ציגין וואלט איר ניט גיקענט קיין מילך בריינגן · זאגט דר צונג איך האב דאס גורם גיוועזן דאש איך האב גיזאגט דעם מלך ער זאל געבן ציגן · אזוא האבין אלע אברים אן גישריען אין דעם צונג אונ זאגין דו ביסט דר נידעריגשטר אבר אין דעם מענטשן ווייל דו ליגשט תמיד אין מויל פון מענטשין אין נאסין אונ ווילשט דיך אזו חשוב האלטין · האט דר צונג גיענטפרט איר וועט זעהן דאס אלץ היינגט אן אין מיר האט זיך דר מענטש אויף גיהאפט אונ האט זיך דר שראקן פון דעם חלום אונ איז גיקומן מיט דעם לייבין מילך צום מלך אונ זאגט איך האב גבראכט מילך פון איין כלבתא · אונ איין כלבתא איז טייטש איין הונט · אזו האט דר מלך אונ די שרים אויף אים גיצערינט אונ זאגן עש איז דא גינוג הינט מילך ביי אונז אונ האבן אים גיזעצט אין תפיסה · איז ער אנטשלאפין גיווארן האט דר צונג גזאגט איך האב אייך גזאגט דאש איך בין בעסר פון אלע אברים דען מיט מיין רידן וועט איר אלע דר שלאגן ווערן · האבן אלע אברים צו אים גזאגט מיר זיינן דיר מודה דאס דוא בישט דער בעסטר אונ מיר וועלין דיך מאכין פאר איין עלצטין נאר זייא אונז מציל פון דעם טויט · אונ אז עס איז גיקומן אין דר פריא האט דר מלך גיבאטין

גיבאטן מען זאל דעם מענטשן היינגן · אונ
וויא מען האט אים ארויס גפירט צו היינגן
האט דר מענטש גיבעטן מען זאל אים אויס
הערין וועט ער דעם זון פון מלך מיט דעם
מילך היילין · אזו האט מען אים מיט גרויש
שמחה גיבראכט צום מלך האט ער גזאגט
דאש וואש איך האב גזאגט איך האב גברכט
מילך פון אין כלבתא דאש האב איך גמיינט
אין לייבן · דען אין ארץ ישראל רופט מען
צו אין לייבן כלבתא אונ איך האב גירעט
מיט דעם לשון פון ארץ ישראל אזו האט דר
מלך גיפרובט אונ האט גיפונן אז דאש איז
לייבן מילך אונ האט דעם מענטשן גמאכט פר
אין גרוישן שררה · דאש זאגט דר פסוק מות
וחיים ביד לשון דר טויט אונ דאש לעבין הייגנט
אין דעם צונג · כי תבואו אל ארץ מושבותיכם אז
איר וועט קומן קיין ארץ ישראל · דר רמב"ן
אונ דר בחיי אונ דר חזקוני אונ דר אבן שואב
שרייבן דרום איז די פרשה פון קרבנות ווארין
אן גישריבן ביי דער פרשה פון מרגלים צוא
טרייסטין ישראל האטשע זיי האבן גיזינדיגט
מיט די מרגלים · וועט דאך גאט אן נעמן די
קרבנות פון זייערע קינדר · דר מדרש זאגט
אזו וויא אין פאטר טוט פינף זאכן צו זיין
זון · דאס ערשטע ער איז אים מל · דאש
אנדרע ער לייזט אים אויש פון דעם כהן ווען
ער איז אין בכור · דאס דריטע ער לערנט
מיט אים תורה · דאס פערטע ער לערינט
אים אין מלאכה אדר האנדלן · דאס פינפטע
ער גיט אים אין ווייב · אזו אויך האט גאט
גטאן צו ישראל ער האט גלאזט יהושע זאל
מל זיין די ישראל אונ האט זיי אויש גלייזט
פון מצרים אונ האט זיי גיגעבין דיא תורה
אונ האט זייא גיגעבן מצות וואש איז בעסר
פון סחורה אונ האט זיי גיבאטן צו נעמען
אין ווייב צו האבן קינדר · הכרת תכרת הנפש
ההיא עונה בה רש"י שרייבט דר מענטש וואש
פאר שמערט די רייד פון גאט אונ איז חייב
כרת ווערין זיינע יארין פאר שניטן ווען

טוט קיין תשובה ניט אבער ווען ער טוט
תשובה איז אים גאט מוחל זיינע עבירות ·
אונ דער רמב"ן שרייבט עונה בה דר מענטש
וואס איז חייב כרת איז די עבירה ביי זיין
נשמה אויף אייביג דאס ער מוז אייביג ליידן
גיהנם דריבר · ויהיו בני ישראל במדבר די ישראל
זיינן גוועזן אין דר מדבר אונ האבן גיפונן אין
מענטש האט גיקליבין האלץ אום שבת ·
רש"י שרייבט דער פסוק לערנט אונז דאש די
ישראל זיינן זייער שלעכט גוועזן אין דר מדבר
אונ האבן נאר אין שבת רעכט גיהאלטן אונ
דעם אנדערן שבת האט דר מקושש מחלל שבת
גיוועזן אונ האט גקליבן האלץ אום שבת אונ
דר בחיי שרייבט דרום שרייבט די תורה אין
דר מדבר צו ווייזן האטשע די ישראל האבין
פיל נסים גיזעהען אין דר מדבר האבן זיי
דאש אלץ פאר נישט גיהאלטין אונ האבין
מחלל שבת גיוועזן נאך אין פשט איז דיא
תורה לערינט אונז דאש דיא ישראל זיינען
שלעכט גיוועזן אין דער מדבר דרום האט
גאט אויף זייא גיבאטין זייא זאלין שטארבן
אין דער מדבר פון וועגין דר עבירה פון דיא
מרגלים אונ איצונד האבן זיי נאך אין עבירה
גיטאן אונ האבין מחלל שבת גוועזן דען אין
עבירה שלעפט די אנדרע עבירה די ישראל
האבן אים גיפונן וויא ער האט גיקליבן האלץ
אונ זיי האבן אים אין התראה גיטאן ער זאל
ניט קלייבן ווארום מען וועט אים טייטין אונ
ער האט דאש ניט גיהערט האבין זייא אים
גבראכט צו משה האט משה אים אין גיזעצט
אין דר תפיסה ביז ער וועט פרעגין גאט מיט
וואש פר אין מיתה מען זאל אים טייטן אונ
דרום האט משה גיפרעגט גאט ווייל ביי שבת
שטייט חילול אונ ביי עבודת כוכבים שטייט
אויך חילול האט ער גמיינט אזו וויא ביי עבודת
כוכבים שטייט מען זאל אים אפ האקן דעם
קאפ מיט אין שווערד אזו אויך ווען מען איז
מחלל שבת זאל מען אים אויך אפ האקן דעם
קאפ מיט אין שווערד דרום האט ער גפרעגט

גאט

גאט וואש פר איין מיתה מען זאל אים אן טאן דער חזקוני פרעגט מען האט דאך גידארפט דעם מענטשין וואש האט איין עבירה גטאן איין התראה טאן מיט וואש פאר איין מיתה מען וועט אים טייטין אונ בייא דעם מקושש האט מען ניט גיוואושט מיט וואש פאר איין מיתה מען וועט אים טייטן אונ וויא האט מען אים גיקאנט איין התראה טאן דר תירוץ איז מען האט אים גזאגט ניט קלייב האלץ דען עש זיינן דא פיר מיתות וואש מען טייט מיט זיי דעם וואש איז עובר אויף גאטש גיבאט אזו האט ער גיהערט אלע פיר מיתות אונ האט דאך גיקליבן דרום הייסט דאש איין רעכטע התראה דר אבן שואב שרייבט דר וואש האט גיקליבן האלץ אום שבת דר איז גיגאנגן אין די קליידר פון אום דר וואכן דרום האט ער פר געסין אז עש איז שבת דרום זאל איטליכער מענטש זעהען צו האבין אנדרע קליידר אויף שבת אזו וועט ער גידיינקן אז עש איז שבת אונ וועט רעכט שבת האלטן • ועשו להם ציצית גאט זאגט צו משה רייד צו ישראל זיי זאלן זיך מאכין ציצית רש"י שרייבט ציצית האט אין דר צאל זעקס הונדרט אונ אין זיי איז דא אכט פעדים אונ פינף קניפן איז דריי צעהן סך הכל איז זעקס הונדרט אונ דריי צעהן דאש איז אנטקעגן די זעקס הונדרט אונ דריי צעהן מצות וואש זיינן אין דר תורה צו וייזן דאש די מצוה פון ציצית איז גיגליכן אנטקעגן אלע מצות פון דר תורה • פרעגט דר בחיי אונ דר חזקוני אונ דר אבן שואב ציצית שטייט דאך אין דר תורה מיט איין יו"ד בטרעפט עש דאך ניט קיין זעקס הונדרט דר תירוץ איז עש שטייט איין מאל לציצית מיט איין למ"ד וואש בטרעפט דרייסיג דאש איז אויף דעם ארט פון די דריי מאל יו"ד וואש גייט אפ ביי די דריי מאל ציצית וואש שטייט אין דר תורה • אונ דר בעל הטורים אונ דר אבן שואב שרייבין עש זיינן אכט פעדים אין די ציצית אנטקעגן די אכט אברים וואש דר מענטש טוט מיט זיי עבירות די אויערן אונ

די אויגן אונ דש מויל אונ די נאז אונ די הענט אונ די פיס אונ די ערוה אונ דאש הארץ ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם איר זאלט ניט נאך זעהן נאך אייער הארץ אונ נאך אייערע אויגן דען די אויגן אונ דש הארץ זיינן צוויי מעקלרש ביי דעם מענטשן צו טאן עבירות די אויגן זעהן אונ דש הארץ גלושט צו טאן די עבירה אונ דר מענטש איז גומר אונ טוט די עבירה דר תנחומא שרייבט גאט האט ביי אלע מעשים פון דעם מענטשן זיינע מצות אן גשריבן קומט דר מענטש אקערן שטייט גישריבין מען זאל ניט אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין אייזל אין איינעם וויל ער זייען זיין גארטין שטייט גישריבן ניט זייהע קיין כלאים וויל ער שניידן זיין תבואה מוז ער איין עק פעלד איבר לאזן פון וועגין דעם עני וויל ער נעמן תבואה צו עסין מוז ער תרומה אונ מעשר פריער געבין וויל ער איין טייג קנעטין מוז ער חלה דר פון נעמן וויל ער עפעש עסין מוז ער פריער איין ברכה מאכן וויל ער זיינע שאף שערן מוז ער דעם כהן אויך וואל געבן האט זיין בהמה איין בכור מוז ער אים געבין צום כהן וויל ער איין בהמה קוילן מוז ער דעם כהן געבן די פלייצע אונ די קין באקן אונ דעם מאגן קומט ער צו איין נעסט פון אפויגל מוז ער די מוטר אוועק שיקען • קולט ער איין עוף מוז ער דש בלוט צו דעקין טוט ער אן איין קלייד זאל ער זעהן עש זאל דרינן קיין שעטנז ניט זיין ווערט אים גיבארן איין זון מוז ער אים מל זיין קומט ער זיך בהעפטן צו זיין ווייב מוז ער זיך היטן פר נדה פלאנצט ער איין בוים מוז ער דריי יאר ווארטען ער זאל די פירות ניט עסן בגראבט ער איין מת פון זיינע קרובים זאל ער זיך ניט זייער מצער זיין צו קראצין זיין לייב וויל ער זיך אפ שערן טאר ער די פיאות ניט אפ שערן בויט ער איין הויז מוז ער איין גאניק מאכן ביי דעם דאך מאכט ער איין טיר מוז ער מאכין איין מזוזה מאכט ער זיך איין קלייד מוז ער מאכען דרינן ציצית • עש איז איין משל איין

מענטש וואש פאלט ארויש פון דר שיף אין ים אריין אזו ווארפט אים דר האר פון דר שיף איין לאנגע שטריק אונ זאגט צו אים האלט דיך שטארק ביי דעם שטריק וועשטו ניצול ווערן פון דעם טויט אזו אויך די נשמה פון דעם מענטשן איז ווארן אראפ גיווארפן פון אונטר דעם כסא הכבוד אין דר וועלט דרום האט גאט גזאגט האלט שטארק מיינע מצות וועשטו לעבן אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט דאש זאגט דר פסוק ה׳ חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר ווייל גאט וויל דעם מענטשן גרעכט מאכן ער זאל האבן עולם הבא דרום האט ער גרויס גמאכט די תורה אונ מצות רש״י שרייבט דרום איז די פרשה פון מקושש אן גישריבן ביי דר פרשה פון עבודת כוכבים צו ווייזן דר וואש איז מחלל שבת איז גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים אונ שטייט דר ביי די פרשה פון ציצית צו ווייזן דש ציצית איז גיוואוגן אנטקעגן אלע מצות פון דר תורה אזו וויא שבת איז גיוואוגן אנטקעגן אלע מצות פון דר תורה אונ דרום זאל מען מאכן ציצית אין די פיר עקן פון דעם קלייד אנטקעגן די פיר לשונות וואש גאט האט גזאגט ביי יציאת מצרים והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי אונ מען פלעגט פר ציטן נעמן צו די ציצית איין פאדים תכלת וואש זיין פארב איז גלייך וויא דער הימיל אונ אכט פעדים איז אין די ציצית אנטקעגן די אכט טאג וואש ישראל האבן גיזאמט פון דעם ארויש גיין פון מצרים ביז זיי האבן שירה גיזאגט אויף דעם ים :

# הפטרת שלח

וישלח יהושע בן נון מן השטים יהושע האט גישיקט צווייא מענטשין זייא זאלין אויש זעהען דאש גאנצע לאנד כנען אונ אויך דיא שטאט יריחו דען יריחו איז אזו שטארק גיוועזן וויא דאש גאנצע לאנד כנען אונ דיא צווייא מענטשין זיינען גיוועזן צדיקים ניט אזו וויא דיא מרגלים וואש משה האט גישיקט וואש זיינען גיוועזן רשעים אונ זייא זיינען גיגאנגען קיין יריחו אונ האבין זיך גימאכט טויב אונ שטום כדי מען זאל זייא ניט אויש פרעגין פון וואנען זייא זיינען אונ דער מדרש זאגט זיי האבין זיך גימאכט פאר טעפר וואש פאר קויפין טעפ כדי מען זאל זיך ניט שטויסין ווער זיי זיינען אונ אויך האבין זייא דרום פאר קויפט טעפ ווייל דאש איז איין סחורה וואש נאר ווייבר קויפין אונ ווייבער ריידין פיל אונ זאגין אויש אלע סודות אזו וועלין זיי קאנען זיי פרעגין אויב מען פארכט זיך פאר ישראל אין דר שטאט יריחו ׳ אונ דיא צווייא מרגלים זיינען גיקומען אין הויז פון רחב הזונה וואש זיא פר קויפט עסין שפייז ויאמר למלך יריחו אונ עש איז ווארין גיזאגט צום מלך פון יריחו דאש צווייא מענטשין פון ישראל זיינען גיקומען אין הויז פון רחב אום צו זעהען וויא אזו מען קאן איין נעמן די שטאט האט דער מלך צו איר גישיקט זיא זאל ארויש געבין די צווייא מענטשין ותקח האשה את שני האנשים ותצפנו אזו האט רחב גינומן די צווייא מענטשין אונ האט זיי פאר בארגין אונ האט גיזאגט עש איז יוא גיקומן צווייא מענטשין אין מיין הויז אונ איך וויש ניט פון וואנען זייא זיינען אונ וויא עש איז גיקומען אנטקעגין נאכט אז מען האט גיוואלט דעם טויער פון דר שטאט צו שליסין זיינען זיי ארויש גיגאנגען דרום יאגט זייא גיך נאך דען איר וועט זייא גרייכין אונ די שלוחים פון דעם מלך האבין נאך די מענטשין נאך גיאגט ביז אן דעם ירדן צו זוכין זיי אונ דעם טויער האט מען צו גישלאסין נאך דעם אז די שלוחים זיינען ארויש גיגאנגען ׳ אונ דרום שטייט ותצפנו זיא האט פר בארגן אים האטשע זיי זיינען גיוועזן צווייא דאש איז ווייל פנחס איז גיוועזן איין כהן איז ער גלייך וויא איין מלאך וואש מען קאן אים ניט זעהען דרום האט זיא אים ניט גידארפט פאר בארגין נאר כלב האט זיא פאר בארגין ׳ נאך איין תירוץ איז זיא האט זייא ביידע אין איין איינגע לאך פאר בארגין וואש אהין האט ניט גיקאנט אריין נאר איינער אונ זיי זיינן ביידע אריין גלייך וויא איין מענטש דרום שטייט ותצפנו זיא האט באהאלטין אים ׳ אונ דיא אשה האט אויף גיבראכט די מענטשין אויף דעם דאך אונ האט זיי באהאלטין אונטר דעם פלאקס וואש זיא האט גיהאט אויף דעם דאך אונ זיא איז גיקומען צו זיי אונ זאגט איך וויש וואול דאש גאט האט אייך גיגעבין דאש

לאנד

לאנד אונ אייער פארכט איז אויף אונז גיפאלין עס איז צו גאנגען די הערצער פון אלע עובדי כוכבים אין לאנד כי שמענו את אשר הוביש ה' דען מיר האבין גיהערט דאש גאט האט גישפאלטין דעם ים סוף פאר אייך אונ איר האט פר ווישט צווייא שטארקע מלכים סיחון ועוג דרום איז צו גאנגען אונזער הארץ אונ עס איז ניט גיבליבין קיין אטום אין קיין מענטשין דען גאט איז מיט אייך ער איז איין גאט אויף דעם הימל אונ אויף דער ערד ועתה השבעו נא לי אונ איצונד שווערט מיר ווייל איך טוא מיט אייך חסד זאלט איר מיט מיר אויך טאן חסד אונ גיט מיר איין אמתן צייכין דאש איר זאלט לאזין לעבין מיין פאטערש הויז גיזינט אונ מיין משפחה האבין דיא מענטשין גיזאגט מיר ווערין דיר געבין איין צייכין נאר דו זאלסט ניט אויס זאגין אונזרע רייד אויך זאלסטו דעם צייכין ניט זאגין פאר דיינע שכנים כדי זיי זאלין אויך ניט מאכין דעם צייכין וואש מיר ווערין דיר זאגין ותורידם בחבל בעד החלון אונ זיא האט די צווייא מענטשין מיט איין שטריק אראפ גילאזט דורך איין פענשטער פון דעם מויער כדי דיא שכנים זאלין זיי ניט זעהען אונ זיא האט צו זיי גיזאגט גייט צום בארג כדי די וואש יאגין אייך נאך צו זוכין אייך זאלין אייך ניט באגעגענען אונ פאר בארגט אייך דארטין דריי טעג ביז די נאך יאגער ווערין זיך אום קערין אהיים האבין די צוויי מענטשין צו איר גיזאגט דו זאלשט אן בינדין איין רוטין פאדים אין דעם פענטשטער וואש דו האסט אונז אראפ גילאזט ווערין מיר ווישין אז דאש איז דיין הויז אונ מיר ווערין ניט לאזין קיין בייז טאן צו דיין הויז אונ זאמיל איין גאר דיין משפחה אין דיין הויז אונ ווער עס ווערט ארויש גיין פון דיין הויז אונ מען ווערט אים דער שלאגין ווערין מיר פטור זיין פון דיא שבועה אונ מיר ווערין ניט שולדיג זיין ותשלחם וילכו ותקשור את תקות חוט השני בחלון אונ זיא האט זיי אוועק גישיקט אונ זיי זיינען אוועק גיגאנגען אונ זיא האט אן גיקניפט איין רויטין פאדים אין דעם פענטשטער אונ זייא זיינען גיגאנגען צום בארג אונ זיינען דארטין גיזעסין ביז דיא שלוחים האבין זיך אום גיקערט אונ דיא יאגער האבין גיזוכט אין דעם גאנצין וועג אונ זייא האבין קיינעם ניט גיפונען · אונ כלב אונ פינחס זיינען גיקומען צו יהושע אונ האבין אים דער ציילט וויא אזוי עס האט זיך מיט זייא גיפירט אונ האבין גיזאגט גאט האט גיגעבין די עובדי כוכבים אין אונזער האנט דען עס איז זייא צו גאנגען זייער הארץ פאר אונז :

⸻

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש תמוז.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש תמוז | אונ ראש חודש איז | י"ז בתמוז |
|---|---|---|---|
| תרל"ז | מאנטיג אין דר פרי 32 מינוט מיט ניין חלקים אויף צעהן : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרל"ח | זונטיג אין דר פרי פינף מינוט מיט פיר חלקים אויף אכט : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרל"ט | דאנערשטיג ביי טאג 53 מינוט מיט 16 חלקים אויף 4 : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר"מ | דינסטיג פאר טאג 42 מינוט מיט 10 חלקים אויף איינס : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרמ"א | זונטיג אבינס פופצעהן מינוט מיט פינף חלקים אויף עלף : | מאנטיג דינשטיג | דאנערשטיג |
| תרמ"ב | פרייטיג פרי דריי מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף אכט : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרמ"ג | דאנערשטיג פרי 36 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף פינף : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרמ"ד | מאנטיג ביי טאג 25 מינוט מיט זעקס חלקים אויף צווייא : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרמ"ה | פרייטיג צוא נאכט פערצעהן מינוט אויף עלף : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרמ"ו | דאנערשטיג פר נאכט 46 מינוט מיט 13 חלקים אויף 8 : | שבת זונטיג | דינשטיג |
| תרמ"ז | דינסטיג פריא 35 מינוט מיט זיבין חלקים אויף פינף : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרמ"ח | שבת נאך האלבן טאג 24 מינוט מיט איין חלק אויף צווייא : | שבת זונטיג | דינסטיג |

# חודש תמוז

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש תמוז | און ראש חודש איז | י"ז בתמוז |
|---|---|---|---|
| תרמ"ט | פרייטיג פריא 56 מינוט מיט פערצען חלקים אויף עלף : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר"נ | דינסטיג פר נאכט 45 מינוט מיט אכט חלקים אויף אכט : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרנ"א | מאנטיג ביי טאג 18 מינוט מיט דריי חלקים אויף זעקס : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרנ"ב | שבת פריא זעקס מינוט מיט פופצעהן חלקים אויף דריי : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרנ"ג | מיטוואך פריא 55 מינוט מיט נאיין חלקים אויף עלף : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרנ"ד | דינסטיג פריא 28 מינוט מיט פיר חלקים אויף נאיין : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרנ"ה | שבת ביי טאג 16 מינוט מיט זעכצעהן חלקים אויף זעקס : | שבת זונטיג | דינשטיג |
| תרנ"ו | דאנערשטיג פרי פינף מינוט מיט צעהן חלקים אויף דריי : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ז | דינסטיג אבינם 38 מינוט מיט פינף חלקים אויף צוועלף: | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרנ"ח | זונטיג פריא 26 מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף נאיין : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרנ"ט | דאנערשטיג ביי טאג 15 מינוט מיט 11 חלקים אויף זעקס : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תר"ם | מיטוואך ביי טאג 48 מינוט מיט זעקס חלקים אויף דריי : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרס"א | זונטיג אבינם זיבין און דרייסיג מינוט אויף צוועלף : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס"ב | שבתות צו נאכט ניין מינוט מיט 13 חלקים אויף צעהן : | שבת זונטיג | דינשטיג |
| תרס"ג | דאנערשטיג פריא 58 מינוט מיט זיבין חלקים אויף זעקס : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרס"ד | מאנטיג בייא טאג 47 מינוט מיט איין חלק אויף דרייא : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס"ה | זונטיג בייא טאג 19 מינוט מיט 14 חלקים אויף איינס : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס"ו | דאנערשטיג אבינם אכט מינוט מיט אכט חלקים אויף 10 : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרס"ז | דינסטיג פרי 57 מינוט מיט צווייא חלקים אויף זעקס : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרס"ח | מאנטיג פרי 29 מינוט מיט פופצעהן חלקים אויף פיר : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס"ט | פרייטיג האלבן טאג 18 מינוט מיט ניין חלקים אויף איינס: | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר"ע | דאנערשטיג פריא 51 מינוט מיט פיר חלקים אויף צעהן : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרע"א | מאנטיג פאר נאכט 39 מינוט מיט 16 חלקים אויף זיבן : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרע"ב | שבת אין דר פריא 28 מינוט מיט צעהן חלקים אויף פיר : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע"ג | פרייטיג פריא איין מינוט מיט פינף חלקים אויף צוויי : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע"ד | דינסטיג אין דר פריא 49 מינוט מיט 17 חלקים אויף צעהן: | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרע"ה | שבת בייא טאג 38 מינוט מיט עלף חלקים אויף זיבין : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע"ו | פרייטיג ביי טאג עלף מינוט מיט זעקס חלקים אויף פינף : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע"ז | מיטוואך פאר טאג פונקט איינס : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרע"ח | זונטיג פריא 48 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף צעהן : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרע"ט | שבת אין דר פרי 21 מינוט מיט זיבין חלקים אויף אכט : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר"פ | מיטוואך בייא טאג 10 מינוט מיט איין חלק אויף פינף : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרפ"א | דינסטיג ביי טאג 42 מינוט מיט 14 חלקים אויף צוויי : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרפ"ב | שבתות צו נאכט 31 מינוט מיט אכט חלקים אויף עלף : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרפ"ג | דאנערשטיג פריא 20 מינוט מיט צוויי חלקים אויף אכט : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"ד | מיטוואך פריא 52 מינוט מיט פופצען חלקים אויף פינף : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרפ"ה | זונטיג האלבן טאג 41 מינוט מיט ניין חלקים אויף צוויי : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרפ"ו | פרייטיג פר טאג 30 מינוט מיט דריי חלקים אויף עלף : | שבת זונטיג | דינסטיג |

וידבר יי אל משה לאמר: שלח לך אנשים רבי יהודה זאגט עס שטייט כצנת שלג ביום קציר ציר נאמן לשולחיו ונפש אדוניו ישיב דאש איז טייטש אזו וויא די קעלט פון שנייא איז גוט צו דעם וואש שנייט תבואה אין פעלד ער האט דר פון גרויס הנאה אזו איז איין שליח נאמן צו דעם וואס ער שיקט אים דאש זיינען גיוועזן פנחס מיט כלב וואש יהושע האט זיי גישיקט פר מרגלים ונפש אדוניו ישיב זייא האבין גורם גיוועזן אז די שכינה זאל רוען אויף די ישראל אונ האט זיך פון זיי ניט אפ גיטאן · אבר די אנדערע מרגלים וואס משה האט גשיקט האבן גורם גיוועזן איין בכיה לדורות דאש הייסט איבער זייא איז דאש בית המקדש חרוב גיווארין נאך האבין זיי גורם גיוועזן דאש כמה אלפים ורבבות מישראל זיינען אויס גישטארבין אין דער מדבר אונ די שכינה האט זיך פון זייא אפ גיטאן:

רבי חזקיה מיט רבי יוסי זיינען גיגאנגן אין וועג זאגט רבי יוסי צו רבי חזקיה איך זעה אין דיין פנים אז דו טושט עפעס טראכטין זאגט ער צו אים בוודאי טראכט איך אין דעם פסוק וואש שלמה המלך האט גיזאגט כי מקרה בני האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד להם כמות זה כן מות זה וגו' כי הכל הבל מיר האבין גילערינט אז אלע רייד פון שלמה זיינן בהאלטן מיט גרויש חכמה אונ לסוף קענן זיך די אפיקורסים טועה זיין אין דעם פסוק זאגט ער עש איז בוודאי רעכט מען זאל אין דעם קלערן וואס שלמה האט גמיינט · דר נייל האבן זיי גיזעהן וויא איינר איז צו זיי גיקומן אונ בעט פון זיי איין טרונק וואשר ער איז זייער מיד פון דר היץ וואש די זון האט אים גיברענט זאגין זיי צו אים וועד בישטו זאגט ער איך בין איין יהודי זאגין זייא צו אים אפשר האשטו זיך גימיט אין דר תורה זאגט ער צו זיי איידר איך זאל מיט אייך דא ריידין וועל איך בעסר ארויף גיין אויף דעם בארג טאן אטרונק וואשר ווארום איך בין זייער דארשטיג · נעמט רבי יוסי ארויש איין לאגיל מיט וואשר אונ זאגט אים טרינק דר נייל דאס וואשר דער נאך וועלין מיר מיט דיר ארויף גיין אויף דעם בארג נאך וואשר טרינקען האט ער גיטרונקן דר נאך זיינן זיי מיט אים ארויף גיגאנגן אויף דעם בארג אונ האבין דארטין גיפונען איין לויטערן קוואל וואשר האבין זיי אן גיגאסן דעם לאגיל מיט וואסער אונ זעצין זיך דארטן אנידער · זאגט ער צו זיי איצונד פרעגט מיך עפעס דען איך האב עוסק גיוועזן בתורה דורך מיין זון אונ איך בין מיט אים גיגאנגען צו זיין רבי זאגט רבי חזקיה אויב עש איז דורך דיין זון איז בוודאי זייער גוט נאר אונזר קשיא וואס מיר האבין גיפרעגט אויף דעם פסוק כי מקרה האדם וגו' מוזין מיר איין אנדערין פרעגין ניט דיך זאגט ער צו זייא איר מעגט מיר אויך זאגין דען איין מאל גיפינט מען איין פעריל מיט איין אבן טוב אין איין זעקיל פון איין ארומאן · האבין זיי אים גיזאגט דעם פסוק מיט דר קשיא זאגט ער צו זייא מיט וואש זייט איר דען אפ גישייד פון אלע מענטשין אז איר ווייסט ניט דעם פשט זאגין זיי צו אים זאג דו אונז דעם פשט זאגט ער צו זיי דעם פסוק האט שלמה ניט גיזאגט פון זיינט וועגין אזו וויא ער האט אלע פסוקים גיזאגט נייערט ער זאגט אז די טפשים מיט די נארין ריידין אזו דען זיי קוקין ניט אין דר תורה אונ זאגין אז דיא העלט איז נאר במקרה דען חלילה הקב"ה איז ניט משגיח אויף אלץ דינג נייערט עש איז איין טרעפונג צו דר בהמה אונ צו די מענטשין אז שלמה האט דאס דר זעהען האט ער זיי אן גירופין מיט דעם נאמען בהמה נייל זיי זיינן ניט פר שטאנדיג זיינען זיי גלייך מיט איין בהמה אונ ריידין אזעלכע נארעשע רייד דרום זאגט ער פריער אמרתי אני בלבי איך האב מיר גיטראכט על דברת בני האדם לברם דאס זיי זיינן ניט גלייך וויא אנדערע לייט וואס האבן אמונה אין הקב"ה אונ די נארין וועדליג זייער שכל זיינן זיי גלייך מיט בהמות דרום זאגט ער ולראות שהם בהמה המה להם זיי ווייזין אויש וויא די בהמות נייל זיי זאגין עש איז אלץ במקרה עש איז איין טרעפונג צו דער בהמה אונ צו די מענטשין עש איז אלץ גלייך נייל זיי זיינן אין זייערע אויגן אליין וויא איין בהמה מחוסרי אמונה וויי צו זיי ווייי צו זייער נפש עש וואלט זיי בעסר גיוועזן זיי זאלין גאר אויף דר וועלט ניט גיקומען אויף זייער שטות ענטפערט שלמה נייטער אונ זאגט מי יודע רוח בני האדם העולה למעלה ורוח הבהמה היורדת היא למטה לארץ וועד נייסט דאש צווישין די נארין דען זייא ווייסין ניט דעם כבוד פון הקב"ה מלך עליון אונ דעם כבוד פון דר תורה ווייסין זיי אויך ניט אז זיי וואלטין ווישין אז דער רוח פון דעם מענטשין גייט ארויף גאנץ

הויך

ד״ויך למקום הקודש מקום העליון צו געשפייזט ווערין פון דעם אור העליון פון דעם מלך הקודש צו זיין בצרור החיים ער זאל געפונען ווערין ביי הקב״ה אונ אז זיא איז זוכה ברייננט זיא מיכאל כהן גדול ארויף פאר איין מתנה צו הקב״ה פאר איין קרבן אבער דר רוח הבהמה ווערט אראפ אין דר ערד אין דעם ארט וואו זיא איז פריער געוועזן אבער דר מענטש איז דאך בצלם אלהים אזו וויא עס שטייט כי בצלם אלהים עשה את האדם אויך שטייט נר אלהים נשמת אדם אונ ווי אזו זאלן די נארן זאגן אז עס איז אלץ איין רוח אונ זיי ווילן ניט דר קענן זייער מדריגה דאש זיי האבין איין רוח מלמעלה אויף זיי איז געזאגט געווארין יהיו כמוץ לפני רוח זיי ווערלן זיין אזו וויא פלעווע וואש דר ווינט בלאזט זיא אוועק ומלאך יי׳ דוחה דער מלאך וואש איז ממונה אויף דיא נשמות זאל אים אראפ שטויסין אין דער מדריגה התחתונה פון דעם גיהנם ער זאל שוין ניט קענן ארויף קומן לדורי דורות אויף זיי שטייט יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם ברכי נפשי את יי׳ הללויה וויא רבי יוסי מיט רבי חזקיה האבין דער הערט די תורה פון דעם מענטשן זיינען זיי געקומן אונ האבין אים געקושט אויף זיין קאפ אונ זאגין אזו פיל תורה איז פר האנדין אין דיר אונ מיר האבין דער פון גאר ניט געוואושט · פיל זוכה איז די שעה וואש מיר האבין דיך באגעגינט · זאגט ער צו זיי ניט דאש אליין האט שלמה געזאגט · ער האט נאך געזאגט נאך ווייטער זה רע בכל אשר נעשה תחת השמש כי מקרה אחד לכל וועדר עש זאגט אזו וויא אויבין שטייט הויישט ער בי דאס ער האט קיין חלק ניט לעולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע · קום אונ זעה הקב״ה האט געזאגט ובחרת בחיים למען תחיה דוא זאלשט לעבין בעולם הזה ובעולם הבא אונ אז די רשעים זאגין אז איין מענטש מיט איין בהמה איז גאר גליך וויא אזו קענן זיי האבין איין חלק לעולם הבא · זאגן זיי צו אים אויב דו ווילשט גיי מיט אונז בחברותא · זאגט ער איך זאל אזו טאן וואלט מיך די תורה אן גירופין כסיל איין נאר · פאר וואש ווארום איך בין איין שליח · אונ שלמה המלך האט געזאגט מקצה רגלים חמס שותה שולח דברים ביד כסיל ממצא וועל איך ווערין גירופין כסיל קום אונ זעה די מרגלים וויל זיי זיינען ניט געוועזן קיין בני אמונה ערליכע שלוחים · זיינען זיי געווארין מתחייב בנפשם בעולם הזה ובעולם הבא ׃ האט ער זיי געקושט אונ איז אוועק געגאנגן אז זיי זיינען ווייטער געגאנגן האבן זיי באגעגינט מענטשן גייען אנטקעגן האבין רבי יוסי מיט רבי חזקיה זיי געפרעגט אויף דעם מענטשן ווער ער איז אונ וויא איז זיין נאמן זאגין זייא דאש איז רבי חגי איינר פון דר חבריא האבין די חבריא אים געשיקט ער זאל אויף זוכן רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין חבריא זאגט רבי יוסי וודאי איז דאש רבי חגי וואש ער האט כל ימיו ניט געוואלט מען זאל ווישין וואש ער קען · אונ דרום האט ער אונז געזאגט אז זיין זון האט אים מזכה געווען אין דער תורה ער איז איין שליח נאמן · זכאה איז ער זכאה איז דר וואש ער האט אים געקושט קום אונ זעה אליעזר עבד אברהם איז געווען פון דיא קינדר פון כנען וואש ביי״א. אים שטייט כנען בידו מאזני מרמה אונ עש שטייט ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו אונ וויל ער איז געוועזן איין שליח נאמן שטייט ביי״א אים בוא ברוך יי׳ אויב דו ווערסט מיינען דאש האט נאר לבן גירעט אבער דאש איז ניט געוועזן משמים נאך וואש זאל דאש שטיין אין דר תורה אלא ער איז דאס מאל ארויש גיגאנגן פון דעם כלל פון ארור כנען אונ איז געקומן לכלל ברוך אונ איז געבענטשט געווארין בשם הקב״ה אונ מיר האבן געלערינט אז איין מלאך איז געקומען אונ ער האט אריין געטאן אין מויל פון לבן די ווערטער בוא ברוך יי׳ דרום וויל ער איז געוועזן איין נאמן אין זיין שליחות צוא אברהם דרום איז ער געקומען

לכלל ברכה ׃

וישלח אותם משה וגו׳ כלם אנשים זיי זיינען געוועזן באותו שעה זכאים אונ עלצטע פון די ישראל נייערט זיי האבין אין זיך אשלעכטע עצה גינומען אויף זיך זעלבערט זיי האבין געזאגט ווען מיר וועלין איצונד אריין גיין קיין ארץ ישראל וועט אונז משה אפ זעצין פון אונזר נשיאות אונ וועט מאכין נייע עלצטע דרום האבין זיי גורם געווען מיתה צו זיך אונ צו די אלע וואש האבין פאר נומען זייערע רייד אונ משה האט געזעהן אז זיי וועלין ניט מצליח זיין זייער וועג דרום האט ער מוסיף געווען די יוד צו יהושע אונ האט אויף אים מתפלל געווען אז ער זאל ניצול ווערין פון זייער שלעכטע עצה אונ אז כלב האט געזעהן אז

משה

משה האט מתפלל גיוועזן פאר יהושע האט ער זיך פאר זייא גיהיט אונ האט זיך ארויין גילאזט אין איין סכנה אריין צו גיין צו די ענקים אחימן ששי ותלמי וואש זיי זיינן ארויש גיקומן פון די מלאכים וואש הקב"ה האט זיי אראפ גיווארפן אויף דער ערד אונ זיי האבין דא גיהאט די ריזין אונ כלב איז גיגאנגן קיין חברון אונ האט מתפלל גיוועזן אויף די קברי אבות אז ער זאל אויך ניצול ווערין פון זייער שלעכטר עצה · אונ משה האט אים איצונד גירופן יהושע אונ האט אים מקשר גיוועזן מיט דר שכינה זיא זאל מיט אים זיין אונ האמשע פריער שטייט אויך ויאמר משה אל יהושע נאר דאס שרייבט די תורה וויל ער האט דער נאך גיהייסן יהושע אבר מיט דעם אמת האט ער פריער גיהייסן הושע :

ויבואו עד נחל אשכול וגו' רבי יהודה הויבט אן כה אמר האל יי בורא השמים וגו' וויא גאר בדארף אמענטש זעהן בעבודת הקב"ה אונ וויא אזו בדארף מען תמיד נזהר זיין אין די רייד פון דער תורה דען דר וואש איז עוסק אין דר תורה איז גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן אלע קרבנות פון דר וועלט פאר הקב"ה אונ ניט דאס אליין נאר הקב"ה איז אים מכפר אלע זיינע עונות אונ גרייט אים אן פיל גוטץ לעולם הבא · רבי יהודה איז גיגאנגן מיט רבי אבא זאגט רבי יהודה איך וואלט דיך גיגערין גיפרעגט איין זאך אמער הקב"ה האט דאך גיוואוסט אז אמענטש וועט בדארפין שטארבין אונ ער אליין וועט אויף אים גוזר זיין דעם טויט ווארום האט ער אים בשאפן אונ די תורה איז דאך בשאפן גיווארן צוויי טויזינט יאר פר דער וועלט עס שטייט דאך אין איר אדם כי ימות באהל איש כי ימות ויחי פלוני וימת הייסט וואש זאל טאן דער מענטש וואש לערינט תורה ער מוז שטארבן גלייך מיט דעם מענטשין וואש לערינט ניט · זאגט רבי אבא די וועג פון הקב"ה אונ זיינע גזירות וואש ווילשטו זיך אין דריגען מיען אונ קלערין · וואס דו מעגשט אונ האשט רשות צוא פרעגין פרעג אונ אין וואס דו האסט קיין רשות ניט טארשטו ניט מהרהר זיין עס שטייט אל תתן את פיך לחטיא את בשרך די וועג וואש הקב"ה האט בהאלטן אין זיינע פאר בארגענע זאכין טאר מען ניט פרעגן זאגט רבי יהודה אמאי די גאנצע תורה איז דאך פאר הוילין אונ זיא איז דער שם הקודש העליון אונ ווער עס איז עוסק דרינן איז גלייך וויא ער איז עוסק אין שם הקודש העליון טאר מען דאך אין דר תורה אויך ניט פרעגין צו פאר שטיין זאגט רבי אבא די תורה איז פר הוילן אונ איז אנטפלעקט אונ עס שטייט הנסתרות ליי אלהינו והנגלות לנו ולבנינו דאש וואש איז אנטפלעקט איז צו אונז גיגעבין גיווארן רשות צו קלערין אין איר אונ ניט דאס וואש איז פר הוילן דאש גיהער צו גאט ווער קען ווישין וואש עס איז פר הוילן אונ בהאלטן אין זיין דעה ומכל שכן צו פרעגין דרינן קום אונ זעה עס איז ניט גיגעבין גיווארן קיין רשות צו קיין שום בריה צו מגלה זיין סודות ודברים סתומים די זאכין וואש זיינען פאר הוילין מען זאל זייא מפורש זיין נייערט צו דער היליגר ליכט רבי שמעון בן יוחאי דאש הקב"ה האט מסכים גיוועז דורך אים אז ער זאל מגלה זיין סודות אונ נאר ער מעג מגלה זיין דרום ווייל זיין דור איז גיצייכינט למעלה ולמטה דרום זיינן זיינע רייד אנטפלעקט עס וועט שוין אזו איין דור ניט זיין אזו וויא דער דור איז ביז משיח וועט קומען · קום אונ זעה עס שטייט ויברא אלהים את האדם בצלמו בצלם אלהים ברא אותו דאס דר מענטש איז מיט אלץ גלייך וויא עס איז אויבין דר סוד פון דר פרשה איז ניט צו פאר שטיין גרויסע סודות עליונים חשובים קום אונ זעה הקב"ה איז זיך משבח מיט דער תורה אונ זאגט גייט אין מיינע וועגין זייט עוסק אין מיין דינשט דען וועל איך אייך ברייגען אין גוטע אונ חשובי וועלטין אונ דיא מענטשין וואש פר שטייען דאס ניט זאגט הקב"ה צו זיי גייט איר אונ זעהט די גילוסטיגע וועלטן זאגין זיי וויא אזו קענן מיר · זאגט הקב"ה עלו זה בנגב זייט איר עוסק אין דר תורה וואש זיא איז גיגעבין גיווארין מצד ימין פון הקב"ה אזו וויא דר פסוק זאגט מימינו אש דת למו דרום זאגט ער עלו זה גלייך וויא מען ווייזט איינם עפעס כלומר די תורה שטייט פאר אייך דאש איר קענט אלץ ווישין אונ פר שטיין דרינן ווש אין אלע עולמות איז וראיתם את הארץ מה היא איר זאלט זעהען אונ פארשטיין דורך דר תורה וואש איך וועל אייך מאכין ארבין אונ אייך ברייגען לעולם הבא איר וועט זעהן את העם היושב עליה דאש זיינן די וואש זיצין אין דר העכשטר מדריגה אין גן עדן איר זאלט זעהן החזק הוא הרפה אויב זיי האבין דאש אלץ זוכה גיוועזן ווייל זייא האבין זיך

גישטארקט

גישטארקט אויף דעם יצר הרע אונ אויב עש איז מחמת דעם וואש זיי האבין גישלאפט פון אים אונ האבין אים ניט איין גינומן איר זאלט ועהען אויב זייא האבין זיך גישטארקט אין דער תורה אונ האבן זיא גלערינט יום ולילה דרום זיינן זיי דם זוכה אונ אויב ניט מחמת דעם איר זאלט זעהען הטמעם הוא אם רב אויב עש איז פאר האנדין פיל לייט וואש זיינען עוסק אין מיין עבודה אונ שטארקין זיך אין דער תורה דרום זיינען זייא זוכה צו דעם אלעמן אונ אויב עש איז נאר דא אזעלכע לייט ווייניג אויך זאלט איר זעהן ומה הארץ השמנה היא אם רזה דורך דער תורה קענט איר ווישין אויב די זיצער פון דארטן האבין פיל טובות אונ אויב ניט אויך זאלט איר זעהן דורך דער תורה היש בה עץ אם אין אויב דארטין איז דר עץ החיים לעולם ולעולמי עולמים אונ אויב דר צרור החיים ווערט דארטן גפונען וואס פון אים קומען די נשמות הצדיקים אונ אויב ניט · אזו זאגט אלץ הקב"ה צו די לייט דאס זיי זאלין דורך דר תורה זעהן דעם גרויסן שכר דער פון :

ויעלו בנגב ויבא עד חברון דער תרגום מאכט אויף חרבו המים נגיבו מיא דאש איז לשון טרוקין דר פסוק זאגט אזו די מענטשין גייען מיט איין לבוש פון טריקענש אונ עצלות ווען איינר טוט אזאך אום זיסט הייסט ער איין עצל אונ אזו אויך מיינן זיי אז זיי וועלין קיין שכר ניט האבן גייען זיי מיט טרויעריגע הערצער ער זעהט עשירות טוט ער נאר פון געלט וועגין בעולם הזה אבר דארטין מיינט ער אז קיין שכר איז גאר ניט דא דר נאך ויבא עד חברון אז ער קומט זיך מחבר זיין מיט דר תורה לערינט ער מקרא ומשנה אונ לערינט אין דר תורה אזו גיפינט ער דארטין ושם אחימן ששי ותלמי ער זעהט פיל פלוגתות אין דר גמרא טהור אסור מותר שכר ועונש דאש זיינן די וועג פון דר תורה אונ די דקדוקים וואש זיי זיינן נולד מצד הגבורות דאש פון דארטין איז די תורה גיגעבין גיווארין מפי הגבורה וחברון שבע שנים נבנתה דאס זיינן די שבעים פנים לתורה די תורה הייסט חברון ווייל דר וואש לערינט זיא הייסט ער חבר אויך זייגען צוויי תורות תורה שבכתב ותורה שבעל פה אונ די תורה שבעל פה וואס איז פון דר תורה שבכתב איז איין חיבור מיט דר תורה שבכתב ווארום אלץ וואס שטייט אין תורה שבעל פה איז אלץ מרומז אין תורה שבכתב אונ זיא איז כולל אלע חכמות פון דער וועלט דרום זאגט ער לפני צוען מצרים אזו וויא דארטין שטייט ותרב חכמת שלמה מחכמת כל בני קדם דען די חכמה פון דער תורה איז איבר אלע חכמות ויבואו עד נחל אשכול דאש זיינן די דברי אגדה אונ דרשות די הייגן מצד יחוד האמונה · ויכרתו משם זמורה וישאוהו במוט בשנים זיי לערנען פון דארטין ראשי פרקים ראשי תיבות די וואש זיינן בני אמונה פרייען זיך מיט די רייד אונ די רייד ווערין ביי זיי גבענטשט אונ זיי פר שטייען אלע חכמות פון דער תורה אונ זיי זעהן אז חאטשע מיר גיפינן איין פלוגתא דר זאגט עס איז מותר אונ דער זאגט עס איז אסור איז אלו ואלו דברי אלהים חיים זיינן דאך ביידע אמת מצד היחוד הפנימי דען דאש איז אלץ נאך זיין ארט אונ נאך זיין צייט דען דער וואס ער פר שטייט רעכט זעהט ער אז חו קיין פירוד איז ניט דא אין דר תורה אבער די וואש זיינן ניט קיין בני אמונה אונ לערנן ניט לשם שמים על פי האמת די מאכין חס ושלום איין פירוד אין דער אמונה אונ דרום שטייט אויף זיי וישאוהו במוט בשנים אונ דרום זאגט ער במוט ווייל די טומאה הייסט מוט אזו וויא עס שטייט אל יתן למוט רגלך · ומן הרמונים ומן התאנים זיי לייגין אויס די תורה אויף אפיקורסות לצד הפירוד · וישובו מתור הארץ זייא קערין אוועק פון דעם דרך הישר והאמת זיי זאגין וואס קומט אונז ארויס דר פון ביז אהער האבין מיר קיין גוטץ ניט גיהאט אויף דר וועלט מיר ארבעטין אונ מיען זיך אונ אונזר הויז איז ליידיג מיר האבין גרוישע חרפות פון די זיבין עממין אויב נאר פון עולם הבא וועגין אליין ווער איז זוכה צו דעם אונ ווער קען קומן דער צו עס וואלט אונז בעסער גיוועזן אז מיר זאלין זיך ניט מיען אין דריגען דרום האבין זייא דר פון חרטה ויספרו לו ויאמרו זיי זאגן עס איז אמת מיר האבין זיך שוין גימיט אונ מיר זיינען שוין מיד צו ווישין פון דעם חלק עולם הבא עש איז יוא ארץ זבת חלב ודבש זייער גוט אזו וויא מיר האבין פאר שטאנען דורך דר תורה אבר ווער קען אהין קומען ווארום אפס כי עז העם דר וואש וויל האבן עולם הבא מוז ער פריער זיין אגרויסר עושר ער זאל קענן פיל צדקה געבין אונ גוטץ טאן אזו וויא עש שטייט ועשיר יענה עזות ער מוז האבין איין שיין הויז וואש עס זאל זיין פיל מיט כל טוב וערים גדולות ובצורות בשמים עס זאל

אים ניט אפ גיין מכל טוב אונ פון דעסט וועגין חאטשע ער האט שוין אלץ וגם ילידי הענק ראינו שם מוז ער ערשט האבין איין שטארקין גוף דען די תורה מאכט אים שלאף ער מוז זיין שטארק וויא איין לייב כדי ער זאל זיך קענען מיען אין דר תורה צו ווישין אסור והיתר טמא טהור כשר פסול ווער קען דאש אלץ אויש שטיין עס איז פיל צו לערנען אונ פיל צו ווישין אונ אז דו וועסט וועלין זאגין מען קען פארט זוכה זיין דער צו איז ערשט עמלק יושב בארץ הנגב דר יצר הרע דר מקטרג איז תמיד אין דעם מענטשין. אונ ניט אזו ער אליין נאר החתי והאמורי אנדערע מקטריגים זיינען דארטין פיל אונ עס איז ניט מיגליך אריין צו קומען אויף יענר וועלט דען זיי מאכין אנגשטין אונ מורא אונ ווייל פריער זאגט ער אז די תורה הייסט נגב דאס איז טייטש טרוקין דרום זאגט די תורה אז דר עמלק דר יצר הרע האט איין שליטה אין דר תורה וואש זיא הייסט ארץ הנגב נאר ווען איז דאש אידר ער לערינט זיא אבער אז ער לערינט די תורה הייסט זיא תורת אור איז די תורה מגין אויף דעם מענטש פאר דעם יצר הרע אונ ווען דער יצר הרע קומט צו אים זאל ער לויפין אין בית המדרש אריין אונ אז ער לערינט איז אויבן ניט פר האנדין אויף אים קיין מקטרג ויניאו את לב בני ישראל מיט אזעלכע רייד טוען זייא אפ ריידין אנדערע לייט ווייל זייא זיינען מוציא שם רע׳ אבער דיא אנשי אמונה זאגין אם חפץ בנו יי׳ אז הקב״ה וועט וועלין אין אונז ונתנה לנו וועט ער אונז לאזין זוכה זיין דר צו אונ הקב״ה וועט אונז מצרף זיין אונזער גוטע מחשבה למעשה דען הקב״ה באגערט נאר פון דעם מענטשין דאש הארץ אונ אז ער האט דעם היליגן צייכן וואש דרויף שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ זיינען דען אלע ישראל צדיקים נאר אז זיי זיינען גימלת אונ היטין דעם צייכין הייסן זיי צדיקים דרום זיינן זיי זוכה צו דעם ארץ החיים בעולם הבא ווען איר האט נאר אגוט הארץ צו הקב״ה אך ביי׳ אל תמרדו איר זאלט נאר ניט מורד זיין אין דער תורה דען דיא תורה באגערט ניט פון אייך קיין גאלד אונ זילבער ואתם אל תיראו את עם הארץ איר זאלט זיך ניט פרכטן פר די מקטריגים אונ די רשעים זאגין אז מען לערינט ווערט מען שלאף ארבה אז איין שלאפר מענטש לערינט תורה האט ער איין רפואה אזו וויא דער פסוק זאגט רפאות תהי לשרך ושקוי לעצמותיך אויך שטייט ולכל בשרו מרפא זיא הייליט אלע קריינק אונ מאכט אים שטארק אונ די מקטריגים אליין רופין אויף אים אויש אונ זאגין ראמט אויס איין ארט פר דעם מענטשין ער איז איין עבד מלך דרום פארכט אייך ניט פאר זיי כי לחמנו הם דען זיי אליין גרייטין אן זייערע שפייז צו די וואש זיינן עוסק בתורה אזו וויא עס שטייט בייא אליהו ואת העורבים צויתי לכלכלך שטייט ווייטר והעורבים מביאים לו לחם ובשר׳ סר צלם מעליהם דאש איז דר שטארקר כח פון דעם דין הקשה איז אפ גיטאן דרום ווייל הקב״ה איז מיט אונז ויי׳ אתנו דרום פארכט זיך ניט פר קיינם דען ווען מען לערינט תורה איז דר דין אין אים ניט שולט וואול איז דר חלק פון דעם וואס איז עוסק בתורה לשמה דען זיי זיינן מקושר אין הקב״ה ממש אונ זייא ווערין אן גירופין אחים להקב״ה אזו וויא דער פסוק זאגט למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך:

ויבאו עד נחל אשכול זאגט רבי אבא בשעת אז

זיי האבן אפ גשניטין דעם אשכול האבן זיי אים ניט גיקאנט אויף הויבין ביז יהושע וכלב זיינען גיקומען האט ער זיך ערשט גילאזט נעמען דען האבין זיי אים אויף גיהויבין דרום שטייט וישאוהו במוט בשנים מיינט מען די צוויא יהושע וכלב זיי האבין נאך ניט גזינדיגט האבן זיי גיוואושט אז זיי וועלין אריין גיין קיין ארץ ישראל זיינען זיי גיקומן צו דר פרי אונ האבין גיזאגט צו איר דורך דיר וועלין מיר קענן קומן קיין ארץ ישראל אז דו וועשט זיך לאזין נעמען אונ מיר וועלין אין דיר איין חלק האבין מיד תיכף האט זיא זיך גרינגר גימאכט אונ האט זיך שוין גילאזט נעמן׳ רבי יצחק זאגט וויא זייא זיינן גיקומען צו די ענקים האבין זיי נאר גיוויזן דעם שטעקין פון משה אזו זיינן זיי ניצול גוואורן דען משה רבינו האט זיי מיט גיגעבן זיין שטעקן דרום שטייט עלו זה אונ שטייט ואת המטה הזה דאס מיינט מען דעם שטעקין׳ רבי יהודה זאגט משה רבינו האט זיי מוסר גיווען דעם שם המפורש אונ אז די ענקים זיינען גיקומען צו זיי זיינן זיי דורך דעם ניצול גיווארן׳ רבי יהודה זאגט דריי נעמן האבן זיי נפילים ענקים רפאים אונ אלע האבן מאריך ימים גיוועזן צום ערשטן אז הקב״ה האט זיי אראפ גיווארפין פון דעם הימיל האבין זיי

גיהייסן

גיהייסין נפילים ווייל זיי זיינען אראפ גיפאלן אונ אז זיי האבין זיך בהעפט מיט די בנות האדם אונ האבין מיט זיי גיהאט קינדער האבין זייא גיהיישין ענקים דער נאך אז זיי האבין ארום גשוועבט אויף דר וועלט אונ זיינן שלאף גוווארן פון דעם כח של מעלה האבן זיי גיהייסן רפאים דאש איז לשון שלאף · רבי יצחק זאגט זיי האבין זיך אריין גיווארפין אין ים הגדול אריין זיינן זיי דר טרונקן גיווארן אזו וויא עש שטייט הרפאים יחוללו מתחת מים זאגט רבי שמעון ווען ישראל וואלטין אריין קומען קיין ארץ ישראל מיט דעם סימן פון לשון הרע וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט דען דר כח פון לשון הרע איז אזו גרויס דאש הקב"ה האט זייא אויף אליץ מוחל גיוועזן חוץ אויף לשון הרע אונ דר כח איז אזו גרויס אז די דאזיגע וואס האבן גרעט לשון הרע זיינן גישטארבין אונ עס איז נגזר גיווארין אז זיי זאלן אלע ניט אריין גיין קיין ארץ ישראל אונ עס איז נגזר גיווארין איין בכיה לדורות אז די צוויא בתי מקדשות זאלין חרוב ווערין די נאכט דען עס איז גיוועזן די נאכט פון תשעה באב האט הקב"ה גזאגט וויל איר וויינט היינט אום זיסט דר פאר ווערין די צווייא בתי מקדשות חרוב ווערין די נאכט וועט איר שוין וויינען באמת ווארום אז זיי האבין גירעט לשון הרע אויף ארץ ישראל איז גלייך וויא זייא וואלטין גירעט אויף הקב"ה אונ ווען עס וואלט ניט זיין די תפלה פון משה וואש ער האט מתפלל גיוועזן וואלטין זיי אלע פאר דארבין גיווארין פון דר וועלט · רבי חייא זאגט זיי האבין גיזאגט וגם ארץ זבת חלב ודבש היא וזה פריה דען זיי האבן אפ גיריסן אקליין צווייגיל מיט פלוים אונ האבין גזאגט פון די פירות ווענין האבין מיר גיליטין אזו פיל צרות מיט מידיקייט אמער אין מצרים איז דאך די פירות גיוועזן צווייא מאל אזו גרויש אפס כי עז העם זיי האבין גיזאגט דען דער סדר איז אז די גבורים ליגן אין דרויסן פון דר שטאט מלחמה צו האלטין זיי זאלין ניט לאזין קומען קיין שונא צו דר שטאט אבר די דאזיגע זיינן אפילו אין שטאט גבורים אונ תקיפים והערים בצורות ווען עש זאלין זיך איין זאמלען אלע מלכים פון דר וועלט וואלטין זיי ניט גיקאנט קיין שום פגם מאכין אין זיי זאגט רבי יוסי פון דעם גאנצין לשון הרע וואש זייא האבין גירעט איז דאש ערגסטע גיוועזן וואס זיי האבן גזאגט עמלק יושב בארץ הנגב עס איז איין משל ווען איינם גיט איין שלאנג איין ביס אז מען וויל אים מאכן איין מורא זאגט מען אים אט גייט דער שלאנג צו דיר אזו האבן זיי אויך גטאן אונ האבין גזאגט דר וואש האט זיך אונטער גינומען מלחמה צו האלטין למעלה ולמטה ער מיט זיין גרוישין כח פון זיין שר ס"מ דער זיצט אין דרום זייט מיד ותיכף ותשא כל העדה את קולם ויבכו העם בלילה ההוא אונ די נאכט איז גיוועזן תשעה באב דרום האט הקב"ה קובע גיוועזן מען זאל די נאכט תמיד וויינן · זאגט רבי יוסי זיי האבין זיך איין עצה גהאלטין צו ריידן לשון הרע אויף ארץ ישראל אונ אויף הקב"ה : ועתה יגדל נא כח אדני כאשר וגו' רבי אבא ורבי

יוסי זאגין די ישראל זיינן פיל זוכה דען הקב"ה האט אין זיי בגערט אונ האט זיך ברימט מיט זייא וואש זיי זיינן עוסק בתורה אונ איינער איז מקושר אין דעם אנדערין אז זיי טוען דעם ווילין פון זייער האר · קום אונ זעה אז הקב"ה האט די וועלט בשאפין האט ער זיא גמאכט אזו וויא איין מענטש וואש זיין הארץ איז דאך אין דער מיטין גוף דען דאש הארץ איז דער כח פון אלדינג אונ דאש הארץ ווערט גישטארקט אונ איז באגריפין אין מוח אונ איינש איז מקושר אין אנדערן אזו אויך האט הקב"ה מסדר גיוועזן די וועלט צום ערשטין האט ער מסדר גיוועזן דעם ים אוקינוס ער זאל ארום רינגלן די גאנצע וועלט דער נאך האט ער מסדר גיוועזן אז די שבעים אומות זאלין ארום רינגלן ירושלים דען ירושלים איז אין מיטן דעם ישוב פון דר וועלט אונ אין מיטין ירושלים איז דר הר הבית אונ דר הר הבית איז ארום דעם עזרת ישראל אונ דר עזרת ישראל איז ארום דעם לשכת הגזית וואו די סנהדרין זיינן גיזעסין אונ מיר האבין גילערינט אז אין דער עזרה האט קיינער ניט גיטארט זיצין נאר מלכי בית דוד אונ דר לשכת הגזית רינגילט ארום דעם אולם אונ דר אולם דעם מזבח אונ דר מזבח דעם היכל אונ דער היכל דאש בית קדשי הקדשים וואש דארטין איז גיוועזן די שכינה אונ די כרובים אונ דאש כפורת אונ דר ארון אונ דאש איז דאש הארץ פון דר גאנצר וועלט אונ פון דעם הארץ ווערין גשפייזט אלע לענדער אונ דאש הארץ למטה ווערט אויך גישפייזט פון דעם מוח העליון דען

ראש בית המקדש של מטה איז מכוון אנטקעגן
דעם בית המקדש של מעלה אונ איינס איז
מקושר אין דעם אנדערין אזו וויא עס שטייט
מכון לשבתך וגו' דען אלץ וואש עס איז למטה
איז אלץ אנטקעגין למעלה ווייטר זיינן גרוישע
סודות · אונ אזו מיינט ער ועתה יגדל נא כח יי עס
זאל גיגרייסט ווערין דער כח איינס פון דעם
אנדערן דען אלע עולמות זיינן מקושר איינס אין
דעם אנדערין דאש דר רחמים פון הקב"ה זאל
זיך דער וועקין אויף זיי כאשר דברת לאמר דאש
מען זאל ווייטער וויסין לדורי דורות אז מען איז
חלילה אין איין צרה זאל מען זאגין יי ארך אפים
ורב חסד וגו' · פרעגט רבי יצחק פאר וואש אין
די שלש עשרה מדות פון פרשת כי תשא שטייט
ורב חסד ואמת אונ דא שטייט ניט ואמת זאגט
ער וויל זיי האבין גיזאגט שקר דרום האט זיך
דער מדת אמת פון זיי אפ גיטאן במדה שאדם
מודד מודדין לו אזו אויך דיא אלע מדות וואש
דארטין שטייט אונ דא ניט איז מחמת זיי האבן
זיך פון זיי אפ גיטאן האט זיי משה היינט ניט
גיקענט זאגין אזו וויא דארטין :

מעשה הינוקא זאגט דער מעתיק תהלת וועל
איך דיר מודיע זיין אגרויסן כלל אז אין
די ערשטע דורות איז גיוועזן אגרוישע ידיעה
אין סודות התורה אונ זיי האבין זיך אפ גישייד
פון מענטשין אונ האבין גיקענט מאכין איין יחוד
פון צירופי שמות אונ כוונות אונ זיינען ארויין
גינאנגן אין גן עדן אונ אין היכלות וישיבות של
מעלה אונ אויף דעם זאגט אויך די גמרא ארבעה
נכנסו לפרדס דאש איז אזעלכע זאכין וואש מען
קען דעם גוף העניין ניט ארויס שרייבין נאר
בדרך כלל אזו אויך איז פיל מעשים אין דר
גמרא · אויך ביי רבה בר בר חנה שטייט כמה
זאכין וואש ער האט גיזעהן בשעת ער איז
גיגאנגען אין דר מדבר אונ אין איין שיף וואש
זיי זיינן דר ווידר דעם שכל פון דעם מענטשין
נאר מען באדארף גלייבין אז דאש איז גרויסע
סודות אין מעשה מרכבה אונ אין מעשה
בראשית נאר עש איז פר שטעלט אין אזו איין
לבוש אויך אזו איז דאש גישטאלט וואש עס
שטייט אין דער אדרא וואש רבי שמעון מיט
דר חבריא זיינן ארין גיגאנגען אונ אזו איז די
מעשה פון דעם סבא אין פרשת משפטים אונ
אין פרשת בראשית פון די בעלי קבין אונ דעסט
גלייכין זיינן פיל מעשיות אין זוהר אונ אין דר
גמרא איך שרייב עש מען זאל חס ושלום דאס
ניט פר גרינג האלטין אונ מען זאל חס ושלום
ניט שפעטין דר פון דען די זאכין שטייען ברומו
של עולם · רבי שמעון מיט דר חבריא זיינן גיקומן
אין איין הייל אונ האבין דארטין גיפונען לייט
וואס זיי האבן עוסק גווען אין דר תורה אונ האבן
מגלה גיוועזן אזעלכע סודות וואש זיי האבין עס
קיין מאל ניט גיהערט זיינן זיי ארויש גיגאנגן
פון דער הייל אונ האבין זיך גיזעצט אין איין
גארטין אונטער די בוימר זאגט איינר צום אנדערין
וויל מיר זיינן דא גוועזן מיר זאלן דא שטארבן
וואלטין מיר בוודאי גיקומען לעולם הבא אזו
וויא זיי זיינן גיזעסין פאלט אויף זיי איין שלאף
זיינן זיי איין שלאפן גיווארן אין דעם קומט דר
זעלביגר ממונה אונ וועקט זיי אויף אונ זאגט
צו זיי שטייט אויף אונ גייט ארויש אין גארטין
וואש איז אין דרויסין זיי גייען אונ זעהן די בעלי
מקרא וואש זיי לערנן פסוק אונ זאגן דעם פסוק
במדבר הזה יתמו ושם ימותו אין דער מדבר וועלין
זיי שטארבין אבער אויף איין אנדער ארט ניט
אונ דאש איז גיזאגט אויף זייערע גופות אבער
ניט אויף זייערע נשמות זאגט דער ממונה צו
זיי גייט ארויש זיי גייען מיט אים ארויש זאגט
ער צו זיי האט איר דא עפעס גיהערט אין דר
מערה זאגין זיי מיר האבין גיהערט איין קול עס
האט אזו גיזאגט כאן דפסק יתפסק כאן דקצר יתקצר
כאן דקצר יתארך זאגט ער צו זיי ווייסט איר וואש
דאש איז זאגין זיי ניין מיר ווייסין ניט זאגט ער
צו זיי האט איר גיזעהן דעם גרויסין אדלער אונ
איין קינד האט גיקליבין גראז דאש איז רבי
אלעאי פון דער שטאט נציבין מיט זיין זון וויא
זיינן אהער גיקומן אונ זיין זון האט דר זעהן די
מערה וויא זיי זיינן אהער ארין גיגאנגן האבן
זיי ניט גיקענט פר נעמען דאש פינצטערניש פון
דר הייל אונ זיינן דא גישטארבין אונ דר ינוקא
זיין קינד שטייט אלע טאג פר בצלאל בשעת
ער נידערט אראפ פון דער ישיבה של מעלה
זאגט ער פר אים דריי ערליי זאכן איידר בצלאל
הייבט אן בסודות החכמה וואש זיי זיינן פר הוילן
אונ גאנץ טיף דאש אלע זיינע רייד זיינן גרויסע
סודות ונפלאות וואס עין לא ראתה אלהים זולתך אונ
דאש איז וואש ער האט גיזאגט כאן דפסק יתפסק
דאש מיינט מען דר וואש איז מפסיק אונ הערט

איך

אויף צו לערנען און איז זיך מבטל פון דברי תורה צו ריידין דברים בטלים דעם זאל אפ גישניטין ווערין זיין לעבין בעולם הזה און זיין דין וועט זיין לעולם הבא מאן דקצר יתקצר ווער עס איז מקצר אין דעם ווארט אמן און זאגט עס גיך אוועק און איז דריגן ניט מאריך בנחת זאל פר קריצט ווערין זיין לעבין פון דר וועלט מאן דקצר יתארך ווער עס זאגט אחד בדארף ער ניט מאריך זיין אין דעם אלף פון אחד און אפ טיילין די א' בזונדער נייערט צו לייענן אחד אין איינם און ווער עס איז מכוין אין אחד לייגגערט מען אים זיינע יארין זיי זאגין צו אים ער האט נאך מער גיזאגט עס זיינן צווייא און איינם איז זיך דער צו משתף איז שוין דרייא און די דריי זיינן איינם דאש איז די כוונה פון קריאת שמע דהיינו מען זאל מכוין זיין בשמע ישראל די צווייא ווערטר ה' אלהינו און דער שם ה' איז זיך מחבר דער צו דאש איז אלץ אחד און דאש איז דיא חתימה פון אמת און דאש מוז מען מכוין זיין אז דאש איז אלץ איין יחוד ער זאגט ווייטר איין.סוד דער נאך זאגט ער צו זיי גייט ארויש פון דאנען איר גרוישע צדיקים זיי גייען ארויש און דער ממונה האט זיי גיגעבין איין רויז וויא זיי גייען ארויש אזו ווערט די טיר פון דר הייל פר הוילן פון זיי און זיי זעהן שוין ניט און זעהן דר אדלר נידערט אראפ פון דר הייל אין אנדר הייל אריין זיי שמעקן די רויז און גייען אריין און גיפינען דעם נשר אויף דר מערה ער זאגט צו זיי גייט אריין איר חברים צדיקי אמת דען איך האב נאך ניט גיזעהן זינד איך בין דא אזו איין חברותא של שמחה וויא איר · זיי גייען אריין קומן זיי צו איין נויין גארטין און דער נשר גייט אויך מיט זיי וויא זיי זיינן גיקומן צו די בעלי משנה וואס זיי לערנן משניות איז דר זעלביגר אדלר גווארין איין גישטאלט פון אמענטשן און איז גיוועזן אן גטאן אין בגדי כבוד און האט גילויכטן אזו וויא זיי לייכטן און זעצט זיך לעבין זיי און זאגט צו זיי מוט אן כבוד און ווערדיקייט צו די בעלי משנה וואש זיי זיינן מיט מיר גיקומן דען איר זאלט זיי ווייזן פיל וואונדר זאגט איינר פון זיי האט איר איין סימן זאגין זיי יוא זיהן זיי אויס צווייא רויזין זיי שמעקין דער פון זאגין זיי זעצט אייך הערין פון ישיבות זעצט אייך איר צדיקי אמת זיי נעמן אן אין זיי און זעצין זיי לעבין

זיך באותו שעה האבין זיי דארט גלערינט דרייסג הלכות וואש זיי האבין פריער זיי גיט גוואושט און חוץ אנדערע סודות התורה זיינן זיי אוועק גיגאנגן פון די בעלי משנה צו די בעלי מקרא זיי גיפינן זיי אז זיי זאגין דעם פסוק אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם אכן כאדם תמותון בשעת איר האט גיזאגט נעשה פר נשמע האב איך גיזאגט איר זייט אלהים ובני עליון אכן אבר אז איר האט גיצויגין נאך דעם יצר הרע כאדם תמותון מוזט איר שטארבין אזו וויא אדם הראשון דאס זיין מיתה איז ער מוז נידערין אין דר ערד כדי דר יצר הרע וואש אין אים איז זאל צו גיין און שטארבין אין דעם עפר און זאל פר פוילט ווערין אין אים · זאגט דר זקן וואש ער איז איבר זיי איין ממונה דעסט גלייכין שטייט אויך ופגריכם אתם יפלו במדבר וואש שטייט ופגריכם אלא דאס איז דר יצר הרע דען פגרו איז לשון חסרון דאש מיינט מען דער יצר הרע וואש ער נידערט אראפ און גייט קיין מאל ניט אויף ניט וויא ביי קודש שטייט מעלין בקודש ולא מורידין דרום זאגט ער במדבר הזה יתמו די פגרים זאלין צו גיין ושם ימותו דען דר ווילין פון הקב"ה איז צו פאר לענדין די פגרים פון דעם יצר הרע פון דר וועלט אויף אייביג זאגט רבי אלעאי איר צדיקי אמת גייט אריין און זעהט דען צו אייך איז גיגעבין גיווארין רשות איר מעגט אריין גיין ביז דעם ארט וואו דער פרוכת איז פאר שפרייט וואול צו אייער חלק זיי שטייען אויף און גייען אריין אין אזו איין ארט וואש דארטין זיינען די בעלי אגדה וואש זיי לערנען אגדות ומדרשים די זיינן אין גאנצין גאר סודות בדרך אמת און זייער פנים טוט לייכטן אזו וויא די זון זיי פרעגין ווער זיינען די זאגט ער דאש זיינן די בעלי אגדה די זעהן אלע טאג די ליכט פון דער תורה וויא עש בדארף צו זיין זיי שטייען און הערין פיל סודות וחדושים פון די בעלי אגדה אבער עש איז זיי ניט גיגעבין גיווארין קיין רשות אריין צו גיין זאגט רבי אלעאי צו זיי גייט אין איין אנדער ארט וועט איר זיי יוא קענן זעהן דארטין די בעלי אגדה זיי גייען אין איין אנדר גארטן זעהן זיי דארטין קברים גראבין און ווערין תיכף ומיד גישטארבין און ווערין ווידר תיכף לעבדיג אן גקלייד אין איין גוף קדוש וואס ער האט גלייכט פון די אורות הקדושים זאגין זיי וואש איז דאס

זאגט ער אזו שוין זיי אלע טאג אז זיי שטארבן אזו ווערט פר לענגט זייער זוהמת הגוף וואש זיי האבן אין זיך פריער גיהאט אונ שטייען באלד אויף אונ ווערן אין נאייע גופים וואש זיי לייכטן אזו וויא די היילגע גופים וואש זיינן גישטאנען אויף דעם בארג סיני אזעלכע גופות וואש איר העט האבן זיי גיהאט בשעת מתן תורה אויף דעם בארג סיני אן זוהמא אונ אן לכלוך דאס קיין שום צד הרע איז אין זייא ניט גיוועזן אונ דער נאך האבן זיי אויף זיך גיצויגן דעם יצר הרע זיינן זיי ווידר אן גיקלייד גיווארין אין דעם גוף אזו וויא פריער אין גשמיות אזו וויא מיר האבן איצונד דאש איז מצד יצר הרע פרעמדע גופות אזו וויא עש שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב אונ דער ווייל העררין זיי וויא עש גייט ארויש איין קול אונ זאגט גייט אריין אונ זאמילט אייך איין דען אליאב שטייט אויף זיין שטאנד אונ אלע זיינן פר אים זיינן זיי אלע אוועק גיפלויגן אונ האבן שוין קיינם ניט גיזעהן זיי זיינען נאר אליין איבר גיבליבן אונטר די בוימר פון דעם גן עדן דר ווייל האבן זיי ווידר דר זעהן איין אנדר טיר זיינן זיי אריין גיגאנגן זעהן זיי דארטין איין היכל גייען זייא אריין אונ זעצן זיך דארטן אנידר האבן זיי דר זעהן דארטן צווייא יונגן זיי הויבן אויף די אויגן דר זעהן זיי איין משכן אונ עם איז גמאלט מיט אלרליי ציורים אונ גיוועבט מיט אלערליי גשטאלט פון דר וועלט אונ דרויף איז פר שפרייט איין פאר האנג וואס ער האט גילייכט אונ גפינקילט וואש די אויגן האבן דרינן ניט גיקאנט אריין קוקן אין איין ערך פון צווייא תחום שבת האבן זיי גיזעהן אין דעם משכן ביז דעם ארט וואש דר פרוכת איז פאר שפרייט גיוועזן ווייטר האבן זיי ניט גיקענט זעהן האבן זיי אראפ גינייגט זייערע אויגן אונ דר הערין איין קול זאגט סודות וואס מען קען ניט שרייבין אונ זאגט ווייטר ווער עם וועט קוקן אונ וועט זעהן זאל בלינד ווערין זיינע אויגן אונ ווער עש וועט ניט זעהן זאלין אים גיעפינט ווערין זיינע אויגן עש איז איין בוים פון שמונה עשרה ווער עש בוקט זיך דר וועט זיין אויף גריכט אונ וועט האבן איין קיום אונ ווער עש בוקט זיך ניט עסט אים אויף דר נחש הרע ווען ער גייט אריין צווישן די שני כרובים אינווייניג דעם וועט זיין חילק גיין אונ ווער עש איז מעיין

דרינען דעם ווערט זיין רצון אוועק גינומען דער קרבן פון דעם קינד איז גאנץ עס זאל ווערין גינעהענט מקובל צו ווערין אזו האט דאש קול אויף גיהערט אונ הערין ניט מער· זאגין די צווייא יונגען האט איר ביי אייך איין סימן זאגן זיי יוא אונ ציהן ארויש זייערע צווייא רויזין וואש זיי האבן ביי זיך גהאט האבין זיי דאס גשמעקט אונ זאגין צו זיי זעצט זיך אנידר ביז איר וועט הערין צווייא גרוישע סודות עליונים פון די ראשי ישיבות וואש דא זיינן אבר איר טארט זיי ניט מגלה זיין אונ זיי מוזין ביי אייך זיין בסוד זאגן זייא יוא זאגט רבי שמעון צו זיינע חברים אלע די זאכין וואש איר האט דא גיזעהן אונ גהערט שרייבט דאש אויף וויא זיי קומען דר צו זאגט ער עש שטייט אמרתי אשמרה דרכי מחטוא בלשוני דאס הייסט איך דארף היטן מיין צונג ניט מגלה זיין אזעלכע הויכע סודות אונ איך האב גפרעגט מיין עלטר פאטר פון וועגין די צווייא זאכין האט ער צו מיר גזאגט חייך דא שווער איך מיין קינד מיט די צווייא זאכין זיינן בונה עולמות ומחריב עולמות דער וואש ער איז מיט זיי משמש אז זיי האבן גיהערט די צווייא זאכין· זאגין צו זיי די צווייא יונגען גייט ארויש עש איז קיין רשות ניט דא צו אייך איר זאלט מער הערין אזו האט איינר פון די צווייא יונגן ארויש גיצויגין איין עפיל אונ גיט זיי אונ זאגט שמעקט אים האבן זיי גשמעקט אונ זיינן ארויש גיגאנגן אונ אך וואש זיי האבן דארטין גיזעהן האבן זיי ניט פאר געסין וויא זיי גייען ארויש איז צו זיי גיקומען צו גיין איין אנדערר ממונה אונ זאגט צו זיי איר חברים רבי אלעאי האט מיך גישיקט צו אייך אז איר זאלט ווארטן אויף דר מערה ער וועט אייך מודיע זיין סודות עליונים וואש איר האט נאך ניט גיוואוסט ער האט גינומען רשות פון דעם ראש ישיבה ער זאל אייך מגלה זיין זיינען זייא גיגאנגען מיט אים אונ זיינען גיקומען אויף דער מערה אונ ווארטין דארטין אויף אים דר ווייל האבין זיי איבר גיחזרת אלע רייד וואס זיי האבין דארטין גילערינט אונ גיזעהן אין דעם איז רבי אלעאי אן גיקומען אונ זיין פנים לייכט אזו וויא די זון זאגין זיי צו אים האשטו גיהערט חדושי תורה זאגט ער צו זיי בוודאי האב איך גיהערט אונ עש איז מיר גיגעבין גיווארן רשות אייך מגלה זיין די רייד האבין זיך אלע אנידר גיזעצט אויף

דער

דר מערה זאגט ער צו זייא איר טייערע לייט דאש איר האט אזו פיל זוכה גיוועזן אז אייער האר האט אייך אזו פיל גיוויזן דאש גישטאלט פון דער וועלט אונ צו אייך איז גאר ניט קיין מורא אונ קיין ציטערניש זאגין זיי בוודאי איז אזו אונ מיר האבין זיך אזו ווייט ארויין גילאזט אז מיר הערין שוין ניט דעם דרך פון מענטשין אונ עש איז אונז אגרוים וואונדר אויף דעם אלץ דינג וואש מיר האבין גיזעהן אין דעם בארג זאגט ער צו זיי די אלע בערג וואש איר האט דא גיזעהן דאש זיינען אלע ראשי ישיבות צו דעם דור המדבר וואש זיינן דא אונ זיי זיינען איצונד זוכה וואש זיי האבין ניט זוכה גיוועזן בייא זייער לעבין אונ אלע ישיבות זאמלן זיך איין אלע ראש חודש אונ שבת ויום טוב צוא דעם בארג וואו אהרן הכהן ליגט דארטין דר וועקן זיך צו אים אונ גייען ארין אין זיין ישיבה אונ בנייען זיך מיט דעם טל הטהור והקדוש שמן הקודש דער טל ציהט זיך אויף זיי אונ זיינן זיך אלע מיט אים מחדש בחידושי אהבה של מלך הקדוש ביז די ישיבה ווערט גירופין ישיבה של אהבה אונ דר מיט טוען אלע בני ישיבה ציהען אונ פליען בדרך נסתר ונעלם וואש איז זייער פר הוילין אונ שוועבין אזו וויא די אדלערס אין דר ליכטיגר ישיבה פון משה רבינו אונ בלייבין אלע אין דרויסין נאר אהרן אליין גייט ארין צו אים נאר אמאל ווערין זיי אן גירופין מיט זייער נאמן אונ קיינר זעהט ניט דאש פנים פון משה רבינו דען איין מסוה הייסט איין פיר האנג איז פר זיין פנים אונ ארום אים איז פר האנגין שבע ענני כבוד אונ אהרן שטייט הינטער דער מחיצה פון משה די מחיצה איז מפסיק אונ ניט כמפסיק דאש הייסט עש איז ניט קיין רעכטר הפסק צווישן זיי אונ אלע ראשי ישיבות זיינן אין דרויסין פון דעם פרוכת פון דעם פרגוד אונ די אנדערע זיינן אין דרויסין פון די ענני כבוד אונ זיי לייכטין אזו קלאר אונ לויטער אז מען קען דורך זיי ארויש זעהן די מסוה פון משה וואש עש איז פאר זיין פנים אונ דורך דר מסוה זעהט מען אליכט וואס לייכט מער פון אלע ליכט פון דער וועלט אונ דאש איז דאש פנים פון משה אונ זיין פנים ווערט ניט גיזעהן צו קיינם נייערט דאש ליכט וואש לייכט דורך דער מסוה אונ דורך די ענני כבוד ׳ משה זאגט די רייד סתם צו אהרן אונ אהרן איז זיי ווייטר מפורש צו די ראשי ישיבות אונ מיט וואש איז ער זיי מפורש מיט דיא מעינות החכמה וואש זיינען פון אים פאר הוילין גיווארין בשעת אז עש איז גיקומען די צייט פון יהושע ער זאל ארייין פירין דיא ישראל קיין ארץ ישראל אזו וויא עש שטייט לא אוכל עוד לצאת ולבא דען עש איז פון אים פאר הוילין גיווארין די מעינות החכמה אונ איצונד איז ער זיי מפורש מיט גרוישע וואונדר אונ ער קערט זיי אום מיט קוואלין אונ אזו וויא בעך וואשער קוועלין פון איר ארט אזו קוועלט איטליכס ווארט מיט פיל סודות נפלאות אונ אלע נשים צדקניות פון דעם דור המדבר קומען אלע צו מרים אויך אין דער צייט וויא אויבן שטייט דען גייען אלע ארויף וויא איין תמרות עשן אין דער מדבר אונ דער טאג ווערט גירופן יומא והילולא יומא של שמחה דיא ווייבער קומען צו מרים די נאכט פון שבת ויום טוב אונ זייא ווייסן אלע זיך משתדל זיין בידיעות בורא עולם וואול צו דעם דור מער פון אלע דורות פון דער וועלט זיי גייען ארויש פון דער ישיבה של מטה אונ פליהן ארויף אין דר ישיבה פון הימיל ארייין אונ די וואש זיינען נאך העכר פליהן העכר דאש הייסט ישיבה של מעלה דעם חילוק פון די צווייא ישיבות ווערסטו גיפינן אין פרשת כי תצא אויף דעם דור המדבר איז גזאגט גיווארין אשרי העם שככה לו ׳ שככה באטרעפט משה ׳ אשרי העם שיי אלהיו :

פתח רבי אלעאי הויבט אן מגלה זיין סודות אין דעם פסוק תמים תהיה עם יי אלהיך ביז ער איז ארויס גיקומן אויף דעם פסוק במדבר הזה יתמו דוא זאלסט ניט מיינן אז דער פסוק איז גיזאגט גיווארין חלילה אויף שלעכץ נאר דאש איז אזו דר פשט זיי האבן גידארפט זיין אין דר מדריגה פון תמים תהיה עם יי אין ארץ ישראל אין דעם סוד וואש ער האט זיי מגלה גיוועזן אבער היינט האבין זיי נאר די מדריגה אין דר מדבר ווייט פון דארטין ניט פנים לפנים וויא עש האט גידארפט זיין אין ארץ ישראל ושם ימותו דאש זיי מוזין אלע טאג ווידר שטארבין אונ תיכף אויף שטיין אן צוא קליידין אנדערע מלבושים ליכטיגע אזו וויא איר האט גיזעהן דאש איז טייטש שם יתמו דר מיט ווערין זיי גאנץ דרום שטייט יתמו דאש איז לשון גאנץ וואול זייער חלק אונ וואול איז אייער חלק וואש איר האט

דאש זוכה געוועזן איר חברים קדושים אונ דיא
צווייא מערות וואש איר האט זיי ניט גיקענט
גיפינען אונ זיי זיינען פון אייך פר הוילין גיווארן
דען אין דרינען גייען זיי ארויף צו דר ישיבה של
משה אונ זיצין פון ווייטין דרום שטייט בייא
משה והאיש משה ענו מאוד מער פון אלע נביאים
האט רבי אלעאי זיי אן גינומען אונ פירט זיי אין
דר ישיבה אריין זינט זיי האבין אן גיהויבן צו
גהן ביז דר צייט האט גיווערט זיבן טאג דאש
זייא האבין פאר זיך גאר ניט גיזעהן פון דער
וועלט זאגט רבי אלעאי איך וועל אייך זאגין
דעם פשט פון דעם קול וואש איר האט גיהערט
דר וואש וועט ניט קלערין צו ווישין מה למעלה
ומה למטה דר וועט זוכה זיין די תורה צוא פאר
שטיין מיט אפענע אויגין דאש הייסט עש וועט
אים אלץ אנפלעקט ווערין דר נאך האט איר
גיהערט דר אילן פון שמונה עשרה דאס זיינען
דיא אכצען חוליות פון דער שדרה בייא דעם
מענטשין אז ער בוקט זיך מיט זיי רעכט פר
זיין הארין ביי מודים דר וועט זיין אויף גריכט
לתחית המתים דער נאך האט איר גיהערט
ווער עש גייט אריין צוא די שני כרובים וועט
זיין ווילין גיטאן ווערין מיינט מען אזו דר וואש
גייט אריין אין שול וועדלג צווי טירן די ברייט
דר נאך דאבינט ער אונ בהעפט זיך אין זיין
הערין דעם ווערט זיין תפלה אן גינומען דר נאך
ווער עש איז מעיין דרינען אונ באגערט דאש
זיינע בקשות זאלין מקוים ווערין אזו ווערט זיין
בקשה דר ווייטערט פון אים דר נאך האט איר
גהערט דאס קרבן פון איין קינד דאס איז דר וואס
ברייגגט זיין קינד מל זיין אדר ער פירט אים צום
רבי דאש איז איין רעכטער קרבן וואש ווערט
מקובל ווייטר איז חסר אין זוהר׳ דער נאך
שטייט וויא זיי ליגן אין דר מערת המכפלה דר
סדר איז אזו ווייבר לעבין ווייבער אונ מאנען
לעבין מאנן אדם צום ערשטין אונ לעבן אים
איז חוה דר נאך שרה אונ לעבן איר אברהם
אונ לעבין אים יצחק אונ לעבן אים רבקה אונ
לאה לעבן איר אונ יעקב לעבן לאה נמצא ליגט
אדם פון איין זייט אונ יעקב פון דר אנדערער
זייט אבר אין ספר פון שלמה המלך שטייט אזו
דר סדר אדם וחוה שרה אברהם יעקב לאה
רבקה יצחק נמצא איז אדם פון איין זייט אונ
יצחק פון דר אנדערר זייט עש איז אגרויסער

סוד מען טאר עש ניט ארויס שרייבן אונ אזו
וויא זיי ליגין אזו וועלין זיי אויף שטיין צו תחית
המתים לאה וועט זיך משמח זיין מיט משיח בן
דוד איינוויינינ וואש ער קומט פון איר ארויש אונ
רחל וואש זיא ליגט אין דרויסן חוץ פון דר מערה
וועט זיא זיך אויך משמח זיין אין דרויסין חוץ
לירושלים מיט משיח בן יוסף׃ זיי זעהן ווייטר
פיל מגדלות ושערים אונ צווישן אלע איז איין
מגדל פון אבן טוב ער גייט גאנץ הויך אונ
ווערט איצונד ניט גיזעהן ביז דר ראש ישיבה
קומט אונ דרויף שטייט גישריבן דער פסוק
מגדול עוז שם ה׳ וגו׳ ער זאגט דרויף סודות אונ ער
איז אויך מפורש אויף דעם מגדול וואש ער
שטייט אין בית הכנסת וואש דרויף לייענט
מען אין דר ספר תורה וואש זיא הייסט עוז וויא
מען נעמט זיא ארויש פון דעם ארון הקודש
וואש דאש אלץ איז פיל סודות אזו מוז דער
מגדול האבן זעקס טרעפ וויש מען מוז ארויף גיין
אונ דר חזן הכנסת מוז זיין איין צדיק אונ דער
וואש ער ווערט אויף גירופין צום לייענן מוז
אויך זיין איין צדיק אונ איבר אלע איז דער
וואש ווערט אויף גירופין ששי פון דיא זיבין
דרום שטייט בו ירוץ צדיק וגו׳ ער ווערט גבריישט
אונ גישטארקט ער איז מאריך ימים אונ פארכט
זיך ניט פאר דעם מלאך המות דאש ער קען
אים ניט מזיק זיין ווייטר זאגט ער פון דעם
מגדול גרוישע סודות וואש מען קען זייא ניט
ארויש שרייבן׃ זכאה איז דיין חלק וואש דוא
האשט זוכה גיוועזן צו דיא היילינע רייד וואש
זייא זיינען פאר הוילין פון אלע זייטין מלמעלה
ומלמטה מעולם הזה ומעולם הבא זאגט רבי
שמעון איין זאך וויל איך אייך פרעגין צו וויסן
אויב איר קענט מיר מודיע זיין דיא ווייבער
למעלה אויב זיי זיינען זוכה אויף צו גיין למעלה
אדער ניין זאגט ער זעקס היכלות האט מען
מיר גיוויזין למעלה מיט כמה תענוגים ביז אין
דעם פרוכת פון דעם גן עדן אין איין היכל איז
דרינן בתיה בת פרעה אונ כמה אלפים ורבבות
ווייבער וואש זיינען מיט איר זוכה איטלעכע
באזונדר האבין ערטער פון פיל אורות וואס זיי
לייכטין אונ האבין תענוגים אן דוחק אונ אלע
טאג דרייא מאל גייט ארויש איין כרוז אונ זאגט
דא וועט אריין גיין דאס גישטאלט פון משה
נביא הנאמן אזו גייט ארויש אנטקעגן בתיה בת פרעה

צו אין מחיצה וואש זיא האט אונ זעהט דאס גישטאלט פון משה אזו בוקט זיא זיך צו אים אונ זאגט וויא ווערדיג איז מיין חלק דאש איך האב דר צויגין דאש ליכט אונ דאש איז איר גרעססטער תענוג וואש זיא זעהט דאס גשטאלט פון משה רבינו דר נאך גייט זיא ווידר אריין צו די ווייבר אונ זיינן דארטין עוסק צוא לערנען במצות התורה אלע אין זייער גישטאלט וויא זיי זיינן גיוועזן אויף דר וועלט אין מלבושים פון פיל אורות נאר זיי לייכטין ניט אזוא וויא דיא מלבושים פון מאנען דרום ווייל זיי האבן ניט גיקענט מקים זיין די מצות התורה אבר דארטין לערנען זייא אונ זיינען משתדל אין דר תורה אונ אין די טעמים פון די מצות אונ אלע ווייבר וואש זיצין מיט בתיה היישין נשים שאננות די זיינען זיך גאר ניט מצער אין דעם צער פון דעם גיהנם · אין אנדערין היכל איז סרח בת אשר אונ מיט איר זיינן כמה אלפים ורבבות ווייבר דריי מאל אין טאג רופט אויש איין כרוז פר איר דא קומט די צורה פון יוסף הצדיק אונ זיא איז זיך משמח אונ גייט ארויש צו איין מחיצה וואש זיא האט אונ זעהט דש לכטיקייט פון דעם גשטאלט פון יוסף הצדיק בוקט זיא זיך צוא אים אונ זאגט וויא ווערדיג איז דער טאג אז איך האב גיזאגט די בשורה צו מיין עלטר פאטער יעקב אז יוסף לעבט דר נאך גייט זיא אריין ווידער צוריק צוא די ווייבער אונ זיינען משתדל אין לויבונג צוא לויבין גאט מיט זיין נאמען אונ איטליכע אשה בזונדער האט כמה שמחות אונ ערטער דר נאך קערין זיי זיך אום עוסק צוא זיין במצות התורה אונ אין אירע טעמים פון די מצות · אין דריטין היכל איז יוכבד די מוטר פון משה נביא נאמן אונ כמה אלפים ורבבות ווייבער זיינען מיט איר אין דעם היכל ווערט קיין כרוז ניט אויש גירופין אזו וויא אין יענע היכלות נייערט דרייא מאל אין טאג זיינן זייא מודה ומשבח צו הקב״ה זיא מיט אלע ווייבר וואש זיינען מיט איר אונ די שירת הים וואש זייא האבין גיזונגען אויף דעם ים זינגען זייא דארטין אלע טאג אונ זיא אליין זאגט פון ותקח מרים הנביאה את התוף בידה וגו׳ אונ אלע צדיקים וואש זיינען אין גן עדן הערין זיי צו אונ פר נעמען דיער זים קול אונ אזוא אויך כמה מלאכים קדושים אונ דורך דעם זיינן זייא מודה ומשבח

צו הקב״ה · אין פערטן היכל איז דבורה הנביאה אונ אנדרע נשים צדקניות זיינן מיט איר מודה ומשבח ומזמר צוא הקב״ה דיא שירה וואש דבורה האט גיזאגט אויף דר וועלט אי׳ רבי אי׳ רבי ווער האט נאך גיזעהן אזו וויא די שמחה פון די נשים צדקניות אונ פון די צדיקים וואש זיי טוען צו הקב״ה · גאר אינעוויניג פון די היכלות זיינען דא פיר פאר באהגענע היכלות פון דיא הייליגע אמהות שרה רבקה רחל לאה דאש דיא היכלות איז ניט קיין רשות זיי מגלה צוא זיין אונ קיינער קען זייא ניט זעהן · רבי שמעון פרייט זיך זייער אונ זאגט ווען איך וואלט אויך מער ניט זוכה גיוועזן נאר דאש צו הערין וואלט אויך גינוג גיוועזן אז איך זאל מיך משמח זיין דאס איך האב זוכה גיוועזן צו הערין דיא רייד פון אמת פון יענער וועלט זאגט ער אי׳ חסיד אי׳ קדוש דוא וואלשט ווישין די שמחה פון די רייד וואש איז אויף יענער וועלט וואש דער ראש הישיבה האט גיזאגט וואלשטו זיך נאך מער משמח גיוועזן זאגט רבי שמעון וואש פאר איין חידוש האשטו היינט גיהערט וואש דו בישט צו מיר גיקומן זאגט ער דעם פסוק האט דער ראש ישיבה גידרשת הקב״ה האט גיזאגט צוא יעקב ויוסף ישית ידו על עיניך ווארום באדארף מען איין מת צו מאכין דיא אויגין דרום ווייל דאש אויג פון דעם מענטשין איז גיגליכין צו דער גאנצער וועלט דאש ווייסע רינגילט ארום דאש מיטילשטע אזו וויא דר ים אוקינוס רינגילט ארום די גאנצע וועלט דאש מיטלשטע פון דעם אויג איז אנטקעגין דער מדבר אונ ישוב אונ דאש שווארצע פון דעם אויג איז אנטקעגין נקודת ציון דרום מאכט מען איין מת צו די אויגין צו ווייזן דאש די וועלט איז שוין פר הוילן פון אים אונ פר שטאפט דאש ער זעהט שוין ניט די וועלט פרעגט רבי שמעון אדרבה מען גיהער אים עפענן זיינע אויגין צו ווייזן אז דיא וועלט איז ניט פר לארן פון אים דען ער ווערט אויף שטיין צו תחית המתים זאגט ער אי׳ חסיד אי׳ קדוש ווען מען זאל ניט פאר שטאפן דעם גישטאלט פון דר וועלט וואלט ער ניט גיקאנט האבין קיין חלק אין יענר וועלט דען יענע וועלט איז אליין דר היפוך פון דר וועלט דען ווען דר זמן פון תחית המתים ווערט זיין ווערט פריער אלע זאכן פון דר וועלט פאר לארין ווערין אונ עש טאר ניט

איבער בלייבן אפילו כחוט השערה אונ דורך
דעם טל פון תחיית המתים וואש ער וועט מאכן
גירעדין אויף זייא דורך דעם טל ווערן אלע
זוהמות פון דר וועלט פר לארין ווערין אונ אלע
מיאוסקייט פון דעם גוף פון עולם הזה וועט אפ
גיטאן ווערין דר נאך וועט דר גוף זיין וויא איין
טייג וואש דאש זויער טייג מאכט דאש אויף
נייא אונ פון דעם וועט ער מחודש ווערין צוא
איין נייער בריה דרום ווייזט מען אים אז ער
וועט שוין ניט זיין אין דעם גישטאלט פון דעם
גוף וואש איז אויף דר וועלט זאגט רבי שמעון
דאש ווייש איך וואול אז איר זייט אויף יענר
וועלט גיקלייד אין לבושי כבוד עש איז פיל
אורות קדושים וואש זיינן נוף נקי וטהור וקדוש נאר
איך פרעג דיך אויב עש קען זיין אז איינער
זאל אויף דער וועלט אויך קענן זוכה זיין צוא
איין גוף זך ונקי זאגט ער עש איז דא גיוועזן
צווייא נערים וואש זיי האבין זיך מתלבש גיוועזן
צווישין אונז אז זייא האבין שוין גיליטין זייער
עונש אויף זייער חטא וואס מען בדארף ניט
מגלה זיין האבין זיי דאש גיפרעגט דעם ראש
ישיבה האט ער זייא גיענטפערט עש איז דא
אויף דר וועלט אויך גיוועזן אזו איין אופן עש
שטייט ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות זיא
האט זיך אן גקלייד איין מלבוש פון עולם הבא
דר לבוש מלכות דאש איז דר רוח הקודש פון
מלכות שמים אונ אז זיא איז גיקומן פר דעם
רשע איז איר לבוש פון איר אפ גיטאן גיווארין
אזו אויך ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות דער
לבוש מלכות איז דאש גישטאלט פון די לבושי
עולם הבא זאגט רבי שמעון וויא זים זיינען די
רייד וואול צוא מיין חלק דאש איך האב דאש
גיהערט אז די צדיקים אויף יענער וועלט ווערן
אן גיקלייד בלבוש מלכות אונ אזו איז בוודאי ·
זאגט ער דר אויר פון דעם גן עדן וואש ווייעט
פון דעם רוח הקודש דאש איז דיא לבושי
מלכות וואש די צדיקים זיינען זיך מתלבש אין
דעם גישטאלט וויא זיי זיינען גיוועזן אויף דער
וועלט דר נאך רועט דר רוח הקודש אויף זייער
קאפ אויף איטליכן באזונדר אונ ווערט גקריינט
דר מיט פר איין קרוין אויף זיין קאפ אזוא איז
מרדכי אויך גיוועזן דרום שטייט בלבוש מלכות
אין גישטאלט פון יענער וועלט אונ דער נאך
ועטרת זהב גדולה דאש איז די קרוין וואש איז אויף

די קעפ פון צדיקים אויף יענר וועלט. אונ דאס
האבין די ישראל זוכה גיוועזן בשעת מתן תורה
צו דעם לבוש ביז זיי האבין דאש בבושה אפ
גטאן אז זיי האבין גיזינדיגט אזו וויא עם שטייט
ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב דאש זיי האבין
זיך אויש גיטאן פון דעם לבוש אזו שטייט ביי
יהושע הכהן הגדול הסירו הבגדים הצואים מעליו
דאש מען האט אים אויש גיטאן פון די מיאוסע
קליידער אונ וויא עש שטייט וילבישהו בגדים אז
מען האט אים אן גיטאן בגדים אונ לבושים
פון יענעם עולם אונ כל זמן דר גוף איז נאך
אין קבר קען זיין רוח ניט אן טאן די לבושים
דרום שטייט דארטין מען זאל אים פריער צום
ערשטין אפ טאן די לבושי צואה דאש איז דר
גוף פון דר וועלט דר נאך שטייט וילבישהו בגדים
האט מען אים אן גיטאן מלבושים פון יענער
וועלט אונ אז ער האט שוין דעם לבוש אן
גיטאן שטייט שוין מלאך יי עומד דאס איז די קרוין
פון רוח הקודש אויף זיין קאפ דאס הייסט מלאך
יי ער שטייט אויף די קעפ פון די צדיקים דאס
איז אלץ אז יענער גוף איז שוין ניט דא אין
קבר ווארום כל זמן אז יענער גוף איז נאך
פר האנדין אין קבר קען דר רוח ניט מקבל זיין
קיין אנדער לבוש אונ אז דר גוף איז שוין ניט
פר האנדין אין קבר אין דר צייט איז גרייט דער
לבוש אן צו קליידן דעם רוח אזו וויא דר יצר
טוב מיט דעם יצר הרע דאש זיי קענען ניט
זיין ביידע באנאנדער זאגט רבי שמעון איך פר
וואונדער זיך אז ביי יהושע כהן גדול שטייט
והשטן עומד על ימינו לשטנו וואש קען שוין זיין ביי
אנדערע מענטשין זאגין זיי צו אים דו בישט
דאך איש חסיד וקדוש עש זיינען דיא זאכין
פאר בארגין אונ פאר הוילין זאגט רבי שמעון
חאטשע אונזערע חכמים ווייסין פון דיא זאכין
פון יענער וועלט אבער מיר ווייסין דאך ניט
דען אז דר מענטש איז שוין גישטארבן אונ איז
אויף יענער וועלט וואש האט דר שטן פר איין
תועלת דער פון וואש ער איז נאך דארטין אויף
אים מקטרג ניט גינוג ער האט שוין די נשמה
ביי אים צו גינומען אונ האט אים ממית גיוועזן
זאל ער נאך אויף אים מקטרג זיין אזו וויא עש
שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו זאגט ער איי דו
חסיד וקדוש וואול איז דיין חלק קום אונ זעה
דר גאנצער חשק אונ לושט פון דעם שטן איז

נאר

נאר אז דר צדיק זאל ניט קענען אן טאן דעם לבוש הטהור והקדוש דען דר גוף פון דעם מענטשין דאש איז דר חלק פון דעם שטן אונ זיין מעשה פון זיין כח הטומאה יצר הרע אונ איז אין דעם באהעפט היינט אז ער זעהעט דעם מלבוש פון דער וועלט דאס הייסט דר גוף איז שוין ניט נחשב ער איז שוין נדחה גיווארן דרום איז ער מקטרג דרויף דען ווען דער רוח וועט זיך מתלבש זיין אין דעם לבוש הקדוש והטהור פון יענער וועלט מוז דאך תיכף בטל ווערין דער גוף וואש ער איז די מעשה ידיו פון דעם שטן אונ דאש וויל ער זייער ניט אונ ווידער כל זמן דער רוח האט נאך דעם לבוש ניט אן גיטאן קומט ער אלע מאל גיוואר ווערין צו דעם גוף אין קבר אונ רעט צו אים אונ דאש איז זיין חלק דרום איז דאס אים ניחא אבער אז ער זעהעט אז ער טוט אן דעם לבוש הכבוד דען ווערט בטל דאש גישטאלט פון דעם יצר הרע אין יענעם גוף אונ האט שוין קיין ארט ניט מיט דעם גוף אים צו גידיינקען ביז אייביג אויב דו ווערשט פרעגין מיר גייען דאך אלע תחלת הלילה פוקד זיין לבית הקברות דאש איז ניט אויף דעם גוף נייערט דר נפש כל זמן ער גייט נאקעט אן איין לבוש אזו לאנג אז דאש פלייש איז נאך פר האנדין אין קבר איז דער רוח אים פוקד אונ קומט צו דעם נפש אונ דער נפש איז פוקד דעם גוף אבער איצונד אז קיין פלייש פון דעם גוף איז שוין נישט דא צו דעם גוף זיינן מיר פוקד דעם נפש אונ ניט צוא דעם פלייש נייערט צו דעם נפש וואש ער ליגט נאך צווישן די ביינער דרום אלע תחילת הלילה איז דער רוח פוקד דעם נפש דרום וויל ער אז דער גוף זאל נאך אקיום האבין כדי ער זאל קאנען איין קורבות האבין צו דעם פלייש דרום איז דארטן דר שטן מקטרג · ווייטר איז גרוישע סודות וואס מען טאר זיי ניט שרייבין:

פתח האי ינוקא דער ינוקא הויבט אן אין דעם פסוק מגלה צוא זיין גרוישע סודות אזו שטייט אויף דער ראש ישיבה אונ קושט אים ער זאגט צו אים מיך דא שווער איך אז די רייד זיינן גיזאגט גיווארין בישיבה של רקיע אונ אזו איז דאש דו קדוש והחסיד וויא פיל שמחות על שמחות איז גימערט גיווארין מיט דעם קינד אין דר ישיבה זיבין אונ צוואנציג טעמים האט ער גיזאגט אין דעי ותודה את מיט זיבעציג כתרים האט מען זיין פאטר דעם טאג גקריינט וואול דעם חלק וואש איז זוכה צו לערנן תורה צו זיין קינד זאגט רבי שמעון זיין פאטר אליין האט ניט זוכה גיוועזן מיט אים צו לערנען זאגט ער זיין פאטער האט אים גילאזט לערנען אבער עש איז איין פאר בארגענע זאך ווארום דאש קינד איז גישטארבין נייערט ווייל מען האט אים גידארפט דן זיין איז שוין אנטפלעקט גיווארין זיין חטא אונ איז ניצול גיווארין פון דעם משפט דען זיין חטא איז גיוועזן דאס ער איז גיוועזן אגרוישער חריף אונ ער האט מיט זיינע חריפות אונ קושיות זיין רבי מבייש גיוועזן פר אלע אונ האט ניט גיוואלט גיין צו אנאנדר רבי ער זאל אים רעכט מאכין זיין לערנען אונ איבער דעם איז דיא דעה פון זיין רבי שלאף גיווארין אונ האט זיך מצער גיוועזן אויף דעם דרום האט מען אים גיוואלט דן זיין מיט איין שווערין משפט אונ דרום האטשע ער איז ניצול גיווארין פון די שערי הדינים וואש זיי האבין אים גיוואלט דן זיין איז ער דאך פון דעסט וועגין ניט ניצול גיווארין פון דעם גאנצין דין דען אלע ערשטע זיבין טאג איז ער דא ניט גיזעהן גיווארין רעכט מיט זיין גישטאלט ביז ער האט זיך גיוואשין מיט גרויש וויטאג די זיבין טעג ביז זיין גישטאלט איז ווידר מושלם גיווארין אונ פר וואש ער איז גישטארבין דארפשטו ניט ווישן אי רבי אי רבי פיל זוכה איז דיין חלק ער זאגט ווייטר פון די מים חיים וואש זיי גייען ארויש פון די חדרים אונ זיינען זיך מתפשט אין דריגן אונ זיי גייען אין דעם ים הגדול אונ עש ווערט אין דעם אן גיצייכינט איין דרך בלב ים אונ דער פון טרינקט דער לויתן אונ ווערט זאט אונ איז זיך משמח אונ גיקריינט מיט זיין גרוישקייט אונ אז נאך איין קוואל וועט ארויש גיין פון דעם קוואל אונ וועט זיך מתפשט זיין אונ וועט גיין פאר בארגענער הייד אונטער דעם תהום אין ים האחרון וועלין אלע מים הזדונים אונ מים חזקים שלאף אונ אונטער גיטאן ווערין דאש זיי זאלין ניט ארויש גיין משחית ומחבל זיין דיא מענטשין אונ דר סימן איז הנותן בים דרך ובמים עזים נתיבה אונ אין דר עזרה זיינן פר האנדן צוויא כרובים זיי זיינן מעשה אומן של הקב"ה דאש קען קיינער ניט פאר שטיין אויף דייא

שטייען דיא עליונים ותחתונים אונ אונטר זייא זיינען אן גיברייט כל ישראל צו שטיין דאס זיי העלין ניט ארויש גיין פון זייערע פליגיל זייא ווערין אזו גרויש ווערין אז כל ישראל ווערין ארונטער אונטער זייערע פליגיל ווייטער איז חסר אין זוהר׳ דער ראש ישיבה האט איבער דעם זוכה גיוועזן צו דעם כבוד ווער קען זאגין די רייד וואש מען איז מחדש אלע טאג פאר דעם ראש ישיבה אי רבי אין אלע צייט אז די רוחות פון זכרים גייען ארויף למעלה אין דער צייט גייען ארויש אלע נקבות אונ זאמלען זיך איין צו בתיה בת פרעה אין איר היכל אונ זיינן זיך דארטין משמח מיט וויא פיל דברים משונים אונ פון דארטין גייען זייא אלע ארויש מיט בתיה אין היכל פון סרח בת אשר אונ זיינען זיך דארטן אויך משמח מיט כמה דברים חדשים גם ישנים אונ פון דארטין גייען זיי ארויש אונ גייען אין היכל פון יוכבד אונ אזו גייען זיי אין אלע היכלות איצונד רבי וויל איך דיר זאגן איין סוד קום אונ זעה אין איטליכער שמיטה ושמיטה גייט ארויש איין כרוז אונ רופט אויש איר זאמילט אייך איין אנשים ונשים אונ אלע בני אמונה אונ גייט ארויף דען זיינן זיך מתפשט אנשים ונשים אונ גייען ארויף אונ אלע קליינע קינדר די זייגינדיקע גייען אריין אין דר ישיבה של רקיע אונ זיינן זיך דארטין משמח בשמחה אונ דער שר וואש די שליסיל פון הקב"ה איז ביי אים שטייט אויף אונ זאגט זיי כמה דברים חדשים גם ישנים אונ אלע זעהן שמחות וואש זיי האבן אזעלכעש ניט גיזעהן דען גייען אלע אריין איננווייניג אונ ווי פיל פרוכת אונ היכלות פאר בארגענע זיינן דארטין וואש זיי לייכטין פון דעם נועם וואש איז בעולם הבא אין דעם היכל וואש הייסט היכל אהבה פון הקב"ה דרויף שטייט לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו אונ דר נאך פליען די קינדר ארויף אונ די אראפ איטליכער אויף זיין ארט אונ טוען זיך ווידר אן אין דיא לבושים וואש זיינען זייערע פון פריער׳ פיל זוכה איז דאש פאלק וואש זייא האפין צוא דיא טובות לעולם הבא׳ זאגט רבי שמעון וויא גאר זיס זיינען דיא רייד וואש איך הער דא וואול איז מיין חלק וואש איך האב דאש אלין זוכה גוועזן צוא הערין אונ וואול איז דעם טאג וואש איך וועל אהער גיין׳ זיי זאגין צו אים רבי גאר דריי

טאג האבין מיר צייט ביי דיר צו זיין ווייטער איז חסר אין זוהר׳ עש הייבט זיך אן איין ספור פון דעם יצר הרע ושטן הכסיל חובק את ידיו ואוכל את בשרו דאש איז דער שטן ער לייגט צוא נויף דיא הענט פאר ביטערטער הייד אונ קלאגט אונ דר נאך עסט ער דאש פלייש מיט גוואלד דען דאש האט ער פון אלע זיינע טרחות אונ קטרוג וואש ער האט גיטאן אויף דעם מענטשין האט ער מער קיין הנאה ניט נאר פון דעם גוף דאש פלייש דאש איז זיינס דער נאך שפרינגט ער אונ פרייט זיך אזו וויא איין כסיל אן שכל אונ עסט נאר זיין פלייש אונ ווייטער האט ער קיין רשות ניט׳ דש ביטערונג וואש למעלה ולמטה ווען די ישראל זיינן בצרה חלילה אונ זיי גיבין ניט קיין כח למעלה דורך זייערע מעשים טובים דענסט מאל איז כביכול איין צער צו הקב"ה אפילו אויף דעם פלייש וואס איז מצד יצר הרע זיי זאלין איין שליטה האבין דען ער איז איין רחום וחנון אבער אויף דעם רוח ונשמה הקדושה וואש זיי זיינן פון הקב"ה קענן ניט שולט זיין די עליונים ותחתונים אונ דרום איז אלע בלבולים פון דעם שטן נאר ער זאל קענן שולט זיין אויף דעם רוח הקודש אונ אויף דער נשמה אבער ער קען דאש ניט דער לאנגען קערט ער זיך אום אונ עסט זיין פלייש פון דעם גוף וואש דר גוף האט פון אים גהאט איין הילף אויב דו וועשט וועלין זאגין עש איז איין שמחה צו דעם מלאך המות וואש ער איז ממית מענטשין עש איז ניט אזו נאר ער וועהט דאש איז דער רצון פון הקב"ה מאכט ער זיך גלייך וויא ער איז פרייליך צו טאן דעם ווילין פון הקב"ה אזוא וויא עש שטייט רוח סערה דאש איז דר שטן עושה דברו ער טוט דאש בפעלונג פון הקב"ה פרעגט רבי שמעון ער גייט דאך אונ שפרינגט פאר די נשים בשעת לויה זאגט ער אי חסיד וקדוש ער טוט דאש צו ווייזין פר דעם מלך אז ער האט אים ליב ברצון הלב אבער זיין נחת רוח איז מיט קלאג דרום שפרינגט ער אבער זיין מחשבה איז צוא קלאגין זאגט רבי שמעון אז ער איז ווידר ניט גערין ממית זיין די מענטשין נאך וואש גייט ער ארויף דער מאנען די עונות פון מענטשין זאגט ער דרום וויל ער איז איין זקן וכסיל ער מיינט ער וועט איין שליטה האבין אויף דעם רוח אונ זיין גאנצע

שמחה:

שמחה און לוסט איז נאר פון דעסט וועגן אבער דר סוף איז אז ער איז נאר שולט אויף דעם פלייש דאש אליין איז נאר זיינם און דרום שטייט ישב עטלו בראשו ווייטער איז חסר · און דר נאך זאגט ער גרויסע סודות און זאגט אז אלע ערבי שבתות אז די ישראל זייגען אונטין מקדש דעם שבת זאמלין זיך איין אלע מחנות למעלה און איין כרוז רופט אויש בגייט אן די הייליגע שטולן וועהר זעהט גאר די שמחה וואש איז אין דריי הונדערט און ניינציג הימלען וויפיל ממונים וויפיל גיוועלטיגער זאמלען זיך איין צו זייער ארט און אז דיא ישראל אונטין זייגען מקדש דעם שבת און הקב"ה איז זיך מתעורר על קדושת שבת דען גייט ארויש איין ווינט פון די בלעטער פון דעם עץ החיים און דיא צווייגין שוטען זיך שאקלען דען קומט איין רוח פון עולם הבא און דער עץ החיים איז זיך מתעורר און ציהט אויש נשמות קדושים און פר שפרייט זיי אויף דר וועלט און די נשמות גייען די ארייו און די גייען ארוים און דר עץ החיים איז בשמחה דען ווערין די צדיקים גיקריינט מיט עטרות פון נשמות הקדושים און אלע זייגען בשמחה און גאנץ שבת האבין זיי מנוחה ושמחה אזו אויף די צדיקים אלע אין גן עדן זייגען אלע עולה און זייגען זיך מתענג בתענוג עליון פון עולם הבא און אז שבת גייט אוועק אזו פליהען אלע נשמות פון צדיקים אוועק און זייגען ווידער עולה ארויף · קום און זעה אז דער שבת קומט אן נידערין אראפ נשמות יתירות מלמעלה צו רוען אויף דעם עם הקודש און די נשמות הצדיקים פון גן עדן התחתון גייען אלע ארויף אין גן עדן העליון און מוצאי שבת גייען ווידער אלע נשמות וואש האבן גירועט אויף די ישראל ארויף און די נשמות הצדיקים גייען ווידר אראפ אין גן עדן התחתון און אז דיא נשמות יתירות גייען ארויף שטעלין זיי זיך אין זייער גישטאלט פר דעם מלך הקודש און ער פרעגט זיי וואש פר איין חידוש האט איר גיהאט אויף יענער וועלט אין דר תורה וואול צו דעם וואש איז מחדש אין דר תורה בשבת אזו זאגט עש די נשמה צו הקב"ה וואש פר איין שמחה מאכט הקב"ה ער זאמילט איין דיא פמליא של מעלה און זאגט הערט צו די חדושי תורה וואש די נשמה זאגט פון יענעם מענטשין און די רייד ווערן גשטעלט

אין דיא בידע ישיבות וואש זייגען למטה את הקב"ה למעלה תתמת די רייד · קום און זעה אז דר מענטש איז מחדש חידושי תורה אום שבת און דיא נשמה נידערט אראפ און אין עוסק אין זיי און איז דר מיט עולה פר הקב"ה אזו הערין צו די גאנצע פמליא של מעלה דיא רייד און די חיות הקודש זייגען זיך מתלבש אין מער פליגיל און אז הקב"ה פרעגט די נשמות און זיי ווייסין ניט דען שטייט ביא דיא חיות בעמדם תרפינה כנפיהן בעמדם איז טייטש שווייגן אז זיי שווייגן אין דברי תורה דען תרפינה כנפיהן ווערין שלאף זייערע פליגיל און פר וואש הייסט שווייגן עמידה ווייל אז א מענטש רעט רירין זיך אין אים זיבין אברים און ריידן לב ביאה קנה לשון שנים שפתים בשר און אז מען שווייגט שטייען אלע און רירין זיך ניט דרום הייסט דאש עמידה ווארום רב המנונא סבא האט אן גיהויבין ישלח עזרך מקודש ומציון יסעדך מקודש מיינט מען קדוש ידים וואש מען וואשט זיך פר דעם עסין ומציון יסעדך דאש מיינט מען די המוציא וואש דאש לעהנט אונטער דאש הארץ פון דעם מענטשין יזכור כל מנחותיך כל איז מרבה די מים אחרונים וואש מען וואשט זיך פר דעם בענטשין ועולתך ידשנה סלה דאש איז ברכת המזון בזימון ווען דוא וועשט אזו טאן יתן לך כלבבך וכל עצתך ימלא דען גיט מען דעם מענטשין וואש ער בעט און אום שבת איז אזו דר טייטש ישלח עזרך מקודש דאש מיינט מען דעם קידוש וואש מען מאכט פר דעם עסין וועגין דער זאך ווערין גיקריינט דיא צדיקים אין גן עדן פון איין שבת צום אנדערין · נאך הייבט ער אן על הר גבוה וגו' וועלכער איז דער הויכער בארג דאש מיינט מען דער הר העברים וואש משה איז דארטן ווארין באהאלטין · דיא שכינה וועט דארטין ארויף גיין און וועט מבשר זיין אויף דר וועלט און מיט איר וועט זיין די מוטר פון משיח בן דוד וואש ער הייסט מנחם בן עמיאל און זיין מוטר וועט מיר איר גיין און וועט אבשורה זאגין צו ציון און דאש קול וועט גיהערט ווערין אויף דר גאנצער וועלט און צוויי מלכים וועלין זיך דער וועקין אויף דער וועלט מלחמה צוא האלטין און דער שם הקודש וועט ארויש גיין אויף דער וועלט וואש ער וועט מבשר זיין און וועט זאגין הנה י"י אלהים בחזק יבוא וזרועו מושלה לו

הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו הקב״ה וועט אויש רופן אין אלע זיינע פמליא של מעלה אונ וועט זאגן זאמילט אייך איין טוט משפטין ווער עש האט זיך מוסר נפש גיוועזן אויף קידוש השם וואש איז זיין שכר אונ זיי וועלין זאגן אזו אונ אזו ווער עש האט גיליטין אין גלות כמה יסורים אונ איז גיזידילט גיווארין וואש איז זיין שכר וועלין זיי זאגן אזו אונ אזו ווער עש איז גשטראפט גווארן אלע טאג פון מיינט וועגין וואש איז זיין שכר וועלין זיי זאגן אזו אונ אזו׳ אונ דר פסוק זאגט הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו וואש איז טייטש ופעולתו נאר אזו וויא עש שטייט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך דאש מיינט מען די פעולה פון הקב״ה עש שטייט אשר צפנת דאש איז טייטש וואש דוא האשט בהאלטין איז דאך קשה נאך וואש האט ער בהאלטן פר וועמען פארכט ער זיך דען פר גניבה אדר פר גזילה אלא גייא אונ זעה דיא מעשה רחמים וואש הקב״ה טוט מיט דעם וואש ער שלאגט גיט ער איין רפואה דען הקב״ה שלאגט מיט דר יד שמאל אונ איז ווידר מקרב מיט דר יד ימין אונ מיט דר שמאל וואש ער שלאגט וועט ער איין רפואה געבין צוא דר וועלט מצפון תפתח הרעה צפון איז דר שמאל מיט דעם שלאגט ער פון דארטין גייען ארויש אלע דינים וגזירות קשות אונ דארטין רועט ווידער אלע שכר טוב אונ אלע טובות וואש הקב״ה האט אן גיגרייט צוא די צדיקים לעולם הבא דען וועט הקב״ה רופין צו צפון אונ וועט זאגין צו דיר האב איך גיגעבן כל הטובות וכל שכר טוב צו מיינע קינדר וואש זיי האבין גיליטן כמה רעות אויף דער וועלט פון מיין קידוש השם וועגין גיב ארויש דעם שכר וו...ש איך האב ביי דיר בהאלטן אזו וויא עש שטייט אומר לצפון תני ולתימן אל תכלאי דאש איז טייטש צוא צפון וועט הקב״ה זאגין גיב אפ אונ צו דרום וועט ער זאגן דו זאלשט ניט פר מיידין דיא ברכות איז דאך קשה איז דען דער סדר אז דרום זאל פר מיידין די ברכות אמער אלע ברכות קומען דאך פון דרום דאש איז דער יד ימין פון הקב״ה וואש אלע ברכות קומן פון אים וואש דען זאגט ער ולתימן אל תכלאי אלא באותו שעה וועט הקב״ה אויף וועקן צו אברהם אונ וועט צו אים זאגן שטיי שוין אויף דען די צייט איז גיקומן וואש איך ליין אויס דיינע קינדר אונ צו געבן זיי שכר טוב אויפאלעמן וואש זיי האבן גיליטן אונ דרום ווייל אברהם האט אונז פר קויפט אין גלות דען אזו האט ער זיך אויש גיקליבן בברית בין הבתרים אז זיינע קינדר זאלן זיין אין גלות אזו וויא דר פסוק זאגט אם לא כי צורם מכרם דאש מיינט מען אברהם וואש ער הייסט צור ער האט זיי פר קויפט אין גלות דרום וועט זיך אברהם מאכין גלייך וויא ער וואלט גיגערין גיזעהן אז זיי זאלין נאך מער גישלאגן ווערין אונ גישטראפט ווערין אויף זייערע עבירות וועט הקב״ה זאגין איך פר שטייא דאך אז דו זאגסט עש נאר לפנים אבר ניט באמת דרום וועל איך אויך נאר זאגין לפנים דרום זאגט ער אומר לתימן איך וועל זאגין צו אברהם וואש ער איז צד ימין צד דרום אל תכלאי איך בין דיך גיקומן איבר בעטן אויף דיינע קינדר דו זאלשט ניט פאר מיידין זייערע טובות אונ שכר טוב פון זיי דען זיי האבן שוין גינוג צרות גיליטין אויף זייערע זינד ולצפון תני גיב ארויש דעם שכר טוב אשר צפנת וואש דאש איז בצד צפון זייערע טובות ושכר טוב אונ די זאך וועט די שכינה זייא מבשר זיין׳ נאך מער וועט זיא זיי מבשר זיין דאש אנדרע מאל בשעת זיא וועט ארויף גיין אויף דעם הר הגדול וועט זיא גיין פון דארטין מבשר זיין צו די אבות דר נאך וועט זיא זיין אין ירושלים צו זעהן איר חורבן אונ וועט גיין קיין ציון אונ דארטין וועט זיא ווידר קלאגין אזו וויא פריער אויף איר ארט אונ כבוד וואש דארטין איז צו איר גיוועזן אונ דארטן וועט זיא שווערין אז זיא וועט ניט ארויש גיין ביז די ישראל וועלין זיין אין ארץ ישראל אונ חפצי בה די מוטר פון משיח וועט מבשר זיין אזו וויא צום ערשטן אונ וועט זאגין צהלי ורוני יושבת ציון כי גדול בקרבך קדוש ישראל וואש מיינט מען כי גדול בקרבך דאש איז הקב״ה ער וועט צו איר קומען אויף ריכטין זיא פון דר ערד אונ וועט צו איר זאגין התנערי מעפר קומי ונו׳ מיט דעם וועט אויך זיין כמה שמחות על שמחות צו די צדיקים אין גן עדן אונ דרום אויך וואול איז צו דעם מענטשין וואש דיא נשמה זאגט דארטן עדות לפני המלך די חדושי תורה פון שבת וואש ער האט אונטין מחדש גיוועזן דאש הקב״ה אונ גאר זיין פמליא של מעלה אונ אלע נשמות הצדיקים וואש זיינן אין גן עדן ווערין אלע גיקריינט מיט די חדושי תורה׳ נאך מער האב איך גיהערט דאש דיא הייליגע ליכט

גנאש

וואש זיא איז פול כבוד על כבוד ועטרות על עטרות טוט מען דארטין צוא דעם פאטער פון דעם מענטשין בשעת הקב"ה זאגט זאמילט אייך איין צו הערין הדושים פון דער תורה פון דעם אונ דעם מענטשין וויפיל קשונג איז אויף זיין קאפ כמה צדיקים וואש טוען אים קריינען בשעת זיא נידערין אראפ וואול צו זייער חלק וואש זיינען משתדל אין דער תורה אום שבת מער וויא אנאנדער טאג ע"כ :

ויאמר יי אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם ועשו להם ציצית רבי חזקיה הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול וגו' זכאין זיינען דיא צדיקים וואש הקב"ה האט באגערט אין זייער כבוד אונ האט זיא גיגעבין די תורה הקדושה אונ דיא נביאים נאמנים וואש זיי האבין זיא גיפירט בדרך אמת · קום אונ זעה איטליכין נביא וואש הקב"ה האט אויף גישטעלט האט זיך הקב"ה צו אים אנטפלעקט בסדריגות הקדושות העליונות אונ זיי האבין גיזעהן דאש גישטאלט פון דעם כבוד המלך ממקום העליון אבער עש שטייט דאך בייא זייא מרחוק יי נראה לי אבער קיינער איז ניט אזו נאהענט גיוועזן אזו וויא משה אשרי חלקו מכל העולם דאס בייא אים שטייט פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות ער זאגט ווייטער סודות אונ די מעלות פון משה · קומט רבי אבא אונ קושט אים אונ זאגט וודאי האשטו רעכט גיזאגט אונ עש איז אזוא וואול צו דעם חלק פון משה מער פון אלע נביאים דאש בשעת ער איז נסתלק גיווארין פון דער וועלט האט זיך קיינר ניט מתעסק גיוועזן מיט אים נאר הקב"ה אליין האט אים אריין גבראכט אין זיין מחיצה אריין אבער אנדערע נביאים האבין גיזעהן דיא שכינה דורך פיל מחיצות ויראני את יהושע הכהן הגדול ווארום איז יהושע גישטאנען פאר דעם מלאך מיט איין גיריכטע קליידער ביז עס איז ארויש גיגאנגען איין כרוז אונ האט גיזאגט הסירו הבגדים הצואים מעליו מען זאל אים אויש טאן די אום ריינע קליידר זאגט רבי יצחק עש שטייט דא ויעמד לפני המלאך וואס מיינט ער פאר דעם מלאך אלא ער האט אים דן גיוועזן אונ ער איז גישטאנען בדין פאר אים אזו וויא עש שטייט ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה היא מיינט מען דאך דארטין פאר דעם מלאך וואש ער משפט אים אזו מיינט מען דא אויך

אזו דען איטליכער מענטש וואש ער איז ניט זוכה אויף דער וועלט אן צו קליידין זיך מיט מלבושים פון מצוה ווען ער שטארבט אזו שטייט ער אין איין פאר שמירטין לבוש אויף יענער וועלט · אונ שטייט דרויף צו דעם משפט מען זאל אים דן זיין · קום אונ זעה וויא פיל לבושים זיינען אן גיברייט אויף יענער וועלט אונ דער מענטש וואש ער איז ניט זוכה אן צו טאן זיך אויף דער וועלט מיט לבושים פון מצות ווען ער קומט אויף יענר וועלט טוט מען אים אן אזו איין לבוש וואש ער זאל מיט דעם דער קענט ווערין פאר דיא שרים פון דעם גיהנם וויא צו דעם וואש מען קליידעט אים אן מיט דעם לבוש דען עס זיינען אן גיברייט כמה בעלי מדות הדין אים צו נעמן אונ מאכין אים נידערין אין גיהנם אריין אונ דרום האט שלמה המלך גיזאגט בכל עת יהיו בגדיך לבנים דאש מיינט מען דער מענטש זאל נזהר זיין אויף דער וועלט אן צו טאן מלבושי מצוה דהיינו ציצית אונ תפילין אונ דערשט גלייכין אזעלכע מלבושי מצוה כדי ער זאל אויף יענר וועלט אויך האבין אזעלכע ווייסע קלארע קליידער :

במדרש רות מהזוהר שטייט רבי נהוראי זאגט אין פרשת ציצית שטייט על כנפי בגדיהם לדרתם שטייט לדרתם חסר אן וואווין אזו אויך ביי שבת שטייט לעשות את השבת לדרתם אויך חסר · מיר האבין גילערינט מען האט מתקן גיוועזן פרשת ציצית אין קריאת שמע אונ אין דר מזוזה וואס איז אין דר דירה פון דעם מענטשן שטייט ניט די פרשה פון ציצית מיט וואש ווערט נשלם די פרשה ציצית בייא דער מזוזה ווען אמענטש טוט זיך אן אין די ציצית אונ גייט ארויש פון דר טיר פון זיין שטוב איין גיוויקלט אין ציצית אזו איז זיך הקב"ה משמח · אונ דר מלאך המשחית אנטלויפט פון דארטן אזו ווערט דר מענטש ניצול מכל משחית ונזק דרום שטייט לדרתם חסר עש מאכט דירה תם דאש הייסט אז ער גייט ארויש גאנץ מיט דער מצוה האט אויף אים דר משחית קיין שליטה ניט עס שטייט מזוזת דאש מאכט זז מות דר משחית וואס הייסט מות איז ער זז אוועק גירוקט פון אים אונ האט ניט קיין רשות צו פאר דארבין אים אזו אויך בייא שבת שטייט לדרתם חסר ווארום אז עס קומט שבת דארף מען אן צינדין ליכט עס זאל זיין

ליכטיג און גרייטין צו דעם טיש אזו וויא די דירה פון איין חתן וואש ווארט אויף דר כלה ווארום שבת ווערט אן גירופן כלה דרום גיהער מען זיא אריין נעמן אין איין שיינע דירה אזו וויא עס איז ראוי צו איר דרום שטייט לעשות את השבת מען זאל אן גרייטין פון שבת וועגן לדורותם זיא אריין ברייגגן אין איין שיינר דירה און אז זיא קומט און גיפינט ניט קיין ליכט ברענן און גיגרייט צו דעם טיש און די דירה איז אויך ניט שיין זאגט די כלה שבת דיא דירה איז ניט מישראל ביני ובין בני ישראל עש איז אצווישן שייד צווישן מיר און צווישן די ישראל דרום שטייט לדורותם ביא שבת און ביא ציצית ׃ זאגט רבי נהוראי איך זאג עדות אז דער מענטש וואש גייט ארוים פון זיין טיר אן גיקלייד מיט ציצית און תפילין צווישן די צוויי ביא שטידלעך פון דער טיר אזו איז זיך די שכינה צו אים מזומן און צוויי מלאכים איינר פון דר רעכטר זייט און איינר פון דר לינקר זייט בלייטן אים ביז אין שול אריין און בענטשין אים און דר מקטרג שטייט פון הינטין פר דער טיר און מוז נאך זאגין אמן אויף דר ברכה ׃ רבי יהודה זאגט וויא פיל עדות האט הקב"ה גימאכט צו דעם מענטשן זיי זאלן אים עדות זאגין און אלע שטייען אנטקעגין אים זאלין אים אן זאגין ער זאל גוט זיין ׃ שטייט דר מענטש אויף אין דר פריא און ציהט אויש זיינע פיס ער זאל גיין ׃ זאגין זיי אים רגלי חסידיו ישמור שמור רגלך כאשר תלך פלס מעגל רגלך דו זאלשט היטן דיינע פיס אז דו וועשט גיין אין שול אריין און זאלשט איבער וועגין די טריט פון דיינע פיס עפינט ער אויף זיינע אויגין צו זעהן אויף דער וועלט זאגין אים די עדות עיניך לנוכח יביטו דיינע אויגן זאלין זעהן וואש אנטקעגין דיר איז מיינט מען הקב"ה שטייט דיר אנטקעגין ׃ עפינט ער אויף דאש מויל צו ריידן זאגין זיי אים נצור לשונך מרע היט דיין צונג פון צו ריידן שלעכץ שטרעקט ער אויש די הענט עפעס צו מאן זאגין זיי אים סור מרע ועשה טוב קער אפ פון שלעכץ און טוא בעשר גוטע מעשים ׃ פאלגט ער די עדות איז אים גוט און אויב חלילה ער הערט ניט זייערע רייד שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו זאגין זיי אלע עדות לחוב חלילה ׃ ווען דער מענטש וויל עוסק זיין בעבודת הקב"ה זיינן פיל מליצים אויף אים פאר האנדין עדות צו זאגין לזכות ולטובה

און זיינען מליצים פאר אים ווען ער דארף זיי האבין אויך אין דער פריא מאכט ער וויא פיל ברכות ער לייגט תפילין אויף זיין קאפ און דר שם הקודש העליון איז אין אים בהעפט און גיצייכינט אויף זיין קאפ און די רצועות הייגען פון ביידע זייטין אנטקעגן זיין הארץ דא זעהט ער דעם כבוד פון זיין האר שטרעקט ער אויש די האנט זעהט ער אז ער איז בהעפט אין דעם קשר של תפילין פון דעם שם הקודש און זעהט דעם כבוד פון זיין האר בשעת ער טוט אן דעם טלית מיט די ציצית וואש הייגגן אויף אלע פיר עקין פון דעם טלית ארום אים אזו וויא די וויין טרויבן הייגגן אפולע ווין טרויבין ארום איין צווייגל אזו ציצית איז איין מצוה און עש הייגגן אן איר אפולע מצות און די כריכות וואש ער מאכט ניט ווייניגר פון זיבין כריכות ארום דער האנט און ניט מער פון דרייצעהן דאש זיינען גרוישע סודות אז ער טוט אזו שטייען פאר אים פיר מלאכים עדות פון מלך עליון וואש זיי הייגגן אין דיא פיר כנפות און עש שטייט אני יי' וגו' הקב"ה זאגט ווער עש וויל נאך גיין נאך מיין יראה זאל נאך גיין נאך מיינע עינים ולב אבר ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם נאך אייערע עינים ולב טארט איר ניט נאך גיין פאר וואש אשר אתם זונים אחריהם מיט אייער הארץ און מיט די אויגן טוט איר זינדיגן און ווייל די מצוה פון ציצית ווייזט אויף דר שכינה וואש זיא האט גיהרגת אלע בכורים אין מצרים דרום שטייט דר ביי אני יי' אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים זאגט רבי יוסי עש שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות ווארום שטייט כימי איז טייטש פיל טעג עס וואלט בדארפט שטיין כיום ווארום זיי זיינן דאך אין איין טאג ארויש גיגאנגן נאר דאס מיינט מען די כנסת ישראל וואש זיא ווערט אן גירופן ימים למעלה דען זיא וועט דער פון גיבענטשט ווערין אז די גאולה אחרונה וועט זיין עס שטייט ואמרתם ביום ההוא הודו ליי' וגו' מודעת זאת בכל הארץ דאש זיא וועט דער קענט ווערין דורך דער מצוה פון ציצית וואש דאש ווייזט אויף די כנסת ישראל וועט זיא דר קענט ווערין אויף דער גאנצר וועלט דאש הקב"ה וועט זיי ווייזין נסים ואותות ומופתים אין דר צייט וועט מקוים ווערין דער פסוק ביום ההוא יהיה יי' אחד ושמו אחד אמן ׃

ויקח קרח שלמה המלך זאגט אין משלי שוחר טוב יבקש רצון ודורש רעה תבואנו דאש איז טייטש דר וואש טוט תפלה אויף זיין חבר עש זאל אים גוט זיין דר טוט דעם ווילין פון גאט דרויף האבין אונזרע חכמים גיזאגט ווער עש טוט תפלה אויף זיין חבר אונ ער דארף אויך די זאך האבן ענטפערט אים גאט פריער אונ אויך ווען ער איז איין פרנס אין זיין דור זאל ער גאט בעטין פאר זיין דור אזו וויא די חכמים האבין גזאגט ביי איין רוצח וואש האט אום גערן זיין חבר גיהרגת האט ער גמוזט זיצין אין די ערי מקלט ביז דר כהן גדול איז גשטארבן אונ דש איז ווייל דער כהן גדול האט קיין תפלה ניט גטאן עש זאל זיך קיין רציחה ניט טרעפן אין זיין דור דרום טוט דר רוצח תפלה דער כהן גדול זאל באלד שטארבן ער זאל קענן ארויש זיין אונ דוד המלך האט אויך תפלה גיטאן אויף ישראל אזוא וויא אין פסוק שטייט ואני בחלותם לבושי שק ווען ישראל זיינן קראנק טוא איך תפלה אונ קלייד מיך אן אין איין זאק כדי זיי זאלין גיזונט זיין אונ עש שטייט ווייטער ותפלתי על חיקי תשוב מיין תפלה קערט זיך אום צו מיר דאש גאט ענטפערט מיר פריער אויף מיין זאך ווייל איך טוא תפלה אויף אנאנדרן אונ ווען איינר זוכט בייז אויף זיין חבר קומט דש בייז פריער צו אים דש האט שלמה גזאגט בוטח בעשרו הוא יפול ווער עש פר לאזט זיך אויף זיין עשירות אונ וויל לייטן בייז טאן דר ווערט פאלין מיט זיין עשירות אונ עש קומט אויף אים בייז דורך זיין עשירות אזו וויא אין פסוק שטייט עושר שמור לבעליו לרעתו צו צייטן איז דש עשירות ביי איין מענטשן פון זיין רעה ווענגן דאש ער זאל דורך דעם ווערן פאר לארין פון ביידע וועלטין אזו וויא מיר גיפינן דאש צוויי עשירים זיינען גוועזן אין דר וועלט איינער פון יהודים אונ איינר פון עמלקים קרח איז גיוועזן פון יהודים אונ המן פון עמלקים אונ ביידע זיינן גיווארן פאר לארן פון ביידע וועלטן אונ צו ביידע איז דאש גקומן ווייל זיי האבן גפאלגט זייערע ווייבר דען דש ווייב פון המן האט אים איין עצה גגעבן צו מאכן איין תליה צו הייננן מרדכי אונ דער נאך האט מען המן אויף איר גיהאנגן אונ קרח האט אויך גפאלגט זיין ווייב דרום איז ער פר לארן גיווארן דען אז קרח איז גקומן פון דעם משכן האט דש ווייב אים גיפרעגט וואש האט משה מיט אייך היינט גלערינט האט קרח גזאגט ער האט אונז גילערינט די פרשה פון ציצית צו נעמן איין פאדים תכלת אונ זיבן פעדים אנדרע וואל אונ מאכן ציצית אין די קליידר האט דש ווייב צו אים גזאגט איך וועל מאכן איין טלית גאר פון תכלת אונ משה שפעט פון אייך איין פאדים זאל גינוג זיין איין גאנצר טלית פון תכלת זאל ניט גינוג זיין אונ זי האט גמאכט איין טלית פון תכלת אונ קרח האט איין גזאמילט צוויי הונדרט אונ פופציג סנהדרין דאש רוב איז גיוועזן פון שבט ראובן ווייל זיי זיינען גוועזן שכנים מיט קרח אונ האט זיי אן גטאן אין טליתות פון תכלת אונ זיי זיינן גקומן צו משה אונ פרעגן אים אין די טליתות וואש זיינן גאר פון תכלת דארף מען צו מאכין איין פאדים תכלת האט משה גזאגט יוא האט קרח מיט זיין חברותה אן גהויבן צו לאכן אונ זאגן ווען דר טלית איז פון אנדר זאך איז גנוג ווען עש איז דרינן איין פאדים תכלת אונ ווען דר גאנצר טלית איז פון תכלת זאל מען אויך איין בזונדערן פאדים דארפן האבן אויך האט קרח מיט זיין חברותה גפרעגט איין הויז וואש איז פול מיט חומשים דארף עס האבן איין מזוזה אדר ניט האט משה גענטפרט יוא עס דארף האבן איין מזוזה האבן זיי דר פון אויך גלאכט אונ האבין גזאגט צו איין הויז וואש איז פול מיט חומשים וואש אין זיי איז דא פיל מאל די פרשיות פון מזוזה זאל מען נאך איין בזונדרע מזוזה דארפין אונ קרח האט גזאגט צו משה דו טראכשט דיר אליין אויש מצות וואש גאט האט זיי גאר ניט גיבאטן דר בחיי שרייבט די כוונה פון קרח איז גיוועזן מיט די צוויי מצות מיט איין טלית פון גאר תכלת אונ מיט איין

תיין וואש איז פול מיט חומשים וואש זיי זיינן
גאר הייליג וואש דארף מען מער הייליקייט צו
זיי אזו אויך כל ישראל זיינן הייליג אונ האבן
גהערט די רייד פון גאט אויף דעם בארג סיני
אונ ווארום דארף מען משה פר איין האר איבר
אונז אונ דרום שטייט ויקח קרח כלומר קרח האט
גינומן איין טלית פון תכלת אונ האט גבראכט
פר משה אונ רש"י שרייבט ויקח קרח איז טייטש
ער האט זיך גינומן אויף איין זייט צו קריגן
אויף משה אונ האט צו זיך גינומן צוויי הונדרט
אונ פופציג סנהדרין בן יצהר בן קהת בן לוי רש"י
שרייבט דרום שטייט ניט בן יעקב ווייל יעקב הט
גאט גבעטן זיין נאמן זאל ניט דר מאנט ווערן
ביי דר קריג פון קרח אונ ווייל שבט ראובן איז
גאהנט גיוועזן ביי דעם גצעלט פון קרח דרום
האט קרח אן גרעט די קינדר פון ראובן צו קריגן
אויף משה דאש האבן אונזרע חכמים גזאגט
אוי לרשע אוי לשכנו מען זאל זיך היטן צו זיין איין
שכן ביי איין רשעדען ווען גאט שטראפט דעם
רשע ווערט דר שכן אויך גשלאגן אפילו ער איז
פרום · דר אבן שועב שרייבט דר מדרש זאגט
קרח האט פיל גשפעט גמאכט אונ האט גזאגט
צו די קינדר פון ראובן איין אלמנה הט גהאט
איין שאף האט די שאף גהאט איין בכור איז
גיקומן אהרן אונ האט דעם בכור אוועק גנומן
אונ אז זיא האט די שאף גישארן האט אהרן
די וואל אויך גינומן אונ דר נאך האט זיא די
שאף גקוילט האט אהרן גנומן די פלייצע אונ
די קין באקין אונ דעם מאגין · האט זיא פר
כעס גזאגט עש זאל זיין אין גאנצן הקדש זאגט
אהרן אז דו האשט דאש מקדיש גוועזן קומט
עש אין גאנצין צום כהן אזו האט זיא גינומן
אלין מיט אנגדר אונ גיט עש אוועק צו אהרן
אונ נאך אזעלכע גישפעט הט ער גזאגט צו
די קינדר פון ראובן אונ האט זיי אפגרעט פון
גאט · רש"י שרייבט קרח האט דרום גיקריגט
ווייל מען האט גמאכט אליצפן בן עוזיאל פר
איין נשיא איבר דר משפחה פון קהת אונ קרח
האט גזאגט קהת האט גהאט פיר זין עמרם אונ
יצהר · אונ חברון אונ עוזיאל · עמרם איז דר
עלצטר איז רעכט וואס זיינע ביידע זין האבן
גנומן דש שררה שאפט אהרן איז איין כהן גדול
אונ משה איז איין מלך אבר ווער דארף נעמן
דאש נשיאות דארף איך נעמן וואש איך בין דר
זון פון יצהר דר אנדער פון עמרם אונ ער איז
גיגאנגן אונ האט גמאכט דעם זון פון עוזיאל פר
איין נשיא וואש עוזיאל איז דר אינגסטער זון
דרום האט קרח גיקריגט אונ די קינדר פון ראובן
האבן דרום גיקריגט זיי האבן גזאגט ער האט
אוועק גינומן די בכורה פון ראובן אונ האט זיא
גיגעבן צו יוסף ווייל יהושע האט גידינט צו
משה אונ ער איז גוועזן פון שבט אפרים דר זון
פון יוסף דרום האבן זיי גזאגט משה טוט וואש
ער וויל ער וויל זיין בדינער יהושע חשוב מאכן
דרום האט ער אוועק גנומן די בכורה פון ראובן
אונ האט זיא גיגעבן צו יוסף כדי זיין בדינער
יהושע זאל זיין פון די בכורים דען פר צייטן
האבין די בכורים די עבודה גיטאן אין בית
המקדש אונ קרח איז אויך איין בכור גוועזן אונ
די צוויי הונדרט אונ פופציג סנהדרין זיינן אויך
בכורים גוועזן דרום האבין אלע מיט אנאנדר
גזאגט צו משה דו האשט מבזה גוועזן די בכורים
אונ האשט אוועק גינומן פון זיי דאש זיי זאלן
די עבודה ניט טאן אונ דו טושט מיט דר עבודה
וואש דיר וואול גיפעלט אונ האשט אויש
גטראכט דאש קיינר איז ניט ראוי צו דר עבודה
נאר אהרן אונ ווער דיר וואול גיפעלט · רש"י
שרייבט אונ אויך דר בחיי אונ דר אבן שועב
שרייבן קרח האט גזעהן אין חלום דש פון זיינע
קינדר וועט ארויש קומן שמואל הנביא אונ פיר
אונ צוואנציג נביאים דרום האט קרח גטראכט
אזו איין חשובי משפחה וועט פון מיר ארויש
קומן אונ איך זאל שווייגן אנטקעגן משה דען
ער האט גמיינט דאש דר זכות פון זיינע קינדר
וועט אים העלפן אונ האטשע ער האט גהערט
דאש אלע וועלן פר לארן ווערן אונ איינר וועט
בלייבן האט ער גמיינט דאש ער וועט בלייבן
אבר משה האט גוואוסט דאש ער וועט אויך

פאר

פר לאזן וועהן נאר זיינע קינדר וועלן תשובה
טאן אונ וועלן איבר בלייבן אונ פון זיי וועט
שמואל הנביא ארויס קומען · אונ דר רמב״ן
שרייבט אונ דר אבן שואב ברייגנט דעם רמב״ן
קרח האט דרום אן גהויבן צו קריגן נאך די מרגלים
דען פריער האבין ישראל אלין גוט גיהאט
פון משה דאש אפילו ביי דעם עגל וואש זיי
האבין אגרוישע עבירה גטאן דאך האט משה
גיבעטן פר גאט פערצג טעג אונ פערציג נעכט
אונ כל ישראל האבין משה זייער ליב גהאט
אונ ווען איינר וואלט עפעש ריידן אנטקעגין
משה וואלטן כל ישראל אים פר שטיינגט דרום
האט קרח גשוויגן אונ האט גלאזט בלייבן אהרן
ביי זיין שררה שאפט אונ די בכורים האבן אויך
דרום גישוויגן וואש מען האט ביי זיי די עבודה
אוועק גנומן אונ מען האט זיא געגעבן צו די לוים
אבר איצונד דש פיל פון ישראל זיינן אום גקומן
ווייל זיי האבן פלייש בגערט אונ פיל פון ישראל
זיינן פר ברענט גיווארן ווייל זיי האבן בייזגרעט
אויף גאט אונ די מרגלים זיינן אויך אום גיקומן
אונ כל ישראל האבן גיזאלט שטארבן אין דר
מדבר דרום האבן זיי גזאגט להמיתנו במדבר משה
פירט אונז אום אין דר מדבר צו טייטן אונז אונ
האט אונז ניט גיבראכט אין דעם גוטן לאנד
דרום האבן זיי היינט אן גיהויבן צו קריגן מיט
משה · דר רמב״ן שרייבט אלע די וואס האבן זיך
איין גזאמילט צו קריגן זיינן אלע גוועזן בכורים
אונ האבן גיקריגט וואש ער האט ביי זיי אוועק
גנומן די עבודה אונ האט זיא גיגבן צו די כהנים
דרום האט משה גזאגט נעמט אלע פייער פאנן
אונ זייט מקטיר קטורת אזו וועלן מיר זעהען
אויב די בכורים זיינן ראוי צו דר עבודה אדר די
כהנים ויפל על פניו משה איז גיפאלין אויף זיין
פנים דען ער האט שוין ניט גקענט קיין תפלה
טאן ווייל דאס איז שוין גוועזן די פערטע עבירה
דען ביי דעם עגל האט משה תפלה גטאן אונ ביי
די מתאוננים וואס האבן גרעט פייז אויף גאט
האט אויך משה תפלה גטאן אונ ביי די מרגלים
האט אויך משה תפלה גטאן אבר ביי קרח איז

משה שוין ווארן דר שראקן ער הט זיך גטראכט
דאס איז שוין דש פערטע מאל טאמר וועט גאט
ניט אן נעמן מיין תפלה · דר רמב״ן זאגט דרום
איז משה אליין גפאלן אויף זיין פנים אונ ניט
אהרן ווייל ער הט זיך ניט גוואלט מישן אין דר
קריג ער האט זיך גטראכט וואס הארט עס מיך
אז זיי וועלן אלע כהנים זיין אז איך וועל אויך
איין כהן זיין בוקר ויודע ה׳ את אשר לו מארגן אין דר
פרי וועט גאט לאזן ווישן ווער עש זאל זיין איין
כהן דען משה הט גוואלט די זאך אפ לייגן איבר
נאכט טאמר וועלן זיי דר ווייל תשובה טאן אונ
וועלן חרטה האבן זאת עשו קחו לכם מחתות משה
זאגט איר זאגט איך האב פר באטן די עבודה
אויף די לוים כדי צו געבן דאש שררה שאפט צו
אהרן הכהן דרום נעמט אייך פייער פאנן אונ
ברייגנט דרויף קטורת דען דר וואש ברייגנט
קטורת אונ איז ניט ראוי דר צו דר מוז שטארבן
אזו וועלן מיר זעהן אויב די בכורים זיינן ראוי צו
דר עבודה אדר די לוים אונ וואש די חכמים זאגן
סם המות איז גוועזן אין די קטורת איז אזו דר
פשט ווער עש איז קיין כהן ניט איז עש צו אים
סם המות כלומר ער מוז שטארבן דורך דעם ·
המעט מכם משה זאגט איז דען ווייניג צו אייך דש
איר דינט אין משכן אונ זינגט ביי די קרבנות
אונ עש זיינן פיל הונדרט טויזנט ישראל וואש
טארן ניט אריין גיין אין משכן אונ איר בגערט
נאך די כהונה צו זיין כהנים · ואהרן מה הוא וואש
איז אהרן שולדיג וואש איר קריגט אויף אים ·
וישלח משה לקרוא לדתן ולאבירם האט משה גשיקט
רופן צו דתן ואבירם דאש זיי זאלן צו אים קומן
דען זיי זיינן אוועק גינאנגן אבר קרח איז גוועזן
גאהנט ביי אים וואו די לוים זיינן גוועזן דרום הט
ער מיט קרח פריער גרעט · דר רמב״ן פרעגט
ווארום האט משה ניט גשיקט רופן צו און בן
פלת וואש ער איז אויך גוועזן אין דר קריג חד
תירוץ איז אז און איז אהיים גגאנגן האט אים
זיין ווייב אפ גרעט ער זאל ניט קריגן · דרום
איז ער אין דר היים גיבליבן אונ האט שוין
ווייטר ניט גקריגט אונ איז לעבן גיבליבן מיט

זיין הויז גזינד דאש איז גורם דאש גוטע ווייב
מיט איר גוטע עצה אונ ער איז אויך ניט
גיקומן צו די פייער פאנן · אונ דתן ואבירם
האבן גענטפרט מיר וועלן ניט אויף גיין צו
משה · רש"י שרייבט זייער מויל האט זיי אויש
גילייגט צו בייזן דאש זיי וועלן ניט אויף גיין
נאר זיי וועלן אראפ נידערן אין דר ערד · העיני
האנשים ההם תנקר לא נעלה ווען אפילו דוא וועשט
שיקן די מאנן אויש שטעכן זייערע אויגן
וועלן מיר ניט גיין · אונ דר בחיי שרייבט זיי
האבן גזאגט דו ווילשט אונז בלינד מאכן די
אויגן דען מיר זעהן ניט דש דו האשט אונז אויף
גבראכט אין דר מדבר צו טייטן אונז · אל תפן
אל מנחתם האט משה גזאגט צו גאט דו זאלשט
דיך ניט קערין צו זייער קטורת וואש די צוויי
הונדרט אונ פופציג מאן וועלן בריינגן · אויך
האט משה גזאגט די צוויי הונדרט אונ פופציג
מאן האבן איין חלק אין די קרבנות וואש מען
בריינגט אלע טאג זאלשטו גאט ניט אן נעמן
זייער חלק דש פייער פון דעם מזבח זאל דאס
ניט פר ברענגן לא חמור אחד מהם נשאתי משה זאגט
איך האב קיין שררה שאפט ניט גיוויזן איבר
ישראל אפילו ווען איך האב גידארפט איין
אייזל צו רייטן פון זייער טובה ווענן האב איך
אויך ביי זיי ניט גינומן נאר איך האב גירייטן
אויף מיין אייזל ויקהל עליהם קרח את כל העדה קרח
האט די גאנצע נאכט גשפעט אונ איז גגאנגן
צו אלע שבטים אונ זאגט צו זיי ניט טראכט
דאש איך בין נאר אויף מיר אוישן נאר איך
רייד פון כל ישראל ווענן דען משה אונ אהרן
האבן זיך נאר די שררה שאפט צו גנומן ביז
ער האט כל ישראל איבער גרעט · דער בחיי
שרייבט ער האט פריער איבר גרעט די בכורים
וואש מען האט ביי זיי די עבודה אוועק גנומן
אונ מען האט זיא געבן צו די לוים · אונ צו
אנדרע שבטים האט ער גזאגט זעט וואש. משה
האט גטאן דען ראובן איז איין בכור אזו איז
ראוי דאש זיין נשיא זאל פריער מקריב זיין
זיין קרבן ביי חנוכת המזבח · אונ משה האט

גיהיישן צום ערשטין מקריב זיין נחשון דער
נשיא פון שבט יהודה וואש ער איז איינגער
פון ראובן הבדלו מתוך העדה הזאת גאט האט גזאגט
צו משה אונ צו אהרן שייד אייך אפ פון דער
בייזר עדה דען איך וועל פר דארבן כל ישראל
איז משה אונ אהרן גיפאלן אויף זייער פנים
אונ משה האט גיזאגט רבונו של עולם איין
מלך פון דער ערד ווען די לייט טוען ווידער
שפעניגן אנטקעגן אים אזו ווייש ער ניט ווער
עס איז שולדיג · דרום בריינגט ער אלע אום ·
אבר דו גאט ווייסט וואול ווער עס האט איין
עבירה גטאן דעם דאזיגן טייט דרום האט ער
גיזאגט אל אלהי הרוחות כלומר דו ווייסט דאך
אלע מחשבות אונ אלע דעות פון די מענטשן
אונ ווייסט ווער עס טוט ביז הט גאט גזאגט
צו משה זאג צו כל ישראל זיי זאלין זיך אפ
טאן פון דעם געצעלט פון קרח דתן ואבירם ·
דר בחיי פרעגט ווארום האט גאט גיהיישן זיי
זאלן זיך אפ שיידן פון קרח האט ער דען זיי
ניט גקענט מציל זיין חאטשע זיי וועלן שטיין
ביי זיי דר תירוץ איז דר אויר וואש קרח מיט
זיין הויז גזינט זיינן דרינן גשטארבן הט גשאט
צו די לייט וואש זיינן דר ביי גוועזן · אזו וויא
מיר גיפינן ביי די ווייב פון לוט דש זיא האט
גיזהן דש פייער פון סדום אזו איז זיא גשטארבן
פון דעם אויר אונ בייזע ווינטן נאך איין תירוץ
איז ווען דר מלאך המות האט רשות צו טייטן
אזו טייט ער ווען ער בגעגנט אויך האט ער
דאש גטאן לכבוד די צדיקים דאש זיי זאלין
ניט זיין ביי דר מכה · האט משה גיזאגט צו
כל ישראל שייד אייך אפ פון קרח אונ פון זיין
חברותה אונ נעמט גאר ניט פון זייער גוטש
דען דר וואש וועט עפעש נעמן וועט ער ווערן
איין גטאן מיט זיי אין דר גרוב · אונ אפילו
ווען איינר האט פון לאנג איין נאדיל גיליגן
פון דעם גיזינט פון קרח האט זיך די נאדיל
גיקייקילט ביז אין דר גרוב פון קרח · אונ כל
ישראל האבן זיך אפ גשייד פון דעם געצעלט
פון קרח אונ דתן ואבירם · האט משה גזאגט

ווען

דען די לייט וועלין אויף זייער בעט שטארבן זיא אלע לייט אזו וועט מען ניט ווישן אויב די זיינן גרעכט אונ אויב ניט · דרום מוז גאט נייע ציכן בווייזן צו קרח דאש מען זאל ווישן אז ער איז ניט גרעכט · אונ דרום זאגט משה ווען עס איז ווארין בשאפין איין מויל צו דר ערד פון ששת ימי בראשית איז גוט אונ אויב ניט זאל גאט היינט בשאפן איין מויל צו דר ערד אונ זיא זאל איין שלינגען קרח מיט זיין עדה · אזו באלד האט זיך די ערד צו שפאלטן אונ האט איין גשלונגן קרח אונ זיין עדה מיט זייערע הייזר אונ זייער גוטש אונ די ערד האט אויף זיי בדעקט · רש״י אונ דר בחיי שרייבין

קרח ווערט איין גיזונקען:




דיא קריג איז זייער שלעכט דען דש בית דין וואש אויף דר ערד שטראפט ניט קיין מענטשן נאר ווען ער איז אלט דרייצעהן יאר אונ איין גקבה אז זיא איז אלט צוועלף יאר מיט איין טאג אונ דש בית דין פון דעם הימל שטראפט ניט ביז דר מענטש איז אלט צוואנציג יאר · אבר ביי דר קריג פון קרח הט גאט גשטראפט אפילו קליינע קינדר אין די וויגן זיינן אויך איין גזונקן געווארן · דר בחיי שרייבט פון וועגן דעם רמב״ן ווארום זאגט די תורה צום ערשטן ותבקע הארץ די ערד איז ווארן צו שפאלטן · אונ דר נאך זאגט די תורה ותפתח הארץ את פיה די ערד האט געפינט איר מויל · דר תירוץ איז צו ווייזן אז דאש צו שפאלטן פון דר ערד וואס ביי קרח איז ניט גוועזן אזו וויא אנדרע שפאלטן דען עס טרעפט זיך צו צייטן דאש די ערד ווערט צו שפאלטן פון וועגן איין גרוישן שטורים ווינט אונ עש ווערט דורך דעם איין גרוישער גרוב אין דר ערד אונ די גרוב בלייבט אפין אבער די גרוב פון קרח איז גיוועזן איין נס דאש עש האט זיך געפינט איין גרוישע גרוב אונ האט איין גישלונגן פיל לייט אונ גיצעלטן אונ דער נאך האט זיא זיך צו גמאכט אזו וויא מען מאכט צו איין מויל אונ עס איז ניט גיוועזן צוא דער קענען וואו עש איז גיוועזן דיא גרוב · דער בחיי שרייבט די קינדר פון קרח זיינען ניט ווארין גיטייט דען זיי זיינען אויך אין דר גרוב ארייין גיפאלין · נאר גאט האט גימאכט איין הויכין בארג אין דר גרוב זיינן דרויף גיבליבין די קינדר פון קרח אונ זיינן ניט אראפ גיפאלין אין גיהנם · דאש זאגט דר פסוק אין פרשת פנחס ובני קרח לא מתו דיא קינדר פון קרח זיינען ניט גישטארבין אויך שרייבט דר בחיי קרח איז ווארין פר ברענט אין דעם פייער מיט דיא צווייא הונדערט אונ פופציג מאן וואש האבין מקטיר גיוועזן קטורת האט זיי איין פייער פאר ברענט אונ קרח אויך צווישין זייא · אזו האט גאט אים גיטייט מיט צווייא מיתות · צום ערשטין איז ער ווארין פאר ברענט אונ דר נאך איז ער ווארין איין גיזונקען אין דר גרוב פון גיהנם · אונ זיינען גיקומען אין דער טיפער גרוב פון דעם גיהנם וואש הייסט שאול וואש דארטין איז האלב פייער אונ האלב האגיל אונ שניי · אזו שפרינגען די רשעים פון דעם פייער אין האגיל אונ פון דעם האגיל אין פייער אונ זיינען זייער מיד אונ האבין אייביג קיין רוא ניט · אונ די פרשה לערינט אונז דאש דער

דאש קרינט אנטקעגין דער תורה דער האט קיין חלק ניט לעולם הבא · דרום זאגט דער פסוק ויאבדו מתוך הקהל זייא זיינען ווארין פאר לארין פון קהל ישראל דאש זייא האבין ניט קיין חלק לעולם הבא · נסו לקולם דער בחיי שרייבט דאש קרח מיט זיין חברותה האבין זייער גישריען בשעת אז זייא זיינען ווארין איין גיזונקען · דרום זיינען כל ישראל אנטלאפין גיווארין זייא האבין זיך זייער גיפארכטין פאר דעם גישרייא · אונ קרח מיט זיין עדה האבין גישריען משה איז אמת אונ די תורה איז אמת · אזו וויא דיא גמרא זאגט רבה בר בר חנה זאגט איך בין גגאנגן אין דר מדבר האט צו מיר גזאגט איין סוחר קום איך וועל דיר ווייזין דאש ארט וואו קרח איז ווארן איין גיזונקן אין דר ערד · האב איך גיזעהן דאש די ערד איז צו שפאלטן אונ איין רויך גייט ארויש · האב איך גנומן איין שפיז אונ האב אויף דעם שפיז וואל גלייגט אונ האב אין דעם שפאלט ארין גטאן · אזו האב איך ארויש גנומן איז גוועזן די וואל פר ברענט פון דעם רויך האט דר סוחר גזאגט הער וואס זיי זאגין · האב איך גהערט דאש זיי זאגין גאט איז אמת אונ משה איז אמת אונ די תורה איז אמת אונ מיר זיינן ליגנר אונ אזו שרייען דיא רשעים אין גיהנם ווען מען ברענט זיי · אזו זאגן זיי גאט איז גרעכט דען ער בצאלט מדה כנגד מדה אונ ווייל קרח האט זיך גוואלט הויך האלטן האט גאט אים נידעריג גמאכט אונ ער איז אין דר ערד ווארן איין גיזונקן אונ די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן וואש האבן גבראכט פייער פאנן מיט קטורת אונ זיי זיינן ניט ראוי גוועזן דר צו דרום זיינן אלע ווארן פר ברענט אין פייער פון דאגן זאל זיך איטליכר מענטש אפ לערנן צו זיין גווארינט ניט צו קריגן זיך מיט לייטן · פחים צפוי למזבח גאט הט גבאטן צו מאכן פון די פייער פאנן איין בלעך צום מזבח כדי מען זאל גידייגקן דאס די מענטשן האבן גוואלט קריגן אויף גאט דרום זיינען זיי פאר ברענט גיווארן · כאשר דבר יי ביד משה לו עש זאל צו קיין מענטשן ניט גישעהן אזו וויא צו קרח מיט זיין עדה דאש זיי זיינן איין גיזונקן גיווארן נייערט אזו וויא גאט האט גרעט אויף דער האנט פון משה דאש זיא איז מצורע גווארן ווייל ער האט גרעט בייז אויף ישראל אזו אויך וועט איטליכן אוישגיין ווער עס וועט קריגן אויף דער כהונה אתם המתם את עם יי דיא ישראל האבן נאך איין מאל בייז גרעט אויף משה אונ אהרן אונ זאגן איר האט גטייט דאס פאלק פון גאט · פרעגט דר רמב"ן אונ דר בחיי די ישראל האבן דאך גזעהן דאש איין פייער האט זיי פאר ברענט אונ זיי זיינען ווארין איין גיזונקן אונ וואש האבן זיי נאך בייז גרעט דר תירוץ איז די ישראל האבן גיזעהן דאש אהרן איז ראוי צו זיין איין כהן ווייל גאט האט זיין קרבן אן גינומן נאר זיי האבן גוואלט די בכורים זאלן היטין אין משכן אונ זינגן גליך וויא די לוים אונ דאש האבין זיי גמיינט אתם המתם את עם יי כלומר ווארום האט איר מבזה גיוועזן די בכורים אונ האט גינומען די לוים אויף זייער ארט עש וואלט בעסר גוועזן דאש כל ישראל זאלין האבן איין חלק אין דר דינשט פון גאט דען אין איטליכין שבט איז דא בכורים אזו וועט זיין איין כבוד צו כל ישראל אונ ניט צו שבט לוי אליין כי יצא הקצף מלפני יי אזו האט זיך באלד אן גיהויבין איין מגפה אונ עש זיינען גישטארבין פיל פון ישראל דר בחיי שרייבט איין מלאך איז דא וואש הייסט קצף דען אז משה איז אראפ גגאנגן פון דעם הימיל אז די ישראל האבן דאש עגל גימאכט האבין אים בגעגינט פינף בייזע מלאכים אף אונ חמה אונ קצף אונ השמד אונ חרון אזוא האט: משה תפלה גטאן אונ האט דר מאנט אברהם יצחק ויעקב זיינן אוועק גילאפין די בייזע מלאכים דרום בייא דער מגפה קומט דער מלאך קצף אונ ווער פיל טייטין פון די בני ישראל ויעמוד בין המתים ובין החיים אהרן האט גינומן איין פייער פאן מיט קטורת אונ איז גגאנגן צו דר

עדה אונ האט דיך גישטעלט צווישן דיא לעבעדיגע אונ צווישן די טויטע אונ דרום זאגט ער נאך איין מאל ובין דען עש וואלט גינוג גיוועזן עש זאל שטיין בין המתים ובין החיים צווישן די לעבעדיגע אונ די טויטע נאר דר פסוק ווייזט אונז דאש לעבעדיגע מענטשין זיינן גוועזן פאר אהרן אונ הינטר אהרן אונ ער איז גשטאנגן אין מיטן צווישן זיי · אונ אויך טויטע זיינן גוועזן פר אהרן אונ הינטר אהרן אונ ער איז גישטאנגן אין מיטן צווישן זיי אונ מען הט גזעהן וויא באלד אהרן הט גבראכט די קטורת האט די מגפה באלד אויף גהערט דען פריער הט דר מלאך המות גטייט פיל פון ישראל אונ האט די טויטע אויף איין הויפן גלייגט אונ די לעבעדיגע זיינן בזונדר גבליבן אברוויא באלד אהרן איז גקומן מיט די קטורת זיינן די טויטע גבליבן ליגן צווישן די לעבעדיגע דער מלאך המות האט זיך שוין ניט גיקאנט רירן אפילו צו לייגן די טויטע אויף זייער הויפן די חכמים זאגן אהרן האט גיפונגן דעם מלאך המות דאש ער האט גטייט פיל לייט · האט אים אהרן אן גינומן ביי די הענט אונ האט אים מיט גוואלד אויף גהאלטן אונ האט אים גיזאגט משה האט מיך גישיקט איך זאל דיך אויף האלטן הט דר מלאך המות גענטפערט איך בין איין שליח פון גאט אונ דו בישט איין שליח פון משה הט אהרן אים גענטפערט טוט דען משה איין זאך אן גאטש דעה · אויב דו ווילשט מיר ניט גלויבן קום אין משכן דארטן איז גאט אונ משה וועלן מיר פרעגן · זיינן זיי גגאנגן אונ האבן גפרעגט רש״י שרייבט דרום האט מען די מגפה אויף גהאלטן מיט קטורת ווייל די ישראל האבן בייזגרעט אויף די קטורת זיי האבן גזאגט די קטורת זיינן סם המות דען דורך זיי איז וואָרן גטייט נדב ואביהוא אונ די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן דרום הט משה גיהייסן איצונד ביי דר מגפה נעמן קטורת צו ווייזן דאש קטורת האלט אויף איין מגפה ניט עם טייט נאר דר מענטש טייט זיך אליין ווען

ער איז ניט ראוי צו מקטיר זיין קטורת אונ איז דאך מקטיר דר ווערט גטייט · אונ די ישראל האבן נאך בייז גרעט האטשע זיי האבן דריי שטראפונג גיזעהן דאש אטייל פון זיי זיינען פאר ברענט גיווארן · אונ אטייל זיינן אין דר ערד איין גיזונקן גיווארן · אונ אטייל זיינן אין דר מגפה גישטארבן האבן זיי דאך בייז גרעט דרום האט גאט גהייסן מאכין איין צייכן משה מטה לבית אב מען זאל נעמן פון איטלעכן שבט איין שטעקן אונ מען זאל די שטעקן לייגן אין משכן פר דעם ארון אונ וועלכר שטעקן עש ווערט בליען אונ עש ווערט אויף אים אויש וואקסן פירות איבר נאכט דש איז איין סימן דש גאט בגערט דעם שבט צו זיין דינשט אין משכן · דען קרח איז וואָרן איין גיזונקן וואש ער איז איין בכור גוועזן אונ די צוויי הונדערט אונ פופציג מענטשן וואש זיינן פאר ברענט גיווארן זיינן אויך בכורים גוועזן אזו האט דש גיוויזן דאש די בכורים זיינן ניט ראוי צו דינן אין משכן נאר אהרן איז ראוי דען ער איז גישטאנגן מיט זיין פייער פאן צווישן די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן אונ איז לעבן גיבליבן פון זיי אלע אונ פון דעשט וועגן האבן דאך די ישראל בייז גירעט ווארום מען האט פאר ביטן די בכורים אויף די לוים · אונ דורך דעם איז אויף זיי גיקומן איין מגפה אונ עש זיינן גשטארבן פערצעהן טויזינט מיט זיבן הונדרט מאן חוץ די וואש זיינן גשטארבן מיט קרח · אונ נאך דעם אלעמען האבן דאך די ישראל בייזגרעט דרום האט גאט גוויזן איין סימן מיט דעם שטעקן · אונ גאט האט גיהייסן אויף איטלעכן שטעקן אן שרייבן דעם נאמן פון זיין שבט אונ אויף דעם שטעקן פון שבט לוי זאל מען שרייבן דעם נאמן פון אהרן דען האטשע זיי זיינן צוויי משפחות כהנים אונ לוים איז עש גרעכינט פר איין שבט אונ גאט האט גהייסן דעם שטעקן פון אהרן לייגן אין מיטן דיא שטעקינש כדי מען זאל ניט זאגן ווייל דר שטעקן איז גלעגן נאהינט ביי דעם ארון דרום

האט

האט ער גיפלט · דער רמב"ן שרייבט אטייל זאגן מען האט די נעמען פון די שבטים אן גשריבן אויף די שטעקינש ראובן שמעון לוי אונ אטייל זאגן מען האט די נעמען פון דיא נשיאים אן גישריבין אויף די שטעקינש אונ אז מען איז גיקומן צו מארגן פון דעם אנדרן טאג האט משה ארויש גינומען די שטעקינש פון פאר גאט האט מען גיזעהן דש אויף דעם שטעקן פון אהרן הט אויש גיוואקסן מאנדלן אונ דרום איז אויס גיוואקסן מאנדלן צו ווייזן אזו וויא מאנדלן וואקסן גיך אזו וועט גאט גיך שטראפן די וואש וועלן קריגן אויף דר כהונה ויראו ויקחו איש מטהו הט איטליכר דר קענט זיין שטעקן ווייל זיין נאמן איז דרויף גשטאנן אונ איטליכר האט זיך אפ גינומן זיין שטעקן אונ גאט האט גיבאטן מען זאל דעם שטעקן פון אהרן לייגן אין אוהל מועד צו איין סימן צו די בייזע לייט זיי זאלין ניט קריגן אויף דער כהונה · אונ די ישראל האבן גזאגט מיר זיינן ווארן פר גאנגן מיט דעם פייער פון די פייער פאן אונ מיר זיינן ווארן פאר לארן מיט דעם שפאלטן פון דר ערד · אונ מיר זיינן ווארן פר לארן אין דר מגפה דש פערצעהן טויזנט אונ זיבין הונדערט מאן זיינן גישטארבן אונ נאך מער וועלין מיר שטארבין דען דר וואש גייט נאהינט צום משכן דר מוז שטארבן אונ וויא קענן מיר זיך היטן מיר מוזין דאך קומען אין משכן תפלה טאן אונ קרבנות ברייננן אונ וועט איינר גייט צו נעהענטר מיט איין טריט מער וויא מען דארף אזו מוז ער שטארבן · האט גאט גענטפרט אהרן אונ זיינע קינדר זאלין היטן דאש די ישראל זאלן ניט נאהנט גיין צום משכן אונ זאלן ניט אן רירין אין ארון אונ אין שולחן אונ אין אנדרע כלי קודש · אהרן זאל לערנן צו שבט לוי זיי זאלן ניט אן רירין די כלי קודש · אונ די לוים זאלן לערנן צו ישראל זיי זאלן ניט קומען צו זייער ארבעט צו היטין אין משכן · לכם מתנה גאט זאגט איך האב גיגעבן די לוים צו די כהנים פאר איין מתנה זיי זאלן היטין דאש משכן כדי דאש קיינער פון ישראל זאל ניט קומן צו דינן אין משכן אונ חאטשע שמואל הנביא איז איין לוי גוועזן אונ האט אליין איין קרבן מקריב גיוועזן דאש איז נאר איין מאל גיוועזן ווייל עס איז גאנץ נייטיג גיוועזן · עבודת מתנה איך האב אייך גיגעבין דיא לוים צוא איין דינשט פון כבוד אונ ניט צוא ארבעטין מיט זייא אזו וויא בעלי מלאכות וואש ארבעטין שווערע ארבעט אונ מיאוסי · ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומתי רש"י שרייבט די תורה האט גישטעלט נאך דער קריג פון קרח מען זאל געבין תרומות אונ מעשרות עש איז איין משל איין מלך האט גיגעבן איין פעלד צוא זיין ליב האבער אונ האט קיין שטר ניט גישריבין אונ גחתמת דאש דאש פעלד זאל זיין זיינע אזוא זיינען גיקומען לייט אונ האבין דרויף גיקריגט אונ זאגין דאש פעלד איז ניט דיין אזו האט דר מלך גישריבן איין שטר אונ האט זיך גיחתמת אונ זאגט היינט לאז ווער קריגין דרויף אזו אויך דיא ישראל האבין גיקריגט אויף דער כהונה דרום האט גאט גיזאגט איך וועל דיא זאך שטארק מאכין דאש דיא כהונה זאל בלייבן צוא אהרן מיט זיינע קינדער · אונ האט גיבאטין מען זאל זיי געבן תרומות ומעשרות אלע פיר אונ צוואנציג מתנות כהונה · אין דר פרשה איז גיוויזן וואס פר איין שלעכטע זאך איז קריג דען דיא לייט זיינען ווארין גישטראפט פון דעם הימיל אונ פון דר ערד דען דאש פייער וואש האט זיי פאר ברענט איז גיקומען פון דעם הימיל אונ דער נאך האט זיי דיא ערד איין גישלונגען אונ דרום זאל מען זיך היטין פון צו קריגין מיט לייט · דער תולדות יצחק שרייבט פיל נסים זיינען ווארין גישעהען בייא דעם שטעקין פון אהרן · דאש ערשטער נס איז גיוועזן דאש צווייא בליאונג איז גיוועזן אויף דעם שטעקין · איין בליאונג איז אפ גיפאלין אונ

עש האט מאנדלען דרויף גיוואקסין · אונ דאש אנדערע בליאונג איז גיבליבין אייביג אויף דעם שטעקין אונ מען האט גיזעהען דעם שטעקין מיט זיין בליאונג אין משכן · אונ נאך איין נס איז גיוועזן דאש צווייא מאנדלען זיינען אויף דעם שטעקין גיוועזן איינר אויף דער רעכטר זייט אונ איינר אויף דער לינקער זייט דר מאנדיל פון דר רעכטר זייט איז גיוועזן זיס אונ דער מאנדיל פון דר לינקער זייט איז גיוועזן ביטער · אונ ווען ישראל האבין עבירות גיטאן האט דער מאנדיל פון דער רעכטער זייט זיין פארב פאר לארין אונ איז גיווארין בלייך אונ דאר · אונ דער מאנדיל פון דער לינקער זייט איז גיווארין שיין אין זיין פארב אונ איז גיוועזן פייכט · אונ ווען ישראל זיינען פרום גיוועזן איז דער מאנדיל פון דער רעכטער זייט שיין גיוועזן אין זיין פארב אונ דר מאנדיל פון דר לינקער זייט איז פאר דארט אונ בלייך גיוועזן אזו האט מען אין דעם שטעקין גיקענט ד"ר קענען ווען ישראל זיינען בייז אדער פרום :

# הפטרת קרח

ויאמר שמואל אל העם שמואל האט גיזאגט צום פאלק לאמיר גיין קיין גלגל אונ מיר וועלין דארטין באנייען די מלוכה פון שאול דען עש איז גיוועזן פיל פון ישראל וואש האבין שאול מבזה גיוועזן אונ האבין גיזאגט וואש וועט ער אונז העלפין אבער איצונד אז ער האט זייא גיהאלפין פון דעם מלך נחש אזו האבין אים כל ישראל אויף גינומען צו איין רעכטין מלך אונ האבין גיבראכט קרבנות צו גאט אונ זיינען זייער פרייליך גיוועזן האט שמואל צו זיי גיזאגט איך האב גיטאן אייער ווילין אונ האב אייך גיגעבין איין מלך · אונ היינט וועט דער מלך גיין פאר אייך דען איך בין אלט · די חכמים זאגין שמואל איז נאר אלט גיוועזן צוויי אונ פופציג יאר אז ער איז גישטארבין נאר גאט האט אים גרייז גרא גימאכט מען זאל מיינען ער איז זייער אלט בדי מען זאל ניט זאגין אזו איין צדיק וויא שמואל זאל אזו יונג שטארבין ער האט גימוזט טאן עבירות אונ אין אמת האט שמואל תפלה גיטאן ער זאל שטארבין אונ זאל ניט זעהען וויא שאול וועט שטארבין בייא זיין לעבין דרום האט אים גאט גרייז גרא גימאכט הנני ענו בי נגד יי ונגד משיחו שמואל זאגט איך האב אייך גידינט פון מיין יוגינט אן ביז אהער היינט זאגט פאר גאט אונ פאר שאול המלך בייא וועמען האב איך גינומען איין אקס אדער איין אייזיל ביי וועמען האב איך גיגזלת אדער ביי וועמען האב איך גינומען מיט זיין גוטין ווילין דאש איך זאל אים איין בעטין ער זאל מיר עפעש שיינקען אדער פון וועמען האב איך שוחד גינומען איך זאל מיינע אויגין פאר הוילין פון אים אונ זאל אים ניט רעכט משפטין זאגט מיר איצונד אזו וועל איך אייך אום קערין ויאמרו לא עשקתנו האבין זיי גיזאגט דו האסט אונז ניט בגזלת אונ האסט אונז ניט גיבעטין מיר זאלין דיר עפעש שיינקען אונ האשט פון קיין מאן פון אונז קיין זאך ניט גינומען האט שמואל גיזאגט גאט זאל זיין איין עדות אונ שאול המלך זאל אויך זיין איין עדות דאש איך האב אייך קיין אום רעכט ניט גיטאן ויאמר שמואל אל העם האט שמואל גיזאגט צום פאלק גאט וואש ער האט באשאפין משה אונ אהרן אונ האט אייך אויף גיבראכט פון מצרים דורך זיי דער זאל אויף מיר עדות זאגין אונ ווייל שמואל האט גיוואלט שטראפין די ישראל דרום האט ער פריער גיזאגט אויב איר וועט וועלין צו מיר זאגין איך האב אייך בגזלת אונ וויא זאל איך אייך שטראפין עש איז ניט רעכט דר וואש האט בייזע מעשים אין זיך זאל אנדערע לייט שטראפין דרום היינט אז איר זאגט אז איך האב ביי אייך ניט גינומען אזו מעג איך אייך שטראפין קומט אהער מיר וועלין דער ציילין די טובות וואש גאט האט גיטאן מיט אייך אונ מיט אייערע עלטערין צום ערשטין האט יעקב גינידרט קיין מצרים אונ די מצרים האבין גיארבעט מיט די ישראל אזו האבין אייערע עלטערין גישריגן צו גאט האט גאט גישיקט משה אונ אהרן אונ זיי האבין אויש גיצויגין די ישראל פון מצרים אונ גאט האט זיי באזעצט אין דעם היילגין לאנד אזו האבין זיי פאר געסין אין גאט האט גאט זיי

איבר

איבר גיענטפערט אין דר האנט פון סיסרא אונ אין דר האנט פון פלשתים אונ אין דר האנט פון מואב ויזעקו אל יי' זיי האבין גישריען צו גאט אונ האבין גיזאגט מיר האבין גיזינדיגט אונ האבין גידינט עבודת כוכבים אונ היינט בעטין מיר דיך לייז אונז אויס וועלין מיר דיך דינען אזו האט גאט גישיקט גדעון אונ שמשון הגבור אונ יפתח אונ שמואל אונ זיי האבין אייך מציל גיוועזן פון די בייזע עובדי כוכבים · די חכמים לערנען פון דאנען אפ דאש איטליכין ראש הקהל אין זיין דור אדער איין רב אדער איין דין זאל מען חשוב האלטין מען זאל ניט זאגין ער איז ניט גלייך צו יענעם וואש איז פריער גיוועזן אונ מען דארף אים ניט חשוב האלטין דאש טאר מען ניט דען מיר זעהען דא אין פסוק דאש ער רעכינט משה אונ אהרן אונ שמואל וואש זיינן זייער פרום גיוועזן אונ זיינן ווארין גיזעצט איבר ישראל אונ גלייכט צו זיי גדעון אונ שמשון אונ יפתח וואש זיינען אויך ווארין גיזעצט איבער ישראל חאטשע זיי זיינען ניט גלייך גיוועזן צו משה אונ אהרן אונ שמואל פון רעסט וועגין רעכינט זיי דר פסוק ביי אנאנדער צו ווייזין דאש מען זאל איטליכין רב אין זיין דור אזוא ערליך האלטין אזו וויא דעם גרוישין רב וואש איז גיוועזן אין יענעם דור די חכמים לערנען פון דאנען אפ דאש די נביאים ריידין מיט זייער מויל די נבואה אונ וויסין ניט וואש זיי זאגין אזו וויא שמואל האט אליין גירעט אונ זאגט משה אונ אהרן אונ שמואל אונ ער וואלט גידארפט זאגין משה אונ אהרן אונ איך נאר ער האט ניט גיוואוסט וואש ער רעט דען די שכינה האט פון זיין מויל גירעט חאטשע ער איז גיוועזן איין האר איבער אלע נביאים דאך האט ער ניט גיוואוסט וואש ער רעט ותראו כי נחש מלך בני עמון בא עליכם אונ איר האט גיזעהען דאש דער מלך פון עמון קומט אויף אייך האט איר צו מיר גיזאגט איך זאל אייך מאכין איין מלך אונ גאט איז דאך אייער מלך אזו וואלט איר ניט גידארפט וועלין קיין מלך נאר פון רעסט וועגין האט אייך גאט גיגעבין איין מלך דאש איז שאול וואש ער איז איצונד פאר אייך אם תיראו את יי' אויב איר וועט אייך פארכטין פאר גאט אונ וועט האלטין זיינע מצות אזו וועט איר מיט אייער מלך איין קיום האבין פאר גאט ואם לא תשמעו אונ אויב איר וועט ניט צו הערין אין קול פון גאט אונ איר וועט ווידער שפעניגין אנטקעגין זיינע רייד אזו וועט גאטש שלאק זיין אין אייך אזו וויא אין אייערע עלטערין דען קומט אונ זעהט די גרושע זאך וואש גאט וועט איצונד טאן פאר אייערע אויגן דען עש איז היינט די צייט וואש מען שנייט ווייץ אונ דר צו איז שלעכט רעגין אונ איך וועל תפלה טאן וועט גיין רעגין אונ גאט איז ניט גערין צו הערין צו בייז דרינן קענט איר ווישין דאש איר האט פיל גיזינדיגט פאר גאט וואש איר האט אייך באגערט איין מלך · האט שמואל תפלה גיטאן איז גיגאנגן איין גרוישר רעגין מיט דונערן אונ בליצן אזו האבין די ישראל זיך זייער גיפארכטין פר גאט אונ פר שמואל ויאמרו כל העם אל שמואל אונ דאש גאנצע פאלק האבין גיזאגט צו שמואל בעט גאט מיר זאלין ניט שטארבין ווייל מיר האבין בייז גיטאן פר גאט וואש מיר האבין זיך באגערט איין מלך דען גאט איז אונזר מלך ויאמר שמואל אל העם אל תיראו האט שמואל גיזאגט צום פאלק פארכט אייך ניט נייערט זייט ווייטער פרום אונ דינט גאט מיט דעם גאנצין הארצין אונ גייט ניט נאך דר עבודת כוכבים וואש קאן ניט העלפין אונ קאן ניט מציל זיין כי לא יטוש יי' את עמו דען גאט וועט ניט פר לאזין זיין פאלק פון וועגין זיין גרויסין נאמען כדי מען זאל ניט זאגין ער קען זיי ניט העלפין דרום מוז ער זיי העלפין כדי זיין נאמען זאל ניט פר שוועכט ווערין · דר ילקוט פרעגט אויף איין ארט שטייט בעבור שמו הגדול גאט טוט אונז ניט פר לאזין פון וועגין זיין גרויסן נאמען אונ אויף איין אנדר ארט שטייט כי לא יטוש יי' את עמו גאט טוט אונז ניט פר לאזין ווייל מיר זייגען זיין פאלק אונ זיין ארב דר תירוץ איז אין חוצה לארץ טוט גאט אונז ניט פאר לאזין ווייל מיר זיינען זיין פאלק אונ אין ארץ ישראל טוט גאט אונז ניט פאר פאר לאזין פון וועגין זיין גרויסן נאמען אזו זאלין מיר זוכה זיין דאש גאט זאל אונז ניט פר לאזין פון וועגין זיין הייליגין נאמען אמן ׃

ויקח קרח ער האט זיך גינומן איין שלעכטע עצה

ווער עש לויפט נאך איין זאך וואש עס געהער ניט צו אים אזו לויפט דאש פון אים אוועק אונ ער קאן דאס ניט גרייכן אונ ניט דאס אליין נאר אפילו וואש ער האט נעמט מען אויך ביי אים אוועק · אזו אויך קרח איז נאך גילאפן וואש עש איז ניט זיינש האט מען זיין זאך אויך בייא אים צו גינומען אונ עש איז פון אים פר לארין גיווארין אונ דאש האט ער ניט גיגרייכט קרח איז נאך גיגאנגן נאך מחלוקת דאס הייסט צו טיילין דען די וועלט שטייט אויף שלום אונ ער האט זיא גיוואלט טיילין אונ האט גיקריגט אויף שלום דאש איז דער שם הקודש וואש הייסט שלום ווער עס קריגט דרויף ווערט ער פארלארין פון אלע וועלטין · בשעת הקב"ה האט דיא וועלט באשאפין האט זיא קיין קיום ניט גיקאנט האבין ביז הקב"ה האט אויף איר גילאזט רוען דעם שלום דאש איז דיא קדושה פון שבת דאש איז דער שלום פון עליונים ותחתונים אונ ווער עס קריגט דרויף ווערט ער פארלארין פון אלע וועלטין אזו אויך אין דער מדבר האט צלפחד גיקריגט אויף שבת דר מיט וואש ער האט גיקליבן האלץ אום שבת איז ער אויך פר לארין גיווארן דרום ווייל ער האט גיקריגט אויף דעם שלום פון דער וועלט זאגט רבי יוסי עש שטייט שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול די תורה הייסט שלום ביי איר שטייט וכל נתיבותיה שלום אונ קרח האט אויף דעם גיקריגט דרום איז ער גישטראפט גיווארין מלמעלה ומלמטה:

ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה רבי חייא זאגט · עס שטייט חמת מלך מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה וויא אזו דארפין זיך די מענטשין שטארקן זיא זאלין ניט זינדיגין אונ זאלין היטין זייערע מעשים דען אלע טאג גייען זייערע מעשים ארויף מיט איין וואג אונ מען גיט אויבין אויף דעם זייער גוט אכטונג זייא ווערין פאר שריבין אין איין בוך דרום גיהער דער מענטש זיך אפ היטין פון צו זינדיגין דען אז דיא וועלט ווערט וויא פיל מאל גימשפט גייט אויף זיין רוגז פאר דעם מלך אונ דער מדת הדין טוט זיך אויף אים דער וועקין דרום שטייט חמת מלך מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה בשעת דער מדת הדין מיט דיא שרי הדינים שטייען אויף מקטרג זיין אויף דר וועלט אונ דער רוגז איז אנטקעגין אים ווען עש גיפינט זיך אין דור איין צדיק וואש ער איז גיצייכינט למעלה פאר איין צדיק איז הקב"ה אויף אים משגיח מיט זיינע מעשים טובים ווערט תיכף דער רוגז גישטילט עש איז איין משל צו איין הער וואס ער איז ברוגז אויף זיינע קנעכט שאפט ער דעם תליין ער זאל טאן זיין משפט דער ווייל קומט אריין זיין ליב האבער וואש דער הער האט אים זייער ליב אונ שטעלט זיך אנידער פאר אים אז דער הער דר זעהט אים קריגט ער איין פריילעך הארץ מיט איין פריילייך פנים אנטקעגין אים אזו הויבט אן דער ליב האבער מיט אים צו ריידין אונ דער הער פרייט זיך זייער מיט אים דער ווייל קומט אריין דער תליין צו טאן זיין משפט · בשעת דער ליב האבער זעהט אז דאש פנים פון דעם הער איז זייער פריילעך אונ לוסטיג הויבט ער אן צו בעטין דעם הער אז ער זאל מוחל זיין די זינד פון זיינע קנעכט אזו הערט אים דער הער אויש אונ פאר נעמט זיינע רייד אונ איז זייא מוחל זייערע זינד דרום שטייט חמת מלך דער צארין פון דעם מלך זיינען מלאכי מות אבער ואיש חכם אז עש איז פאר האנדין איין חכם וצדיק יכפרנה טוט ער אפ ווישין דעם רוגז אונ ער ווערט גישטילט · אזו אויך אז משה האט גיזעהן אז עש איז פאר האנדין איין רוגז פאר הקב"ה מיד תיכף האט ער גיזאגט צו אהרן קח את המחתה בריינג די פייער פאן אונ זאיי מקריב אין איר קטורת דרום ווייל אהרן איז גיוועזן דער ליב האבער פון השי"ת · אונ מען האט ניט מקטיר גיוועזן קיין קטורת נאר דורך אהרן דרום ווייל ער האט גימערט שלום אויף דער וועלט · וקטרת איז לשון קשר ער האט מייחד ומקשר גיוועזן אלע עולמות אונ דער מיט האט ער גימאכט איין שמחה בכל העולמות אזו וויא עש שטייט שמן וקטורת ישמח לב דאש הייסט ואיש חכם יכפרנה ער האט גימאכט ריין אונ האט אפ גיווישט דעם רוגז פון הקדוש ברוך הוא אונ האט דער וועקט גרויש רחמים:

רבי אלעזר זאגט עש שטייט כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה כי אין מעשה וחשבון וגו' אלע רייד פון שלמה המלך זיינען זייער פאר בארגענע חכמות אונ פאר הוילין אונ אין דיא פסוקים איז משמע אז עש איז חס ושלום גאר

מותר צוא טאן אלע שלעכטע מעשים אמער אזו אחכם וויא שלמה איז געוועזן מער פון דר גאנצער וועלט זאל ער אזו ריידין אלא דאש איז אלץ פיל חכמה אזו זאגט ער וויל דער יצר טוב איז לצד ימין פון הקב״ה אונ דער יצר הרע איז לצד שמאל אונ עש שטייט ואהבת את יי אלהיך בכל לבבך איז טייטש מיט דעם יצר טוב אונ מיט דעם יצר הרע דוא זאלשט פון דעם יצר הרע וואש ער איז שמאל זאלשטו מאכין איין ימין ער זאל ווערין איין יצר טוב אונ דיא לינקע האנט הייסט ידך אזו וויא עש שטייט בייא תפילין והיה לך לאות על ידך דאש איז די לינקע האנט אונ דיא רעכטע האנט הייסט כח אזו וויא עש שטייט ימינך יי נאדרי בכח הוינט זאגט אזו שלמה דער מענטש זאל נזהר זיין ז אלע מעשים זאלין זיין לצד ימין צו דעם יצר טוב תמצא ידך דיין לינקע האנט זאל געפונען ווערין צו טאן בכוחך עשה צוא דעם צד ימין וואש ער הייסט כח דען ווערט הקב״ה רוען בייא אים בעולם הזה אונ ווערט אים נעמן צו זיך בעולם הבא אונ דער מענטש זאל ניט זאגין איך וועל ערשט תשובה טאן אז איך וועל קומען אויף יענער וועלט כי אין מעשה וגו׳ דען אז דער מענטש גייט שוין אוועק פון דער וועלט אן תשובה העלפט אים שוין דארטין ניט קיין חכמה אונ קיין דעת ווען מען איז אים דן מיט דם שטארקין דין אין גיהנם גייערט אז דער מענטש וויל ניצול ווערין אונ דער מלך הקדוש זאל אים דער לייכטין אונ זאל אים געבין איין חלק לעולם הבא זאל ער זיך משתדל זיין דרינען אויף דער וועלט איידער ער שטארבט דאש זיינע מעשים טובים זאלין נכלל ווערין לצד ימין ויצר טוב אונ זייא זאלין זיין לשם שמים דען וועט ער האבין איין גוט חלק לעולם הבא אונ וועט ניצול ווערין פון דעם דין הקשה פון דעם גיהנם ד״א כי אין מעשה וחשבון בשאול אשר אתה וגו׳ עס איז אין גיהנם פיל וואונגן איינש איבער דעם אנדערן אונ דאש אונטערשטע וואונונג הייסט שאול אונ גאר דאש אונטערשטע הייסט אבדון דיא צוויא זיינען נאהנט איינש לעבין אנדערין ווער עס קומט אריין אין שאול קומט ער ווידער ארויף מען איז אים דארטין דן וויא עס קומט אים אונ גייט ארויף אזו וויא עש שטייט מוריד שאול ויעל אבער ווער עש גירערט יד׳

אין אבדון דער קען שוין אייביג ניט ארויף קומען אבער דער וואש האט אין זיך מעשים טובים אדער ער איז איין בעל חשבון דאש הייסט ער חשבינת זיך אלע מאל דיא מעשים וואש ער האט גיטאן אונ טוט תיכף תשובה דרויף דער וועט ניט אריין קומען אהין אזו וויא מיר האבין גילערינט דאש איטליכער מענטש אלע נאכט איידער ער לייגט זיך שלאפין זאל ער האבין איין חשבון אויף זיינע מעשים וואש ער האט אגאנצין טאג גיטאן אונ זאל בעטין גאט אויף זייא אונ זאל אויף זייא תשובה טאן ווארום בייא נאכט איז דער מדת הדין שולט אויף דער וועלט אונ איטליכער איז טועם טעם מיתה דרום גיהער איטליכער מענטש די צייט אחשבון האבין אונ מתוודה זיין אזו וויא פאר דעם טויט די לייט הייסין בעלי חשבון דיא מענטשין ווען מען נאר דורך פירין דורך דעם גיהנם אזו וויא מען פירט דורך אלע נשמות אונ זיי זעהען אלע נשמות הרשעים שרייען איטליכער פון זיין וואונונג אונ זייא בלייבין אויבין אונ ניט צווישין זייא גייערט זייא זיינען וואו אלע אורות זיינען אונ כמה תענוגים זיינען דארטין אונ הקב״ה קומט צו דר מייען זיך מיט דיא צדיקים וואש זיינען אין גן עדן דאש איז וויל זייא זיינען געוועזן בעלי חשבון תשובה צו טאן אלע מאל אויף זייערע עבירות וואול צוא זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך:

רבי שמעון הייבט אן והמה כאדם עברו ברית וגו׳ דוא אדם הראשון רעק אויף די ערד פון דיינע אויגין דען הקב״ה האט צוא דיר גיבאטין איין מצוה אונ דו האסט זיא ניט גיקענט מקיים זיין דרום וויל דוא בישט גיווארין באוויליגט אונ איבער גירעט צו דעם נחש הרע ער האט דיך אפ גיקערט דער צו אזו וויא עש שטייט והנחש היה ערום דרום בישטו איבער גירעט גיווארין אונ האסט גורם גיוועזן מיתה צו דיר אונ צו גאר דער וועלט צו אלע קינדער וואש זיינען ארויש גיקומען פון דיר קום אונ זעה דער וואש לאזט זיך איבער ריידין פון דעם נחש דאש איז דער יצר הרע דער ווערט פאר לאריין אין איין רגע׳ קום אונ זעה איין ראיה פון דוד המלך ער איז גיוועזן אין דער העכשטער מדריגה׳

מדריגה אין דעם מקור פון דער קוועליגדיגע וואשער אונ אז ער איז נאך גיאגט גיווארין אונ איז אנטלאפין אין אפרעמד לאנד איז ער אראפ פון ארץ הקדושה למדריגה התחתונה איז ער פארט גישטאנען אין זיין שטאנד אונ איז ניט ניגאנגען אין דער צד הטומאה חס ושלום אונ האט זיך גיהיט פאר אים וואש שטייט ואולם חי יי וחי נפשך כי כפשע ביני ובין המות דוד האט גישווארין צוא יהונתן אז ער איז אזו נאהינט גיוועזן פון דעם טויט דאש איז דיא קליפה וואס זיא הייסט מות אזו וויא איין טריט ער האט שוין אזו טיף גינידערט אין דער מדריגה התחתונה אז ער איז שוין אזו נאהינט גיוועזן אונ דאך פארט ניט אראפ גנידערט צוא איר אונ האט זיך אין איר ניט באהעפט וואול צו זיין חלק דער וואס קען זיך היטין פון דעם צד הטומאה אונ פון אירע מדריגות דען דער יצר הרע הייסט נחש עקלתון שטן מלאך המות יצר הרע אזו וויא מיר האבין שוין גילערינט דער פון אז ער ווערט גירופין זיבין נעמען כי שטן טמא שונא אבן מכשול צפוני ערל דאש איז אנטקעגין דיא זיבין היכלות וואש זיינען מצד הטומאה אזו אויך איז אנטקעגין די זיבין נעמען צו דעם גיהנם וואו מען איז דן די רשעים בור שחת דומה טיט היון שאול צלמות ארץ תחתית דיא זיבין נעמען פון דעם גיהנם זיינען אנטקעגין דיא זיבין נעמען פון דעם יצר הרע וויא מיר האבין שוין לאנג מפורש גיוועזן אזו וויא עס איז פאר האנדין מדריגות והיכלות לצד הקדושה אזו איז מדריגות והיכלות לצד הטומאה אלע זיינען שולט אונ ווערין גיפונען אויף דער וועלט בצד הטומאה לצד שמאל אונ זיבין היכלות אנטקעגין די זיבין נעמען פון דעם יצר הרע זייא שטייען דן צוא זיין אונ מטמא צוא זיין די רשעים וואש באהעפטין זיך אין זייא אונ היטין זיך ניט אין זייערע וועגין ווען זיי זיינען אויף דער וועלט דען דער וואש קומט זיך מטהר צוא זיין אויף דער וועלט מצד הטהרה איז מען אים מטהר אין דעם ארט וואש הייסט סוד של האמונה והיחוד דען עס זיינען כמה מדריגות אונ כמה ממונים וואש שטייען אלע מקרב צו זיין די מענטשין צו עבודת הקב"ה אונ מטהר צוא זיין זייא אונ ווער עש קומט זיך מטמא צוא זיין מיט דעם צד הטומאה וואש זיא איז טמא דען איז אויך פאר האנדין כמה מדריגות אונ כמה ממונים וואש שטייען אויף מטמא צו זיין דעם מענטשין וואש ער איז זיך מקרב צוא זייא עש שטייט מי גבר יחיה ולא יראה מות ימלט נפשו מיד שאול ווער איז דער מענטש וואש ער איז בשאפין גיווארין אויף דער וועלט ער זאל ניט זעהען דעם טויט דאס איז דער יצר הרע אונ מלאך המות דען די צייט וואס דער מענטש קומט חשבון אפ צוא געבין צוא זיין הערין אידער ער גייט אוועק פון דער וועלט זעהט ער אים דרום זאגט דער פסוק מי גבר יחיה ולא יראה מות אונ זאל ניט זעהן דעם וויש הייסט מות אונ דיא זיבין היכלות וואש זייא זיינען דיא שבעה מדורי גיהנם ווערין גירופין שנים עשר חודש דען אזו וויא עס איז דא שנים עשר חודש בצד הקדושה והאמונה במדריגה העליונה אזו אויך זיינען שנים עשר חודש לצד הטומאה וואש דיא רשעים ווערין דארטין גימשפט מיט זייערע נשמות וואול צו דיא צדיקים וואש זייא היטין זיך אונ פאר מיידין זייערע פיס פון זייא אויף דער וועלט אונ גינעהענען ניט צוא זייערע טירין כדי זייא זאלין ניצול ווערין אויף יענער וועלט פון זייא:

היכל הראשון דאש ערשטע היכל פון דעם יצר הרע הייסט בור רק דאש איז ליידיג פון אלץ דינג ווער עס קומט אין דעם אריין איז קיינער ניט דא ער זאל אים צו האלטין נייערט מען מאכט אים פאלין ער האט דארטין קיין אונטער לעהנונג ניט צו גומש אין דעם היכל שטייט איין ממונה ער הייסט דומה ער שטייט למעלה ולמטה ער נעמט די נשמה אז זיא ווערט נדחה פון דעם היכל הקדוש דורך דעם ממונה וואש ער הייסט שחרי' אונ ער שטייט ביי דעם וועלביגין טיר פון דער צד הקדושה אונ דרום שטייט דומה דארטין צו באגרייפין די נשמה אונ כמה מלאכי חבלה זיינן מיט אים אונ אונטער דעם ממונה איז דא נאך איין ממונה ער האט אונטער זיך אלפים ורבבות אונ דר ממונה הייסט פתו"ת ער שטייט איבר צו ריידין אלע לייט אונ קערט אים אפ זיינע אויגין אז ער זאל זעהן אויף דעם ארט וואש מען טאר ניט זעהען בקלמיני זנות ומיני ניאוף אונ אלע וואש זיינען אונטער אים שטייען לעבין אים אונ גייען פאר אים אונ נייטין אים אז ער זאל אפ קערין זיינע אויגין אויף וואס ער באדארף ניט צוא זעהען אונ

זיי

די דינגען מעקלערש ביי אים צו אלעם בייזין דר ממונה שטייט אויף דעם קבר בשעת מען איז דן דעם גוף אונ ער צוא ברעכט אים דיא אויגין וויל ער האט זייא דר ווייטערט אז ער איז גיוועזן אויף דר וועלט אונ דיא אויגין זיינען שוין אין זיין רשות וויל דער מענטש האט אים גיפאלגט אונ אויף דעם ארט ווערט נידון דיא נשמה ביז זיא גייט אריין צוא דעם ארט וואש הייסט בור דארטין זיינען נחשים ועקרבים זיי שטייען אלע אונ באגרייפין די נשמה אונ זייגן זיא דן איגוועייניג פון דעם ארט איז נאך דא איין רוח הטומאה ער איז העכער פון דיא אלע ער הייסט גמגימ"ה ער איז רויט אזוא וויא איין רויז ער שטייט תמיד שלעכטיץ טאן אונ צו איבלען דען אז דיא תפלה פון דעם מענטשין איז ניט רעכט אונ זיא ווערט נדחה אונ קען ניט ארויף קומען אזוא שטייט דער רוח אונ גייט ארויף אונ איז זיך משתתף ברוח הטומאה העליונה אונ דער מאנט דארטין דיא זינד פון דעם מענטשין אונ דאש איז דר סימן ויבא גם השטן בתוכם עס שטייט ניט ויבא השטן עש שטייט גם השטן דאש איז מרבה דעם ממונה׃ אונ פון דעם דאזיגין הייגען נאך כמה מלאכי חבלה אנדרע ממונים זייא הייסין גדיני"ן דרום וויל זייא רייצין אן אויף דעם מענטשין אונ זיינען מקטריגים אויף אים צוא ברייגען אויף אים דינים דיא זיינען ממונה צוא באגערין איין שלעכטין דיבור וואש דר מענטש ציהט אויש פון זיין מויל אונ דר נאך ציהט ער תיכף אוים דברים קדושים וויא צו זייא ווייא צוא זייער לעבין דען זייא זיינען גורם צוא דיא מלאכי חבלה דיא גרדיני"ן זייא זאלין שולט זיין אונ פוגם זיין דעם מקום הקודש ווייא צוא זייא בעוה"ז ובעוה"ב׃ די ממונים נעמען דאש אום ריינעם ווארט וואש ער האט גזאגט פאר דעם הייליגין ווארט אונ זיינן דר מיט מטמא דעם דיבור קודש אונ דער מענטש איז שוין ניט זוכה דרינען אונ דער מיט ווערט כביכול גשוועכט דר רוח פון דער קדושה׃ אונ איבער אים איז איין ממונה ער הייסט ספ"ר אונ וויפיל מלאכי חבלה גרדינין נמוסין זיינען אונטער אים אונ דער ממונה נעמט דיא דברים רעים ער נעמט אויך די דאזיגע זאכין וואש דער מענטש טוט זייא אנווארף פון זייגע הענט מיט כשפים בריינגט ער זייא ארויף אונ זאגט דאש איז דער קרבן וואש יענער מענטש האט צוא אונז מקריב גיוועזן דען אלץ וואש עס איז בצד הקדושה בצד הימין איז פול נחת אונ ענוה אונ מנוחה׃ אבער מצד הטומאה איז אלץ רוגז וכעס אונ אז איינער ווארפט עפעס מצד רוגז וכעס דאש זיינען דיא אלע וואש נעמען אונ ברייגגן עס אויף אונ זייגען די זאך מקריב צוא דעם צד הטומאה אונ זאגין דאש איז דר קרבן פון דעם מענטשין אונ איין כרוז ווערט אויש גירופין אין אלע הימלען אונ זאגט ווייא צו דעם מענטשין וואש ער האט אפ גיקערט נאך דעם אל זר אונ דינט צוא דעם אל אחר אונ דר נאך גייט ווידער ארויש איין כרוז דאש אנדער מאל אונ רופט אוים אונ זאגט אוי להם כי נדדו ממני׃ וואול צוא דעם מענטשין וואש ער טוט זיך היטין פון דעם וועג אונ קערט ניט אפ לימין ושמאל ער פאלט ניט אריין אין דר טיפער גרוב דאש מען קען שוין פון איר ניט ארויש קומען׃

היכל השני דאש אנדערע היכל איז נאך מער פינצטער וויא דאש ערשטע היכל וואש ער הייסט בור אנטקעגין דעם נאמען פון דעם יצר הרע וואש ער הייסט שטן אונ דאס אנדרע הייסט שחת אנטקעגין דעם נאמען וואש ער הייסט טמא אין דעם היכל איז פאר האנדין דרייא טירין אויף דרייא זייטין׃

פתח הראשון דיא ערשטע טיר שטייט אין איר איין ממונה אונ אונטער אים איז כמה אלפים ורבבות ממונים ער איז ממונה אויף דיא לייט וואש זייא פאר דארבין זייער וועג וויא עש איז ניט דער סדר׃ אונ דער ממונה אונ מיט אים נאך כמה אלפים ורבבות זאמלען זיך איין דער נאך אז ער שטארבט זייגען זייא אים אלע מטמא דיא נשמה זייא נעמען אונ בריינגען זיא אריין דן צוא זיין אונ דיא אלע כוחות הטומאה שטייען דארטין דען בשעת ער האט זיך דר היצט צו דער תאוה רוען זייא אויף אים זייא נעמען דעם חשק אונ בריינגען עש אויף למעלה אונ שטארקן זיך דר מיט׃

פתח השני אויף דער אנדערער טיר שטייט אויך איין ממונה ער איז ממונה אויף די וואש זייא דינען אזוא וויא בהמות אנאנדער׃ אונ אנדערע אסורים וואש אין דיא עריות פון דער תורה דער ממונה מיט כמה אלפים ורבבות מיט אים שטייען אלע אים מטמא

זיין אזו וויא עס שטייט אויבן בייא דיא
אנדערע· קום אונ זעה אלע דיא הרוגי ב״ד אדער
דיא וואס זיינען שוין גישטראפט גיווארין
אויף זייערע עבירות די אלע זיינען שוין אויש
גיריסין פון דעם צד הטומאה אונ זייא האבין
שוין קיין חלק ניט אין זייא אונ ניט אין דעם
ממונה וואס ער הייסט כוס התרעלה ווארום זייא
האבין שוין זייער עונש מקבל גיוועזן דען אלע
וואס זייא האבין נאך ניט גיטרונקען דעם כוס
פון דעם בית דין דער נאך אז זיין נשמה גייט
ארויש פון אים דען קומט דר ממונה אונ אלע
וואס זיינען מיט אים בגרייפין דיא נשמה אונ
דאס איז דער יום הדין והמר זייא זייען דן דיא
נשמה מיט כמה דינים משונים איינס פון דעם
אנדערין· אין דעם היכל שטייט איין רוח וואס
איין ממונה איז אונטער אים פון דעם רוח חזק
גייען ארויס דרייא ביטערע טראפין זייא פאלין
אין כוס התרעלה איינער הייסט חצץ אונ איינר
הייסט מר המות אונ איינער הייסט קובעת אונ די
דרייא טראפין זאמלען זיך איין אין דעם כוס
אין דארטין קומען זייא אויף דעם שווערד פון
דעם מלאך המות דאס דער מיט איז ער
ממית דעם מענטשין:

פתח השלישי אונ בייא דער דריטער טיר שטייט
אויך איין ממונה· וואס ער איז ממונה
אויף דיא וואס לייקענען אין דעם הייליגן צייכן
אונ זיינען משחית דרכם איז דער ממונה אונ מיט
דיא וואס זיינען מיט אים מצייר ציורים זוי מאלין
אויש דיא נשים טמאות וואס ער האט זיך
מיט זייא מטמא גיוועזן דיא זיינען אלע גצייכינט
פאר אים אז ער גייט ארויש פון דער וועלט
אונ זייא זיינען דער נאך מטמא זיין רוח אין
דעם היכל היינגען אן אלע סודות פון כישוף
הרגענען דעם מענטש פאר דער צייט אונ אלע
כישוף מאכער וואס זייא טוען זייער כישוף
שהין זיך דארטין מטמא זיין אונ דרום איז
מען אים דארטין דן אונ דרום הייסט דער
היכל שתה פסא אונ אין דעם היכל איז דא איין
רוח וואס ער איז ממונה אונטער דעם רוח
וואס שטייט פריער אונ כמה אלפים ורבבות
זיינען אונטער אים אונ אלע שטייען אויף דער
צייט בשעת דער רוח פון דעם מענטשין גייט
ארויס מלמעלה אין זיין שלאף דען שטייען
אלע כוחות הטומאה מיט דעם ממונה אונ
באהעפטין זיך מיט אים אונ זיינען אים מודיע
דברים כזבים ושקרים מיט אביסיל אמתי רייד
דען אזו איז דער סדר פון איין שקרן מוז ער
פריער עפעס זאגין אמת כדי מען זאל אים
גלייבין אויף זיינע שקרים דער נאך זיינען זיך
מתפשט די תחתונים צוא דיא תחתונים וואס
זייא האבין ניט קיין קיום אונ זיינען מודיע דער
וועלט זאכין לכמה צדדים אונ אלע זיינען אין דר
מדריגה למטה· פון דעם היכל גייען ארויש צווייא
רוחות אונ זייא פאר שטעלין זיך איין מאל אין
גישטאלט פון נשים אונ אפט זיינען זייא אין
גישטאלט פון מאנזבלין אונ שוועבין אויף דר
וועלט אונ קומען צוא דיא מענטשין אין חלום
זאלין אים מטמא זיין זייא הייסין רוחות תחתונים
למטה זייא ווערין פון פלאם פייער דען אז
דיא רוחות של מעלה וואס זיינען אין דעם היכל
גייען גייט ארויש פון זייא צווייא פלאם פייער
אונ דער פון ווערין דיא צווייא רוחות התחתונים
אונ דאס איז אלץ בייא דער טיר פון דער
טומאה· וואול צוא דיא צדיקים וואס זייא פר
מיידין זיך פון דיא טירין אונ ווערין גיהיט פון
זייא אויף זייא שטייט לשמרך מאשה זרה:

היכל השלישי איז נאך מער פינצטער וויא דיא
ערשטע עס איז ניט פאר האנדין קיין
שום ליכט דאס היכל הייסט דומה קעגין דעם
נאמען פון דעם יצר הרע וואס ער הייסט שונא
אין דעם היכל זיינען פיר טירין אונ איין ממונה
שטייט בייא דער ערשטער טיר אונ ער שטייט
אין דעם שטארקייט פון דעם רוגז פון דר וועלט
ווען דער דין רועט אויף דער וועלט נעמט ער
אלע מיני כלי זיין אונ לייגט זייא אנידער ביי
דיא טויערין פון דער שול ער איז דער מכשול
פון דער וועלט אזוא שטייט דרך רשעים באפלה לא
ידעו במה יכשלו דער ממונה שטייט אויף דיא
וועגין אונ זעהט ווער עס גייט אליין אין וועג
אונ אז ער באגעגינט אים קען ער אים מזיק
זיין אונ איבלען זיין מזיל· דיא אנדערע טיר
שטייט בייא איר איין אנדערער ממונה ער
שטייט צו נעמען דיא בריבלעך פון די דינים
אונ אונטער אים זיינען כמה מלאכי חבלה וואס
זייא האבין אויך איין שליטה צו נעמען דיא
קוויטלעך פון דיא דינים אונ ער שטייט אויף
דער טיר צוא נעמען דעם פסק דין וואס ער
ווערט גגזר למעלה אונ גידערט ארויס אונטין

צו די טירין פון חושך צוא דעם וואש הייסט שתת אונ צוא דעם וואס הייסט בור אונ דארט זיינען פאר האנדין כמה אלפים ורבבות ממונים וואש זיינען שולט אויף דער וועלט צוא טאן דעם משפט אזוא ווערט גשלם דר דין מיט דעם פסק :

פתח השלישי איז איין אנדערער ממונה ער איז שולט אויף חלאים אונ ווייטאג אונ אויף שלאפקייט וואש הייסט אש של עצמות פון אים גייען ארויש כמה אלפים ורבבות וואש זיינען אויך מיט אים ממונה אויף דיא חלאים אונ ווייטאג וואש מיר האבין אויבין גיזאגט · פתח הרביעי איז איין ממונה וואש ער איז ווארין באשאפין בשעת מען האט דיא לבנה קלענער גימאכט אין פערטין טאג אזוא וויא עש שטייט יהי מאורות ברקיע השמים ער הייסט אסכרה ער שטייט אויף דיא קליינע קינדער ער זאל זייא ממית זיין ער ווייזט זיך צוא זייא אונ לאכט אונ שפעט מיט זייא ביז ער איז זייא ממית אזוא וויא איין אשה וואש זייגט דאש קינד אונ שפילט זיך מיט אים אונ איז אים ממית · אין דער מיטין פון דעם היכל שטייט איין רוח ער איז ממונה איבער אלע וואש שטארבין פון דרייצעהען יאר ביז צוואנציג ער איז זייא ממית אונ ער איז מצד הנחש וויא מיר האבין אויבין גיזאגט ער שטייט מיט אים אונ גייט אים נאך דרום הייסט דער מלאך המות טוב מאוד אזוא וויא עש שטייט והנה טוב מאוד אזוא וויא מיר האבין שוין מפורש גיוועזן · אונ פון זייא זיינען זיך מתפשט אונ עש גייען ארויש צווייא רוחות אף וחמה דיא זיינען ממונה אויף די וואס הערין אגזיפה דש הייסט איין גן שרייאונג אין דיא וואש מיען זיך אין דער תורה אונ זיינען דרויף ניט מקנא זייא נעמען זיך ניט אן פאר דיא תלמידי חכמים אונ אויך די וואש שפעטין אין דיא רייד פון דער תורה אדער אין די רייד פון די רבנן דען פון דיא אף וחמה גייען ארויש כמה אלפים ורבבות אונ גייען ארויש צוא רוען אויף דיא מענטשין וואש זיינען עוסק בתורה ובמצות אונ אויף דיא וואש גייען בעסק מצוה כדי זייא זאלין זיין טרויעריג אונ זאלין זיך ניט משמח זיין מיט זייערע גוטע מעשים אונ פאר דיא צווייא האט זיך משה גיפארכטין בשעת די ישראל האבין גיזינדיגט אונ ער האט אראפ גינידערט פון דעם בארג סיני אזוא וויא עש שטייט כי יגרתי מפני האף והחמה אונטער זייא איז פאר האנדין איין רוח וואש ער איז ממונה אויף דיא בעלי לשון הרע אז דער מענטש דר וועקט זיך מיט לשון הרע אזו רועט אויף אים דר רוח הטומאה ער רועט אויף דיא התעוררות פון לשון הרע וואש עש איז צווישין מענטשין אונ ער גייט ארויף אונ איז גורם מיט דעם לשון הרע מיתה וחרב והריגה בעולם וויא צו די מענטשן וואש זיינען זיך מתעורר צו דעם חלק הרע אונ היטין ניט זייער מויל מיט דעם צונג זיי זינדיגן אונ ווייסין ניט אז אין דעם התעוררות של מטה הייננט אן דאש התעוררות למעלה הן לטוב והן לרע קום אונ זעה אז דאש התעוררות פון לשון הרע דער וועקט זיך פון אונטין ברייגגט דאס אויף דעם נחש עקלתון מיט דעם נחש בריח מיט זיינע שופין אונ שטעלט זיי אויף אונ זייא דר וועקין זיך פון דעם קאפ ביז די פים דען דער וועקט זיך דער גאנצער גוף מיט זיינע שופין דאש זיינען דיא מלאכי חבלה וואש שטייען אין דרויסין אונ אלע נעמען צוא די רייד פון דעם לשון הרע אונ דער וועקין זיך צוא דעם נחש בריח דען איז ער זיך אין גאנצין מתעורר פון דר קאפ ביז אין דיא פים אין אלע היכלות וואש מיר האבין אויבין גיזאגט אונ אלע קשקשים דאש הייסט זיינע שופין מיט דער הויט ווערט אפ גיצויגין אונ צוא שפרייט זיך אונ נידערין אראפ למטה אונ דער גוף גייט ארויף למעלה אונ דר וועקט זיך צוא זיין איין רכילות טרייבער אונ איין מקטרג למעלה קום אונ זעה בייא אלע נחשים פון דער וועלט ווערט די הויט ניט אפ גיצויגין נייערט אין דער צייט אז עש דר וועקט זיך למטה דאש לשון הרע אזוא איז זיך דער רוח רעה מתעורר למעלה אונ ציהט אפ זיין הויט מיט דיא שופין דאש זיינען די משחיתים נידערין אראפ אונ דער גוף גייט ארויף אונ דאש אפ ציהונג איז אים שווערער פון אלדינג דרום וויל דש שייד אים אפ פון זיין זיווג וואלט דער גוף בייא אנאנדער גיוועזן מיט דער הויט מיט איין חיבור וואלט גאר דיא וועלט ניט גיקענט סובל זיין אונ אלץ איז פון דעם התעוררות פון לשון הרע של מטה אונ או די נחשים למטה ווערין אפ גיצויגין פון זייערע הויט גייט ארויש זייער אגרויש קול פון זייא

אונ דאש קול איז מעורר כמה נחשים וואש שטייען אין דעם ארט וואש הייסט בור דען דארטין זיינען כמה נחשים די אלע זיינן מעורר צוא זאגין דאש רכילות צוא דעם נחש הגדול זייא גייען ארויף צוא דער וועקין דעם קטרוג אונ אלץ איז פון דעם התעוררות פון לשון הרע פון אונטין · אזו אויך אין דעם גישטאלט איז ווער עש איז עוסק בתורה זיינען כמה וכמה וואש זיי הייסין לשון הקודש זייא באהעפטין זיך אויבין צוא דעם ארט וואש הייסט לשון הקודש איין לשון פון דעם קודש של מעלה אונ כמה קדושות אונ קדושים וואש זיינן זיך מתעורר פון אלע זייטין וואול צוא די צדיקים אונ צוא זייער חלק דאש זייא זיינען גורם התעוררות למעלה ולמטה בקדושה דרום שטייט והתקדשתם והייתם קדושים · והתקדשתם דאש זיינען דיא מים ראשונים והייתם קדושים דאש זיינען דיא מים אחרונים פאר דעם בענטשין וואש מען וואשט זיך נאך דעם עסין אפ צוא טאן די טומאה פון דער קדושה וואש איז אויף די הענט · וואול צו זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא :

היכל הרביעי הייסט חובה דאש איז דער מים הינן אנטקעגין דעם נאמען פון דעם יצר הרע וואש ער הייסט אבן מכשול אונ עש איז אלץ איינס ער הייסט חובה ווייל דארטין שטייען אלע חובות פון דר וועלט דארטין איז דיא וואג פון חובות וואש דר מענטש זינדיגט מכריע צוא זיין אויף די זכיות דען אז די לייט זינדיגין נעמן אלע גרדיני נמוסין דיא מלאכי חבלה דיא חובות אונ לייגין זייא אריין אין דעם היכל חובה אונ ווידער צוא אלע זכיות פון דער וועלט איז פר האנדין מלאכים הקדושים וואש זיינען ממונה אויף דיא זכיות אונ זייא נעמען זייא אונ לייגין זיי אנידער אין דעם פערטין היכל וואש ער הייסט היכל זכות ער איז אנטקעגין דעם פערטין היכל פון דר טמאה וואש ער הייסט היכל חובה אין דעם היכל זכות שטייען אלע זכיות אין דעם היכל חובה שטייען אלע חובות אונ זיי וועגן די חובות אנטקעגין די זכיות אום ראש השנה אזו וויא דר פסוק זאגט כי גם את זה לעומת זה עשה האלהים אום ראש השנה זיינען זיך מתחבר דיא צוויי זכות אונ חוב חיים ומות אונ מען וועגט זיי זיינען די זכיות מכריע ווערט דער מענטש אן גישריבין צו דעם צד וואש הייסט חיים דען די צווייא שטייען אום ראש השנה דער אין דער זייט אונ דר אין דר זייט איז דר מענטש זוכה אונ דיא זכיות וועגין איבער ווערט ער אן גישריבין לחיים דען דר צד הקדושה בגרייפט אין אים אונ זאגט דר איז מיינער אזו ווערט ער פר שריבין אז ער איז זיינר אבער אז די חובות וועגין איבער דאש הייסט דר צד אחר הטמא וואש ער הייסט חובה באגרייפט אין אים דער מות אונ זאגט דאש איז מיינער אונ מיינר זאל ער זיין אזו ווערט ער אן גישריבין אז ער איז זיינר · דאש איז וואש מיר האבן גילערינט אז אום ראש השנה ווערט דר מענטש אן גישריבן לחיים אדר למות אז ער איז אן גישריבין מצד הקדושה ווערט ער אן גישריבין לחיים אונ ווערט דארטין בהעפט איז ער באגריפין אין דר טומאה איז ער דארטין בהעפט למות דרום שטייט הן לחיים והן למות אדער ער ווערט צוא גיצויגין צו דער זייט אדר צו דר זייט כל זמן ער איז באהעפט אין דר קדושה אונ ער שטייט בצד הקדושה זיינען אין אים באהעפט אלע קדושות מיט אלע טהרות ער רופט צו הקב״ה אונ ער ענטפערט אים אויף אים שטייט יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי אונ כל זמן ער שטייט בצד הטומאה זיינען זיך אין אים מדבק אלע טומאות אונ אלע שלעכץ אונ אלע חובות ער שרייט אונ קיינער וויל אים ניט צו הערין ער איז נייט פון הקב״ה אויף אים שטייט רחוק מרשעים ישועה אונ עש שטייט גם כי תרבו תפלה אינני שומע דאש היכל איז איין ארט צוא אלע וואש זיי הייסין אלהים אחרים אונ זיינען שולט אן צו ריידין דעם מענטשין אז ער זאל נאך גיין נאך תענוגי עולם הזה אונ צוא נאך גיין נאך זנות אונ ניאוף אין דעם היכל ווערט גיזעהן איין רוח קושי איין שטארקער ער איז איבער אלע ער הייסט אויך אל אזוא וויא דר צד הקדושה הייסט אל אזו הייסט ער אויך אל נכר דער רוח איז מפתה צו די מענטשין וואש לערנען תורה אדר זיי שטייען אין בית המדרש ברייננגט ער דר רוח צו זיי אריין אין דער מחשבה כמה הרהורים אונ זאגט צו אים וואש שטייסטו דא עש איז בעסער צו גיין אין דר חבורה וואס זיי זיינען מושל אונ גיוועלטיגין אונ הערשין איבר לייט אונ גייען נאך נאך תאוות אונ נאך נשים

יפות און זיינען זיך מתענג בתענוגים של עולם און אז דער מענטש לאזט זיך איבער רײדין אזוי ציהן זיך אלע נאך נאך אים עס איז פר האנדין פיל וואס שטייען אונטער אים און זייא אלע זיינען אים מטמא בעולם הזה ובעולם הבא זוי הײשין צואה רותחת אזוי וויא דער פסוק זאגט צא תאמר לו. דאס זיינען די מדריגות וואס שטייען תמיד אים מטמא צו זיין׳ אין מיטין דעם היכל איז פר.האנדין איין אנדר רוח וואס ער הײשט נגע און פון דעם גייט ארויס אנאנדערער וואס הייסט נגע צרעת ער שטייט תמיד מטמא צו זיין אלע בעלי לשון הרע מער פון אלע וואס זיינען אים מטמא און דר נגע העליון איז ממונה אז עס קומט שבת און דער טיש פון דעם מענטשין איז ניט מסודר אזוי וויא עס באדארף צוא זיין און ער איז מבזה דעם עונג פון שבת איז ער מיט אלע נגרדיני נמוסין משחיתים וואס זיינען מיט אים שטייען זיי דארטין און אלע זאגין נגש נושה לכל אשר לו יבוזו זרים יגיעו אל יהי לו מושך חסד ואל יהי חונן ליתומיו וגו׳ ויאהב קללה ותבואהו וגו׳ אין דער נאכט פון שבת אז דער טיש ווערט איבער געגעבין צום צד הרע וטמא אזוי ווערט דער צד הרע געשטארקט אז דר מענטש ווערט איבער געאנטפערט אין זייערע הענט ווייל ער איז געוועזן חסר פון דר צד הקדושה וצד האמונה דרום ווערט ער נמסר ביד הטומאה און אזוא אויך איז בייא אלע סעודות פון יום טוב׳ אין דעם היכל איז דער היפוך פון בני חיי ומזוני זיי שטייען דארטין נאר שלעכץ צוא טאן און אין דעם היכל וואס איז אנטקעגין וואס הייסט זכות דאס הייליגע שטייען דארטין אויך ניט קיין בני חיי ומזוני נייערט נאך העכער אויף דעם ארט וואס הייסט מזל העליון דרום האבין דיא חכמים געזאגט בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא אלא במזלא תליא מלתא דען זיי הײנגן ניט אין היכל זכות נאר גאנץ הויך במזל העליון אבר אין דעם היכל חוב איז יוא דא פר קערט דר פון ניט קיין קינדער און ניט קיין לעבין און ניט קיין מזונות ווען עס קומען דיא קינדר פון דעם מענטשין צו דעם היכל אזוי שטייען נחשים צוא פר דארבין און פר לענדין זייא און פון דארטין גייט ארויס דר קטרוג אויף די קליינע קינדר און אויך שטייען זייא דארטין מזונות מעביר צו זיין דרום הייסט דר היכל חובה און פון דארטן גייט ארויס איין רוח הטומאה ער הייסט ארויר און מיט אים זיינען כמה אלפים ורבבות און אלע הײשין אוררי יום אזוי ווי דר פסוק זאגט יקבוהו אוררי יום דייא שטייען אלע צו נעמען דעם דיבור קללה וואס דר מענטש שילט זיך אליין בשעת כעס שטייען זייא און זיינען זיך מתעורר צוא דעם נחש וואס הייסט לויתן נחש עקלתון בריח צו מעורר זיין און ברײנגען קללות אויף דר וועלט אזוי וויא עס שטייט יקבוהו אוררי יום און די אוררי יום זיינען שולט אויף רגעים אויף די אויגין בליק און שעות פון דעם טאג און זיי נעמען די רייד וואס דר מענטש שילט זיך אליין בשעת כעס אדער בשבועה׳ און מיט דעם דיבור איז ער מעורר דעם אויבערשטין נחש העקלתון וואס ער הייסט לויתן אים אויף צו שטעלין צו פר דארבין דיא וועלט דרום האט איוב אין זיין צער געשאלטין דעם טאג און האט ניט געוואלט שילטין זיין גוף דרום שטייט צום ערשטין ביי איוב ויקלל את יומו און דער נאך שטייט יקבוהו אוררי יום רחמנא ליצלן הקב״ה וואס ער איז איין רחמן זאל אונז מציל זיין פון אלע דבר רע ומצד הרע און פון זייער שטארקייט:

היכל החמישי הייסט שאול אנטקעגין דעם נאמען פון דעם יצר הרע דאס איז דער סוד פון ערלה אין דעם היכל איז נאר איין טיר און איין ממונה איז דרינען דער ממונה איז געזעצט תמיד מעורר צוא זיין איין קטרוג אויף דער וועלט און דער רוח הייסט איבה דרום ווייל דער נאמען פון דעם היכל הייסט איבה דער סימן איז ואיבה אשית בינך ובין האשה אין דעם היכל שטייט איין רוח וואס איז שולט אויף אלע און ער הייסט שודד דאס איז דער שוד ושבר און פון דעם היכל זיינען יונק די אלע פאר וויסטער און פאר דארבער בחורבנות און פון די גייען ארויס אלע הרוגי חרב ורומח זייא גייען נאך דעם להט החרב המתהפכת אלץ צוא פאר דארבין און אז דער איז שולט אויף דער וועלט אזוי ווערט גיפונגען דער רוח וואס ער הייסט שוד און נאך איין רוח מיט אים וואס ער הייסט כפן דיא גייען און ווערין גיפונגען אויף דער וועלט אנטקעגין די לייט דרום שטייט לשוד ולכפן תשחק און ער מאכט איין קיטרוג צוא דיא מענטשין וואס גייען אויף די פאר וויסטע בערג און ער פאר ווישט און איז מחריב אלץ דער נאך

קערט ער זיך אום און טוט רויבין און פאר וויסטין צו דיא לייט און זייא שטארבין דורך דעם שלאפקייט און ווען דיא לייט עסין ווערין זייא ניט זאט דרום ווייל זייא זיינען שולט אויף דער וועלט און אין דער צייט אז איינער טוט חסד מיט דעם אנדערין און גיט אים עסין איז ער כדאי אז ער זאל דוחה זיין דיא צווייא רוחות לחוץ אז זייא זאלין ניט שולט זיין אויף דער וועלט און אז די ישראל טוען ניט קיין חסד מיט דיא לייט אזו ווערין די צוויי רוחות מבושם און ווערין גישטארקט אויף דיא ישראל דען דריבער ווערט דער צד הטומאה גישטארקט און דיא ישראל ווערין חס ושלום אונטער גיטאן און אז דיא ישראל טוען יוא חסד אזו ווערט דער צד הקליפות גישלאפט און דער צד הקדושה גישטארקט און איבער אלע איז איין ממונה וואס ער הייסט גזר דינא ער איז ממונה אויף די אלע וואס היטין ניט דיא שני ערלה פון איין בוים דאס איז דיא ערשטע דרייא יאר און אויך איז ער ממונה אויף דיא וואס זייא זיינען ניט מל זייערע קינדער צוא דער צייט און דרום האט דער נחש גיוואלט הרגענען דעם זון פון משה ביז צפורה האט אים מל גיוועזן אזו וויא עס שטייט ותקח צפורה צר ותכרות את ערלת בנה און דער ממונה האט צוא שאפין אויף דיא וואס פאר דארבין זייער וועג זייא האבין ניט חס אויף דעם כבוד פון זייער האר אפ צוא היטין דעם היליגין צייכין וואס אין זייער גוף דער ממונה מאכט זייא נידערין אין גיהנם אריין אין דעם ארט וואס הייסט שאול ואבדון און ער ווערט דארטין גימשפט אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט · אין דער מיטין פון דעם היכל שטייט איין רוח און פאר בארגט זיך אויף די פרשת דרכים וואו דיא וועגין צו שיידין זיך צוא זעהען אלע וואס זיינען עובר אויף דער תורה און מאכט איין שנאה צווישן עליונים ותחתונים דען דער גאנצער היכל איז איכה פיינד שאפט צוא מאכין און ער מיט דיא אנדערע ממונים שטייען אלע און ווייזין אפרייליך פנים צוא מענטשין כדי זייא זאלין קענען דורך דעם איבער ריידין אפ צו קערין מדרך האמת און זאל נאך זייא נאך גיין און דער נאך זיינען זיי אליין אים ממית ער זאל פאר לארין ווערין פון ביידע וועלטין אזו וויא עס שטייט ואחריתה מרה כלענה חדה כחרב פיות דער רוח איז שטויב פון אש וואס קיין פירות קען פון אים ניט ארויס קומען אויף דער וועלט און ער איז ניט עפר של קודש דאס הייסט היליגע ערד וואס פון איר קומט ארויס פירות און הייסט עפרות זהב נייערט ער איז מעפר שרפת החטאת און דער סימן איז ער קומט פון צווייא זייטין איינס ווייל ער איז כולל אין דעם חטאת דעם שטארקין כח פון דעם נחש החזק וואס ער הייסט חטאת און דאס אנדערע דער מענטש וואס ער טוט איין עבירה שטארקט ער חלילה צו דעם עפר ער זאל האבין איין שליטה אויף דער וועלט און ער איז נכלל אין די מי המרים המאררים און דרום וועלכע אשה איין סוטה וואס זיא האט מזנה גיוועזן און האט אפ גיקערט פון איר מאן זיא האט גטאן די מעשה פון דער קליפה וואס זיא הייסט אויך אשת זנונים האט מען איר גיגעבין טרינקען דיא וואסער מיט דער ערד וואס עס איז גיוועזן מקרקע המשכן עס איז אלץ ברמז העליון ווארום דעם חלק פון די ישראל וואס הקב"ה האט זייא מטהר גיוועזן מיט דיא מים טהורים עליונים אזו וויא עס שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מים טהורים האבין מיר אויבין גיזאגט דען די מים ראשונים וואס איין מענטש וואשט זיך פאר דעם עסין הייסין מצוה און דיא מים אחרונים וואס נאך דעם עסין הייסין חובה ווארום יענע וואסער זיינען מצד הקדושה הייסין זייא מצוה און דיא וואסער זיינען מצד הקליפות הייסין זייא חובה דען מיט דער וואסער וואס מען וואשט זיך פאר דעם בענטשין דער מיט נעמען אפ די קליפות זייער חלק וואס זייא הייסין חובה דאס זייא ווערין אפ גיטאן פון דער קדושה און פון דיא הענט און קענען ניט מקטרג זיין דרום שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם :

היכל הששי דער היכל איז איבער אלע היכלות וואס שטייען דא פריער · דער היכל האט פיר טירין איין טיר הייסט מות דיא אנדערע הייסט רע די דריטע הייסט צלמות דיא פערטע הייסט אפל און די פיר טירין זיינען תמיד אן גיגרייט שלעכטס צוא טאן ווי זיינען דער כלל פון אלע און אז אלע באהעפטין זיך באנאנד אין דעם היכל אריין אזו ווערט ער איין בית

תבר

חבר אזו ויא עס שטייט מאשת מדינים ובית חבר דער היכל איז נאר אן גיגרייט אויף שלעכץ אויף דעם היכל זאגט דער פסוק ונעתרות נשיקות שונא דען דער היכל שטייט נאר אן צוא ריידין דעם מענטשין צו אלע תאוות רעות אונ צו אלע תענוגי הגוף פון עולם הזה · אונ דורך דיא תענוגים ווערט דער מענטש פאר טריבין פון עולם הבא אונ אויף דעם היכל זאגט דער פסוק נופת תטופנה שפתי זרה אין דעם היכל שטייט איין רוח וואש ער איז ממונה אויף די אלע וואש זיינען למטה אונ ער איז דער כולל פון אלע רוחות · דער היכל איז גיצירט מיט שיינע צירונג מער פון אלע היכלות אין דעם היכל ווערין גיפאנגען דיא פיס פון דיא טפשים אויף דעם היכל שטייט אל תחמוד יפיה בלבבך ואל תקחך בעפעפיה אין דעם היכל הייגען אלע תענוגים פון דער וועלט אונ אלע תאוות פון דיא טפשים וואש זיא זיינען חסרי לב דען ווערין גיגעהענגט זייגע פיס צו דעם היכל וואש ער איז דער כלל פון אלע היכלות התחתונים דען שטייט והנה אשה לקראתו שית זונה ונצרת לב דאש ווארט שית מיינט מען דאש זעקסטע היכל דארטין שטייט דיא זונה איבער צו ריידין דיא טפשים מיט דיא נארין צו טאן שלעכטיץ ; זיא שטייט אין דעם היכל אונ נידערט אראפ מפתה זיין אונ רייצט זיא אן צו שלעכטיץ אונ דער נאך גייט זיא ארויף צו נעמען רשות זיא זאל האבין שליטה אויף זיין נשמה דען עס שטייט והחזיקה בו ונשקה לו זיא נעמט אים אן אונ קושט אים אונ דיא אלע נשיקות איז נאר מטמא זיין דעם מענטשין נאך איר שלעכין נאך דען דאש איז דאש דביקות פון אלע נשיקות פון אלע וואש זיינען לפי שעה זייער זים אבער ביא זייער סוף שטייט ואחריתה כלענה וועלכער מענטש וואש ער לאזט זיך איבער ריידין אויף דער וועלט צו שלעכטיץ דער נאך אז עס קומט די צייט ער זאל שטארבין אזו שטעלט זיא זיך איבער אים אונ ווערט אנטפלעקט צו אים אין איין גוף פון פייער אונ אשארפע שווערד איז אין אירע הענט אונ דריא טראפין זיינען אויף איר אזו ויא מיר האבין אויבין גיזאגט אונ איין טיפה איז פון דיא מים מרורים אונ בשעת אז זיא ווארפט אריין דעם טראפין אין דעם מויל פון דעם מענטשין אזו גייט דער טראפין אריין אין דיא גידערים דען ווערט די נשמה מבולבל דער טראפין גייט אונ שוועבט אין גוף אונ רייסט אויש די נשמה פון איר ארט אונ לאזט איר ניט קיין ארט אין דעם גוף זיא זאל דארטין זיצין אונ דאש איז מרה כלענה אונ מאכט איר ביטער ווייל בשעת זיא איז גיוועזן אויף דער וועלט איז זיא נאך גיגאנגען נאך זיסע זאכין אונ תענוגים אונ דער נאך ווארפט זיא איר ווידער אריין איין טראפין אזו גייט שוין ארוים די נשמה אונ דער מענטש שטארבט דען אז דער צד הטומאה איז שולט אזו לויפט ארויש די היילינע נשמה דער נאך ווארפט זיא איר ווידער אריין איין טראפין אזו ווערט דאש פנים געל אונ גרין אונ דרום אזו וויא ער האט זיך באהעפט בעולם הזה אין די נשיקין הרעים דאש קושין פון זנות אזו אויך איז זיא שולט אויף דער נשמה אונ זיא גייט זייער שווער ארויש פון דעם גוף אזו וויא עס איז שווער צו שלעפין אגראבין שטריק דורך איין איינגער לאך גייט עס דאך זייער איינג אזו שווער גייט די נשמה ארויש פון דעם גוף דאש הייסט נשיקה מצד הטומאה · אבער די נשיקה פון איין צדיק איז פון דער שכינה גייט דיא נשמה זייער גרינג ארויש פון דעם גוף אזו וויא עס איז גרינג ארויש נעמען איין האר פון דר מילך איז דאש זייער גרינג אזו גייט דיא נשמה זייער גרינג ארויש · עס שטייט העזה פניה ותאמר לו דען אין דעם היכל שטייען אלע מקטריגים אונ אלע שלוחים רעים וואש זייא ווערין גיפונען ביא דעם מענטשין אונ פון דאנען גייט ארויש אלע די וואש ווייזין חלומות צו דיא מענטשין זייא ווייזין אזעלכע שקרים וואש וועט ניט מקוים ווערין נייערט צוא פאר מישין אונ מבלבל זיין זייער דעה זבחי שלמים עלי איך ווייש דו בישט גימינערט פון גוטין וועל איך זיך מיט דיר באהעפטין מיט תענוגי עולם לכה נרוה דודים מיר וועלין גיין באנאנד ווייל דוא בישט איצונד נאך גאר יונג ווען דו וועשט דיר איצונד ניט אן טאן קיין תענוגים וועשט דו שוין אויף דער עלטער ניט קענען זיך אן טאן תענוגים פאר וואש כי אין האיש בביתו דער יצר טוב איז נאך נישט פאר האנדין ביא דיר עס איז נאך ניט זיין צייט ער קומט ערשט צוא דרייצעהען יאר אונ איך בין מיט דיר פון דעם טאג אן וואש דו

בישט גיבארין גיווארין אזו שטייט לפתח חטאת רובץ אונ היינט בישטו נאך יונג איז דיא צייט זאלשט דיר אן טאן תענוגים זאגט ווייטער דער פסוק ליום הכסא יבא ביתו ווען גייט ער אים אנטקעגין נאר ליום הדין דאש איז ראש השנה וואש דער טאג הייסט בכסה ליום חגנו ווען דער מענטש וויל זיך תענוג אן טאן זאגט ער עש איז נאך ווייט צו דעם יום הדין אבער אז דער דין קומט רוען אויף דער וועלט אזו קומט דער דין אויף אים צו משפטין אונ מקטרג זיין אויף אים מען זאל אים שטראפין וואול צו די צדיקים וואש זיי ווייסין דעם היליגן וועג אונ גייען אין אים זיי קערין נית לימין ולשמאל וואול צוא זיי בעולם הזה ובעולם הבא:

היכל השביעי דאם זיבעטע היכל איז גיגליכין אזו וויא הייבין וואש דער ווין שטייט אויף זייא אזו איז דאש זיבעטע היכל פון דיא קליפות דאש עש שטייט אונטער דיא קדושות וואש הייסט גן ישמח דאש דיא קדושה דער פרייט עש דיא הארץ · אבער דאש איז אלץ פאר קערט פון דעם אונ ווייל זיא איז נאהינט צו דער קדושה זיינען אין דעם פיל מענטשין נכשל גיווארין וואש זייא האבין זיך באהעפט אין זייערע ווין טרויבין זייא הייסין ענבי ראש אשכלות מרורות ביטערע ווין טרויבין עש שטייט בייא נח אז ער איז גיווארין שיכור מיט דיא ווין טרויבין פון דעם היכל עש איז נית פאר האנדין קיין שום מענטש ער זאל אהין אריין גיין אונ טרינקען פון דעם ווין עש זאל אים נית גורם זיין מיתה מחמת דער טומאה וואש איז אין אים פאר האנדין אונ פון דעם ווין האט חוה גיגעבין טרינקען צוא אדם הראשון אונ זייא האבין זיך דארטין מטמא גיוועזן אונ דער מיט האבין זייא גורם גיוועזן מיתה צו זיך אונ צוא דער גאנצער וועלט וואש נאך זייא · אין דעם היכל שטייען אלע אום ריינע נשמות וואש זייא האבין זיך דארטין באהעפט אונ האבין אפ גיקערט פון דעם רעכטין וועג נאך גיין נאך זנות אונ האבין זיך דער ווייטערט מדרך האמת אונ אזו וויא ער האט זיך מטמא גיוועזן אונ האט זיך באהעפט אין דער טומאה פון זנות אזו אויך גייט ארויש פון דעם היכל איין רוח הטומאה אים מטמא צו זיין אונ דאש קינד וואש גייט ארויש דער פון הייסט ער ממזר ·

ווייל ער קומט מצד הטומאה אונ אלע זאגין אויף אים עדות אז ער איז איין ממזר מחמת זיינע שלעכטע מעשים וואש ער האט פון דעם צד הטומאה · דאש זיבעטע היכל הייסט ארץ תחתית דארטין איז איין רוח וואש ער הייסט צפוני דרום שטייט ואת הצפוני ארחיק מעליכם פון דארטין גייען ארויש אלע רוחות וואש זייא שוועבין אויף דער וועלט שולט צו זיין אויף אלע שלעכטע מעשים אונ עש גייען ארויש בליצין פונקין פלאמען פייער אונ ווערין באלד פאר לאשין זיי קומען פון דעם תהום רבה דאש איז פון דעם היכל דרויף שטייט משפטיך תהום רבה דאש זיינען אזעלכע רוחות וואש זייא קענען זיך נית מתלבש זיין וויא אנדערע רוחות וואש קליידין זיך אן אין איין גשמיות אבער די ווערין נאר גיזעהען אונ תיכף ווערין זייא נית · נאך דיא רוחות איז דא נאך רוחות וואש זייא שוועבין אויף דער וועלט צוא טאן נסים צוא דיא לייט דען זייא זיינען נית אזו מטונף וויא יענע · ביז אהער זיינען די זיבין היכלות וואש זייא זיינען מצד הטומאה מצד הנחש וואול צוא דעם חלק וואש ער ווערט ניצול דער פון אונ פון זייער איבער ריידין אז מען זאל חלילה נית נאך גיין נאך זייא דען זייא ווארפין איין גיפט אין דעם מענטשין דאש ער מוז שטארבין · פון אלע זייטין זאל מען זיך היטין פאר זייא מלמעלה ומלמטה דען ווער עס ווערט ניצול פון דעם קאפ פון דעם שלאנג דר ווערט נית ניצול פון דעם עק ווען זיא בייגט איין איר קאפ הרגת זיא מיט דעם עק כלומר זיא זעהט אז זיא זאל דעם מענטשין באקומען מיט אלערלייא כוחות הטומאה וואש עש איז אין איר באגריפין דרום זיינען אפילו לייט כשרים האבן פיל מעשים טובים אונ אין אפילו זאכין ווערין זייא נכשל ווייל דער נחש באקומט זייא אין דיא זאכין אונ פון דעסט וועגין האט דאך דער נחש קיין רשות נית צוא טאן איין עונש ביז מען הייסט אים פון אויבין דרום מוז זיך דער מענטש היטין אין אלע וועגין ער זאל נית זינדיגין פאר הקב״ה כדי מען זאל אים למעלה נית הייסין אז ער זאל אים בייסין אונ ממית זיין אזו וויא עש שטייט אם ישך הנחש בלא לחש דאש הייסט ער טוט נית אן רשות · עש שטייט וייצר יי׳ אלהים את האדם עפר

פון האדמה דער מענטש הייסט עפר און ביא דעם נחש שטייט ועפר תאכל כל ימי חייך דאש דער נחש עסט דעם עפר פון דעם מענטשין דרום שטייט כי עפר אתה ואל עפר תשוב ביז הקב"ה וועט דער וועקין דעם רוח הקדושה און וועט מבער זיין דיא טומאה פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה יי אלהים דמעה מעל כל פנים און הקב"ה וועט ווידער אויף ריכטין דעם מענטשין וואש ער הייסט עפר אז ער זאל שוין מטהר זיין זיך אויף דער וועלט אזו וויא עס שטייט הקיצו ורננו שוכני עפר:

ועבד הלוי הוא את עבודת אהל מועד רבי אבא הייבט אן היושב על חוג הארץ קום און זעה אז הקב"ה האט דיא וועלט באשאפין האט ער זיא באשאפין מיט דער תורה און האט זיא גיגרונד פעסט און פון דעסט וועגין איז זיא ניט רעכט נגמר גיווארין ביז אדם איז ארויש גיקומען מיט גאר זיין שלימות און דער טאג שבת איז גהייליגט גיווארין איז זיא ערשט רעכט מתוקן גיווארין דענשט מאל איז נשלם גיווארין די עליונים ותחתונים און עש איז גיוועזן איין שמחה בכל העולמות און בשעת דער שבת האט באדארפט אריין גיין זיינען באשאפין גיווארין די שדים ורוחות און וויא זייער גוף האט בדארפט בשאפין ווערין איז גיווארין שבת זיינען זייא שוין ניט בשאפין גיווארין איז די וועלט גווארין פגום דען איין זאך איז נאך נחסר דריגען דאש זייא זיינען ניט גאנץ גיווארין און אז די עולמות זיינען מקודש גיווארין און דיא ישראל זיינען נשלם גיווארין אין זייערע מדריגות אזו איז דיא וועלט נשלם גיווארין פון איר חסרון און דיא לוים האבין מיט זייער עבודה דעם משכן מתקן גיוועזן דער מיט וואש זייא האבין גיטראגין דעם ארון האבין זייא מתקן גיוועזן דיא זייט פון צפון ווארום אז הקב"ה האט באשאפין דיא וועלט האט ער דרייא זייטין פאר מאכט און צפון זייט האט ער גילאזט אפין דרום שטייט עבד הלוי הוא דער לוי האט מיט זיין עבודה מתקן גיוועזן דיא זייט פון צפון דרום ווייל דיא לוים זיינען גיוועזן באגריפין אין דעם צד למעלה אין זייער שורש זיזו איז אלין מתוקן גיווארין און לעתיד איז הקב"ה אן גיברייט אלין מתקן צוא זיין פון דיא צדיקים וועגין צוא דער לייכטין דיא לבנה אזו וויא דיא זון אזו וויא עש שטייט והיה אור הלבנה כאור החמה און עש שטייט לא יבא עוד שמשך וגו':

## רעיא מהימנא

כל פטר רחם זאגט משה דער רועה נאמן צוא זייא דיא מצוה פון פדיון פטר חמור איז דער מענטש זאל זיך אויש לייזין אויף דער וועלט פון דעם עונש פון גיהנם פון יענער וועלט דרום שטייט הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר און דרום ווייל דיא ישראל האבין זיך ניט אויש גילייזט מיט דער תורה וואש זיא הייסט כסף דאש איז טייטש גילוסטין ווייל זייא האבין ניט גיגלוסט לעולם הבא דרום זיינען זייא פאר טריבין גיווארין אין גלות נאך דרייא מאל דען דער גלות איז גלייך אזו וויא גילגול און זייא וועלין איצונד ניט אויש גילייזט ווערין נאר מיט דער תורה אזו וויא איין בכור ווערט אויש גילייזט מיט כסף חמשת שקלים אזו הייסט דיא תורה כסף חמשה חומשי תורה דאש דורך דער תורה איז מען זוכה צוא דער לוסט און חשק לעולם הבא. אזו קומען די רבנן און בענטשין אים און זאגין צוא אים דוא רועה נאמן הקב"ה וועט דיך אויש לייזין און כל ישראל דורך דיין זכות און ער וועט דיך מיט זייא משמח זיין און זייא מיט דיר און אין פרשת פנחס שטייט ווען איין צדיק איז זיך מטלטל פון איין ארט אויף דעם אנדערין און פון איין שטוב אין דער אנדערער איז גלייך וויא ער וואלט גיוועזן פיל מאל אין גלגול דרום שטייט ועושה חסד לאלפים ביז ער איז זוכה צו קומען גאנץ לעולם הבא. אויף רשעים זאגט שלמה ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו דער נאך איז מען זייא דן אין גיהנם דארטין זיינען דרייא משחיתים משחית אף וחמה אבער ווען ער איז חוזר בתשובה איז מען אים מכפר אזו וויא גלות איז מכפר עון דרום שטייט אז דיא צדיקים זיינען ניט חוזר לעפרם דאש הייסט אז זייא זיינען זיך שוין מתקן קומען זייא שוין ניט אין אנאנדער גוף אריין וואש ער הייסט עפר:

זאת חקת התורה דיא תורה האט דרום אן
געשריבן דאש ווארט חוקת דאש איז
טייטש דיא פרה אדומה איז איין געזעץ אונ
איין געבאט פון גאט אן איין טעם · אונ אטייל
חכמים זאגין גאט האט געבאטין צו מאכין
דיא פרה אדומה זיא זאל זיין איין כפרה אויף
דעם עגל וואש ישראל האבין געמאכט אין
דער מדבר עש איז איין משל איין קינד פון
דר שפחה האט איין גיריכט דעם פאלאץ פון
דעם הערין זאגט דער הער לאז קומען דיא
מוטער אונ זאל ריין מאכין דעם פאלאץ אזו
אויך זאל קומען דיא קוא אונ זאל זיין איין
כפרה אויף דעם קאלב וואש ישראל האבין
געמאכט אונ אזו וויא ישראל האבין זייערע
אויער רינגען אונ נאז באנדין פון גאלד
גינעבין צום עגל אזו זאלין זייא אלע געלט
געבין צו קויפין איין פרה אדומה אונ דיא
פרה איז גיוועזן רויט צו מכפר זיין אויף דעם
עגל וואש איז ווארין געמאכט פון גאלד וואש
איז רויט אונ זיא איז גיוועזן גאנץ אן איין
מום ווייל די ישראל זיינען פריער גאנץ גיוועזן
אן איין מום אונ אז זייא האבין דאש עגל
געמאכט האבין זיי גיקריגן איין מום אין זייער
נשמה אונ דורך דער פרה וועלין זייא ווידער
זיין גאנץ אן איין מום אונ דרום האט אלעזר
עוסק גיוועזן אין דער פרה אדומה ניט אהרן
ווייל ישראל האבין זיך איין גינאמילט אויף
אהרן צו מאכין דאס עגל אונ ווייל ער האט
געמאכט דאש עגל דרום האט ער ניט גדארפט
מאכין די פרה אדומה אונ מען האט די פרה
פאר ברענט אזוא וויא מען האט דאס עגל
פאר ברענט אונ מען האט גינומען צו דער
פרה אדומה איין בוים פון טענען האלץ אונ
איין רויטין פאדים אונ ווערמעל זייד אונ
אקבייטר אזוב די דריי זיינן גיוועזן אנטקעגן
די דריי טויזינט מאן וואש זיינען גיפאלין פון
ישראל איבר דעם עגל אונ דר טענען בוים
איז דר העכשטער פון אלע בוימר אונ דר
אזוב איז דאש נידעריגשטע פון אלע בוימר
צו ווייזין דר וואש האט עבירות גיטאן וואש
דאש קומט ווייל ער האט זיך הויך גיהאלטן
זאל ער זיך נידעריג האלטין אזו ווערט אים
גאט מוחל זיין אונ דאש אש פון דער פרה
אדומה האט מען אייביג גיהאלטין אזו וויא
די עבירה פון דעם עגל איז ניט ווארן מוחל
ביז אייביג דען גאט בצאלט אויף דר עבירה
אין אלע דורות אונ אזו וויא דאש עגל האט
ישראל מטמא גיוועזן ווייל עש איז איין
עבודת כוכבים גיוועזן אזו האט דיא פרה
מטמא גיוועזן ווער עש האט אין איר עוסק
גיוועזן אונ אזו וויא מען האט פאר ברענט
דאש עגל אונ מען האט דאש אש פאר
שפרייט אויף וואסער אזו האט מען ביי דר
פרה אויך גיטאן צוא ריינגין דיא לייט אונ
אויף דער פרה אדומה האט שלמה המלך
גזאגט איך האב גימיינט איך בין גאנץ קלוג
אבר די חכמה פון דר פרה אדומה קאן איך
ניט פאר שטיין האטשע דר פסוק זאגט דאש
שלמה איז קליגער גיוועזן פון דיא בני קדם
דאש זייער חכמה איז מיט דיא מזלות אין
הימיל אונ טוען חכמות מיט די פויגיל וואש
פליהען אונטער דעם הימיל אונ אויך איז
שלמה קליגער גיוועזן פון די מצרים דען אז
שלמה המלך האט גיוואלט בויען דעם בית
המקדש האט ער גישיקט צום מלך מצרים
ער זאל אים שיקען בעלי מלאכות צוא
מויערין דאש בית המקדש ווייל דארטין איז
דא גוטע בעלי מלאכות אויף מויערין האט
דר מלך מצרים איין גינאמילט זיינע שטערן
זעהר זיי זאלין זעהען וועלכער מענטש עש
ווערט דאש יאר שטארבן די האט ער גשיקט
צוא שלמה המלך · אונ וויא באלד שלמה
האט זיי דר זעהען האט ער גיזאגט די אלע
זיינען טויטע לייט דען ער האט דר קענט
דאש זיי וועלין דאש יאר שטארבין אזו האט
ער זיי גימאכט תכריכין אונ האט זייא אפ
גישיקט צום מלך מצרים אונ האט אים
גיהייסן זאגן האסטו דען ניט גהאט תכריכין

צו באגראבין זיי וואש דו האשט זיי גשיקט צו מיר · אונ אויך איז שלמה קלינער גיוועז פון אדם הראשון וואש ער איז קלינער גיוועז פון מלאכים דען אז גאט האט גיוואלט בשאפין דעם מענטשן האט ער זיך בראטן מיט די מלאכים האבין די מלאכים צו אים גיזאגט נאך וואש זאלסטו באשאפין דעם מענטשין ער זאל זינדיגין פאר דיר האט גאט גיזאגט ער וועט זיין קלינער פון איך אזו האט גאט איין גיזאמילט אלע חיות אונ עופות אונ פרעגט די מלאכים וויא אזו מען זאל זיי איין נאמען געבין האבין זייא ניט גיוואוסט וואש צו ענטפערין אונ אז גאט האט בשאפין דעם מענטשין האט ער אים גיפרעגט וויא אזו מען זאל זיי רופין האט ער איטליכין איין נאמען גיגעבין וואש איז גאט גיפעלין האט גאט אים גיפרעגט וויא זאל מען דיך רופין זאגט ער אדם ווייל איך בין װארין בשאפין פון דר ערד האט אים גאט גיפרעגט וויא אזו איז מיין נאמען זאגט ער אדני ווייל דו בישט דר האר פון אלע וועלטן אונ שלמה המלך איז קלינער גיוועז פון אברהם אונ פון משה רבינו אונ פון יוסף הצדיק דען דענשט מאל אז מען האט גוואלט יוסף צו איין שליט מאכין אזו האט מען אן גישריבין זיבעציג בריב אויף אלע זיבעציג לשונות אונ יוסף האט זייא גיקענט לייענן אונ האט זי פאר שטאנן אונ לשון הקודש האט יוסף גיקענט נאך מער פון די מצרים דען זייא האבין קיין לשון הקודש ניט גיקענט אונ די מצרים זיינן גיט גערין גוועזן דאש יוסף זאל איין שליט ווערין דרום האבן זי אים גיפרובט מיט די בריב נאר גאט האט גשיקט גבריאל האט ער אים אויש גלערינט אלע זיבעציג לשונות אונ שלמה המלך איז קלינער גיוועז פון זייא אלע אונ האט דאך ניט גיקענט פאר שטיין דעם טעם פון דער פרה אדומה הנוגע במת הוא יתחטא פון דאנען לערנן מיר אז ווען איינער האט מלוה גוועזן

אמת זאל ער זיינע הענט וואשין אויך מייזט דר פסוק דאש די מתים וועלין אויף שטיין צו תחית המתים אונ גאט וועט שפריינגין דיין וואשער אויף ישראל צו ריינגין זיי אונ דרום רייסין מיר אויש גראז אויף דעם בית הקברות צו ווייזן אזו וויא דאש גראז ווערט פאר נאכט פאר דארט אונ אין דער פריא וואקשט עש ווידער פון דר ערד אזו וועלין די מתים אויף שטיין צוא תחיית המתים · אדם כי ימות באוהל רבי יוחנן זאגט איין מענטש זאל זיך ניט פאר מיידין פון דר תורה אפילו בשעת מיתה רבי שמעון בן לקיש זאגט די תורה הט מעהר קיין קיום ניט נאר ביי דעם מענטשין וואש לאזט זיך טייטין פון וועגין דער תורה · ותמת שם מרים מרים איז אויך גישטארבין דורך דעם קושין פון גאט נאר דר פסוק שטעלט עש ניט ווייל זיא איז איין אשה גיוועז רבי ינאי זאגט דרום שטייט די מיתה פון מרים נאהנט ביי דער פרשה פון פרה אדומה צו ווייזין דאש דיא מיתה פון צדיקים איז מכפר אויף ישראל אזו וויא די פרה אדומה איז מכפר · ולא היה מים לעדה פערציג יאר האבין ישראל גיהאט וואשער פון וועגין דעם זכות פון מרים אונ אז זיא איז גישטארבין האבין ישראל קיין וואסער גיט גיהאט דען דיא פרומע ווייבער זיינען גיגליכין צו איין קוואל ברונען אזו וויא איין קוואל ברונען מער מען שעפט פון אים מער ווערט אין אים וואסער · אזו אויך די ווייבר מער זייא גיבין צדקה אונ טוען גמילות חסדים מיט זייער געלט · מער האבין זייא פיל געלט · אונ מיר גיפינן דאש צו אונזרע עלטערין האט זיך באווייזן זייער זיווג ביי דעם ברונען · יצחק האט גישיקט אליעזר · איז אים רבקה אנטקעגין גיקומען ביי דעם ברונען · יעקב איז אים רחל אנטקעגן גיקומן ביי דעם ברונען · משה האט צפורה בקומן ביי דעם ברונן · דען די ווייבר האבין ווייניג מצות נאר צדקה צו געבין דרום זיינען זייא

דער

דר מיט גיגליכן צו איין ברונען · אונ וויא באלד דר ברונען האט זיך אפ גיטאן האבין זיך כל ישראל איין גיזאמילט אויף משה אונ אהרן · אונ זיי האבין גיטרויערט אויף מרים האט נאט צו זיי גיזאגט ווייל איר זייט אבלים זאלין כל ישראל שטארבין פאר דארשט שטייא אויף אונ נעם דעם שטעקין אונ גיב וואסער צו ישראל · קח את המטה נעם דעם שטעקין · דער שטעקין איז גיוועזן אין דער האנט פון יעקב דאש ער האט גיזאגט מיט מיין שטעקין בין איך איבער גיפארין דעם ירדן · אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דער האנט פון יהודה דאש תמר האט צוא אים גיזאגט גיב מיר דעם שטעקין פון דיין האנט פאר איין משכון · אונ דר שטעקין איז גוועזן אין דר האנט פון משה דאש ער האט מיט אים גיטאן אלע צייכין אונ וואונדער אין מצרים · אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דר האנט פון אהרן דאש ער האט אים גמאכט פאר איין שלאנג צו פרעה אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דר האנט פון דוד המלך וואש ער האט מיט אים גיהרגת גלית הפלשתי אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דער האנט פון אלע מלכים ביז דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין · אונ דער שטעקין וועט זיין אין דער האנט פון משיח אונ ער וועט די רשעים מיט אים שלאגין אנחנו ובעירנו וואול צו די צדיקים וואש זייערע בהמות זיינען אויף זיי גיליבט גלייך וויא זייער גוף דען זיי האבין גיזאגט לאזין מיר ניט שטארבין פאר דארשט מיר אונ אונזערע בהמות אונ אויך אזו גיפינען מיר ביי יעקב דאש ער האט גיזאגט צוא יוסף גייא זעה דעם שלום פון דיינע ברידער אונ דעם שלום פון די שאף · והשקית את העדה ואת בעירם נאט זאגט צו משה דוא זאלשט אוים ציהען וואסער פון דעם שטיין צוא אן טרינקען די עדה אונ זייערע בהמות פון דאנן לערנען מיר אפ דאש נאט האט חס אויף דעם געלט פון ישראל דען ער

גליבט די בהמות צו זיי מיט וואסער געבין אל פני הסלע משה האט איין גיזאמילט כל ישראל פאר דעם שטיין אונ דאש איז גוועזן איין גרוישער נס אז דאש ארט פון דעם שטיין וואש איז נאר קליין גיוועזן זיינען ארום אים גישטאנען כל ישראל · אונ עש איז גיוועזן צווישין ישראל פיל רשעים וואש האבין גיזאגט צו משה דו ביסט גיוועזן איין פאסטוך פערציג יאר אין דער מדבר דרום ווייסטו דאש דר שטיין האט אין זיך וואסר אונ דרום שלאגסטו אים צו געבין וואסער אבער עש איז ניט קיין נס אזו האט נאט אויף זייא גיצערינט אונ האט אויש גיצויגין פיל וואסר פון דעם שטיין אונ האט דר טרונקען פיל רשעים אזו וויא ביי דעם מבול ודברתם אל הסלע איר זאלט ריידין צום שטיין ער זאל געבין וואסער נאר זיי האבין אים ניט דער קענט דען וויא באלד דר ברונן האט זיך אפ גיטאן איז דער שטיין אוועק גיגאנגען אונ האט זיך בזעצט צווישין אנדערע שטיינר אונ זיי האבין ניט גיוואוסט וועלכער ער איז אזו האבין די ישראל גיזאגט צו משה ווען נאט האט אונז גיהייסין וואסער געבין אזו גיב אונז וואסער פון וואש פאר איין שטיין עש איז האט משה אין זיי אן גישריען אונ האט צו זיי גיזאגט איר ווידער שפעניגר קען איך דען אייך געבין וואסער פון אזו איין שטיין וואש נאט האט ניט גיבאטין ויך את הסלע במטהו פעמים אונ משה האט גישלאגין דעם שטיין מיט זיין שטעקין צווייא מאל דען פון דעם ערשטין קלאפ איז נאר גיגאנגען וואסער טראפין וויים ווייל ער האט ניט גיפונען דעם רעכטין שטיין אזו האט משה גירעט צו איין אנדערין שטיין ער זאל וואסר געבין דען ער האט גימיינט דאש איז דר שטיין · אונ דער שטיין האט קיין וואסר ניט גיגעבין · האט משה גימיינט מען מוז אים שלאגין אזו וויא ביא דעם ערשטין מאל · אונ האט אים אן גיהויבין צו שלאגין אזו האט נאט צו גישיקט

משה שלאגט דעם שטיין אונ עס גיסט זיך וואסער:



דעם רעכטין שטיין אונ ווייל משה איז גיבאטין גיווארין ניט צו שלאגין דעם שטיין דרום האט דר שטיין ניט גיוואלט געבין קיין וואסר דורך דעם שלאגין נאר אז משה האט אים גישלאגין דאש אנדערע מאל האט ער פון כבוד משה וועגין שוין גיגעבין גינוג וואסער אונ משה האט אוים גיצויגין וואסער פון אין סימן שטיין כדי די ישראל זאלין ניט זאגין עש איז איין קוואל אונטער דעם שטיין דרום האט ער זיי גיוויזין דאש עש איז איין גם דען עש גייט וואסער פון אין סימן שטיין אונ די וואסער האט גירינען פיל טייכן ווייט אונ ברייט דען עש איז ניט מעגליך גיוועזן כל ישראל מיט זייערע בהמות זאלין טרינקען פון דעם שטיין אליין אונ גאט האט גיהייסין משה זאל אליין כל ישראל מיט זיין האנט אן טרינקען כדי צו ווייזין דעם גרוישן נס נאר דיא ישראל זיינען זייער דארשטיג גיוועזן אונ האבין גיהילט אליין צו טרינקען יען לא האמנתם בי להקדישני גאט זאגט צו משה אונ אהרן ווייל איר האט אין מיר ניט גיגלויבט צו הייליגין מיך אנטקעגין ישראל דרום וועט

איר ניט קומען קיין ארץ ישראל אונ האטשע משה האט גירעט אנטקעגין גאט אז דיא ישראל האבין גיוואלט פלייש האט משה גיזאגט צו גאט ווען אפילו דו וועשט זיי אלע שאף אונ אלע רינדער קוילין וועט דען זיי גינוג זיין אונ דאש איז איין גרוישע עבירה צו זאגין דאש גאט קען ניט גינוג פלייש געבין מער וויא דאש וואש. ער האט ניט גירעט צום שטיין נאר ער האט אים גישלאגין · אונ ווארום האט גאט דריבער ניט גישטראפט צו משה ער זאל שטארבין אין דער מדבר דאש איז ווייל די עבירה פון דעם שטיין איז גיוועז פאר כל ישראל · איז דאש גיוועזן איין חילול השם · אונ אויף אלע עבירות איז גאט מוחל נאר אויף דר עבירה פון חילול השם איז גאט ניט מוחל · אונ דאש איז גיוועזן דער חילול השם דען ווען ער וואלט גירעט צום שטיין ער זאל געבין וואשר אונ ער וואלט גיגעבין וואלטין כל ישראל גיזאגט ווען איין שטיין וואש רעט ניט אונ הערט ניט טוט דעם ווילין פון גאט מכל שכן מיר ליידין אונ הערין אונ מיר דארפין גאט זאל אונז געבין עסין דארפין מיר בוודאי טאן דעם ווילין פון גאט אזוא וואלט עש גיוועזן איין קידוש השם · אונ אטייל חכמים זאגין די עבירה פון משה איז גיוועזן דאס ער האט גיצערינט אנטקעגין ישראל אונ האט זייא גירופין ווידער שפעניגער דען די מדה פון צערענען איז דיא ערגשטע מדה פון אלע מדות אונ אז די ישראל האבין גיזעהן דאש משה איז ברוגז ביי דר וואשער האבין זייא גימיינט דאש גאט האט צו משה אויך מיט רוגז גיענטפערט צו געבין וואשר גליך וויא עש איז שווער ביי גאט צו געבין וואשער דען ווען מען וויל עפעש פון איינעם האבין אונ ער האט עס ניט צערינט ער וואש מען באגערט עש פון אים דרום איז גאט אויף משה ברוגז גיוועזן אונ האט גישווארין ער זאל ניט קומען קיין ארץ ישראל · אונ

קָאמְטְשֶׁע מֹשֶׁה הָאט גְרוֹישֶׁע תְּפִלּוֹת גִיטָאן הָאט דָאשׁ אִים נִיט גִיהָאלְפִין וַוייל גָאט הָאט גִישְׁוָואוֹרִין · אוּנ אַטְייל חֲכָמִים זָאגִין דַייעֶר עֲבֵירָה אִיז גִיוֶועֶן וָואשׁ זַייא הָאבִין גִיזָאגְט נוֹצִיא לָכֶם מַיִם מִיר וֶועלִין אַייךְ אוֹישׁ צִיהֶען וַואשֶׂער אַזוֹי הָאבִין יִשְׂרָאֵל גִימֵיינְט דָאשׁ מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן צִיהֶען אוֹיס וַואשֶׂער פוּן דֶעם שְׁטַיין מִיט זַייעֶר חָכְמָה אוּנ עֶשׁ אִיז נִיט קֵיין נֵס דְרוּם אִיז גָאט אוֹיף זַייא בְּרוֹגֶז גִיוֶועֶן וַוייל זַיי הָאבִין זִיךְ הוֹיךְ גִיהַאלְטִין אוּנ הָאבִין דִי גְדוּלָה אָן גִיהַאנְגֶען אִין זִיךְ · אוּנ מֹשֶׁה הָאט גִיבֶּעטִין גָאט עֶר זָאל אָן שְׁרַייבִּין וָואשׁ פַאר אַיין עֲבֵירָה עֶר הָאט גִיטָאן כְּדֵי מֶען זָאל נִיט זָאגִין עֶר אִיז דְרוּם גִישְׁטָארְבִּין אִין דֶער מִדְבָּר גְלַייךְ וִויא אַלֶע יִשְׂרָאֵל וַוייל עֶר הָאט אַזוֹא אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן וִויא כָּל יִשְׂרָאֵל · דְרוּם שְׁטֵייט וַוייל אִיר הָאט נִיט גִיגְלוֹיבְּט אִין מִיר צוּ הַיילִיגִין מִיךְ פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל וֶועט אִיר נִיט קוּמֶן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה זֶעקְס הוּנְדֶרְט טוֹיזִינְט מַאן הָאשְׁטוּ אוֹישׁ גִיצוֹיגִין פוּן מִצְרַיִם אוּנ זַיי זַיינֶען אַלֶע גִישְׁטָארְבִּין אִין דֶר מִדְבָּר נָאר זַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלִין קוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · דְרוּם מוּזְטוּ שְׁטַארְבִּין אִין דֶער מִדְבָּר אוּנ זָאלְשְׁט בַּייא זַייא לִיגִין כְּדֵי דוּא זָאלְשְׁט זַייא בְּרֵיינְגֶען אִין דִי טֶעג פוּן מָשִׁיחַ קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹא זָאגְט רַבִּי חָמָא בֶּן חֲנִינָא גָאט הָאט גִיזָאגְט דָאשׁ פָאלְק וָועשְׁטוּ נִיט בְּרֵיינְגֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶּר אִיר וֶועט בְּרֵיינְגֶען כָּל יִשְׂרָאֵל אִין דִיא טֶעג פוּן מָשִׁיחַ קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · הֵמָּה מֵי מְרִיבָה דָאשׁ אִיז דִי וַואשֶׂער וָואשׁ מֹשֶׁה אִיז וָוארִין דוּרְךְ אִיר גִישְׁלָאגִין דֶען דִי שְׁטֶערִין זֶעהֶער פוּן פַּרְעֹה הָאבִין גִיזָאגְט צוּ פַּרְעֹה עֶשׁ וֶועט גִיבָּארִין וֶוערִין אַיין הֶעלְפֶער צוּ יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶר וֶועט גִישְׁלָאגִין וֶוערִין דוּרְךְ וַואשֶׂער דְרוּם הָאט פַּרְעֹה גִיהֵיישִׁין אַלֶע זְכָרִים פוּן יִשְׂרָאֵל וַוארְפִין אִין טַייךְ אַרַיין כְּדֵי מֶען זָאל דֶעם הֶעלְפֶער אוֹיךְ אִין טַייךְ אַרַיין וַוארְפִין אָבֶּר זַיי הָאבִין

נִיט גִיוואוּסְט אַז דָאשׁ וַואשֶׂער אִיז גִימֵיינְט דִיא עֲבֵירָה פוּן דֶעם שְׁטַיין · וַיִּקָּדֵשׁ בָּם וַוייל מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן זַיינֶען גִישְׁטָארְבִּין אִיז גָאט וָוארִין גִיהַיילִיגְט דוּרְךְ דֶעם דֶען דִיא רְשָׁעִים הָאבִין גִיזָאגְט וֶוען גָאט טוּט דִין אוּנ מִשְׁפָּט אִין דִי צַדִּיקִים מִכָּל שֶׁכֵּן דָאשׁ עֶר וֶועט אוּנְז שְׁטְרָאפִין וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה מַלְאָכִים מֹשֶׁה הָאט גִשִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּם מֶלֶךְ אֱדוֹם צוּ זָאגִין אִים עֶר זָאל לָאזִין דִיא יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ גֵיין דוּרְךְ זַיין לַאנְד אוּנ קָאמְטְשֶׁע מֹשֶׁה אִיז גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין דוּרְךְ יִשְׂרָאֵל וָואלְט רָאוּי גִיוֶועֶן עֶר זָאל זַייא נִיט בַּאדִינְגֶען מִיט שְׁלוּחִים פוּן זַייעֶרְט וֶועגִין · פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט עֶר דָאךְ גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּם מֶלֶךְ אֱדוֹם אוּנ אַזוֹי הָאט מֹשֶׁה צוּא אִים גִיזָאגְט דוּ בִּיסְט דָאךְ אוּנְזֶער בְּרוּדֶער פוּן יַעֲקֹב מִיר הָאבִין גִיזָאלְט בֵּיידֶע זַיין אִין גָלוּת מִצְרַיִם דֶען אוֹיף אוּנְז בֵּיידֶע הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּא אַבְרָהָם דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין זַיין גֵרִים אִין אַיין פְרֶעמְדֶע לַאנְד אוּנ דְרוּם הָאט זִיךְ דַיין פָאטֶער אָפּ גִישֵׁייד פוּן יַעֲקֹב דֶען עֶר הָאט נִיט גִיוָואלְט לַיידִין קֵיין גָלוּת אוּנ צוּ אוּנְז הָאט מֶען שְׁלֶעכְטְשׁ גִיטָאן אִין מִצְרַיִם וַנִּשְׁמַע קוֹלֵנוּ אוּנ גָאט הָאט צוּ גִיהֶערְט אוּנְזֶער קוֹל · דֶען אוּנְזֶער פָאטֶער יִצְחָק הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב מִיט הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב דָאשׁ מִיר וֶועלִין שְׁרַייעֶן אִין אוּנְזֶער תְּפִלָּה אוּנ תּוֹרָה דוּרְךְ דֶעם וֶועט אוּנְז גָאט אוֹישׁ לַיידִין פוּן דִיא צָרוֹת · נַעְבְּרָה נָּא בְּאַרְצֶךָ מִיר וֶועלִין אִיבֶּער פָארִין דַיין לַאנְד אוּנ פַאר זָאג עֶשׁ אוּנְז נִיט · דֶען וַוייל דוּ הָאשְׁט אוּנְז נִיט גִיהָאלְפִין לַיידִין דֶעם גָלוּת דְרוּם הֶעלְף אוּנְז הַיינְט מִיט דֶער קְלֵיינֶער זַאךְ לֹא נַעֲבוֹר בְּשָׂדֶה וּבְכֶרֶם מִיר וֶועלִין נִיט אִיבֶּער פָארִין אִיבֶּער אַיין פֶעלְד אוּנ נִיט אִיבֶּער אַיין וַויין גָארְטִין · וְלֹא נִשְׁתֶּה מֵי בְאֵר אוּנ מִיר וֶועלִין נִיט טְרִינְקֶען דִיא וַואשֶׂער פוּן אוּנְזֶער בְּרוּנֶעם כְּלוֹמַר קָאמְטְשֶׁע מִיר הָאבִין מַן צוּ עֶסִין אוּנ אוּנְזֶער בְּרוּנֶעם צוּ טְרִינְקֶען פוּן דֶעסְט וֶועגִין

וועלין

פעלין מיר דער פון ניט עסין אונ טרינקען ·
נאר מיר וועלין פון אייך פאר געלט קויפין
וואשער אונ ברויט צו געבין אייך געלט צו
לייזין · פון דאנען לערנען מיר אפ ווען איין
מענטש קומט אויף איין הארבעריג האטשע
ער האט מיט זיך צוא עסין אונ צוא טרינקען
זאל ער דאך פון דעם בעל הבית קויפין צו
געבין אים געלט צוא לייזין · אונ אונזערע
בהמות וועלין מיר די מיילער פאר שליסין
זיי זאלין אייער גראז ניט עסין אונ האטשע
מיר האבין רשות צוא טייטין אלע עובדי
כוכבים · אבער אייך וועלין מיר ניט טאן
מיר וועלין זיך ניט נייגין אויף דער רעכטער
זייט אדער אויף דער לינקער זייט · נאר
מיט דעם גלייכין וועג וועלין מיר גיין · האט
אדום גיענטפערט איר בארימט אייך מיט
דעם קול פון תורה אונ תפלה וואש אייער
פאטער יצחק האט אייך גיבענטשט · איך
וועל אויף אייך אויך קומען מיט מיין ברכה
וואש יצחק האט מיך גיבענטשט ועל חרבך
תחיה איך זאל מיך ווערין מיט דער שווערד
דרום קומט ניט אין מיין לאנד · על אשר מריתם
את פי גאט זאגט צוא משה · אהרן זאל
שטארבין פון וועגין דער עבירה פון דעם
שטיין · אויף איין קליינער עבירה ווערין די
צדיקים גישטראפט · דען ווען דער צדיק
שטארבט זעט ער די שכינה אונ אויך אדם
הראשון אזו קריגט ער זיך מיט אדם הראשון
אונ זאגט צוא אים דוא האשט גורם גיוועזן
דאש מיר טוען שטארבין · ענטפערט אדם
הראשון איך האב נאר איין עבירה גיטאן
אונ איר האט פיל עבירות גיטאן · דרום
ווערין דיא צדיקים גישטראפט פון וועגין
קליינע עבירות כדי אדם הראשון זאל זייא
קענען ענטפערין איר האט פיל עבירות
גיטאן · ויבאו כל העדה אלע וואס האבין ניט
זוכה גיוועזן צו קומען קיין ארץ ישראל זיינן
אויש גישטארבין אונ אלע צדיקים זיינען
איבער גיבליבין וואש האבין זוכה גיוועזן צו



קומען קיין ארץ ישראל · הר ההר עם זיינען
גיוועזן צווייא הויכע בערג איינער אויף דעם
אנדערין אונ האטשע דער וואלקין איז
גיגאנגען פאר ישראל אין דער מדבר אונ
האט אויש גיריסין אלע בערג אונ האט די
ערד גלייך גימאכט זיינען דאך דרייא בערג
איבער גיבליבין דער בארג סיני צוא געבין
אויף אים דיא תורה אונ הר נבו צוא זיין
איין קבר צוא משה אונ הר ההר פון וועגין
אהרן ער זאל דארטין באגראבין ווערין אונ
ווייל די ישראל האבין זיך איצונד באהעפט
מיט אדום די קינדער פון עשו דרום האבין
זייא פאר לארין דעם צדיק אהרן דאש ער
איז איצונד גישטארבין יאסף אהרן אהרן זאל
שטארבין דאש לערינט אונז דאש גאט
לאזט דעם צדיק ווישין וועלכין טאג ער וועט
שטארבין כדי ער זאל זיינע קינדער צוואה
לאזין קח את אהרן גאט זאגט צוא משה נעם
איין אהרן מיט גוטע רייד אונ זאג אים וואל
צוא דיר וואש דו בישט זוכה צוא געבין
דיין כבוד אונ שררה צוא דיין זון אלעזר
וואש איך האב דאש ניט זוכה גיוועזן · אונ
זאלשט אויש טאן צו אהרן די בגדי כתונה
אונ זאלשט זייא אן טאן צו זיין זון אלעזר ·
רב הונא זאגט משה איז אויף גישטאנען
גאנץ פריא אונ רופט צו אהרן · זאגט אהרן
וואש בישטו אזוא פריא גיקומען · ענטפערט
משה איך האב בייא נאכט גילערינט ספר
בראשית איז מיר דרינען פיל קשה · אזוא
האבין זיי גיעפינט דעם ספר בראשית אונ
האבין מיט אנאנדער גילערינט זאגט משה
זעה וואש אדם הראשון איז גישעהען דאש
ער האט גימוזט שטארבין · ענטפערט
אהרן זעה וויא ער האט זוכה גיוועזן צוא
דרייא צעהען חופות פון אבנים טובות אין
גן עדן · אונ דער נאך שטייט דאש גאט
האט גיזאגט צוא אדם דוא בישט פון דער
ערד אונ ווערשט דיך אום קערין צוא דער
ערד · זאגט משה איך האב גיוועלטיגט אין

מלאכים

מַלְאָכִים אויף דֶעם הִימֵיל אונ דוּא הָאשְׂט
גִיוָועלְטִיגְט אִין מַלְאָכִים אויף דֶער עֶרְד ·
אונ הָאשְׂט דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אויף גִיהַאלְטְן
וָואשׁ עֶר הָאט נִיט גִיקָאנְט טֵייטִין דִי יִשְׂרָאֵל
אונ מִיר מוּזִין דָאךְ שְׁטַארְבִּין מִיר הָאבִּין
נִיט לַאנְג צוּא לֶעבִּין · הָאט אַהֲרֹן פַאר
שְׁטַאנְגְען אונ זָאגְט צוּא מֹשֶׁה דוּא הָאשְׂט
דָאשׁ אָן גִיהוֹיבִּין פוּן מַיינְט וֶועגִין זָאגְט
מֹשֶׁה יוֹא · עֶנְטְפֶערְט אַהֲרֹן מַיין הַארְץ אִיז
אִין מִיר דֶער שְׁלָאגִין · זָאגְט מֹשֶׁה וִוילְשְׂטוּ
שְׁטַארְבִּין זָאגְט אַהֲרֹן יוֹא וֶוען גָאטְשׁ וִוילִין
אִיז · אַזוֹ זָאגְט מֹשֶׁה לָאמִיר אַרוֹיף גֵיין אויף
דֶעם בַּארְג · אַזוֹא אִיז מֹשֶׁה אונ אַהֲרֹן אונ
אֶלְעָזָר אַרוֹיף גִיגַאנְגְען אויף דֶעם בַּארְג אונ
כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבִּין נִיט גִיוואוּשְׂט נָאךְ וָואס ·
דֶען זֵיי הָאבִּין גִימֵיינְט זֵיי הָאבִּין עֶפֶּעס צוּא
רֵיידִין מִיט דֶר שְׁכִינָה · אָבֶּר וֶוען זֵיי וָואלְטְן
וִויסִין וָואלְטִין זֵיי אִים נִיט גִילָאזְט שְׁטַארְבִּין
דֶען זֵיי וָואלְטִין פַאר אִים גְרוֹיסְשׁ תְּפִלָּה גְטָאן
אונ וִויא בַּאלְד זֵייא זֵיינְען גִיקוּמֶען אויף
דֶעם בַּארְג הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט אֵיין הֵייל אונ
דָארְטִין אִיז גִיוֶועזְן אֵיין בֶּעט · זָאגְט מֹשֶׁה
צוּא אַהֲרֹן דָא אִיז מִרְיָם גִישְׁטָארְבִּין אונ
אִיךְ מִיט דִיר הָאבִּין זִיךְ מִיט אִיר מִתְעַסֵּק
גִיוֶועזְן צוּא בֶּאגְרָאבִּין זִיא אונ מִיר הָאבִּין
אִיר גְרוֹיסְשׁ כָּבוֹד אָן גִיטָאן · אונ אַז דוּא
וֶועשְׂט שְׁטַארְבִּין וֶועל אִיךְ מִיט אֶלְעָזָר עוֹסֵק
זַיין אִין דִיר · אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבִּין
וֶוער וֶועט זִיךְ מִיט מִיר מִתְעַסֵּק זַיין · הָאט
גָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אִיךְ אַלֵיין וֶועל זִיךְ מִיט דִיר
מִתְעַסֵּק זַיין אונ חִיא זֵיי זֵיינְען פוּן דֶר הֵייל
אַרוֹישׁ גִיגַאנְגְען אִיז דִיא הֵייל וָוארִין פַאר
שְׁלָאסִין דֶען גָאט הָאט זֵיי גִיהֵיישִׂין אַרוֹישׁ
גֵיין · אונ כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִיזֶעהֶען דָאשׁ
מֹשֶׁה אונ אֶלְעָזָר זֵיינְען אַלֵיין גִיקוּמֶען פוּן
דֶעם בַּארְג אונ אַהֲרֹן אִיז נִיט דָא מִיט זֵייא ·
הָאבִּין אַטֵּייל גִיזָאגְט מֹשֶׁה הָאט אִים גִיהַרְגֶעט
ווַייל עֶר וִויל דִי כְּהוּנָּה הָאבִּין · אונ אַטֵּייל
הָאבִּין גִיזָאגְט אֶלְעָזָר הָאט אִים גִיהַרְגֶעט כְּדֵי
עֶר זָאל זַיין אֵיין כֹּהֵן גָּדוֹל · אונ אַטֵּייל הָאבִּין
גִיזָאגְט עֶר אִיז אַלֵיין גִישְׁטָארְבִּין אַזוֹא וִויא
אַלֶע מֶענְטְשִׁין אַזוֹ הָאבִּין זִיךְ אֵיין גִיזַאמִילְט
כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ מֹשֶׁה אונ זָאגִין וואוּ הָאשְׂטוּ
אַהִין גִיטָאן צוּ אַהֲרֹן · זָאגְט מֹשֶׁה עֶר אִיז
גִישְׁטָארְבִּין · הָאבִּין כָּל יִשְׂרָאֵל גִיזָאגְט וִויא
קָאן דָאשׁ זַיין דָאשׁ דֶר מַלְאַךְ הַמָּוֶת זָאל אִים
עֶפֶּעס טָאן · דֶען עֶר הָאט אִים אויף גִיהַאלְטְן
עֶר זָאל נִיט טֵייטִין דִי יִשְׂרָאֵל מִיט דֶר מַגֵּפָה
דְרוּם וֶועשְׂטוּ אִים נִיט בְּרֵיינְגֶן צוּ אוּנְז וֶועלִין
מִיר דִיךְ מִיט אֶלְעָזָר פַאר שְׁטֵיינִיגֶען · אַזוֹא
הָאט מֹשֶׁה תְּפִלָּה גִיטָאן הָאבִּין מַלְאָכִים
גִינוּמֶען דֶעם אָרוֹן פוּן אַהֲרֹן אונ הָאבִּין אִים
גִיטְרָאגִין אוּנְטֶער דֶעם הִימִיל · אונ הָאבִּין
גִילוֹיבְּט אונ גִיזוּנְגֶען בַּיי דֶעם אָרוֹן אַזוֹ הָאבִּן
כָּל יִשְׂרָאֵל גִיזֶעהֶן דָאשׁ אַהֲרֹן אִיז גִישְׁטָארְבִּן
אונ אַטֵּייל חֲכָמִים זָאגִין גָאט הָאט דִי הֵייל
גִיעֶפִינְט זֵיינֶן אַרַיין גִיגַאנְגֶען כָּל יִשְׂרָאֵל אונ
הָאבִּין גִיזֶעהֶען דָאשׁ אַהֲרֹן אִיז גִישְׁטָארְבִּין
וַיִּבְכּוּ אֶת אַהֲרֹן שְׁלֹשִׁים יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל נָאר דָאשׁ
הוֹיז גִיזִינְט פוּן יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִיוַויינְט אויף
אַהֲרֹן דְרַייסִיג טָעג · אָבֶּער בַּייא מֹשֶׁה הָאבִּין
נָאר דִיא מַאנֶען גִיוַויינְט אונ נִיט קֵיין ווַייבֶּר
ווַייל אַהֲרֹן הָאט שָׁלוֹם גִימַאכְט צְווִישִׁין מַאנֶען
אונ ווַייבֶּער אונ צְווִישִׁין אֵיין מֶענְטְשׁ אונ
זַיין חַבֵר · דְרוּם הָאבִּין כָּל יִשְׂרָאֵל אויף אִים
גִיוַויינְט · אונ אַז אַהֲרֹן אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶר
הֵייל הָאט עֶר גִיזֶעהֶען אֵיין שֵׁיין בֶּעט אִיז
אָן גִיבְּרֵייט אונ אֵיין לִיכְט בְּרֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין
זָאגְט מֹשֶׁה צוּ אַהֲרֹן גֵייא אויף אויף דֶעם
בֶּעט · אִיז עֶר אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אויף דֶעם
בֶּעט · שְׁמֶעק אוֹישׁ דֵיינֶע הֶענְט · הָאט עֶר
אוֹישׁ גִישְׁמֶעקְט דִיא הֶענְט · שְׁלִיס צוּ דַיין
מוֹיל הָאט עֶר צוּ גִישְׁלָאסִין זַיין מוֹיל · שְׁלִיס
צוּא דֵיינֶע אוֹיגִין · הָאט עֶר צוּא גִישְׁלָאסִין
זֵיינֶע אוֹיגִין · אַזוֹ בַּאלְד הָאט מֹשֶׁה גִיגְלוּסְט
עֶר זָאל אוֹיךְ אַזוֹ שְׁטַארְבִּין · אונ עֶשׁ אִיז
גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער נֵס בַּייא דִיא קְלֵיידֶער ·
דֶען מֹשֶׁה הָאט אִים אוֹישׁ גִיטָאן דִי הֶעמְד

וואש זיא איז ביא דעם גוף איי ער האט אים אויש גיטאן דיא אויבערשטע קליידר · אונ דאש קאן קיין מענטש ניט טאן · דאש איז גיוועזן לכבוד אלעזר כדי ער זאל דיא קליידער כסדר אן טאן · וישמע הכנעני דער כנעני האט גהערט דאש אהרן איז גשטארבן אונ דער כנעני איז גיוועזן עמלק דער זון פון עשו אונ ער האט זיך פאר שטעלט צו ריידן דאש לשון פון דיא כנעניים מען זאל אים ניט דר קענען · כדי ווען די ישראל וועלין נאט בעטין מען זאל זייא געבין די כנענים אין זייער האנט וועלין זיי ניט זיין אין כלל דען זיי זיינען עמלק · אבער די ישראל זיינן קליגער גיוועזן זיי האבין גיהערט זיי ריידין מיט דעם לשון פון כנעני אונ דיא קליידער זייען זיי וויא עמלק · אזו האבין זייא ניט גיוואוסט ווער זיי זיינען · האבין זייא סתם גיבעטין גאט גיב דאש פאלק אין אונזער האנט · אונ דרום רופט דער פסוק אן דעם עמלק כנעני ווייל גאט האט פאר באטין מען זאל מיט די קינדר פון עשו קיין מלחמה ניט האלטין · אונ דער עמלק איז אויך גיוועזן דר זון פון עשו אונ האט פיל מאל אן גידויבין מיט ישראל מלחמה האלטין · דרום האט גאט גיזאגט מען זאל זייא ניט רופין עמלק נאר כנעני כדי מען זאל זיי הרגענען אזו וויא די כנענים · אונ עשו האט צוואה גילאזין צוא עמלק ער זאל זיך נוקם זיין אין ישראל אונ זאל זעהען ווען ישראל וועלין עבירות טאן דענקשט מאל וועט ער זייא קענען דער שלאגין · דרום וויא באלד זיי האבין גיהערט דאש אהרן איז גישטארבין אונ דר וואלקין האט זיך אפ גיטאן פון ישראל · דען פריער איז גיוועזן איין וואלקין ארום ישראל דאש קיין שום אומה האט זייא ניט גיקענט טאן דען די וואלקין זיינן גיוועזן גלייך וויא מויערן אבער וויא אהרן איז גישטארבין אונ דיא וואלקין האבין זיך אפ גיטאן · אזוא האבין די עמלקים זיך גיטראכט דיא ישראל האבין גימוזט זינדיגין דרום זיינן זיי גיקומן מלחמה האלטין מיט ישראל · אבער גאט האט דיא ישראל גיהאלפין · דר נאך האבין די ישראל גיקריגט אויף משה אונ האבין גיזאגט כי אין לחם ואין מים זיי האבין ניט קיין ברויט אונ קיין וואשער · אונ חאטשע זייא האבין גיהאט מן צוא עסין אונ דעם ברונים · דאך האבין זייא גיזאגט מיר זיינען ניט גלייך צוא אנדערע אומות וואש האבין גינוג ברויט אויף פיל טעג אונ מיר האבין ניט מער וויא אויף איין טאג מן אונ דעם אנדערין טאג ניט אונז נאט ווידער מן פון דעם הימל · אבער מיר זעהן פר זיך ניט גינוג ברויט · אונ אפילו וואשר זארגן מיר דרויף אויך דאס מיר זאלין גינוג האבין · רבי עקיבא זאגט ווען איין סוחר האט גיבראכט פירות פון ארץ ישראל צו פר קויפין צו ישראל זיינען די ישראל גישטארבין פון די פירות · דען גאט האט גיזאגט עש זאל קיינר פון ישראל ניט פאר זוכין דאש גוטשקייט פון ארץ ישראל ווייל זיי האבין בייז גירעט אויף ארץ ישראל · נאר זייערע קינדער האבין זוכה גיוועזן צוא קומען קיין ארץ ישראל · רבי זאגט נאט האט גיצערנט אויף ישראל אונ האט גיזאגט איך האב זיי גיגעבין איין גרינג עסין דאש זייא האבין ניט גידארפט קיין צורך האבין · דען דער מן איז ווארין פאר דייעט אין זייער בויך אונ איז צו גאנגן אין אלע אברים · אונ זיי האבן גירעט בייז אויף דעם מן אונ האבין גיזאגט וויא איז מיגליך איין מענטש זאל עסין אונ זאל קיין אויש גאנג ניט האבין · דער סוף וועט זיין דאש אונזערע גידערים וועלין גישוואלין ווערין פון דעם מן · אבער גאט האט זייא גיוויזין דאש זייא זיינען גלייך צוא מלאכים וואש האבן קיין אויש גאנג ניט · אונ ווארום האט נאט זייא ניט גיגעבין מן מיט איין מאל אויף פיל טעג · דאש האט גאט גיטאן צו גיוואנן דיא ישראל זייא זאלין זיך פר זיכערין אויף

נאט

גאט דען גאט וויל מען זאל זיך אויף אים פר לאזין אלע צייט אונ ער שפייזט איטליכין מיט חסד אונ דאש געלט העלפט ניט דעם מענטשן · וישלח יי בעם את הנחשים אונ גאט האט גישיקט אויף ישראל שלאנגען צוא טייטין זייא · אונ דרום האט גאט אויף זיי גישיקט דיא שלאנגין ווייל זיי האבן גירעט ביין אויף דעם מן אונ דער שלאנג האט גירעט ביין אויף גאט · דרום זאל קומען דר שלאנג אונ זאל באצאלין צוא דיא ישראל זייער שכר וואש זיי האבין ביין גירעט · נאך איין טעם איז ווייל דר שלאנג איז ווארין פר שאלטין דאש אלין וואש ער עסט פילט ער דרינגען נאר איין טעם פון ערד · אבער דיא ישראל האבין גאר גינעסן דעם מן אונ האבן גפילט אין אים וואש פר איין טעם זיי האבן גוואלט אונ האבין דאך ביין גירעט אויף אים · דרום זאל קומען דר שלאנג אונ זאל באצאלין צו ישראל · נאך איין פשט איז אין דער מדבר איז גיוועזן גרוישע שלאנגן אזוא גרויש וויא באלקין אונ עש איז איין סכנה גיוועזן צו גיין פר ביי זיי נאר גאט הט גישיקט דעם וואלקן אונ ער האט פר ברענט די שלאנגן · אונ אז די ישראל האבין עבירות גיטאן אונ האבין ביין גירעט אויף דעם מן · אזו האט גאט די שלאנגען ווידר לעבעדיג גימאכט אונ זייא האבין פאר ברענט דיא ישראל מיט זייער גיפט · אונ דרום שטייט הנחשים השרפים דיא ברענענדיגע שלאנגען וואש זייא פר ברענן מיט זייער גיפט אונ עש איז אויך דר טייטש דיא שלאנגן וואש זיינען ווארן פר ברענט · ותהי כל הנשוך ווער עש האט גיביסן אפילו איין קינדש אדער איין חיה רעה אדר איין בייזער הונט איז אלין גיוועזן איין סכנה · אזו זיינען די ישראל גיקומען צו משה אונ האבן גזאגט מיר האבין גיזינדיגט אנטקעגין גאט אונ אנטקעגין דיר · טוא תפלה צו גאט ער זאל אפ טאן דיא שלאנגן פון אונז · אזו באלד האט משה תפלה גיטאן · פון דאנן זאל מען

אפ לערנען איין מענטש זאל ניט הארט זיין צו איבר גיבעטין ווערין דאש האטשע מען האט אויף אים ביין גרעט זאל ער דאך באלד מוחל זיין וויא מען בעט אים מחילה אונ ווען ער איז ניט מוחל הייסט ער איין אום דר בארימעגער מענטש אונ גאט איז אים זיינע עבירות אויך ניט מוחל אזו וויא מיר גיפינן ביי משה דאש האטשע דיא ישראל האבין ביין גירעט אויף אים דאך וויא באלד דיא ישראל האבין אים גיבעטין ער זאל זיי מוחל זיין האט ער זייא באלד מוחל גיוועזן אונ האט פר זיי גאט גיבעטין אונ דער מענטש זאל ניט טראכטין ווען ער האט עבירות גיטאן דאש גאט וועט אים ניט מוחל זיין דען גאט איז פול מיט חסד אונ איז מוחל צו דיא וואש בעטין אים עשה לך שרף גאט זאגט צוא משה מאך דיר איין שלאנג אונ טוא אים אויף איין הויכע שטאנג אונ אז

דער קופערנער שלאנג



די ישראל וועלין דרויף זעהען וועלין זייא גיהיילט ווערין אונ אזו זאגט גאט צו משה וואש זייא האבין אנטקעגין מיר גירעט בין איך זייא מוחל אבער וואש זייא האבין

אנטקעגין

אַנְטְקֶעגְן דִיר גִירֶעט זַייא זֵיי גִיט מוֹחֵל דֶען
עֶשׁ אִיז פַר מִיר אַיין גְרוֹישֶׁע עֲבֵירָה וֶוער עֶשׁ
רֶעט עֶפֶּעשׁ אוֹיף אַתַּלְמִיד חָכָם אָדֶער אוֹיף
אַיין נָבִיא אוּנ מִיט דֶער שְׁלַאנְג אִיז אַיין
גְרוֹישֶׁער נֵס גִיוֶועזְן דֶען דֶער סֵדֶר אִיז וֶוען
אַיינֶעם הָאט אַיין בִּיס גִיטָאן אַיין הוּנְט וָואשׁ
אִיז מְשׁוּגָע אַזוֹא דַאכְט זִיךְ אִים אַלֶע צַייט
דָאשׁ דֶר הוּנְט אִיז פָאר אִים ווַייל עֶר הָאט
אִים אַלְץ אִין זַיין מַחֲשָׁבָה אוּנ וֶוען דֶער
מֶענְטְשׁ לָאזְט זַיין הַשְׁתָּנָה אִין אַיין גְלָאז
זֶעהְט עֶר אִין דֶר הַשְׁתָּנָה פִיל הִינְט אוּנ וֶוען
מֶען זַייט אִיבֶּער דִיא הַשְׁתָּנָה גִיפִינְט מֶען
אִין אִיר גָאר גִיט אוּנ דָאשׁ קוּמְט אַלְץ ווַייל
דֶר מֶענְטְשׁ וָואשׁ אִיז גִיבִּיסְן גִיוָוארְן דֶער
הָאט אַלְץ אִין זַיין מַחֲשָׁבָה אַיין מְשׁוּגָעֶנֶעם
הוּנְט אוּנ אַזוֹא זָאגִין דִי חֲכָמִים אִין דֶר גְמָרָא
וֶוען אַיינֶר וֶוערְט גִיבִּיסְן פוּן אַיין הוּנְט וָואשׁ
אִיז מְשׁוּגָע דֶר זָאל אַיין גַאנְץ יָאר אִין אַיין
גְלָאז קַיין וַואשֶׁער נִיט טְרִינְקֶען וָוארוּם עֶר
וֶועט זֶעהֶען אִין דֶר גְלָאז קְלֵיינֶע הִינְט אוּנ
וֶועט דֶער פוּן שְׁטַארְבִּין אוּנ מֶען טָאר פַאר
אִים נִיט דֶער מָאנֶן קַיין הוּנְט דֶען וֶוען עֶר
הֶערְט דָאשׁ וָוארְט הוּנְט אִיז אִים אַיין סַכָּנָה
אָבֶער בַּייא דֶעם שְׁלַאנְג חָאטְשֶׁע זֵיי זַיינֶען
וָוארִין גִיבִּיסְן פוּן אַיין שְׁלַאנְג הָאט גָאט דָאךְ
זֵיי גִיהַיישִׁין זֶעהְן אוֹיף דֶעם שְׁלַאנְג אוּנ זֵיי
וֶועלִין גִיהַיילְט וֶוערִין • אוּנ אַטַייל חֲכָמִים
זָאגִין מֶען הָאט דְרוּם דֶעם שְׁלַאנְג אִין דֶר
הוֹיךְ גִישְׁטֶעלְט כְּדֵי אִיטְלִיכֶער פוּן יִשְׂרָאֵל
זָאל אוֹיף הוֹיבִּין זַיינֶע אוֹיגִין אַנְטְקֶעגְן דֶעם
הִימִיל צוּא גָאט אוּנ זָאל תְּפִלָּה טָאן אַזוֹא
וֶועט עֶר גִיהַיילְט וֶוערִין אָבֶּר נִיט דִי שְׁלַאנְג
הַיילְט אוּנ אוֹיךְ נִיט דִיא שְׁלַאנְג אִיז מֵמִית
נָאר דִי עֲבֵירָה אִיז מֵמִית עַל כֵּן יֵאָמֵר בְּסֵפֶר מִלְחֲמוֹת
יְיָ גָאט זָאגְט וֶוען אִיר וֶועט לֶערְנֶן מַיין תּוֹרָה
אוּנ מִצְוֹת וֶועל אִיךְ פַר אַייךְ מִלְחָמָה הַאלְטִין
אוּנ אִיר וֶועט אַלֶע מִלְחָמוֹת גִיוִוינֶען אֶת וָהֵב
בְּסוּפָה גְרוֹישֶׁע נִסִּים זַיינֶען גִישֶׁעהֶן בַּיי דֶעם
יָם אוּנ אוֹיךְ אִיז גִישֶׁעהֶן גְרוֹישֶׁע נִסִּים אִין

דֶעם טָאל פוּן אַרְנוֹן דֶען עֶס אִיז גִוֶועזְן צְוַויי
גְרוֹישֶׁע בֶּערְג אוּנ אִין מִיטִין אִיז גִיוֶועזְן אַיין
וֶועג דָאשׁ דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִידַארְפְט
דוּרְךְ אִים גַיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹ הָאבִּין
זִיךְ אִין דֶעם טָאל אַיין גִיזַאמִילְט פִיל עוֹבְדֵי
כּוֹכָבִים אוּנ הָאבִּין זִיךְ בַּהַאלְטִין אִין דִיא
הֵיילִין פוּן דִיא בֶּערְג דֶען אִין אַיין בַּארְג
אִיז גִיוֶועזְן בַּיי דֶער זַייט הֵיילִין אוּנ בַּיי דֶעם
אַנְדֶערִין בַּארְג אַנְטְקֶעגִין אִיז גִיוֶועזְן אַרוֹיס
גִיוַואקְסִין שְׁטֵיינֶער אוּנ דִיא עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים
הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוען דִי יִשְׂרָאֵל וֶועלִין גַיין
אִין דֶעם טָאל וֶועלִין מִיר זֵיי טֵייטָן אוּנ וִויא
דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען צוּם בַּארְג גִיקוּמֶען הָאט
גָאט גִיהַיישְׁן דִי בֶּערְג זָאלְן זִיךְ צוּ אַנַאנְדֶר
בַּאהֶעפְטִין אוּנ דִי שְׁטֵיינֶער זָאלִין אַרַיינְגַיין
אִין דִי הֵיילִין אוּנ זָאלִין דֶר קְוֶועטְשִׁין דִיא
עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וָואשׁ זַיינֶן דָארְטִין פַר בָּארְגְן
אַזוֹ בַּאלְד הָאבִּין זִיךְ דִי בֶּערְג צוּ אַנַאנְדֶער
בַּאהֶעפְט אוּנ הָאבִּין דֶער קְוֶועטְשְׁט אַלֶע
עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וָואשׁ זַיינֶען דָארְטִין גִיוֶועזְן
בַּאהַאלְטִין אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּן נָאר נִיט דֶר
קָאנְט דָאשׁ עֶשׁ אִיז גִיוֶועזְן צְוַויא בֶּערְג דֶען
עֶס אִיז אִיצוּנְד דֶר וֶועג גְלַייךְ גִיוֶועזְן אָן אַיין
טָאל אוּנ דֶר בְּרוּנֶן פוּן יִשְׂרָאֵל הָאט אַרָאפ
גִינִידֶערְט אִין דֶעם טָאל אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל זַיינֶן
גִינַאנְגֶען אוֹיף דִיא בֶּערְג אוּנ הָאבִּין נִיט
גִיוואוּסְט פוּן דִיא נִסִּים הָאט גָאט גִיזָאגְט
אִיךְ וֶועל מַיינֶע קִינְדֶער לָאזִין וִויסִּין דֶעם
נֵס אוּנ הָאט גִיהַייסִין דֶער בְּרוּנֶן זָאל אַרוֹיס
בְּרֵיינְגֶען פוּן דֶעם טָאל פִיל בֵּיינֶער אוּנ קֶעפ
אוּנ הֶענְט אוּנ פִיס אַזוֹא הָאבִּין דִיא יִשְׂרָאֵל
גִיזֶעהֶן דִיא גְרוֹישֶׁע נִסִּים אוּנ דִיא יִשְׂרָאֵל
הָאבִּין גִיזֶעהֶען וִויא דֶער בְּאֵר שְׁטֵייט אִין
מִיטִין טָאל אוּנ לֵייכְט וִויא דִיא לְבָנָה אוּנ
צִיהְט אַרוֹישׁ גְלִידֶר פוּן דֶעם טָאל אוּנ דָאשׁ
בְּלוּט שִׁיסְט אַרוֹישׁ פוּן דֶעם בַּארְג אַזוֹ הָאבִּין
דִיא יִשְׂרָאֵל שִׁירָה גִיזָאגְט אוּנ דְרוּם אִיז
מֹשֶׁה נִיט דֶער מָאנְט בַּייא דֶר שִׁירָה ווַייל עֶר
הָאט אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן בַּיי דֶעם בְּרוּנֶען אוּנ

אִיז

אין דריבער גישטראפט גיווארין דרום איז זיין נאמען ניט דר מאנט ביי דר שירה פון דעם ברונען אונ ווייל משה איז ניט דר מאנט אין דר שירה דרום האט נאט זיין נאמען אויך ניט גיהייסין דר מאנען ביי דר שירה עס איז איין משל איין מלך איז ווארין גיבעטין אויף איין סעודה צוא איין שר האט דר מלך גיזאגט אויב מיין גוטער פריינט איז אויף דר סעודה אזו וועל איך גיין אונ אויב ער איז ניט דא וועל איך אויך ניט גיין באר חפרוה שרים דעם ברונען האבן הארן גיגראבן דען איטליכר נשיא האט גיגראבין מיט איין שטעקין עש זאל גיין וואשר פון דעם ברונען צו זיין שבט אונ איטליכר שבט האט גיהאט איין בזונדרן טייך אונ פון איין שבט צום אנדערין האט סען זיך גימוזט שיפין מיט איין שיף דען דאש וואשער פון דעם ברונען האט ארום גירינגילט איטליכין שבט באזונדר אונ ביי דער וואשער זיינען גיוואקסין שיינע קרייטר אונ בוימער אזו וויא אין פסוק שטייט בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני נאט האט מיך גימאכט רוען אין איין וואנונג פון גראז ביא רוענדיגע וואשער האט ער מיך גיטאן פירין אונ ווארום האבן ישראל גיזאגט שירה אויף דעם באר אונ ניט אויף דעם מן וואש איז דיא גיוואנגען דאש איז ווייל ישראל האבין פיל בייז גירעט אויף דעם מן אזו האט נאט גיזאגט איך באגר ניט אייער זינגן אונ לויבן אויף דעם מן ווייל איר האט אויף אים בייז גירעט אבער אויף דר וואשער האבן זיי אלין גוטש גירעט אונ דר ברונען איז גיגאנגן מיט ישראל ביז זייא זיינען גיקומען צום ים פון טבריה • אזו איז דער ברונן אריין אין מיטין ים אונ אטייל חכמים זאגין דעם ברונען האט גיגראבין אברהם אונ ער האט גיזאגט צוא אבימלך גיב מיר אפ דעם ברונען וואש דיינע קנעכט האבין ביי מיר גיגזילת האט אבימלך גיענטפערט איך וויש פון נישט צו זאגין • זאגט אברהם שטעל דוא שאף אנטקעגין דעם ברונען אונ איך וועל שטעלין שאף אנטקעגן דעם ברונן אנטקעגין וועלכע שאף דיא וואשר וועט אויף גיין צו דעם וועט זיין דער ברונען איז דיא וואשער אויף גיגאנגן אנטקעגן דיא שאף פון אברהם אונ ער האט דעם ברונען באהאלטין צו זיינע קינדער אונ זיינע קינדער האבין אויך ברונען גיגראבין ביז אהער • וממתנה נחליאל דער וואש לערינט תורה דר טוט ירשנען נאט כלומר נאט איז זיין ירושה אונ דיא תורה זאגט צוא נאט עש שטייט גישריבין דר וואש לערינט תורה דר וועט האבן עושר אונ כבוד אונ מיינע קינדר לערנען תורה אונ זיינן עניים ענטפערט נאט זיי זיינען דרום עניים כדי זייא זאלין ווייטר תורה לערנען אונ זייא וועלין אויף דר וועלט ניט נעמען קיין שכר פאר זייער תורה נאר אויף יענער וועלט וועלין זייא גרויס כבוד האבין ובמות הגיא אונ ווער עש האלט זיך הויך מאכט אים נאט נידעריג אונ ווען ער טוט תשובה מאכט אים נאט ווידר הויך אונ חשוב אזו וויא אין פסוק שטייט כל גיא ינשא דר וואש איז גיוועזן נידעריג וויא איין טאל וועט ווערין דר הובין וישלח ישראל מלאכים אל סיחון אונ די ישראל האבן גישיקט שלוחים צו סיחון ער זאל זיי לאזן גיין דורך זיין לאנד קום זעה וואש פר איין גרוישע מצוה איז שלום דען אלע מצות איז מען ניט מחויב צו זוכן נאר אז עש קומט צו די הענט איין מצוה זאל מען זיא טאן אבר ביי שלום שטייט אין פסוק בקש שלום ורדפהו זוך אונ יאג נאך שלום צוא מאכין אזו האבין דיא ישראל איצונד אויך גיטאן דאש האטשע נאט האט זיי גיהייסן טייטין די זיבין אומות פון לאנד כנען דאך האבין ישראל צו זיי פריער גישיקט אויב זיי וועלין שלום מאכן אונ סיחון איז גיוועזן איין שטארקער מלך אונ זיין שטאט איז אויך שטארק גיוועזן אונ ער האט זייער פיל פאלק גיהאט האט נאט גיזאגט די ישראל וועלין טוזין מיא האבין צוא דר שלאגין זייא אזוא

הָאט נָאט גִּינֶעבִּן אַיין דֵיעָה צוּא סִיחוֹן עֶר זָאל אַיין זַאמְלִין גָּאר זַיין פָאלְק אוּנ אִיז אַרוֹיש גִּיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם פֶעלְד פוּן אַלֶע שְׁטַארְקֶע שְׁטֶעט אַנְטְקֶעגִין דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹא הָאט גָאט גִינוּמֶען דִיא שָׂרִים פוּן דֶעם הִימִיל וָואשׁ זַיינֶען גִיוֶוען גִיזֶעצְט אִיבֶּער דִי אוּמוֹת אוּנ הָאט זַייא גִיבּוּנְדִין אוּנ הָאט זַייא אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פַאר מֹשֶׁה אוּנ זָאגְט צוּ אִים זֶעה אִיךְ הָאבּ דִיר זַיי אַלֶע אִין דַיין הַאנְט גִינֶעבִּן דֶען וֶוען זַייעֶרֶע שָׂרִים אִין הִימִיל הָאבִּין קַיין כֹּחַ נִיט אַזוֹ הָאבִּין דִי אוֹיךְ קַיין כֹּחַ נִיט אוּנ דְרוּם הָאט עֶר גִיהַיישִׁין סִיחוֹן דָאשׁ אִיז טַייטְשׁ בֵּיידִין דֶען גָאר דִי וֶועלְט הָאט גִירֶעט פוּן זַיין שְׁטַארְקַייט אוּנ עֶר הָאט גִהַאט אַיין זוּן וָואשׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹא שְׁטַארְק גִיוֶוען וִיא עֶר ׃ אוּנ דְרוּם הָאט סִיחוֹן נִיט גִיוָואלְט לָאזִין דִי יִשְׂרָאֵל אִיבֶּר פָארִין דוּרְךְ זַיין לַאנְד וַוייל אַלֶע אוּמוֹת הָאבִּין אִים מַס גִינֶעבִּין עֶר זָאל נִיט לָאזִין דִי יִשְׂרָאֵל גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דְרוּם הָאט סִיחוֹן גִזָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל מַיין גַאנְץ הִיטִן אִיז אִיר זָאלְט נִיט קוּמֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ וִויא קֶען אִיךְ אַייךְ לָאזִין דוּרְךְ מַיין לַאנְד אוּנ דְרוּם הָאט עֶר אַיין גִזַמִילְט זַיין פָאלְק פוּן אַלֶע שְׁטֶעט אוּנ זַיינֶען אַרוֹישׁ גִגַאנְגֶען אַנְטְקֶעגִין יִשְׂרָאֵל אוּנ זַיינֶען וָוארִין דֶר שְׁלָאגִין אַלֶע מִיט אַנַאנְדֶער אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גִיקוּמֶען אִין זַייעֶרֶע שְׁטֶעט גָאר אָן מִיא ׃ אוּנ עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אִיז אוֹיךְ אַרוֹישׁ גִגַאנְגֶען מִיט זַיין פָאלְק אַנְטְקֶעגִין יִשְׂרָאֵל הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה אַל תִּירָא אוֹתוֹ דוּא זָאלְשְׁט דִיךְ פַאר אִים נִיט פָארְכְטִין דֶען דִי מִדָּה פוּן צַדִּיקִים אִיז דָאשׁ זַיי פָארְכְטִין זִיךְ אַלְץ חָאטְשֶׁע גָאט זָאגְט זַיי צוּ מַצִּיל צוּ זַיין זַייא דָאךְ הָאבִּין זַייא מוֹרָא טָאמֶר הָאבִּין זַיי אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן אוּנ גָאט הָאט גִזָאגְט פָארְכְט דִיךְ נִיט פַר עוֹג חָאטְשֶׁע עֶר אִיז זַייעֶר שְׁטַארְק אִיךְ וֶועל אִים גֶעבִּין אִין דַיין הַאנְט אוּנ דֶר עוֹג אִיז גִיוֶוען אִין דִי טֶעג פוּן אַבְרָהָם אוּנ אַז מֶען הָאט גִיפַאנְגֶען זַיין בְּרוּדֶערְשׁ זוּן לוֹט הָאט עוֹג דָאשׁ גִיזָאגְט

צוּ אַבְרָהָם אוּנ זַיין כַּוָונָה אִיז גִיוֶוען אַבְרָהָם זָאל אוּם קוּמֶן אִין דֶער מִלְחָמָה אוּנ עֶר וֶועט נֶעמֶען שָׂרָה פַאר אַיין וַוייבּ אוּנ פוּן דֶעשְׁט וֶועגִין הָאט עֶר דָאךְ מַצִּיל גִיוֶוען לוֹט מִיט זַיין הוֹיז גִיזִינְד דְרוּם הָאט עֶר זוֹכֶה גִיוֶוען אַזוֹא לַאנְג צוּ לֶעבִּין אוּנ דֶר נָאךְ אִיז עֶר גִיפַאלִין אִין דִי הֶענְט פוּן דִי קִינְדֶר פוּן אַבְרָהָם וַוייל עֶר הָאט גִיוָואלְט אַבְרָהָם זָאל גִיהַרְגֶת וֶוערִין דֶען נָאט בַּאצָאלְט אִיטְלֶעכִין זַיין שָׂכָר דְרוּם הָאט מֹשֶׁה גִיזָאגְט אִיךְ פָארְכְט מִיךְ פַר אִים דֶען אִיךְ בִּין אַלְט הוּנְדֶרְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר אוּנ עֶר אִיז אַלְט פִינְף הוּנְדֶרְט יָאר אוּנ וֶוען עֶר זָאל קַיין זְכוּת נִיט הָאבִּין וָואלְט עֶר אַזוֹ לַאנְג נִיט גִילֶעבְּט הָאט גָאט צוּ אִים גִיזָאגְט פָארְכְט דִיךְ נִיט פַאר אִים וַיַּכּוּ אוֹתוֹ וְאֶת בָּנָיו אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּין אִים דֶר שְׁלָאגִין מִיט זַיינֶע קִינְדֶער וָואשׁ זַיינֶען אוֹיךְ אַזוֹ שְׁטַארְק גִיוֶוען וִויא עֶר ׃ גָאט זָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל הַיינְט טוּט אִיר דִיא רְשָׁעִים פַאר דַארְבִּין אַיינְצִיג וַוייש לֶעָתִיד וֶועט אִיר זַיי פַאר דַארְבִּן הוֹיפִין וַוייש אִין אַיין מָאל ׃ רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט מֹשֶׁה הָאט זִיךְ גִיפָארְכְטִין פַאר עוֹג מֶער וִויא פַר סִיחוֹן חָאטְשֶׁע זַיי זַיינֶען גִיוֶוען בְּרִידֶער וַוייל מֹשֶׁה הָאט זִיךְ גִטְרַאכְט טָאמֶר וֶועט אִים בַּיי שְׁטֵיין דֶר זְכוּת פוּן אַבְרָהָם אוּנ אַזוֹ הָאט עוֹג גִזָאגְט דִי מַחֲנֶה פוּן יִשְׂרָאֵל אִיז גְרוֹיס דְרַיי מַייל אִיךְ וֶועל אוֹיס רַייסִין אַיין בַּארְג וָואס אִיז גְרוֹיס דְרַיי מַייל אוּנ וֶועל אוֹיף זַיי וַוארְפִין וֶועל אִיךְ זַיי אַלֶע אִין אַיין מָאל דֶר שְׁלָאגִין אַזוֹ הָאט עֶר אוֹישׁ גִירִיסִין אַיין בַּארְג פוּן דְרַיי מַייל אוּנ הָאט אִים גִינוּמֶען אוֹיף זַיין קָאפּ הָאט גָאט גִיבְּרַאכְט וֶוערִים אוּנ מַייז אוּנ זַיי הָאבִּין אִין דֶעם בַּארְג אוֹיס גִינָגִין אַיין לָאךְ אִיז דֶר בַּארְג אוֹיף זַיין הַאלְז אַרָאפּ גִיפַאלִין הָאט עֶר אִים גִיוָואלְט אַרָאפּ נֶעמֶן הָאט גָאט גִימַאכְט דָאס דִי צֵיין פוּן עוֹג זַיינֶען אִין בַּארְג אַרַיין גִיוַואקְסִין אוּנ מֹשֶׁה אִיז גִיוֶוען הוֹיךְ צֶעהֶן אֵיילִין אוּנ הָאט גִינוּמֶען אַיין הַאק פוּן צֶעהֶן אֵיילִין אוּנ הָאט אַיין שְׁפְּרוּנְג גִיטָאן אוֹיף צֶעהֶן אֵיילִין

אונ האט גיבריכט בייא עוג ביז אין די קעהיל אונ האט אים גהנם. אבא שאול זאגט איך בין גיוועזן איין באגרעבר פון מתים איין מאל פין איך נאך גילאפין נאך איין הירש איז דר הירש אריין אין איין גרוישן ביין פון איין מת האב איך דעם הירש נאך גיאגט דריי מייל אין דעם ביין אונ בין נאך צו דעם עק ניט גיקומן אונ אז איך בין צו ריק גיגאנגן האט מען מיר גיזאגט דאש איז דער ביין פון עוג מלך הבשן׳ אונ אטייל חכמים זאגן עוג איז גוועזן אליעזר דר קנעכט פון אברהם אונ די טריט פון זיינע פיס איז גוועזן פערצג מייל איין מאל האט אברהם אויף אים איין גישרייא גיטאן איז אים פר שרעקניש איין צאן ארויש גיפאלן האט אברהם זיך פון דעם צאן איין שיין בעט גימאכט אונ אטייל חכמים זאגן ער האט זיך איין שטול פון דעם צאן גימאכט אונ עוג האט גיבויט זעכציג שטעט די קלענשטע שטאט איז גרויש גיוועזן זעכציג מייל אונ אלע טאג האט ער אויף גיגעסן טויזנט אקסין אונ טויזנט חיות אונ ער איז וואריין גיבארן פון די מלאכים וואש גאט האט אראפ גיווארפין פון דעם הימיל אונ זיי האבן מזנה גיוועזן מיט די ווייבר אין די טעג פון נח אונ אז עס איז גיקומן דר מבול אונ האט אלין פאר טרונקן נאר נח מיט זיין הויז גזינט זיינן איבר גיבליבן אין דר תיבה האט עוג זיך אן גיהאלטין ביי דר תיבה אונ איז ניצול גיווארן נוא קען מען זעהן וויא גאט העלפט די צדיקים דאס אפילו אזעלכע שטארקע וויא סיחון אונ עוג האבן זיך ניט גיקאנט העלפין דאש זאגט דר פסוק לא בגבורת הסוס יחפץ ולא בשוקי האיש ירצה רוצה יי את יראיו את המיחלים לחסדו גאט בגערט ניט די וואש האבן שטארקע פערד אונ ניט די וואש האבן שטארקע פיס נאר ער בגערט די וואש פארכטן זיך פאר אים אונ האפין צו זיין גינאד:

חילש מאן ער איז גיוועזן איין זון פון איין קעפש ווייב פון גלעד דרום רופט אים דער פסוק בן אשה זונה ווייל זיא איז קיין רעכט ווייב ניט גיוועזן אונ אטייל חכמים זאגן זונה איז טייטש שפייזערין כלומר זיא האט גיהאלטין איין הארבעריג הויז וואש אורחים שטייען איין דרינען אונ דיא רעכטע קינדער פון גלעד האבין יפתח אוועק גיטריבין פון גלעדש הויז אונ האבין אים גיזאגט דוא וועסט מיט אונז ניט ירשנן בייא אונזער פאטער איז יפתח פון זייא אוועק גיגאנגען אונ האט זיך באזעצט אין לאנד טוב אונ עש האבין זיך איין גיזאמילט צו יפתח פיל שלעכטע מענטשין לידיג גייער אונ איילענדיגע ויהי כאשר נלחמו בני עמון אונ אז די בני עמון זיינען גיקומן מלחמה האלטין מיט די ישראל זיינן גיגאנגן די זקנים פון דר שטאט גלעד צוא יפתח אונ האבין צו אים גיזאגט גייא מיט אונז דו וועשט זיין צו איין האר איבר אונז מיר וועלין מלחמה האלטן מיט דיא בני עמון האט יפתח צו זיי גיזאגט איר האט מיך דאך פיינט אונ האט מיך פר טריבן פון מיין פאטרש הויז אונ היינט אז עש איז אייך איינג קומט איר צו מיר האבין זיי אים זייער גיבעטין ער זאל גיין מלחמה האלטין מיט עמון אונ ער וועט זיין איין האר איבר זיי האט יפתח זיי גיפרעגט ווען איך וועל עמון דר שלאגין וועל איך גיוויש זיין איין האר איבער אייך האבין די זקנים גיזאגט צוא יפתח גאט זאל זיין איין עדות צווישן אונז אז דאס וואש דו וועסט ריידן וועלן מיר טאן וילך יפתח עם זקני גלעד איז יפתח גיגאנגן מיט די זקנים פון גלעד אונ זיי האבין אים גימאכט צו איין האר אונ יפתח האט גירעט זיינע רייד פאר גאט אין מצפה דען דארטין זיינן ישראל גיוועזן איין גזאמילט אונ וואו ישראל זאמלן זיך איין דארטין רוט דיא שכינה אונ דאש הויז פון יפתח איז גיוועזן אין דר שטאט מצפה וישלח יפתח מלאכים אל מלך בני עמון לאמר האט יפתח גשיקט שלוחים צום מלך פון עמון אונ האט צוא אים גיזאגט נוארום ווילשטו מלחמה האלטן אויף מיין לאנד ענטפערט דער מלך פון עמון די ישראל האבן אוועק גינומען מיין לאנד אז זיי זיינען ארויש גיגאנגן פון מצרים דרום גיב עש מיר אפ בשלום האט יפתח ווידר גישיקט צו אים צו זאגן דיא ישראל האבין דיין לאנד ניט אוועק גינומען



# הפטרת חוקת

ויפתח הגלעדי היה גבור חיל אונ יפתח דער זון פון גלעד איז גיוועזן איין שטארקער

דען זייא האבין אפ גיקערט פון אדום אונ פון מואב אונ פון דיא בני עמון אונ האבין זיי ניט אן גירירט אונ דער נאך זיינען דיא ישראל גיקומען צו סיחון מלך האמורי האט זיי סיחון ניט גילאזט דורך גיין דורך זיין לאנד אונ האט איין גיזאמילט גאר זיין פאלק אין דער שטאט יהץ אונ די ישראל האבין זיי אלע דר שלאגין אונ האבין צוא גינומען וואש ער האט גיהאט ועתה יי אלהי ישראל אונ איצונד גאט אונזער גאט האט אונז גימאכט ירשענן דאש לאנד אמורי אונ דו ווילשט עש צו נעמען פאר וואר דאש וואש דיין אפ גאט כמוש האט דיך גימאכט ירשענן דאש זאלשטו ירשענן אונ דאש וואש גאט אונזער גאט האט אונז גימאכט ירשענען דאש וועלין מיר ירשענן בשבת ישראל אז ישראל זיינען גיזעסן אין חשבון אונ אין אירע דערפר אונ אין ערוער אונ אין אירע דערפער אונ אין אלע שטעט וואש ביי דעם טאל ארנון דרייא הונדערט יאר וואש משה האט זיי איין גינומען ווארום האשטו דענשט מאל ניט אפ גינומען די שטעט פון ישראל אונ וואש האב איך דיר איצונדערט ביוז גיטאן וואש דו ביסט גיקומען צו מלחמה האלטן מיט מיר גאט זאל משפטין צווישין מיר אונ צווישין דיר אונ דר מלך עמון האט ניט גיוואלט אפ לאזין פון ישראל ותהי על יפתח רוח יי איז גיוועזן אויף יפתח איין רוח גבורה פון גאט דאש ער האט איין שטארק הארץ באקומען צו גיין אויף עמון וידר יפתח נדר ליי אונ יפתח האט איין נדר גיטאן צום גאט אונ האט גיזאגט אז גאט וועט מיר העלפין צוא דר שלאגין די בני עמון אזו דר וואש וועט צום ערשטין ארויש גיין פון מיין הויז אז איך וועל מיך אום קערין בשלום דאש וועל איך פאר איין קרבן ברייננן צו גאט ויעבור יפתח אל בני עמון אונ יפתח איז איבער גיפארין דעם ירדן צו דיא בני עמון אונ גאט האט עמון גיגעבין אין דער האנט פון יפתח אונ ער האט זייא דר שלאגין אונ די וואש זיינען איבער גיבליבין זיינען ווארין אונטער טעניג פאר ישראל אונ אז יפתח איז אהיים גיקומען איז זיין טאכטער אים אנטקעגן גיגאנגען מיט פויקין אונ טאנצין אונ זיא האט נאך קיין מאן ניט גיהאט אזו האט יפתח צוא

רימין זייגע קליידר ווייל זיין טאכטער איז אים אנטקעגין גיגאנגען אונ זאגט צוא איר מיין טאכטער דו האשט מיך באטריבט דען איך האב איין נדר גיטאן ווער עש וועט מיר צום ערשטין אנטקעגין קומען פון מיין הויז דעם זאל איך אים ברייננען פאר איין קרבן צוא גאט זאגט דיא טאכטער צו אים לאז מיך גיין אויף דיא בערג אונ לאז מיך דארטין וויינען אונ קלאגין צווייא חדשים אויף מיינע בתולים איך אונ מיינע מיידין האט זיא דער פאטער אוועק גישיקט אויף צווייא חדשים אונ זיא האט גיוויינט אונ גיקלאגט אויף אירע בתולים וואש זיא וועט אזוא פאר לארין ווערין אונ אז זיא איז ווידער אהיים גיקומען האט דר פאטער גיהאלטין זיין נדר אונ אטייל חכמים זאגין ער האט זיא ניט אויף גיבראכט פאר איין קרבן נאר זיא האט גיוויינט וואש זיא האט גימוזט פאר זיצין אונ האט ניט גיטארט קיין מאן נעמען ווייל זיא איז גיוועזן הייליג אונ חאטשע יפתח האט גיזאגט ווער עש וועט צום ערשטין ארויש גיין זאל זיין פאר איין קרבן האט ער אזו גימיינט ווען עס וועט ארויש גיין דאש וואש איז ניט ראוי פאר קיין קרבן זאל עש זיין הייליג דרום האט זיין טאכטר גימוזט פאר זיצין אונ האט ניט גיטארט קיין מאן נעמען ווייל זיא איז גיוועזן הייליג · דר מדרש רבתי שרייבט פנחס איז דאך גיוועזן וואש ער האט אים גיקענט מתיר נדר זיין ווארום האט ער אים ניט מתיר נדר גיוועזן דער תירוץ איז יפתח האט זיך הויך גיהאלטין אונ האט ניט גיוואלט גיין צו פנחס אונ פנחס האט זיך הויך גיהאלטין אונ האט ניט גיוואלט גיין צו יפתח אונ דורך דעם איז ווארין פאר לארין די טאכטר פון יפתח אונ דר פאר האט זיי גאט גשטראפט דאש פון יפתח איז אפ גיפאלין דאש פלייש פון זיין לייב שטיקער ווייש אונ פון פנחס האט זיך די נבואה אפ גיטאן · די גמרא זאגט אין בבא קמא אויף דעם פסוק ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים עש האבין זיך צו יפתח איין גיזאמילט ליידיגע מענטשין אזעלכע מענטשין וויא ער איז גיוועזן דען ער איז ניט פרום גיוועזן האבין זיך צו אים איין גיזאמילט אויך ניט קיין פרומע מענטשין אבר צו איין צדיק באהעפטין זיך צדיקים:

וידבר יי אל משה לאמר: זאת חקת התורה רבי יוסי הייבט אן וזאת התורה אשר שם משה קום אונ זעה די דברי תורה זיינען הייליג אונ זיס אזו וויא עס שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ווער עס איז עוסק בתורה איז גלייך וויא ער שטייט אויף דעם בארג סיני אונ איז מקבל דיא תורה אזו וויא עס שטייט היום הזה נהיית לעם ווייטער זיינן סודות פון חקת התורה רבי שמעון מיט רבי אלעזר זיינען גיוועזן בייא רבי פינחס בן יאיר זאגט רבי פינחס צו רבי שמעון איך בעט דיך וויל דו בישט אזו חשוב למעלה אונ דו האשט רשות צו מגלה זיין סודות וואס קיינער האט דער צוא קיין זכות ניט דרום אנטפלעק מיר עפעס איין זאך אין דער פרשה זאת חוקת התורה זאגט רבי שמעון צו זיין זון רבי אלעזר שטייא אויף אין דיין שטאנד אונ זאג איין זאך אין דער פרשה אונ דער נאך לאזין די חברייא זאגין · שטייט רבי אלעזר אויף אונ הייבט אן עס שטייט וזאת לפנים בישראל על הגאולה ועל התמורה לקיים כל דבר שלף איש נעלו ונתן לרעהו אין דעם פסוק מוז מען מסתכל זיין מען זאל אים רעכט פאר שטיין דען אז דיא קדמונים האבין גימאכט אזו איין הסכמה אויף דער וועלט אז מען זאל מיט איין שוך קונה זיין איין זאך ווארום האט מען עס דער נאך מבטל גיוועזן אמער ווען איינער איז מבטל איין זאך פון דער תורה איז גלייך וויא ער מאכט חרוב דיא וועלט אלא דאש איז בדין תורה ובסוד עליון גימאכט גיווארין אונ דרום וויל די ערשטע זיינען גיוועזן חסידים אונ צדיקים איז דיא זאך בייא זייא גיוועזן אנטפלעקט איין קנין צו טאן מיט דעם שוך אונ אז עס איז גימערט גיווארין דיא רשעים אויף דער וועלט איז גימאכט גיווארין דיא זאך אנדערש כדי מען זאל זעהען אז דיא זאך וואס איז נישטעלט גיווארין על פי סוד זאל זיין פאר הוילין · דער פסוק זאגט אל תקרב הלום של נעליך מעל רגליך דאש האט הקב"ה גימיינט אז ער זאל זיך פורש זיין פון זיין ווייב וואס זיא הייסט נעל אונ זאל זיך בהעפטין אין דער שכינה אז זיא זאל תמיד זיין בייא אים דער נעל ווייזט אז ער זאל זיך אפ שיידין פון דער וועלט וואס ער גייט אוועק אונ זאל זיך באהעפטין אין איין אנדערין עולם דרום האט ער גיזאגט של נעליך ציא אפ פון זיך דיא מעשים פון עולם הזה דרום אלץ וואש איין מת גיט צוא איין מענטשין אין חלום איז גוט אונ אז ער נעמט עפעס איז ניט גוט אונ אז ער נעמט צו איין שוך ווייזט ער אים אז ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט מיט זיינע פיס צוא גיין אויף יענער וועלט אונ דאש איז אז איין מת טוט דאש אבער אז איין לעבעדיגער ציהט אפ איין שוך אונ גיט אים צוא זיין חבר ער זאל דער מיט עפעס מקיים זיין אזו טוט ער עס בגזירת עליון אונ דער טעם פון דער חליצה איז אויך בסוד עליון אונ אלץ איז איין שורש דער פון · קום אונ זעה אז איינער שטארבט אן קינדער אזו קען זיין רוח ניט ארויף קומען ער איז נטרד אונ נע ונד אויף דער וועלט אונ ער גיפינט ניט קיין ארט דרום האט הקב"ה ווידער חם גיהאט אויף אים אז ער זאל ווידער קומען אויף דער וועלט אין איין אנדער גוף זיך מתקן צו זיין אזו וויא דער פסוק זאגט ואדם אונ דיא נשמה אל עפר ישוב קומט ווידער אין איין אנדער גוף עפר ארויין מחמת דער ברודער דער יבם נעמט דיא יבמה דעם ברודערש ווייב אונ דאש קינד וואש ער האט מיט איר דאש איז דיא נשמה פון זיין ברודער וואש איז גישטארבין אזו האט ער איין תיקון אונ אז ער וויל זיא ניט מייבם זיין מוז ער אן בינדין איין שוך אויף דעם פוס אונ זיא זאל אים אפ בינדין אונ אראפ ציהען פון זיין פוס אונ זאל נעמען דעם שוך צוא זיך פון דעם מת וועגין צו ווייזין אז דיא נשמה קומט אויף איר ארט על מנוחתו בכבוד צוא דער שכינה אונ זיא דארף דעם שוך איין ווארף געבין אויף דער ערד צוא ווייזין אז איצונד איז גישטילט גיווארין דער גוף פון דעם מת ער וועט שוין האבין מנוחה וויל זיין רוח איז שוין ארויף גינומען גיווארין למעלה אויף זיין ארט אונ הקדוש ברוך הוא האט אויף אים חם

גיהאט אונ דערנמאלט קען ער שוין קומען אין איין היוכין עולם · אונ דאש וואש זיא ווארפט דעם שוך צוא דער ערד מייזט דאש אז דער מת וועט שוין מער ניט גיבארין ווערין נאך איין מאל אין איין אנדערין גוף ער קערט זיך אום צוא זיין ערשטער ערד פון וואנען ער איז פון דארט גינומען גיווארין דען מעג שוין דיא אשה נעמען איין אנדער מאן אונ מיט אים האבין קינדער · קום אונ זעה ווער עש וויל איין זאך מקיים זיין אז עס זאל האבין אקיום נעמט ער זיין שוך אונ גיט צוא זיין חבר ער זאל דער מיט מקיים זיין עש זאל האבין איין קיום ער זאל שוין קיין חרטה ניט האבין דרום זאגט דער פסוק וזאת לפנים בישראל דאש איז נוהג גיוועזן פאר צייטין ביא דיא ישראל דאש זייא זיינען גיוועזן צדיקים אונ האבין מקיים גיוועזן אלע זאכין זייא זאלין האבין אקיום דורך דעם שוך אבער היינט האבין זייא דיא זאך איבער גישטעלט מיט אנאנדער גישטאלט מקבל קנין צוא זיין מיט איין מאנטיל אדער איין קלייד דאש איז אלץ גרוישע סודות בקיצור גישריבין בדרך נגלה אונ דרום שטייט וזאת התעודה בישראל דאש הייסט אקיום בישראל מיט דעם קיום עליון אונ דאש אונ חקת התורה איז אלץ איינש · ווייטער קען מען ניט שטעלין עש איז גרוישע סודות: יאסף אהרן רבי חייא זאגט עש שטייט ושבח
אני את המתים מן החיים דעם פסוק האבין מיר שוין מפורש גיוועזן · קום אונ זעה אלע מעשים פון הקדוש ברוך הוא זיינען בדין אמת אונ עש איז אלץ נאך זיין רצון אונ קיינער קען אים ניט ווערין זאגין צוא אים וואש טושטו עש איז דאך קשה וויא אזו האט שלמה גיזאגט איך לויב די מתים מער פון דיא לעבעדיגע אמער דאש ווארט חי הייסט דאך איין צדיק אזו שטייט ובניהו בן יהוידע בן איש חי דער וואש גייט בדרך אמת הייסט ער חי אונ איין רשע הייסט מת ווארום האט ער דא גיזאגט אז דיא מתים זיינען בעסער פון דיא לעבעדיגע נאר אלע רייד פון שלמה זיינען גיוועזן מיט חכמה ווען עס וואלט נאר גישטאנען ושבח

אני את המתים ניט מער וואלט איך אזוא גימיינט וויא מיר האבין גיזאגט איז איין קשיא אויף שלמה שטייט דאך אבער שכבר מתו מיינט ער אזעלכע מענטשין וואש זייא זיינען שוין איין מאל גישטארבין אונ האבין שוין מקבל גיוועזן זייער עונש אויף יענער וועלט אונ זיינען נאך איין מאל גיבארין גיווארין דיא דאזיגע רופט ער אן מתים וויל זייא זיינען שוין איין מאל גישטארבין חאטשע היינט לעבין זייא רופט ער זייא דאך אן מתים אויף דיא האט ער גיזאגט איך לויב דיא מתים שכבר מתו וואש זייא זיינען שוין איין מאל גישטארבין אונ האבין שוין מקבל גיוועזן זייער עונש דיא וועלין שוין בוודאי קומען לעולם הבא דרום לויב איך זייא בעסער מן החיים פון דיא לעבעדיגע וואש זיינען קיין מאל ניט גישטארבין אונ דיא ווייסט מען ניט אויב זייא וועלין קומען לעולם הבא · קום אונ זעה דיא צדיקים זיינען זוכה מקושר צוא זיין בצרור החיים זייא וועלין זוכה זיין צוא זעהען דעם גרוישין כבוד פון דעם מלך הכבוד אזו שטייט לחזות בנועם יי ולבקר בהיכלו אונ זייער תענוג איז למעלה העכער פון דיא הייליגע מלאכים אין דעם ארט וואש הייסט עדן העליון וואש דיא עליונים ותחתונים זיינען דארטין ניט זוכה צוא זעהען אזוא שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ דיא וואש זיינען ניט אזו זוכה האבין זייער ארט נידעריגער איטליכער וועדליג זיין מדריגה נאך זיינע מעשים זייא זיינען ניט זוכה צוא זעהען דעם עדן העליון נייערט דעם עדן התחתון אונ דער עדן שטייט אויף דעם עדן התחתון דער חילוק איז צווישין זייא כיתרון האור מן החשך דער אונטערשטער עדן הייסט איין גן צוא דעם אויבערשטין עדן אונ דער אויבערשטער גן איז איין עדן צו דעם עדן התחתון אונ דיא וואש זיינען נאר אין גן עדן התחתון אזו האבין זייא הנאה אלע ראשי חדשים אונ שבת פון דעם עדן העליון אזו שטייט והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו אונ דער אונטערשטער עדן הייסט עדנה לשון נקבה אונ דר אויבערשטר הייסט עדן לשון זכר דרום זאגט שלמה

ושבח אני את המתים מן החיים אשר המה חיים עדנה דיא מתים וואש זיינען שוין גישטארבין איין מאל אדער צוויי מאל אונ האבין זיך שוין מתקן גיוועזען ווערין זיי לויטער וויא זילבער וואש ווערט עטליכע מאל גילייטערט אין פייער אונ דיא פסולת גייט דער פון אוועק אזו אויך דיא נשמה איז שוין אויף יענער וועלט אונ האט שוין מקבל גיוועזען איר עונש אונ איז שוין לויטער איז איר בעסער מן החיים אשר המה חיים עדנה פון דיא וואש זיינען אין עדנה דאש הייסט דער עדן התחתון וטוב משניהם אונ עס איז נאך בעסער פון דיא ביידע את אשר עדן לא היה דאש זיין רוח איז נאך אין זיין בשטאנד ער דארף ניט אראפ גיין מקבל זיין איין עונש ער ווערט גישפייזט פון דעם זיו עליון דאש איז למעלה למעלה אונ עס איז נאך בעשער פון אלשדינג ווער עש איז נאך ניט אנטפלעקט גיווארין אונ אפ גישייד גיווארין פון זיין ארט אונ אלע דיא רייד פון שלמה זיינען פיל פאר שטעלט מיט חכמה · וואול צוא דעם וואש ער היט דיא מצות פון דער תורה אונ איז אין איר עוסק יומם ולילה דער איז אן גיהאלטין אונ איז נהנה במדריגה עליונה מער פון אלע מענטשין · קום אונ זעה בשעת הקדוש ברוך הוא האט גיזאגט צוא משה יאסף אהרן אל עמיו איז שלאף גיווארין דער כח פון משה דען משה איז גיוועזען וויא איין גוף אונ אהרן איז גיוועזען זיין רעכטע האנט אונ אז ער האט גיזעהען אז זיין רעכטע האנט גייט פון אים אוועק איז שלאף גיווארין זיין גאנצער גוף ווייל דיא רעכטע האנט איז פון אים גיבראכין גיווארין האט אים הקב"ה גיזאגט קח את אהרן ואת אלעזר בנו אז דיא רעכטע האנט גייט פון דיר אוועק וועל איך דיר געבין איין אנדערע רעכטע האנט דאש איז זיין זון אלעזר דאך איז דאש ניט גיוועזען בשלימות אזו וויא בייא זיין פאטער ווארום אז אהרן איז גישטארבין האבין זיך אפ גיטאן דיא ענני כבוד אונ בזכות משה זיינען זייא ווידער גיקומען אבער ניט בזכות אלעזר :

ויעש משה כאשר צוה ה' וגו' לעיני כל העדה נאך וואש איז דאש גיוועזען פאר דער גאנצר עדה נאר ווייל אהרן איז גיוועזען גיליבט צוא דער גאנצער עדה מער וויא אנאנדערער וועלין זייא זאגין ער איז גאר ניט גישטארבין דרום האט דאש גימוזט גיטאן ווערין פאר דער גאנצער עדה לעיני כל ישראל ער האט אים איין גירעט מיט גוטע רייד אויף דעם בארג אז כל ישראל זאלין זעהען וויא משה האט אויש גיטאן דיא קליידער פון אהרן אונ האט זייא אן גיטאן צו זיין זון אלעזר אונ פאר וואש האט זיך אהרן אליין ניט אויס גיטאן דיא קליידער נאר ווייל משה אליין האט זייא אים אן גיטאן אז ער איז גיווארין איין כהן גדול אזו וויא עש שטייט וילבש משה את אהרן את בגדיו דרום האט ער זייא אליין ווידער פון אים אויש גיטאן פון אויש ווייניג אונ הקב"ה האט אים אויש גיצויגין. פון אינעווייניג זיין נשמה וואש ער האט אים גיגעבין אונ כל זמן אז משה האט אים ניט אויש גיטאן דיא קליידער פון דרויסין האט הקב"ה בייא אים ניט צו גינומען דיא נשמה פון אינעווייניג · וואול דעם חלק פון דיא צדיקים דאש הקב"ה באגערט אין זייער חלק אונ וויל זייער כבוד ער האט אן גיברייט צוא אהרן איין בעטיל מיט איין מנורה פון גאלד וואש זיא האט גילייכט אנטקעגין דער מנורה וואש ער האט גיצונדין אין משכן צווייא מאל אין טאג דער נאך איז דיא פי המערה פאר שטאפט גיווארין זיינען משה מיט אלעזר אראפ גיגאנגען · רבי יהודה זאגט דיא פי המערה איז גיוועזען פריער אפין כדי אז כל ישראל זאלין זעהען אז אהרן ליגט אין זיין בעטיל אונ דאש ליכט פון דער מנורה ברענט פאר אים אונ דאש בעטיל איז ארויש אונ ארייין גיגאנגען אונ איין וואלקין איז איבער אים גישטאנען דען האבין שוין דיא ישראל גיוואוסט אז אהרן איז גישטארבין אונ האבין גיזעהען אז דיא ענני כבוד זיינען אפ גיטאן גיווארין דרום שטייט ויראו כל העדה דאש איז טייטש זייא זיינען ווארין ארויש גיזעהען דען דיא עננים וואש עש איז גיוועזען ארום זייא זיינען אוועק גיגאנגען דרום האבין אויף אים גיוויינט כל בית ישראל מאנזבילין אונ ווייבער מיט דיא קינדער ווארום זייא האבין אים אלע ליב גיהאט · רבי שמעון זאגט די ודייא

מתים עליונים משה אהרן ומרים ווארום זיינען זייא ניט באגראבין געווארין ביא אנאנדער בייערט איטליכר אויף איין בזונדער ארט נאר אויף אלע ערטער וואו די ישראל זיינען געוועז במקום סכנה איז דארטין איינר פון זיי געשטארבין ער זאל אויף זייא מגין זיין אונ דורך זייער זכות זיינען זיי ניצול געווארין׃ פיל זוכה איז דער חלק פון דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא חאטשע זיי זיינן במקום העליון אונ זייער זכות איז מגין צו די ישראל לדורי דורות אויף דער וועלט דען בשעת מען איז גוזר איין גזירה אויף די ישראל אונ זיי טוען תשובה אזו רופט הקב״ה צו די צדיקים וואש שטייען פאר אים למעלה אונ איז מודיע אז זיי זאלין מבטל זיין די גזירה ווייל הקב״ה האט רחמנות אויף די ישראל פיל זוכה זיינען די צדיקים דאש אויף זיי איז גיזאגט געווארין ונחך יי תמיד והשביע בצחצחות נפשך ועצמותיך יחליץ וגו׃

וידבר העם באלהים ובמשה רבי יצחק זאגט עש שטייט ותלבש אסתר מלכות מגלת אסתר איז גיזאגט געווארין ברוח הקודש דרום שטייט די מגלה צווישין די כתובים ויהי ביום השלישי עש איז שוין געוועז דעם דריטין טאג וואש זיא האט גיפאסט אונ איר גוף איז שלאף געווארין דען איז זיא גישטאנען מיט איר רוח אן איין גוף ותלבש אסתר מלכות ווען זיא האט אן גיטאן חשובי קליידר פון מלכות וואלט דאך גדארפט שטיין ותלבש בגדי מלכות נאר דר פסוק מיינט זיא האט זיך אן גיקלייד מיט מלכות שמים הקדושה דאס איז די שכינה אונ האט זוכה געוועזן צו רוח הקודש פר וואס איז דאס אלץ געוועזן ווייל זיא האט אפ גיהיט איר מויל פון צו ריידין אזו וויא עס שטייט אין אסתר מגדת אונ מיר האבין גלערינט דר וואס היט אפ זיין מויל מיט זיין צונג ער זאל ניט ריידין קיין שלעכץ דר איז זוכה אן גקלייד צו ווערין ברוח הקודש אונ ווער עס קערט חלילה אפ מיט זיין מויל צו ריידין לשון הרע אונ אנדערע שלעכטע רייד דא קומן די אייגענע בייזע רייד אויף אים אליין אונ עס קומט אויף אים נגעים אדער צרעת וואש ברענגן אים וויא איין גיפט פון אשלאנג אזו וויא מיר האבין שוין מפורש געוועזן דעם פסוק וידבר העם באלהים ובמשה זיי האבין גירעט בייז אויף הקב״ה אונ אויף משה אונ האבן גזאגט

למה העליתונו ממצרים זיי האבין ביידען גלייך גימאכט מיט דעם זאגין נאך וואש האט איר אונז אויש גיצויגין פון מצרים דרום איז אויף זיי אן גישיקט געווארין די ברענענדיגע שלאנגן וואס האבין זיי פר ברענט אזו וויא איין פייער עס האט גיגרייכט פון דעם מויל ביז אין די גידערים ארין אונ זיי זיינען געשטארבין אזו וויא עש שטייט וישלח יי בעם את הנחשים השרפים׃ רבי חייא זאגט עש זיינען גיקומען אזעלכע נחשים וואש זייא האבין גימאכט מיט זייער מויל אונ פלאמען פייער איז געוועזן אין זייער מויל אונ האבין זיי גיביסין אונ פייער ארין געווארפין אין זייא דא זיינען זייערע גידערים פר ברענט געווארין אונ זיינען געשטארבין די רייד זיינען פיל סודות פר וואס עס איז אזו געוועזן׃

ומשם בארה היא הבאר ווארום הייסט ער אמאל באר אונ אמאל בארה ער זאגט דרויף גרוישע סודות היא הבאר אשר אמר יי למשה אסוף את העם דען דר באר איז ניט אפ גטאן געווארין פון זיי׳ אויב דו וועסט פרעגין וויא אזו האבין זיי אלע גיקענט שעפין דר פון׳ אלא דר באר האט זיך צו טיילט אויף צוועלף טייל נחלים אונ קוואלין זיינען דר פילט געווארין אונ זיינען גיגאנגען אויף אלע זייטין אונ אז די ישראל האבין גירוט אונ האבין באגערט וואסר האבין די ישראל זיך גשטעלט לעבין באר אונ האבין גזאגט שירה אונ האבין אזו גזאגט עלי באר ענו לה ברייננ אויף דיין וואשער צו אלע זייטין אין דעם שבח פון דעם באר האבין זייא אזו גיזאגט באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם זיי האבין גיזאגט אמת דען די אבות האבן אים גיגראבן אזו וויא עש שטייט אויף אנאנדר ארט פון דאנען לערנען מיר אפ ווער עש וויל מעורר זיין דברים עליונים סיי במעשה אונ סיי בדיבור ווען ער טוט די מעשה אדער מיט דעם דיבור ניט אזו וויא עש בדארף צו זיין העלפט עש אים גאר ניט אונ ער איז גאר ניט מעורר׳ די גאנצע וועלט גייען אין שול ארין מעורר צו זיין דבורים עליונים אבער עש איז גאר ווייניג וואש ווייסין רעכט מעורר צו זיין אונ הקב״ה איז נאהענט צו אלע אבר צו דעם וואש ער קען אים ניט רופין רעכט איז ער נים נאהענט אזו וויא דר פסוק זאגט קרוב יי לכל קראיו וואס בדארף ער נאך ווייטער זאגין לכל אשר יקראוהו

באמת נאר מען מוז ווישן אים רעכט אן צוא
רופין אונ צו דעם איז ער נאהענט אזו אויך
די ישראל האבין גיזאגט דברי אמת אונ דר
מיט האבין זייא מעורר גיוועזן צו דעם באר
דאש זיא האט אויף גיבראכט איר וואשער
צו אן טרינקן כל ישראל אונ כל זמן אז זיי
האבין ניט גירעט די רייד זיינען זיי ניט אויף
גיגאנגען זאגט רבי שמעון דא וועל איך אייך
מגלה זיין איין זאך וועהר עש וויל מסדר זיין
די מעשה ודברים אזו וויא עש בדארף צו
זיין איז ער בוודאי מעורר צו הקב"ה ער זאל
מושך זיין דברים עליונים ער זאל זיך צו זיי
מקשר זיין אונ אויב עש איז ניט אזו וויא מען
בדארף איז ער זיך ניט מקשר צו זיי · איז
דאך די קשיא אז עש איז אזו אז די גאנצע
וועלט מוז ווישן ער זאל מסדר זיין במעשה
ובדבור אם כן וואש איז די מעלה פון די
צדיקים וואש זיי ווייסין דעם עיקר הדברים
אונ די מעשה אונ ווייסין מכוין צו זיין זייער
הארץ מער וויא אנאנדערר · אלא דער חילוק
איז די וואש ווישן ניט דעם שורש ועיקר אונ די
רעכטע מעשה דער פון נייערט נאר דעם
סידור אליין וואש עש שטייט פר אים אן איין
רעכטער כונה די ציהען אויף זיך כביכול מאחוריו
פון דעם הינטער דעם אקסיל פון הקב"ה אונ
דאש איז ניט קיין רעכטע שמירה אויף אים
אבער די וואש ווייסין רעכט אונ זיינען מכוין
רעכט זייער הארץ אונ זייער מחשבה אזו
זיינען זיי מוציא די ברכות פון דעם ארט וואס
הייסט מחשבה עליונה אונ משורש הברכה למעלה
בדרך הישר ציהען זיי אראפ וויא עש געהער צו
זיין ביז עם ווערין גיבענטשט דיא עליונים
ותחתונים אונ דר שם הקודש ווערט גיבענטשט
דורך זיי וואול צו זייער חלק וואש הקב"ה איז
נאהענט צו זיי אונ איז אן גיברייט אנטקעגן
זיי אונ אז זיי רופין אים בשעת זיי זיינען בצרה
העלפט ער זיי בעולם הזה ובעולם הבא אזו
וויא דר פסוק זאגט כי בי חשק ואפלטהו אשגבהו כי
ידע שמי יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו:
ויאמר יי' אל משה אל תירא אותו צווייא מאל אין
דער תורה שטייט אותו מיט איין ואו

אבער אין דער גאנצער תורה שטייט אלץ את
אן איין וא"ו נאר איין אותו איז דא ביי עוג
את איינר שטייט ביי אבדה עד דרוש אחיך אותו
אלא אזו וויא דארטין איז טייטש דו זאלשט
אים נאך פארשטין אויב ער האט די אבדה
פאר לארין דרום שטייט אותו דו זאלסט רעכט
חוקר זיין איין צייכין אזו דא עוג מלך הבשן
איז גיוועזן פון די הויז לייט פון אברהם אונ
עש שטייט וכל אנשי ביתו נמולו אתו האט אברהם
אים אויך מל גיוועזן אונ אז עוג האט גיזעהען
אז די ישראל גינעהנן צו אים האט ער גיזאגט
זיי האבין דעם זכות פון דעם אות דאש איז
מילה איך האב דעם זכות פריער אויף מיר
אונ ער האט זיך פאר זיכערט אויף דעם אות
אז דער זכות וועט אים העלפין דרום האט
זיך משה זייער גיפארכטין ווארום וויא איז
מיגלעך אויס צו רייסין דעם אות וואס אברהם
אבינו האט אים גצייכינט משה האט אזו גזאגט
אברהם איז גיוועזן מצד הימין אונ מיין ימין
דאש איז אהרן איז שוין גישטארבין אונ מען
קען אים אנדערש גיט ביא קומען נאר מיט
דעם ימין אזו וויא עש שטייט ימינך יי' תרעץ
אויב דרום זאגט הקב"ה צו אים אל תירא אותו
דו זאלשט זיך ניט פארכטין פאר זיין אות
מען בדארף קיין ימין צו אים ניט האבין כי
בידך נתתי אותו מיט דיין יד שמאל קענסטו אים
אויש רייסין דען ער האט פוגם גיוועזן דעם
אות אונ דיין יד שמאל וועט אים מיט
זיינע קינדר בוודאי פאר לירין פון דר וועלט
חאטשע ער איז איין גבור אזו וויא דער פסוק
זאגט אותו ואת בניו ואת כל עמו זיינן אלע גפאלין
אין דער האנט פון משה · וואול צו די ישראל
וואס משה דער נביא נאמן איז גיוועזן צווישין
זייא דאש פון זיינט וועגין האט זיי הקב"ה
גיטאן אלע נסים אונ חאטשע אברהם האט
מל גיוועזן אין גאנצין זיין בני בית האט פארט
הקדוש ברוך הוא כורת ברית גיוועזן נאר
מיט אים אונ מיט דיא קינדער פון אברהם
אזו וויא דער פסוק זאגט ולזרעך אחריך לדורותם
וגו' אונ ווידער שטייט ואני זאת בריתי אותם
אמר יי' וגו'

וירא בלק אונ אז בלק דר מלך פון מואב האט
גיזעהן דאש די צווייא שטארקע מלכים
סיחון אונ עוג האבין ניט גיקענט באשטיין
אנטקעגין ישראל אזוא האט ער זיך זייער
גיפארכטין פאר ישראל אונ דרום שטייט בלק
בן צפור אונ ניט בלק מלך מואב ווייל אז ער
האט גיזעהן דאש די צווייא שטארקע מלכים
האבן ניט גקענט בשטיין דרום האט זיך אים
גידאכט דאש ער איז שוין קיין מלך ניט ׃
אונ ער האט גזאגט די צווייא שטארקע מלכים
וואש מיר האבין זייא מס גיגעבן זיי זאלן אונז
היטין פאר ישראל האבין זייא ניט גיקאנט
באשטיין פאר ישראל מכל שכן מיר וועלין
בוודאי גיט קענן בשטיין ויאמר מואב אל זקני מדין
אונ מואב האט גזאגט צו די עלצטע פון מדין
דען אז זיי האבן גזעהן דאש די ישראל זיינן
מנצח גיט אזו וויא דער סדר פון דר וועלט ׃
האבין זיי גיפרעגט צוא די עלצטע פון מדין
משה רבינו איז דאך ביי אייך גיצויגן גיווארן
דרום זאגט אונז מיט וואש איז זיין כח דאש
ער גיווינט אין אלע מלחמות ׃ אונ חאטשע
די צווייא מלכים האבין זיך תמיד פיינט גהאט
גאר איצונד ווייל זיי האבן זיך גיפארכטן פר
ישראל האבין זיי צווישין זיך שלום גימאכט
עש איז איין משל צוויי בייזע הינט וואש האבן
זיך תמיד מיט אנאנדר גקריגט ׃ איין מאל איז
גיקומן איין וואלף אויף איינעם האט זיך דר
אנדרער גיטראכט ווען איך וועל אים היינט
ניט העלפין אזו וועט מארגין דר וואלף אויף
מיר קומן ׃ אזו אויך האבן זיך די צווייא מלכים
גטראכט דרום האבן זיי שלום גמאכט צווישן
זיך צו גיין אנטקעגין ישראל ׃ אונ די עלצטע
פון מדין האבין גיזאגט צו מואב זיין כח איז
גאר מיט זיין מויל דאש ער טוט תפלה האט
מואב גיזאגט מיר וועלין אויף אים ברייגנען
בלעם וואש זיין כח איז אויך גאר מיט זיין
מויל אונ ער וועט זיי שילטין ׃ כלחוך השור את
ירק השדה אזוא וויא איין אקס עסט אפ דאש
גראז פון דעם פעלד מיט דעם וואורציל אונ

עש קען שוין ניט ווידר אויף וואקסין ׃ אזו
וועלן די ישראל אונז אויף עסין ׃ אונ בלק בן
צפור איז גיוועזן איין מלך צו מואב אין דער
צייט וואש סיחון איז גיטייט גיווארין ׃ וישלח
מלאכים אל בלעם בן בעור האט בלק גשיקט שלוחים
צו בלעם דר זון פון בעור קיין פתורה אונ דרום
האט דיא שטאט גיהייסין פתורה דאש איז
טייטש איין וועקסלר כלומר אזו וויא צו איין
וועקסלער טראגט איטליכער מטבעות צוא
בייטין אזו האבין אלע מלכים גשיקט זייערע
בריב צו בלעם נאך איין פשט איז בלעם איז
ווארין גירופין פתורה דאש איז טייטש איין
באשיידר כלומר ווען עש האט זיך עפעס
גחלמת האט ער עש בשייד אונ ער איז גוועזן
איין נביא פון גאט צו די אומות אויך האט
גאט גיגעבין מלכים פון די אומות נבוכדנצר
וואש ער איז גוועזן איבר דר גאנצר וועלט אזו
וויא שלמה המלך אונ שלמה האט דאש בית
המקדש גיבויט אונ נבוכדנצר האט עס חרוב
גמאכט אויך האט גאט גרויש עשירות גגעבן
צו דוד האט ער דאש אלין גילאזט אויף דעם
בית המקדש אונ ער האט גיגעבן עשירות צו
המן האט ער גיוואלט כל ישראל הרגענן כי
ידעתי את אשר תברך מבורך דען איך ווייש ווען
דו בענטשט דר איז גיבענטשט אונ וועמן דו
שילסט איז פר שאלטין דען בלעם איז גוועזן
איין שטערין זעהר אונ ווען ער האט גיזעהן
איין שטערין נייזט אויף איין מענטשין ביז
האט ער אים גישאלטין אונ דר נאך אז דאש
בייז איז גקומן האבן די לייט גימיינט עש איז
גקומן דורך זיין קללה אונ בלק האט אויך אזו
גימיינט דאש בלעם קאן שילטין וקסמים בידם
אונ זיי האבן מיט גנומן אלע זאכן פון כישוף
כדי בלעם זאל קיין אויס רייד ניט האבין ער
האט ניט די זאכן פון כישוף אונ אויך האבן
זיי מיט גינומן זילבר אונ גאלד צו געבן שכר
צו בלעם אונ די עלצטע פון מדין האבן גזאגט
ווען ער וועט באלד מיט אונז גיין איז גוט אונ
אויב ער וועט אפ לייגין ׃ איז אין זיינע רייד

קֵיין מַמָשׁ נִיט דָא ׳ אוּנ וִויא בַּאלְד עֶר הָאט
צוּ זַיי גִיזָאגְט נֶעכְטִיגְט דָא דִי נַאכְט זַיינֶען
דִי עֶלְצְטֶע פוּן מִדְיָן אַוֶועק גִינַאנְגֶען אוּנ דִיא
הַארִין פוּן מוֹאָב זַיינֶען גִיבְּלִיבִּין זִיצִין לִינוּ פֹּה
הַלַּיְלָה גֶעכְטִיגְט אִיבֶּר דִי נַאכְט דֶען גָאט וַוייזְט
זִיךְ צוּ אִים נָאר בַּיי נַאכְט אוּנ דוּרְךְ אַיין חָלוֹם
מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה גָאט הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וֶוער
זַיינֶען דִי דָאזִיגֶע מֶענְטְשִׁין הָאט בִּלְעָם גִיזָאגְט
צוּ גָאט דָאשׁ הָאט בָּלָק צוּ מִיר גִישִׁיקְט אִיךְ
זָאל גֵיין שִׁילְטִין יִשְׂרָאֵל הָאט גָאט צוּא אִים
גִיזָאגְט גֵייא נִיט מִיט זַיי הָאט בִּלְעָם גִיזָאגְט
אִיךְ וֶועל זַיי שִׁילְטִין אִין דֶר הַיים הָאט גָאט
צוּ אִים גִזָאגְט שִׁילְט זַיי נִיט הָאט בִּלְעָם גְזָאגְט
אִיךְ וֶועל זַיי בֶּענְטְשִׁין הָאט גָאט גִיזָאגְט זַיי
זַיינֶען שׁוֹין לַאנְג גִבֶּענְטְשְׁט זַיי דַארְפֶן נִיט דַיין
בְּרָכָה אִיז גִיקוּמֶן בִּלְעָם אוּנ זָאגְט צוּ דִי הַארִין
פוּן בָּלָק גֵייט אַהֵיים דֶען גָאט הֵיישְׁט מִיר נִיט
גֵיין מִיט אַייךְ נָאר מִיט גְרֶעשֶׂערֶע הַארִין פוּן
אַייךְ דֶען עֶר אִיז אַיין בַּעַל גַאֲוָה גִיוֶועֶן עֶר
הָאט נִיט גִיוָואלְט זָאגִין דָאשׁ עֶר אִיז אִין דֶר
הַאנְט פוּן גָאט דְרוּם הָאט עֶר אַזוֹ גְזָאגְט אוּנ
דְרוּם הָאט בַּאלְד בָּלָק גִשִׁיקְט גְרֶעשֶׂערֶע הַארִין
צוּ זָאגִין צוּ בִּלְעָם אִיךְ וֶועל דִיר גְרוֹישׁ כָּבוֹד
אָן טָאן נָאר שִׁילְט מִיר דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹ הָאט
בִּלְעָם גִימוּזְט מוֹדֶה זַיין דָאשׁ עֶר אִיז בַּיי גָאט
אִין דֶר הַאנְט אוּנ הָאט גְזָאגְט וֶוען בָּלָק וֶועט
מִיר גֶעבִּין זַיין הוֹיז פוּל מִיט גָאלְד אוּנ זִילְבָּר
טָאר אִיךְ נִיט אַנְדֶרְשׁ טָאן נָאר וִויא גָאט הֵיישְׁט
מִיר אוּנ פוּן דַאנֶען לֶערְנֶען מִיר אָפּ דָאשׁ בִּלְעָם
הָאט גִילוּשְׁט צוּ פִיל גֶעלְט אוּנ גוּטְשׁ אוּנ אַזוֹ
הָאט עֶר גִיזָאגְט בָּלָק דַארְף מִיר גֶעבִּין נָאר
זַיין זִילְבָּר אוּנ גָאלְד דֶען עֶר וָואלְט גִידַארְפְט
פִיל חַיִל דִינְגֶען עֶרְשְׁט וָואלְט אַיין סָפֵק גִוֶועֶן
אוֹיבּ עֶר וֶועט גִיוִוינֶען אָבֶּר אִיךְ וֶועל מִיט מַיין
שִׁילְטִין גִיוִוישׁ גִיוִוינֶען אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט
צוּא דִי שָׂרִים פוּן מוֹאָב נֶעכְטִיגְט אִיר אוֹיךְ
אִיבֶּר דִי נַאכְט אוּנ אִיךְ וֶועל הֶערִין וָואשׁ גָאט
וֶועט מֶערִין צוּ רֵיידִין צוּ מִיר דֶען גָאט וֶועט
גִיוִוישׁ נִיט פַר עֶנְדֶערִין פוּן אַיין בְּרָכָה צוּ אַיין

קְלָלָה הַלְוַאי גָאט זָאל נִיט מֶערִין זַיי קֵיין בְּרָכָה
דָא הָאט עֶר נְבִיאוֹת גִיזָאגְט דָאשׁ גָאט וֶועט
נָאךְ מֶערִין בְּרָכוֹת צוּ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ אִים אוּנ
עֶר הָאט גִזָאגְט צוּ דִי שָׂרִים אִיר זַייט קְנֶעכְט
פוּן אַיין מֶענְטְשִׁין אוּנ מוּזְט טָאן וָואשׁ עֶר
הֵייסְט אַייךְ אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן דָאשׁ אִיךְ מוּז טָאן
וָואשׁ גָאט הֵייסְט מִיר אוּנ גָאט הָאט גְזָאגְט
צוּ בִּלְעָם אוֹיבּ זַיי וִוילִין דִיר שְׂכַר גֶעבִּן זָאלְשְׁטוּ
גֵיין מִיט זַייא נָאר וָואשׁ אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסִין
דָאשׁ וֶועשְׁטוּ מוּזִין רֵיידִין אוּנ פוּן דֶעמְט וֶועגִין
אִיז בִּלְעָם גִינַאנְגֶען דֶען עֶר הָאט זִיךְ גִטְרַאכְט
טָאמֶר וֶועט עֶר קֶענֶען גָאט אִיבֶּר רֵיידִין עֶר זָאל
מַסְכִּים זַיין צוּ שִׁילְטִין דִי יִשְׂרָאֵל ׳ אוּנ בִּלְעָם
אִיז אוֹיף גִשְׁטַאנֶען אִין דֶר פְרִי אוּנ הָאט אַלַיין
אָן גִיגוּרְט זַיין אֵייזִיל הָאטְשֶׁע עֶר הָאט גִהַאט
פִיל קְנֶעכְט נָאר פַאר גְרוֹישׁ שִׂמְחָה וָואס עֶר
גֵייט שִׁילְטִן דִי יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר אַלַיין אָן גִגוּרְט
זַיין אֵייזִיל ׳ דֶען בִּלְעָם הָאט מֶער פַיינְט גִהַאט
דִי יִשְׂרָאֵל וִויא בָּלָק ׳ אַזוֹ הָאט גָאט גִיזָאגְט
צוּ בִּלְעָם זַייעֶר פָאטֶר אַבְרָהָם הָאט זִיךְ שׁוֹין
גִיפֶעדֶערְט ׳ דֶען עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אִין
דֶר פְרִי אוּנ הָאט אַלַיין אָן גִיגוּרְט זַיין אֵייזִיל
צוּ פִירִן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דֶר עֲקֵידָה צוּ שֶׁעכְטִן
אִים פַאר אַיין קָרְבָּן צוּ מִיר אוּנ פוּן דֶעם זְכוּת
וֶועגִין וֶועשְׁטוּ נִיט קֶענֶען טָאן צוּ יִשְׂרָאֵל קֵיין
בֵּייז ׳ אוּנ גָאט הָאט גִיצֶערִינְט וָואס עֶר גֵייט
אוּנ הָאטְשֶׁע גָאט הָאט אִים גִיהֵייסִין גֵיין ׳
אוּנ וָוארוּם הָאט עֶר גִצֶערִינְט ׳ נָאר עֶר הָאט
נָאר גִיהֵייסִין גֵיין אוּנ עֶר הָאט בְּדֵיעָה גִהַאט
צוּ שִׁילְטִין ׳ אוּנ דְרוּם הָאט גָאט צוּם עֶרְשְׁטִין
גִיזָאגְט עֶר זָאל נִיט גֵיין אוּנ דֶר נָאךְ הָאט עֶר
אִים גִיהֵייסִין גֵיין ׳ צוּ וַוייזִין דָאשׁ אִין דֶעם
וֶועג וָואס אַיין מֶענְטְשׁ וִויל גֵיין אִין דֶעם וֶועג
פִירְט מֶען אִים ׳ אוּנ מֶען קֶען פְרֶעגִן וָוארוּם
הָאט אִים גָאט גִיזָאגְט עֶר זָאל נִיט שִׁילְטִין
אַמֶער זָאל עֶר יוֹא שִׁילְטִין אַיין גַאנְצִין טָאג
אוּנ גָאט זָאל מַאכִין דָאשׁ זַיין קְלָלָה זָאל צוּ
נִישְׁט זַיין ׳ אוּנ אוֹיבּ בִּלְעָם הָאט גִיהַאט כֹּחַ
צוּ בֶּענְטְשִׁין וָוארוּם הָאט עֶר נִיט גִיבֶּענְטְשְׁט

צו בלק ער זאל ניצול ווערין פון ישראל דען בלק האט דאך מער ניט באגערט נאר צוא ניצול ווערין פון ישראל· אונ אפילו ווען בלעם האט ניט גיקענט שילטין דיא ישראל האט ער גיזאלט לכל הפחות בענטשין צוא בלק אזו וואלט ער אים זיין שכר באצאלט· דער פון לערנען מיר אפ דאש ער האט ניט גיקענט בענטשין דען ווען ער וואלט קענען בענטשין וואלט ער זיך גיבענטשט ער זאל רייך זיין· אונ אויך גיפינן מיר דאס ער האט זיך גיבענטשט ער זאל שטארבן מיט אגוטן טויט אונ צום סוף איז ער ווארן דר שלאגין מיט איין שווערד זעהען מיר דאך דאש זיין ברכה איז נישט אזו איז זיין קללה אויך נישט אונ ווארום האט אים גאט גיווערט צו שילטין דר תירוץ איז גאט האט גיוואושט דאס פיל פון ישראל וועלין פאלין אין דער מגפה פון וועגין זנות אונ ווען בלעם וועט זיי שילטין אזו וועט מען מיינן דאש זיי פאלין פון וועגין זיין קללה דרום האט גאט אים גווערט צו שילטין אבר בלעם האט ניט גיקענט שילטין אונ ניט בענטשין נאר ער האט גיוואוסט דיא צייט וואש גאט צערינט האט ער דאש מאל גשאלטן אונ אין דר צייט האט גאט גאר ניט גצערינט אונ איין מלאך פון גאט האט זיך גישטעלט אנטקעגין בלעם מיט איין בלויזי שווערד דר מלאך וואלט אים גיקענט פאר ברענגען מיט איין בלאז נאר וייל בלעם האט ניט גיטאן וויא דער סדר דאש זייא ווערין זיך מיט איין שווערד גייערט ער איז גיגאנגען צו שילטין די ישראל מיט זיין מויל דרום האט דר מלאך אויך ניט גיטאן וויא זיין סדר איז אונ האט גינומען איין שווערד· אונ דאש אייזיל האט גזעהן דעם מלאך אבר בלעם האט ניט גזעהן דען ער וואלט זיך דר שראקין· אונ דר מלאך האט זיך גישטעלט אויף דעם וועג פון בלעם דריי מאל אויף דריי ערטער· איין מאל אויף איין פעלד וואס האט קיין צאם ניט דאס איז אנטקעגין אברהם וואס ער האט גיהאט פון

ביידע זייטן שלעכטע קינדר פון הגר אונ פון קטורה· דר מיט האט בלעם גיטראכט צוא שילטין זיי· אונ דאס אנדרע מאל האט ער זיך גישטעלט אויף איין ארט וואס האט איין צאם פון איין זייט אונ דאס אייזיל האט צו בלעם צו גיקוועצט זיין פוס צו דער וואנט· אונ דאש איז גיווען אנטקעגין יצחק וואש ער האט אויף איין זייט גיהאט איין שלעכטן זון עשו· אונ צום דריטין מאל האט ער זיך גישטעלט אויף איין ארט וואס האט גיהאט פון ביידע זייטין מויערין· דאס איז גיווען אנטקעגין יעקב וואש אלע זיינע קינדר זיינן גיווען גוט אונ פרום· אונ צום דריטין מאל האט זיך דאש אייזיל ניט גיקענט רירין האט ער זיך אנידר גילייגט אונטר בלעם אונ בלעם האט דאש אייזיל גישלאגין דריי מאל· האט גאט גיעפינט דאש מויל פון דעם אייזיל אונ זיא זאגט צו בלעם דו האסט מיך גישלאגין דריי מאל· וייל דו ווילשט גיין שילטין איין פאלק וואש וועלין גיין דרייא מאל אין יאר עולה רגל זיין קיין ירושלים· זאגט בלעם ווען איך וואלט גיהאט איין שווערד וואלט איך דיך גיהרגת· ענטפערט דאס אייזיל דו גיישט פאר לירין איין גאנצע אומה מיט דיין מויל אונ צו מיר דארפסטו האבין איין שווערד· אזו האט ער ניט גיקאנט ענטפערין האבין זיך די שרים פאר וואונדרט אונ זעהען דיא הרפה פון בלעם אונ דעם נס· פרעגין אים די שרים ווארום ביסטו ניט גירייטין אויף איין פערד· זאגט בלעם איך האב עס גלאזט אין פעלד· זאגט דאש אייזיל איך בין דיין אייזיל זאגט בלעם דו ביסט מיין אייזיל צו טראגין משא· זאגט דאש אייזיל דו רייטשט אויף מיר זאגט בלעם עס טרעפט זיך אמאל זאגט דאש אייזיל פון דיין יוגינט אן רייטשטו אויף מיר· האט גאט געפינט די אויגן פון בלעם אונ ער האט דר זעהען דעם מלאך מיט איין בלויזין שווערד האט ער זיך גיבוקט אונ איז גיפאלין צו דר ערד· זאגט דר מלאך צו אים

ווארום

ווארום האסטו גישלאגין דיין אייזיל • און
האטשע דאש אייזיל האט קיין זכות אבות
ניט בין איך דאך ווארין גשיקט צו שטראפן
דיך דרויף וואש דו האסט עש גישלאגין און
מכל שכן בין איך מחויב צו שטראפן דיך דו
זאלשט ניט שילטן די ישראל וואש זיי האבן
זכות אבות • ענטפערט בלעם איך האב ניט
גיוואושט דאש דו שטיישט פאר מיר • אזו
האט ער גרויש חרפה דר פון איין גנומן פון די
שרים דאש ער וייש גאר ניט און בלעם האט
גזאגט אויב גאט וויל וועל איך מיך אום קערן
דען דער סדר פון גאט איז אזוא • ער האט
גיהיישין אברהם זיין זון צוא איין קרבן
ברייננן און דר נאך האט ער דורך איין מלאך
אום גיקערט זיינע רייד און האט גיזאגט
ער זאל אים ניט אן רירין • זאגט דר מלאך
גיי מיט זיי • דר פון לערנען מיר אפ דאש
אין דעם וועג וואש דר מענטש וויל גיין אין
דעם וועג פירט מען אים • און דאש אייזיל
איז גיהרגת גיווארין כדי זיי זאלין אים ניט
מאכין פאר איין אפ גאט • און אויך האט
גאט רחמנות גיהאט אויף דעם בלעם כדי
לייט זאלין ניט גידיינקן זיין חרפה וואש ער
האט איין גינומען דורך דעם אייזיל • און
נאך איין פשט איז וייל דאש אייזיל איז
ווארין באשאפין פון ששת ימי בראשית
צו רידין מיט בלעם און אז ער האט אפ
גירעט מיט בלעם איז ער גיהרגת גיווארן •
און בלעם האט גיבויעט זיבין מזבחות ער
האט גיזאגט זיבין עלטערין פון ישראל
האבין גימאכט זיבין מזבחות אדם קין נח
אברהם יצחק ויעקב משה • און איך וועל
מאכין זיבין מזבחות אנטקעגין אלע • און
זאגט צו גאט דיין כבוד איז דו זאלסט מקבל
זיין קרבנות פון פיל עובדי כוכבים אבער
גאט האט זיין קרבן ניט אן גינומען • און
בלק האט גיפירט צו בלעם אויף פיל בערג
כדי ער זאל זעהן די ישראל מיט זיינע אויגן
און זאל זיי איין עין הרע געבן און גאט איז

צו בלעם אנטקעגין גיקומען דען ער האט
ניט גיוואלט ער זאל קומן פר אים • עש איז
איין משל צוויי מענטשין קלאפין אין טיר
פון דעם מלך • איינער איז איין פריינט צום
מלך • און דער אנדערער איז איין מצורע •
זאגט דר מלך לאז דר פריינט אריין גיין און
צום מצורע האט ער ארויש גישיקט איין
תשובה און האט ניט גיוואלט ער זאל אריין
קומען צו אים און בלעם איז גוועזן הינקעדיג
אויף איין פוס און בלינד אויף איין אויג •
און בלעם האט זייער הויך גישריען כדי
אלע אומות זאלין הערן און זאלן זיך מקנא
זיין אין ישראל • און בלעם זאגט צו בלק
פון דער שטאט ארם ווילשטו האבין איך
זאל שילטין די ישראל זייער פאטר אברהם
איז דאך מיט פיל ברכות ארויש גינאנגען
פון ארם • און אויך יעקב איז מיט פיל ברכות
ארויש גינאנגען פון ארם אז ער איז אהין
אנטלאפין פאר זיין ברודער עשו • און ווען
אברהם וואלט ניט מציל זיין לוט פון סדום
וואלט לוט מיט זיינע טעכטר אום גיקומען
וואלשטו בלק אויף דער וועלט גאר ניט
גיקומען • דען מואב איז גיוועזן איין זון פון
דער טאכטער פון לוט • און ווען ניט יעקב
וואלט איך בלעם אויף דר וועלט ניט
גיוועזן • דען איי יעקב איז גיקומען צוא לבן
האט לבן קיין זון ניט גיהאט • און וויא
באלד יעקב איז גיקומען צו לבן האט אים
גאט גיבענטשט מיט איין זון און פון דעם
זון איז ארויש גיקומען בלעם • און דרום
וויא קאנען מיר זייא שילטין זייערע עלטערן
האבין אונז דאך אויף דער וועלט גיבראכט
און אויך האט בלעם גיזאגט דו הײשט מיך
שילטין יעקב דאש קען איך ניט ווען דוא
זאלשט מיר הייסן שילטן אברהם אדר יצחק
דאש וואלט איך גיקאנט • אבר יעקב קען
איך ניט שילטין דען ער ווערט גירופן איין
ארב פון גאט און זיין גיליבט פאלק • און
ווער עש שילט דיא ישראל דער שילט

זיך

זיך אליין דען אפילו ווען זייא זיינען הייב צוא שילטין האט מען זייא דאך ניט גישאלטין · אזוא וויא מיר גיפינען דאש יעקב אז ער האט אויש גינארט די ברכות ביי זיין פאטר יצחק האט ער אים גדארפט שילטן אזו האט ער אים נאך מער גבענשט וויא פריער · אונ אפילו אז זיי האבין דאש עגל גימאכט זיינען זיי ראוי גיוועזן גאט זאל זיי שילטין · פון דעשט וועגין האט זיי גאט פיל גוטש גיטאן אונ האט זיי גיגעבין דעם מן אונ דעם באר אונ האט זיי ארום גירינגלט מיט וואלקין · אונ דרום וויא זאל איך זייא שילטין אפילו איך וייס די צייט וואש גאט צערינט קען איך אין דר צייט שילטן אבר דיא היינטיגע צייט צערינט גאט ניט דרום קען איך זייא ניט שילטין · אונזערע חכמים זאגין ווען גאט וואלט די צייט גיוועזן גיצערנט וואלט חס ושלום ניט איבער גיבליבין פון ישראל קיין שום איבער בלייבונג · אונ האטשע דער צארין פון גאט גיוועזט נאר וויא מען קען זאגין דאש ווארט רגע · נאר בלעם איז קלוג גיוועזן ער וואלט גיזאגט דאס ווארט כלם דאש איז טייטש פר לענד זיי · אבער גאט האט פר קערט דאש ווארט כלם צו מלך דאש ווייזט דאש גאט איז איין מלך צוא ישראל · אויך האט בלעם גיזאגט זייא האבין פיל מצות ווער קען ציילין די מצות וואש זיי טוען מיט דעם אש פון דער פרה אדומה · אונ מיט דעם אש וואש מען טרינקט אן איין סוטה וואש פר בארגט זיך מיט איין פרעמדין מאן אונ זייא זייען ניט קיין כלאים אין דער ערד · אונ בלעם האט גיבעטין ער זאל שטארבין מיט איין טויט אזו וויא די ישראל שטארבין אונ זיין סוף זאל זיין אזו וויא דר סוף פון ישראל וועט זיין · אבר גאט האט אים גיטייט מיט איין בייזין טויט ער האט נאר גילעבט פיר אונ דרייסיג יאר אונ דר נאך איז ער ווארין דער הרגת מיט איין שווערד · אונ עש איז קשה וואס

האט בלעם גמיינט וואש ער האט גירעכנט דיא מצות וואש ישראל האלטין מיט דעם אש פון דר פרה אדומה אונ פון איין סוטה אונ זייא זייען ניט קיין כלאים · דאש איז מען טאר ניט זייען קארן אונ ווייץ אין איין וויין גארטין · ווארום האט ער גרעשערע מצות ניט גירעכינט וואש ישראל האלטין · דר תירוץ איז בלעם איז גיוועזן איין חכם צו בייזין ער האט גיזעהן מען קען ישראל ניט טאן מיט מלחמה אונ ניט מיט שילטין האט ער זיך גטראכט די ישראל זיינן זייער פרום דרום האבין זייא איין קיום · דען מיר גיפינן דאש דריי עבירות זיינן גרויס אנטקגן גאט וואש ער טייט די גאנצע וועלט פון די עבירות וועגין · אזוא וויא מיר גיפינען ביי דעם מבול · אונ דיא דרייא עבירות זיינען עבודת כוכבים · אונ זנות · אונ גזילה · פון די דרייא עבירות וועגין האט גאט גבראכט דעם מבול · דאש זאגט בלעם פון די דרייא עבירות זיינן די ישראל גיווארינט · אנטקעגן דעם וואש זיי האבין גידינט עבודת כוכבים דאש איז דאש עגל האבן זיי דאש אש פון דר פרה אדומה וואש איז מכפר אויף דעם עגל · אונ אנטקעגין זנות איז דאש אש פון איין סוטה דאש וויא באלד מען האט איין אשה חושד גיוועזן זיא האט מזנה גיוועזן האטשע עש איז קיין עדות ניט גיוועזן דאך האט מען איר גיגעבין טרינקען וואשר מיט אש פון דעם בית המקדש · אונ אויב זיא האט מזנה גיוועזן איז זיא גישוואלין גיווארין פון דר וואשער · דרום האט איטליכע אשה מורא גיהאט מזנה צוא זיין · דרום האט בלעם גיזאגט מען קען זייא ניט טאן · זייא האבין ניט קיין זנות ביי זיך אונ זיי זיינען גיבאטין דאש אפילו זייערע בהמות זאלין ניט מזנה זיין איין מין מיט דעם אנדערין · אונ דער מבול איז דרום גיקומען ווייל דיא בהמות חיות אונ עופות האבין זיך בהעפט ניט מיט זייער מין · אונ דאש האט

בלעם גיזאגט זיי האבין מצות ביי דעם אש דאש ווען זייא ווילין אקערין טארין זיי ניט אקערין מיט איין אקס אונ מיט איין איזיל דען ווען איין אקס מיט איין איזיל וואלטין ביי אנאנדער גיאקערט וואלטין זיי אין איין שטאל גיווען אזו וואלטין זיי זיך באהעפט מיט אנאנדער · דרום זאגט בלעם זיי זיינן גיבאטין אויף זייערע בהמות זיי זאלין ניט מזנה זיין · מכל שכן זיי אליין טוען בוודאי ניט מזנה זיין · אונ אויך זיינען זיי גיבאטין ביי דעם אש דאש מען זאל ניט זייען קארין אונ ווייץ אין איין וויין גארטין · נאר מען זאל אפ טרעטין פיר איילין כדי דאש קארן אונ ווייץ זאל ניט אוועק גזלנן דעם כח פון דעם וויין גארטין ווען זיי ווערין ביי אננדר וואקסין · אונ ווען זיי זיינען גיבאטין זייער קארין אונ ווייץ זאל ניט אוועק גזלנן דעם כח פון איין וויין גארטין · מכל שכן זיינען זיי גיבאטין אייגער זאל ניט גזלנען ביי זיין חבר · אונ אויך מצות מילה איז דרום ווארין גיגעבין מען זאל ניט מזנה זיין · דאס אלץ האט בלעם אונ בלק גיזעהן דרום האט בלעם איין עצה גיגעבין צו בלק ער זאל זיי מאכין זינדיגן מיט עבודת כוכבים אונ מיט זנות אזו וויא ווייטער ווערט שטיין אונ דורך דעם ווערין ישראל פאר לארין ווערין · אונ בלעם האט זייער הויך גישריען בייא דעם בענטשין וואש ער האט גיבענטשט דיא ישראל · רבי יהושע בן לוי זאגט זיבעציג מייל האט מען גיהערט דאש קול פון בלעם רבי אלעזר הקפר זאגט גאט האט גיגעבין כח צוא בלעם דאש מען האט זיין קול גיהערט פון איין עק וועלט צו דר אנדערר · ווייל עס איז דא פיל אומות וואש בוקין זיך צו דר זון אונ צו דר לבנה אונ צו די שטערן דרום האט גאט אים כח גיגעבין מען זאל זיין קול הערין אין גאנץ וועלט כדי מען זאל וויסין דאש עש איז דא איין גאט אויף דר וועלט דער גאט פון ישראל · אונ בלק האט גיזאגט צו בלעם איך האב דיך גירופין צוא שילטין די ישראל אונ דו בענשט זייא האט בלעם צוא אים גיזאגט איך מוז טאן וואש גאט הייסט אל ראש הפסגה בלק האט גיזעהן דאש משה רבינו ווערט שטארבין אויף ראש הפסגה דרום האט בלק גיפירט צוא בלעם אויף דעם ארט צו שילטין דיא ישראל אונ וויא באלד דיא שרים האבין גיזעהן דאש ער בענטשט דיא ישראל האבין זיך אטייל שרים אפ גשייד · אונ אטייל שרים אונ בלק זיינען איבער גיבליבין אונ האבין פון אים ליצנות גימאכט אונ פרעגין אים וואש האט גאט גירעט דען דו ווייסט גאר ניט אן גאט האט בלעם גיצערינט אונ זאגט צו בלק דו זיצט דוא מענשט זיך שטעלין אויף דיינע נפים פון וועגין דעם כבוד פון גאט אונ בלעם זאגט גאט איז ניט גלייך וויא איין מענטש וואש ער זאגט עפעס צו אונ דר נאך האט ער חרטה · אבער גאט האט מיר גיהיישין בענטשין די ישראל אונ ער ווערט קיין חרטה ניט האבין לא הביט און ביעקב גאט איז ניט זייער מדקדק אויף די עבירות פון ישראל נאר ער זוכט נאך וואש פאר איין מצות זיי טוען אונ וויא זאל איך זייא שילטין אז גאט איז זייער שומר אונ ער שלאפט ניט · האט בלק גיזאגט צו בלעם זעה ווער עש ווערט זייא פירין נאך דעם טויט פון משה טאמער וועסטו זייא קענגן שילטין אויף יענער צייט האט בלעם גיזאגט איך זעה דאש יהושע ווערט זייא פירין אונ ער איז זייער חשוב דאש מיט דעם בלאזין פון איין שופר ווערט ער מאכין איין פאלין שטארקע מויערין דאש האט בלעם גיזאגט ותרועת מלך בו מיט זיין בלאזין שופר ווערט ווערין גיוויזין זיין מלכות אל מוציאם ממצרים גאט האט זיי אויש גיצויגין פון מצרים ניט אזו וויא דוא בלק זאגשט זייא זיינען אליין ארויש גיגאנגן פון מצרים · אונ ווען ישראל האבין ווייניג עבירות שטראפט זיי גאט גיט

באלד

פאלד אונ ווען אפילו זיי זיינן ווייניג פרום
מאכט זיי גאט גאנץ הייך • כי לא נחש ביעקב
ווייל זייא זיינען ווערט מען זאל זיי בענטשין ווייל
זיי טוען ניט קיין כישוף אונ זיי ווערן אלין
גיווואר אן כישוף דען גאט לאזט זייא אלין
וויסן דורך די אורים ותומים אונ אלע אומות
האבין מלאכים אין הימיל וואס באשיצין
אויף זיי אונ ווען זיי ווילין כישוף טאן מוזן זיי
מיט דעם מלאך אן הייבן אבר גאט איז אליין
דער האר אונ דער בשיצר פון ישראל דרום
העלפט קיין כישוף ניט אין זיי אונ זיי דארפן
קיין כישוף ניט צו ברויכן דען גאט ווייס אלין
וואס עס ווערט געשעהן אונ לאזט זייא וויסן
אבר דיא מלאכים ווייסן ניט אלין וואס עש
ווערט זיין אונ בלעם האט גזעהן ווי די ישראל
ווערן זיצן פר גאט אזו ווי איין תלמיד זיצט
פר זיין רבי אונ ווערן תורה לערנן מיט אים
אונ די מלאכים ווערן זיין פון אויסוועניג אונ
ווערן פרעגין צו ישראל וואס האט גאט מיט
אייך גלערינט אונ די ישראל ווערן זיי זאגין •
הן עם כלביא יקום די ישראל שטייען אויף גאנץ
פריא אונ לייגן טלית אונ תפילין אונ לייענן
קריאת שמע אונ דאווענן שמונה עשרה אונ
ביי נאכט ווען זייא לייגן זיך שלאפן לייענן
זיי פריער קריאת שמע אזו פליהן פון זייא
אוועק די מזיקים אונ דרום ווייא קענן מיר זיי
כישוף טאן אונ בלעם האט אויף זיך נביאות
גזאגט דאש ער ווערט פר לארן ווערן דורך דר
שווערד אונ בלק האט גזוכט איין ארט וואו
צו שילטן די ישראל אונ האט גיזעהן אויף
שטערן דאס די ישראל ווערן זינדיגין ביי דר
אפ גאט וואש הייסט פעור אונ ווערן דער
שלאגין ווערן אזו האט ער גפירט בלעם צו
דר אפ גאט פעור ער זאל פון דארטין שילטן
די ישראל האט בלעם גיזאגט איך הער דיא
רייד פון גאט אונ איך זעה די שיין פון גאט
ווען איך טוא פאלין דרום האט בלעם אזוא
גזאגט ווייל ער האט ניט גיקענט איין שטיין
אז גאט האט זיך צוא אים בוויזן ביי נאכט ער

האט גימוזט פאלין צו דער ערד ווייל ער איז
ניט גיוועזן גימלת • אונ ער האט אן גהויבן צו
בענטשן די ישראל אונ האט גזאגט ווי ווייש
בצניעות זיינען דייניגע גיצעלטין דוא ישראל
דאש עש שטייט ניט איין טיר אנטקעגין דר
אנדערר כדי איינר זאל ניט זעהן וואש דער
חבר טוט אין זיין גיצעלט אונ זאל דעם חבר
ניט מקנא זיין אונ זאל אים קיין עין הרע ניט
געבן • אויך האט ער גיזאגט וויא איין שיין
משכן די ישראל האבן צו מקריב זיין קרבנות
אונ זיי האבן בתי מדרשים וואש זיי לערנען
אין זיי תורה • אונ זיי האבן פרומע שטארקע
מלכים • רבי אבא בר כהנא זאגט אלע ברכות
פון בלעם זיינן גווארן צו קללות אז דש בית
המקדש איז חרוב גיווארין נאר די ברכה פון
שולין אונ בתי מדרשים דאש האבן נאך די
ישראל ביז היינטיגן טאג דען זיי האבן שולן
אונ בתי מדרשים צו לערנן אין זיי תורה אונ
בלעם האט גזאגט דייגע בענטשר זאלין זיין
גבענטשט אונ דייגע שילטר זאלן זיין גשאלטן
אונ אז יצחק האט גיבענטשט צו יעקב האט
ער פריער גיזאגט דייגע שילטער זאלין זיין
גישאלטין אונ דר נאך האט ער גזאגט דייגע
בענטשר זאלן זיין גיבענטשט דאש איז ווייל
די צדיקים האבין פריער שלעכט אונ דער
נאך אויף יענר וועלט האבן זייא פיל גוטש
אבר די רשעים האבין פיל גוטש אויף דער
וועלט אונ דר נאך ווערן זיי פר לארן פון יענר
וועלט • יזל מים מדליו עש טוט רינן דיא תורה
וואש זיא איז גיגליכין צוא וואשער פון דיא
ארמע לייט • דרום זאל מען נזהר זיין אין די
ארמע לייט דען פון זיי גייט ארויס די תורה
אזו זאגט די גמרא • אונ דרום האבן די תלמידי
חכמים אפט קינדר וואס קענן ניט לערנן אזו
וויא זייא כדי מען זאל ניט זאגין דיא תורה
איז איין ירושה וואש מען ירשנט פון דעם
פאטר • אונ רב ששא זאגט כדי ער זאל זיך
ניט איבר נעמן צו הערשן איבר קהל רבינא
אונ רב אשי זאגין דרום האבן זיי קיין קינדר

גיט וואש קענן לערנען ווייל זייא רופין דאס
פאלק איזלן אונ ווייל זיי מאכן קיין ברכה
גיט אויף דר תורה ווען זיי זעצין זיך לערנן ·
וישב ישראל בשטים די ישראל זיינן גיזעסין אין
שטים עש זיינן פיל וואשר אויף דער וועלט
וואש גיוואונן די לייט צו גוטן אדר צו בייזין
אטייל וואשר מאכן די לייט מיאוס אונ אטייל
וואשר מאכן די לייט זייער שיין אטייל וואסר
מאכין דיא לייט שטארק אונ אטייל וואשער
מאכן זיי שלאף אונ דר טייך פון שטים ברייגנט
צו זנות אונ ער לויפט פאר ביי סדום אבר אז
משיח וועט קומן וועט גאט דעם טייך שטים
טרוקן מאכן אונ דרום אויך אז די ישראל זיינן
גיקומן קיין שטים האבן זייא אן גיהויבן מזנה
צוא זיין אונ בלעם האט צוא בלק איין עצה
גיגעבין ער זאל מאכין פאלן די ישראל אונ
האט גיהייסן בויען שיינע הייזער וואש מען
זאל דרינן פר קויפן עסן אונ טרינקן אונ וויים
גרעט אונ די ישראל וועלן קומן קויפן אונ ער
האט גזעצט אין די הייזר שיינע יונגע נקבות
אונ פר דר טיר האט ער גשטעלט איין אלטע
אשה · אונ די יונגע איז אליין גיוועזן אין הויז
אונ האט פר קויפט וויין אונ פיין ברויט אונ
וואש מען בדארף אונ די ישראל זיינן גיקומן
אין דיא שיינע הייזר אונ האבן גיגעסין אונ
גיטרונקן אונ גייען ארוים אויף דעם מארק
צווישן די הייזר איז גוועזן צו פר קויפן שיינע
קליידר אונ ווייש גרעט זאגט דיא אלטע איך
וועל דיר פר קויפן איין שיין קלייד וואש עש
איז ווערט צוויי גילדין פר איין גילדין קומט
ער אריין אין הויז זאגט די יונגע: איך וועל
דיר פר איין האלבן גילדן פר קויפין אדער
נאך וואלוועלער לסוף זעהעט ער וויא זיא
שטעלט זיך זייער ליבליך פר אים אונ זאגט
צוא אים זעץ דיך אנידר אונ טרינק מיט מיר
גוטן וויין דען דענסט מאל איז נאך ניט גוועזן
פר באטן קיין וויין מיט עובדי כוכבים צוא
טרינקען אונ ער האט גיטרונקן ביז ער איז
שיכור גיווארין אזו האט ער צו איר גיזאגט

זייא מיט מיר האט זיא גזאגט אויב דו וועלשט
קושן די אפ גאט וואש הייסט פעור וועל איך
דיך צו הערן דען זיי האבן ביי זיך גיהאלטין
צורות פון דער אפ גאט פעור אזוא האט ער
גיקושט די אפ גאט פעור אונ די טעכטר פון
מואב האבן זיך אן גצירט אין שיינע קליידר
אונ זיינן די ישראל אנטקעגן גיגאנגן אונ זאגן
צו זיי ווארום האט איר אונז פיינט מיר קומן
דאך אלע ארויס פון תרח דר פאטר פון אברהם
קומט מיר וועלן קולן פון אייערט וועגן הינר
אונ גענז מיר וועלן אייך ניט ווערן · אונ אטייל
חכמים זאגן בלעם האט ניט גיהייסן קיין וויין
געבן צו ישראל בדי זיי זאלן זיך ניט אן שיכרן
אונ וועלן פר גאט איין תירוץ האבן מיר זיינן
שיכור גיוועזן אונ בלעם האט גזאגט דר גאט
פון ישראל האט פיינט זנות אונ אפ גאט אונ
ווען זיי וועלן מזנה זיין וועלן זיי אפ גאט אויך
דינן אונ דר נאך וועלין זייא אויך שופך דם
זיין דען דר סדר איז דאש מען שלאגט זיך
פון דר נואפת וועגן אונ איינר דר הרגת דעם
אנדערן · אונ אז בלעם האט גיזעהן דאס מען
האט איין נשיא גיהרגת ביי דר נואפת אזוא
האט ער גזאגט עש איז מיר גיראטן די ישראל
האבין שוין דריי עבירות גיטאן אפ גאט אונ
שפיכות דמים אונ זנות אזוא וויא ביי דעם
מבול טאמר וועט זיי גאט דר שלאגן ווי דעם
דור המבול · אונ בלעם האט זיי עצות גיגעבן
אונ האט זייא גזאגט ווען איין ישראל וועט
וועלן בייא אייך זיין זאלט איר אים הייסן
קוילין איין הון אדער איין גאנז צוא דר אפ
גאט פעור אונ דער ישראל זאל זיך בוקין
צו פעור והנה איש מבני ישראל גאט האט גבאטן
מען זאל הייגען די וואש האבין די אפ גאט
גידינט האט משה גיזאגט איך ווייש ניט ווער
עש האט גידינט האט גאט גזאגט דר וואלקן
וואש איז איבר ישראל דר וועט ווערן אפ גטאן
פון די לייט וואס האבן אפ גאט גידינט אונ
די זון וועט שיינען אויף זייערע קעפ דרינען
זאלסטו וויסן דאס זיי האבן גידינט אפ גאט

אונ

און זאלסט זיא היינגען אזו האבין זיך איין
גזאמילט שבט שמעון און זיינן גקומן צו זייער
נשיא · ער האט גיהייסן זמרי און זאגן צו אים
מען וויל אונז אלע טייטן און דוא שווייגסט
שטיל האט ער איין גזאמילט פיר און צוואנציג
טויזינט מאן פון זיין שבט און קומט צו דר
טאכטר פון דעם מלך פון מדין זיא הט גהייסן
כזבי און הט איר אן גימוט הט זיא גיענטפערט
מיין פאטר האט מיר אן גיזאגט איך זאל ליגן
מיט אייער האר משה האט דר נשיא גיזאגט
איך בין חשובר .פון משה דען איך בין פון
שמעון דר אנדרר זון פון יעקב און משה איז
פון לוי דר דריטר זון פון יעקב אזו האט ער
זיא אן גנומן ביי די האר און הט זיא גבראכט
צו משה און פרעגט אים מעג איך זיא נעמן
זאגט משה ניין האט ער גזאגט צו משה ווער
האט דיר די טאכטר פון יתרו מתיר גוועזן צו
נעמן פר איין ווייב זיא איז דאך אויך פון מדין
און משה און כל ישראל האבן אן גיהויבן צו
וויינען וויל משה האט דעם דין פאר געסין
און האט ניט גוואוסט דש ער איז חייב מיתה
בשעת מעשה און דרום הט גאט גיטאן דאס
משה האט דעם דין פר געסין כדי פנחס זאל
דעם דין אויש זאגן און זאל מקבל זיין דרויף
שכר · און פנחס האט גיוואוסט דאס מען
דארף זיי טייטן בשעת מעשה און הט גינומן
איין שפיז און האט דאס אייזן אראפ גינומן
פון אים און הט בהאלטין אין בוזים כדי מען
זאל זיך ניט שטויסין דאס ער גייט מיט איין
שפיז און איז גקומן צו דעם גצעלט וואו זמרי
איז גילעגן מיט כזבי און הט זיך אן גלעהנט
אויף דעם האלץ פון דר שפיז מען זאל מיינן
עש איז איין שטעקן דען ער האט מורא גהאט
פאר שבט שמעון וואש זיינן גיוועזן פיר און
צוואנציג טויזינט ארום דעם גיצעלט האבין
זיי אים גיפרעגט וואס דארפסטו האט פנחס
גיזאגט איך וויל קומן צו כזבי דען וואו גיפינן
מיר דאס שבט לוי איז בעסר פון שבט שמעון
אזו באלד האבין זיי אויף גיעפינט דיא טיר

און לאזין אים אריין · און ער האט זיי גיפונגן
ביי אננאנדר ליגין האט ער דאש אייזן אויף
גשטעקט אויף דעם האלץ און האט זיי ביידע
גישטאכן אין זייער שאנד און וויא פנחס הט
גיזעהן ישראל שטארבן זייער האט ער תפלה
גטאן פאר זיי און האט פון זיי דעם טויט אפ
גיטאן און דרום האט פנחס זוכה גיוועזן דאש
מען גיט צו די כהנים די זרוע פון דעם קרבן
דאס איז די האנט פון דעם קרבן ווייל פנחס
הט מיט זיין האנט גיטראגן די שפיז מיט צוויי
לייט און מען גיט די כהנים די קין באקן ווייל
ער האט תפלה גטאן מיט דעם מויל וואס דש
איז די קין באקן און אויך גיט מען די כהנים
דעם מאגין פון קרבנות ווייל פנחס האט זיי
גישטאכן אין זייער מאגן דאש האט ער זוכה
גוועזן אויף דר וועלט און הט אויך זוכה גוועזן
דאש אייביג לעבין אויף יענר וועלט דען ער
הט גילעבט זעקש הונדרט יאר דר נאך איז
ער לעבדיגר הייט אין הימיל אריין און האט
זוכה גוועזן דש עס זיינן פון אים ארויס גקומן
אכצעהן כהנים גדולים און נביאים אין דעם
ערשטין בית המקדש און אכצעהן כהנים
גדולים אין דעם אנדרין בית המקדש און ווייל
זייגע קינדר האבן פר קויפט דאש פלייש פון
קרבנות וואש מען הט זיי גינעבן דרום האבן
זיי ניט לאנג גלעבט דען זיי וואלטן ניט גדארפט
קיין געלט נעמן דר פר נייערט זיי וואלטן עש
גדארפט צו די ארעמע כהנים געבן פר צדקה
און עש איז גיפאלין פון ישראל פיר און
צוואנציג טויזינט אין איין שעה האטשע ביי
דעם עגל איז נאר גיפאלן דריי טויזנט דען די
עבירה פון זנות איז גרעסר פר גאט מער פון
עבודת כוכבים ובפרט דש זיי האבן עבודת
כוכבים אויך גידינט צו פעור :

## הפטרת בלק

והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים און אז עש ווערט
קומן גוג ומגוג ווערן ישראל זיין אין גרוישע
צרות זיי ווערן זיין גיפאנגן צווישין פיל פעלקר
און

אזו די וואש וועלן גליבן אין גאט וועלן איבר בלייבן אונ וועלן אין זייערע לעבינש טעג פיל צרות איין נעמן אונ וועלן גלייטערט ווערן אזו וויא זילבר אונ וועלן זיין אזו ווי איין טויא פון גאט. אונ אזו ווי איין שפריי רעגן וואס גייט אויף גראז וואש האפט ניט אויף קיין מענטשין נאר אויף גאט אזו וועלן די ישראל ניט האפין אויף דר הילף פון איין מענטשן נאר אויף גאט והיה שארית יעקב בגוים אונ דאש איבר בלייבונג פון יעקב וועט זיין אזו ווי איין לייב גיוועלטיגט אין די בהמות פון דעם וואלד אונ אזו ווי איין יונגר לייב גוועלטיגט אין שטארש שאף ווען דר לייב פארט איבער צווישין די בהמות אונ חיות אונ איז הונגערג אזו צו טרעט ער איין בהמה אדר איין חיה אונ עסט זיא באלד אויף אונ פר צוקט איין בהמה אהיים צוא טראגין צוא זיינע יונגע קינדר אונ קיינער קען ניט מציל זיין פון אים תרום ידך על צריך עש וועט ווערן דר הויבין דיין האנט דו ישראל אויף דיינע בליידיגר אלע דיינע פיינט וועלן פר שניטן ווערין והיה ביום ההוא אונ עש וועט זיין דעם דאזיגן טאג זאגט גאט איך וועל פר שניידן די פערד פון צווישן דיר כלומר די הילף פון מצרים וואש איר פאר זיכרט זיך אויף זיי דאש זיי וועלן אייך געבין גינונג פערד אונ איך וועל מאכין פר לירן דיינע רייט וועגן אונ וועל פאר שניידין די שטעט פון דיין לאנד אונ וועל צו פירן אלע דיינע שטעט דאש דוא וועסט ניט דארפן זיצן אין פעסטע שטעט צוא שטארקן זיך אין זיי אנטקעגן דיינע פיינט דען עש וועט שוין מער קיין מלחמה אויף דיר ניט קומן והכרתי כשפים מידך אונ איך וועל פר שניידין די כישוף מאכער פון צווישין דיר אונ וועל פאר שניידין פון צווישין דיר דיינע בילדר אונ דיינע מצבות וואש דו מאכשט צו דר אפ גאט אונ דו וועשט דיך ניט בוקן צוא דיא מעשים פון דיינע הענט אונ איך וועל אויש רייסין דיינע לינדין בוימר פון צווישן דיר אונ וועל פר טיליגן דיינע פיינט ועשיתי באף ובחמה אונ איך וועל טאן מיט צארן אונ מיט גרים צארן איין נקמה אין די עובדי כוכבים וואש האבן ניט צו גהערט אין מיין קול זאגט מיכה שמעו את אשר יי' אומר הערט צו ישראל וואש גאט זאגט צו מיר דען אזו זאגט ער צוא מיר שטיי אויף דו נביא אונ קריג דיך מיט די בערג דאש זיינן די אבות אונ לאזן די הויך צו

הערן דיין קול דאש זיינן די אמהות אונ אזוא זאגט גאט שמעו הרים את ריב יי' הערט צו איר בערג די קריג פון גאט אונ די שטארקע גרונט פעסט פון דר ערד הערט צו די קריג פון גאט דען איין קריג איז צו גאט מיט זיין פאלק אונ מיט ישראל וועט ער זיך מתוכח זיין אונ אזו זאגט גאט עמי מה עשיתי לך מיין פאלק גיב דיין הארץ צו פאר שטיין די טובות וואש איך האב דיר גיטאן אונ פון דעסט וועגן מיט וואש האב איך דיך מיד גמאכט אין מיין דינשט זאג עדות אין מיר כי העליתיך מארץ מצרים דען איך האב דיך אויף גברכט פון דעם לאנד מצרים אונ פון דעם הויז וואש איר זייט דארטן גוועזן קנעכט האב איך דיך אויס גליזט אונ האב פר דיר גשיקט משה אונ אהרן אונ מרים משה זאל דיך לערנען דינים אונ אהרן זאל מכפר זיין אויף דיינע עבירות אונ מרים זאל לערנען די ווייבער עמי זכר נא מיין פאלק גידיינק נאר וואש בלק מלך מואב האט אויף דיר איין עצה גהאלטן אונ וואש בלעם האט אים גענטפערט דען בלעם האט גזאגט מה אזעום לא זעם יי' וואש זאל איך צערנען ווען גאט צערנט ניט דען איך גאט האב ניט גצערינט אין דיא טעג כדי בלעם זאל אייך ניט קאנען שילטן וואראום בלעם האט גוואושט די רגע וואש גאט צערנט אונ ער פלעגט דענשט מאל שילטן ווען ער האט גוואלט אונ עש איז מקוים גיווארין. אונ אויך גדיינקט דאש גוטש וואש איך האב אייך גטאן פון שטים וואש איר האט דארטן גזינדיגט פאר מיר אונ פון דעשט וועגן האב איך מיין טובה ניט פר מיטן פון אייך ביז איך האב אייך גבראכט קיין גלגל דארטן האב איך אייך איין גינומן גאנץ ארץ ישראל אונ דאש האב איך אלץ גיטאן למען דעת צדקות יי' כדי איר זאלט ווישן די צדקות וואש איך גאט טוא מיט אייך אונ חאטשע איך האב אייך אזוא פיל טובות גיטאן האב איך דיך דאך ניט מיד גמאכט מיט מיין דינסט צו הייסן ברייניגן פאר מיר גרוישע קרבנות. זאגט דר נביא דו ישראל וועסט וועלן זאגן במה אקדם יי' מיט וואס וועל איך פעדערן אנ קומן פר גאט אונ מיט וואש זאל איך אונטער טעניג זיין צו גאט אין הימל. זאל איך דען קומן צו דינן גאט מיט עולות. מיט קעלבר וואס זיינן אלט איין יאר וויל דען גאט אין טויזנט ווידר צו קרבנות אונ אין צעהן טויזנט טייבין בוימיל צו

מנחות

מנחות דאש איז דאך געוויש ניט אז גאט זאל דאש פר לאנגען פון אונז זאל איך דען געבין מיין בכור איין קרבן אויף מיין זינד אדער דיא פרוכט פון מיין בויך דאש זיינן מיינע קינדר זאל איך דען זיי געבן פר קרבנות צו מכפר זיין אויף מיין לייב דאש איז דאך געוויש ניט וואש דען זאל איך טאן דאש גאט זאל צו מיר איבר געבעטין ווערן אזו וועשטו ישראל ווערן זאגן אבר דאש איז ניט הגיד לך אדם מה טוב דען גאט האט דעם מענטשן גיזאגט וואש איז גוט דיר צו טאן אונ וואש גאט באגערט פון דיר דען מער ניט כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך נאר דו זאלשט טאן משפט אונ זאלשט ליב האבן צוא טאן גמילות חסדים אונ זאלשט גיין בהאלטין אין דר דינשט פון גאט אדר והצנע לכת עם אלהיך דו מעגשט דיך בהאלטן צו גיין מיט גאט כלומר דו מעגשט תשובה טאן בסתר · דא ווערט מען דאש די מדה פון גאט איז בעסר פון דר מדה פון איין בשר ודם איין מענטש ווען איינר זינדיגט צוא אים אונ ער איז אים מזלזל אונ ער איז אים מבייש אונ דער נאך קומט ער אים איבער בעטן איז דר סדר דאש דר מענטש לאזט זיך ניט איבר בעטן ביז ער בעט אים איבר פר די מענטשן וואש ער האט אים מבייש גיוועזן פר זיי אבר גאט זאגט דו מעגשט פר מיר תשובה טאן בסתר · דער מדרש רבתי שרייבט אויף דעם פסוק עמי מה עשיתי לך רבי שמואל בר רב נחמן זאגט · אין דריי ערטר איז גאט גיקומן צו שטראפן ישראל אונ די אומות האבן גהערט דאש גאט וויל משפט האבין מיט ישראל זיינן זיי פריילך גיווארן אונ האבן גזאגט וויא ווערלן די ישראל קענן בשטיין אנטקעגן זייער גאט ער ווערט זיי געוויש היינט גאר פאר לירן · אונ וויא גאט האט גזעהן דאש די אומות זיינן פריילעך גיווארן אזו האט גאט פר קערט זיינע רייד צוא גוטן אונ תאמטשע ער האט אין זיי גוואלט משפט טאן האט ער דעם משפט אפ גילאזט אונ האט זיי גוטש גטאן · אזו פר וואונדערן זיך די אומות אונ זאגין וואש איז דאש וואש ער טוט זיי די עבירות מוחל זיין אונ טוט זיי גוטש עש איז איין

משל איין אשה גייט צו דיינים קלאגין אויף איר זון דאש ער האט זיא גישלאגן אונ וויא די אשה זעהט דאס די דיינים משפטן לייט גיך צום טויט אזו האט זיא מורא מען ווערט איר זון אויך פסקנן צוא טייטין אונ אז דיינים פרעגן זיא וואס האט דיר דיין זון גיטאן · זאגט די אשה אז איך האב אים גיטראגן אין בויך האט ער מיך זייער גישטויסן זאגן די דיינים זאג אונז וואש האט ער דיר גטאן פון דעם מאל אן וואש ער איז ארויש גיגאנגן פון דיין בויך זאגט די אשה ער האט מיר קיין בייז ניט גטאן זאגן די דיינים מיר משפטן ניט אויף דעם וואס ער האט דיר גטאן אין בויך · אזו איז גאט אויך גלייך וויא איין מוטר · אונ טוט זיך דר בריטן איבר ישראל וואש זייא זיינען זיינע קינדר אונ איז זייא מוחל די עבירות וואש זייא האבן גטאן · ומה הלאתיך וואש האב איך דיר מיד גמאכט רבי ברכיה זאגט עש איז איין משל איין מלך שיקט איין בריב אין לאנד צו זיינע שרים אזו שטעלן זיך די שרים אויף זייערע פיס אונ טוען אפ דיא היטלען פון זייערע קעפ אונ לייענן די בריב מיט מורא אבר גאט האט אונז גיגעבן קריאת שמע דאש איז זיין בריב אונ גאט זאגט איך האב אייך ניט מטריח גוועזן צו אויף שטיין אונ לייענן קריאת שמע נאר דוא מעגשט זיצן אונ לייענן קריאת שמע אונ אויך דארפשטו די היטל ניט אראפ הויבן פון דיין קאפ דאש זאגט דר פסוק ומה הלאתיך וואש האב איך דיך מיד גמאכט אזו וויא איין מלך מאכט מיד זיינע שרים ואשלח לפניך את משה אהרן ומרים דער ילמדנו שרייבט קום אונ זעה וואש דער חילוק איז צווישן גאט אונ צווישן איין מלך דען איין מלך ווען ער שיקט שרים אין זיין לאנד מוז דאש לאנד זיי געבן גינוג עסן אבר גאט האט גשיקט צוא ישראל משה אונ אהרן אונ מרים אונ דיא ישראל האבין זיי ניט גידארפט קיין עסן געבין אונ נאך מער די ישראל האבין פון זיי גיגעסין דען דער מן איז גיגאנגען אין זכות פון משה אונ דיא וואלקין זיינען גיוועזן אין זכות פון אהרן אונ דער ברונען וואשער איז גיוועזן אין זכות פון מרים:

וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי וואס האט בלק גיזעהן וואש ער זאגט וירא אלא ער האט גיזעהן בחלון החכמה אזו וויא עס שטייט וישקף אבימלך בעד החלון מיינט מען אויך אזו דען עס איז פאר האנדין איין חלון וואס דרינן רוען אלע חכמות און דרינן האט ער גיזעהן וואס ער האט גיזעהן אין דעם עק פון די כוכבים און בלק האט גיזעהן איין בן צפור דען בלק האט גקענט כמה מיני כישוף · קום און זעה בשעת די ישראל האבין חרוב גימאכט דאש לאנד פון סיחון איז אויבין במלכות שמים ארויש גיגאנגען איין כרוז זאמילט אייך איין גבורים שלטונים איבר אלע אומות און זעהט וויא מלכות אמורי איז חרוב גיווארין · באותו שעה האבין זיך די ממונים איין גזאמילט און האבין גיוואלט אום קערין צו ריק דאש מלכות אזו וויא עס איז גיוועזן און אז זיי האבין דר זעהן דעם כח פון משה האבן זיי זיך אום גיקערט אהינטער אזו וויא דר פסוק זאגט על כן יאמרו המושלים דאש זיינן די ממונים האבן זיך איין גזאמילט און האבין גיזאגט בואו חשבון ווער איז דאש וואש ער האט חרוב גימאכט תבנה ותכונן מיר וועלין מאכין אז עס זאל ווערין גיבויט אזו וויא פריער און אז זיי האבין גיזעהן די גבורה פון משה און דאש פלאם פון זיין מלכות האבין זיי גזאגט כי אש יצאה מחשבון להבה מקרית סיחון זייא האבין גיזעהן אז עש איז ניט מיגליך מען זאל עס אום קערין אזו וויא פריער האבין זיי גיזאגט אוי לך מואב וגו׳ :

ויאמר מואב אל זקני מדין וגו׳ רבי חייא הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך יי והשטן עומד על ימינו לשטנו וויא נאר זייער בדארף זיין אמענטש גיהיט אז ער זאל גיין בדרך אמת דען אלע וועגין פון דעם מענטשין זיינען אלע מיט אצאל און די שומרים שטייען און די עדות זיינן אן גיברייט און באגערין איין דין אמת און די דיינים שטייען מקבל צו זיין די עדות און די וואס טענין די טענות ווייסן ניט וואס מען וועט זייא פסקנן לימין אדער לשמאל די אלע רוחות וואש גייען ארויש פון די לייט די מקטריגים די שטייען פאר זיי און כרוזין גייען הין לטוב והין לרע וויא עש ווערט גיפסקת דען מיר האבין גלערינט בכמה דינים ווערט דר מענטש גמשפט אויף דער וועלט פר זיין לעבין אדר דר נאך דען אלע זאכין זיינן בדין און הקב״ה איז אלע מאל ברחמים און זיין רחמים איז איבער אלע און ער וויל דעם מענטשין ניט דן זיין נאך זיינע מעשים נאך אזו וויא דוד האט גזאגט אם עונות תשמר יה אדני מי יעמוד קום און זעה יהושע בן יהוצדק איז גיוועזן אגרויסער צדיק און איין כהן גדול ער איז גיגאנגן לפני ולפנים און האט דארטן משמש גיוועזן בכהונה גדולה נאך דעם אז מען האט אים ארין גיבראכט לישיבה של רקיע האבין זיך איין גיזאמילט די בני ישיבה דן זיין זיין דין דען אזו איז דער סדר פון דר ישיבה של רקיע אז זיי גייען ארין לדין גייט ארויש איין כרוז און זאגט אלע בני ישיבה גייט ארין אין חדר הנסתר און דאש בית דין קומן צו אנגדער און דער רוח פון דעם מענטשין קומט פר זיי דורך צוויי ממונים אז ער קומט ארין גינעהנט ער צו איין פייערדיגע זייל וואש דארטן שטייט הסר און אלע וואש זיינן מחדש חידושים אין דער תורה ווערט דרויף אן גישריבין ביי דר בני הישיבה און די בני ישיבה קומן צו זעהען די רייד און די צוויי ממונים גייען ארויש און ברייננן אים צו זיי מיד זעהן זיי איז דאש רעכט אזו וויא עש בדארף צו זיין איז וואול צו אים כמה עטרות פון אור וואש פינקלן קריינן אים די בני הישיבה און אויב ניט אוי לאותו בושה מען שטויסט אים ארויש ברחמנא ניצלנו עס איז ווידר פר האנדין אנדרע וואש מען ברייננט אים ארין ווען הקב״ה איז מחולק מיט דער בני הישיבה און ער זאגט מאן מוכח ווער וועט מכריע זיין צווישין אונז דער און דער מענטש אזו איז ער מכריע די זאך וואש זיי זיינען מחולק און עש איז ווידר פאר האנדין אנדערע וואש זיי גייען אויף לדין אויש צו קלערין ער זאל אים מאכין קלאר · זאגט רבי יוסי נאך דעם נאך ווערט דאך אמענטש נפטר ניט אין זיין צייט און אז ער שטארבט ווארום ווערט ער דארטין גמשפט נאך אמאל זאגט ער אזו האבין מיר גילערינט דאש ער ווערט בוודאי אפ גיטאן פון דר וועלט על פי דין נאר איידר מען לאזט אים ארין אין דר מחיצה פון די צדיקים ברייננט מען אים פריער אויף לדין פר דער מתיבתא דרקיע דארטן שטייט דר ממונה של גיהנם מקטרג צו זיין · זכאה איז דר מענטש וואס ער איז דארטן זוכה בדין און אז ער איז דארטן ניט זוכה בדין נעמט אים דר ממונה פון דעם גיהנם ארויס און ווארפט

אים

אים אונ שליידרט אים אזו וויא מען שליידרט איין שליידער שטיין אונ ער ווארפט אים אין גיהנם אריין ער זאל דארטן מקבל זיין דעם עונש וויא ער האט פאר דינט אונ עש איז גיפסקת גיווארן אויף אים קום אונ זעה עס שטייט ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך בשעת ער איז נפטר גווארין פון דר וועלט האט מען אים גבראכט פאר דעם ראש ישיבה וואש ער איז העכר איבר אלע דיינים דרום שטייט עומד לפני מלאך ה' דאס איז דער מלאך מט"ט והשטן עומד על ימינו דאש איז דר ממונה איבר די נפשות אריין בריינגן זיי אין גיהנם אריין דאש איז זיין חשק מען זאל אים תמיד געבין נפשות ער שרייט תמיד הב הב גיב מיר די לייט אין גיהנם אריין שטייט ער לשטנו צו דר מאנן אים זיינע עבירות ויאמר ה' אל השטן נאך וואס שטייט צוויי מאל יגער ה' בך השטן ויגער ה' בך וגו' נאר איינש איז איין אן שרייאונג צו דעם מלאך דומה אונ דאש אנדרע איז צו דעם וואס ער גייט ארויס פון דעם גיהנם תמיד מקטרג זיין אויף די מענטשין · קום אונ זעה דר שטן העליון דער נידערט אראפ אין גישטאלט וויא איין אקס אונ אלע די נפשות אונ רוחות פון די רשעים וואס זיי ווערן גמשפט אין גיהנם אריין אזו עסט ער זיי אפ כלחוך השור וויא איין אקס עסט אפ דאש גראז אלע רוחות אין איין מאל אין איין רגע אונ נדערט זיי אראפ אונ גיט זיי אפ אין דער האנט פון דעם מלאך דומה נאך דעם אז ער האט זיי איין גישלונגן דרום האט בלק גזאגט עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור אזו וויא דר שור הידוע וואס ער שטייט איין שלינגן אונ אפ צו עמין די רוחות פון דר גאנצר וועלט את ירק השדה דאש זיינן די רוחות פון די מענטשין וואש קומן אזו וויא גראז פון דער שדה העליונה זאגט רבי יוסי ווערליג דעם איז דאך בלק גיוועזן אגרוישר חכם אז ער האט דאס אלץ גוואוסט זאגט רבי חייא בוודאי האט ער אלץ גימוזט ווישן אלע די וועגין פון דעם שור דען ווען ער וואלט ניט רעכט ווישן זיינע עסקים וואלט ער זיינע חרשים וכשפים ניט גקענט טאן זאגט רבי יוסי בוודאי האשטו רעכט גזאגט · אונ דר כח פון דעם אייגענם אקס איז ווען מען רופט אויבן אויס אויף דר תבואה וויא אזו זיא זאל גיראטן מיט איר וואקסין דען מען רופט אויס אויף די ווינטן וויא זיי זאלן זיין דאס

זיינן אין די טעג פון חודש ניסן אונ פון חודש תשרי אזו וויא מיר האבן דאש אויף איין אנדר ארט גוט מפורש גיוועזן :

וישלח מלאכים אל בלעם וגו' עס איז פר האנדן אין דעם פסוק אכט אונ צוואנציג ווערטער אנטקעגין די אכט אונ צוואנציג מדריגות פון כישוף וקסם פון דעם צפור וואס ער האט גמאכט נאר עס איז דאך אקשיא וויא איז ער גוועזן אזו איין נאר אז ער האט זיך גוואלט בהעפטן מיט בלעם האט ער אים פריער גדארפט משחד זיין אונ איבר בעטין אונ דר נאך זאל ער דאש פון אים באגערן ניט ער זאל תיכף זאגין הנה עם יצא ממצרים וגו' לכה ארה לי וגו' זאגט רבי יוסי פון דאנן לערנן מיר אפ אז בלק האט גוואוסט אז דר רצון אונ דר חשק פון דעם רשע איז ער זאל טאן פיל שלעכץ דרום האט בלק גטאן כישוף מיט קסמים וחרשים אונ האט גמאכט דעם צפור ער האט גוואוסט די מדריגה פון משה וויא גאר הויך זיא איז חשוב האט ער אזו לאנג חורש בחרשים גוועזן מיט כישוף · ביז ער האט פר שטאנען אז די מדריגה פון בלעם אין דר טומאה איז אנטקעגן דר מדריגה פון משה אין דר קדושה מיד תיכף האט ער גשיקט צו בלעם בן בעור מפתורה ווארום הייסט דאש ארט פתורה אזו וויא עס שטייט מפתור ארם נהרים נאר דארטין רופט מען אן איין טיש פתורה אונ דרום וויל זיי זיינן גוועזן פון די בתי עבודת כוכבים העורכים לגד שולחן זייא האבין אן גריכט איין טיש מיט עסין אונ טרינקן צו דער צד הטומאה אונ האבן גמאכט מיט כישוף אונ גיווישע קטורת פר דעם טיש אזו האבן זיך דארטן איין גזאמילט אלע רוחות הטומאה אונ האבין זיי מודיע גיוועזן וואש זיי האבן גוואלט אונ אלע מיני חרשים אונ כישוף פון דר וועלט איז גימאכט גיווארין אויף דעם טיש דרום הייסט די שטאט פתורה דאש איז טייטש איין טיש :

פתח ער הייבט אן עס שטייט ועשית שולחן עצי שטים אויך שטייט ונתת על השולחן לחם הפנים אלע כלי קודש וואס זיינן גוועזן אין בית המקדש וואש מען האט דורך זיי אראפ גיצויגן דעם רוח הקודש פון אויבן אראפ אזו האט דר רשע מסדר גוועזן צו דעם צד הטומאה איין טיש מיט ברויט וואש ער הייסט לחם מגואל דען עס איז אלץ איינם אנטקעגן דעם אנדרן אונ די קליפה איז אנטקעגן

דער

דר קדושה אזו וויא מיר האבן שוין מפורש גוועזן קום אונ זעה ווייל די ישראל האבן אויף דעם בארג סיני גיזאגט דאס ווארט נעשה דרום פארכטין זיי זיך ניט פר אלע עשיות וואש מען טוט זיי מיט מעשה כשפים אונ קיין שום קסמים וחרשין קען זייא ניט טאן קיין שלעכץ איינם מחמת דעם ווארט נעשה אונ דאש אנדרע אז הקב״ה האט אויס גיצויגן די ישראל פון מצרים האט ער פר זיי צו בראכין אלע מיני כשפים וחרשין וקסמים אז זיי זאלין ניט קענן אויף זיי קיין שליטה האבן אין דר צייט אז בלק איז גקומן האט ער דאס אלין גוואושט דרום האט ער גשיקט צו בלעם בן בעור פתורה וואס דארף ער זאגן פתורה נאר ער האט אן גגרייט דארטן אזו איין טיש צו גיוואר ווערין דורך די רוחות ושדים איין עצה וואש מען זאל טאן אז מען זאל קענן ביי קומן די ישראל דרום האט ער גשיקט צו בלעם אונ זאגט אים הנה עם יצא ממצרים דאש הייסט איין אנדר פאלק קען מען טאן שלעכץ מיט כישוף אבער זיי זיינן ארויש גיגאנגן פון מצרים דאש הקב״ה האט פר זיי צו בראכין אלע מיני כישוף זיי זאלן אויף זיי קיין שליטה ניט האבן דרום שיק איך צו דיר דו זאלסט געבן דר צו איין עצה:

וירא בלק בן צפור פר וואס שטייט ביי אים דר נאמן פון זיין פאטר מער וויא ביי אנדרע מלכים זאגט רבי אלעזר עם שטייט צפור מצאה בית דאש איז יתרו ודרור קן לה דאש זיינן זיינע קינדר וואס זיי זיינן גיזעסן בלשכת הגזית צו לערנן תורה אונ האבן גיפסקת אלע דיני תורה נאך וואש שטייט מצאה בית ווארום בתחלה האבן זיי זיך ארויס גיצויגן אונ האבן זיך דר ווייטרט פון דעם פעטקייט אונ דאס זיסקייט פון דר שטאט ירחו אונ זיינען אוועק גיגאנגן אין דר מדבר ארין כדי זיי זאלין דארטין לערנן תורה מיט מנוחה אונ אז הקב״ה האט גיזעהן אז זייער חשק איז נאר צו לערנן תורה האט ער זיי פון דארטן ארויש גיצויגן אונ האט זיי אנידער גזעצט אין לשכת הגזית דרום שטייט מצאה בית אונ יתרו האט אויך אזו גטאן ער האט אוועק גווארפן די עבודת כוכבים אונ איז גקומען מיט זיינע קינדער צו בהעפטן זיך אין די ישראל אונ אלע אומות האבן אים דריבר מנדה גוועזן אונ נאך גיזאגט אונ בלק איז גוועזן פון זיינע קינדר ער האט אוועק גלאזין דעם פאטערס וועג אונ אז די זקני מואב וזקני מדין האבן דאש גיזעהן אז ער איז פריער גוועזן מיט יתרו אין איינעם זיי האבן ביידע גדינט עבודת כוכבים האט זיך יתרו בהעפט אין דר שכינה אונ בלק האט זיך פון זיי אפ גשייד דרום האבן זיי אים היינט גמאכט פר איין מלך ניט פריער דרום שטייט בן צפור ווארום דורך דעם האבן זיי אים גמאכט פר איין מלך ווייל ער איז גוועזן דר זון פון יתרו וואס ער הייסט צפור אבר אן דעם איז ער ניט ראוי גוועזן צו זיין איין מלך:

ועתה לכה נא ארה לי את העם הזה נאך וואס שטייט

ועתה דאס הייסט די שעה איז מיר בגליקט מצליח זיין וואש איך וועל טאן ער האט עפעס גיזעהן אבר ניט רעכט ווארום ער האט גיזעהן אז דורך אים וועט אין דר שטאט שטים גהרגת ווערין כמה אלפים מישראל האט ער גזאגט בוודאי איז מיר מיין מזל בגליקט צו טאן וואש איך וויל אונ נאך וואס שטייט ועתה לכה עם וואלט גדארפט שטיין ועתה לך נאר ער האט גזאגט מיר וועלן האבן אשליטה אויף דר קדושה וואס זיא הייסט כה דען די קדושה שוועבט אויף זיי מיט אירע פליגל די קדושה האט גישלאגן די בכורים אין מצרים אזו שטייט כה אמר יי כחצות הלילה ביז אהער איז קיינר ניט גוועזן אויף דר וועלט ער זאל ביי קומן דעם כה אונ זאל אויף אים שולט זיין נאר איצונד שטייגט אונזר מזל וועלין מיר זיך האלטן איין עצה אויף דר קדושה וואס זיא הייסט כה אזו וויא עם שטייט ואנכי אקרה כה מיר וועלן אוים רייסן דעם כה פון זיין ארט אונ זיינן ביידע גיוועזן בעצה רעה על יי ועל משיחו אבער זיי האבין ניט גיוואושט אז דר כה וועט זייא אויש רייסין פון דער וועלט:

כי עצום הוא ממנו וואש מיינט ער דר מיט גלייך

וויא ער האט שוין מיט זיי מלחמה גיהאלטן אונ האט גיזעהן אז זיי זיינן שטארקר פון זיי נאר דר רשע איז אגרויסר חכם גוועזן ער האט גיזעהן אז דוד המלך עליו השלום וועט ארויש קומן פון רות המואביה וואס ער איז גיוועזן שטארק וויא איין לייב אונ וועט שטארק מנצח זיין די אומה די מואבים ביז ער וועט זיי איין נעמן דרום זאגט ער אלשון יחיד כי עצום הוא עם וועט פון זיי ארויש קומן איין מלכות וואש ער וועט אונז מנצח זיין דרום זאגט ער ממנו אונ דרום זאגט ער אולי אוכל טאמר וועל איך קענן נכה בו מיר זאלן אים שלאגן איז דאך קשה פריער זאגט

ער

ער אלשון יחיד און דר נאך איין לשון רבים נאר ער האט אזו גזאגט מיר וועלן זיך בהעפטן צו שלאגין די האנט פון דעם לייב וואש ער וועט פון אונז ארוים קומן כדי ער זאל ניט ארוים גיין אויף דר וועלט און זאל ניט ארויש טרייבין דיא מואבים פון זייער שטאט:

ארה לי וואש איז טייטש ארה זאגט רבי אבא דר רשע האט צו בלעם גזאגט מיט צווי לשונות ארה און קבה און דר חילוק צווישן די ביידע איז ארה מיינט ער קלייב צו נויף פיל גראזין און די קעפ פון די שלאנגן און לייג זיי אין איין טאפ ארין מיט כישוף און דער מיט זאלשטו טאן צו זיי כישוף און דר נאך אז בלק האט דר זעהן אז דר כח פון בלעם איז נאר מיט זיין מויל האט ער אים גזאגט קבה לי דו זאלסט זיי שילטין האט ער ניט נאך גילאזן און האט גמאכט כישוף מיט זיינע גראזן דרום האט דוד גזאגט איך וועל אויש וואשין דעם טאפ פון מואב אזו וויא עש שטייט מואב סיר רחצי דאש מיינט ער דעם טאפ פון מואב וועט ער אויש וואשן און וואש מיינט ער ווייטר על אדום אשליך נעלי נאר דאש האט אויך דוד גרעט אויף וואס עס שטייט ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדם עשו האט גזאגט איך וועל עפענן מיין מויל און יעקב זאל אים די עדשים ארין ווארפן צו איין שלינגן זאגט דוד איך וועל ווארפן מיין שוך צו פאר שטאפין זיין מויל עלי פלשת התרועעי דאש האט ער אויך גיזעהן פון ווייטן ער האט גזעהן אז דר צד הרע פון די פלשתים די קליפה מוז גיבראכן ווערין און דווקא מיט תרועה אזו וויא עש שטייט וכי תבואו מלחמה בארצכם והרעותם צו ברעכן זייער כח מיט תרועה דרום זאגט דוד עלי פלשת התרועעי דעם כו׳ פון די פלשתים וועל איך צו ברעכן מיט תרועה דען אזו איז ראוי צו זיין צד הטומאה זאגט רבי שמעון תיפח רוחי׳ עש זאל אויש גבלאזן ווערין דר רוח פון בלק אין גיהנם און די ביינר פון בלעם זאלין דארטן צו מאלן ווערן מיט זיין רוח וואשר איין עצה רעה זיי האבן גהאלטן אויש צו רייסין די קדושה פון כה און צו ברייננן דעם צד הרע בפה ובמעשה מיט קבה וארה דער רשע האט אזו גיזאגט די ערשטע האבן זיך משתדל גוועזן דריגן אבר זיי האבן ניט גקענט דר דור הפלגה האבן גטאן זייערע זאכן במעשה איז זייער פה חסר גווארן פון זיי דען זייער לשון איז מבולבל גיווארין דרום האבין זיי ניט גיקענט אבר דא איז דיין לשון דיר שארף און דיין פה איז אן גגרייט מיט צווייא ערליי זאכין את אשר תברך מבורך ואשר תאור יואר סיי דו בענטשט ווערט מקוים און סיי דו שילשט ווערט מקוים עס הייגנט אלץ אן אין דיר וועלכן צד דו ווילשט אויף ברייננן מיט דיין מויל סיי די קדושה אויף בענטשן און סיי די טומאה אויף שילטין וועט אלץ מקוים ווערין אבר ער האט ניט גוואוסט אז הקב״ה איז מסיר שפה לנאמנים עס שטייט אלץ אין רשות פון הקב״ה דעם דור הפלגה האט ער זייער לשון מבלבל גיוועזן אזו וויא דר פסוק זאגט אשר לא ישמעו איש את שפת רעהו׳ ושם זקנים יקח דאש איז דר טעם פון בלק מיט בלעם דאש זיי זיינן ביידע גוועזן מיט איין עצה אויף שלעכץ דען זיי האבן ביידע אויף גבראכט קרבנות אזו וויא עס שטייט ויעל בלק ובלעם און די מזבחות האט בלק אליין מסדר גיוועזן און צום סוף האט זיך דר רשע בלעם בארימט פר הקב״ה את שבעת המזבחות ערכתי ואעל פר ואיל במזבח און דר מאנט ניט בלק זאגט הקב״ה צו אים דו רשע איך ווייס אלץ וואול אלא דו בדארפסט גאר ניט ריידן נייערט וכה תדבר׳ ושם זקנים יקח אבר זייער טעם און זייער עצה האט הקב״ה צו גינומן דאש זיי האבין ניט גקענט שולט זיין מיט זייער כישוף וידברו אליו דברי בלק די רייד זיינן גוועזן אזו גמיינט דען ער איז גוועזן איין בעל מום אין דריי ערטר ער איז גוועזן קרום און בלינד און טויב ער איז גיוועזן אן גגרייט צו דר קליפה דען מען מוז דווקא זיין איין בעל מום און בלק מיט בלעם האבן זיך איין חברותא רעה גמאכט דאש זייערע נעמן איז גורם צו ביי קומן די ישראל עמלק האט גיזאגט מיין נאמן מאכט עם לק איין פאלק וועל איך שלאגין אזו וויא איין נחש שלאגט מיט דעם עק׳ בלק האט גזאגט מיין נאמן מאכט בא לק ער איז גיקומן און האט זיי גשלאגין אזו וויא זיין ווילין איז גוועזן׳ בלעם האט גזאגט מיין נאמן מאכט בל עם עם איז גאר קיין פאלק ניט אויך האבן זיי קיין רועה ניט אונזרע נעמן זיינן גורם מיר זאלין זיי פאר לענרן פון דר וועלט אבר הקב״ה האט אנדרש פר טייטשט זייערע נעמן ביי בלק איז די אותיות ב״ל און ביי בלעם ב״ל מאכט דאש בלב״ל בלייבט איבר פון בלעם ע״ם און ביי בלק איין ק׳ מאכט

דאס עסיק הקב"ה האט מבלבל גוועזן זייער טיפע מחשבה אז זיי זאלין ניט קענן שולט זיין אויף דער וועלט זאגט רבי שמעון צו רבי אלעזר דוא זאגשט רעכט:

ויאמר מי האנשים האלה עמך דאס האט ניט געפרעגט הקב"ה חס ושלום נייערט זיין מדריגות הטומאה וואש ער האט טאקע ניט גיוואוסט דרום האט ער אים געפרעגט חאטשע די חברייא זאגין הקב"ה אליין האט אים מטעה גוועזן אזו וויא עש האט זיך גטראפין בייא אדם וקין אונ אזו וויא מיר האבן שוין דאש מפורש גיוועזן אין מדרש איין כותי האט געפרעגט צו רבי אלעזר איך זעה אגרעשרין כח מדריגה ביי בלעם וויא בייא משה דען ביי משה שטייט ויקרא אל משה הקב"ה האט צו משה צו זיך גירופין אונ בייא בלעם שטייט ויקר אלהים אל בלעם ער איז צו אים גיקומן זאגט רבי אלעזר עס איז אמשל צו איין גרויסן הער ער זיצט אין זיין פאלאץ אויף זיין שטול דר וויל קומט איין מצורע פאר זיין טיר אונ רופט פרעגט דר גרויסר הער ווער רופט עס אונ ווער קלאפט עש אין דר טיר זאגט מען דר אונ דר מצורע קלאפט ער וויל אריין גיין זאגט דר גרויסר הער לאז ער ניט אריין גיין נאר איך וויים וואול אז איך וועל אים ארויש שיקין זיין בקשה דורך איין שליח וועט ער עס גאר ניט אכטין אונ וועט אריין גיין אונ וועט פאר אום ריינגן מיין היכל עס איז בעסר איך זאל אליין ארויס גיין צו אים אונ וועל אים מאכן איין מורא אז ער זאל ניט אריין גיין אין מיין היכל ער זאל אים ניט פאר אום ריינגן אונ זאל חלילה ניט מטמא זיין מיין קינד אונ ער זאל ניט טמא ווערן דורך אים אזו גייט ארויש דר גרויסר הער אונ זאגט צו אים הער צו מצורע דו זאלשט חלילה זיך ניט דער וועגין אריין צו גיין אונ מקרב זיין צו מיין זון דו זאלסט פר מיידן דיינע פיס פון מיין זון זאלשט ניט גיין אין זיין וועג אונ אז דו וועסט דרויף עובר זיין וועל איך הייסן דיין גוף צו שניידן אויף שטיקר אבר ווען דר ליב האבר קלאפט אן ביי דעם גרויסין הער פרעגט דער גרויסר הער ווער איז דאש זאגט מען אז דאש איז דיין ליב האבר יענר זאגט דר גרויסר הער מיין אוהב כנפשי עס איז אים קיין כבוד ניט אז אנדערר זאל אים הייסן אריין גיין נייערט איך אליין גהער אים צו רופין שרייט דר גרויסר הער מיין אוהב כנפשי גיי אריין ער שאפט מען זאל ריין מאכין דעם היכל ער זאל דארטן ריידן מיט אים · לא תלך עמהם לא תאור את העם כי ברוך הוא דו בדארפסט גאר ניט גיין הן לטוב והן לרע ווארום דו ביסט טמא · ויאמר בלעם אל האלהים בלק מלך מואב שלח אלי אז ער האט שוין גזאגט בלק בן צפור נאך וואש האט ער נאך גדארפט זאגין מלך מואב אלא זעה די גאוה פון דעם רשע דר פסוק זאגט מלך למואב בעת ההיא איז משמע ער איז ניט ראוי גיוועזן צו זיין איין מלך נאר מען האט אים גמאכט לפי שעה פר איין מלך אזו וויא אויבן שטייט אונ ער האט זיך בארימט גליי ך וויא ער איז איין חשובר מלך דר העכסטר מלך פון דר וועלט האט צו אים גישיקט:

פתח רבי אלעזר הויבט אן עמי זכר נא מה יעץ בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור ער זאגט עמי וויא גאר שטארק איז הקב"ה איין רחמן צו זיינע קינדר חאטשע זיי זינדיגן פר אים זיינן דאך זיינע רייד אזו וויא אפאטר צו זיינע קינדר אז דאש קינד זינדיגט אזו שלאגט ער אים אונ אז ער האט נאך קיין חרטה ניט אזו שרייט ער אן אויף אים אונ זאגט אים אז ער וועט אים נאך שלאגין דער נאך טראכט דר פאטר אז איך וועל אים נאך שלאגן אזו וועט אים זיין קאפ וויי טאן אונ זיין נייטאג איז דאך ביי מיר אגרויס צער זאל איך אויף אים זייער שטארק אן שרייען אזו וועט אים פר ענדערט ווערין זיין פנים וויא דען איך וועל אים גיין בעטן מיט גוטע רייד כדי ער זאל זיך ניט מצער זיין אזו אויך בתחלה האט הקב"ה די ישראל גשלאגן האבן די ישראל נאך ניט חוזר גוועזן האט ער אין זיי אן גישריען זיינן זיי נאך ניט חוזר אזו זאגט ער איך זעה איבר דר מכה וואש איך האב אויף זיי גשיקט טוט זיי וויי דר קאפ אונ זיינן זיך מצער אזו איז דאך מיר אויך איין צער אזו וויא עש שטייט בכל צרתם לו צר אז איך וועל ווידר אין זיי אן שרייען וועט זייער פנים פר ענדערט ווערן אז מען וועט זיי גאר ניט דר קענן אזו וויא דר פסוק זאגט חשך משחור תארם לא נכרו בחוצות אז מען זעהט זיי דר קענט מען זיי ניט איך וועל ריידן מיט זייא בתחנונים עמי מה עשיתי לך ומה הלאתיך מיין פאלק איך האב דיך גלאזט שולט זיין אויף די בני היכלא דאס זיינן די מלאכים האב איך דיר דען גטאן אנדרע מעשים זאיי דו מיין עדות מה הלאתיך

וואס

יאס האב איך דיך מטריח געווען שוי מיין ליב פאלק זכר נא איך בעט דיך גדיינק נאר וואש בלק האט אויף דיר עצות גיהאלטן אונ וואש בלעם האט אים גענטפערט קען מען פר שטיין וואש פר איין טיפע עצה דאש איז געוועז :

ויקם בלעם בבקר ויחבוש את אתונו ער האט אליין גיזאטילט זיין אייזיל כדי צו טאן זיין ווילן אונ דעם ווילן פון בלק אונ ניט דעם ווילין פון הקב"ה דרום ויחר אף אלהים כי הולך הוא דאס ער האט זיך אויש גיצויגן פון דעם רשות פון הקב"ה קום אונ זעה צום ערשטין האט ער אים גיגעבן רשות אונ האט אים גזאגט קום לך אתם אונ אצונד שטייט שוין ויחר אף אלהים ער איז גיוועזן ברוגז אמאי ער גייט אלא דר פסוק פר ענטפערט עם אליין ויחר אף אלהים פאר וואש כי הולך הוא דאס וויזט מיר ער איז גנאנגן צו טאן זיין ווילן אליין ניט וויא הקב"ה האט אים גזאגט אזו וויא איך וועל דיר הייסן זאלסטו טאן זאגט הקב"ה צו אים דו רשע דו רייכסט זיך אונ ביסט זיך מזרז ארויש צו גיין מיט דיין כלי זיין פון מיין רשות דא שווער איך אז דו מיט דיין אתון וואש דו מאכסט מיט אים כישוף וועט איר אלע זיין אין מיין רשות מיד ויתיצב מלאך יי לשטן לו וואס שטייט מלאך יי זאגט רבי אבא ער איז ארויש גיגאנגן פון זיין אומנות אין אנדר אומנות דען ער איז גיוועזן איין מלאך הרחמים דרום האט רבי שמעון גזאגט די רשעים פאר קערין דעם רחמים לדין דרום שטייט דא מלאך יי דאס איז טייטש רחמים לשטן לו ער איז גיווארן פר איין שטן צו אים צו טאן דין רבי אלעזר זאגט ער האט ניט משנה גוועזן ער איז ניט ארויס גגאנגן פון זיין אומנות אלא וייל דר מלאך איז גיוועזן מצד הרחמים איז ער אנטקעגן אים גישטאנגן ער זאל מקלקל זיין אלע זיינע פעולות אונ זיין ווילן פאר שטערין דרום זאגט ער לשטן לו :

תנא מיר האבן גלערינט רבי שמעון זאגט זעהט וויא איז בלעם אחכם גיוועזן אונ אכישוף מאכער מער פון דר גאנצר וועלט הקב"ה האט צו אים גזאגט ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה אליין וואש איך וועל דיר הייסין זאלסטו טאן אונ ער האט זיך גינומן איין עצה ארויס צו גיין פון זיין רשות ער האט גיזעהן אין זיינע חרשים וכישוף וויא אזו ער וועט קענן די ישראל בייקומן האט ער מער ניט גיפונן נאר דורך זיין אתון דרום שטייט ויחבוש את אתונו ער האט אים אן גלאדין מיט אלע חרשים אונ כישוף וואש ער האט נאר גקענט האט ער אלין כולל געוועז צו טאן דורך דעם אתון צו שילטין די ישראל מיד באלד ויחר אף אלהים איז הקב"ה ברוגז גיווארין כי הולך הוא ער גייט צו טאן זיין ווילן אונ ניט מיין ווילין וואש טוט הקב"ה האט ער מקדים גיוועזן איין מלאך הרחמים ער זאל גיין אנטקעגן אים אונ זאל אלין פאר שטערין אלע זיינע כשפים וואש ער האט אן גישטעלט דרום ביז אהער שטייט ניט דר שם יי וואש איז רחמים וייל ער איז ביז אהער ניט גיזעהן גיווארין מיט זיינע כשפים אונ איצונד אז ער האט אן גברייט דאס אייזיל מיט אלע מיני כישוף אונ כוחות הדינים צו שילטין די ישראל האט הקב"ה גשיקט דעם מלאך הרחמים אנטקעגין אים ער זאל אוועק פירין דאש אייזיל פון דעם וועג דרום שטייט נתה האתון מן הדרך הקב"ה האט צו אים גזאגט דו רשע האסט דיך אן גגרייט מיט אלע מיני טומאה צו פלוכין מיינע קינדר איך שיק אנטקעגן דיר איין מלאך הרחמים ער זאל דיר פר שטערן דיין מחשבה מיט דיינע מעשים :

ותרא האתון את מלאך יי פרעגט רבי יצחק וויא קומט דאש אזו איין חכם וויא בלעם איז גיוועזן זאל ער ניט זעהן דעם מלאך זאגט רבי יוסי חס ושלום ער איז ניט ווערט אן קוקן איין היילגין מלאך זאגט רבי יצחק עש שטייט דאך נופל וגלוי עינים זאגט רבי יוסי איך האב דר פון ניט גהערט אונ קען אויף דעם גאר ניט זאגן זאגט רבי יצחק איך האב דרויף אזו גהערט ווען ער האט גדארפט צו זעהן איז ער גיפאלן נופל וראה אונ איצונד האט ער ניט גדארפט צו זעהן זאגט רבי יוסי איז דאך בלעם גוועזן אין איין העכערר מדריגה פון אלע נביאים נאמנים פון דר וועלט דר מיט וואש ער איז גוועזן גלוי עינים ער האט גיזעהען דעם כבוד פון הקב"ה אונ רבי שמעון האט דאך גזאגט אז בלעם האט מיט זיינע כשפים נאר גוואושט אין די מדריגות התחתונים וואש זיינן אונטן בטומאה אזו ווי עש שטייט ואת בלעם בן בעור הקוסם דר פסוק רופט אים נאר קוסם וויא גשיקט זיך דאס אז פון דעם כישוף זאל ער זעהן דעם כבוד פון הקב"ה נאך מער האט רבי שמעון גיזאגט פון דעם איינעם מאל וואש ער האט גיזעהן זיינען אים דיא אויגין פר קרימט

גיווארן אונ דו זאגשט אז ער האט גיזעהען אין
כבוד פון הקב"ה מיט אפענע אויגן זאגט רבי
יצחק מיין זאך אונ דיין זאך מוז האבן איין
לויטערקייט דיא סודות התורה זיינען בוודאי
גאנץ הויך וואש די וועלט קען דאש ניט פאר
שטיין אונ דרום טאר מען ניט צו פעדערן זיך
מיט דברי תורה איידר מען הערט דאש רעכט
אונ מען ווייסט קלאר די זאך • זיינען זיי גיקומען
צו רבי שמעון אונ פרעגן אים דיא זאך:
פתח הויבט רבי שמעון אן עש שטייט מה אנוש
כי תזכרנו דעם פסוק האט מען שוין מפורש
גיוועזן אז דאש האבן די שרים עליונים גיזאגט
בשעת הקב"ה האט גוואלט בשאפן דעם מענטשן
האט ער גירופן כתות כתות פון מלאכים אונ האט
זייא גזעצט פר זיך אונ זאגט צו זייא איך וויל
באשאפן איין מענטשן זאגן זיי פר אים אדם ביקר
בל ילין דר מענטש וועט אפילו איין נאכט ניט
זיין אין זיין כבוד האט הקב"ה אויש גשטרעקט
זיין פינגער אונ האט זיי פר ברענט דר נאך האט
ער אנדערע כתות אנידר גיזעצט אונ זאגט זייא
אויך איך וויל באשאפין איין מענטשן האבן זיי
גזאגט מה אנוש כי תזכרנו וואש איז דער מענטש
חשוב אז דו זאלשט אים גאר דר מאנען אונ וואס
פר איין טבע וועט ער האבן אונ וויא אזו וועט
ער זיין האט הקב"ה צו זיי גזאגט דער מענטש
וועט זיין אין אונזר גשטאלט בצלמנו כדמותנו זיין
חכמה וועט זיין מער פון אייער חכמה אונ דער
נאך אז הקב"ה האט בשאפן דעם מענטשן אונ
ער האט גזינדיגט איז אויף אים ארויס גיגאנגען
זיין משפט איז גיקומען עז"א ועזא"ל אונ האבן גזאגט
רבונו של עולם מיר האבן פאר דיר איין פתחון
פה דען דעם מענטשן וואס דו האשט בשאפין
האט ער גיזינדיגט זאגט הקב"ה ווען איר זאלט
זיין אויף אזו איין וועלט וואלט איר נאך ערגער
גיוועזן פון זיי וואש האט זייא הקב"ה גיטאן ער
האט זיי אראפ גיווארפן פון דעם הימל פון זייער
מדריגה זאגט רבי שמעון איצונד וועלין מיר
אן הייבין אונזרע רייד דאס וואש בלעם האט
גיזאגט נופל וגלוי עינים עס קען דאך ניט זיין אז
בלעם זאל זיך נאר ברימען אדר ער זאל זאגין
שקר וואלט דאך דיא תורה חלילה דאס ניט
גישריבן אונ אז עס איז ווידר אמת וויא קומט
דאש אז ער זאל זיין אין איין העכרע מדריגה פון
אלע נביאי אמת אונ ווידער דיא קדושה רועט

דאך נאר אויף אזוא אמענטשן וואס ער איז
דר צו ראוי אונ איצונד וועלן מיר זיך אום קערן
צוא די ערשטע רייד בשעת הקב"ה האט דיא
צווייא מלאכים אראפ גווארפין פון דעם הימל
האבן זייא גיזינדיגט דארף מען דאך פר שטיין
עס שטייט דאך עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט
זיי זיינן ניט ווי מענטשן זייא זיינען דאך גיוועזן
מלאכים ווי קומט צו זיי זינד נאר קום אונ זעה
אלע די מלאכים עליונים האבן ניט קיין קיום אונ
קענן ניט בשטיין נייערט באור העליון וואש ער
לייכט אויף זיי אונ איז זיי מקיים אונ ווען דער
אור זאל זיך פון זיי אפ טאן וואלטן זיי קיין קיום
ניט גקענט האבן ומכל שכן אז ער האט זיי אראפ
גווארפן אויף דר וועלט אונ האט זיין אור פון
זייא צו גינומן אזוא איז זייער גשטאלט נשתנה
גיווארן אונ אז זיי האבן אראפ גינידערט האט
אין זיי שולט גיוועזן דר אויר פון דר וועלט זיינן
זיי פאר ענדרט גיווארין אין איין אנדר מדריגה
קום אונ זעה דר מן וואש האט גינידערט צו די
ישראל אין דר מדבר איז גוועזן פון אגאנץ הויכר
מדריגה אונ איידר ער האט אראפ גינידרט האט
ער גלייכט אין אלע עולמות אונ פון אים זיינען
גשפייזט גיווארן אלע מדריגות אונ אלע מלאכים
עליונים אונ אז ער איז גקומן אויף דעם אויר פון
דר וועלט איז ער פר גרעבט גיווארן אזו וויא
פר גליווערטע נאאשר אונ ער איז נשתנה גווארן
אזו ווי עש שטייט והמן כזרע גד הוא ניט מער איז
דאך שוין איין כל שכן אז די מלאכים האבין
אראפ גינידרט אין דעם אויר פון דר וועלט האט
דאש אין זיי שולט גוועזן זיינן זיי פר ענדרט גווארן
פון זייער ערשטר מדריגה וואש זיי זיינן פריער
גוועזן וואש האט הקב"ה גטאן ווי ער האט גזעהן
אז זיי זיינן מטעה די גאנצע וועלט האט ער זיי
גיבונדן מיט אייזרנע קייטן אונטר די הרי חושך
אין גאנצן טיפעניש פון דיא בערג האט ער זייא
אריין גיווארפן אונ האט זייא בדעקט דאס פנים
מיט פינצטערניש אין דר צייט אז ער האט זייא
אריין גווארפן האט עז"א דר צערינט פר הקב"ה
האט ער אים אראפ גווארפן אין טיפעניש ביז
אין האלז אונ אקין אונ די מענטשן וואס ווייסן
זייער ארט קומן זיי אהינאזו לערנן זיי די מענטשן
כישוף ונחש וקסם אונ די הרי חושך היישן הררי קדם
דרום ווייל דר חושך האט זיך גיפדרט פר דער
ליכטיקייט לבן אונ בלעם האבין זיך פון זייא
גילערינגט

גלעריינט בישוף אונ דאש האט בלעם גיזאגט מן ארם ינחני בלק מהררי קדם קום אונ זעה בלעם האט זיך ברימט מיט דעם ארט ער זאגט נאום שומע אמרי אל דאש האט ער גמיינט דיא צוויא מלאכים וואש מען האט זיי אראפ גיווארפן דאס זיינן די רייד פון די עליונים וואש זיי האבן פון דעם פריער גוואושט אז זיי זיינן גוועזן בעולם הקודש דרום זאגט ער אמרי אל אונ זאגט ניט קול אל דאס איז אשטייגער ווי איינר קומט פון איין דרשה פרעגט מען אים פון וואנן קומשטו זאגט ער איך קום פון צו הערן דיא רייד פון הקב"ה אזוא דא מיינט ער אויך די צוויי מלאכים דען ער האט מכוין גוועזן די שעה ווען דינים הייגן אויף דר וועלט אשר מחזה שדי יחזה וועמן מיינט ער דאש ער הײשט נופל וגלוי עינים נופל איז עז"א וואס הקב"ה האט אים אריין גיווארפן אין דער טיפעניש אונ איין פינצטרניש האט צו גדעקט זיין פנים דרום הײשט ער נופל איין מאל איז ער אראפ גפאלין פון דעם הימיל אונ דר נאך אין דר טיפעניש אבר דער אנדערר מלאך הײשט גלוי עינים ווייל אויף אים האט ניט בדעקט דר חושך ווייל ער האט ניט דר צערינט אנטקעגן הקב"ה אזו וויא יענר אונ בלעם רופט זייא מחזה שדי יחזה דאש זיינן די צוויי נופל וגלוי עינים אין דר צייט איז ניט גוועזן קיין שום מענטש ער זאל ביי זיי זיין נאר בלעם אליין ער איז אלע מאל גוועזן ביי זיי אויף די בערג דרום זאגט ער מהררי קדם מיינט ער די הרי חושך:

ותרא האתון את מלאך יי' וחרבו שלופה בידו איז דאך קשה איז דען דר מלאך גיקומן צו דעם אייזיל ער איז דאך נאר גיקומן אנטקעגן בלעם מיט איין אויס גישטרעקטע שווערד פאר וואש האט דאש אייזיל גיזעהן דעם מלאך אונ בלעם האט אים ניט גיזעהן נאר צו אלץ איז דר מלאך-הרחמים אן גיברייט גוועזן ער איז גוועזן אן גברייט אנטקעגן דעם אייזיל וואש בלעם האט אים אן גשטעלט מיט גרויס כישופ[illegible]זיך איז ער אן גברייט גוועזן אנטקעגן בלעם ער זאל גישטראפט ווערין כדי ער זאל ניט גיין אין קיין אנדר וועג נאר וואו אהין הקב"ה וועט אים הייסן זאגט רבי יוסי איצונד איז דאך קשה אז די רייד פון בלעם זיינן ווידער נאר גוועזן פון דיא מדריגות התחתונים פון דיא קליפות ווארום שטייט ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה זאגט רבי יצחק חס ושלום הקב"ה האט

מיט אים גאר ניט גרעט נייערט דר מלאך האט מיט אים גרעט פון דיא ישראל וועגין גאר וואש דען שטייט ויבא אלהים אל בלעם מיר האבן גלערינט אז אלהים איז אויך א מלאך וואש ער קומט מצד הדין הקשה אפט רופט מען א מלאך בשם עליון:

ותט האתון מן הדרך דאס אייזיל האט אפ גקערט פון דעם וועג וואס בלעם האט אים אן גשטעלט אנטקעגן די ישראל נאר ווי אזו האט דאס בלעם גיוואוסט ווארום ער האט זיך תיכף אין וועג גישטעלט צו טאן מיט דעם אייזיל דיא זאכין וואס איז אנטקעגן די ישראל אזו האט ער גיזעהן אז ער וויל ניט גיין אנטקעגן די ישראל דרום שטייט ויך את האתון במקל האט ער אים תיכף אן גישטעלט מיט כוחות הדינים קשים דרום שטייט ניט במקלו מיט זיין שטעקן נאר במקל מיינט מען ער האט אים מלביש גוועזן מיט דינים קשים ותקיפים קום אונ זעה די שטארקע חכמה פון דעם רשע דען ער האט גהאט גרויס חשק ער זאל מיט זיין גרויס חכמה ארויס גיין מרשות עליון שלעכץ טאן צו די ישראל כדי ער זאל דורך דעם גרויס ווערן אין דר גאנצר וועלט:

ויוסף מלאך יי' עבור ויעמוד במקום צר דר מלאך האט אים פר שטעלט אלע וועגן האט זיא ניט גקאנט גיפינן קיין שום וועג ביז זיא האט גמוזט זיך אנידר לייגן אונטר אים ותרבץ תחת בלעם ונו' ויפתח יי' את פי האתון דאס איז איינס פון דיא זאכין וואס זיינן בשאפן גווארן בערב שבת בין השמשות * זאגט רבי יצחק ביי ווען זיינן די רייד פון דעם אייזיל חשוב גוועזן דאס הייסט נאך וואס האבן די רייד גטויגט צו בלעם אדער צו דעם אייזיל אדר צו די ישראל זאגט רבי יוסי די רייד האבן אים גמאכט אגרויסע חרפה אנטקעגן די שרים וואש זיינען מיט אים גיגאנגן זיי האבן פון אים גישפעט בשעת זיי זיינן גיקומן צו בלק האבין זיי צו אים גזאגט צוא דעם שוטה האשטו אונז גשיקט מיט אזו פיל כבוד עס איז דאך אין אים קיין שום ממשות ניט פאר האנדין איז ער דורך די רייד פון דעם אייזיל זייער מבוזה גיווארן פון זיין כבוד זאגט רבי חייא אז דר אייזיל וואלט ניט ריידן וואלט בלעם ניט אפ גלאזן זיין זאך אונ דורך די רייד איז זיין כח צו בראכן גיווארן רבי אבא זאגט פר וואש ביי קרח שטייט ותפתח הארץ אונ דא שטייט ויפתח יי' את פי האתון פר וואש שטייט ניט דארט אויך ויפתח יי' את פי הארץ נאר

דארטין האט משה גוזר גוועזן אויף דר ערד האט זיא מקיים גיוועזן די רייד פון משה אזוא וויא ער האט איר גיזאגט ופצתה האדמה את פיה עש איז ניט שיין אז עס זאל שטיין אז הקב"ה האט גטאן דעם ציווי פון משה נייערט די ערד האט גטאן אזו וויא ער האט גשאפט אבר דא גיפינגן מיר ניט ווער עס האט אויף איר גוזר גיוועזן נייערט עס איז גוועזן דר ווילן פון.הקב"ה אונ ווי אזו ער האט גוואלט אזו איז גוועזן דרום שטייט ויפתח יי את פי האתון ווייל פון אים איז דער רצון גוועזן רבי יהודה זאגט איך האב מסתכל גיוועזן אין די רייד פון דעם אתון עס ווערט גיזעהן אז עס קומט גאר ניט ארויס דר פון נאר ווייל הקב"ה האט איר גיעפינט איר מויל אזו גיהערין זיין די רייד דברי חכמה אויב דו ווערסט זאגן די חבריא האבן דאך גזאגט אז די שרים האבן אים גפרעגט וואו איז דיין פערד האט ער זיי געענטפערט עס פאשט זיך אין פעלד דרום האט דר אתון גזאגט איך בין דאך דיין אייזל פון תמיד אונ דו האסט מער ניט אונ דו בישט איין ליגנר איז דאך דיא קשיא האט זיא דאך גדארפט יאן הויבן הלא אנכי אתונך ווארום האט זיא אן גיהייבין מה עשיתי לך נאר דא אין אירע רייד איז טיפע זאכן · קום אונ זעה בלעם האט ניט גיקענט בשטיין אנטקעגין דר דעה טפשות פון דעם אתון ומכל שכן אויף דעם דעת עליון ותאמר האתון לבלעם מה עשיתי לך איז דען ביי מיר אין רשות צו טאן נוטש אדר ביוז איך גייא נאר וואו אזו מען פירט מיך נאר בלעם האט זיא אן גלאדין מיט מעשה כשפים ויאמר בלעם לאתון כי התעללת בי זעה וואש פאר איין טיפש ער איז גיוועזן ער וואלט בדארפט לאכין פון איר אונ ער האט נאך אירע רייד אן גינומן אונ האט איר דרויף געענטפערט דען האבין די שרים גילאכט פון אים זיי האבן גזעהן אז ער איז אגרויסר שוטה דרום איז ער ביי זיי זייער מבוזה גווארין ער זאגט צום אתון לו יש חרב בידי זאגן זיי וואש איז דאש פר איין שוטה ער וויל אגאנצע אומה פר לערנן מיט זיין מויל אונ צו זיין אייזיל בדארף ער האבין איין שווערד · מיר לערנן אפ אז אבהמה גיהער נאר צו איר זאך עס גיהער ניט צו איר עס זאל רעדן אויף איר אנאנדר רוח אז עס וועט קשה זיין צו אמענטשן פר וואש זאלן די בהמות ניט קענן ריידן אזוא וויא מענטשן זאל ער זעהן דער אתון פון בלעם

אז הקב"ה האט אים גיעפינט זיין מויל וואש האט ער גירעט ווארום ריידן איז נאר שיין פר אמענטשין ווייטער איז חסר אין זוהר:

ויהי בבקר ויקח בלק את בלעם זאגט רבי יצחק בלק איז גיוועזן אגרעסערר מכשף פון בלעם נאר ער האט ניט גקאנט מכוין זיין דיא שעה וואש מען קאן שילטן אזו ווי בלעם דרום ויקח בלק את בלעם בלק האט אלץ אן גיריכט אונ האט אים גיפירט צוא אלעמען ויעלהו במות בעל וואש מיינט מען במות בעל אלא ער האט גיזעהן אין זיינע כשפים דורך וואגן ער וועט זיי קענן ביי קומען דען זיי וועלן מאכן במות צו דר עבודת כוכבים וואש הייסט בעל אזו ווי דר פסוק זאגט וילכו אחרי הבעלים דרום שטייט ויעלהו במות בעל ער האט אים גיוויזן אז דורך דעם קען מען זיי ביי קומען וירא משם קצה העם ער האט גיזעהן אז די קצינים אונ חשובים מיט זייער גרויסן הער וועלן דינגען דעם בעל אזו וויא דער פסוק זאגט באיי אחאב ויקראו בשם הבעל אונ בלעם אז ער האט דאש דר זעהן האט ער גיזאגט צו בלק בנה לי בזה שבעה מזבחות ער האט גיזעהן אז זייער מדריגה איז למעלה משבע כוחות עש איז אמשל איין גרויסער הער האט איין ליב האבר אונ אז איינר וויל זיך מיט אים קריגן האט ער מורא פר דעם גרויסן הער גייט ער אונ ברייננגט איין מתנה צום הער זעהט ער דיא מתנה זאגט ער וויא קומשטו צו מיר מיט דר מתנה אלא כדיי דו זאלסט שלעכטץ טאן צו מיין אוהב הייסט ער די מתנה ווארפן פר די הינט אזו אויך בלעם האט גבראכט דיא קרבנות פר הקב"ה כדיי ער זאל קענן שלעכץ טאן צוא דיא ישראל זאגט הקב"ה רשע וויא קומשטו צוא מיר נאר פון וועגין דיא ישראל דיין קרבן גהער פאר די כלבים · זאגט רבי שמעון קום אונ זעה דעם גנאי פון אום ווירדיגן רשע דען עס גיפינט זיך ניט אין דר גאנצער פרשה עס זאל שטיין ויאמר יי אל בלעם אדר וידבר יי נייערט וישם יי דבר בפי בלעם גליך וויא איינער טוט אן זיין אייזיל איין צאם ער זאל זיך ניט קענן רירן אהין אונ אהער אזוא אויך וישם יי דבר בפי בלעם הקב"ה זאגט צו אים דו רשע איך וויל ניט אפילו דו זאלסט זייא בענטשין לא מינקצך ולא מדובשך נייערט גיי צו בלק אונ אז דו וועסט וועלן עפענן דיין מויל וועשטו ניט זיין אין דיין רשות אונ ניט אין דיין מויל הייגנט

אן

אן דאש ריידן אונ אפילו ניט דאש בענטשין
בייערט מיין קדושה וועט זייא בענטשן וואש
דיא הייסט כה תברכו את בני ישראל דרום שטייט
ושוב אל בלק אבער וכה תדבר מיין קדושה פון כה
תברכו וועט זיי בענטשן אונ וועט ריידן פון דיין
מויל אונ וויא ער איז גיקומן צו בלק אונ בלק
האט גהערט די ברכות וואס בלעם בענטשט
די ישראל האט ער גימיינט ער בענטשט זייא
מיט זיין ווילן האט ער גזאגט לקוב איבי קראתיך
איך האב דיך גירופין אז דו זאלסט זיי שילטין
צום סוף בענטשטו זיי נאך · זאגט בלעם נעם
נאר דיינע כשפים אין דיין האנט דען מען קען
מיט די כשפים אויף האלטין דיא קדושה אונ
אויש רייסין פון זיי די ברכות דרום זאגט ער
התיצב כה על עולתך מיט דיין כישוף וועסטו קענן
דיא קדושה מעכב זיין ואנכי אקרה כה אונ איך
וועל די קדושה אויש רייסן פון די רייד אונ
ברכות · זאגט הקב"ה צו אים דו רשע איך וועל
דיך אויס רייסין שוב אל בלק וכה תדבר מיין קדושה
כ"ה מוז ריידן וויא דר רשע האט דאס גיזעהן
אז עש העלפט אים גאר ניט זאגט ער הנה ברך
לקחתי וברך ולא אשיבנה כלומר די ברכות פון דר
קדושה כה קען איך ניט אום קערן איך זאל
זיי עוקר זיין אז זיא זאל זיין ניט בענטשן זאגט
בלעם הן עם כלביא יקום וויא קען מען די ישראל
עפעס טאן אז זיי זיינן אזו שטארק דען תיכף
וויא זיי שטייען אויף פון דעם בעט זייגען זיי
זיך תיכף מתגבר וויא איין לייב צו דינן זייער
הערן זייא הייבין אן תיכף צוא זאגין שירות
ותשבחות צו הקב"ה אונ זייא לערנן אגאנצין
טאג תורה ווילן זיי זיך לייגן שלאפן איז ער
פריער מקדש השם העליון אונ לייענט קריאת
שמע אונ איז אויף זיך מקבל דעם עול מלכות
שמים למעלה ולמטה עס זיינן ביי נאכט שולט
כמה מלאכי חבלה וכמה מיני משחיתים אונ אז
זיי עפענן זייער מויל אונ לייענן קריאת שמע אזו
ווערין אלע מזיקים ומשחיתים פר זיי גיבונדין
ממילא וויא אזו קען מען זיי עפעס טאן הן עם
כלביא יקום זיי זיינן אן גיברייט אויף צוא שטיין
כאריה וויא איין לייב וואש ער איז איין גבור
חיל דר סדר פון אלייב איז ער לייגט זיך אונ
לאזט איבר שפייז אבר זיי לא ישכב עד יאכל טרף ·
ר"א הן עם כלביא יקום זיי טוען אויף שטיין מקריב
זיין קרבנות אויף דעם מזבח אונ מיר האבין
גילערינט בשעת דער קרבן איז פאר ברענט
גיווארין האט זיך גיוויזן אויף דעם מזבח אזוא
וויא א פייערדיגער לייב ער הייסט אריא"ל ער
האט פאר ברענט דעם קרבן אונ אז די ישראל
זייגען ניט גוט גיוועזן האט זיך דאש פייער
גיוויזין אזוא וויא דאש גישטאלט פון איין
הונט וואש ער הויערט דרויף דען האבין דיא
ישראל גיוואושט אז זייא באדארפין תשובה
טאן לא ישכב עד יאכל טרף דאש זיינן די קרבנות
פון דער נאכט היינו עולות אונ איבער דיא
קרבנות האלט הקב"ה מלחמה מיט זייערע
שונאים רבי אלעזר זאגט לא ישכב עד יאכל טרף
איטליכר מענטש וואש ער גייט במצות הקב"ה
לייגט ער זיך ניט ביז ער הרגת פון דיא
מזיקים עלף הונדרט מיט פינף אונ צוואנציג
וואש זייא רוען בייא אים · רבי אבא זאגט
טויזינט זייגען בייא דער לינקער זייט אזוא
וויא עש שטייט יפל מצדך אלף מיט וואס וועלן
זייא פאלין זאגט דער פסוק יעלזו חסידים בכבוד
ירננו על משכבותם רוממות אל בגרונם דרום זאגט
ער לא ישכב עד יאכל טרף דאש איז לעשות בהם
משפט כתוב וגו' זאגט רבי חזקיה אנטקעגין דיא
דרייא מאל וואש ער האט דעם אתון גישלאגן
אונ האט אים אן גילאדן מיט כישוף זייגען
דיא ישראל דרייא מאל גיבענטשט גיווארין
אונ אנטקעגן דיא דרייא מאל זייגען זיי זוכה
צו זעהן פני ה' דרייא מאל אין יאר עולה רגל
זיין דרום שטייט הכית את אתונך זה שלוש רגלים
דאש איז מרמז אויף דיא דרייא רגלים וואש
דיא ישראל זייגען עולה רגל :

וירא בלעם כי טוב בעיני ה' לברך וגו' ער זעהט אז זיין
כישוף העלפט גאר ניט אונ קיין שום רוגז
איז ניט דא למעלה ולא הלך כפעם בפעם לקראת נחשים
האט ער זיך שוין אפ גישייד פון די כשפים ער
האט זיך שוין גיוואלט מתעורר זיין מיט אנאנדר
רוח צו בענטשין די ישראל · זאגט רבי יהודה
עס שטייט דא ותהי עליו רוח אלהים אונ עס שטייט
ניט רוח ה' אלא ער האט זיך ניט מתעורר גיוועזן
בקדושה נייערט מיט כוחות הטומאה וואס זיי
זיינן אונטער דר קדושה הייסין אויך אלהים אחרים
זאגט רבי יוסי אז רוח אלהים מיינט מען ניט די
קדושה ווארום שטייט ניט ביז אהער רוח אלהים
נאר דא זאגט רבי אלעזר אזו האב איך גלערנט
קום אונ זעה עס שטייט טוב עין הוא יבורך ליוען
יברך

[illegible] איין טוב עין גהער צו בענטשין אמענטשן און בלעם איז געהען איין רע עין וואס זיין גלייכן איז ניט געוועזן אויף וואס ער האט איין קוק געטאן איז די זאך געשאלטן געווארן און דרום האט מען געזאגט אז איינער פירט זיין קינד אויף דעם מארק און ער וויל מען זאל אים קיין עין הרע ניט געבן זאל ער איבער דעקן מיט איין מאנטיל זיין קאפ דאס קיין שלעכטע אויג זאל אויף אים ניט קוקן און שולט זיין אזוא אויך בלעם האט דא געזעהן אז זיינע כשפים העלפן אים גאר ניט שלעכץ צו טאן צו די ישראל האט ער געוואלט אויף זיי אקוק טאן מיט זיין שלעכט אויג וויל וואו ער זעהט ווערט דאס געשאלטן דרום שטייט וישת אל המדבר פניו די טומאה פון דר מדבר זאל אים העלפן שלעכץ טאן די ישראל זעה וואס עס שטייט וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו באותו שעה אז הקב"ה וואלט ניט מקדים זיין צו זיי איין רפואה וואלט ער זיי חס ושלום גהאט פר לענט און פר לארין מיט זיין עין הרע וואס האט הקב"ה געטאן איין רפואה באותו שעה שטייט ותהי עליו רוח אלהים דאס מיינט מען אויף די ישראל האט גירועט דר רוח אלהים אזו ווי איינער פר שפרייט איין מאנטיל אויף זיין קינד סען זאל אים קיין עין הרע ניט געבין און עליו מיינט ניט אויף בלעם נייערט אויף די ישראל און אז ער האט דאס דר זעהן האט ער תיכף גזאגט מה טובו אהליך יעקב קום און זעה אז איינער וויל געבן דעם אנדערן איין עין הרע אזו גיהער ער קיין זאך ניט צו טאן נייערט ער זאל אים פריער לויבין אז ער איז זייער שיין און דער מיט איז שולט די עין הרע אזו אויך זאגט דא בלעם מה טובו אהליך יעקב וויא פיל שיינע פלאנצונג איז געפלאנצט צווישן זיי דען פי' זיינען גלייך וויא דאס פלאנצונג וואס הקב"ה האט געפלאנצט אין גן עדן יזל מים מדליו דער נאך האט ער געזאגט עס זאל ניט געפונען ווערין איין נטיעה פון דר תורה נאר ביי דיא ארימע וזרעו במים רבים עס זאל זיך ניט מערין און דערוישין דער רוח הקודש זאגט הקב"ה צו אים רשע דיינע אויגן קען זייא שוין גאר ניט טאן וויל די קדושה איז פאר שפרייט איבער זיי רעדן זאגט ער אל תוציאו ממצרים אל איז

טייטש שטארק כלומר דער חוזק העליון איז באגריפין אין זייא און ווידער כתועפות ראם לו זיין זייער הויך אז קיינער קען ניט שטערקין זיך האנט צו גרייכין צו זיי פר גרויש הויכקייט פון זייער מדריגה העליונה דאס איז ווען זיי זיינען פרום זיינען זיי אין זייער מדריגה און שטארק אין זייערע מצות און אזוי וויא אלייב ליגט אויף זיין שפייז קען דאך אים קיינר ניט אוועק רירין פון זיין ארט אזו אויך זייא כרע שכב כארי וכלביא זאגט רבי אלעזר עס געפינט זיך ניט אויף דער גאנצר וועלט אזו אחכם להרע וויא בלעם איז געוועזן דען בשעת דיא ישראל זיינען געוועזן אין מצרים האט זיי דר רשע געמאכט מיט כישוף און האט זיי פר בונדן אז זיי זאלן חלילה ניט קענען ארויש פון דר עבודה ולסוף האט דאס אים ניט גיהאלפין דרום זאגט ער דא ווי אזו קען איך זיי איצונד בייז טאן · איך האב דאך אליין געמאכט זיי זאלין ניט קענען ארויש פון מצרים און פון דעסט וועגין אל מוציאו ממצרים האט זייא השי"ת ארויש גיצויגן פון דארטן דרום וועלן שוין אלע חכמים ומכשפים פון דר וועלט זייא ניט קענען קיין שלעכץ טאן :

רבי יוסי זאגט ויעל משם בית אל והוא עולה בדרך ונערים קטנים וגו' ויאמרו עלה קרח עלה קרח זיי האבין אלישע הנביא זייער מבזה געוועזן און האבן אים גזאגט גיי אויף דו אפ גיפליקטר זאגן אונזערע חכמים דאש זיינן געוועזן מנוערים אויש גילערטע פון מצות און תורה און פון דר אמונה דיא רשעים זיינען חייב געוועזן בדין עולם הזה ועולם הבא און עש שטייט יצאו מן העיר דאש זיי זיינען ארויש גיגאנגען פון דעם סוד היחוד עש שטייט וויטער ויפן אחריו אלישע האט זייא נאך גיקוקט אויב זיי וועלין חוזר בתשובה זיין און אויב עש וועט פון זייא ארויש קומען רעכטע קינדר ויראם ער האט געזעהן אז זייער מוטר איז מיט זייא מעוברת געווארין באסור ויקללם בשם ה' האט ער זיי געשאלטין מיט שם ה' ותצאנה שתים דובים ותבקענה מהם ארבעים ושנים ילדים די בערין האבן פון זיי גיהרגת צוויי און פערציג קינדר אנטקעגין דיא צווייא און פערציג קרבנות וואש בלק האט מקריב געוועזן :

פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן ווייל עש איז גשטארבן
אין דר מגפה פיר אונ צוואנציג טויזנט
פון די ישראל אזו וועלין ישראל זאגין דיא
מגפה איז מער ניט נגזר גיווארין נאר אויף
פיר אונ צוואנציג טויזנט דרום זאגט דער
פסוק איך האב מער ניט פאר דארבין דיא
ישראל פון וועגין פנחס אבר ווען ניט פנחס
וואלטין נאך פיל פון ישראל גישטארבן אונ
דרום זאגט דר פסוק ער איז דר זון פון אלעזר
בן אהרן הכהן צו ווייזן דאס חאטשע ער איז
ארויש גקומן פון כהנים אונ איז ניט גוואונט
גיוועזן מיט קיין שפיז פון דעסט וועגין האט
ער פון גאטש כבוד וועגין גינומן איין שפיז
אין זיין האנט אונ האט זיך פר זיכערט אין
גאט דאס ער וועט אים בוודאי העלפין אונ
אויך האבין אים די שבטים מבזה גוועזן דאס
זיין מוטר איז די טאכטר פון יתרו וואש ער
האט גשטאפט קעלבר צו דר עבודת כוכבים
זאל ער הרגנן איין נשיא פון איין שבט
דרום איז אים די תורה מיחס נאך זיין פאטר
ער איז דר זון פון אלעזר דער זון פון אהרן
הכהן · הנני נותן לו את בריתי שלום איך וועל צו
פנחס געבין שלום דען דיא ישראל האבין
גיזעהען וויא אטייל האבין מזנה גיוועזן אונ
האבין עבודת כוכבים גידינט צו פעור אונ
פנחס האט איין נשיא גיהרגת אזו זיינן זייא
דר שראקין גיווארין דען זיי האבין גימיינט
דאש עש איז צווישין זייא דא אלע דרייא
עבירות זנות אונ עבודת כוכבים אונ רציחה
אזו וויא ביי דעם מבול איז גיוועזן דרום האט
גאט גזאגט שרעקט אייך ניט פנחס האט קיין
רציחה ניט גיטאן · נייערט עש איז גלייך וויא
ער האט איין קרבן גיבראכט דר מיט וואש
ער האט דעם נשיא גיהרגת אונ ער האט דר
מיט מכפר גיוועזן אויף פעור אונ אויף זנות
אונ דרום גיב איך צוא פנחס שלום ווייל ער
האט גמאכט שלום אויף ישראל אונ דר סדר
איז ווען איינר טוט רציחה לאזט דאש בלוט
אים ניט רוען אבר ביי פנחס איז שלום גוועזן

דאש איז איין סימן דש ער האט קיין רציחה
ניט גיטאן · אונ שמעון ולוי האבן זיך תמיד
ביי אנאנדר גיהאלטין ביי דינה אונ ביי יוסף
אונ היינט האט פנחס פון שבט לוי גיהרגת
איין נשיא פון שבט שמעון אזו וועט מען
מיינען זיי וועלין זיך שוין פיינט האבן דרום
זאגט דר פסוק איך גיב צו פנחס שלום דאש
שמעון ולוי וועלין שלום האבין אזוא וויא
פריער · אונ ווייל פנחס האט מציל גוועזן די
ישראל פון דעם טויט דאש זיי האבן לייגר
גילעבט דרום האט אים גאט גיגעבין דאש
לאנגע לעבין דען אונזרע חכמים זאגן פנחס
איז אליהו אונ אין די טעג פון אחאב מלך
ישראל האט ער אויך גיהרגת דיא פאלשע
נביאים פון גאטש וועגין אונ האט זיך פר
זיכערט אין: גאט ויכפר על בני ישראל אונ ער
האט מכפר גיוועזן אויף ישראל ושם איש ישראל
דר פסוק זאגט אזוא זיין פאטר שמעון האט
פון זנות וועגין די שטאט שכם גיהרגת אונ
זיין זון זמרי האט מזנה גיוועזן דרום איז אים
דר פסוק מיחס נאך זיין פאטר שמעון צרור את
המדינים רבי שמעון זאגט עש איז ערגער ווער
עש מאכט זינדיגין איין מענטשין מער וויא
ער הרגת אים דען ווען ער הרגת אים בריינגט
ער אים נאר אום פון דר וועלט אבר ער האט
עולם הבא אבר ווען ער מאכט אים זינדיגין
בריינגט ער אים אום פון ביידע וועלטין דען
מיר גיפינען דאס די מצרים האבין גיוואלט
אום בריינגען ישראל אונ האבין מיט זייא
גיארבעט אונ אדום האט זיי גיוואלט דער
שלאגין מיט איין שווערד פון דעשט וועגין
האט גאט פאר באטין מען זאל דיא צווייא
אומות מצרים אונ אדום ניט פר אום ווערדיגן
אונ פאליידיגין אונ ווען איין מצרי אונ איין
אדומי איז זיך מגייר מעג מען זיך מיט
זיין דריטין דור מתחתן זיין אבר די מדינים
וואש האבין מפקיר גיוועזן זייערע טעכטער
צו מאכין זינדיגין די ישראל האט גאט זיי
גיהייסין הרגנן אונ מען זאל זיך מיט עמון

און מואב אייבּיג ניט מתחתּן זיין ווייל זייא
האבּין גימאכט זינדיגין די ישראל כּי צוררים הם
לכם בנכליהם דען זיי זיינן צו אייך באליידיגער
מיט זייער טראכטין דען זייא האבּין זיך
גיטראכט ווען זיי וועלין שיקין איין אנדרע
עבודת כּוכבים צו ישראל וועלין די ישראל
זיא ניט וועלין דינן דרום האבּן זיי גשיקט די
עבודת פּעור כּדי די ישראל זאלין מיינן עס
איז איין גישפּעט אונ איין גילעכטער אזוא
וועלן זיי מיינן דש איז קיין עבירה ניט ווייל
אונזרע חכמים האבּין גיזאגט פון קיין שום
זאך טאר מען ניט שפּעטן נאר פון דר עבודת
כּוכבים מעג מען שפּעטן אונ ווייל פּנחס הט
זיין האלז גיוואויגן פון גאטש וועגן אונ הט
גימאכט דר האלטין די ישראל בּיי דר מצוה
פון מילה · אונ פּינחס איז אליהו אונ ווייל
ער האט גימאכט דאש די ישראל זאלן ניט
מזנה זיין מיט די היידין אונ זאלין בּלייבּן בּיי
זייער מצוה · דרום האט ער זוכה גיוועזן צו
זיין אויף איטליכין בּרית מילה אונ מען
שטעלט אים איין בּזונדערין שטול וואו מען
איז מל דאש קינד · אונ בּלעם האט דאש
אויך גיוואוסט דש דורך זנות פון איין היידען
וועט אוועק גיין די מילה פון ישראל · דרום
האט ער גיזאגט מי מנה עפר יעקב ווייל ער האט
גיזעהן דש מען קען די ישראל ניט טאן ווייל
זיי זיינן מקיים מצות מילה · דרום האט ער
איין עצה גיגעבּין מען זאל זיי מאכין זינדיגן
מיט זנות · אונ אויך עס וואלט רעכט גוועזן
דש גאט זאל היישן הרגנן די אומה פון מואב
אויך · ווייל זיי האבּין מפקיר גיוועזן זייערע
טעכטער צו זנות · נאר גאט האט גיזאגט עש
וועט פון זיי ארויש קומן רות וואש דש מלכות
ישראל וועט פון איר גבוּיט ווערן דרום זאל
מען זיי לאזין לעבּן · אונ די מאנן פון מואב
האבּן ניט גיטארט אייבּיג קומן אין קהל צו
נעמן איין ישראלית פאר איין ווייב · אבר די
ווייבּר פון מואב האט איין ישראל גיקענט
נעמן · אלה משפּחות הראובני גאט האט גלאזט

וויסן אין דר תּורה דאש די ישראל זיינן ריין
פון עריות · דען די אומות האבּן גזאגט וואש
האלטין זיך די ישראל אזו חשוב די מצרים
האבּין דאך מיט זייערע ווייבּר מזנה גיוועזן ·
דרום איז די תּורה מיחס איטליכן מיט זיין
נאמן נאך זיין פאטר · אונ גאט הט זיין נאמן
בּיי זיי אן גישריבּן דאש זיין נאמן זאל עדות
זאגין דאש זיי זיינן כּשרי קינדר · אונ דרום
שטייט בּיי איטליכין נאמן איין ה״א אין אן
הויבּ אונ איין יו״ד צום סוף די צוויי אותיות
זיינן דר נאמן פון גאט אונ זאגין עדות אויף
ישראל דאש זיי זיינן כּשר גיבּארין גיווארין
רבּי פּנחס זאגט פון וועגין רבּי חייא ווייל די
ישראל האבּן זיך גיהיט פּר זנות אין מצרים
דרום זיינן זיי אויש גילייזט גיווארין בּמצותם
של יי׳ אין זייער טאן קריגין אויף גאט · רב
חסדא זאגט דר וואש קריגט אויף איין רב
איז גלייך וויא ער קריגט אויף גאט אזו וויא
קרח האט גיקריגט אויף משה · אונ דר פּסוק
שטעלט ער האט גיקריגט אויף גאט אונ די
ערד האט גיעפינט איר מויל אונ האט אים
איין גישלונגן · ניהיו לנס אונ דאש איז גיווארן
צו איין צייכין דש מען זאל אייבּיג ניט קריגן
אויף איין רב אונ מכּל שכּן אויף גאט · אונ
די קינדר פון קרח זיינן ניט גישטארבּין דען
גאט האט גמאכט איין הויכן בּארג אין גיהנם
אונ זיי שטייען דרויף אונ זאגין שירה · אונ
האטשע זיי האבּין אן גיהויבּן צו קריגן מיט
משה · נאר זיי האבּן בּאלד חרטה גהאט אונ
האבּין תשובה גיטאן דרום זיינן זיי ניט גקומן
אין גיהנם · אונ אטייל חכמים זאגין די ערד
וואש זיי זיינן דרויף גישטאנן איז ניט איין
גיפאלין · נאר ארום זיי איז איין גיפאלין אונ
זיי קענן ניט אראפּ פון דעם בּארג ווייל עס
איז איין טיפע גרוב ארום זיי אונ זייא זאגין
זייער שיין שירה צו גאט על פּי הגורל תחלק הארץ
מען האט ארץ ישראל צוא טיילט מיט איין
גורל אונ איין נס איז גיוועזן בּייא דעם גורל ·
דאש אלעזר האט אן גטאן די אורים ותומים

אונ מען האט צוא טיילט ארץ ישראל אויף צוועלף חלקים · אונ מען האט איטליכן חלק אויף איין קוויטיל אן גישריבין אונ מען האט די צוועלף שבטים אויך איטליכן אויף איין קוויטיל אן גישריבין · אונ מען האט דיא קוויטליך צו מישט אין איין כלי · אונ דער נשיא פון איטליכין שבט איז גיקומן אונ הט ארויש גינומן צוייא קוויטליך · אויף איין קוויטיל איז גישטאנן דר נאמן פון זיין שבט אונ אויף דעם אנדרין קוויטיל איז גישטאנן דר חלק פון ארץ ישראל וואש ער הט גזאלט נעמן · אונ דר גורל האט גישריען איך גורל בין גיקומען צו דעם שבט · כדי דיא ישראל זאלין ניט חושד זיין צו אלעזר דאש ער ניט גוטע חלקים צו ווען עם גיפעלט אים דען ניט אלע ערדן זיינן גליך · כלב בן יפנה ויהושע בן נון דיא תורה שטעלט כלב פאר יהושע חאטשע יהושע איז חשובר גיוועז פון כלב דאש איז וייל כלב האט זיך פאר גישטעלט ביי די מרגלים אז זיי האבן בייז גירעט אויף גאט אונ אויף דער לאנד אונ ער האט זייא גימאכט שווייגין פון גאטש וועגין · דרום הט אים גאט אויך כבוד אן גיטאן אונ האט אים גשטעלט פריער פר יהושע דען גאט בצאלט אלין מדה כנגד מדה · ותקרבנה בנות צלפחד די טעכטר פון צלפחד זיינן גיקומן פאר משה · די ווייבר פון ישראל זיינן תמיד פרימר גיוועזן פון די מאנען · אזו וויא מיר גיפינן ביי דעם עגל האבין זייא ניט גיוואלט געבין זייערע אורינגליך צום עגל אונ ביי די מרגלים האבן די ווייבר אויך ניט מסכים גיוועזן מיט זייא · אונ דרום זיינן אלע מאנן גישטארבן אין דר מדבר אונ זיינן ניט גיקומן קיין ארץ ישראל אבר די ווייבר זיינן יוא גיקומן אזו וויא אין פסוק שטייט ובאלה לא היה איש עש האט ניט גילעבט קיין מאן פון די וואש זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים · אבר די ווייבער האבין יוא גילעבט אונ זיינן גיקומן קיין ארץ ישראל אונ דרום האט דיא תורה אן גישריבן דיא טעכטר פון צלפחד ביי די גורלות פון ארץ ישראל צו ווייזן דאש די ווייבר האבן גגלוסט צו ירשנן דאש לאנד מער וויא די מאנען · אונ זיי האבין גיזאגט אונזער פאטער איז גישטארבין אין דר מדבר אונ הט ניט גילאזן קיין זין נאר טעכטר · דרום זאלין מיר ירשנן אין ארץ ישראל צווישין די ברידר פון אונזר פאטר · אונ וואורום זאל דר נאמן פון אונזר פאטר ווערן גימינערט פון זיין משפחה · אונ די טעכטר פון צלפחד זיינן גרוישע צדקניות גיוועזן זיי האבין ניט גיוואלט נעמן קיין מאנן נאר דר וואש איז זייער פרום אונ איז איין מיוחס אונ איבר דעם האט די איננגשטע פון זיי קיין מאן ניט גינומען פאר פערציג יאר · אונ חאטשע רב חסדא זאגט איין אשה וואש גיעמט ניט קיין מאן ביז פערצג יאר ווערט זיא שוין קיין קינדר ניט האבין · אונ וויא האבן זיי אזו לאנג גיווארט מיט מאנן נעמן · נאר גאט האט זיי גיטאן איין נס דאש זיי האבין גיהאט קינדר צו הונדרט יאר · אונ יוכבד הט גיהאט קינדר צו הונדרט אונ דרייסיג יאר · אונ דרום זיינן די טעכטר פון צלפחד צוא פערציג יאר גיקומן פאר משה כדי משה זאל זיך ניט הויך האלטין אונ זאל ניט זאגין איך בין חשוב וייל איך האב מיך פערציג יאר אויף גיהאלטין אן איין ווייב · דרום הט גאט גזאגט צו משה האלט דיך ניט הויך אונ זעה דאש די טעכטר פון צלפחד ווארטין פערציג יאר אונ נאך מער אונ ווילין קיין מאנן ניט נעמן נאר פרומע · אונ זיי האבן דרום גזאגט אונזר פאטר איז ניט גישטארבן אין דר עצת פון קרח דען זיי האבין גיטראכט משה וועט אונז נאך העלפן וייל אונזר פאטר האט ניט גיקריגט מיט קרח אויף אים · אונ דורך דעם וועלין מיר קריגן איין חלק אין ארץ ישראל וייל אונזר פאטר איז אים ניט גיוועזן דר ווידר אונ דרום האט משה דעם דין פון זיך אוועג גשיקט פר גאט כדי מען זאל אים ניט חושד זיין וייל זיי האבין אים גירעט גוטע ווערטר

דרום

דרום העלפט ער זיי נאך אונ גיט זיי איין חלק
אין ארץ ישראל דרום האט משה גזאגט לאז
דער דין קומן פאר גאט · אונ אטייל חכמים
זאגין משה רבינו האט דעם דין ניט גוואוסט
דען ער האט פאר זינדיגט וייל ער האט זיך
הויך גיהאלטין אונ האט גזאגט איין הארבע
זאך זאל פאר מיר קומן צו משפט אונ איין
גרינגע זאך זאלין אנדרע דיינים משפטין ·
דרום האט אים גאט גשטראפט דאש ער הט
דעם דין ניט גוואושט חאטשע עש איז איין
גרינגער דין וואש אפילו אלע אומות ווייסין
דאש ווען עס איז קיין זון ניט דא ירשענען
טעכטער · אטייל חכמים זאגן עס וואלט ראוי
גיוועזן אן צו שרייבין דעם דין אין דר תורה
דורך משה אזו וויא אלע דינים וואש זיינען
אין דר תורה ווארין אן גישריבין דורך משה
נאר די טעכטר פון צלפחד האבן זוכה גוועזן
דאש דר דין זאל דורך זיי ווערין אן גישריבן
אין דר תורה · אונ אויך וייל די ווייבר האבן
גיבראכט דעם טויט אויף דער וועלט וואש
דורך דעם ירשת מען ווען איינר שטארבט ·
אבר ווען מען וואלט ניט שטארבן וואלט קיין
ירושה ניט גיוועזן דרום איז דר דין פון ירושה
ווארין אן גישריבן דורך ווייבר · אונ גאט הט
גיזאגט די טעכטר פון צלפחד ריידין רעכט
גיב זיי איין חלק וואש זייער פאטר הט גזאלט
נעמן · אונ אויך גיב זיי איין חלק וואש זייער
פאטר האט גירשת צווישין זיינע ברידר ביי
זיין פאטר · עלה אל הר העברים גאט זאגט צוא
משה גייא אויף אויף דעם בארג עברים אונ
וועשט דארטין שטארבן · דען וייל גאט הט
גיהייסין משה זאל איין חלק געבין צוא דיא
טעכטער פון צלפחד אין ארץ ישראל האט
משה גימיינט דאש ער וועט שוין קומן קיין
ארץ ישראל · דרום הט אים גאט גזאגט דש
ער וועט שטארבן כאשר נאסף אהרן אחיך אזו וויא
דיין ברודר אהרן איז גישטארבין · דען משה
האט גיגלויבט צו דר מיתה פון קושין וואש
אהרן איז דער מיט גישטארבין · דרום האט
אים גאט גזאגט דו וועשט שטארבן אזו וויא
אהרן איז גישטארבין כאשר מריתם פי אזו וויא
איר האט ווידר גישפעניגט מיין מויל ביי מי
מריבה אונ נאט לאזט ווישין וואש פאר איין
עבירה משה האט גטאן דאש ער האט גמוזט
שטארבן אין דר מדבר כדי לייט זאלין ניט
זאגין ער האט אויך גרוישע עבירות גיטאן
גלייך מיט אלע די וואש זיינן גישטארבן אין
דר מדבר · עש איז איין משל צווייא ווייבר הט
מען מלקות גישלאגין איינע האט גיגעסין די
פייגין פון שמטה אונ די אנדרע האט מזנה
גיוועזן · זאגט דיא אשה וואש מען האט זיא
גישלאגן פון וועגין פייגין לאז מען מיר אויף
הייגנע פייגין אויף מיין האלז כדי לייט זאלן
ווישין דאש איך ווער גישלאגין פון וועגין
פייגן פון שמטה · כדי מען זאל ניט זאגן איך
האב אויך מזנה גיוועזן אזו וויא די אנדרע ·
אזו אויך האט גאט אן גישריבין די עבירה
פון משה כדי מען זאל ניט זאגין ער איז
גישטארבין איבר דר עבירה וואש אלע זיינן
גישטארבין אין דר מדבר · פון דאנן לערנען
מיר אפ דאש גאט איז זיך מרחם איבער די
צדיקים אפילו ווען ער דארף צערענן אויף
זיי · מכל שכן ווען ער צערינט ניט אויף זיי
איז ער זיך בוודאי מרחם איבר זיי · וידבר משה
אל יי רבי יהודה זאגט הונדרט אונ פינף אונ
זיבעציג פרשיות זיינן אין דר תורה דאש דר
נאמן פון גאט ווערט דר מאנט פאר משה ·
אונ דא איז משה דר מאנט פאר גאט · דאש
איז דרום וייל גאט האט גיזאגט ביז אהער
איז משה איין מלך גיוועזן איבר ישראל דרום
איז מיין נאמען פריער דער מאנט גיווארין ·
אבר הייגט אז משה שטארבט איז רעכט דש
זיין נאמן זאל אויך איין מאל פריער שטיין ·
יפקוד יי אלהי הרוחות משה זאגט צו גאט ער זאל
אויש דער וויילין איין מנהיג איבער ישראל
וואש זאל פירן זיי נאך זיין טויט · דען משה
האט גזעהן דאש גאט האט געבן די ירושה
פון צלפחד צו זיינע טעכטר · האט ער זיך
יטראכט

גיטראכט היינט איז די צייט איך זאל בעטן גאט אז מיין שררה שאפט זאל גיין בירושה צו מיינע קינדר דש זיי זאלן פירן די ישראל אזו וויא איך האב זיי גפירט · האט גאט אים גיענטפערט מיין דעה איז ניט אזוא נייערט יהושע וואש האט דיך ערלאך באדינט אונ איז ניט אוועק גינאנגען פון דיין גיצעלט אונ האט אלין תורה גלערינט דר וועט דיין שררה שאפט ירשנן אונ וועט פירין די ישראל קיין ארץ ישראל · אונ משה האט גיזאגט צו גאט זעץ איין מלך · דאש מיינט מען אין יענע אלטע צייטן · איבר ישראל וואש זאל פריער גיין אין דר מלחמה פר ישראל · אזו וויא איך האב גטאן ביי סיחון ועוג ניט אזו וויא איין מלך פון די אומות · דאס מיינט מען אין יענע אלטע צייטין · וואש זיצט אין דר היים אונ שיקט דש פאלק אין דר מלחמה אונ ער זאל קענען מציל זיין די ישראל מיט זיין זכות אונ טוא אים ניט וויא דו האשט מיר גיטאן ער זאל אין מיטין דרינן ניט שטארבין נייערט ער זאל זוכה זיין צו ברייננען די ישראל אין דעם לאנד · קח לך את יהושע גאט זאגט צו משה נעם איין יהושע מיט גוטע רייד אונ זאג אים וואול צו דיר וואש דו בישט זוכה צו זיין איין מנהיג איבר גאטש קינדר אונ לעהען אן דיינע הענט אויף אים כדי די ישראל זאלין זעהען דאש ער וועט אויף דיין ארט · אונ לאז אים דרשנן פאר דיין לעבין כדי די ישראל זאלין דר נאך ניט זאגין אז משה האט גילעבט הט יהושע קיין קאפ ניט גיקענט אויף הויבן · אונ גיב אים פון דיין שיינקייט וואש לייכט אין דיין פנים · דען דאש פנים פון משה האט גילויכטין אזו וויא די זון מען האט אין אים ניט גיקענט אריין קוקין · אונ דאש פנים פון יהושע האט גאר גילויכטין אזו וויא די לבנה · אונ פאר אלעזר הכהן וועט יהושע מוזין שטיין צו פרעגין אים אין די אורים ותומים · אונ דאש האט גאט גיזאגט צוא משה דו האסט באגערט דיין זון זאל ירשנן

דיין שררה שאפט צו זיין איין מנהיג איבער ישראל · איצונד אלעזר איז פון דיין משפחה וועט ער האבין שררה שאפט איבר יהושע דען יהושע וועט קיין זאך ניט קענן טאן אן אלעזר · דרום איז גלייך וויא דיין זון האט דאש שררה שאפט · אונ משה האט גיטאן זיינע ביידע הענט אויף יהושע אונ הט אים מסמיך גוועזן פאר איין רב · תאטשע גאט הט אים נאר גיהייסין ער זאל איין האנט אויף אים ארויף לייגין · פון דעסט וועגן האט אים משה מסמיך גוועזן מיט ביידע הענט אונ הט אים גיבענטשט מיט דעם גאנצין הארץ וידבר יי אל משה את קרבני לחמי גאט האט גיזאגט צוא משה דוא באגערשט פון מיר איך זאל דיא קינדר ישראל איין מנהיג געבין · אונ ווארום זאגשטו ניט אן די ישראל זיי זאלן מיך רעכט דינען מיט קרבנות · עש איז איין משל איין ווייב פון איין מלך האט גיזאלט שטארבין הט זיא דעם מלך אן גיזאגט ער זאל די קינדער רעכט האלטין · זאגט דער מלך זאג נאר אן די קינדר זיי זאלין מיך ערלאך האלטין אזו וועט זייא בוודאי גוט זיין · אונ גאט האט גיהייסן ברייננן פר איין קרבן איין שאף אונ איין צעהענטיל מאס זעמיל מעל אונ איין פערטיל עמער ויין אזו זאל מען ברייננן אין דר פריא אונ פר נאכט · דען דר עיקר שפייז פון דעם מענטשן איז פלייש אונ זעמיל מעל אונ ויין · דרום האט גאט דר פון גיהייסין איין קרבן ברייננן כדי דר מענטש זאל אלע מאל זאגן די שפייז איז פון גאט ער גיט אונז אלע מאל גינוג שפייז · אונ דרום האט מען איינש גבראכט פר נאכט ווען די לבנה דארף אויף גיין אונ איינש אין דר פריא ווען די זון דארף אויף גיין · כדי דר מענטש זאל זאגין די שפייז איז פון גאט ער פירט די זון אונ די לבנה וואש דורך זיי וואקסין די פירות · דען עס זיינן דא פירות וואש וואקסין ביי נאכט דורך דר לבנה אזו וויא קארין אונ ווייץ · אונ עס זיינן דא פירות וואש וואקסין פון דר זון

אזו וויא ווייון אונ בוימיל · אדא בן רבי סימון זאגט גאט זאגט צעהן בהמות האב איך דיר גיגעבין וואש דו מענשט זיי עסין איין אקס איין שאף איין ציג איין אינד איין הירש איין שטיין באק איין וויזיל טיר איין ווילדין אקס איין תאו איין זמר · פון דעשט וועגן זאלשטו מער ניט ברייגגן צו איין קרבן נאר אזעלכע בהמות וואש זיינן ביי דעם מענטשין אין די הענט · דאש איז איין אקס אונ איין שאף אונ איין ציג כדי מען זאל זיך ניט דארפן מטריח זיין צו זוכין חיות אין וואלד אדר אין פעלד פר איין קרבן · וביום השבת שני כבשים אום שבת האט מען צוויי שאף גיבראכט פר איין קרבן מוסף דען די זאכין פון שבת איז אלין טאפל דר מן איז גיוועזן צוויי מאס צו איין מענטשין אונ דרום מאכין מיר צוויי קוכן אויף שבת · לחטאת לה' ביי ראש חודש שטייט איין חטאת צו גאט מער וויא ביי אלע קרבנות דאש איז ווייל גאט האט בשאפין די זון מיט דר לבנה מיט איין גלייכע ליכט · נאר די לבנה האט פון זיך אליין קיין ליכט ניט זיא איז טונקיל נאר זיא איז ליכטיג דר פון וואס די זון שיינט אין איר אריין · האט די לבנה גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם האסטו דען חס ושלום קיין כח ניט צו מאכין איך זאל קענן לייכטן פון מיר אליין ניט איך זאל דארפין צו דר זון · איך בין דאך אזוא נוציג אויף דער וועלט אזוא וויא דיא זון · אונ אויך וועלן דיא עובדי כוכבים זאגין דוא האשט קיין כח ניט צו בשאפן איטליכם ליכט באזונדר האט גאט גיצערינט אויף דער לבנה אונ זאגט דוא ווילשט מיך לערנען וואש צוא טאן דרום זאל זיך דיין ליכט מינערן · האט דיא לבנה גיזאגט צוא גאט רבונו של עולם ווייל איך האב גלייך גירעט זאל מיין ליכט זיך מינערין · האט גאט גיזאגט דאש וואש איך האב דיין ליכט בשאפין פון דער זון ווייש איך וואול פאר וואש דאש איז · נאר ווייל דו האסט גלייך גירעט דרום זאלין מיינע

קינדר ישראל איין קרבן ברייגגן ווען די לבנה באנייט זיך · אונ דרום האט גאט גיטאן די לבנה מינערין · דען ווען די לבנה וואלט אזו גילויכטן וויא די זון וואלט מען ניט גוואושט קיין חילוק צווישן טאג אונ נאכט · אזו האט גאט גיזאגט די מענטשין מוזין האבין איין צייט אז זיי זאלין רוען פון זייער ארבעט אדר פון זייער האנדלין וואש זיי האבין דעם גאנצן טאג גיארבעט · אונ אז עס זאל זיין ליכטיג ביי נאכט אזו וויא ביי טאג וואלט דר מענטש גיארבעט טאג אונ נאכט אונ וואלט באלד גישטארבין · אונ נאך האט גאט גיזאגט די נאכט איז ווארין גיגעבין צוא לערנען תורה ווארום דענשט מאל זייגן די מענטשין שטיל אונ האבין רוא קען מען תורה לערנען · אונ גאט האט גיוויזין דיא מענטשין ווען איינער טוט תשובה דא נעמט ער אן זיין תשובה אזו וויא מיר גיפינען ביא דר לבנה · אונ האט גיהייסין איין קרבן ברייגגען איבר דעם וואש זיא איז גימינערט גיווארין · אונ דעם קרבן זאל מען ברייגגען אום ראש חודש ווען דיא לבנה טוט זיך ווייזין · אונ גאט האט גיזאגט ברייגגט פון מיינט וועגין איין קרבן פר וואש איך האב גיטאן מינערין די לבנה · אונ דרום שטייט אין דר תורה ביי ראש חודש חטאת לה' איין קרבן צו גאט · אונ ווייל די אומות האבין גיבראכט קרבנות צו דער לבנה ווארום זיא טוט זיך באנייען אלע חודש · דרום שטייט אין דער תורה דר קרבן זאל זיין פון גאטש וועגין אונ ניט צו דר לבנה · וביום השמיני עצרת דר אכטר טאג פון סוכות הייסט עצרת דאש איז טייטש אויף גיהאלטן · גאט האט גיזאגט צו ישראל אלע זיבין טעג האט איר גיבראכט קרבנות אנטקעגין דיא עובדי כוכבים · אונ היינט וועל איך מיך מיט אייך משמח זיין אונ ברייגגט איין קרבן אונ מאכט איין טאג יום טוב · אונ די קרבנות פון די זיבין טעג זיינן אלע מאל גימינערט גיווארין · דעם ערשטין טאג האט מען גיבראכט דריי צעהען אקסין

דעם אנדערין טאג צוועלף דעם דריטין טאג עלף אונ אזו אלין איינש ווייניגער · ביז אין דעם זיבעטין טאג האט מען נאר גיבראכט זיבין אקסין · דאש לערינט אונז דיא תורה דרך ארץ ווען איין גאסט קומט צוא איין מענטשין דעם ערשטין טאג גיט ער אים עסין גישטאפטע קאפ הינער · דעם אנדרין טאג גיט ער אים פיש · דעם דריטין טאג גיט ער אים רינדין פלייש · דעם פערטין טאג גיט ער אים ארבעס · אונ ווייטר גיט ער אים רעטאך אונ ציבעלעש אונ דעשט גלייכין · אונ דיא פרשה לאזט זיך אויש לשלמיכם דש איז טייטש איין קרבן פון שלום וייל אויף שלום שטייט די וועלט · אונ דרום אויך לאזין מיר אויש די שמונה עשרה המברך את עמו ישראל בשלום גאט וואש בענטשט זיין פאלק ישראל מיט שלום וייל תפלה איז אויף דעם ארט פון קרבנות:

## הפטרת פנחס

ויד יי היתה אל אליהו די נבואה פון גאט איז גקומן צו אליהו אונ ער האט אן גיגורט זיינע לענדין אונ איז גילאפין פר אחאב האטשע אחאב איז איין רשע גיוועזן האט דאך אליהו דאש גיטאן לכבוד המלכות וייל אחאב איז איין מלך גוועזן ויגד אחאב לאיזבל אונ אחאב האט גיזאגט צו זיין וייב איזבל דאש אליהו האט גיהרגת אלע נביאים פון דר אפ גאט בעל האט איזבל גשיקט איין שליח צו אליהו צו זאגן אים מארגין וועל איך טאן דיין בלוט אזו וויא איינעם פון זיי אונ וויא אליהו האט גיזעהן דאש ער איז אין איין סכנה איז ער אנטלאפין קיין באר שבע אונ האט זיין יונג גלאזט אין באר שבע אונ איז גיגאנגן אין דר מדבר אונ האט זיך גיזעצט אונטער איין בוים אונ האט גיבעטין גאט ער זאל שטארבין אונ האט גיזאגט בין איך דען בעסער פון מיינע עלטערין וישכב ויישן אונ ער האט זיך גילייגט אונ איז אנטשלאפין גיווארין אונטער איין רותם בוים · איז גיקומן איין מלאך פון גאט אונ האט אים אויף גוועקט אונ האט גזאגט שטיי אויף אונ עש אזו האט אליהו גיזעהן איין קוכן וואס איז גיבאקן אויף קוילן אונ איין קריגיל וואשער שטייט ביי זיין צו קאפין האט ער גיגעסין אונ גיטרונקן אונ האט זיך ווידר גילייגט איז דער מלאך ווידער גיקומען צו אים אונ זאגט שטייא אויף אונ עש אונ טרינק ווארום דו האסט פאר דיר איין ווייטן וועג צו גיין · אזו איז אליהו אויף גישטאנן אונ האט גיגעסן אונ גיטרונקן אונ איז גיגאנגן מיט דעם כח פון דעם עסן פערציג טעג אונ פערציג נעכט ביז ער איז גיקומן צום בארג חורב איז ער זאט גיוועזן פון דעם עסן · אונ ער איז גיקומן אין איין הייל · אונ עש איז צו אים גיקומן די רייד פון גאט אונ די הייל איז גיוועזן דר שפאלט פון דעם שטיין וואש גאט האט זיך דארטן באוויזן צו משה האט גאט גיזאגט צוא אליהו וואש טושטו דא אליהו האט אליהו גיענטפערט איך האב מיך מקנא גיוועזן אין דיא פאלשע נביאים פון דער אפ גאט בעל אונ האב זייא גיהרגת אונ דרום האב איך גימוזט אנטלויפן פר איזבל וואש זיא האט אוים גיהרגת אלע גוטע נביאים אונ איך בין אליין איבער גיבליבן אונ האטשע עש זיינען נאך נביאים איבר גיבליבין וואש זיינען פאר בארגין גיוועזן איז גלייך וויא זייא זיינען ניט אויף דר וועלט אזו האט גאט גיזאגט דוא אליהו גייא ארויש פון דר הייל אונ שטייא אויף דעם בארג אונ איך גאט וועל איבר פארין אונ עש וועט זיין איין שטארקער ווינט וואש רייסט אויש בערג אונ צו ברעכט שטיינער אונ אין דעם ווינט איז ניט גאט אונ נאך דעם ווינט וועט זיין איין שטורם ווינט אונ אין דעם שטורעם ווינט איז אויך ניט גאט אונ דר נאך וועט זיין איין פייער אונ אין דעם פייער איז אויך ניט גאט אונ נאך דעם פייער וועט זיין איין שטיל קול אין דעם קול איז גאט אונ וויא אליהו האט דאס גהערט האט ער זיין פנים צו גדעקט מיט איין קאץ אונ האט זיך גישטעלט אויף דר טיר פון דער הייל אונ גאט האט אים ווידר גיפרעגט וואש טושטו דא האט ער ווידר גיענטפערט זיינע ערשטע רייד האט גאט צו אים גזאגט גייא אהיים דיין וועג אונ זאלשט זאלבין חזאל פון דר שטאט דמשק פר איין מלך איבר ארם.· אונ יהוא דר זון פון נמשי זאלשטו זאלבין צו איין מלך איבר ישראל אונ אלישע דר זון פון יהושפט זאלסטו מאכין צו איין נביא אויף דיין ארט דען וייל דו ווילשט שטארבן דרום דארפשטו מאכין איין

אנדערן נביא אויף דיין ארט די חכמים זאגין ווייל אליהו האט בייז גירעט אויף ישראל דאס זייא האבן פיל עבירות גיטאן דרום האט גאט אים ניט גיוואלט פר איין נביא דען האטשע דיא ישראל טוען בייז וויל דאך גאט ניט מען זאל אויף זייא בייז רעדין אזו וויא איין פאטר דערקט צו די חרפה פון זיין זון והיה הנמלט מחרב חזאל ימית יהוא די דרייא וועלין הרגנען אלע דיא וואש וועלין דינען דיא אפ געטער דען דער וואש וועט אנטרונן ווערן פון דער שווערד פון חזאל וועט אים יהוא הרגענען אונ וואש יהוא וועט איבער לאזין וועט אים אלישע הרגענען אונ איינער וועט דעם אנדערין העלפין אויש צוא ראמען דיא וואש דינען עבודת כוכבים והשארתי בישראל שבעת אלפים אונ איך וועל איבער לאזין פון ישראל זיבן טויזנט וואש האבן ניט גיקניט צו דער עבודת כוכבים אונ דאש מויל וואש האט ניט גיקושט צו דר עבודת כוכבים וילך משם וימצא את אלישע איז אליהו אראפ גיגאנגן פון דעם בארג אונ האט גיפונן צו אלישע וויא ער האט גיאקערט מיט צוועלף פאר אקסן האט אליהו גינומען זיין קאץ אונ האט זיא אויף אים ארויף גיווארפין ער האט אים דר מיט גיוויזין דאש ער זאל מיט אים גיין ויעזוב את הבקר האט אלישע פאר לאזין דיא רינדער אונ איז גילאפין נאך אליהו אונ זאגט איך וועל גיין קושן מיין פאטר אונ מוטער אונ דער נאך וועל איך גיין נאך דיר זאגט אליהו גייא וישב מאחריו אזוא האט זיך אלישע אום גיקערט אונ האט גינומן איין פאר רינדער אונ האט זיי גיקוילעט פאר גרויש שמחה וואש ער וועט גיין מיט אליהו אונ האט ניט גיוואלט זאמען אן צוא האקין דאש האלץ צוא קאכין דאש פלייש אונ האט גינומען די כלים וואש דיא רינדער גייען אין זייא גישפאנט אונ האט גיקאכט מיט זייא פלייש אונ האט גיגעבין עסין צו די לייט וואש האבין אים באלייט אונ דער נאך איז אלישע גיגאנגען נאך אליהו אונ האט אים באדינט:

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש אב*)‏.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אב | ר"ח וחמשה עשר | תשעה באב |
|---|---|---|---|
| תרל"ז | דינסטיג אבינט 16 מינוט מיט צעהן חלקים אויף עלף: | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרל"ח | מאנטיג פר נאכט 49 מינוט מיט פינף חלקים אויף אכט: | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרל"ט | שבת פריא 37 מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף פינף: | מאנטיג | דינסטיג |
| תר"מ | מיטוואך ביי טאג 26 מינוט מיט עלף חלקים אויף צווייא: | פרייטיג | זונטיג |
| תרמ"א | דינסטיג פריא 59 מינוט מיט זעקס חלקים אויף עלף: | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרמ"ב | שבת פאר נאכט אכט אונ פערציג מינוט אויף אכט: | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ג | פרייטיג בייא טאג 20 מינוט מיט 13 חלקים אויף זעקס: | שבת | זונטיג |
| תרמ"ד | מיטוואך פריא ניין מינוט מיט זיבן חלקים אויף דרייא: | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרמ"ה | זונטיג אין דער פריא 58 מינוט מיט איין חלק אויף עלף: | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ו | שבת פריא 30 מינוט מיט פערצעהן חלקים אויף ניין: | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ז | מיטוואך ביי טאג 19 מינוט מיט אכט חלקים אויף זעקס: | פרייטיג | זונטיג |
| תרמ"ח | מאנטיג פריי אכט מינוט מיט צוויי חלקים אויף דרייא: | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ט | שבתות צו נאכט 40 מינוט מיט 15 חלקים אויף צוועלף: | מאנטיג | דינסטיג |
| תר"נ | דאנערשטיג פריא 29 מינוט מיט ניין חלקים אויף ניין: | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"א | מיטוואך פריא צוויי מינוט מיט פיר חלקים אויף זיבן: | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרנ"ב | זונטיג ביי טאג 50 מינוט מיט זעכצען חלקים אויף דרייא: | מאנטיג | דינסטיג |

*) אין אנדערע יאהרין קומט אוים צו בענטשין ר"ח אב אין דעם שבת וואש נאך דעם איז.

# חודש אב.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אב | ר"ח וחמשה עשר | תשעה באב |
|---|---|---|---|
| תרנ"ג | דאנערשטיג אבענט 39 מינוט מיט 10 חלקים אויף 12 : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ד | מיטוואך אבענט 12 מינוט מיט פינף חלקים אויף צעהן : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ה | מאנטיג אין דער פריא זיבעצעהן חלקים אויף זיבן : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ו | פרייטיג ביי טאג 49 מינוט מיט עלף חלקים אויף דריי : | שבת | זונטיג |
| תרנ"ז | דאנערשטיג ביי טאג 22 מינוט מיט 6 חלקים אויף איינס : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ח | מאנטיג אבענט עלף מינוט אויף צעהען : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרנ"ט | שבת אין דר פריא 59 מינוט מיט 12 חלקים אויף זעקס : | שבת | זונטיג |
| תר"ס | פרייטיג אין דר פריא 32 מינוט מיט זיבן חלקים אויף פיר : | פרייטיג | זונטיג |
| תרס"א | דינסטיג ביא טאג 21 מינוט מיט איין חלק אויף איינס : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ב | מאנטיג פריא 53 מינוט מיט פערצען חלקים אויף צעהן : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ג | פרייטיג ביי טאג 42 מינוט מיט אכט חלקים אויף זיבן : | שבת | זונטיג |
| תרס"ד | מיטוואך פריא 31 מינוט מיט צוויי חלקים אויף פיר : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ה | דינסטיג פאר טאג דריי מינוט מיט 15 חלקים אויף צוויי : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ו | שבת אין דר פריא 52 מינוט מיט ניין חלקים אויף צעהן : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ז | מיטוואך ביי טאג 41 מינוט מיט דריי חלקים אויף זיבן : | פרייטיג | זונטיג |
| תרס"ח | דינסטיג ביי טאג 13 מינוט מיט 16 חלקים אויף פינף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ט | זונטיג פאר טאג צוויי מינוט מיט צעהן חלקים אויף צוויי : | מאנטיג | דינסטיג |
| תר"ע | פרייטיג צו נאכט 35 מינוט מיט פינף חלקים אויף עלף : | שבת | זונטיג |
| תרע"א | מיטוואך פריא 23 מינוט מיט זיבעצען חלקים אויף אכט : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרע"ב | זונטיג ביי טאג 12 מינוט מיט עלף חלקים אויף פינף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ג | שבת ביי טאג 45 מינוט מיט זעקס חלקים אויף צוויי : | מאנטיג | דינשטיג |
| תרע"ד | מיטוואך אבענט פיר און דרייסיג מינוט אויף עלף : | פרייטיג | זונטיג |
| תרע"ה | מאנטיג פריא 22 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף אכט : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ו | זונטיג פריא 55 מינוט מיט זיבן חלקים אויף פינף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ז | דאנערשטיג ביי טאג 44 מינוט מיט איין חלק אויף צוויי : | פרייטיג | זונטיג |
| תרע"ח | מאנטיג אבענט 32 מינוט מיט דרייצען חלקים אויף עלף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרע"ט | זונטיג פאר נאכט פינף מינוט מיט אכט חלקים אויף ניין : | מאנטיג | דינשטיג |
| תר"פ | פרייטיג פריא 54 מינוט מיט צוויי חלקים אויף פינף : | פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"א | דאנערשטיג פריא 26 מינוט מיט 15 חלקים אויף דריי : | פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"ב | מאנטיג פריא 15 מינוט מיט ניין חלקים אויף צוועלף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרפ"ג | פרייטיג צו נאכט פיר מינוט מיט דריי חלקים אויף ניין : | שבת | זונטיג |
| תרפ"ד | דאנערשטיג פר נאכט 36 מינוט מיט 16 חלקים אויף 6 : | פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"ה | דינסטיג פריא 25 מינוט מיט צעהן חלקים אויף דרייא : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרפ"ו | שבת תאלבין טאג 14 מינוט מיט פיר חלקים אויף 12 : | מאנטיג | דינסטיג |

**וידבר** יי אל משה לאמר: פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן

רבי אלעזר זאגט עס שטייט שמע בני מוסר אביך דאס איז הקב"ה ואל תטוש תורת אמך דאס זיינן די כנסת ישראל מוסר אביך מיינט מען די תורה וואש אין איר איז פר האנדין כמה תוכחות אונ מוסר אונ עונשים אזו ווי עס שטייט מוסר יי בני אל תמאס דען דר וואש איז עוסק בתורה בעולם הזה איז ער זוכה אז מען עפינט אים אויף פיל טויערן אונ כמה אורות לעולם הבא בשעת ער גייט אוועק פון דר וועלט פעדערט זיך די תורה פר אים אונ גייט צו אלע שומרים פון די טויערן אונ זאגט אונ רופט אויש פתחו שערים ויבא גוי צדיק גרייט אן איין ארט צו דעם מענטשן עבד המלך דען עס איז ניט פאר האנדין קיין גרעשערע שמחה פר הקב"ה אזו ווי דר וואש איז עוסק בתורה ומכל שכן אז איינר שטייט נאך אויף ביי נאכט לערנן תורה דען אלע צדיקים הערין צו זיין קול אונ הקב"ה איז צווישן זיי אזו ווי עס שטייט היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעיני וואש מיינט מען היושבת בגנים דאש זיינן דיא כנסת ישראל וואש זיא איז בגלות חברים מקשיבים לקולך דאש זיינען דיא מתנות עליונים הערין אלע צו דיין קול ושבח אין גלות • קום אונ זעה ווער עס שטארקט זיך אין דר שכינה זאל ער זיך שטארקן מיט אזעלכע זאכן וואש האבן אין איר איין אחיזה דאש ער זאל חלילה ניט משקר ופוגם זיין מיט דעם היילגן צייכן וואש ער איז אן גיהאלטן אין דר שכינה אונ זיא היט אים אונ גיט אים שלום ומכל שכן ווער עש איז זיך נאך מקנא אויף דעם וואש ער איז דרויף עובר אזו וויא פנחס האט גיטאן ווארום די ישראל וואלטן חלילה גיוועז פר לענט גווארן איבר דעם וואש זיי האבן גילייקינט אין דעם היילגן צייכן אונ האבן אים פאר שוועכט זיי האבן אים פוגם גיוועז אונ פנחס האט זיי מציל גיוועז אזו ווי עס שטייט פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי זאגט רבי שמעון נאך וואש שטייט צווייא מאל בן אלעזר בן אהרן הכהן נאר איצונד האט ער באקומען די צוויי נשמות פון נדב ואביהוא דרום שטייט פנחס בן אלעזר איז ער איצונד גווארן בן אהרן הכהן ווייל ער האט בקומן די נשמות פון זיינע צוויי קינדר • רבי שמעון איז גיזעסן אונ האט עוסק גיוועזן אין דר פרשת פנחס איז צו אים גקומן זיין זון רבי אלעזר אונ זאגט ווי קומן די נשמות נדב ואביהוא אין פנחס אריין אויב דו וועסט זאגן ער איז ערשט גבארן גווארן נאך זייער טויט אמער ער איז דאך נאך פריער גיוועזן איין סגן הכהן זאגט רבי שמעון צו אים מיין קינד איך וועל דיר זאגן דעם תוך פון דר זאך בשעת נדב ואביהוא זיינן גישטארבן האבן זייערע נשמות ניט גיקענט ארויף קומען תחת כנפי השכינה ווייל זיי זיינן גישטארבן אן קינדער אזו ווי עס שטייט ובנים לא היו להם אונ ווער עס האט ניט קיין קינדער איז ער ממעט הדמות של מעלה אונ דרום זיינן זיי ניט ראוי גיוועזן משמש זיין בכהונה גדולה • ובשעת אז פנחס האט זיך מקנא גוועזן אויף דעם וואס דיא ישראל האבן פר שוועכט דעם היילגן צייכן אונ איז אריין גגאנגען צווישן אלע חיילות אונ האט מיט זיין כלי זיין גשטאכין זמרי מיט כזבי ער האט זיי ביידע ארויש גיטראגן אויף דעם שפיז פאר אלע ישראל אונ דער שבט שמעון האבן זיך אלע איין גזאמילט אויף אים איז אים פר פחד די נשמה ארויש גיפלויגן אזו האבן זיך אין אים באהעפט די צוויי נשמות פון נדב ואביהוא וואש זיינן גיוועזן נע ונד אן איין לבוש אזו איז אין אים ווידר אריין זיין נשמה זיא איז נכלל גיווארן מיט די צוויי נשמות אונ האבן זיך אין אים גישטארקט דען ער האט איצונד מרויח גיוועזן ער זאל זוכה זיין צוא זיין איין כהן גדול וואש ער איז פריער דר צו ניט ראוי גוועז דרום זאגט איוב זכר נא מי הוא נקי אבד דר ריינר צדיק אויב ער האט פר לארין זיין נשמה בשעת זיא איז פון אים ארויש גפלויגן ואיפה ישרים נכחדו דיש זיינען די רעכט פארטיגע בני אהרן איז פון זיי ניט פאר מיטן גווארן זיי זאלן איצונד באקומען וואש זיי האבין פריער פאר לארן דען זיי האבן זוכה גיוועזן צו דער כהונה גדולה דורך פנחס דרום שטייט פנחס בן אלעזר איז ער פריער גיוועזן אונ היינט איז ער גיווארין בן אהרן הכהן דען ער האט באקומן די נשמה פון די קינדר פון אהרן:

**ויאמר** יי אל משה קח את כל ראשי העם והוקע אותם ליי נגד השמש פאר וואש איז זיי גיקומן אזו איין משפט זאגט רבי יהודה ווייל זייא האבין גיזינדיגט בגלוי ובפרהסיא דרום האט מען זיי דן גיוועזן בגלוי • זאגט רבי שמעון פון דאנען לערנן מיר אפ ווי אזו דר מענטש זאל זיין חטא מתקן זיין מיט תשובת המשקל והגדר אזו וויא ער

דאט

האט גיזינדיגט מזו אזו זיין דר תיקון מיט דער תשובה דען זייא האבין פוגם גיוועזן אין דעם היילגן צייכן וואס ער ווערט אן גירופין שמש דרום האט מען זיי דן גיוועזן אנטקעגן דעם שמש אונ אז איינער טוט תשובה נאר ער איז ניט רעכט מתקן אין דעם גישטאלט וויא ער האט גיזינדיגט האט ער ניט קיין רעכטין תיקון ד״א ואיפה ישרים נכחדו מיינט מען דיא מענטשן וואש האבן רעכט פארטיגע מעשים פר זייער הארין אונ זייען מקנא לשמו הגדול זאלן מקדש זיין שמו ברבים אזו אויבן צווישן די שרי מעלה איז מען אים אויך מקדש אונ הקב״ה ווערט דער קענט צווישן אלע מיט זיין צו נאמען אבער ישראל וואש זיי דער קענען אים ווערט ער צו זיי דער קענט מיט זיין רעכטין נאמען דען אלע געמן זיינן נאר צו נעמן צו דעם שם יי׳ אזו אויך איטליכער מלאך האט זיין נאמען ער זאל דער קענט ווערין מיט דעם שם המלך שלו אבער די ישראל דר קענען אים מיט דעם רעכטין נאמען זאגט ר׳ שמעון וועלכער מענטש וואס איז ניט מתקן וואס ער האט פריער גיזינדיגט איז גלייך וויא ער וואלט משקר גיוועזן אין דעם חותם המלך אונ איך לייען אויף אים דעם פסוק ומצא אבדה וכחש בה ונשבע על שקר דאס מיינט מען ער האט גיפונען איין אבידה די היילגע נשמה אונ ער לייקינט אין איר איז אים בעסער ער וואלט ניט גיבארן ווערן מיר האבן גילערנט איין צדיק גמור ווערט ניט נדחה פר איין רשע אונ דער רשע קען אים קיין שלעכץ ניט טאן אבער איין צדיק שאינו גמור ווערט נדחה פר איין רשע וועלכער הייסט איין צדיק גמור דר וואש האט ניט איין פאר קרימטע נשמה דאש הייסט ער האט אין יענעם גלגול ניט גיזינדיגט ער האט איין ריינע נשמה אונ ער פר ריכט אלץ מיט זיין חלק ער בויט הייזער אונ שלעסער אונ מויערין אלץ אין זיין חלק ונחלה אבער איין צדיק שאינו גמור הייסט ער בויט אין אפרעמדר נחלה דאס הייסט ער טוט מצות ומעשים טובים אונ ווייסט ניט אויב זיי זיינן זיינע הייסט ער אצדיק שאינו גמור מחמת די נשמה איז ניט ריין דער ווערט נדחה פאר איין רשע גלייך ווי איינער שטעלט אויף אגרוישין בנין אונ דר יסוד איז קרום אונ איין גיזונקן איז דר בנין ניט גאנץ ביז ער איז רעכט מתקן דעם יסוד · אזו אויך דער מענטש וואש זיין בנין פון תורה אונ מצוה איז אלץ גוט נאר אן יסוד דש הייסט די נשמה איז ניט ריין הייסט ער איין צדיק שאינו גמור אזו אויך פנחס האט ניט זוכה גיוועזן צו דר כהונה גדולה ביז ער האט מקנא גיוועזן לשם הקודש אונ האט אלץ רעכט מתקן גיוועזן וואש ער האט פריער מקלקל גיוועזן :

רבי יהודה הייבט אן לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני וגו׳ תבוסה אליך עס וואלט גיהערט שטיין תבוסה בך איך פאר זיכר מיך אין דיר אבר הייגט אז עש שטייט תבוסה אליך איז טייטש דוד האט פר זיכערט צו הקב״ה דאש הקב״ה כביכול זאל פר זיכערט זיין אין אים דאש ער וועט אויף שטיין אלע חצות לילה צו לויבן הקב״ה אזו וויא עש שטייט חצות לילה אקום להודות לך עש שטייט אקום איך וועל אויף שטיין מיך מקדש זיין אין דיר ער זאגט שמרה נפשי היט מיין נפש אז זיא וועט פון מיר אוועק גיין דען ווען דר נפש גייט אוועק פון דעם מענטשין צו יירשינן עולם הבא אז דר נפש איז זוכה גייען כמה חיילות עליונים אנטקעגן אונ היטין זיא אונ זיי ברייגגן זיא ארויף אלע ראש חודש אונ שבת צו מקשר זיין זיא אין דר שכינה אבר ווען זיא איז ניט זוכה אזו קומן כמה משחיתים איר אנטקעגן אונ זיינן זיא דוחה וויי צו דעם נפש דאש זיא ווערט גווארפין אזו וויא אשטיין אין אשליידר דרום האט דוד גבעטן אז הקב״ה זאל אים היטין זיין נפש אונ זיא זאל מקובל ווערן פר הקב״ה כי חסיד אני וויא אזו האט ער זיך אליין גירופין חסיד אלא ווער עש היט זיין ברית קודש פון זנות דר הייסט איין צדיק וחסיד ער יירשת עולם הבא דרום שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ דאש מיינט מען ארץ החיים לעולם הבא :

רבי חייא הייבט אן עדות ביהוסף שמו וגו׳ שפת לא ידעתי אשמע יוסף האט גקענט שבעים לשונות דען גבריאל האט מיט אים גלערינט ובשעת אז דאש ווייב פון פוטיפר האט אים תובע גיוועזן לזנות האט ער זיך גמאכט גלייך וויא ער האט ניט פר שטאנן איר לשון דר נאך האט זיא אים אן גהאפט ביי זיין קלייד אונ דר רוח הקודש שרייט אנטקעגין אים לשמרך מאשה זרה מנכריה אמריה החליקה אונ וועיל ער האט גהיט דעם ברית האט ער זיך בהעפט אין דר שכינה דרום האט אים הקב״ה מוסיף גוועזן איין אות פון זיין נאמן

דרום שטייט עדות ביהוסף אונ אזו אויך פנחס אז ער האט מקנא גוועזן אויף דעם ברית האט ער אים אויך מוסיף גיוועזן איין אות דרום הייסט ער פינחס מיט איין יו"ד רבי יוסי זאגט ווער עס איז מכבד דעם שם הקודש פון זיין הערין אונ טוט אים ווערדיגן בעולם הזה אונ היט דעם היליגן צייכין איז ער זוכה אז הקב"ה טוט אים ווערדיגן איבר אלע דאש ווייסן מיר פון יוסף וויל ער האט גיהיט דעם ברית אזו וויא עס שטייט וירכב אותו במרכבת המשנה אשר לו אונ עס שטייט ונתון אותו על כל ארץ מצרים אונ ניט דאש אליין נאר דר ים איז אויך גשפאלטין גווארין פר זיין ארון אזו וויא דר פסוק זאגט הים ראה וינס וויל ביי אים שטייט וינס ויצא החוצה פנחס האט אויך זוכה גוועזן בעולם הזה ובעולם הבא אונ האט לייננער גלעבט פון אלע יוצאי מצרים אונ האט זוכה גוועזן לכהונת עולם ער מיט זיינע קינדר נאך אים אויב דו וועסט פרעגן ער איז דאך פריער אויך גוועזן איין כהן פאר מעשה זמרי · עס איז אזו דען די וואש זאגין אז פנחס איז פריער ניט גיוועזן קיין כהן נאר איצונד איז ער ערשט גווארין אונ זיי לערנן דאס אפ וויל עש שטייט ביי מעשה זמרי והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם תחת אשר קנא איז משמע ער האט ערשט זוכה גוועזן צו זיין אכהן איז בוודאי רעכט אונ נאך דעם וואש ער זאגט אז ער איז פריער אויך גוועזן איין כהן איז אזו דר פשט · קום אונ זעה דר כהן וואס ער הרגת איין נפש ווערט ער פסול צו דר כהונה דען זיין מדריגה וואש ער האט אין איר איין אחיזה ווערט נפגם אונ פסול צו אים ממילא איז דאך פנחס מצד הדין פסול גוועזן צו דר כהונה וויל ער האט גיהרגת צו זמרי נאר ער האט מקנא גיוועזן צו הקב"ה איז ער מייחס די כהונה אויף אייביג צו אים אונ צו זיינע קינדר לדורי דורות · רבי אלעזר הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך יי' עס שטייט ווייטר ויהושע היה לבוש בגדים צואים ועומד לפני המלאך דר מלאך איז דומה שר של גיהנם אונ דר וואש גייט אין די פר שמירטע קליידר פירט ער אים אין גיהנם דרום האט ער אים אויך גוואלט פירין אין גיהנם ביז עס איז גיקומען איין קול הסירו הבגדים הצואים מעליו מען זאל אפ טאן פון אים די בגדים צואים וואס זיי ווערן פון די שלעכטע מעשים פון דעם מענטשין דרום שטייט ראה העברתי מעליך עונך והלבש אתך מחלצות אונ האט אים אן גיטאן טייערע קליידר וואס דורך זיי קען ער זעהן די פני השכינה דעם כבוד פון זיין הערין אזו פנחס איז ניט אפ גטאן גווארן פון דר וועלט ביז עס איז צו אים מתוקן גווארין אנדרע קליידר וואש דר רוח האט פון זיי הנאה לעולם הבא אונ אין איין שעה האט ער אויס גיטאן זיינע לבושים אונ האט אן גיטאן דיא טייערע לבושים מקיים צו זיין הנני נותן לו את בריתי שלום ווייטר זאגט ער אז עש איז גימאלט אז צדיקים זאלן זיין זייער ארום אזו וויא מיר גיפינן ביי רבי אלעזר בן פרת אונ רבי חנינא בן דוסא אזו אויך איוב איז גוועזן איין צדיק אונ האט גיליטן גרויסע יסורים דרום וויל ער איז גיוועזן איין זון פון איין יבמה דען אז איינר איז מייבם זיין ברודרס ווייב קומט אין דעם זון וואס ער האט מיט איר די נשמה פון דעם מת ער ווערט איצונד מתוקן וואש ער האט פריער מקלקל גיוועזן דאש איז איין צדיק ורע לו אונ די וואש זיי פר שטייען ניט זאגין זיי אז דרום איז איין צדיק אמאל ניט גוט וויל בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא נייערט עס גוועזנט זיך נאר אין מזל אבר עש איז ניט אזו דען מיר זעהן דאך ביי אברהם דען זיין מזל האט אים גיוויזין אז ער זאל קיין קינדר ניט האבן האט אים הקב"ה ארויש גיצויגן פון זיין מזל אזו וויא עש שטייט ויוצא אותו החוצה דען פאר מתן תורה איז אלץ גיוועזנט גיוועזן אין מזל אפילו בני חיי ומזוני אבר אז די ישראל האבן די תורה מקבל גוועזן זיינן זיי ניט אונטערן מזל דרום וויל אברהם האט גהאט די ה"א אין זיין נאמן דרם ווייזט אויף חמשה חומשי תורה וואש זיינע קינדר וועלין מקבל זיין דרום האט ער אים גיגעבן אלע הימלן אונ אלע מזלות אז זיי זאלן זיין אונטר אים אונ ווער עס וועט לערנן תורה לשמה ער זאל זיא מקיים זיין דר איז ניט אונטר די מזלות אבר ווען ער לערינט די תורה ניט אויף דעם תנאי ער זאל זיא מקיים זיין איז ער יוא אונטר די מזלות מכל שכן די עמי הארצים דאש זיי זיינן גיגליכן צו די בהמות דאס אויף זיי שטייט ארור שוכב עם כל בהמה דאש פון זיי איז ניט בטל גווארן דער כח המזלות ווייטר שטייט פון דעם סוד הגלגול כדיי די מלאכים זאלין אים ניט דר קענען מוז מען אים מאכן שינוי השם ושינוי המקום ושינוי מעשה אזו

וויא אברהם האט ניט זוכה גיוועז צו האבין קינדר ביז ער האט משנה גוועזן זיין מקום אזו וויא עש שטייט לך לך מארצך אונ שינוי השם לא יקרא עוד את שמך אברם אונ שינוי מעשה דאש הייסט מען מוז די ערשטע מעשים רעים אוועק ווארפין אונ מען מוז טאן מעשים טובים אזו אויך ווען הקב״ה שיקט אראפ די נשמה פון אויבן אונ ברייננט זיא אראפ אויף דר וועלט זאגט דר פסוק משנה פניו ותשלחהו דען ווען דער משתית וואש הייסט עברה בגעגינט אים אונ ער איז שוין פר ענדערט אין זיין פנים פון פריער פרעגן אים די אנדערע משחיתים דאש איז דר הוטא ענטפערט ער ער איז דאס שוין ניט ווייל ער איז שוין ניט אין יענם בנין ער איז שוין גאר אין אנגדער בנין אזו ביי איין נגע אין שטוב שטייט ועפר אחר יקח וטח את הבית אזו איז ער שוין אין אנגדר גוף וגידין ובשר ועצמות אונ דר ערשטר גוף וואש ער איז גוועזן מיט איין נגע צרעת איז צו שטויסן אין דר ערד אזו האט ער היינט איין תיקון עש איז איין משל אבוים וואש מאכט ניט קיין פיל פירות נעמט מען די צווייגן אונ מען איז זיי מרכיב אין אנגדער בוים אזו מאכט ער שוין פירות אזו גהער אויך אמענטש צו טאן אז ער זיצט אין איין שטאט וואס רשעים זיצן דארטן אונ דורך זיי קען ער ניט האלטן די תורה ומצות אונ ער איז ניט מצליח בתורה מוז ער אוועק גיין פון דארט אויף אנגדר ארט וואו עש זיצין רעכטע לייט וואש האלטין תורה ומצות וואס דאש הייסט עץ חיים היא למחזיקים בה אונ דער מענטש הייסט עץ כי האדם עץ השדה אונ די מצות הייסן פירות שטייט ווייטר רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אזו איין למדן וואש ער איז ניט קיין מאכל ער האט ניט קיין מצות ומעשים טובים וואש זייא הייסין פירות אותו תשחית וכרת דעם זאלסטו פר שניידן פון עולם הזה אונ פר דארבן פון עוה״ב דרום מוז ער אוועק גיין פון דעם ארט אין אזו איין ארט וואו צדיקים זיינן דרינן דרום זאגן די חכמים ולא המדרש עקר אלא המעשה ער זאגט ווייטר פון איוב ער האט גימוזט ליידין יסורים מחמת דיי זינד פון זיין דור אונ אזו אויך אלע צדיקים וואול צו דעם חלק פון דעם צדיק וואס ער קען מנצח זיין דעם מקטרג מיט דעם איז ער מציל דעם גאנצין דור אונ ווערט איין רועה נאמן ומנהיג הדור דרום האט משה זוכה גוועזן

צו זיין איין רועה נאמן אויף די ישראל דאס זיי זיינן ניט פר לארין גוואַרין בעולם הזה אונ ער האט זיי מנהיג גיוועזן בתורה ומעשים טובים אונ אזו אויך וועט ער אויף זיי שולט זיין בעולם הבא אין דעם קומט אריין צו זיי משה דר רועה נאמן ער פרעגט ווען די וועלט איז בצרה נעמט הקב״ה צו דעם צדיק אזו וויא איינר אז ער איז שלאף לאזט אים דר רופא בלוט פון איין אדר פון זיין רעכטע האנט פאר וואש לאזט ער אים ניט פון זיין לינקע האנט וויא איז דאך מער נאהינט צום הארצין • זאגט רבי אבא צו רבי יוסי איך וועל דיר זאגין וואש עם האט זיך גיטראפין מיט דר היילינר ליכט רבי שמעון • אמאל בין איך מיט אים גיגאנגן אין דער טאל פון איין שטאט אונ מיר האבן עוסק גוועזן בתורה דעם גאנצן טאג אונ מחמת עם איז זייער שטארק גוועזן די היץ פון דר זון האבין מיר זיך גיזעצט אין איין לאך פון איין פעלזין זאג איך צו אים וואש איז דאס אז אלע מאל וואש רשעים זיינן דא אויף דער וועלט אונ דער דין איז דא אויף דער וועלט אזו ווערין די צדיקים גשלאגין אזו וויא מיר האבין גלערינט אז די צדיקים ווערין גחאפט אין דר זינד פון דעם דור פאר וואש איז דאש זאל איך זאגין דאש איז מחמת זייא האבין די רשעים ניט גשטראפט עש איז דאך דא כמה מוכיחים אונ די רשעים זיינן עש ניט מקבל עם מוז זיין זייא שטארבין כדי עם זאל ניט בלייבן קיין מגין אויף זיי דען כל זמן זייא לעבין קען קיין דין ניט קומען אויף די רשעים ווייל זיי זיינן מגין עם איז דאך אבער ניט קיין שמחה אויף זיי אז זיי שטארבן זאגט רבי שמעון בוודאי ווערין זייא נתפס אין די זינד פון דעם דור אונ זייא זייגען מכפר אויף דער וועלט פון וואגען ווייזין מיר דאש פון די אברים פון דעם גוף אז זיי זיינען שלאף אונ עש איז אויף זייא איין צרה אזו שלאגט מען בלוט צו דעם חולה אין איין אבר אזו ווערט גיהיילט דר גאנצר גוף אזו אויך די גאנצע וועלט איז גלייך וויא אברים אונ ווען דער מדת הדין איז שורה אזו נעמט הקב״ה צו איין צדיק שלאגט ער איין אבר אונ דורך דעם ציהט ער אויש די רפואה צו דער גאנצער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט והוא מחולל מפשעינו מדוכא מעונותינו ובחבורתו נרפא לנו ווען ער מאכט איין בייל צו איין אבר ווערין אלע

גיהיילט און איז מכפר: אויף דעם דור און דאס איז דער סוד פון צדיק ורע לו און דער צד אחר דער שטן איז מקטרג אויף אים אזו איז דער דין שולט אויף דעם צדיק און דער צדיק איז דער פאר זוכה לגדולה עליונה בעולם הזה ובעולם הבא און צדיק וטוב לו איז אז הקב"ה בגערט אים גיט צו צו נעמן פאר דער וועלט האב איך אים ווידער גיפרעגט ווען עס זאל נאר אזו זיין צו איין צדיק וואלט רעכט גיוועזן עס איז דאך אבער דא פיל צדיקים וואס זיינען שלאף מיט צרעת און צרות און די האבין פיל טובות אויף דער וועלט זאגט ער מיט איינעם אדער מיט צוויא צדיקים איז טאקע גינוג אזו וויא מען שלאגט בלוט צוא איין חולה פון איין האנט ווערט דער גאנצער גוף גיהיילט אזו אויך איז גינוג איין צדיק אבער ווען דאס שלאפקייט שטארקט זיך און ווערט גרעשער אזו מוז מען שלאגין פון דער אנדערער האנט אויך אזו אז עס איז דא פיל עוונות אין דור אזו ווערין זייא אלע גישלאגין כדי צו מאכין איין רפואה צום גאנצין דור אבער אז עס איז ניט דא קיין פיל רשעים אזו איז גינוג איין צדיק ער זאל נתפס ווערין בעון הדור דען עס דארף ניט די גאנצע וועלט גישלאגין ווערין אבער אז דאס דור ווערט גיהיילט מיט תשובה ווערין די צדיקים אויך גיהיילט און איין מאל איז פאר האנדין אז דער צדיק איז כל ימיו קראנק ער זאל מגין זיין אויף דעם דור און אז ער שטארבט ווערין אלע ביהאלפין און האבין איין כפרה דער נאך זיינע מיר אויף גשטאנען און זיינען ווייטער גיגאנגין און עס איז זייער אהיישער טאג גיוועזן און דאס שטארקייט פון דער זון איז גרויס גיוועזן און עס איז אונז זייער שלעכט גיוועזן ביז מיר האבין דער זעהען בוימער אזו האבין מיר זיך גיזעצט אין איין שאטין פון איין בוים הייבט אן רבי אבא עס שטייט שירו לה' שיר חדש תהלתו [illegible] בקצה הארץ וויא גאר זיינען די צדיקים גילויבט פאר הקב"ה דען זיי זיינען פון דער קדושה פון הקב"ה למעלה וואס הייסט ישראל און אלע זייערע שמחות איז נאר צו מאכין איין יחוד ביי אלע זאכין לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה דען מיר האבין אזו גילערינט אלע שמחות וואס דיא ישראל האבין און זיינען זיך ניט משתתף צו הקב"ה איז דאס ניט קיין שמחה און דער [illegible] מיט זיין

חברותא זיינען אן גיבריים מקטרג צו זיין אויף דער שמחה און עס ווערט איין בכיה און הקב"ה איז זיך ניט משתתף צו דעם צער אבער אז דער מענטש איז משתתף אין זיין שמחה צו הקב"ה ושכינתיה ווען דער מקטרג קומט מקטרג צו זיין אויף דער שמחה און מאכט דער פון איין צער איז זיך הקב"ה כביכול משתתף אין זיין צער אזו וויא עס שטייט בכל צרתם לו צר עמו אנכי בצרה פון וואנען ווייסין מיר דאס אז מען דארף משתתף זיין צוא הקב"ה בשעת שמחה ווארום עס שטייט ישמח ישראל בעושיו עס וואלט גידארפט צו שטיין בעושו אין זיין באשעפער וואס דען שטייט בעושיו לשון רבים נאר דיא שמחה פון די ישראל איז נאר מיט די וואס זיי האבן אין אים איין חלק דאס איז הקב"ה מיט זיין פאטער און מוטער און האטשע די פאטער און מוטער זיינען שוין גישטארבין נעמט זייא הקב"ה ארויס פון דעם גן עדן און ברייננגט זיי מיט זיך זייא זאלין זיין אויף דר שמחה און אויף דעם שטייט נעשה אדם בצלמנו מיר וועלין מאכין בשותפות דען מיר האבין גילערינט דרייא בעלי מלאכות האט הקב"ה גימאכט ער זאל פון זייא אויס ציהען די גאנצע וועלט דאס זיינען שמים וארץ ומים און איטליכר האט איין טאג משמש גיוועזן דעם ערשטין טאג האבין דיא הימלען אויס גיצויגין זייער אומנות אזו וויא עס שטייט ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור דעם אנדערין טאג האט די וואסר אויס גצויגין איר אומנות אזו וויא עס שטייט יהי רקיע בתוך המים די וואסער וואלט זיך ניט גיוועזן צוא טיילין האלב ארויף און האלב אראפ וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט דעם דריטין טאג האט דיא ערד אויס גיצויגין איר אומנות אזו וויא עס שטייט תדשא הארץ דשא דעם פערטין טאג איז ווידער גיוועזן די הימלען יהי מאורות ברקיע השמים דעם פינפטין טאג איז ווידער גיוועזן די וואסער ישרצו המים שרץ דעם זעקסטין טאג איז ווידער גיוועזן די ערד תוצא הארץ נפש חיה אז די דרייא זיינען שוין פארטיג גיווארין זאגט הקב"ה איך האב צו מאכין איין אומנות צוא באשאפין איין מענטשין אזו איז דרייא שותפים אין דעם מענטשין הקב"ה מיט זיין פאטער און מוטער דער פאטער גיט זיין חלק פון שמים ומים דיא מוטער גיט איר חלק פון דער ארץ און הקב"ה איז איין שותף צו זייא

און

און גיט אים די נשמה דרום שטייט ישמח ישראל בעושיו איז לשון רבים מיינט ער דיא דרייא שותפים אונ אז זיינע פאטער אונ מוטער זיינען שוין געשטארבין גייט הקב״ה אריין אין גן עדן אונ נעמט זייא ארויס זייא זאלין זיך משמח זיין אין דער שמחה פון זייער קינד אונ דיא מענטשין ווייסין דאש אלץ ניט אבער בייא איין צרה חלילה איז הקב״ה ניט מודיע צו דיא פאטער אונ מוטער אזו וויא עש שטייט בצר לי אקרא יי׳ ואל אלהי אשוע רבי אבא מיט רבי יוסי זיינן געזעסין אין איין שאטין פון איין בוים אונ האבין דארט מגלה געוועזן סודות התורה דער וועיל האבין זייא דער זעהען וויא אין הויז גייט ארום אזו וויא איין געשטאלט פון איין מענטשין איז רבי אבא געפאלין אויף זיין פנים זאגט רבי יוסי איך געדיינק איין מאל האב איך אויף דעם ארט געזעהען רבי פנחס בן יאיר דאס ער האט געזאגט סודות אין פרשת פנחס אויף דעם פסוק פנחס בן אלעזר וועיל פריער איז דער ברית געוועזן נאר צוא משה דרום אז פנחס האט מקנא געוועזן אויף דעם ברית האט משה רבינו אליין געמוזט זאגין צו אים הנני נותן לו את בריתי שלום דרום שטייט לכן אמור לו דו אליין זאלשט צו אים זאגין אבער פון דעסט וועגין איז פון משה גאר ניט אוועק גינומען געווארין עש איז גלייך געוועזן וויא מען צינד אן איין ליכט פון דעם אנדערין ווערט דאך דאש ערשטע גאר ניט נחסר אין דעם קומט דער צל אונ זעצט זיך אנידער אונ קושט אים אונ זיי הערין אז איין קול שרייעט ראמט אויש איין ארט רבי פנחס בן יאיר איז דא בייא אייך דען מיר האבין געלערנט בשעת די צדיקים זיינען מחדש דברי תורה פון אזו איין צדיק וועגין וואש ער איז שוין אויף יענעם עולם אזו איז זיין נשמה פוקד דאש ארט אונ קומט צוא זייא ער זאגט וואול איז מיין חלק וואש איך האב זוכה געוועזן צוא זיין בחברותא פון דעם צל הקודש אונ זאגט ווייטער פון רבי פנחס וועגין דברי תורה דער פסוק זאגט כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה וגו׳ איטליכער מענטש דארף זעהען צוא טאן מעשים טובים כל זמן דיא ליכט ברענט אים אויף זיין קאפ דאש הייסט כל זמן דיא נשמה איז אין דעם גוף וואש זיא איז דער כח של מעלה אזו וויא משה רבינו האט געזאגט

ועתה יגדל נא כח יי׳ אזו זאל ער טאן דעם ווילין פון זיין האר כל אשר תמצא ידך לעשות וואש דוא קענשט טאן בכחך כל זמן דער כח לייכט אין דיר עשה טוא אויף דעם כח האבין מיר געלערנט כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כוחו ער מוז דער וועקין דעם כח של מעלה אונ מיט דעם כח זאל ער צו ברעכין די קליפות דען בייא דעם כח איז די מעשה דאש הייסט אויף דער וועלט קענשטו טאן במעשה וחשבון אבער אז דוא שטארבסט אין מעשה וחשבון בשאול אשר אתה הולך שמה דארט קען מען שוין ניט טאן קיין תשובה׃ פרעגט ער וואש זאגט שלמה בשאול אשר אתה הולך שמה גייט דען איטליכער מענטש אין גיהנם אריין זאגט ער בוודאי איז אזו אז איטליכער מענטש מוז גיין אין גיהנם אריין נאר עש איז פאר האנדין אזעלכע וואש גייען תיכף ארויש אזו וויא עש שטייט מוריד שאול ויעל הוין דיא רשעים וואש זיינען געשטארבין אן איין הרהור תשובה דיא גייען ניט ארויש אבער אפילו צדיקים גמורים מוזין אריין גיין לפי שעה אונ מען נעמט זייא תיכף ארויש פון דארט אונ די צדיקים ברייגגען ארויף די רשעים וואש זייא האבין מהרהר בתשובה געוועזן פאר דעם טויט אונ זיינען געשטארבין אונ האבין קיין תשובה ניט געטאן דאש איז געשריבין בקיצור׃ זאגט רבי אבא איך געדיינק איין זאך וואש איך האב געהערט פון דער היילגער ליכט רבי שמעון ער האט דאש געהערט פון רבי אליעזר עש איז איין מאל צו אים געקומען איין אפיקורס אונ זאגט אלטער דרייא שאלות האב איך דיך צו פרעגין איינש איז וואש איר זאגט אז מען וועט אייך בויען איין בית המקדש אמער מיר געפינען דאך ניט אין דער תורה עש זאל זיין איין בית שלישי ורביעי דאש וואש האט געדארפט געבויט ווערין איז שוין געבויט געווארין אונ ווייטער דארף שוין מער ניט זיין דען עש שטייט נאר אין פסוק שני בתי ישראל אויך שטייט גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון׃ דיא אנדערע שאלה איז דאש וואש איר זאגט אז איר זייט נאהינט למלך עליון אמער דער סדר פון דער וועלט איז דאך ווער עש איז נאהינט צוא דעם מלך איז ער תמיד בשמחה אונ איר זייט תמיד אין צער אונ אין מורא ודוחק וגון׃ די דריטע שאלה איז איר עשט

ניט קיין נבלות וטריפות כדי איר זאלט זיין געזונט אונ שטארק אין אייערע גופים אונ לסוף זייט איר תמיד שלאף מיט חלאים רעים אונ צוא בראכין מן הסתם זייט איר אזו איין פאלק וואש הקב״ה האט אייך פיינט · אלטער אלטער זאג מיר ניט קיין שום תירוץ ווארום איך וועל דיך גאר ניט הערין אונ וועל ניט פר נעמען דיינע רייד · הויבט רבי אליעזר אויף זיינע אויגן אונ האט אויף אים איין קוק גיטאן איז פון אים גיווארין איין הויפין ביינער דאש הייסט ער איז תיכף גישטארבין · אז דער רוגז איז פון אים גישטילט גיווארין האט ער אום גיקערט זיין קאפ אונ האט גיוויינט אונ זאגט יי אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ עש איז ניט פר האנדין קיין שום ווארט וואש עש זאל ניט ארויש גיין מפיו של הקב״ה · די אלע זאכן וואש דר רשע האט מיך גיפרעגט האב איך דאש גפרעגט צו אליהו האט ער מיר גיענטפערט מען האט דאש מסדר גיוועזן בישיבה של רקיע פר הקב״ה בשעת די ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האט הקב״ה גיוואלט זיי מאכן וויא די מלאכים אונ האט זייא אליין גיוואלט בויען איין בית המקדש אונ פלאנצין איין היילינע פלאנצונג אין גשטאלט פון אויבין · אזו ווי עש שטייט תבאמו ותטעמו בהר נחלתך דו זאלשט זייא אליין ברייננן אונ פלאנצן בהר נחלתך אין וואש פר איין ארט מכון לשבתך פעלת יי מיט דעם בית המקדש וואש דו האסט אליין גימאכט ניט קיין אנדרר דאש איז דר בית ראשון מקדש יי כוננו ידיך דאש מיינט מען דעם בית שני דיינע הענט האבן אליין גמאכט די ביידע בתי מקדשים · אבר דר נאך אז די ישראל האבן גיזינדיגט אין דר מדבר אונ זיינען דארטין גשטארבין האט הקב״ה זייערע קינדר גבראכט קיין ארץ ישראל זיי האבן זיך אבער שוין אפ גילערינט צו טאן שלעכטע מעשים האבין זייא שוין קיין זכות ניט גיהאט אז הקב״ה זאל זיי אליין בויען דעם בית המקדש מיט זיינע הענט דרום האט דר בית המקדש גימוזט גיבויט ווערן דורך הענט פון מענטשין דרום האט ער קיין קיום ניט גיקענט האבן ווייל ער איז גיוועזן מעשה בני אדם קען ער קיין קיום ניט האבן דרום האט דוד גיזאגט אם יי לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו דען עש וועט קיין קיום ניט האבן אזו אויך אין דיא טעג פון עזרא בימי בית שני האט אויך דער חטא גורם גיוועזן האבין זייא אויך אליין גימוזט בויען דרום האט ער אויך קיין קיום ניט גיהאט אונ ביז אהער איז נאך אפילו ניט גיוועזן דער בנין הראשון וואש הקב״ה אליין באדארף בויען ביז לעתיד שטייט בונה ירושלים יי נדחי ישראל יכנס ער וועט אליין בויען אונ ניט קיין אנדערער אונ אויף דעם בנין טוען מיר האפן אונ עש וועט שוין ניט זיין קיין בנין בשר ודם נייערט הקב״ה אליין וועט אראפ נידערין ביידע בתי מקדשות מיט איין מאל דר בית ראשון וועט זיין מכוסה אונ דער בית שני וועט זיין אנטפלעקט אז דיא גאנצע וועלט וועלין זעהען דאש אומנות פון הקב״ה בשמחה שלימה וברצון הלב דרום וועט מען זעהן די ענני כבוד וועלן אויף ברייננן דאש בית ראשון בית דעם הימל אונ דאש האפין מיר אונ אפילו ירושלים וועט ניט זיין קיין מעשה ידי אדם אזו ווי דר פסוק זאגט ואני אהיה לה נאם יי חומת אש סביב אונ אז דיא שטאט וועט זיין אזו מכל שכן דער בית אליין וואש ער איז זיין וואונונג אונ אזו האט גיזאלט זיין תיכף אז דיא ישראל זיינען פון מצרים ארויש גיגאנגען נאר זייא האבין גיזינדיגט האט דאש הקב״ה אפ גיטאן ביז דר גאולה אחרונה · אויף דער אנדערער שאלה איז דער תירוץ אזו מיר זיינען בוודאי נאהינט צום מלך עליון דען הקדוש ברוך הוא האט אונז גימאכט פאר איין הארץ אזו וויא דאש הארץ איז מחזיק צו אלע איברים דרום איז דאש הארץ אין מיטין דעם גוף אזו זיינען דיא ישראל גיוועזן דען זיי זיינען דאש הארץ דרום זיינען זיי אין מיטין דער וועלט גיוועזן דאס איז ארץ ישראל · דאש הארץ איז ווייך אונ שלאף אונ ער איז דר קיום פון אלע איברים קיין שום איבר ווייש ניט פון צרות ויגון אונ צער נייערט דאש הארץ דארטין איז דער קיום אונ שכל אונ פאר שטאנד דאש הארץ איז אליין מקבל שכל פון דעם מוח אבער אנדערע איברים ווייסן ניט דער פון אונ דרום ווייל די ישראל זיינען גיוועזן דאש הארץ זיינען זייא נאהענט גיוועזן צום מלך הקב״ה אזו וויא דאש הארץ צום מוח · אונ אויף דער דריטער

שאלה איז אזו דער תירוץ ישראל עסין ניט קיין נבילות וטריפות שקצים ורמשים אונ זיינן שלאף דען אזו וויא דאש הארץ איז וייך אונ שלאף דען ווען דער מענטש עסט אזו האבין דער פון הנאה אלע איברים אונ אז דאש עסין קומט אין מאגין אריין אזו ווערט דאש צו טיילט אונ דאש לויטערע אונ דאש בעשטע איז מקבל דאש הארץ דרום ווערין גישטארקט אלע איברים דער פון אונ דאש הארץ איז פון אלע מומים ריין עש האט גאר קיין מום ניט אזוא האט הקב"ה גינומען דיא וואש זיינען גאר ריין אן אמום אזו וויא דער פסוק זאגט כולך יפה רעיתי ומום אין בך אזו קושט רבי יוסי זיינע הענט פאר גרויש שמחה אונ זאגט אילמלי ווען איך וואלט נאר גיקומען אויף דער וועלט נאר דאש צוא הערין וואלט שוין אויך גינוג גיוועזן:

ושם איש ישראל המוכה אשר הוכה ווארום שטייט ניט אשר הכה פנחס וואש פנחס האט אים גיהרגת אלא מחמת עס איז ניט שיין אז אכהן זאל הרגנן אנפש דען דורך דעם ווערט ער פסול לכהונה דרום שטייט סתם אשר הוכה אונ עש שטייט ניט ווער עש האט אים גישלאגין· רבי שמעון איז גיגאנגען פון קפוטקיא קיין לוד אונ רבי יהודה איז אויך מיט אים גיגאנגן וויא זייא גייען באגעגענט זייא רבי פנחס בן יאיר אונ צוויי מענטשין גייען מיט אים האט זיך גישטעלט דאש אייזיל פון רבי פנחס זייא טרייבין אים אונ ער וויל ניט גיין זאגט רבי פנחס לאזט אים שטיין דען ער שמעקט אז פנים חדשות קומען צוא אונז אדער איין נס וועט צוא אונז גיטאן ווערין וויא זיי שטייען קומט ארויש רבי שמעון פון אונטר דעם בארג זאגט רבי פנחס האב איך אייך דען ניט גיזאגט ער שמעקט איין פנים חדשות האט רבי פנחס אראפ גינידערט פון דעם אייזיל אונ האט גיהאלזט זיין איידים רבי שמעון אונ וויינט אונ זאגט איך האב גיזעהען אין חלום אז דיא שכינה איז צוא מיר גיקומען אונ האט מיר גיגעבין אוצרות ומתנות היינט איז צוא מיר דער חלום מקוים גיווארין דרום בין איך זייער אין שמחה זאגט רבי שמעון פון דיא טריט פון דיין אייזיל זעה איך אז דוא בישט היינט בשמחה שלימה זאגט רבי פנחס לאמיר זיך זעצין אויף איין ארט דען די תורה באדארף האבין לויטערקייט האבין זייא גיפונען אין קוואל וואשער אונ איין בוים איז דער בייא האבין זייא זיך גיזעצט· זאגט רבי פנחס איך זעה אז לתחיית המתים וועט הקב"ה מאכין גאר אנאנדער דרך וויא עש איז היינט דאש ערשטע וועט דענשט מאל זיין דאש הנטערשטע מיר זעהען די מתים וואש הקב"ה האט לעבעדיג גימאכט דורך יחזקאל הנביא שטייט ותקרבו עצם אל עצמו צום ערשטין זיינען זייא צו אנאנדער גיקומען די ביינער דער נאך שטייט וראיתי והנה עליהם גידים ובשר דר נאך שטייט ויקרם עליהם עור מלמעלה דר נאך איז ערשט אריין גיגאנגען אין זיי איין רוח וואש ער איז גיווארין אויש גיצויגן פון זייא צום ערשטין דא איז ער דארטין גיוועזן צום הינטערשטין דען צום ערשטין גייט ארויש פון דעם מענטשין דער רוח דער נאך ווערט פר פוילט דאש עור דער נאך דאש בשר דער נאך דיא ביינער· זאגט רבי שמעון אין דעם האבין זיך שוין מקשה גיוועזן דיא עמודי עולם דאש הייסט דיא גרוישע חכמים אבער דיא ביינער וואש זיינען לעבעדיג גיווארין דורך יחזקאל איז גיוועזן מיט זיי נסים ואותות משונים וואש הקב"ה האט מיט זייא גיטאן· זעה עס שטייט זכר נא כי כחומר עשיתני ואל עפר תשיבני דער נאך שטייט הלא כחלב תתיכני וכגבינה תקפיאני עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תסוככני דאש מיינט ער לעתיד וועט אזו זיין הקב"ה וועט נעמען איין ביינדיל וואש בלייבט איבער פון דעם גוף אונ וועט עס קנעטין אזו וויא אטייג אין מילך דער נאך וועט עס פאר גליווערט ווערין אזו וויא קעז דער נאך וועט ער ציהען דרויף איין עור ובשר דער נאך שטייט חיים וחסד עשית עמדי דאש איז דער רוח החיים עש שטייט חיים וחסד עשית עמדי ופקודתך שמרה רוחי ווארום שטייט ניט תעשה עמדי אז עס גייט אויף תחית המתים וואלט דאך באדארפט שטיין וואש דו וועשט טאן מיט מיר אלא חיים וחסד האשטו מיט מיר גיטאן בעולם הזה דאש דוא האשט מיר גיגעבין איין רוח חיים אבער ופקודתך אז דוא וועשט מיך גידיינקען לעתיד אזו וויא צום ערשטין שמרה רוחי דען די נשמות פון די צדיקים ווערין גיהיט תחת כסא הכבוד אונ דיא שכינה היט זייא ווידער צו קערין אין זייער גוף אריין לתחיית המתים

דען אלע נשמות זיינען ביא איר בפקדון אזו
וויא דער פסוק זאגט בידך אפקיד רוחי אזו האט
דוד אויך גיזאגט שמרה נפשי כי חסיד אני זאגט
דער רעיא מהימנא דאש איז משה רבינו גרויסע
סודות שמרה נפשי כי חסיד אני חאטשע מען האט
גיזאגט אין דער גמרא אז דוד האט אזו גיזאגט
בין איך דען ניט קיין חסיד אלע מלכי מזרח
ומערב שלאפין ביז דרייא שעה אויף דעם
טאג אונ איך שטייא אויף חצות לילה איך
זאל דיך לויבין אונ ווידער מיינע הענט זיינען
פאר שמירט בשפיר ושליא לטהר אשה לבעלה מיד
איז גיקומען איין צפרדע צו דוד כלומר דער
ממונה פון צפרדעים אונ האט גיזאגט צו אים
וואש בארימסטו דיך חצות לילה אקום להודות לך
אמער איך שווייג אגאנצע נאכט ניט פון צו
לויבין הקב״ה אונ איך זינג פאר אים זאגט דוד
וויא צוא דיר ממונה פון צפרדעים דוא פאר
שטייסט ניט וואש איך זאג איך האב ניט
גיזאגט כי חסיד אני נאר ווייל די רבנן האבין
גיזאגט ולא עם הארץ חסיד די תורה איז גיגעבין
גיווארין מימין של הקב״ה וואש הייסט חסד
אונ דער וואש לערינט תורה הייסט ער חסיד
דרום האב איך אזו גיזאגט צו הקב״ה שמרה
נפשי וגו׳ דו זאלשט מיך ניט דן זיין וויא דיא
עמי הארצים וואש ביא זייא שטייט ולא עם הארץ
חסיד אויב דוא ועסט זאגין עש איז דאך דא
עמי הארצים וואש זייא טוען יוא חסד אלא
אזו האבין זייא גיזאגט וועלכעס הייסט רעכטער
חסד המתחסד עם קונו אז מען טוט חסד מיט
השי״ת אזו וויא דוד האט גיטאן ער האט
מחבר גיוועזן דיא תורה של מעלה מיט השי״ת
אונ אז דער מענטש שטארבט שטייט אויף
זיין נפש בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך
והקיצות היא תשיחך דאש מיינט מען לתחיית
המתים זיא ועט אים אויף ריכטין אבער וואס
איז דער שכר פון דער נשמה לעולם הבא
אלא הקב״ה קלייד זיא אן אין איין ענן הכבוד
אין גישטאלט וויא איין גוף מיט רמ״ח אברים
זיא ועט אריין גיין אין איין מרא״ה וואש האט
אין דער צאל רמ״ת אורות דרום שטייט אם יהיה
נביאכם יי במראה אליו אתודע וגו׳ אונ כרוזים גייען
ארויף אונ אראפ אונ זאגין גיט כבוד צו דער
צורה אונ גישטאלט פון דעם מלך אונ תרי״ג
מלאכים בריינגען ארויף דיא נשמה אין איר

גישטאלט אונ אלע זיינען בנפיהם פרודות מקיים
צוא זיין ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי
אין דעם גישטאלט וויא זייא זיינען פון מצרים
ארויש גיגאנגען מיט ענני כבוד אונ מיט
אלערלייא כבוד אזו איז אויך דיא נשמה אז
זיא גייט ארויס פון דעם גוף וואס ער איז אטמה
סרוחה אריין צו גיין אין גן עדן התחתון ועליון
אונ דרום שטייט ישמחו השמים ותגל הארץ אונ
דענשט מאל וועט מקוים ווערין ולא יכנף עוד
מוריך והיו עיניך רואות את מוריך פריער האט דיא
נשמה ניט זוכה גיוועזן צוא זעהען דיא שכינה
אבער דער נאך זיינען זייא רואה פני השכינה
אונ דורך דיא אלע מראות האט משה רבינו
זוכה גיוועזן ער איז גיוועזן רבן של נביאים
ורבן של מלאכי השרת:

בכה רבי פנחס ווייגט אונ זאגט איך האב דאך
גזאגט אז דיא שכינה האט מיר גיגעבין
מתנות טובות וואול צוא מיין חלק אז איך האב
דאש זוכה גווען צו הערין אונ צו זעהן אונ זכאה
איז דר דור אז דו ביסט ביי זייא אין דור זאגט
רבי שמעון זכאה איז דר דור אז דוא מיט דיין
חסידות ווערשט גיפונין ביי זיי וויא זיי זיצן אזו
אונ פרייען זיך קומט אן רבי אלעזר דער זון פון
רבי שמעון זאגט רבי שמעון רבי אלעזר מיין
זון זיץ אונ זאג דיין פסוק הייבט ער אן ויעקב
הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים אמאל גיפינען מיר
דאש לשון פגיעה ביא איין טובה אונ אמאל
ביא איין רעה אונ אמאל ביא איין תפלה אונ
בשעת יעקב איז גיגאנגען קיין חרן האט ער
מתקן גיוועזן תפלת ערבית אויף דעם ארט וואס
איז ראוי גיוועזן צוא מתקן זיין ויאמר יעקב כאשר
ראם מחנה אלהים זה ער האט גיזעהן דיא מלאכים
פון נאכט אונ מלאכים פון ביא טאג דרום האט
ער זייא גירופן מחנים צווייא מחנות אונ איצונד
האב איך דא אויך גיזעהן מחנות קדושים וואול
צו מיין חלק וואש איך האב זוכה גיוועזן אהער
צוא קומען הייבט רבי אלעזר אן מיר האבין
גילערינט ווער עס זאגט תהלה לדוד דרייא
מאל אלע טאג איז ער איין בן עולם הבא פאר
וואש איז דאש זאל איך זאגן דאש איז דר טעם
ווייל פרנסה אונ מזון שטייט דארטין דאש איז
דאך אבער נאר צווייא מאל אין טאג אזוא וויא
דר פסוק זאגט בתת יי לכם בערב בשר לאכול ולחם
בבוקר נאך וואש בדארף מען דאש דרייא מאל

זאגן

זאגן אלא צוויי מאל איז פון וועגין מזון צו דער גאנצער וועלט אונ איין מאל איז צוא געבין כח צו דעם ארט וואש איז פותח יד ומשביע לכל חי רצון נאך איין טעם איז צווייא מאל איז פון וועגין פרנסה אונ איין מאל איז נאר פון שיר ושבח וועגן דאס איז צווישין דיא שירות ותשבחות וזמירות פון דוד דאש איז ווען מען זאגט דיא הללויה איז ניט ראוי צוא בעטין אויף פרנסה גייערט נאך דר תפלה האט כביכול הנאה וויא פון אכילה כלפי מעלה וואש הקב"ה זאגט דרויף אכלתי יערי עם דבשי דען דר סדר איז צום ערשטין עסט דר מלך דר נאך זיינע קנעכט דרום שטייט באתי לגני אחותי כלה אריתי מורי עם בשמי אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי דאס זאגט כביכול הקב"ה דר נאך שטייט אכלו רעים שתו ושכרו דודים · אכלתי יערי דאש איז דיא תפלה מיושב דאש איז יוצר אור והאופנים וחיות הקודש וויא הייסין אלע אילנות ונטיעים פון דעם יער הלבנון של מעלה · עם דבשי דאש איז קריאת שמע דאש איז אזו זים וויא נופת צופים ומתוקים · שתיתי ייני עם חלבי דאש איז תפלה מעומד מיינט מען שמונה עשרה שתיתי ייני זיינן די ערשטע דריי ברכות פון שמונה עשרה · ביז אהער איז די אכילה פון דעם מלך הכבוד כביכול ווייטער איז אכלו רעים של מעלה שתו ושכרו דודים של מטה דרום איז ער מחויב צו זאגן נאך אמאל תהלה לדוד נאך שמונה עשרה דאש איז אין דער פריא איין מאל אונ דאש אנדערע מאל פר מנחה איידר די שווערע דינים הייבן אן שולט זיין אויף דר וועלט לייכטן נאך די אורות של מעלה אונ דרום זאל ער זאגן תהלה לדוד פון וועגין פרנסה דען דער נאך אז דיא דינים זיינן שוין שולט איז ניט די צייט מתפלל זיין אויף פרנסה ווארום דאס איז מצד החסד אזו איז גיקומן רבי פנחס אונ האט אים גקושט מיר האבן דאש גישריבן בדרך נגלה כדי מען זאל וויסין אונ זעהען דעם גרויסין סוד פון דיא תפלות אין וואש פאר איין הויכע מדריגה זייא זיינען · דיא אנשי כנסת הגדולה האבין דאש אלץ מסדר גיוועזן על פי סוד וועדליג די עולמות נאך אונ מען טאר ניט פר קערן דעם סדר אדר ארויין שטעלן אנדערע תפלות ווארום מען איז חלילה משנה ומפסיק דיא צנורות אונ זיינע תפלות ווערט אלץ מקלקל ווארום דער מענטש מיט זיינע אברים איז גישמעלט גיווארין אנטקעגין אויבין אונ אז דר מענטש עסט נעמט דער לעבר אלץ אין זיך ארייין פון דעם גיט ער דאס לויטערע אין הארץ ארייין אונ עשו איז גיגליכין צו דעם לעבר דרום שטייט והוא אדמוני פול מיט בלוט אונ זיין שר למעלה איז מתקן דיא רעכטע אכילה פר יצחק אונ זאגט יקום אבי ויאכל מציד בנו דען דאס הארץ איז יצחק וואש ער איז מצד הקדושה אונ אז דיא ישראל זיינען גיוועזן אין ארץ ישראל זיינען זייא גישפייזט גווארין פון דער שכינה · אזו איז אויך גוועזן ביי אין קרבן אזו וויא דאש הארץ לאזט צו דעם לעבר דאש פסולת ומנוף ולכלוך אזו אויך אלע שלעכטע מעשים אונ זינד פון די ישראל האט מען גיגעבן אויף דעם שעיר לעזאזל פון יום כפור אזו ווי עס שטייט ונשא השעיר עליו את כל עונותם ער האט אויף זיך גינומן אלע עונות פון יעקב איש תם אונ דאס איבריגע פסולת נעמט דיא מילץ אין זיך ארייין דאש איז לילית אונ דר לעבר איז דר ס"מ מיט דעם ווערן די הערצר פון דיא ישראל לויטר אונ קלאר פון עונות דאס הקב"ה איז זייא מוחל אום יום כפור אונ פון דיא קרבנות זיינן די חיילות של מעלה אויך נהנה אבר דר חלק פון הקב"ה איז נאר דר רצון הלב אונ ווען דר מענטש צו ברעכט זיין הארץ אזוא וויא עש שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה אזוא וויא איין ערדינע כלי איז נאר איר טהרה פון דער טומאה מיט דעם וואש מען צוא ברעכט ויא אזוא אויך איז דער מענטש הקב"ה באגערט נאר דיא גוטע מחשבה אונ דעם רצון הלב אז דיא ישראל זיינען גיוועזן גוט אונ פרום פלעגט קומן איין פייער פון אויבין וויא פון איין לייב אונ האט פר ברענט זייערע קרבנות אבער אז זיי האבן גיזינדיגט איז ער שוין גיקומן בדמות כלב אונ האט מקבל גיוועזן דעם קרבן אזו אויך דיא נשמה אז דער מענטש איז זוכה ווען ער שטארבט קומט איר אנטקעגן דר מלאך אריי"ה דאש הייסט מיכאל אונ נעמט זיא צוא זיך אונ ברייגנט זיא פאר איין קרבן צוא הקב"ה אבער חלילה אז ער איז ניט זוכה קומט דר ס"ם בדמות כלב אונ נעמט זיא צו זיך דרום האט דוד המלך גיבעטן הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי זיין נפש זאל ניצול ווערין פון דעם כלב :

רבי שמעון הייבט אויף זיין קול אונ זאגט נייי ירושלים עיר הקודש דאס אלע טובות

זיינען פון דיר פאר לאָרין געוואָרין די גרוישע שרים וממונים של מעלה איז זייער גישטאלט אויך קלענער געוואָרין כביכול האבין די חברייא אן גיהויבין צו וויינען אונ זאגן ווי רבי אז דוא וועסט אפ גיטאן ווערין פון דער וועלט ווער וועט אונז מגלה זיין רזין כתימין טיפע פאר הוילענע סודות אזו וויא מיר האבין גיהערט פון דיר עס איז ניט גיהערט געוואָרין אזעלכע זאכין פון שלמה המלך ביז איצונד וואול צו דעם דור וואש זיי הערין די רייד מיט די סודות אונ וואול צו דעם דור וואש דו ביסט צווישין זיי אונ וויי צו דעם דור וואס זייא וועלין בלייבין יתומים פון דיר· הייבט אן רבי שמעון אונ זאגט שמע ישראל וגו׳ שטייט אין דעם פסוק איין גרויסען עיין מיט איין גרויסען דל"ת מאכט דאש עד דרום שטייט עד יבכם בלייבט איבער פון שמע ש"מ אונ פון אחד א"ח דאש מאכט אשמה· אנכי אשמה בי׳· בני מש"ש רב המנונא סבא זאגט ווער עס איז מייחד אלע טאג דעם יחוד איז אים אן גיברייט די שמחה מלמעלה· רבי שמעון וויינט אונ לאכט אונ זאגט איך וועל נאך מגלה זיין דען עס איז איצונד איין עת רצון אונ עס וועט שוין ניט זיין אזו איין דור ער זאל האבין רשות מגלה צוא זיין אזעלכע סודות ביז אין דעם דור וואס משיח וועט קומען:

השיב את חמתי מעל בני ישראל איז דאך קשה אז ער האט ווידער אום גיקערט דעם צארן פון הקב"ה פאר וואס זיינען גישטארבן פון דיא ישראל פיר אונ צוואנציג טויזינט מענטשין אזו שטייט דאך ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף נאר דאס איז די לויטערע זאך דען חס ושלום עס איז פון די ישראל אפילו איינר ניט גישטארבן נייערט דר שבט שמעון האבין זיך פאר מישט מיט דעם ערב רב די זכרים מיט זייערע נקבות אונ דאש ערב רב האבין זיך מגייר גיוועזן אונ האבין גינומן טעכטער ביא דעם שבט שמעון אונ האבין מיט זייא גיהאט קינדער זיינן אטייל אום גישטארבין פון ערב רב בשעת מעשה העגל אונ אטייל אין אנדערע מיתות אונ דיא איבעריגע זיינן גישטארבין אין דר מגפה דרום שטייט ויהיו המתים במגפה אונ עס שטייט ניט אשר מתו נייערט וואס זייא זיינען שוין לאנג גישטארבין אבער פון דיא ישראל איז קיינער ניט גישטארבין דען זייא האבין זיך גיהיט אונ דרום זיינען זיי ווידר גיצייילט געוואָרן דען עס איז פון זייא אפילו איינער ניט נחסר געוואָרין דרום שטייט ולא כליתי את בני ישראל דיא ישראל זיינען ניט פר לענט געוואָרן נאר דאס ערב רב זיינען פר לענט געוואָרין אזו אויך שטייט השיב את חמתי מעל בני ישראל נאר פון זיי האט ער אום גיקערט דעם גרים צארין אבר ניט פון דעם ערב רב אזו אויך ביא דעם עגל שטייט ויפול מן העם עס איז נאר גיפאלן פון דעם ערב רב ניט פון די ישראל דרום שטייט ויקהל משה את כל עדת בני ישראל זאגט רבי אלעזר עס וואלט בוודאי זייער רעכט גיוועזן עס שטייט דאך אבער ויצמד ישראל לבעל פעור אונ מיר האבין גילערנט אז פיל פון דיא ישראל האבין זיך באהעפט לבעל פעור אזוא וויא איין העפטיל דאש איז איין מין תכשיט באהעפט זיך אין דעם מענטשין זאגט רבי שמעון עס איז בוודאי אזוא איך זאג נאר דיא ישראל זיינען ניצול געוואָרין פון דעם טויט אונ זאג ניט אז זייא זיינען ניצול געוואָרן פון דעם חטא זאגט רבי אבא עס שטייט דאך קח את כל ראשי העם והוקע אותם זיינען זיי דאך ניט ניצול געוואָרין פון מיתה זאגט רבי שמעון עס שטייט דאך אויך עם ניט ישראל דאס ערב רב הייסט עם אבער קום אונ זעה עס שטייט ויצמד ישראל לבעל פעור אבער זייא האבין אים ניט גידינט דער פסוק ווייזט אויך אזו עס שטייט ויאכלו וישתו אונ עס שטייט ניט וישתו ישראל עס שטייט ויצמד ישראל לבעל פעור עס וואלט גידארפט שטיין בבעל פעור נאר זייא האבין זיך ניט מכוין גיוועזן אים צוא דינען נייערט זייא האבין אים גיגעבין איין צירונג אונ כח אן דעת אונ אן כוונה דען דיא עבודה פון דעם בעל פעור איז גיוועזן מען זאל זיך פאר איר אויף דעקין אונ מוציא זיין צואה אונ פון דעם האט זיא הנאה גיהאט אונ איז גישטארקט געוואָרין אבער די ישראל האבין דאס גיזעהען האבן זייא גיזאגט צא תאמר לו דאש איז דאך איר איין זילזול ובזיון האבין זיי אויך אזו גיטאן נאר אן דעת אונ אן דעם ווילין דרום האט פנחס מכפר גיוועזן אויף זיי אונ האט פון זייא מבטל גיוועזן דיא מגפה:
דרום שטייט ויכפר על בני ישראל:

רבי אבא איז גיזעסן פר רבי שמעון איז רבי שמעון אויף גישטאנן האלבע נאכט לערנן תורה איז רבי אלעזר אונ רבי אבא אויך מיט

אים אויף געשטאנען האט רבי שמעון אן געהויבן צו זאגין עס שטייט כאיל תערוג על אפיקי מים וגו׳ דעם פסוק האבין שוין די חבריא מפורש געוועזן וואול צוא דיא צדיקים וואש הקב״ה האט זייא געגעבין הייליגע נשמות פון איין הייליג ארט כדי זיי זאלין טאן זיינע מצות אונ זיך מיען אין דר תורה דען דר וואש עש איז זיך משתעשע אין דר תורה דר האט פר קיינעם קיין מורא ניט עש שטייט לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי איך זאל ניט געוועזן מיען אין דער תורה וואלט איך געוועזן פאר פאלין געווארין דורך מיינע שונאים אונ דאס הייסט וואש מיר האבין גילערינט אז הקב״ה קומט זיך משתעשע זיין מיט דיא צדיקים אין גן עדן דאש הייסט ער פרייט זיך מיט זייא וואל צו דיא צדיקים דאס בייא זיי שטייט אז תתענג על יי׳ הקב״ה טוט זייא דעם עונג וואס הייסט על יי׳ אין דעם נחל עליון דרויף שטייט והשביע בצחצחות נפשך דאס הקב״ה אליין איז זיך אין דעם משתעשע פון דעם נחל עליון דאש זיינען גרויסע סודות אונ אורות עליונים וואש מען קען ניט ארויש שרייבן קום אונ זעה דער נפש מיט דעם רוח זיינען תמיד באנאנד אונ דער מענטש מוז ליב האבין צוא הקב״ה אזו וויא עש שטייט ואהבת את יי׳ אלהיך וגו׳ אזו וויא דאס ליב שאפט פון דעם נפש ורוח וויא זייא זיינען באהעפט אין דעם גוף אונ דר גוף האט זייא ליב אזו מוז זיך דער מענטש באהעפטין ליב צו האבין להקב״ה דרום שטייט נפשי איותיך בלילה מיין נפש אונ מיין רוח טוט דיך פארשטין צו באהעפטן זיך אין דיר מיט גרויש אהבה בלילה דאש פאר גרויש ליבשאפט צוא הקב״ה מוז דער מענטש אויף שטיין אלע נאכט עוסק זיין בתורה ביז עש ווערט טאג אזו ווערט אויף אים גיצויגין איין חוט של חסד וואול צוא דעם מענטשין וואש ער האט מיט דר אהבה ליב צוא הקב״ה אונ שטייט אויף האלבע נאכט צו לערנען תורה אונ אזו זיינען דיא צדיקי אמת וואש הקב״ה האט זייא ליב דען דיא גאנצע וועלט האט איין קיום פון זייערט וועגין :

תאנא מיר האבין גילערינט דער צדיק וואש באהעפט זיך מיט זיין נפש ורוח למעלה צו הקב״ה באהבה אזו וויא עש דארף צו זיין האט ער איין שליטה אויף דר וועלט אונ אלץ וואש ער איז גוזר אויף דער וועלט כוז מקוים ווערין אונ דאש לערנען מיר אפ פון אליהו ער האט גיזאגט חי יי׳ אשר עמדתי לפניו אם יהיה השנים האלה טל ומטר כי אם לפי דברי קום אונ זעה בשעת די נשמות קדושות ווערין אויש גיצויגן מלמעלה למטה מיחוד קב״ה ושכינתיה זיינען זייא קליין דאס זייא שטייען למעלה פר הקב״ה אונ דער רצון המלך איז משתכל צו זיין אין זיי בשעת הקב״ה האט גיווייזט זיין רוח האט ער גיווייזט אין אלע חיילות השמים זיינען זיי אלע בשאפין געווארן אין זייער שטאנד אזו וויא עש שטייט וברוח פיו כל צבאם אזעלכע נשמות איז פר האנגין וואס זיי בלייבין אויבין פאר הקב״ה ביז ער גירערט זיי אראפ אונ אזעלכע נשמות זיינען מיום שנברא העולם אונ אז זייער צייט קומט גייען זייא אראפ אין איין גוף אריין אונ עס איז פאר האנדין אזעלכע נשמות וואס זייא זיינען שולט למעלה ולמטה דרום האט אליהו גיזאגט חי יי׳ אשר עמדתי לפניו עס שטייט עמדתי איז טייטש וואש איך בין שוין לאנג גישטאנען דער נאך איז אליהו ווידר ארויף אויף זיין ארט אבר אנדרע נשמות קענן ניט קומען אויף זייער ארט ביז זיי שטארבן פריער דרום ווייל זיי זיינען פריער ניט גישטאנען פר הקב״ה אונ דרום איז אליהו גיווארן איין מלאך אונ איין שליח אויבן :

יפקוד יי׳ אלהי הרוחות לכל בשר רבי אבא הייבט אן הגידה לי שאהבה נפשי אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן דעם פסוק האבין דיא חבריא מפורש געוועזן אויף משה בשעת ער האט בדארפט שטארבין האט ער גזאגט יפקוד יי׳ אונ מיר האבין גילערינט אז דער פסוק איז גיזאגט גיווארין אויף גלות דאס די כנסת ישראל זאגן צוא הקב״ה דען וויא דיא כנסת ישראל זיינען ניט אין גלות זיינען דא ברכות בכל העולמות אונ אלץ איז בשלימות ובשמחה אונ די ברכות ושפע זיינען פול אונ פיל אויף אלע ערטר אבר אז זיי זיינען אין גלות טוט הקב״ה שרייען אזוא וויא דער פסוק זאגט שאוג ישאג על נוהו ער טוט שרייען אויף זיין וואנונג אונ זאגט אוי שהחרבתי את ביתי נאך וואש האב איך פאר ברענט מיין היכל אונ האב פאר טריבין מיינע קינדער אין גלות דען זאגט די כנסת ישראל צו הקב״ה הגידה לי שאהבה נפשי דוא בישט מיין אהבת נפש דאש אלע מיני אהבה איז צו דיר איכה תרעה זיי וועלן

שווין מיט זיין אלע ברכות אונ שפע אונ שמחות
שלמת אחיה כעוטיה פאר וואש זאל איך זיין אום
גיוואנדין אן ברכות על עדרי חבריך דאס זיינען
די בני אבות המרכבה הקדושה למעלה • ענטפערט
איר הקב"ה דאש זיינען פיל פר בארגענע זאכין
וואש מען קען ניט ווישין אבער איך גיב דיר
איין עצה דוא יפה בנשים • צאי לך בעקבי הצאן
האלט זיך צווישין צדיקים וואש זייא האלטין
זיך נידעריג אזוא וויא דיא טריט פון דעם
מענטשין פון זיי וועשטו איין קיום האבין פון
דעשט וועגין זאג איך דיר ורעי את גדיותיך דאס זיינען
די יונגע ציקעליך די קליינע קינדר על משכנות
הרועים דיא וואש לערנען זייער תורה ביי איין
רבי דורך זייער זכות האשטו איין קיום דאס די
וועלט שטייט אויף דעם הבל פון דיא קינדר
ווען צדיקים אונ קליינע קינדער וואש זיי לערנען
תורה בייא זייער רבי זיינען דא האט אלץ
איין קיום • ווען עש איז דא צדיקים אונ דער
דור זינדיגט ווערין זייא נתפס בעון הדור צום
ערשטין דאש הקב"ה נעמט זיי צו פון דער
וועלט האטשע זייא האבין גאר ניט גיזינדיגט
אונ ניט דאש אליין נייערט דיא שכינה איז
אויך אין גלות דרום זאגט דער פסוק אם הכהן
המשיח יחטא לאשמת העם יחטא איז טייטש מינערן
אונ גיבראכין אזוא וויא עש שטייט בייא בת
שבע והייתי אני ובני שלמה חטאים ממילא מיינט
אזו דער פסוק אם הכהן המשיח דאש איז הקב"ה
אז ער ווערט כביכול בחסרון דען אז די ישראל
זיינען אין גלות ווערט קיין ברכות ניט גיפונען
דאש איז נאר לאשמת העם איבער דיא זינד פון
דעם פאלק ישראל :

צו את בני ישראל ואמרת אליהם את קרבני לחמי עס
שטייט החפץ ליי בעולות וזבחים הקב"ה וויל
ניט אז דר מענטש זאל זינדיגן אונ זאל ברייגגען
דרויף קרבנות נייערט אזוא איין קרבן
וואש מען בריינגט אן איין חטא דאש הייסט
איין קרבן שלם דאש איז אקרבן שלמים
אונ אקרבן תמיד האטשע עש איז מכפר אויף
עבירות • רבי חייא איז גיגאנגען צוא
זעהען רבי אלעזר האט אים באגעגינט
רבי חגאי פרעגט ער אים וואו אהין גייט
דער הער זאגט אים רבי חייא צו זעהען רבי
אלעזר זאגט רבי חגאי איך וועל אויך גיין מיט
דיר זאגט רבי חייא אויב דו קענשט מסביר

זיין איין סברא וואש דו וועשט הערין מעגשטו
גיין אונ אויב ניט קער זיך אום זאגט ער
זארגט ניט מיין הער איך האב שוין גיהערט
פיל סודות התורה אונ איך וועל וואול פאר
שטיין הויבט אן רבי חגאי את קרבני לחמי לאשי
את קרבני דאש איז דר קרבן בשר מכפר צו
זיין אויף דעם בשר פון דעם מענטשין • בשר
איז מכפר אויף בשר אונ אזו האב איך גהערט
ווען דער מענטש האט גיזינדיגט וואש האט
דיא בהמה גיזינדיגט אז מען זאל זיא בריינגען
פאר איין קרבן כפרה אלא הקב"ה האט בשאפין
דעם רוח פון מענטשין אונ דעם רוח פון בהמות
עס איז אגרויסער חילוק צווישין זיי אונ דרום איז
רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת
למטה איידער אדם הראשון האט גיזינדיגט
שטייט ויאמר אלהים הנה נתתי לכם כל עשב זורע זרע
אונ קיין פלייש האט ער ניט גימארט עסין
נאר גראז אונ אז אדם האט גיזינדיגט אונ דער
יצר הרע איז גיקומען אין זיין גוף אונ אין אלע
זיינע תולדות האט הקב"ה גיטאן דין דער נאך
איז גיקומען נח האט ער גיזעהען אז דער גוף
איז גיבויט גיווארין ממקום יצר הרע האט ער
מקריב גיוועזען איין קרבן שטייט וירח יי את ריח
הניחוח אונ עס שטייט כי יצר לב האדם רע מנעוריו
זאגט הקב"ה פון היינט אן ווייל דער גוף איז
גיבויט גיווארין פון דעם יצר הרע גיהער דער
גוף גיהנם זיין אזו וויא עס איז ראוי ער זאל יוא
מעגין עסין פלייש דרום האט הקב"ה גיזאגט
צוא נח כירק עשב נתתי לכם את כל אזו וויא גראז
אזו מעגט איר עסין פלייש ממילא היינט אז
זייא עסין פלייש האט דאך זיין בשר ודם הנאה
פון דעם פלייש אונ וואקסט אונ מערט זיך דער
פון אונ ווערט פאר מישט מיט דעם פלייש אונ
דורך דעם זינדיגט ער דרום זאגט הקב"ה די
כפרה זאל זיין פלייש פאר פלייש אונ בלוט
פאר בלוט אזו וויא דער פסוק זאגט כי הדם הוא
בנפש יכפר • עס שטייט את קרבני דאס איז טייטש
מיין קרבן אונ ווידער שטייט את קרבנכם אייער
קרבן אלא קרבני מיינט מען קרבן שלמים זייא
קומען אויף שלום ניט אויף קיין חטאים דאש
גיהער צו הקב"ה אונ קרבנכם איז חטאות ואשמות
דאש קומט אויף אייערע חטאים לחמי דאש
איז לחם ויין ביתי דאש איז קטורת ניחוחי וואש
דער כהן מאכט ברצון פון דעם שם הקודש

ריינגן

וועגין אונ דער לוי האט גיזונגען שיר ושבח אויף דעם קרבן בטועדו אין דער צייט ווערין גיפונען פיל ברכות למעלה ולמטה פיל יחוד אונ דיא קליפות ווערין אפ גישייד אונ פאר שפרייט אונ הקב"ה בלייבט אין יחיד ומיוחד דורך דעם קומט רבי חייא אונ קושט אים אונ זאגט דו בישט יוא ראוי צו זעהען רבי אלעזר ער זאגט הייטער סודות ווארום האט הקב"ה גיגעבין דאש מלכות צו יהודה מער פון אלע ברידער אלא ווייל אין נאמען פון יהודה איז דער גאנצער שם הקודש אונ דער ד' דאש מאכט דוד דאש ער האט זיך מער מקשר גיוועזן אין דעם שם פון דער גאנצער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט ובקשו את יי׳ אלהיהם ואת דוד מלכם זיי גייען אריין צו רבי אלעזר אונ זעצין זיך אנידר לעבין אים שווייגט רבי אלעזר שטיל אונ זייא שווייגין אויך אזו גייט אריין רבי אלעזר אין זיין חדר הערט ער איין קול זאגט גייא אריין אונ זאג זייא וואש זיי באגעדין זייא זיינען רעכט ווערדיגע לייט ער גייט אריין צו זיי אונ זאגט טאמער האט איר עפעס גיהערט זאגט מיר זאגין זייא מיר האפין אונ ווארטין דער לייכט ווערין פון דעם לויטערין אור עליון אונ מיר ווילין פאר שטיין וואש דער הער וועט זאגין זאגט ער זייא גרוישע סודות אין דעם קומט איין פייער אונ רינגילט אים ארום אונ זייא בלייבין חוץ דעם פייער האבין זייא גיהערט איין קול זאגט הביאני המלך חדריו עם פאלט אויף זייא אגרויש ציטערנעש אונ זאגין מיר זיינען ניט ראוי דער צוא לאמיר אוועק גיין זייא בלייבין דארטין אגאנצין טאג אונ קענען אים ניט זעהען זאגין זייא עש איז ניט דער רצון פון הקב"ה מיר זאלין אים זעהען גייען זייא אוועק הייבט אן רבי חייא ברכו יי׳ מלאכיו גבורי כח הקב"ה האט גיגעבין די תורה הקדושה צו די וואש זיינען אלע גיוועזן אויף דעם בארג סיני מיט איין רצון אונ האבין גפערערט נעשה פאר נשמע דענשטמאל האט הקב"ה גירופין צו דער פמליא של מעלה אונ זאגט צוא זייא ביז אהער זייט איר בייא מיר גיוועזן יחידים אויף דער וועלט אונ פון היינט אן זיינען מיינע קינדער וואש איז אויף דער ערד אייערע חברים איר האט שוין קיין רשות ניט הייליגין מיין נאמען ביז מיינע קינדער ווילין זיך צוא

אייך מחבר זיין אונ איר זאלט אלע זיין חברים מקדש זיין מיין הייליגין נאמען דרום ווייל זיי האבין גיזאגט נעשה ונשמע אזו וויא איר פערערט אייער עשיה פאר אייער שמיעה אזו וויא עש שטייט ברכו יי׳ מלאכיו גבורי כח עושי דברו שטייט פריער עושי זייא טוען אונ דער נאך שטייט לשמוע בקול דברו נאך איין פשט איז מלאכיו דאש זיינען דיא צדיקים בארץ זייא זיינען אזו חשוב פאר הקב"ה אזו וויא דיא מלאכים ברקיע דרום ווייל זייא זיינען גבורי כח דאש זייא זיינען זיך מתגבר אויף דעם יצר הרע וויא איין גבור אנטקעגין זיין שונא לשמוע בקול דברו זייא זיינען זוכה גיוועזן צו הערין איין קול מלמעלה ווען זייא באדארפין עס ווער קאן שטיין מיט די קדושים עליונים בייא אנאנדער וואול צו דיא וואש קענען פאר זייא שטיין. זכאין זיינען די וואש קענען ניצול ווערין פאר זייא דיא השגחה פון הקב"ה איז בייא זייא אלע טאג דרום שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך אונ עש שטייט אשרי אדם עוז לו בך רבי אבא הויבט אן זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה דעם פסוק האט מען שוין מפורש גיוועזן דאש דער רצון פון הקב"ה איז ניט אז דער מענטש זאל ברייגגען איין קרבן אליין אויף זיינע חטאים נייערט איין צו בראכענעם רוח אונ דיא מענטשין ווייסין ניט וואש זייא זאגין אונ אזו האב איך גיהערט פון דער הייליגער ליכט רבי שמעון ווען אמענטש קומט זיך מטמא זיין מיט זינד אזו ציהט ער אויף זיך איין רוח הטומאה אונ ער איז זיך מתגאה אויף דעם מענטשין אונ איז שולט ומושל אויף אים מיט וואש ער וויל אבער דער מענטש באדארף זיך שטארקין אויף דעם צד הטומאה אונ זיך מטהר זיין אונ צוא ברעכין דעם רוח פון גאוה אונ בזמן אז דער בית המקדש איז גישטאנען האט ער גיבראכט איין קרבן אונ האט אים מקריב גיוועזן איז אים גיוועזן דער קרבן לרצון ווען ער האט נאר רעכט חכמה גיהאט אונ האט צו בראכין דעם רוח הטומאה אבער אז ער האט ניט צוא בראכין זיין רוח הטומאה איז דער קרבן נאר קיין קרבן ניט גיוועזן אונ איז ווארין גיווארפין פאר די הינט דען דער קרבן איז ניט צו הקב"ה נייערט צו דיא כלבים עזי נפש וואש זייא האבין גאוה

דרום שטייט זבחי אלהים רוח נשברה ווען הייסט ער איין רעכטער קרבן אז ער האט דעם רוח הטומאה צוא בראכין אונ דיא גאוה איז שוין ניט שולט אויף אים אונ ווער עש צוא ברעכט אים רעכט אזו וויא עש שטייט רוח הולך ולא ישוב דער מענטש איז בטוח אז ער וועט זיך שוין ניט אום קערין צו אים אייביג ווייטער שטייט לב נשבר ונדכה דער מענטש וואש האלט זיך ניט בגאוה אונ טוט זיך ניט אן תענוגי עולם הזה אלהים לא תבזה פאר שעמט אים ניט הקב״ה אונ איז בייא אים בכבוד ווייטער זאגט רבי שמעון גרויסע סודות אונ דיא טעמים פון קרבנות אזו זיינען גיקומען רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ מיט דער איבעריגע חבריא אונ פאר שפרייטין זיך פאר אים זאגט רבי אבא ווען הקב״ה וואלט ניט גיגעבין די תורה אויף דעם בארג סיני נאר הקב״ה וואלט גיזאגט אז דאס איז דיא תורה אונ דיא סודות פון בר יוחאי וואלט שוין גינוג גיוועזן אויף דער וועלט ווייא צו דער צייט וואש דו וועשט אפ גיטאן ווערין פון דער וועלט ווער וועט לייכטין דיא ליכט פון דער תורה· פון דער צייט וואש דוא וועשט אפ גיטאן ווערין וועט אלץ פאר פינצטערט ווערין דען עס וועט שוין אזו איין דור ניט זיין ביז משיח וועט קומען:

עשירית האיפה סולת דאש איז אנטקעגין דיא ישראל אונ דרום איז אויף דיא פינף מיני תבואה ניט פאר האנדין קיין ממונה נאר הקב״ה כביכול אליין דרום ווער עס איז מזלזל מיט ברויט אונ ווארפט עס אויף דער ערד אזו יאגט אים נאך ארימקייט אונ דרויף איז שוין פאר האנדין איין ממונה ער זאל אים נאך יאגין ביז ער ברייננגט אויף אים ארימקייט איידער ער גייט אוועק פון דער וועלט אונ אויף אים שטייט נודד הוא ללחם איה ער איז פאר וואגילט אונ נע ונד פון איין ארט אויף דעם אנדערין אונ קיינער איז זיך איבער אים ניט מרחם דרום ווייל ער האט מבזה גיוועזן די קדושה וואש זיא הייסט לחם סולת זאגט דער רעיא מהימנא צו זייא אויף דעם ווער עס איז מזלזל אין די שטיקלעך ברויט אונ ווארפט זייא וואו אהין ער דארף ניט ומכל שכן ווער עש איז מזלזל אין דיא ברעקלאך פון דעם מוח וואש דאש איז דיא זרע אונ ער ווארפט זייא אויף דער ערד וואו ער דארף ניט אזו וויא עש שטייט בייא דעם דור המבול כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ אדער ער ווארפט זייא בנדה שפחה זונה ומכל שכן ווער עס איז מזלזל אין די ברעקלאך פון דער תורה דאש זיינען דיא סודות כל המשתמש בתגא חלף ומכל שכן ווער עס איז מוסר דברי תורה סתרי אותיות קבלה ממעשה בראשית שמות הקדושים צוא דעם וואש עש איז צו אים ניט ראוי איז אויף דייא שולט דער יצר הרע אשה זונה וגו׳ עד ככר לחם ווייטער זיינען סודות אונ אביסיל חעלין מיר שטעלין דאש וואש עס איז בדרך נגלה דער רעיא מהימנא זאגט צעהען זאכין איז פאר האנדין אין תיקונים וואש דער מענטש זאל זיך נוהג זיין בשולחן של שבת תיקון אחד ער זאל אן גרייטין דעם טיש פון שבת גלייך וויא ער וואלט גידארפט עסין פאר דעם מלך אזו וויא עס שטייט זה השלחן אשר לפני ה׳ דאש אנדערע איז נטילת ידים ער זאל וואשין דיא הענט פאר דעם עסין וועדליג דעם שיעור וואס די רבנן האבין גיהייסין ביז דיא פינף קשרים דאש אין איטליכער האנט איז פאר האנדין פערצין גלידער איז אין ביידע הענט אכט אונ צוואנציג גלידער דאס ווייזט אויף גרויסע סודות אונ די צעהן פינגער זיינען אנטקעגין די עשרה מאמרות אונ עשרת הדברות אונ דיא גלידער זיינען אנטקעגין די כ״ח אותיות וואש מיט זייא איז די וועלט בשאפין גיווארין· דאש דריטע איז כוס של ברכה אין דעם אליין איז פאר האנדין צעהען זאכין איינס איז הדחה מען זאל דעם כוס אויש שווינקן פון דרויסין אונ דאש אנדערע איז שטיפה פון אינעווייניג אזו וויא דער כוס ווערט ריין אונ לויטער דורך דער וואסער אזו אויך ווערט דיא נשמה ניט ריין נאר דורך דער תורה וואש זיא הייסט מים אונ דרויף האט רבן גמליאל גיזאגט איין תלמיד חכם וואש ער איז אינעווייניג ניט ריין זאל ער ניט אריין גיין אין בית המדרש ניט וויא אנדערע מענטשין וואש רעדין אחד בפה ואחד בלב נייערט ער דארף זיין אזו וויא דער שם הקודש איז גלייך מבחוץ ובפנים אונ דער מענטש הייסט איין זון צו הקב״ה דאס איז דער טעם והייתם קדשי עם כנו זיין טהרה בפנים וקדושה בחוץ דער איז מצד עץ החיים אבער ווער עש איז ניט גלייך דאס

כו״ל

מויל מיט דעם הארץ דער איז מצד עץ הדעת טוב ורע דאש דריטע איז ספור דער טיש זאל זיין גיקריינט מיט תלמידי חכמים וואש זייא ריידין דברי תורה ניט אזו וויא ביא איין עם הארץ דאש אויף זיין טיש איז גיזאגט גיווארין כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום · דאם פערטע איז יסוף ער מוז זיך ביא דעם טיש ארום וויקלען זיין קאפ דען דיא מארי מתניתין האבין גיזאגט עס איז אסור צו איין תלמיד חכם ער זאל גיין בגילוי הראש דען די שכינה איז מלא כל הארץ כבודו מכל שכן בשעת ברכה אונ ווען ער דער מאנט איין שם זאל ער ניט זיין בגילוי הראש · דאש פינפטע איז חי דער וויין טאר ניט זיין גימישט דאש ווייזט אויף יינה של תורה דאם די תורה ווערט גדרשת מיט שבעים פנים וויפיל די צאל פון יין בטרעפט אונ ווער עס איז אין דעם עוסק הייסט ער חי · דאש זעקסטע איז מלא ער דארף זיין גאנץ פול אזו מוז דער מענטש אויך זיין פול מיט דער תורה אונ גאנץ אזו וויא יעקב איז גיוועין איש תם ושלם אונ די נשמה מוז אויך זיין גאנץ אן איין פגם דען אז דער מענטש זינדיגט חלילה מאכט ער איין פגם אין זיין נשמה דען אזו וויא אין דעם גוף איז פאר האנדין רמ"ח אברים ושס"ה גידים אזו האט דיא נשמה אויך רמ"ח אברים ווערין זייא דער לייכט פון די רמ"ח מצות עשה אונ שס"ה גידין ווערין דער לייכט פון דיא שס"ה לא תעשה אונ אז ער זינדיגט אזו ווערט דיא נשמה נחסר דעם אבר וואש דער חטא האט אין דעם איין אחיזה הייסט זיא איין בעל מום קען זיא שוין מיכאל ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח עליון עס שטייט כל אשר בו מום לא תקריבו דרום מוז ער זיין גאנץ · דרש זיבעטע איז מקבלו בשתי ידיו ער מוז בתחלה נעמען דעם כוס מיט ביידע הענט וואש אין זייא זיינען פאר האנדין צעהען פינגער אנטקעגין די צוויי לוחות וואש אויף איטליכין איז גיוועין פינף דברות דרום מוז ער נעמען תחלת מיט ביידע הענט דער נאך זאל ער אים האלטין מיט דר רעכטער האנט אליין אזו וויא דיא תורה איז גיגעבין גיווארין מימינו של הקב"ה דרום זאגין מיר שני לוחות אבנים הוריד בידו וגו' אונ עס שטייט ניט בידיו דרום שטייט מימינו אש דת למו · דאש אכטע איז ונותן עיניו בו ער זאל קוקין אויף דעם כוס דאש איז מרמז אויף ארץ ישראל וואש ביא איר שטייט עיני ה' אלהיך בה ער מוז געבין זיינע אויגין אין דעם וויין וואורום יין בטרעפט צוויא אונ זיבעציג דאש זיינען אנטקעגין דיא זיבעציג סנהדרין מיט משה ואהרן זיינען צווייא אונ זיבעציג · דאש ניינטע איז ומגביהו טפח ער זאל דעם כוס אויף הייבין פון דעם טיש איין טפח דאש צעהענטע איז ומשגרו לאשתו ער זאל פון דעם כוס של ברכה שיקין צו זיין ווייב כדי זיא זאל גיבענטשט ווערין דאש זיינען די צעהען זאכין פון דעם דריטין תיקון מהשולחן של שבת · דעם פערטין תיקון איז מען זאל זאגין דברי תורה אזו וויא אויבין איז גישטאנען דאש פינפטע האבין די מארי מתניתין מפורש גיוועין ער זאל מאריך בשולחן זיין כדי ארומע לייט זאלין אריין קומען וועט ער זייא געבין פון זיין עסין דען דורך דער צדקה איז ער מאריך ימים בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא עס שטייט כי היא חייך מיינט מען עולם הזה ואורך ימיך מיינט מען בעולם הבא · דאש זעקסטע איז ער זאל ניט זיין ביא דעם טיש קיין פרעסער אזו וויא עשו האט גיזאגט הלעיטני נא שיט מיך אן מיט דעם רויטין ארבעז וועל איך אים גאר ניט קייען נאר איך וועל אים אזו אראפ שלינגען אזו אויך ווער עס לאזט ארויש פון זיין מויל דברי תורה אדער תפלה זאל ער רעכנט ארוים ריידין איטליכם ווארט ער זאל ניט איין שלינגען די ווערטער דען זייא ווערין חסרים אונ דיא ווערטער גייען ארויף אונ מאכין דארטין איין רושם למעלה דרום איז ניט רעכט זייא זאלין זיין חסרים אונ ווידער טאמער וועט זיך פערדערין דער קנה פאר דעם וועשט קאן ער קומען צו איין סכנה · דאש זיבעטע איז מים אחרונים מען זאל די הענט וואשין נאך דעם עסין פאר דעם בענטשין דער טעם דער פון שטייט אויף איין אנדער ארט אין זוהר כדי מען זאל ניט בענטשין מיט אום ריינע הענט פון דעם עשין דען דער צד הטומאה האט הנאה פון אזעלכע הענט וואש זיינען ניט ריין דרום מוז מען זייא וואשין מען זאל אים אפ געבין זיין חלק אונ מען טוט אים אפ פון דער קדושה אונ אז ניט איז ער חס ושלום מבלבל דיא סעודה · דאש אכטע איז מען מוז האבין דרייא

מענטש

מענטשין מען זאל בענטשין מזומן ווארום די תורה איז אויך גידריט תורה נביאים כתובים אויך איז פאר האנדרין כהנים לוים וישראלים אונ מיט דעם כוס ווערט דער שם מלא דרום זאגט דוד כוס ישועות אשא ובשם יי אקרא אונ דרום איז דער נייןטער תיקון אז דער שיעור פון דעם כוס איז איין רביעית הלוג דאש דער מיט ווערט דער שם מלא אזו וויא דיא מקובלים פאר שטייען דעם סוד פון דעם · דאס צעהנטע איז אז ביא דעם טיש זיינען פאר האנדרין צעהען מענטשין דארף מען זאגין נברך לאלהינו דען דער כוס איז אויך כולל פון עשרה מאמרות אונ עשרת הדברות אונ דער מענטש דארף זייער נזהר זיין ער זאל ניט ארויש ווארפין זיינע רייד אויף אזו איין ארט וואש מען דארף ניט דאש איז גישריבין גיווארין בקיצור וואש דער רעיא מהימנא דאש הייסט משה רבינו האט גיזאגט :

תלת דרייא זאכין איז פאר האנדרין וואש זייא זיינען זיך אליין גורם שלעכטין צווייא פון זייא זיינען בעולם הזה אונ דאש דריטע איז בעולם הבא איינס איז ווער עש שילט זיך אליין דען מיר האבין גילערינט עס איז פאר האנדרין איין ממונה דרויף גיזעצט גיווארין אז בשעת דער מענטש שילט זיך אליין מיט איין קללה קומט דער ממונה מיט נאך אנדערע זיבעציג וואש אונטער אים אונ נעמען דיא קללה אונ זאגין אויף איר אמן דער נאך נעמען זייא זיא ארויף למעלה אונ זיינען אים דן אונ יאגין אים נאך ביז ער ברייענגט אויף אים זיין אייגענע קללה דען מיר דארפין זעהען ווער איז גרעסער פון משה רבינו ווייל ער האט גיזאגט ואם אין מחני נא וגו' האטשע ער האט דאך גיזאגט פון די ישראל ווענין אונ האטשע הקב"ה האט אים גיטאן זיין ווילין אונ האט אים מוחל גיוועזן אונ משה רבינו האט דאך גאר גיזאגט אז דו וועסט זייא ניט מוחל זיין זאלשטו מיך אויש מעקין פון דיין ספר פון דעסט וועגין איז פארט דיא קללה מקוים גיווארין אז אין גאנץ פרשת תצוה ווערט ניט דער מאנט דער נאמען פון משה רבינו ער איז פון דארטין אויש גימעקט גיווארין · אויך ווער איז גרעסער פון דוד המלך פון דעסט וועגין האט ער גיזאגט איך היט אפ מיין מויל ווייל דער רשע דער ממונה איז אנטקעגין מיר וואש ער איז גיזעצט צוא נעמען אזעלכע רייד אונ זאל מיט זיי שלעכץ טאן דעם מענטשין דרום היט איך מיין מויל מיט דעם צונג ניט צו ריידין איבעריגע רייד · דאס אנדערע איז ווער עש ווארפט שטיקלאך ברויט אויף דער ערד אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט די צווייא זיינען גורם שלעכטין אויף דער וועלט בעולם הזה · דאש דריטע איז וואש ער איז זיך גורם איין רעה בעולם הבא איז דאש ווער עס צינד אן איין ליכט במוצאי שבת איידער די ישראל האבין גזאגט אין שול ויהי נועם ואתה קדוש · דער דאזיגער מענטש איז זיך גורם שלעכטין בעולם הבא ווייל ער איז מחלל שבת אונ איז גורם אז דאש פייער פון דעם גיהנם הייבט אן צו ברענען פאר דער צייט · עס איז פאר האנדרין איין באזונדער ארט אין גיהנם צו די וואש זיינען מחלל שבת אונ אז ער צינד אן דאש ליכט במוצאי שבת פאר דער צייט איז דרויף פאר האנדרין איין ממונה אין גיהנם אונ צינד אן דאש דאזיגע ארט אונ זאגט דאש ארט איז פון וועגין דעם מענטשין וואש ער האט זיך גיפעדערט מיט ליכט אן צינדרין אונ אלע רשעים פון דעם גיהנם העלפין אן צינדרין דאש ארט אונ דער ממונה שרייט אונ זאגט הנה יי מטלטלך טלטלה גבר אונ דיא רשעים פון דעם גיהנם זאגין כדור אל ארץ רחבת ידים שמה תמות דאש קומט אים ווייל ער האט אונז גורם גיוועזן צוא ברענען דעם גיהנם פאר דער צייט דאש זיינען דיא דרייא וואש זיינען זיך אליין גורם שלעכץ זאגט דער רעיא מהימנא משה צוא זייא דיא רייד זיינען פאר הוילין אונ סתום דאש מוז מען עפענען פאר דער חבריא דען ווער עש פאר הוילט פון זייא סודות התורה איז זייא מצער דען צוא דיא רשעים איז דאש גרויסע ליכט פון דיא סודות פינצטער אין זייערע אויגין עס איז אמשל צוא איין אוצר אז אפרעמדער גראבט צוא גיפינען אים קערט ער זיך אום בחרפה ובושה אבער צוא דעם וואש ער גיהער לייכט ער אים אונ ער גיפינט אים אזו אויך גיהער כמען צו דער חבריא מגלה זיין סודות התורה ער זאגט גרוישע סודות :

רבי חייא הייבט אן בארבעה עשר יום לחדש פסח ליי איז קשה ווארום האט מען ניט גימאכט איין

שה פאר איין קרבן פסח נאך מער איז קשה עש שטייט כי תועבת מצרים כל רועה צאן וואריום האט יוסף גיהייסין צוא זיינע ברידער אז זייא זאלין זאגין צוא פרעה אז זיי זיינען רועה צאן אמאי ער איז דאך גיוועזן איין מלך איבער מצרים אונ איין אב צוא פרעה זאל ער מאכן אז מען זאל זיינע ברידער פיינט האבין אלא תועבת מצרים הייסט דיא עבודת כוכבים פון זיי איז גיוועזן איין לעמעלע אונ אפילו דר וואש האט זייא אליין גיפאסעט האט ער אויך זייא גיהאלטין פאר איין אפ גאט · קום אונ זעה די חכמה פון יוסף ער האט גיזאגט אז דאש בעסטע לאנד פון מצרים איז רעמסס דאש לאנד האבין דיא מצרים אפ גישייד פון זייער עבודת כוכבים וועגין זיי זאלין דארטין האבין תענוגים דרום האט יוסף גיזאגט איך וועל זיי מאכין רועי צאן וועלין זייא דיא מצרים חשוב האלטין אזוא וויא זייער עבודת כוכבים זאגט רבי יוסי מיר האבין דאך גילערינט אזוא וויא הקב״ה באצאלט עונש צו די וואס דינן עבודת כוכבים אזו צאלט ער צו דער עבודת כוכבים אליין ממילא וויא האט יוסף גימאכט אז מען זאל חס ושלום האלטן זיינע ברידר פר עבודת כוכבים זאגט רבי חייא יוסף האט גימאכט אז זיינע ברידער זאלין גיוועלטיגן אויף די עבודת כוכבים פון מצרים אונ זאלין שלאגין דיא שאף מיט דעם שטעקין מען זאל זייא מאכין אונטר טעניג אנטקעגין זיי יוסף האט גיטראכט אז זיי וועלין שולט זיין אויף זייערע עבודת כוכבים מכל שכן אויף זייא אליין וועלין זייא בוודאי שולט זיין דרום האט ער זיי גיזעצט במיטב הארץ אונ האט זיי גימאכט גיוועלטיגין איבער דעם גאנצין לאנד אונ דרום האט זיי הקב״ה גיהייסן נעמן אין צעהן טאג אין חודש דעם שה זייער עבודת כוכבים אונ מען מוז זיי אן בינדין אז זיי זאלין זיין תפוס דרייא טאג אונ דעם פערטן טאג צידט אים אויש צום דין אונ זאמילט איך איין אונ בשעת די מצרים האבין דער הערט דאש קול פון זייערע עבודת כוכבים אז זיא איז תפוס בתפיסה של ישראל אונ זייא האבין עש נית גיקענט מציל זיין האבין זייא גיוויינט אונ עש איז ביי זייא אזוא שווער גיוועזן גלייך וויא מען וואלט זייא אליין גיבונדין למיתה אונ

דעם פערטין טאג האבין זייא עש גישאכטן פר זיי אונ דאש איז ערגר גיוועזן ביי זיי מער פון אלע מכות ונגעים אונ דער נאך האט מען עש גיבראטן אונ מען האט עש דן גיוועזן מיט פייער אזוא וויא עש שטייט פסילי אלהיהם תשרפון באש אונ מען זאל עסין דווקא צלי אונ נית גיקאכט דרום וויל מען וואלט עס נית אן גיזעהען אין דעם טאפ דרום האט מען באדארפט בראטין כדי מען זאל עס אן זעהן ביים דעם פייער אונ עס זאל שמעקין אונ דר קאפ זאל זיין על כרעיו מען זאל נית מיינען עס איז איין חיה גייערט זיי זאלין עס דר קענען אז עס איז איין לעמיל אונ ווידער זיי זאלין עס נית עסין סיידין אז זייא זיינען שוין זאט דרך חרפה ובזיון אונ אויך ועצם לא תשברו בו מען זאל נית צוא ברעכין דיא ביינער פון אים נייערט מען זאל זייא ארויש ווארפין אויף דר גאס אונ דיא מצרים האבן עס נית גיקענט מציל זיין דרום שטייט ובאלהיהם עשה יי שפטים פיל משפטים אונ דינים וואס מען האט גיטאן אין זייערע אפ גאטין בשעת נעמן אונ בשעת עסין ומקלכם בידכם מיט שטעקן אבר נית קיין שווערד אונ קיין כלי מלחמה · ווייטר זיינען סודות · עש שטייט חמץ אונ עס שטייט מחמצת דאש זיינען דיא צווייא קליפות ס״מ מיט דער לילית זיין בת זוג וואס איז בגליה יורדות מות דרום איז דאש ווארט חמץ צווישין מ״ת וואש איז אין ווארט מחמצת דאס ערשטע אות אונ דאס הינטערשטע אות איז מ״ת דרום ווער עש עסט חמץ אום פסח פעדערט אים דיא מיתה בעולם הזה ובעולם הבא דען עס שטייט ונכרתה הנפש ההיא אונ דרום איז מען מדקדק אום פסח אויף איין משהו חמץ מער פון אנדרע איסורים ווייל דיא אותיות חמץ איז נאר מער פון דיא אותיות מצה נאר איין משהו דען דיא ח איז צוא גיצויגן דאש פיסיל אונ דיא ה איז נית צוא גיצויגן דרום מוז מען גזהר זיין פון איין משהו חמץ עש זאל נית ווערין פון דער ה איין ח וועט עש מאכין המין אבר דורך דר מצה איז ער מבריח אלע קליפות ומקטריגים אזו וויא דער שם שד״י פאר טרייבט אלע מזיקים אזוא אויך מצה איז לשון קריג דאש זיא קריגט אויף די קליפות אונ פאר טרייבט זייא ׃

מַטּוֹת אִין דֶער סֵדְרָה הָאט נָאט גִיזָאגְט וִוי שְׁבוּעוֹת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערְט אוּן הַאלְט נִיט אוּן צוּ צֵייטְן אִיז אַיין מֶענְטְשׁ צָארְנִדִיג אוּן שְׁוֶוערְט אוּן דֶר נָאךְ הָאט עֶר חֲרָטָה דְרוּם הָאט נָאט גִיזָאגְט וֶוען אַיינֶר טוּט אַיין נֶדֶר אָדֶער אַיין שְׁבוּעָה אוּן הָאט חֲרָטָה זָאל עֶר גַיין צוּ דְרַייא לַייט אוּן זָאל זַיי זָאגְן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוּן דִי דְרַייא לַייט זָאלִין אִים מַתִּיר זַיין · דָאשׁ מֵיינְט מָען נָאר אִין דֶעם פַאל אַז דֶר מֶענְטְשׁ טוּט אַיין נֶדֶר אָדֶר אַיין שְׁבוּעָה אוֹיף זַיין אַיינֶגְנֶעם פַּארְשׁוֹין אוּן עֶשׁ בַּאטְרִיפְט נִיט קַיין אַנְדְרִין מֶענְטְשִׁין · אוּן דִי תּוֹרָה הָאט אָן גִישְׁרִיבְּן רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת בַּייא נְדָרִים אוּן נְדָבוֹת וָואשׁ דִי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גִבְּרַאכְט אוּם יוֹם טוֹב צוּ וַוייזְן דָאשׁ דִי רָאשִׁים וָואשׁ זַיינֶען אִין אִיטְלִיכְן דוֹר זָאלִין נַייטִין דָאשׁ קָהָל צוּ גֶעבִּין צְדָקָה אוּן נְדָבוֹת אַזוֹ וִויא דִיא חֲכָמִים זָאגִין אַזְהָרָה לְבֵית דִּין שֶׁיְּעַשּׂוּךְ עֶס אִיז וָוארְן אָן גִיזָאגְט צוּ בֵּית דִּין זַיי זָאלְן דִי יִשְׂרָאֵל נַייטִין צְדָקָה גֶעבְּן · וְאִשָּׁה כִּי תִדֹּר וֶוען אַיין אִשָּׁה טוּט אַיין נֶדֶר אוּן זִיא אִיז אִין פָאטֶערְשׁ רְשׁוּת אוּן דֶר פָאטֶער הָאט אִיר דֶעם נֶדֶר פַר וֶוערְט טָאר זִיא דֶעם נֶדֶר נִיט הַאלְטְן וַוייל דֶר פָאטֶער הָאט אִיר פַר וֶוערְט אוּן וֶוען זִיא הָאט אַיין מַאן אוּן דֶער מַאן פַר וֶוערְט אִיר טָאר זִיא אוֹיךְ דֶעם נֶדֶר נִיט הַאלְטְן דְהַיְינוּ וֶוען זִיא טוּט אַיין נֶדֶר זִיא זָאל קַיין פֵּירוֹת נִיט עֶסִין אָדֶער זִיא זָאל פַאסְטִין אָדֶר זִיא זָאל זִיךְ נִיט צִירִין אָדֶר זִיא זָאל אִין קַיין מֶרְחָץ נִיט גַיין דִי נְדָרִים קֶען דֶר מַאן פַר וֶוערְן אוּן זִיא מוּז זַיי פַר לָאזִין אָבֶּר נִיט קַיין אַנְדֶערֶע · אוּן אַיין שְׁבוּעָה צוּ טָאן אִיז אַיין גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל דִי שְׁבוּעָה הַאלְטְן אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען בַּייא יַנַּאי הַמֶּלֶךְ דָאשׁ עֶר הָאט גִיהַאט זַיין אַיינְצִיגְשׁ טוֹיזִינְט שְׁטֶעט אוּן אַלֶע זַיינֶען חָרוּב גִיוָוארְן וַוייל זַיי הָאבְּן אַלִין גִישְׁוָוארִין אֲפִילוּ אוֹיף אֱמֶת אוּן דָאשׁ אִיז וַוייל זַייא הָאבִּין אוּם זִיסְט גָאטְשׁ נָאמֶן דֶר מָאנְט מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַיינֶר שְׁוֶוערְט

פַאלְשׁ וֶוערְט עֶר בְּוַדַּאי גִשְׁטְרָאפְט אָבֶּר וֶוען דֶר מֶענְטְשׁ טוּט אַיין נֶדֶר וַוייל עֶר הָאט מוֹרְא דֶר יֵצֶר הָרָע זָאל אִים נִיט אָפּ רַיידִין פוּן טָאן אַיין מִצְוָה דְרוּם טוּט עֶר אַיין נֶדֶר עֶר זָאל דִי מִצְוָה טָאן דָאשׁ מֶעג מָען אָדֶר וֶוען עֶר אִיז גִינַאנְגְן אִין שְׁלֶעכְטִין וֶועג אוּן וִויל זִיךְ פַּאר צַאמֶען מִיט אַיין שְׁבוּעָה עֶר זָאל וַוייטֶר אִין דֶעם וֶועג נִיט גַיין אַזֶעלְכֶע נְדָרִים הָאט נָאט גִיהֵייסְן טָאן אַזוֹ וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט נִשְׁבַּעְתִּי וָאֲקַיֵּמָה לִשְׁמוֹר מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ אִיךְ הָאבּ גִישְׁוָוארְן צוּ הַאלְטְן דַיינֶע מִצְוֹת נְקוֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים נָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה טוּא אַיין נְקָמָה אִין מִדְיָן אוּן דֶר נָאךְ וֶועסְטוּ שְׁטַארְבְּן דֶען אִיךְ מוּז הַאלְטְן מַיין שְׁבוּעָה וָואשׁ אִיךְ הָאבּ גִישְׁוָוארְן דוּ זָאלְסְט נִיט קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דְרוּם הָאט דִיא תּוֹרָה פְרִיעֶר גִישְׁטֶעלְט דִי פָּרָשָׁה פוּן נְדָרִים אוּן שְׁבוּעוֹת אוּן דֶר נָאךְ הָאט עֶר גִזָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּ מוּזְט שְׁטַארְבְּן וַוייל אִיךְ הָאבּ גִישְׁוָוארְן אוּן אַיין שְׁבוּעָה קֶען מֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט מַתִּיר זַיין נָאר וֶוען מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף אִיר · דָאשׁ מֵיינְט מֶען נָאר אִין דֶעם פַאל אַז דֶר מֶענְטְשׁ טוּט אַיין נֶדֶר אָדֶר אַשְׁבוּעָה אוֹיף זַיין אַיינֶגְנֶעם פַּארְשׁוֹין אוּן עֶשׁ בַּאטְרִיפְט נִיט קַיין אַנְדְרִין מֶענְטְשִׁין · אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קַיין חֲרָטָה נִיט דְרוּם קֶען מֶען מִיר דִי שְׁבוּעָה נִיט מַתִּיר זַיין נִקְמַת יְיָ מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי יִשְׂרָאֵל דְרוּם הָאט נָאט גְהֵייסְן טֵייטִין דִי מִדְיָנִים אוּן נִיט דִי מוֹאָבִים וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ דַארְף פוּן זַייא אַרוֹישׁ קוּמֶען · אוּן יְהוֹשֻׁעַ מֹשֶׁה הָאט גְהֶערְט דָאשׁ עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן נָאךְ דֶר מִלְחָמָה פוּן מִדְיָן וָואלְט עֶר גֶדַארְפְט וַוארְטְן נִיט בַּאלְד שִׁיקְן אִין דֶר מִלְחָמָה הָאט עֶר דָאךְ דִי זַאךְ בַּאלְד גְטָאן וַוייל גָאט הָאט אִים גְהֵייסְן אָבֶּר יְהוֹשֻׁעַ אַז עֶר הָאט גֶדַארְפְט אַיין נֶעמֶען דִיא מְלָכִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גְזָאגְט אִיךְ וֵוייס וִוי בַּאלְד אִיךְ וֶועל דִי מְלָכִים אַיין נֶעמֶען וֶועל אִיךְ בַּאלְד מוּזְן שְׁטַארְבְּן אַזוֹ וִוי מֹשֶׁה אִיז בַּאלְד גִשְׁטָארְבְּן נָאךְ מִדְיָן דְרוּם הָאט עֶר

גזאמט אונ האט ניט באלד גיטייט די מלכים כדי ער זאל לייננער לעבין דרום האט גאט אים קורץ גימאכט זיין לעבין מיט צעהן יאר ווייניגער דען יהושע האט גיזאלט לעבין הונדרט אונ צוואנציג יאר אזו וויא זיין רבי משה נאר ווייל ער האט גזאמט די מלכים צו טייטן הט ער נאר גילעבט הונדרט אונ צעהן יאר דאש זאגט דר פסוק רבות מחשבות בלב איש ועצת יי היא תקום דר מענטש טראכט פיל אבר די עצה פון גאט בלייבט שטיין · אונ וויא ישראל האבן גיזעהן דאש דר טויט פון משה הייגנט אן אין דר נקמה פון מדין האבין זייא ניט גיוואלט גיין מלחמה האלטין מיט מדין כדי משה זאל לייננער לעבין הט גאט גזאגט צו משה ווארף גורל ווער עש זאל גיין אזוא וועלין זיי מוזין גיין אונ משה האט גישיקט פנחס ער האט ניט גיוואלט גיין אליין אין דר מלחמה ווייל ער איז דר צויגין גיווארין אין מדין דרום האט ער זיי ניט גקאנט טייטן אונ אויך האט משה גיזאגט צו פנחס דו האשט אן גיהויבין צו טאן נקמות פון זנות וועגין וואס די טעכטר פון מדין האבין גיטאן מיט דעם נשיא דרום זייא דיך ווייטר נוקם אין זיי דען ווען איינער הייבט אן איין מצוה דארף ער זיא גומר זיין אונ נאך איין פשט איז דרום איז פנחס גיגאנגן איין נקמה טאן אין מדין ער זאל זיך נוקם זיין אין זיי ווייל זיי האבין פאר קויפט זיין עלטר פאטר יוסף קין מצרים דען פנחס איז ארויש גיקומען פון יוסף פון כומר האלבין לכל מטות ישראל תשלחו פון אלע שבטים פון ישראל זאלט איר שיקין · דער פסוק לערינט אונז דאש שבט לוי הט אויך גישיקט טויזנט מאן אין דר מלחמה פון מדין איז קשה די ישראל זיינן דאך גיוועזן צוועלף שבטים אן שבט לוי אונ מיט שבט לוי איז גיוועזן דריי צעהן שבטים אזו האט גדארפט זיין דריי צעהן טויזנט מאן אונ דער פסוק זאגט עס איז נאר גיגאנגן אין דער מלחמה פון מדין צוועלף טויזנט מאן דר תירוץ איז

שבט אפרים הט ניט גישיקט אין דר מלחמה כדי ישראל זאלין זיי ניט חושד זיין דאש זיי זיינן גערין צו גיין אין דר מלחמה כדי משה זאל שטארבין אונ יהושע וואש ער איז פון זייער שבט זאל איין מלך ווערין דרום האט שבט לוי גיזאגט מיר וועלין גיין אויף דעם ארט פון אפרים אונ מיר וועלן נאמש גיבאט האלטין חאטשע משה איז פון אונזר שבט אונ זיין לעבין הייגנט אין דר מלחמה וכלי קדש זייא האבין מיט גינומן דעם ארון קודש אונ דעם גילדערנעם בלעך וואש אויף אים איז גישטאנן דר שם המפורש אונ דרום האבן זיי אים גיהרגת מיט איין שווערד ווייל ער האט גיוואלט דיא ישראל שילטין מיט זיין מויל וואש דאש איז די ברכה פון ישראל הקול קול יעקב דאש זייער כח איז מיט דעם מויל דרום האבן זיי אים גיהרגת מיט איין שווערד וואס דאש איז די ברכה פון זיי ועל חרבך תחיה דוא זאלסט דיך ווערין מיט דר שווערד אונ בלעם איז גיקומן צו נעמן שכר פון מדין דר פאר וואס ער האט זיי איין עצה גיגעבין אונ דורך דעם זיינן גיפאלין פיר אונ צוואנציג טויזנט פון ישראל פון וועגין זנות אזו האבין אים די ישראל איין גוטין שכר בצאלט אונ משה הט נאר גישיקט צוועלף טויזנט מאן פון ישראל צו מדין האטשע מדין איז גיוועזן איין גרויש פאלק אונ האבין גיהאט שטארקע שטעט אונ פעסטע נאר משה האט זיך גטראכט עש זיינן פיל פון ישראל וואש האבן מזנה גיוועזן מיט די טעכטר פון מדין די קענן ניט גיין אין דר מלחמה דרום הט ער אויש גקליבן צדיקים זיי זאלין גיין אין דר מלחמה אונ די ישראל זיינן זייער פרום גיוועזן אונ האבין גיבראכט צו משה גאר דאש געלט אונ גוטין וואס זיי האבן גירויבט פון מדין אונ משה אונ אלעזר זיינן זיי אנטקעגין גיגאנגן אונ האבן גיווערט דאש קיינער זאל ניט עפעש חאפין פון רויב אונ משה האט גיצערינט אויף דיא הויבט לייט פון דעם חיל וואש זייא האבין גילאזט

לעבין די נקבות פון מדין ווייל זייא האבין
גימאכט די ישראל די עבירה טאן פון זנות
דען זיי האבין אטייל נקבות דער קענט אונ
האבין גיזאגט מיט דער נקבה האט יענער
ישראל מזנה גיוועזן אונ דורך דעם האבין
ישראל איין חרפה גיהאט · אויך טאמר וועט
ער מיט איר ווידר מזנה זיין דרום איז משה
ברוגז גיוועזן אויף די עלצטע זייא וואלטין
גידארפט טייטין די נקבות פון דאגן לערנען
מיר אפ ווען איין ראש הקהל אדער איין רב
ווערט ניט אין זיין קהל וואש זייא טוען בייז
שטראפט נאט דעם ראש הקהל אדר דעם רב
אונ משה האט גיבאטין מען זאל הרגענן די
זכרים אפילו די קינדר אין די וויגין אונ אלע
נקבות וואס זיינן מיט איין מאן גילעגין אבר
די נקבות וואש זיינען נאך ניט גילעגין מיט
קיין מאן האט מען גילאזט לעבין ויאמר אלעזר
הכהן אלעזר הכהן האט גיזאגט צו ישראל זיי
זאלן כשרין די כלים פון מדין רבי שמעון בן
לקיש זאגט דר וואש איז אין כעס ווען ער איז
איין חכם טוט זיך די חכמה פון אים אפ אזו
וויא מיר גפינן ביי משה דש ער האט נצארינט
אויף ישראל וואש זיי האבין גילאזט לעבין
די נקבות פון מדין דרום האט ער פאר געסין
דעם דין פון כשרין אונ אלעזר איז גקומן
האט דעם דין גזאגט ווער עש האט גילדרנע
כלים אדר זילברנע כלים אדר קופערנע כלים
אדר פון בלייא זאל מען די כלים פריער אויש
רייבין עש זאל פון זיי דר זויבער אראפ אונ
דער נאך זאל מען זיי כשרין אין איין קעסיל
מיט זודינע וואשר אונ אזו גיפינן מיר דאש
משה האט נאך צווייא מאל ניצארינט אונ האט
אלע מאל דריבר דינים פאר געסין אונ ווען
איין נביא צערינט טוט זיך די נבואה פון אים
אפ דען די שכינה רואט ניט ביי דעם מענטשין
וואש צערינט די חכמים זאגין ווען איינר צו
ברעכט איין כלי פאר כעס איז גליך וויא ער
דינט עבודת כוכבים איז קשה ווארום האט
נאט ניט גיהייסין כשרין די כלים פון סיחון

ועוג אזו וויא ביי מדין דר תירוץ איז ווייל דש
לאנד פון סיחון ועוג איז גיוועזן איין חלק פון
ארץ ישראל דען די בני גד אונ די בני ראובן
האבין דאש גירשת דרום האט מען גימעגט
ניצין זייערע כלים אן כשרין אונ אן טבילה
דען די חכמים זאגן אפילו די זייטן פון חזירים
זיינן מותר גיווארין צו ישראל בשעת אז זיי
האבין איין גינומן ארץ ישראל ווייל גאט האט
צו גזאגט צו געבן צו ישראל אין ארץ ישראל
הייזער וואש זיינן פול מיט גוטש אבער דאס
לאנד פון מדין איז ניט גוועזן פון ארץ ישראל
אונ מען האט גאר איין נקמה גטאן אין מדין
אבר מען האט עש ניט איין גינומן פר זייער
לאנד דרום האט מען ניט גטארט ניצן זייערע
כלים אן כשרין שא את ראש גאט האט גיזאגט
צו משה ער זאל ציילין די מענטשין אונ די
בהמות אונ דאש גאלד אונ זילבר אונ קליידר
וואש זיי האבין גיבראכט פון מדין אונ מען
זאל דאס צו טיילין העלפט זאל מען געבן צו
די צוועלף טויזנט מענטשן וואש זיינן גגאנגן
אין דר מלחמה אונ די אנדרע העלפט זאלין
כל ישראל נעמן אונ די צוועלף טויזנט מאן
זאלין פון זייער חלק מכס געבין איין מענטש
פון פינף הונדרט מענטשין אונ אזו אויך פון
רינדר אונ איילען אונ שאף זאלין זייא דעם
מכס געבן אונ דאש זאל מען געבן צו אלעזר
הכהן אונ פון דעם חלק וואש כל ישראל
האבן גנומן זאל מען געבן מכס אמענטש פון
פופציג מענטשן אונ אזו אויך פון רינדר אונ
איילען אונ שאף זאל מען דעם מכס געבין
צו דיא לוים וואש היטין נאכט משכן : ויקח
משה ואלעזר הכהן אונ משה מיט אלעזר האבין
אליין צו טיילט דעם רויב פון מדין אן דיא
נשיאים האטשע גאט האט גיהייסן די נשיאים
זאלן אויך דר ביי זיין כדי מען זאל ניט חושד
זיין צו אלעזר דאש ער נעמט זיך מער וויא
עש קומט אים נאר די נשיאים האבן גיזאגט
מיר וועלין דער צו ניט גיין אלעזר אליין איז
דרויף בגלייבט ותהי המחצה אונ עש איז גווען

די העלפט שאף דריי הונדערט טויזנט אונ זיבן אונ דרייסיג טויזנט אונ פינף הונדרט אונ רינדר איז גוועזן זעקס אונ דרייסיג טויזנט אונ אייזלען איז גיוועזן דרייסיג טויזנט מיט פינף הונדרט • אונ מענטשין איז גיוועזן זעכצעהען טויזנט דאס איז אלץ גיוועזן איין העלפט • אונ דרום האט די תורה דיא צאל פון זיי אן גישריבן צו ווייזן זינט מען האט זיי גיפאנגען ביז מען האט זיי צו טיילט איז ניט גימינערט גיווארין קיין מענטש אונ ניט קיין בהמה ולא נפקד ממנו איש עס איז פון אונז ישראל ניט גיווארין גימינערט קיין מענטש אין דער מלחמה אונ דאש איז גיוועזן איין גרויסער נס דען די מדינים זיינען גיוועזן אזו פיל וויא זאמד אין ים אונ די ישראל זיינען נאר גיוועזן צוועלף טויזנט אונ האבין פיל גיהרגת אונ פיל טויזנט פון זיי גיפאנגן אונ עש איז דאך פון ישראל ניט גיהרגת גיווארין קיין מענטש דען דיא צוועלף טויזנט מאן זיינן אלע גוועזן צדיקים • אונ זיי האבן גזאגט צוא משה טאמער האבין מיר איין מחשבה גיהאט אויף די טעכטער פון מדין אונ מיר האבין צו זיי לוסט גיהאט דען דער סדר פון די עובדי כוכבים איז ווען זיי גייען אין דער מלחמה צירין זיי אויש זייערע טעכטער אונ איין שלעכטע מחשבה איז מער עבירה וויא מזנה צו זיין דען דר וואש איז מזנה טוט זיך נאך דעם זנות באלד דער יצר הרע פון אים אפ אבער דר וואש טראכט אויף זנות דער טראכט טאג אונ נאכט וויא אזו ער זאל זיין ווילין טאן מיט דער זונה אונ האט קיין רוא ניט פון דר עבירה אונ דרום האט גאט מתיר גיוועזן צו ישראל ווען זיי ועלין גיין אין איין מלחמה אויף די אומות צו נעמן איין עבודת כוכבים פאר איין ווייב כדי דר יצר הרע זאל אים ווייטער צו רוא לאזין דרום האבין דיא ישראל תשובה גטאן אויף דר מחשבה וואש זיי האבין גיהאט אויף די טעכטער פון מדין אונ האבין גיבראכט אלע צירונג פון גאלד

ארום רינגען אונ פינגער רינגען אונ אורינגלאך אונ האבין דאש גיגעבין צו משה עש זאל אויף זייא זיין איין קרבן צוא גאט אונ דיא גילדערנע כלים וואש זיי האבין גיגעבן האט מען זיי גינומן אין בית המקדש אריין צו גיצירן מיט זיי אזו וויא זיי זיינן גוועזן אונ דאש גוויכט פון גאר דעם גאלד איז גוועזן זעכצעהן טויזנט אונ זיבין הונדערט אונ פופציג שקלים • ומקנה רב היה לבני ראובן אונ פיל פיך איז גיוועזן צו די קינדר פון ראובן אונ גד אונ זיי האבן זייער ליב גהאט זייערע בהמות אונ געלט די חכמים זאגין דאש עשירות וואש קומט פון גאט דאש האט איין קיום אבער דאש עשירות וואש קומט ניט פון גאט דאש האט ניט קיין קיום אויך זאגין די חכמים דריי מתנות האט גאט אויף דר וועלט גיגעבין עושר אונ חכמה אונ גבורה זיינן גיוועזן צוויא עשירים קרח פון ישראל אונ המן פון דיא אומות אונ דאש עשירות האט זיי גימאכט פאר לירין פון דר וועלט אונ פון יענר וועלט • אונ צווי חכמים זיינן גוועזן אויף דר וועלט בלעם פון די אומות אונ אחיתופל פון ישראל אונ האבין מיט זייער חכמה גיטאן דר ווידר גאט דרום זיינען זיי ביידע ווארין פאר לארין פון דער וועלט אונ פון יענער וועלט אונ צווי גבורים זיינען גיוועזן שמשון פון ישראל אונ גלית הפלשתי פון דיא אומות אונ זיינען ביידע ווארין פאר לארין ווייל זייא האבין מיט זייער גבורה גיטאן דר ווידער גאט אונ האבן בגזלט לייט אונ אזו אויך די קינדער פון ראובן אונ גד זיינן גיוועזן זייער רייך אונ האבין גיהאט פיל בהמות אונ האבן גזאגט צו משה מיר וועלן בלייבין אין חוצה לארץ ווייל מיר האבן פיל בהמות אונ דא איז דא פיל פאשע אונ זייא האבין זיך גיוואלט אפ שיידין פון זייערע ברידער פון וועגין זייער געלט אונ בהמות דרום זיינן זיי צום ערשטין פר טריבן גיווארין פון זייער לאנד אונ זייערע שטעט זיינען גיווארין פאר וויסט צו ווייזן דאש עשירות

וואש קומט ניט פון גאט האט קיין קיום ניט
איין ווייב פון איין שר האט גיפרעגט צו רבי
שמעון בן חלפתא אין וויא פיל טעג הט גאט
באשאפין די וועלט האט ער גיזאגט אין זעקס
טעג האט זיא אים גפרעגט אונ פון די זעקס
טעג ביז אהער וואש טוט גאט הט רבי שמעון
גיזאגט ער האט גימאכט לייטערש אונ פירט
איין מענטשין ארויף אונ דעם אנדרין פירט
ער אראפ אזו וויא אין פסוק שטייט כי אלהים
שופט זה ישפיל וזה ירים גאט טוט משפטין דעם
טוט ער אראפ נידערין אונ דעם אנדרין טוט
ער דר הויבין אונ גאט נעמט אוועק דש געלט
פון איינעם אונ גיט דאש צום אנדרין אונ די
בני ראובן אונ די בני גד האבן ליבער גהאט
זייער געלט מער פון זייער גוף דען זיי האבן
פריער גיזאגט זיי וועלין בויען שטאלין צו די
בהמות אונ דר נאך שטעט צו זייערע ווייבר
אונ קינדר דרום האט גאט זייא גישטראפט
מיט גלות מער וויא אנדרע ישראל אונ משה
האט גיצערינט אויף די קינדר פון גד אונ פון
ראובן אונ זאגט צו זיי איר וועט מאכן איין
מורא צו ישראל דאש זיי וועלין קוקין אויף
אייך אונ וועלין אויך ניט וועלן גיין קיין ארץ
ישראל האבין די קינדער פון גד אונ ראובן
גיענטפערט מיר וועלין בויען שטאלין צוא
אונזרע בהמות אונ הייזער צו אונזרע ווייבר
אונ קינדר אונ דר נאך וועלין מיר גיין קיין
ארץ ישראל פריער פאר אונזרע ברידער צו
העלפין זיי מלחמה האלטין מיט די אומות ׃
מיר וועלן אהיים ניט גיין ביז מיר וועלן העלפן
צו ישראל צו איין נעמן זייער לאנד דען דיא
קינדער פון גד אונ ראובן זיינען גיוועזן דיא
שטארקסטע צווישן כל ישראל אונ זיי האבן
גיזאגט וויל מיר וועלין אוועק גיין קיין ארץ
ישראל דרום וועלין מיר בויען פעסטע שטעט
צו אונזרע ווייבר אונ קינדר זייא זאלין זיין
באווארינט פאר די אומות ׃ הט משה גזאגט

צו די קינדר פון גד אונ ראובן אויב איר וועט
האלטין אייער שבועה אונ וועט העלפין צו
ישראל צו קומן אין זייער לאנד וועלין מיר
אייך הייסין בלייבן אין דעם לאנד והייתם נקיים
מה׳ ומישראל אונ איר זאלט זיין ריין פון גאט
אונ פון ישראל פון דאנן לערנן מיר אפ דאס
איין מענטש דארף זיך ריין מאכין פאר גאט
אונ פאר לייט די חכמים זאגן איין משפחה
האט גיהייסן בית גרמו זיי האבן גמאכט דעם
לחם הפנים אין בית המקדש האבין זיי ניט
גיהייסן אין זייערע הייזר זעמיל ברויט מאכן
כדי לייט זאלין ניט זאגן דאש איז פון דעם
זעמיל מעל פון דעם בית המקדש האטשע זיי
זיינן גיוועזן עשירים אונ האבין גיגעסין עסין
זעמיל ברויט דאך האבין זייא גראב ברויט
גיגעסין כדי מען זאל זיי ניט חושד זיין ׃ נאך
איין משפחה איז גיוועזן זיא האט גיהייסן בית
אבטינס זיי האבין גימאכט קטורת אין בית
המקדש פון אלערלייא בשמים אזו האבן זיי
ניט גיוואלט דאש איין כלה פון זייער משפחה
זאל זיך צירין מיט בשמים האטשע דר סדר
איז דאש איין כלה צירט זיך מיט בשמים אבר
איין כלה פון זייער משפחה האט זיך ניט
גיצירט מיט קיין בשמים כדי מען זאל זיי ניט
חושד זיין דאס זיי האבין גינומן בשמים פון
די קטורת ׃ ויבנו את עטרות ואת דיבון די קינדער
פון גד האבין גיבויט די שטעט עטרות אונ
דיבון דיא חכמים זאגן איין ווארט אין דער
תורה איז ניט אן איין נוץ אן גישריבן גיווארן
אפילו די נעמן פון די שטעט עטרות ודיבון ׃
אויך האבין זייא גיזאגט אימליכער מענטש
דארף אלע וואך מעביר זיין די סדרה פון דר
וואך צווייא מאל אונ זאל דעם תרגום איין מאל
זאגין אפילו דעם תרגום פון עטרות ודיבון
וואש דער תרגום איז גלייך מיט דעם לשון
פון דעם חומש זאל ער דאך דעם תרגום
דער פון זאגין ׃

המסורת מטות איז דיא המסורה פון פרשת שמות ׃

וידבר ה' אל משה לאמר: נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים עס איז געוועזן איין טאג וואס די גאנצע חבריא איז געזעסן אונ האבן זיך שטארק מפלפל געוועזן אין דער תורה אונ דארטן איז געוועזן רבי אלעזר אונ רבי אבא ורבי חייא ורבי יוסי אונ דיא איבריגע חבריא זייא זאגן עס שטייט דאך אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה דרום ווייל פון זיי האט בדארפט ארויש גיין רות המואביה אונ נעמה העמונית איז דאך קשה אמאי האט הקב"ה געהייסן פאר לענדן די מדינים עס איז דאך פון זייא ארויס גיקומען צפורה אשת משה אונ יתרו מיט זיינע קינדער זייא זיינען אלע גווען צדיקי אמת איז דאך אבל שכן אז מען זאל זייא גאר ניט טאן אונ ווידער משה איז דאך מגודל געווארן אין מדין זויא אזוא האט הקב"ה צו אים געזאגט נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים איז דען איין משוא פנים אין דער זאך עס איז דאך מער ראוי צוא העלפין מדין איידר מואב · זאגט רבי שמעון עס איז ניט גלייך אז איינער וויל ערשט קלייבן פייגין פון דעם בוים היט ער אים אבר אז ער האט שוין אויף גיקליבן · היט ער אים שוין ניט אזו דא אויך ביי מואב זיינען נאך די צדיקים ניט ארויש גיקומען בדארף מען זיי היטין אבר ביי מדין זיינען שוין דיא צדיקים ארויש גיקומען דרום זאגט הקב"ה צו משה צרור את המדינים דר בוים העט שוין קיין פייגין ניט טראגין דרום מוז מען אים פר ברענן · רבי אלעזר איז גגאנגן זעהען זיין שווער רבי יוסי ברבי שמעון בן לקוניא זיינען מיט אים גיגאנגן רבי אבא ורבי יוסי ורבי חייא · זאגט רבי אבא וואש מיינט דר פסוק ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב אונ עס שטייט וקרבת אל מול בני עמון אמער זיי זיינען דאך ביידע גלייך גיוועזן אז מען טאר זייא ניט טאן אונ מיר האבין גילערניגט אז דיא ישראל האבין זיך גיוויזן צו די בני מואב האבין זייא זיך אנטקעגן זייא גיוויזן מיט אלע כלי מלחמה אונ האבין זיך מתגרה גיוועזן אונ אנטקעגין דיא בני עמון האבין זייא זיך גיוויזן אן כלי זיין אונ האבין זיך ניט גישארט רייצין מיט זייא · אונ דא אין פסוק זיינען זיי ביידע גלייך · זאגט רבי אלעזר מיר האבין דאך גילערנט ווייל דיא ערשטע מאכטער פון לוט האט גירופין איר זון מיט חציפות מואב דאש איז טייטש איך האב גיוואוגן פון מיין פאטר דרום האט מען אנטקעגן אים אויך גיטאן חציפות אבר די אנדערע האט אים גירופין בן עמי זיא האט באהאלטין אונ פר דעקט איר מעשה דרום האט מען אנטקעגן זיי אויך ניט גיטארט ווייזין קיין חציפות נייערט מען האט זיך גיוויזן צוא זייא אזוא וויא גוטע ברידער · אזו וויא זייא גייען דר מאנט זיך רבי אלעזר אז רבי יצחק מיט רבי יהודה האבן דר ציילט זיין פאטר פון דעם ינוקא דאש קליין קינד פון פינף יאר האט רבי אלעזר אויף זיך גינומען אז ער זאל גיין זעהן דאש גרוישע אור פון דעם קינד איז ער אראפ גיגאנגן פון דעם וועג דריי מייל · אונ איז גיקומען צוא דעם ארט פון דעם ינוקא אונ זיי זיינען טאקע אין דר שטוב פון דעם ינוקא איין גישטאנען אונ בשעת זיי זיינען אן גיקומען האט מען אן גיריכט דעם טיש צוא דעם ינוקא ער זאל עסין וויא ער האט זיי דער זעהן איז ער ארויש גיגאנגען אנטקעגין זיי אונ זאגט גייט ארייין איר חסידים גייט ארייין איר וואש איר זייט דאש פלאנצין פון דר וועלט דאש דיא עליונים ותחתונים קומען אייך משבח זיין אונ אפילו די פיש פון דעם ים הגדול גייען ארויש צו אייך אזו קומט רבי אלעזר אונ קושט אים אויף זיין קאפ אונ קערט זיך אום אונ קושט אים אויף זיין מויל אונ זאגט דאש ערשטע קושן אין גיווען אויף די דגים וואש פר לאזין דאש וואסער אונ גייען אויף דער יבשה אונ דאש אנדערע קושן איז אויף די ביצי דגים וואש זייא האבין גילאזט איין גוטע פרי אויף דר וועלט · זאגט דר ינוקא אין אייערע מלבושים אין דעם ריח פון זיי זעה איך אז עמון ומואב איז דאך אין אייך מתגרה כלומר איר האט גיפרעגט דיא קשיא וואש אויבין שטייט אויף עמון ומואב ווי אזו זייט איר ניצול גיווארין פון זייא איר האט דאך קיין כלי מלחמה ניט אין אייערע הענט ווען איר וואלט האבין כלי מלחמה וואלט איר גיגאנגען זיכערליך אן מורא · רבי אלעזר מיט דער חבריא פר וואונדערין זיך זייער זאגט רבי אבא זכאה איז אונזער חלק וואש מיר האבין דאש זוכה גיווען צו זעהן · זייא האבן אן גיגרייט דעם טיש אזו וויא פריער זאגט דר ינוקא צו זיי איר חכמים איר באגערט לחם עונג צו עסן אויף אזוא איין טיש וואש איז אן כלי מלחמה וכלי זיין דר עיקר שולחן וואש איז עולה למעלה

איז נאר אזוא איין טיש וואש איז דרויף איין מלחמה אונ אז ניט איזער ניט עולה לרצון זאגט רבי אלעזר צוא אים בני התביב האהוב הקדוש דוא הייליגער גיליבטר קינד אזו וויל איך · דען מיט כלי מלחמה האבין מיר עוסק גיוועזן · אונ מיר ווייסין וואול מלחמה צו האלטין מיט חרב קשת וברומח ואבנים דקירפא אונ דו בישט נאך איין יונג קינד דו ווייסט נאך ניט אונ דוא האשט נאך ניט גיזעהן וויא אזו מען האלט מיט זייא מלחמה · דאש קינד פרייט זיך זייער אונ זאגט וודאי האב איך ניט גיזעהן אבער עש שטייט דאך אל יתהלל חוגר כמפתח עש זאל זיך ניט לויבן דר וואש טוט אן זיין שווערד אין זיין זייט · ווי ריכטין אן דעם טיש מיט ברויט אונ מיט אלץ וואש מען בדארף זאגט רבי אלעזר וויא גרויש שמחה איז אין מיין הארץ מיט דעם ינוקא אונ כמה חידושים וועט באנייט ווערין אויף דעם טיש אונ איך האב גזאגט אז כמה הייליגע קולות קלינגען אין דעם קינד כלומר כמה סודות איז פר האנדין אין אים וואש קלינגן פון אים זאגט דר ינוקא ווער עש בגערט צו עסין ברויט דורך דעם חרב זאל עסין פרייט זיך רבי אלעזר אונ גינעהענט זיך צום ינוקא אונ זאגט אים ווייל דו לויבשט זיך וואלשטו נעמען צום ערשטין דיין כלי מלחמה אין דער האנט איך האב גימיינט אז עש וועט ערשט זיין נאך דעם עסין אבער איצונד ווער עש באגערט זאל נעמען זיין כלי מלחמה אין דר האנט זאגט רבי אלעזר צו דעם ינוקא נאך אמאל צו דיר איז ראוי דו זאלשט נעמן דיין כלי מלחמה אונ צו ווייזין זייא וואש דו האשט אונ קענשט · הויבט אן דר ינוקא אונ זאגט עש שטייט והיה באכלכם מלחם הארץ תרימו תרומה ליי דער פסוק איז גיזאגט גיווארין אויף עומר התנופה וואש הייסט תנופה · אויב דוא מעסט.ווערלין זאגין ווייל דער כהן הייבט דאש אויף למעלה הייסט דאש תנופה · וואס קומט מיר דען דר פון ארויש צו דר כהן הויבט דאש ארויף אדער אראפ · אונ דאש איז נאר תרומה חאטשע מיר דרשענען אז דאש ווארט תרומה מאכט תרי ממאה דאש הייסט מען דארף אפ שיידין צווייא פון הונדרט אונ עש איז אזוא די הלכה אבער דאש ווארט תנופה איז אגרוישר סוד החכמה אלהי אונ איר חסידים קדושים איר זייט הערין וואש קענען האלטין מלחמה מיט

שפיזין איר האט אבער ניט משמש גיוועזן צוא רבי שמעיה .חסיד איר זאלט ווישין וואש דאש ווארט תנופה באטייט אונ וואש הייסט חטה אונ וואש הייסט שעורה דען דאש ווארט תנופה איז צווייא ·ווערטער תנו פה גיט מיט אייער מויל כבוד ליי אלהיכם דעם סוד וואש הייסט פה למעלה מאכין איין יחוד צו הקב״ה דרום מוז מען דאש עומר אויף הויבין צו ווייזין דאש דר עיקר שבח איז למעלה למלך עליון אז מען גיט אים אפ כבוד איז רעכט מאל פה דאס איז בקיצור גישריבין גיווארין פיל סודות דרך נגלה ווייל דער פשוטער פשט איז אויך רעכט מען דארף לויבין צו הקב״ה מיט דעם מויל חטה בטרעפט צווייא אונ צוואנציג דאש איז אנטקעגין די כ״ב אותיות התורה זאגט רבי אלעזר בריך רחמנא גלייבט איז השי״ת דר רחמן וואש ער האט מיך אהער גשיקט זאגט דער ינוקא דר עיקר סעודה אויף דעם טיש איז נאר לחם ויין אונ די איבעריגע מאכלים ציהן זיך שוין נאך ווי דרום האט דיא תורה גיבעטין אונ זאגט לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי איך בעט אייך ווייל די תורה האט אייך אן גיברייט צו איר אכילה לחם ויין אונ בגערט פון אייך איר זאלט עסן איר לחם ויין דארפט איר צוא ליב טאן ממלא זיין איר רצון זאגן זייא בוודאי איז.אזו האבין זייא זיך גיזעצט עסין אונ זייגען זיך מיט אים זייער משמח אונ האבין זיך פר זאמט ביי דר סעודה הויבט ער אן צוא זאגין עש שטייט ויאמר מואב אל זקני מדין ווארום שטייט ניט אז דיא זקני מואב האבין גיזאגט צו די זקני מדין נאר די יונגע האבין גינומן איין עצה פון די אלטע אונ די אלטע האבין זיך נאך זיי נאך גיצויגן האבן די זקני מדין צו זיי גזאגט מיר האבין צווישין אונז מגדל גיוועזן אשלעכטן גידול דאש הייסט זייער רבי משה איז ביי אונז מגודל גיווארין אין מדין דאש הייסט יתרו האט אים מגדל גיוועזן אין זיין הויז אונ האט אים גיגעבין זיין טאכטער פאר איין ווייב אונ ניט דאש אליין ער האט אים נאך גיגעבין געלט אויך · אונ האט אים גישיקט פאר לענדין דאש גאנצע לאנד מצרים אונ דר יתרו מיט זיין גאנץ הויז גיזינד האבין צוא גיהערט זיינע רייד ווען מיר זאלין קענען זייער רבי אויש רייסין · אזו תיכף וואלט דאש גאנצע פאלק אויש גיריסין גיווארן פון דר וועלט אונ די גאנצע עצה פון

פעור

בעור איז אלץ גיוועזן פון דיא זקני מדין עש איז אלץ גיוועזן מען זאל משה מאכין זינדיגין אונ מחמת דר עצה האבין זייא גישיקט רופן בלעם אז זיי האבן גיזעהן אז בלעם קען זייא אויך ניט העלפין האבן זיי זיך אנאנדר עצה רעה גיהאלטן פון זיך זעלבערט דיא זאלין מפקיר זיין זייערע ווייבר מיט זייערע טעכטער נאך מער פון מואב דען אויף די ווייבר פון מדין שטייט הן הנה היו לבני ישראל אונ עש איז אלץ ארויש גיקומן פון מדין זייא זיינן גיגאנגן אונ האבין גינומן איין עצה פון דעם עלצטן פון מדין ער זאל זיין טאכטר פון מדין מפקיר זיין לזנות זיי האבן אלץ גימיינט אז משה וועט אריין פאלן אין זייערע הענט ארין דורך איר דען זייא האבן גיזעהן אז איין ראש ישראל וועט אריין פאלין אין זייער גענץ אריין אבר זיי האבין ניט רעכט גיזעהן זיי האבין די כזבי בת נשיא מדין אן גיטאן בכל מיני כישוף כדי זיא זאל צו זיך באקומן דעם ראש פון די ישראל אבר הקב"ה האט פר קערט זייער חכמה זייא האבין דיא כזבי מפקיר גיוועזן לזנות אונ האבין איר גיזאגט זיא זאל קיינעם ניט וועלן צו הערן לזנות נאר צו משה אליין האט זיא זיי גיפרעגט וויא אזו וועל איך וויסן וועלכער איז דר משה זאגין זיי צו איר אז דו וועשט זעהן אזעלכין וואס אלע שטייען פר אים אזו וויא פר איין נשיא מיט דעם זאלשטו מזנה זיין ניט מיט קיין אנדערין אונ אז עס איז גיקומען זמרי בן סלוא נשיא בית אב לשמעוני אונ פר אים זיינן גישטאנען פיר אונ צוואנציג טויזינט ווייל ער איז גוועזן זייער נשיא האט זיא גימיינט אז דאש איז משה האט זיא מיט אים מזנה גיוועזן אונ אז דיא אלע זיינע מענטשן האבין דאס פון אים גיזעהן האבן זיי אויך אזו גיטאן אבער. דר עיקר עצה איז גיוועזן פון די זקני מדין דרום האט הקב"ה גיזאגט צו משה נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים צו דיר איז דאש ראוי זאלשט דאש טאן צו מדין · אונ צוא מואב גועל איך ווארטין ביז עש וועט פון זייא ארויש קומען די מרגליות טובה דאש מיינט מען רות המואביה וואש פון איר וועט דוד המלך ארויש קומען ער ווערט זיך ערשט נוקם זיין פון מואב אונ עש איז אזו גיוועזן מדין זיינן גשטראפט גיווארין דורך משה רבינו אונ מואב איז גישטראפט גיווארין דורך דוד המלך דרום זאגט דוד מואב סיר רחצי איך וועל אויס וואשין דעם

טאפ פון מואב · קום אונ זעה דעם חטא פון מדין זיי האבין ניט גירועט אונ האבין ניט אפ גילאזין די זאך ביז זיי האבין גיזעהן נאך אלע דורות אז יהושע איז גישטארבין אונ אלע זקנים וואש דורך זיי זיינען גישעהען גרוישע נסים זיינן שוין אויך ניט גיוועזן אויף דר וועלט האבן זיי גיזאגט איצונד איז די צייט מיר זאלין זיך נוקם זיין אין די ישראל זיינן זיי גיקומען צוא עמלק אונ זאגין אים דו גיהערשט גידיינקען וואש דיא ישראל האבין דיר גיטאן אונ זייער רבי משה מיט זיין תלמיד יהושע האבין אונז פאר לענד פון דר וועלט היינט אז זיי האבין שוין ניט קיינר זאל אויף זיי מגין זיין איז די צייט אז מיר מיט אייך זאלין אויף זיי גיין מלחמה האלטן אזו וויא עס שטייט מדין ועמלק ובני קדם עש איז קיינר ניט גיוועזן ער זאל שלעכט טאן צו דיא ישראל אזו וויא עמלק אבער הקב"ה וועט זיך אין אים נוקם זיין נקמת עולם לא תשכח זאגין די חבריא בוודאי איז אזו הייבט ער אן עש שטייט ויאמר יי אלי אל תצר את מואב איז דאך קשה וואש דארף די תורה שטעלין דאש ווארט אלי צו מיר האט ער גיזאגט אמער די גאנצע תורה האט דאך הקב"ה גיזאגט צו משה נאר דאש ווארט אלי ווייזט מיר אז הקב"ה פאר ווערט מיר איך זאל זיך נוקם זיין אין דיא מואבים ווייל רות המואביה וועט פון זיי ארויש קומן ווי דען עש וועט פון זיי אליין ארויש קומן איינר וואש ער וועט זיך פון זיי נוקם זיין דאש איז דוד המלך וואש ער וועט ארויש קומן פון רות דרום זאגט ער אלי נאר איך טאר מיט זיי קיין מלחמה ניט האלטן אבר אנאנדערר מעג מיט זייא מלחמה האלטין אויב דו וועסט פרעגין ווידער אז עש שטייט אלי האבין דאך יהושע מיט די זקנים גימענט מיט זיי מלחמה האלטן נאר ווייל זיי קומען ארויש פון דעם בית דין פון משה אונ וואש עש איז איבר גיענטפערט גיווארין צוא משה איז צו זיי אויך אסור גיוועזן אונ ווידער עש איז נאך ניט גיקומען דיא צייט פון דער מרגליות טובה דען רות המואביה איז ערשט גבארן גווארן אין די טעג פון די שופטים זיא איז דאך גוועזן די טאכטר פון עגלון מלך מואב וואש אהוד האט אים גיהרגת האט זיא אלימלך גינומן צו זיך פר איין שנור אונ זיא האט זיך נאך ניט מגייר גיוועזן ערשט דר נאך האט זיא גזאגט צו

נעמי שמך שמי ואלהיך אלהי אונ נעמה העמונית איז ערשט גיוועזן אין דער צייט פון שלמה המלך וואש זיא האט שלמה המלך גינומען פר איין ווייב דרום האבן יהושע מיט די זקנים זיך ניט גקאנט נוקם זיין אין מואב ביז דוד המלך איז גיקומען אונ האט זיך אין זיי נוקם גיוועזן אזו ווי מיר האבין גיזאגט אונ אלע וואש האבין בייז גטאן צו די ישראל האט הקב"ה אין. זיי גיטאן נקמות אונ נוטר שנאה גיוועזן אבר אז עש בדארפט עפעס נטמא ארויש קומן פון זיי איז זיי הקב"ה מאריך אף ביז דאש חלק הטוב גייט ארויש פון זיי דר נאך איז ער זיך אין זיי נוקם זיין נקמה ׃ זאגט רבי אלעזר עש איז בוודאי אזו דאש איז דער פון די לויטערע זאך ׃ זאגט דאש קינד היינט איר חברייא גרייט אן אייער כלי מלחמה אונ הייבט אן מלחמה האלטין הייבט אן רבי אלעזר אונ זאגט עש שטייט ברכו יי מלאכיו גבורי כח דוד המלך האט אן גיבריית אלע צבא השמים כוכבים ומזלות אויך אנדרע חיילות אונ האט משתתף גיוועזן צו זיי זיין נשמה אונ מיט דעם נפש ער האט גומר גיוועזן אונ גיחתמת אונ האט אויש גילאזן אלע ברכות אונ האט גיזאגט ברכי נפשי את יי דען אליך ווערט נכלל אין דעם נפש אונ איידער דיא ישראל זיינען גיקומען האבין די מלאכים משלים גיוועזן די עשיה דרום שטייט עושי דברו ביי די מלאכים אבער אז די ישראל זיינן גיקומען צו דעם בארג סיני אונ האבן גזאגט נעשה ונשמע האבן זיי צו גינומען בייא דיא מלאכי השרת זייער מדריגה איז שוין ביי די ישראל אליין די מדריגה ׃ זאגט דאש קינד היט זיך אונ זיי מצליח האבין זיי דען נאר דעם שבח אליין צו גנומען מער ניט זאגט רבי אלעזר דעם שבח האב איך גיפונען אונ ניט קיין אנדרער זאגט דאש קינד ווייל דיין שווערד וויל דיר ניט מצליח זיין דאש הייסט דו זאגשט ניט אזו וויא מען דארף גיב אים צו איין אנדערן וואש קען רעכט מלחמה האלטן דען דר שבח עליון וואש איז ניט איבער גיענטפערט גיווארין נאר צו די מלאכים אליין דאש איז קדושה איז צו זיי אסור מקדש זיין פר די ישראל אז די ישראל זיינן מקדש אונ זאגן דריי מאל קדוש דר נאך זיינן זיי מקדש למעלה אזו וויא עש שטייט וקרא זה אל זה דרש ניים אויף די קדושה פון דריי עולמות דרום שטייט וקרא זה איז איינש אל זה איז צוויי ואמר

איז דריי די דריי עולמות זיינן אנטקעגן די דריי קדושות אונ דרום איז דאש דער שבח פון די ישראל וואס זיי האבין צו גינומען די קדושה למטה ׃ זאגט רבי אלעזר עש איז בוודאי אזו אונ אזו האט מען דאש מפורש גיוועזן דען די דריי קדושות זיינן נמסר גווארין למטה צו די ישראל אונ פון דעם פסוק לערינט מען עש אפ עש שטייט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני יי והתקדשתם איז איינס והייתם קדושים איז צוויי כי קדוש אני יי איז דריי ער זאגט ווייטר גרוישע סודות אונ זאגט דעם סוד פון ברכו את יי אונ דרום טאר מען דעם חבר ניט געבין קיין שלום פר דעם דאוונן דען ער ציהט אויף זיך דעם כח הטומאה וואררום איין מענטש גהער פריער אויף זיך מושך זיין דיא שכינה ׃ זאגט דאש קינד איצונד זעה איך אז דער כח פון דיין האנט איז שלאף צו שלאגין מיט איין שווערד אונ מיט איין שפיז איצונד איז ניט די צייט צו ווארטין נאר צו שלאגין מיט דעם שליידער איין שטיין נאך דעם אנדערן דאש זיינן גרוישע סודות ׃ האבן זיך רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ מיט דר גאנצר חברייא זייער גיפרייט אונ דאש קינד זאגט ווידער גרויסע סודות אויף דעם פסוק שחורה אני ונאוה זיינן גיקומען די חברייא אונ האבן אים גיקושט זאגט רבי אלעזר ווען יחזקאל הנביא וואלט דאש גיזאגט וואלט עש גיוועזן אוואונדר אויף דר וועלט האט אים רבי אלעזר גינומען אונ האט אים נאך איין מאל גקושט זאגט דאש קינד איך וויל בענטשין זאגין זיי בענטש אונ צו דיר איז שיין דו זאלשט בענטשין זאגט ער כמה אותות קדושים כמה ברכות איז צו אייך אן גיברייט ווייל איר האט ניט פאר מיטין פון מיר דאש בענטשין ׃ ער הייבט אן צו זאגן עש שטייט מונע בר יקבוהו לאום וברכות לראש משביר דר פסוק גייט אויף תורה אזו ווי דר פשוטר פשט אבר מיר האבן גילערינט איטליכר מענטש וואש מחוייב איז בענטשין אונ ווער עש קען אליין ניט בענטשין זאל זיין ווייב אדער זיינע קינדער בענטשין ׃ אונ מיר האבין גילערינט עש זאל קומען איין קללה אויף דעם מענטשין וואש ער דארף אז זיין ווייב אונ קינדער זאלן פאר אים בענטשין אונ אפילו ער קאן אליין דאש טאן איז ער מחוייב גיוואונן זיין קינד דער מיט אים צו געבן איין כוס של ברכה צו בענטשין אונ ווער

עש פר מייד פון זיין קינד ער גוואונט אים ניט מיט מצות ווערט ער פאר פלוכט פון הקב"ה ושכינתיה וואש זיא הייסט אם הבנים ווייל ער האט אים פאר מיטן צו בענטשין צו המלך הקדוש דאש קינד זאגט איך בין איין בן יחיד ביי מיין מוטער גיט מיר דעם כוס של ברכה וועל איך בענטשין להקב"ה המלך הקדוש וואש ער האט אייך גימאכט טרעפין אין מיין מוטערש הויז אזעלכע אנשים יראי אלהים גאנץ גרוישע לייט וואש איך האב פאר זייא גירעט דברים חזקים שטארק היילינע רייד אונ האב דאש זוכה גוועזן דרום וויל איך בענטשין · נאר פריער וועל איך פר ענטפערן דעם פסוק מונע בר אזו ווי עש דארף צו זיין האט ער אויף אים גיזאגט גרוישע סודות מכאן ואילך פון היינט אן אונ ווייטער איך חברייא ברייט אייך אן וועלין מיר בענטשין קאבן זייא אים גיגעבן דעם כוס של ברכה אונ האט גיבענטשט · זיינן די גאנצע חברייא גוועזן זייער בשמחה ובחדוה דען פון דר חתונה פון רבי אלעזר איז ניט גיוועזן אזוא איין שמחה צווישין דער חברייא אזו ווי דעם טאג אונ זיי האבן גיבענטשט דעם ינוקא מיט גרוים שמחה וברצון הלב · זאגט דר ינוקא איר זאלט זיך ניט אפ שיידין פון מיר נייערט מיט דברי תורה אונ אזו האבן מיר גלערינט עש שטייט ביי' הולך לפניהם יומם וגו' אונ זאגט ווייטר גרוישע סודות האבין זיי אים גיקושט אונ האבין אים גבענטשט אונ זיינן אוועק גגאנגן זייער וועג דער נאך זיינן זיי גקומן פר רבי שמעון אונ האבין אים דר צייל‍ט די גאנצע זאך האט ער זיך זייער פר וואונדרט אונ זאגט דיא זאך איז זייער גוט נאר ער וועט ניט לאנג לעבן ער וועט ניט מפורסם ווערן מיט זיין נאמן ווארום איין קליין שטיקל האלין וואש ברענט אין אים דאש פייער זייער שטארק ווערט עש גיך פר ברענט אונ גייט באלד אויש אונ ווידר איך האב דאך אייך גזאגט פון וואנען דאש ליכט קומט ארויש רבי שמעון הויבט אן אונ זאגט עם שטייט גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך וועלכער מענטש איז איין גבור בארץ דר וואש איז איין גבור בתורה אונ איין גבור ביצרו דער הייסט איין גבור בארץ עש גייט ארויף זיין ליכט אונ עש ציהט זיך פון אים ארויש איין גרויש ציהונג מיט ליכטיקייט דען את דור ישרים יבורך זאגט רבי אבא מיר זעהען

דאך אז קליינע קינדר זאגן איין מאל דברים עליונים גאנץ הויכע זאכן אונ דר נאך בלייבן זיי ראשים אויף דר וועלט אונ זיינן מאריך ימים זאגט רבי שמעון אזו איין קינד וואש ער זאגט איין זאך אדער צוויי אן כוונה זאל מען מובטח זיין אין אים אז ער וועט זוכה זיין צו לערנן תורה צו די ישראל · אבר אזעלכר וואש זיין ליכט שטייט שוין אין איין רעכטן שטאנד מיט איין דעה שלמה מיט כוונה דר איז ניט אזו ווי יענר ער קאן ניט מאריך ימים זיין · אונ ווידער הקב"ה האט לוסט צו שמעקן אזו איין עפיל נעמט ער אים צוא זיך פיל זוכה איז זיין חלק מיט איינר חלק איר צדיקים דאש אויף אייך האט דר פסוק גיזאגט ויספה פליטת בית יהודה הנשארה שורש למטה ועשה פרי למעלה שורש למטה מיינט מען זיין פאטער וואש ער איז שוין אוועק גגאנגן פון דר וועלט איז ער שורש למטה אין דר ישיבה פון מט"ט וואש זיא הייסט מתיבתא דרקיע ועשה פרי למעלה מיינט מען די ישיבה פון הקב"ה וואש פר איין גוטקייט איז דר שורש אונ די פרי אונ ווען הקב"ה זאל צו זיי ניט האבן קיין לוסט לריח ניחוח פאר איין גישמאקין ריח וואלט קיין שום מקטרג ניט גיקאנט אויף זיי מקטרג זיין ער זאל זיי עפעס שלעכטין טאן נאר פון דעסט וועגין בעט איך אז עש זאל זיין דר ווילן פר הקב"ה אז זיין מוטר זאל אין אים קיין צער ניט האבין אונ עש איז אזו גיוועזן אזוא וויא רבי שמעון האט גיזאגט · וואול איז דר חלק פון די צדיקים ווייל זיי היטין דעם היילינן צייכן דרום זיינן זיי זוכה צו היילינע אונ גוטע קינדר אונ דורך זיי זיינען זיי זוכה לארץ עליונה אזו ווי עש שטייט ועמך כולם צדיקים וגו':

ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב זאגט רבי אליעזר פון וואנן קומט דר בלעם זאל דארטין זיין אונ ווער האט אים גיהרגת זאגט רבי יצחק פנחס מיט זיין חברייא האבן אים גיהרגת אזו ווי עש שטייט הרגו על חלליהם אונ ווען עש וואלט ניט גיוועזן דער ציץ הקודש אונ די תפלה פון פנחס וואלט מען אים ניט גיקענט מאכין אראפ פאלן דרום שטייט על חלליהם זיי זיינען אראפ גיפאלין אויף די חללים אויך שטייט ואת בלעם בן בעור הקוסם הרגו בחרב זאגט רבי אלעזר דאש ווייש איך אלץ וואול זאגט רבי שמעון מיין קינד רבי אלעזר די גאנצע מעשה פון בלעם האבן די חברייא זייער

זיך מפורש גיוועזן עש שטייט ולא קם נביא עוד בישראל כמשה דאש הייסט נאר ביי די ישראל איז
ניט גיוועזן נאך אזו איין נביא וויא משה רבינו
אבער ביי די אומות העולם איז גיוועזן אזו איין
נביא וויא משה אונ דאש מיינט מען בלעם איז גוועזן
וואש זיין גלייכן איז ניט גוועזן אזו ווי משה רבינו
איז אין דר קדושה ניט גיוועזן זיין גלייכין בכל
ישראל ממילא אז בלעם איז גיוועזן אין אזו איין
הויכע מדריגה פון דר טומאה אונ אזו איין חכם
וואש ער האט זיך באריממט מיט זיין כח אונ האט
גיזאגט ואנכי אקרה כה איך וועל אויש רייסין דיא
קדושה וואש זיא הייסט כה וויא אזו האט מען
אים גקאנט הרגנן נאר אין דעם ספר פון שלמה
המלך שטייט אז עש איז פאר האנדין דרייא
סימנים · סימנין לעבירה ווען איינער איז איין בעל
עבירה איז איין סימן ירקון איז זיין פנים געל אונ
גרין · סימן לשטות ווען איינער איז איין שוטה
איז איין סימן מרבה דברים ער רעט פיל רייד
ווייזט דאש אז ער איז איין שוטה סימן לשאינו יודע
דער סימן אז ער ווייש נים אונ קען גאר ניט
התפארות אז ער באריממט זיך זייער אונ די אלע
דריי סימנים זיינן גיוועזן אין דעם רשע אויב דו
וועשט וועלין פרעגין עש שטייט דאך יהללך זר
איין פרעמדער זאל דיך לויבין ולא אונ אז איין
פרעמדר לויבט דיך ניט פיך זאלסטו דיך אליין
לויבין וואש דען זאגשטו ווער עש באריממט זיך
דר ווייש גאר ניט נאר עם איז ניט אזו דר פשט
פון דעם פסוק נאר דאש איז די רעכטע טייטש
יהללך זר אפרעמדר זאל דיך לויבין ולא אבר נאר
אז דו קומשט אין איין פרעמדר שטאט ארין
וואש מען קען דיך ניט זאג איך דיר פיך מעגשטו
זיך אליין לויבין היישט עפין אויף דיין מויל צו
ריידין דברי תורה אונ זאלסט מודיע זיין דברי
אמת אין דער תורה דען וועט דיין מויל מודיע
זיין וואש דו בישט ווארום דער עיקר דר קענט
מען דעם מענטשין פון זיין מויל אונ דער
בלעם האט גיגנבת די דעה פון מענטשין פון
גאר קליינע זאכין האט ער דר פון גמאכט גאנץ
גרוישע זאכין מיט פיל רייד אונ וואש ער האט
גזאגט איז אלץ גיוועזן מצד הטומאה ער האט
גיזאגט אמת נאר ער האט זיך באריממט בדרך
נסתר מען זאל מיינען אז דאש איז אלץ פון דר
קדושה ער האט גזאגט נאום שומע אמרי אל ויודע
דעת עליון ווער עש האט דאש גיהערט האט מען
גימיינט אז ער איז גרעסר פון אלע נביאים וואש
זיינען גיוועזן אויף דער וועלט אונ דאך איז דאס
אמת ווארום אין דר צד הטומאה איז ער גרעסר
גוועזן פון אלע דרום האט ער גזאגט שומע אמרי אל
דען ער האט זיך בהעפט אין דעם אל אחר וואס
עם שטייט כי לא תשתחוה לאל אחר אבר ביי הקב״ה
שטייט האל תמים דרכו הקב״ה ווערט אן גירופין
האל מיט איין ה״א אונ ער האט גזאגט אמרי אל
ויודע דעת עליון דאש איז דיא גאנץ אויבערשטע
מדריגה אין דר טומאה דאש איז דער רב תחובל
דר שיף מייסטר דארטין איז גיוועזן זיין מדריגה
אונ דר רשע האט סתם גזאגט ויודע דעת עליון מען
זאל מיינן חס ושלום אז דאש איז דעת הקדושה
אונ ער האט נאר גימיינט ער האט איין אחיזה
אין דער העכשטר מדריגה פון דער טומאה ער
האט אוועק גיגנבת דעם שכל פון מענטשין מיט
זיינע רייד מען האט איין טעות גהאט אין זיינע
רייד מען האט גימיינט אז ער זאגט דאש אלץ
אויף דר קדושה אויך האט ער גיזאגט אשר מחזה
שדי יחזה ווער עם האט דאש גיהערט האט ער
גימיינט אז ער זעהט אין אזו איין מדריגה וואס
קיין שום נביא האט דאש ניט גיזעהן אונ דער
אמת האט ער נאר גימיינט עש גייט ארויס איין
צווייג פון דיא צווייגין וואש דאש הייסט מחזה
דאש מיינט ער עז״א ועזא״ל וואש זייא זיינן נופל
וגלוי עינים די דאזיגע האט ער גיזעהן וואש זייא
זיינען ארויש גיקומן פון דער קדושה וואש זיא
היישט שדי זיי זיינן גשטראפט גיווארין האט
מען זיי אראפ גיווארפין פון דעם הימיל אזו וויא
מיר האבן אויבן גזאגט אזו וויא עם שטייט ויפול
מחזה אל מחזה נאר פון וואנן קומט בלעם אהער
אמער עם שטייט דאך ער האט גזאגט ועתה הנני
הולך לעמי ער איז דאך אוועק גיגאנגן פון מדין
אונ איז שוין דארטין ניט גיוועזן וויא אזו האבן
זיי אים דארטין גיהרגת נאר וויא דר רשע האט
גיזעהן אז דורך זיין עצה זיינן פון די ישראל
גיפאלן פיר אונ צוואנציג טויזינט האט ער שוין
ניט גיוואלט אוועק גיין. ער האט זיך פר זאכט
אונ האט גימאנט מען זאל אים דר פר בצאלן
דר ווייל וויא ער האט גיווארט פון וועגין דעם
שכר איז גיקומן פנחס מיט זיין חיל וויא ער האט
זיי דר זעהן איז ער גפלויגין אין דר לופטין אזו
וויא זיינע צווייא זין יונים ויומברוס האבין גיטאן
בשעת מעשה העגל דאש זיי האבין מיט זייער

כישוף גימאכט דאש עגל אזו וויא עש שטייט ניפול בן הגם ביום ההוא כשלשת אלפי איש אזו וויא דריי טויזנט מענטשין איז דאך קשה עס איז דאך פר האנדן אין דר תורה גרעסרע השבונות שטייט ארויש מיט דער גאנצער צאל אונ דא שטייט ניט די גאנצע צאל נאר כשלשת אלפי איש אלא. דאש מיינט מען די צוויא זין פון בלעם וואש זיי זיינן גרויס גיוועזן אזו וויא דריי טויזנט מענטשין אונ דער בלעם האט וואול גוואוסט אלע מיני כישוף האט ער גינומן די חרשים מיט דעם כישוף וואש זיינע קינדר פלעגין טאן אונ איז גיפלויגן אין דר לופטן וויא פינחס האט דאס דער זעהען אז אמענטש שוועבט אין דר לופטן אונ ווערט אלע מאל פר הוילין ער ווערט ניט גיזעהען האט ער גישריען מיט איין קול צו זיין חיל אונ זאגט צו זיי אפשר איז פר האנדן אייגר צווישין איך וואש ווייסט צו פליהן נאך דעם רשע דען דאש איז בודאי דר בלעם פליהט אין דער לופטין איז דארטין גיוועזן איינר פון שבט דן ער האט גיהייסן צליה איז ער אויף גישטאנן אונ האט גינומען דעם כח וממשלה וואש איז שולט איבר אלע מיני כשפים אונ איז אים נאך גיפלויגין וויא דר רשע האט אים דר זעהן איז ער איבער גיפארין אויף אנאנדר וועג אונ האט גשפאלטין פינף אוירים אויף דעם וועג אונ איז פון אים פאר הוילין גיווארין אין דער צייט איז דער צליה גיוועזן מסובן אונ האט גיהאט גרויס צער ער האט ניט גיוואוסט וואש ער זאל טאן אזי האט פנחס אויף גיהויבין זיין קול אונ האט גישריען דו שאטין פון דעם נחש וואש ער הערשט איבער אלע נחשים פאר קער דיינע האר דא"ש היישט די כוחות פון דעם ס"ם ונח"ש וואש זיינען איבר אלע נחשים וואש זיי האבין פאר שטעלט צו בלעם מען זאל אים ניט זעהען אזו האט פנחס גישריען דער צל הקודש זאל מבטל זיין דעם צל הטומאה דורך צליה דאש דר רשע זאל ניט קענן ווערין פאר הוילין דרום פאר קער דיינע כוחות זאל בטל ווערין פאר אים פיד האט דער צליה דער זעהען אין וואסר אוועג ער איז' איז ער צו אים גיקומען האבין זייא ביידע אראפ גינידערט פאר פנחס' קום אונ זעה עש שטייט בייא דעם רשע ויהלך שפי דאש איז איין מדריגה עליונה איין נח"ש זכר איז ער. נאך גינאגגן אבער צליה האט גינומען דעם

כח פון איין נחש זכר ונקבה אונ מיט דעם האט ער שולט גיוועזן אויף אים דרום ווייל ער האט גינומען די מדריגה וואש איז אויף אים שולט דאש. איז שפי פון דעם האט ער מכניע גיוועזן דעם כח פון דעם נחש וואש בלעם האט גיהאט דרום שטייט יהי דן נחש עלי דרך דאש איז שמשון הגבור שפיפון עלי אורח דאש איז צליה וואס ער האט שולט גיוועזן אויף דעם וועג וואס בלעם הרשע האט זיך גימאכט וואש ער איז גיפלויגין אין דער לופטין הנושך עקבי סוס דאש איז עירה וואש ער איז גיוועזן מיט דוד המלך אונ ער האט גיוויזין פיל גבורות ער איז אויך גיוועזן פון שבט דן אויף אים שטייט ויעקר דוד את כל הרכב' ויפול רוכבו אחור דאס איז שריה וואס ער וועט קומן מיט משיח בן אפרים ער איז אויך פון שבט דן אונ אז ער וועט אויף שטיין אזו וועט מען האבין איין האפונג צו דער גאולה דרום זאגט ווייטער דער פסוק לישועתך קויתי יי' אונ אז בלעם האט אראפ גנידערט פר פינחס זאגט פינחס צו אים רשע כמה שלעכטע זאכין האשטו גיטאן אויף דעם היילגין פאלק זאגט פנחס צוא צליה זאיי אים ממית נאר ניט מיט דעם שם דען ער איז ניט ראוי מען זאל אויף אים דער מאנען דעם שם הקודש העליון כדי זיין נשמה זאל ניט ארויש גיין אונ נכלל ווערין במדריגת הקדושים אזו וועט אין אים מקוים ווערין וואש ער האט אויף זיך גיזאגט תמות נפשי מות ישרים באותו שעה האט ער אים אן גיטאן כמה מיני מיתות אונ ער איז דאך ניט גישטארבין ביז ער האט גנומען איין שווערד וואש דרויף איז גמאכט גיווארין איין נחש אויף דער זייט אונ איין נחש אויף דער אנדערר זייט ער זאגט מיט זיינעם זייא אים ממית אונ מיט זיינם איז ער גשטארבין דען ער האט אים אזו גהרגת אונ אזו איז דר סדר פון דעם צד הטומאה דר וואש גייט נאך מעשה טומאה אזו שטארבט ער דורך דעם אונ דר מיט גייט אים אויש זיין נשמה אונ אין דעם ווערט זיין נשמה נכלל אונ אזו איז בלעם אויך גישטארבין מען איז אים דן אויף יענער וועלט מיט גרוישע דינים אונ ער איז זיין טאג צו קבורה ניט גיקומן אונ זיינע ביינער זיינען אים פאר פוילט גיווארן אונ עס איז גיווארן פון זיי שלאנגען אפילו די ווערים וואס האבן גינעסן זיין פלייש זיינן אויך גווארין

שלאנגען · מכאן והלאה מיין זון אלעזר וואש
הקב"ה האט מיט אים גטאן זיינע גרויסע סודות
וואס מען קען ניט מגלה זיין נאר ווייל די חבריא
ווייזן דא וואש ווייסין גרוישע סודות האב איך
איך דאש מגלה גיוועזן אונ דאש איבעריגע איז
פון די סתומין פון די פאר בארגענע זאכין פון
דער וועלט אונ די לייט ווייסין נאר ניט דיא
נפלאות סתומים עליונים · אויף דעם רשע אונ
אויף זיין גלייכין איז גזאגט גיווארין ישם רשעים
יעקב זכאין זיינען דיא צדיקי אמת אויף זייא
שטייט גישריבין אך צדיקים יודו לשמך וגו' :

רבי אבא זאגט מיר האבין גילערינט אז איבר
עלף זאכין קומן נגעים אונ דאש זיינען די
עלף זאכן · עבודת כוכבים · קללות השם · גילוי
עריות · גניבה · לשון הרע · עדות שקר · המקלל
את הדיין · שבועת שוא · אונ ווער עש גייט
אויף דעם תחום פון זיין חבר · אונ ווער עש
טראכט שלעכץ אויף זיין חבר אונ ווער עש
מאכט קריג צווישין לייט · אונ אמייל זאגין
אויף עין הרע קומט אויך נגעים אונ דר זוהר
ברייננגט אויף אלע ראיות פון פסוקים · דער
פלשתי האט מקלל השם גיוועזן האט אים דוד
גיזאגט היום הזה יסגרך אזו וויא ביי נגעים שטייט
והסגיר הכהן אזו מיינט ער דא אויך נגעים · דר
פלשתי איז גיוועזן איין קרוב מיט דוד דען ער
איז גיוועזן דר זון פון ערפה אונ אז דר פלשתי
האט גישאלטין צוא דוד אזו וויא עש שטייט
ויקלל הפלשתי את דוד באלהיו האט אין אים דוד
גיקוקט מיט איין עין הרע אונ וויא דוד האט
גקוקט בעין הרע האט זיך דרויף גיצויגן צרעת
אזו אויך אז דוד האט גיקוקט אויף יואב בעין
הרע אזו וויא עש שטייט ולא יכרת מבית יואב זב
ומצורע אזו אויך בייא דעם פלשתי וויא באלד
דוד האט אויף אים אשלעכטן קוק גטאן שטייט
תיכף ותטבע האבן במצחו האט זיך בהעפט צרעת
אין זיין שטערין אונ דאש אויג פון בלעם איז
פאר קערט גיוועזן פון דעם אויג פון דוד דען
דאש אויג פון דוד איז גיוועבט גיוועזן מיט
אלערלייא גישטאלט עש איז אזו איין שיין אויג
ניט גיזעהן גיווארין אלערלייא גישטאלט פון דר
וועלט האט דרינען גיפינקילט אונ אלץ מיט
פיל רחמים צו דעם וואש איז גיוועזן איין ירא
שמים אזו וויא עש שטייט יראיך יראוני וישמחו
זייא פרייען זיך אז זייא זעהן מיך אונ אלע
רשעים האבין זיך דר פר גיפארכטין אבר דאש
אויג פון בלעם איז גיוועזן איין עין רעה צו אלע
וואו אהין ער האט אקוק גיטאן האט ער עש
פאר דארבין אזו וויא אפלאם פייער עש איז
נאך אזו אשלעכט אויג ניט גיוועזן אויף דער
גאנצער וועלט דר היפוך פון דוד המלך זאגט
רבי אבא בוודאי די אלע זאכין זיינען גיוועזן
בייא בלעם נאר גילוי עריות וואו גיפינען מיר
אלא עש שטייט הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם
למסר מעל בה' איז עבודת כוכבים אונ גילוי עריות
אויך עדות שקר דען ער האט גיזאגט ויודע דעת
עליון אונ ער האט אפילו ניט גיוואושט די דעה
פון זיין בהמה ער האט גישאלטן דעם דיין דען
ער האט גיזאגט לכה איעצך ער האט אפ גקערט
פון דעם דין אונ האט גירעט אויף זיי בייז ער
איז גיגאנגען אין תחום פון זיין חבר ער האט
גיזאגט ואעל פר ואיל במזבח אונ דאש האט צו אים
ניט גיהערט ער האט גימאכט קריג צווישן
אחים דאש זיינען ישראל מיט הקב"ה אונ עין
הרע איז אין דר גאנצר וועלט ניט גוועזן אזו ווי
זיינע ער האט מקלל השם גיוועזן ער האט
גזאגט ואנכי אקרה כה אונ אלץ איז אין אים גוועזן:

רבי יוסי הייבט אן אל תלחם לחם רע עין דאש איז
בלעם דר רע עין וואס ער האט גבענטשט
וואש הקב"ה האט ניט באגערט עש שטייט
ואל תתאו למטעמותיו דאש איז בלק דאס הקב"ה
האט ניט באגערט זיינע עולות קום אונ זעה
עש שטייט ויבא בלק וואש האט ער גיזעהן ער
האט גיזעהן מיט זיין חכמה אז ער מיט אלע
פינף מלכי מדין ווערין פאלין אין דער האנט
פון די ישראל דרום האט ער מקדים גיוועזן צו
בלעם וואס זיין כח איז גיוועזן מיט זיין מויל
אזו ווי די ישראל וואש זייער כח איז נאר מיט
דעם מויל אונ בלעם האט נאך דר צו גילוסט
מער פון בלק אונ די ידיעה וואש בלעם האט
גיוואוסט איז נאר גיוועזן ביי נאכט דען דר כח
פון דיא קליפות איז נאר בייא נאכט אין דעם
ערשטן משמר איז חמור נוער דרום האט ער גהאט
איין אייזיל ער זאל זיין מיט דעם אייזל בתחלת
הלילה אויב דו ווערסט פרעגין עס שטייט דאך
ויבא אלהים אל בלעם לילה עס איז גיוועזן זיין שר אזו
אויך שטייט ויבא אלהים אל לבן הארמי בחלום הלילה
מיינט מען אויך זיין שר דרום האט בלעם גיזאגט
צוא די שלוחים פון בלק לינו פה הלילה אז דער

מכונה איז גיקומען צו אים האט בלעם גרעט מיט אים זיינע רייד אזו האט גירוט אויף אים דר זעלביגר רוח אונ האט אים מודיע גיווען רוחך דעם אתון עס איז קשה אז ער האט אים שוין איין מאל גיזאגט לא תלך עמהם ווארום האט ער אים ווידר גפרעגט אלא מיר האבן גלערינט אויף דעם וועג וואס אמענטש וויל גיין פירט מען אים פון אויבן צום ערשטין האט השי"ת ניט גיהייסין ער זאל גיין אז ער האט גיזעהן אז דיין רצון איז יוא צוא גיין דרום זאגט ער אים קום לך אתם ואך את הדבר וגו' די דאזיגע נאכט האט בלעם גיטראכט וואו איז מיין כבוד אז איך מוז אן גיבונדין זיין אין אנדערין אונ איך קען ניט טאן מיין ווילן אונ אנאנצע נאכט האט ער גיקוקט אין זיינע כשפים אונ האט ניט גיפונען קיין שום צד אז ער זאל זיין אין זיין רשות גייערט מצד פון זיין אתון רבי יצחק זאגט צווישן די קליפות זיינען מצד ימין צעהן חמורים אונ מצד שמאל צעהען אתונות אונ דאש האט יוסף מרמז גיווען ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים וגו' אונ דאס איז וואס די תורה האט אן גיזאגט לא תחרוש בשור ובחמור יחדו מצד ימין איז דר נחש אונ מצד שמאל ווערט גיפונן דער אתון מיט קוסם קסמים זאגט בלעם כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל עש קען קיין שום כישוף אונ קיין שום קליפה אויף זיי ניט שולט זיין הן מצד ימין והן מצד שמאל ווארום יי' אלהיו עמו רבי יצחק מיט רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג פון טבריה קיין לוד זאגט רבי יצחק איך וואונדר מיך אויף בלעם הרשע דאס אלע זיינע מעשים וואש זיינען גיווען מצד דעם נחש הקדמוני דאש זיא איז דר עיקר כח הטומאה וואש ער איז מזוהם דרום אלע נחשים וכישוף פון דר וועלט ווערט אן גירופין בשם נחש ווייל אלע גייען פון איר ארויש אונ ווער עש ציעט זיך נאך נאך דעם ווערט ער טמא אונ ניט דאש אליין נאר ער מוז זיך אליין פריער מטמא זיין ווייל ער וויל אויף זיך מושך זיין די טומאה דען מיר האבין גילערינט תנא למהר מסייעין לו והבא לטמא פותחין לו ביא דר קדושה העלפט מען אים אונ מען זאגט ובחרת בחיים אונ ביא דער טומאה עפינט מען אים נאר אויף ער זאל אריין גיין דרום שטייט לא הלך כפעם בפעם לקראת נחשים דען נאר זיין כישוף איז אים נאר גיקומן פון דיא

נחשים זאגט רבי יוסי ווארום ווערט גיפונען אלע חרשים וקסמים ביא דיא נשים זאגט רבי יצחק אזוא האבין מיר גילערינט אז דער נחש הקדמוני האט גיווארפן איין זוהמא דאס הייסט אטומאה איז אין איר גיקומן מצד הנחש זאגט רבי יוסי עש איז בוודאי אזוא · זאגט רבי יצחק דיא אלע מעשים וואש בלעם האט גיוואוסט פון וועמען האט ער דאס גילערינט זאגט רבי יוסי זיין פאטער בעור האט אים אביסיל גילערינט נאר דר עיקר פון אלע מיני כשפים וחרשים האט ער דאש גילערינט פון די בני הררי קדם וואש זייא זיינן אין דעם לאנד קדם וואש דארטין זיינן די מלאכים עז"א ועזא"ל וואש הקב"ה האט זיי אראפ גיווארפן פון דעם הימיל זיי זיינן צו גיבונדין מיט אייזרנע קייטין זיי זיינן מודיע צו די מענטשן אלע מיני חרשים וכשפים וקסמים אונ פון זיי האט בלעם גיוואוסט אלע מיני כשפים אזו וויא עש שטייט מן ארם ינחני בלק מלך מואב מהררי קדם זאגט רבי יוסי דאס וואש דו זאגסט ווייל דר נחש האט אריין גיווארפן איין זוהמא נאר בשעת די ישראל זיינן גישטאנן אויף דעם בארג סיני האט זיך פון זיי אפ גטאן די זוהמא פון נחש אונ בשעת די ישראל האבן גיזינדיגט מיט דעם עגל האט זיך די זוהמא צו זיי ווידער אום גיקערט אזו וויא פריער דעסט גלייבן איין אשה אין־אירע אומריינע טעג איז זיא איין נדה דארף זיך איין מענטש פר איר היטן ווייל זיא איז בהעפט אין די טומאה אונ די זאך וואש זיא רירט אן ווערט דאש טמא אונ מכל שכן ווער עש בהעפט זיך אין איר חלילה · זכאין זיינן די ישראל וואש הקב"ה האט זיי גיגעבן די תורה אונ האט זייא אן גיזאגט ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב וגו' האט ער אים ווידר גיפרעגט ווער עש איז מסתכל אין די צפצופי עופות ווארום הייסט דאש איין ניחוש האט ער אים גיזאגט ווייל דאש קומט אויך פון דעם נחש ווארום דר רוח טומאה רועט אויף די עופות דרום איז דאש עוף מיט דעם צפצוף מודיע אלע זאכין אונ אלע רוחות הטומאה זיינן בהעפט אין נחש עס איז ניט פר האנדן קיין שום מענטש ער זאל פון אים ניצול ווערן ביז לעתיד לבא וועט הקב"ה מעביר זיין דעם רוח הטומאה מיט אלע רוחות רעות פון דר וועלט אזוא וויא עש שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ אמן :

אלה מסעי שלמה המלך זאגט אין משלי ראשית חכמה קנה חכמה דאש איז טייטש פאר דר חכמה פון דר תורה ועסטו קענען קויפין אלע חכמות דען דער וואס לערינט ניט קיין תורה אונ האט אין איר ניט גיזעהן די נסים ונפלאות וואש גאט האט גיטאן צו ישראל אין דר מדבר דער ווייסט ניט וואס גאט קען מאכין · אונ דר מענטש ועט ניט גלויבין אין די נסים פון גאט ער ועט זאגין די וועלט פירט זיך אליין · אונ גאט קאן זיא ניט פאר ענדערין צוא גוטין אדער צו בייזין · אונ ער ועט זאגין אלע נסים פון דער מדבר איז גישט דען דיא מדבר איז וויא אלע לענדער וואש וואקסט דרינען קארין אונ וויין דרום האט גאט אין דר סדרה בייא אננדער אן גישריבין אלע ערטער וואס ישראל האבין גיצויגין אין דר מדבר אונ לאזט אונז יוישין וואס פאר איין מדבר דאס איז גוועזן וואש אין אים איז גוועזן גראבע שלאנגן וויא באלקין אונ ברענגדיגע שלאנגען אונ עגדעשין אונ קיין וואשר איז אין אים ניט גיוועזן · אונ אטייל וואשר איז גיוועזן ביטער אונ אן וואשער איז ניט מיגליך צו לעבין אפילו איין טאג ובפרט אזוא איין גרויש פאלק מיט ווייבער אונ קינדער וואש זיינען גיוועזן פערציג יאר אין דער מדבר וואש קיין מענטש איז דארטין קיין מאל ניט גיוועזן דרום האט דיא תורה באשיידליך אן גישריבין איטליכש ארט אין דער מדבר מען זאל זעהען דיא נסים וואש גאט האט גיטאן · אונ נאך איין פשט איז דרום האט די תורה אן גישריבין דיא ערטער וואש ישראל האבין גיצויגין אין דער מדבר כדי די אומות זאלין ניט זאגין די ישראל זיינען גיוועזן אין דער מדבר וויא בעלי תשובות זיי האבין ניט גירועט איין נאכט אין דעם ארט וואו זייא האבין דיא אנדערע נאכט גירועט דרום זאגט אונז די תורה וויא פיל זיי האבין גיצויגין אין דיא פערציג יאר צווייא אונ פערציג מסעות אין דעם ערשטין יאר האבין זייא גיצויגין פערצעהען מסעות פון רעמסס קיין רתמה פון רתמה האט משה גישיקט מרגלים · אונ דרום האט דאש ארט גיהייסין רתמה ווייל די מרגלים האבין דארטין בייז גירעט אויף ארץ ישראל דען רתמה איז טייטש ברענעדיגע קוילין דען דר וואש רעט לשון הרע גיט מען אים אויף יענער וועלט עסין ברענעדיגע קוילין אונ אין דעם פערציגטין יאר האבין זיי גיצויגין נאך דעם טויט פון אהרן אכט מסעות פון הור ההר ביז ערבות מואב איז צווייא אונ צוואנציג מסעות אזו בלייבט איבער אויף אלע אכט אונ דרייסיג יאר צוואנציג מסעות אונ אין קדש זיינען זייא גיזעסין כסדר ניינצעהען יאר מיט פיל תענוגים אויך לאזט אונז דיא תורה וויסין דאש די ישראל זיינען ניט גיוועזן אין דער מדבר וויא פאר אירטע וואש ווייסין קיין וועג ניט אונ האבין ניט קיין רוא נייערט גאט האט זיי גיפירט בייא טאג מיט איין וואלקין צו ווייזין זייא דעם וועג אונ בייא נאכט מיט פייערגע זיילין צו לייכטין זיי · דיא חכמים זאגין עש איז איין משל איין מלך האט גיפירט זיין זון אין ווייט לאנד צו איין רופא צוא היילין אים אונ אז ער האט זיך מיט אים אום גיקערט זאגט דער מלך צו זיין זון אין דעם ארט האבין מיר גירועט אונ אין דעם ארט האבין מיר זיך גיקילט אונ אין דעם ארט האט דיר דער קאפ וויא גיטאן אזו האט גאט אויך אויש גירעכינט אלע ערטער וואס זיי האבין גיצויגין אין דיא פערציג יאר אונ זאגט אין דעם ארט האב איך אייך אזוא איין טובה גיטאן אונ אין דעם ארט האב איך אייך אזוא איין טובה גיטאן אונ די תורה ווייזט אונז אלע ערטער וואש דיא ישראל האבין גיהאט נסים אין דער מדבר אונ אזו אויך ועלין די ישראל זיין אין דער מדבר אין די טעג

פון

פון משיח אונ נאך ווערט זיי טאן די אלע נסים וואס ער האט זיי גיטאן אין ארויש גיין פון מצרים אונ נאך ווערט זייא שפייזן מיט גוטע שפייז אונ ווערט זייא פירן מיט איין וואלקין אונ מיט איין ליכט אזוא וויא ער האט גיטאן צו ישראל אין דער מדבר אזוא וויא אין פסוק שטייט והבאתי אתכם אל מדבר העמים איך וועל אייך ברייגגען אין דר מדבר פון די פעלקער אין די טעג אונ דרום שטייט אין דער סדרה צווייא מאל למוצאיהם צו ווייזן אויף דעם אויש ציהען פון מצרים אונ אויף דעם אויש ציהען פון דעם גלות אונ ווייל די מדבר האט מקבל גיוועזן די ישראל אונ עס איז זייא גוט גיגאנגען אין דער מדבר דער פאר ווערט נאך איין שכר באצאלין צו דער מדבר אין די טעג פון משיח דאס עס ווערט אין אים שיינע בוימער וואקסן אונ גוטע בשמים אזו וויא געגעלעך אונ שיינע רויזן אונ עס ווערט אין אים זיין שיינע פעלדער אונ וויין גערטנער מיט אלערליי פירות אונ בוים אייל אונ די מדבר ווערט ווערין איין וואונונג פאר לייט דען די מדבר איז אזו גרויש וויא אלע לענדער אונ פון דאנען לערנען מיר אפ ווען נאך ווערט איין גוטין שכר באצאלין צוא דער מדבר ווייל ער האט די ישראל גיהאלטין מכל שכן ווען איין בעל הבית האלט איין תלמיד חכם ביי זיך אין הויז אונ גיט אים בכבוד ווערט בוודאי נאך זיין שכר כפל כפלים בצאלין אונ אטייל חכמים זאגין דרום האט די תורה אן גישריבין די ערטער וואש גאט האט נסים גיטאן אין זייא צוא ישראל כדי ווען איינער פון ישראל ווערט אהין קומען זאל ער איין ברכה מאכין אויף די ערטער אונ זאל גאט לויבין אויף דיא נסים וואש גאט האט גיטאן צו ישראל דרום זיינן אלע ערטער מיט זייער נאמן ווארין אן גישריבין כדי מען זאל דער קענען די ערטער פון די נסים דרום זאל איטליכער ישראל לערנען

די נעמען פון די ערטער צו וויסן די ומצרים מקברים אונ די מצרים האבין בגראבין זייערע בכורים וואש גאט האט גיהרגת אין דיא דאזיגע נאכט פון פסח אונ אין זייערע אפ געטער האט גאט גיטאן איין משפט • דיא חכמים זאגין דיא תורה האט אונז דא אן גישריבין דעם פסוק דאש דיא מצרים האבין באגראבין זייערע בכורים האטשע עס גיהער אהער ניט • צו ווייזן אונז דאס גאט האט דער שלאגין זייערע אפ געטער אין דער נאכט וואס ער האט גיהרגת דיא בכורים אונ דיא מצרים האבין גיוויינט דיא גאנצע נאכט אויף זייערע בכורים אונ האבין ניט גיוואוסט דאש זייערע אפ געטר זיינען פאר דארבין גיווארין • אונ אין דער פריא זיינען זייא גיקומען אין זייערע תפלות צוא באגראבין זייערע בכורים אזוא וויא זייער סדר איז גיוועזן דאש זייא פלעגין באגראבין זייערע פגרים אין דיא תפלות אזוא האבין זייא גיזעהען דאס זייערע אפ געטער זיינען צוא בראכין אונ צוא שלאגין דען דער אפ גאט וואס איז גיוועזן פון זילבר אדער פון גאלד איז צו גאנגען אונ דר אפ גאט פון האלץ איז ווארין פאר פוילט אונ דער אפ גאט פון שטיין איז צו פאלין אויף שטיקער וימת שם אהרן בשנת הארבעים אונ אהרן איז גישטארבין אין דעם פערציגטין יאר אין פינפטין חודש דאש איז אב איין טאג אין חודש דיא חכמים זאגין וואריום זאגט דא דער פסוק אין וועלכין טאג אהרן איז גישטארבין ער האט גיזאלט אין פרשת חוקת שטעלין אין וועלכין טאג אהרן איז גישטארבין דען דארטין שטייט וויא אהרן איז גישטארבין אונ אויך גפינען מיר ניט ביא אונזערע עלטערין אברהם יצחק יעקב דיא תורה זאל אן שרייבין אין וואס פאר איין טאג זיי זיינען גישטארבין נאר דרום האט די תורה אן גישריבין דאש אהרן איז גישטארבין אין חודש אב איין טאג אין

חודש צו ווייזן דאש דרום איז גיקומען דר כנעני מלחמה האלטין מיט ישראל וייל ער האט גיזעהען דאש אין דעם חודש אב וועלין ישראל פיל צרות האבין ובפרט דיא וואלקין האבין זיך אפ גיטאן אז אהרן איז גישטארבן דרום האט דר כנעני זיך גיטראכט היינט וועל איך קענען מלחמה האלטין מיט ישראל דרום שטייט וימת בחודש החמישי אהרן איז גישטארבן אין חודש אב אונ עם שטייט דער בייא וישמע הכנעני דער כנעני האט גיהערט אז אהרן איז גישטארבין אין חודש אב דרום איז ער גיקומען מלחמה האלטין מיט ישראל ויחנו על הירדן אונ דיא ישראל האבין גירועט בייא דעם ירדן פון דעם ארט בית הישימות ביז אין דעם פלאץ שטים וואש אין ערבות מואב • פון דאנען קען מען וויסין וויא ווייט אונ ברייט דאס ארט איז גיוועזן וואו דיא ישראל האבין גירועט דען רבה בר בר חנה האט גיזאגט איך בין גיוועזן אויף דעם ארט האב איך גזעהן דאש איז גרוים דרייא מייל אזו וויים איך וואול דאש די ישראל האבין גירועט אויף איין פלאץ פון דרייא מייל זאת הארץ אשר תפול לכם בנחלה דאס איז דאס לאנד וואש עש וועט אייך פאלין פאר איין נחלה • דיא חכמים זאגין דער פסוק זאגט דאס לאנד וואס עש וועט אייך פאלין פאר איין נחלה איז דאש ראוי צו אייך אונ עש קומט אייך • עס איז איין משל איין מלך האט גיהאט קנעכט אונ דינסט מיידין אונ האט די קנעכט ווייבער גיגעבין פון פרעמדע לענדער אזו האט זיך דער מלך בטראכט אונ האט גיזאגט איך האב דאך אין מיין לאנד גינוג דינשט מיידין דרום וועל איך בעסער זיי געבין צו מיינע קנעכט פאר ווייבער אזו איך האט גאט גיזאגט ארץ ישראל איז מיין לאנד אזו וויא אין פסוק שטייט כי לי הארץ די ערד איז צוא מיר גאט אונ דיא ישראל זיינען מיין פאלק אונ מיינע קנעכט אזו וויא דר פסוק

זאגט כי לי בני ישראל עבדים צוא מיר זיינען די ישראל קנעכט דרום וועל איך בעסער געבין מיין לאנד צו מיינע קנעכט אונ צוא מיינע קינדער • אויך זאגין די חכמים אשר תפול לכם בנחלה איז טייטש גאט האט גימאכט אראפ פאלין פון דעם הימל די זיבין מלאכים וואס זיינען גיזעצט איבער דיא זיבין אומות פון ארץ ישראל אונ האט די מלאכים גיבונדין פאר משה אונ האט גיזאגט צו משה זעה זייא האבין קיין כח ניט דרום פארכט דיך ניט פאר דיא עובדי כוכבים דען זייערע מלאכים זיינן גיבונדין אלה שמות האנשים דאש זיינען די נעמן פון די מענטשין וואש זאלין אייך מאכין ארבין דאש לאנד איר זאלט אויש קלייבין פון איטליכין שבט איין נשיא ער זאל זעהען וויא פיל משפחות אין זיין שבט איז אונ אויב עס איז אין אים פיל משפחות דארף מען דעם שבט מער לאנד געבין אונ וויא דער נשיא וועט מאכין אזו וועט בלייבין • אונ דער פסוק זאגט דרום אלעזר פאר יהושע חאטשע יהושע וועט זיין אויף דעם ארט פון משה וייל יהושע וועט מוזין פרעגין צו אלעזר וויא מען זאל טאן • אונ דער פסוק זאגט צעהען נשיאים האטשע עש איז גיוועז צוועלף נשיאים וייל שבט ראובן אונ גד האבין זייער חלק לאנד גינומען אין חוצה לארץ • אונ מען קען פרעגין וואָרום שטייט ניט ביי דריי שבטים קיין נשיאים בייא יהודה אונ שמעון אונ בנימין • נאר בייא זיבין שבטים שטייט נשיאים • דער תירוץ איז ביי שבט יהודה שטייט ניט קיין נשיא וייל גאר דיא וועלט האבין גיוואושט דאש כלב איז זייער פרום דרום דארף אים דיא תורה ניט אן רופין נשיא דאש איז טייטש איין חשובר מאן • וייל מען האט גיוואושט דאש כלב איז איין חשובר מאן • אונ בייא שבט שמעון וייל די תורה ניט אן שרייבין נשיא וייל אנשיא פון שבט שמעון האט מזנה גיוען האטשע

דער

דער שלעכטר נשיא איז ווארין גיטייט דאך רופט ער שון אין דעם שבט קיין נשיא ניט אן · אונ ביא שבט בנימין שרייבט ער אויך קיין נשיא ניט אן וויל דער שבט מעט מזנה זיין ביא פלגש בגבעה · אונ אטייל חכמים זאגין דרום שרייבט דר פסוק ניט ביי בנימין קיין נשיא מען זאל ניט מיינן דאש ער איז גלייך צוא אנדרע נשיאים · אונ אין אמת איז ער חשובר גיוועין פון אנדרע נשיאים וויל ער איז גיוועין איין נביא · והקריתם לכם ערים ערי מקלט איר זאלט אייך אן בריימין שטעט עס זאל אהין אנטלויפין דער וואש וועט איין מענטשין הרגענען אום גערין אזוא וועט אים קיין מענטש דארטין ניט טארין טאן · אונ עש פלעגט אהין אנטלויפין איטליכער רוצח סייא ער האט במזיד גיהרגת אדער בשוגג · נאר דאש בית דין פון זיין שטאט האבין נאך אים גישיקט אונ האבין דיא זאך נאך גיקלערט · אויב ער האט גיהרגת במזיד האט מען אים גיהרגת · אונ אויב ער האט גיהרגת בשוגג האט מען אים צו ריק גשיקט אין ערי מקלט אריין אונ ער איז דארטין גיזעסין ביז דער כהן גדול איז גישטארבין אונ קיין מענטש האט אים ניט גיטארט אן רירין · דאש זאגט דוד המלך אין תהלים טוב וישר יי על כן יורה חטאים בדרך גאט איז גוט אונ רעכט פארטיג דרום ווייזט ער דעם מענטשין איין וועג וויא אזו ער זאל תשובה טאן · עד מות הכהן הגדול דער רוצח זאל זיצין אין ערי מקלט ביז דער כהן גדול וועט שטארבין · וויל דער כהן גדול מאכט דיא שכינה זאל רוען צווישין ישראל אונ דר רוצח וואש האט גיהרגת איין נפש מאכט ער די שכינה אפ טאן פון ישראל · דרום איז ניט רעכט ער זאל ארום גיין אויף דער וועלט וויל דער כהן גדול לעבט · אונ אויך האט דער כהן גידארפט תפלה טאן עס זאל אין זיינע צייטין זיך ניט טרעפין קיין רציחה · דרום מוז דר רוצח זיצין ביז דער כהן גדול שטארבט · אונ דר רוצח טוט תפלה דר כהן גדול זאל שטארבן אונ נאך איין פשט איז דרום האט ער גיווארט ביז דער כהן גדול איז גישטארבין כדי אז דיא קרובים פון דעם נהרג וועלין זעהען דאש דער כהן גדול איז גישטארבין · אזוא וועלין זיא זיך טרייסטין אונ וועלין זאגין דער כהן גדול איז גיוועזן איין חשובר מאן אונ איז דאך גישטארבין · דרום איז גישט קשה וואש אונזער קרוב איז גיהרגת גיווארין · אזוא וועלין זייא אפ טאן דיא שנאה וואש זייא האבין אויף דעם רוצח · אונ דיא מוטער פון דעם כהן גדול האט גיבראכט עסין צום רוצח כדי ער זאל ניט תפלה טאן דער כהן גדול זאל שטארבין · ישוב הרוצח אל ארץ אחוזתו אז דער כהן גדול וועט שטארבין זאל זיך דער רוצח ווידער אום קערין אהיים צו זיין ארב · רבי יהודה זאגט ער גייט ווידער צוא זיינע גיטער אונ פעלדער אונ ווייןגערטנער · אבער דאש שררה שאפט וואש ער האט פריער גיהאט גיט מען אים ניט · אונ רבי מאיר זאגט מען גיט אים זיין שררה שאפט אויך אפ · לא תקחו כופר לנפש רוצח איר זאלט קיין געלט ניט נעמען פון דעם רוצח פאר איין אויש לייזונג ווען ער איז חייב מיתה אדער ער איז חייב צוא אנטלויפין אין ערי מקלט · ווען דיא עבירה פון רציחה איז זייער גרויש · אזוא וויא מיר גיפינען ביא אחאב דאש ער איז גיוועזן איין גרוישער רשע דאך האט מען אין אים קיין גרעשערע עבירה ניט גיפונען פון רציחה וואש ער האט גיהייסין הרגענען צוא נבות האטש ער האט אים מיט זיינע הענט ניט גיהרגת נאר ער האט אים גיהייסין הרגענען דאך האט אים גאט דער פאר גיטייט · מכל שכן ווען איינער הרגת מיט זיינע הענט זיין חבר איז בוודאי זיין עבירה זייער גרוים

דרום זאל מען ביא אים ניט נעמען קיין געלט צוא אויש לייזין זיך · ולא תחניפו את הארץ איר זאלט ניט חנפען דעם וואש פאר גיסט בלוט · דיא חכמים זאגין דער מענטש וואש חנפת קומט אין גיהנם · אונ ווען איינער חנפת זיין חבר כדי ער זאל אים ערליך האלטין ווערט דער סוף זיין דאש ער ווערט פון אים איין גרויסין בזיון האבין · אונ דער וואש חנפת נעמט גאט זיין תפלה ניט אן · רבי אליעזר זאגט ווער עס חנפת זיין חבר דער פאלט לסוף אין זיינע הענט אונ ער חנפת אים ניט · אשר אני שוכן בתוכה גאט זאגט פירט ניט קיין חניפות וויל איך בין צווישין אייך · די ישראל זיינען גיליבט דאש אפילו ווען זייא זיינען טמא איז דאך דיא שכינה צווישין זייא · אזוא וויא אין פסוק שטייט השוכן אתם בתוך טומאותם גאט רוהט צווישין ישראל אפילו ווען זיי זיינען טמא · רבי נתן זאגט וואו ישראל זיינען איז דיא שכינה מיט זייא · זייא זיינען גיוועסין אין מצרים איז דיא שכינה מיט זייא גיוועזן · אין בבל איז דיא שכינה מיט זייא גיוועזן · איצונד איז אויך די שכינה מיט אונז · אונ ווען מיר וועלין זיך ווידער קערין קיין ירושלים ווערט דיא שכינה זיך מיט אונז אויך אום קערין · אזוא וויא אין פסוק שטייט ושב יי אלהיך גאט ווערט זיך אום קערין קיין ירושלים · עש זאל באלד זיין אין אונזערע צייטין

אמן וכן יהי רצון:

# הפטרת מסעי

שמעו דבר יי בית יעקב וכל משפחות בית ישראל זאגט דער נביא הערט צו דיא רייד פון גאט איר הויז גיזינט פון יעקב אונ איר אלע משפחות פון ישראל כה אמר יי אזו האט גאט גיזאגט וואש פר איין אום רעכט האבין אייערע עלטערין אין מיר גיפונען וואש זייא האבין זיך דער ווייטערט פון מיר צו דינען פרעמדע אפ געטער · אונ איר האט ניט גיזאגט וואו איז דער גאט וואש האט אונז אויש גיצויגן פון מצרים אונ האט אונז גיפירט אין דער מדבר אין זייער איין ווישט ארט וואש האט דרינען גאר נישט גיוואקסין · אין אזוא איין ארט וואש קיין מענטש איז דארטין קיין מאל ניט גיוועזן · אונ איך האב אייך מיט גיבראכט קיין ארץ ישראל אין איין לאנד וואש זיינען דרינען דא גוטע פירות · אונ איר האט דאש לאנד פאר אום ריינגט מיט עבודת כוכבים הכהנים לא אמרו איה יי דיא כהנים האבין ניט גיזאגט וואו איז גאט אונ דיא תלמידי חכמים האבין קיין תורה ניט גילערינט צוא ישראל · נאר זייא האבין פאלשע נביאים גיפאלגט וואש האבין פאלש נביאות גיזאגט צוא זייא דרום וועל איך אייך שטראפין דורך רעכטע נביאים דאש איר זאלט פרום זיין איידער איך וועל אייך פאר טרייבין אונ אייערע קינדער וועל איך אויך שטראפין כי עברו איי כתיים וראו דען פארט איבער צוא דיא אינזלען פון דיא כתים ווערט איר וועהען דאש זייא דינען צוא וואשער אונ דיא טאטערין דינען צוא פייער אונ תאמשע זייא ווייסין דאש וואשער פאר לעשט פייער דאך האלטין זייא זייער אפ גאט אונ פאר ביטין זיא ניט ההימיר גוי אלהים והמה לא אלהים פאר ביטין דען איין פאלק זיין גאט וואש ער איז קיין גאט ניט אונ קען ניט העלפין אונ ישראל האבין מיך גאט פאר ביטין אויף אזוא איין גאט וואש קען זייא ניט העלפין שומו שמים על זאת עש איז רעכט דיא הימלען זאלין חרוב ווערין פון וועגין אייער בייז וואש איר טוט כי שתים רעות עשה עמי דען צוויא ערלייא בייז האט מיין פאלק ישראל גיטאן דען ווען זייא זאלין מיך פאר ביטין אויף אזוא איין גאט וויא איך וואלט איין בייז גיוועזן ווארום זאלט איר פאר ביטין אייער גאט אבער היינט האבין זייא נאך איין בייז גיטאן זייא האבין מיך פאר לאזט וואש איך בין אזוא וויא איין קוואל פון קוועלינדיגע וואשער וואש טוט אייביג ניט אויף הערין אונ האבין זיך אויש גיהאקט צוא בראכענע גריבער וואש קיין וואשער קען זיך אין זייא ניט איין האלטין דאש איז זייער עבודת כוכבים העבד ישראל אם יליד בית גאט

אונם איז דען דער ישראל גלייך צוא איין
קנעכט וואש איז ווארין גיבארין פון איין
שפחה אמער דער ישראל ווערט דאך גירופין
בני בכורי מיין עלצטער זון אונ ווארום איז ער
גיווארין אזוא פאר שעמט אונ נידעריג עלי
ישאגו כפירים דאש דיא אומות וואש זיינען
שטארק אזוא וויא דיא לייבין טוען אויף אים
שרייען אונ האבין פאר וויסט זיין לאנד אונ
האבין צוא שטוריז זיינע שטעט דאש קיין
מאן זיצט ניט אין זייא גם בני נוף ותחפנחס דיא
צווייא שטעט נוף והתחפנחס וואש זיינען אין
לאנד מצרים וואש איר האט זיך פאר לאזט
אויף זייא דאש זייא וועלין אייך העלפין דיא
וועלין דיר דיין קאפ צוא שטויסין הלא זאת
תעשה לך פאר וואר דאש בייז ווערט דיר מאכין
דאש וואש דוא האשט פאר לאזט גאט דיין
גאט וואש לערינט דיך צוא גיין אין רעכטין
וועג · ועתה מה לך לדרך מצרים אונ איצונד וואש
האסטו צוא גיין אויף דעם וועג פון מצרים
צוא טרינקען דיא וואשער פון דעם טייך
נילוס אונ דוא ווילשט דאש מצרים זאלין
דיר העלפין אונ דער מלך אשור זאל דיר
אויך העלפין אמער זייא בעסער פרום ווערט
דיר גאט העלפין תיסרך רעתך דיינע בייזע
מעשים וועלין דיך שטראפין דען עש ווערט
אויף דיר קומען בייז פון וועגין דיינע בייזע
מעשים אונ וויישׂ אונ זעה דאש עש איז
ביטער וואש דוא האשט פאר לאזט גאט
אונ דוא האשט מיין מורא ניט בייא דיר
אין הארצין צוא מורא האבין פאר מיר אזוא
זאגט גאט כי מעולם שברתי עולך דען איך האב
פון אייביג צוא בראכין דיין יאך אונ האב
צוא ריסין דיינע בינד ריטען וואש דוא בישט
גיוועזן גיבונדין בייא דיא עובדי כוכבים ותאמרי
לא אעבור אונ דוא האשט גיזאגט דוא ווערשט
שוין זיין פרום אונ דוא ווערשט שוין מער
ניט עובר זיין אויף דיא רייד פון גאט אבער
דוא האשט דיינע רייד ניט גיהאלטין ווייערט
אויף איטליכין הויכין בארג אונ אונטער
איטליכין צווייגענדיגין בוים האשטו גידינט
עבודת כוכבים ואנכי נטעתיך שורק כולה זרע אמת
איך האב דיך גיפלאנצט פון איין גוטער
צווייג דאש דוא קומשט ארויש פון גוטע
עלטערין פון אברהם יצחק ויעקב · אדער

איך האב דיר גיגעבין מער מצות פון דיא
זיבין מצות פון דיא בני נח אזוא פיל וויא
שורק באטרעפט דאש איז זעקס הונדערט
מיט זעקס אונ דיא זיבין מצות פון דיא בני
נח איז סך הכל זעקס הונדערט אונ דרייצעהן
מצות אונ איר האט אפ גיקערט פון מיר אונ
זייט גלייך גיווארין וויא איין שלעכטער וויין
שמאק האט שטייט אין וואלד · כי אם תכבסי
בנתר דען ווען דוא ווערשט דיך וואשין מיט
קרייד אונ ווערשט דיר מערין זייף כלומר ווען
אפילו דוא ווערשט תשובה טאן איז דאך
דער פלעק פון דיין זינד גיצייכינט פאר מיר
אזוא זאגט גאט · איך תאמרי לא נטמאתי וויא
קענשטו ישראל זאגין איך בין ניט טמא
גיווארין איך האב קיין עבודת כוכבים ניט
גידינט זעה דיין וועג וואש דוא האשט גיטאן
אנטקעגין דער אפ גאט בית פעור וואש דוא
האשט דארטין עבודת כוכבים גידינט אונ
האסט מזנה גיוועזן אונ ביז אהער גיישטו נאך
אין יענעם וועג אזוא וויא איין יונג קעמיל
וואש טוט אן קניפין אירע יונגע וועגין אין
איר הארצין אונ עש איז שווער זיא אפ צוא
גיוואנען פון אירע וועגין אזוא זייט איר
ישראל פרה למוד מדבר דוא ישראל בישט
גלייך וויא איין מויל איזיל וואש איז גיוואנט
צוא גיין אין דער מדבר דאש מיט דעם
גילושטין פון איר לייב שלינגט זיא איין אין
זיך דעם ווינט אזוא וויא איין שלאנג אונ
האטשע עש קומט איר דער פון גאר ניט
ארויש דאך קען מען זיא דער פון ניט אום
קערין אזוא קען מען אייך ניט אום קערין פון
אייערע בייזע וועגין כל מבקשיה לא ייעפו אלע
דיא וואש זוכין זיא צוא חאפין טוען זיך ניט
מיען ווארום עש איז אום זיסט זייא וועלין
זיא ניט האפין בחדשה ימצאונה אין איר
חודש ווערט ער זיא גיפינען דען עש איז פאר
האנדין איין חודש וואש זיא שלאפט דעם
גאנצין חודש דענשט מאל קען מען זיא חאפין
אזוא איז אויך צוא ישראל ווארין אן גיברייט
איין חודש דאש איז אב וואש איר ווערט אין
אים גיפאנגען ווערין כנפי בגליך מיתי מיינע
נביאים האבין דיר גיזאגט דוא זאלשט ניט
דינען קיין עבודת כוכבים כדי דוא זאלשט
ניט דארפין גיין בארוועס אין גלות אונ

אלשט ניט שטארבין פאר דארשט אונ דוא האשט גיזאגט איך בין מיך מייאש פון דיא רייד פון דיא נביאים אונ וועל זייא ניט הערין ווארום איך האב ליב פרעמדע אפ געטער אונ נאך זייא וועל איך גיין כבושת גנב כי ימצא אזוא וויא איין גנב ווערט פאר שעמט אז מען גיפינט אים דאש ער האט דאש ערשטע מאל גיגנבת אונ מען האט אים בין אהער גיהאלטין פאר איין באגלייבטין מענטשין אזוא זיינען פאר שעמט גיווארין דיא ישראל מיט זייערע מלכים אונ שרים אונ כהנים אונ נביאים ווייל מען האט זייא פאר פרומ גיהאלטין אונ היינט האט מען גיפונען דאש זייא דינען עבודת כוכבים אומרים לעץ אבי אתה זייא זאגין צוא איין אפ גאט פון האלץ דוא בישט מיין פאטער אונ צוא איין אפ גאט פון שטיין זאגין זייא דוא בישט אונזער מוטער דוא האשט אונז גיוואונען אונ אז עש איז זייא שלעכט זאגין זייא צוא מיר שטייא אויף אונ העלף אונז ואיה אלהיך אשר עשית לך אונ וואו זיינען דיינע געטער וואש דוא האסט דיר גימאכט לאזין זייא אויף שטיין אויב זייא וועלין דיר קענען העלפין פון דיין שלעכטקייט כי מספר עריך היו אלהיך יהודה דען דוא יהודה האסט אזוא פיל עבודת כוכבים וויא פיל שטעט דוא האסט אין דיין לאנד אין איטליכער שטאט האסטו איין אנדער עבודת כוכבים · דער פסיקתא שרייבט פיר זיינען וואש הערין וואש מען זאגט אטייל הערין צו וואש מען זאגט זיי אונ האבין שאדין דער פון אזו וויא מיר גיפינען ביי אדם הראשון ער האט צו גיהערט וואש זיין ווייב האט אים גיזאגט אונ האט גיגעסין פון דעם עץ הדעת אונ האט שאדין גיהאט דער פון דאש ער האט גימוזט שטארבין · דאש אנדערע איז ער הערט צוא אונ האט ריוח אזו וויא מיר גיפינען ביא אברהם דאש גאט האט צו אים גיזאגט וואש שרה וועט דיר זאגין זאלשטו צו הערין אונ אברהם האט דער פאר שכר גיהאט וואש ער האט צו גיהערט זיין ווייב · דאש דריטע איז ער הערט ניט צוא אונ גיווינט דורך דעם

אזוא וויא מיר גיפינען ביא יוסף הצדיק דאש ער האט ניט גיוואלט צו הערין צו זיין הארינש ווייב צו זיין ביא איר אונ גאט האט אים דר פאר שכר גיגעבין · דאש פערטע איז ער הערט ניט צו אונ האט שאדין דורך דעם אזו וויא ישראל וואש ווילין ניט צוא הערין וואש דיא נביאים זאגין זייא אונ גאט וועט זיי דער פאר שטראפין · כה אמר יי מה מצאו אבותיכם בי צ"ל רבי יצחק זאגט ווען מען לייגט אין שול אונ איין מענטש לאזט אוועק דאש לייגען אונ גייט אוועק פון דער שול אזוא זאגט גאט וואש פאר איין אום רעכט האט איר אין מיר גיפונען דאש איר האט איך אוועק גיקערט פון מיר דען עש איז איין גרוישע עבירה ארויש צוא גיין פון דער שול ווען דיא ספר תורה איז אפין · אונ דרייא זיינען גיוועזן אין דער צייט וואש האבין גישטראפט דיא ישראל ירמיה פלעגט זייא שטראפין אויף דיא גאסין אויפין באר · אונ צפניה פלעגט זיי שטראפין אין די שולין · אונ דיא נביאה חולדה פלעגט דיא ווייבער שטראפין אונ דאך זיינען ישראל ניט פרום גיווארין · דער מכילתא שרייבט גאט האט די ישראל גיפירט אין דער מדבר וואש ער איז אכט הונדערט מייל דיא לייגג אונ עש זיינען אין אים גרוישע שלאנגען אזוא וויא באלקינש אונ גאט האט אלע גיטייט פאר ישראל אונ איר האט דאש אלץ פאר געסין · עש איז דא איין שלאנג וואש הייסט עכם ווען ער דער זעהעט איין פויגיל פליהען אונטר דעם הימיל לאזט ער אים ארייין גיפט מיט דר ראיה אונ ער פאלט אראפ שטיקר ווייש · פון דאנן קען מען זעהן דעם חסד וואש גאט האט גטאן אין דר מדבר דאש ער האט גטייט די שלאנגן פאר ישראל רבי אבא זאגט איין מענטש איז איין מאל גיגאנגען אין ארץ ישראל אויף איין בארג האט ער דר זעהן אז איין שלאנג ליגט אונ שלאפט אונ פאר גרויש פחד זיינען אים דיא האר אויש גיקראכין אונ מען האט אים גירופין אויש גיפליקטער אלע זיינע טעג אונ ווען דער שלאנג וואלט אים דר זעהען וואלט דער מענטש שטיקער ווייס צוא פאלין ׃

סליק ספר במדבר

אלה מסעי בני ישראל רבי חזקיה זאגט עס שטייט
מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים הלא יי זו חטאנו
לו וגו' קום אונ זעה פון דר צייט אן וואש דאש
בית המקדש איז חרוב גיווארן זיינען די ברכות
ניט שורה אויף דער וועלט זיי זיינן פר מיטין
גיווארן כביכול מלמעלה ומלמטה אונ די מדריגות
התחתונים די קליפות האבין אשליטה אויף דר
וועלט דאש האבין די ישראל גורם גיוועז מיט
זייערע חטאים · אין דעם פסוק איז דאך קשה
פריער שטייט מי נתן למשסה יעקב איז משמע ווי
איינר פרעגט ווער האט דאס גיגעבין אז דיא
ישראל זאלן אזו גרויבט ווערן וויא אזו גשיקט
זיך ווייטר דער פסוק וואש ער זאגט הלא יי זו
חטאנו לו דאש האט הקב"ה געטאן ווייל מיר האבן
צו אים גיזינדיגט עש וואלט דאך גהערט צוא
שטיין חטאו לו זיי האבן צו אים גזינדיגט אונ אז
עש שטייט שוין מיר האבין צו אים גיזינדיגט
וואלט גדארפט שטיין ולא אבינו הלוך מיר האבן
ניט גיוואלט גיין אין זיינע וועגין נאך וואס
שטייט ולא אבו זיי האבין ניט גיוואלט גיין אין
זיינע וועגין נאר אזו איז דער פשט פון פסוק
ווארום אין דר צייט אן וואש דר בית המקדש
איז חרוב גיווארן אונ דר היכל איז פר ברענט
גיווארין אין פייער אונ די ישראל זיינען פאר
טריבן גיווארין אין גלות אריין האט זיך דיא
שכינה גיוואלט נעקר ווערין פון איר ארט אונ
זיין מיט דיא ישראל אין גלות אריין האט זיא
גיזאגט איך וועל פריער גיין אין מיין הויז אונ
צו מיין היכל אונ וועל דארטין פוקד זיין מיין
ארט אונ דאס ארט פון די כהנים ולוים וואש
זיי האבן דארטן פריער גיזונגן אונ אז זיא איז
דארטן גיקומן האט זיא אן גיהויבן כביכול צוא
שרייען איז דאס קול גיהערט גיווארין למעלה
ולמטה אזו וויא עש שטייט קול ברמה נשמע נהי
בכי תמרורים רחל מבכה על בניה דאש מיינט מען די
שכינה האט כביכול גיוויינט אויף אירע קינדער
דר נאך אז זיא איז גיגאנגן מיט די ישראל אין
גלות בבל אריין אונ האט גיזעהן זייער גרויש
דוחק וצער ווי די אנשי בבל האבין זייא אין
גלות גיטראטן מיט זייערע פים האט די שכינה
גזאגט דעם פסוק מי נתן למשסה יעקב וישראל ווער
האט דאש גימאכט אז מען זאל זיי רויבין אונ
טרעטן האבן די ישראל גיענטפרט הלא יי זו חטאנו
לו דאס האט הקב"ה גיטאן וואש מיר האבן צו

אים גיזינדיגט האט זיא צו זיי ווידר גיזאגט לא
אבו בדרכיו הלוך וואלט איר אבר גיוועז גיהיט די
תורה וואלט איר ניט פאר טריבן גיווארין אין
גלות אריין אונ בשעת דיא גאולה וועט זיין וועט
דיא שכינה אין ערשטין ארויש גיין אונ וועט
גיין אין בית המקדש אריין דען דאש בית
המקדש וועט פריער גיבויט ווערן פאר קיבוץ
גליות אזו וויא עש שטייט פריער בונה ירושלים
יי דר נאך שטייט ערשט נדחי ישראל יכנס אונ אז
הקב"ה וועט זאגן צו די ישראל התנערי מעפר קומי
טרייסיל זיך אפ פון דר ערד אונ שטיי אויף
וועט די כנסת ישראל זאגין וואו אהין זאל איך
גיין דען מיין הויז איז חרוב גיווארין מיין היכל
איז פר ברענט גיווארין אין פייער וועט הקב"ה
צוא איר זאגין שובי ירושלים קער זיך אום קיין
ירושלים ווארום זיא איז שוין גיבויט גיווארין
אונ מען האט שוין אלץ צו דיר אן גברייט דר
נאך וועלין זיך ערשט איין זאמלען אלע נדחי
ישראל וואש זיינן פר שטויסן גיווארין אין פרמדע
לענדר אין דער צייט וועט מקוים ווערין וואש
ווייטער שטייט הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם
דאס הייסט תחיית המתים אויך שטייט ואת רוחי
אתן וגו' רבי שמעון איז גיגאנגען אין וועג אונ
מיט אים איז גיוועז זיין זון רבי אלעזר אונ
רבי יוסי מיט רבי חייא זאגט רבי אלעזר צוא
זיין פאטער דר וועג איז פר אונז אן גיברייט
מיר וועלין הערין דברי תורה הויבט אן רבי
שמעון צו זאגין עש שטייט אין קהלת גם בדרך
כשהסכל הולך לבו חסר ואמר לכל סכל הוא ווען איין
מענטש וויל זיין וועג אן ריכטין פאר הקב"ה
זאל ער זיך מתייעץ זיין אונ זאל מתפלל זיין
להקב"ה אזו ווי עש שטייט צדק לפניו יהלך וישם
לדרך פעמיו אונ אז ער טוט אזו ווערט די שכינה
פון אים ניט אפ גישייד אבער ווער עס האט
ניט קיין רעכט אמונה אין הקב"ה דר טוט ניט
אזו אויף אים זאגט דר פסוק וגם בדרך כשהסכל
הולך לבו חסר אין וואש פר איין וועג דר נאר גייט
איז ביא אים גימינערט דאש הארץ ווער איז
דאש הארץ פון דיא ישראל דאש איז הקב"ה
וואס ער הייסט דאס הארץ פון די ישראל אזו
וויא עש שטייט יי חלקי צור לבבי לעולם די שכינה
איז ביי אים חסר ווייל ער האט זיך מיט איר
ניט מתייעץ גיוועז איידר ער איז ארויס גיגאנגן
אין וועג אריין אונ בשעת ער גייט אין וועג

לערנט ער קיין תורה אויך ניט דרום גייט אים אפ דאס הארץ דאס הייסט הקב"ה איז ווייט פון אים. אונ ווען אפילו ער הערט פון איין אנדערן דברי תורה קען ער ניט פר נעמען אונ לאכט דר פון אונ זאגט עס איז איין נארשקייט צו לערנן תורה ואמר לכל סכל הוא ער זאגט עס איז אלץ נארעשקייט אזו וויא איין מאל האט איינר גיפרעגט אויף דער מצוה פון מילה אונ זאגט דאש איז ניט קיין רעכטע מצוה עש גהער דאך ניט אן מיט דער אמונה · האט רבי ייסא סבא דאש דר הערט האט ער אויף אים אקוק גטאן מיט זיינע אויגן איז פון אים תיכף גיווארן איין הויפין מיט ביינער אבר אונז איז דער וועג אן גיברייט מיט דר הילף פון הקב"ה דרום וועלין מיר זאגין דברי תורה:

פתח ער הייבט אן אונ זאגט דוד המלך עליו השלום האט גזאגט הורני יי' דרכך אהלך באמתך יחד לבבי ליראה שמך איז דאך קשה וויא אזו האט דוד המלך גיבעטין צו הקב"ה ער זאל אים ווייזן דעם וועג פון יראת שמים ער זאל זיין איין צדיק אמער מיר האבין דאך גילערינט אז אלע זאכן פון דעם מענטשין זיינן אין די הענט פון הקב"ה חוץ פון דעם אז דר מענטש זאל זיין איין צדיק אדער איין רשע דאש איז ביא דעם מענטשן אין די הענט זאגט רבי שמעון דוד המלך האט אזו גיזאגט ווייז מיר דיין וועג אונ אנפלעק מיר נאר אים · איך זאל ווישין אז דאס איז דר גוטר וועג אונ וויא באלד דו וועשט מיר נאר עפענן מיינע אויגן איך זאל פאר שטיין דער נאך וועל איך שוין אליין גיין אין וועג פון יראת שמים אונ וועל שוין ניט אפ קערין לימין ושמאל יחד לבבי באהעפט אין מיר דאש הארץ איך זאל מיר פאר דיר פארכטין רעכט צו היטין מיינע וועגין אין דער יראה וואש איך בין אין איר בהעפט מכח מיין נשמה דרום שטייט יחד לבבי מיט צוויי ביתי"ן קום אונ זעה איטליכר מענטש וואש פארכט זיך פאר הקב"ה רוט אויף אים די קדושה אזו וויא עס דארף צו זיין אבר דר וואס האט ניט קיין יראה רוט אויף אים ניט די קדושה אונ ער האט ניט קיין חלק לעולם הבא נאך מער עש שטייט וארח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום וואול צו די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דאש הקב"ה בגערט אין זייער כבוד אונ האט צו זייא בהאלטין די ליכט וואש עש איז בשאפין גיווארין בששת ימי בראשית דרום שטייט הולך ואור עש גייט אויף אונ לייכט אונ עס ווערט דר פון ניט נחסר אבר ביי די רשעים שטייט דרך רשעים כאפלה לא ידעו במה יכשלו דיא רשעים גייען אויף דער וועלט אין קרומען וועג אונ באגערין ניט צו זעהען אז הקב"ה וועט אין זיי טאן איין משפט זייא וועלין גיין אין גיהנם אריין אונ וועלין שרייען וויי וויי וואס מיר האבין בעולם הזה ניט גנייגט אונזרע אויערן צו פאר נעמען מוסר אונ יראת הקב"ה אזו וועלן זיי אלע טאג שרייען אונ קיינער וועט זייא ניט קענען העלפין דען ווער עס גרייט זיך ניט אן בערב שבת עסין אויף שבת האט ער בשבת ניט צו עסין דען די וועלט הייסט ערב שבת אונ יענע וועלט הייסט שבת דרום האט הקב"ה אן גיברייט צו די צדיקים זייער שכר אויף יענער וועלט אונ זייא געבין אזו איין חלק וואש קיין שום אויג האט אין דעם קיין שליטה ניט אפילו קיין נביא האט ניט גיקאנט משיג זיין זייער שכר דרויף שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ אויף די רשעים שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' אויך שטייט ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם זייא וועלין זיין אזוא וויא אש אונטער די פיס פון דיא צדיקים מען זאל אויף זייא טרעטין וואול צו די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט אך צדיקים יודו לשמך וגו' אויך שטייט ועמך כלם צדיקים וגו' רבי חזקיה זאגט עס שטייט משא גיא חזיון וגו' קום אונ זעה די חבריא האבין גיזאגט בשעת חורבן בית המקדש זיינען אלע כהנים ארויף גיגאנגען אויף די דעכער אונ האבין גינומען די שליסל פון די טויערין פון דעם בית המקדש אונ האבין גיווארפין צו דעם הימיל אונ האבין גיזאגט ביז אהער זיינען מיר גיוועזן גבאים דריבר איצונד נעם דיר צו דיינש אבער קום אונ זעה די שכינה הייסט גיא חזיון דען דאש גאנצע נביאות פון די נביאים איז נאר גיוועזן פון איר דען די שכינה איז דאס ליכט וואס פון איר ווערין גזעהען אלע מאורות העליונים אונ אלע גשטאלט מה לך איפא כי עלית כולך לגגות דען אז דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין איז די שכינה גיקומען אויף אלע אירע ערטער וואש זיא איז גיוועזן צום ערשטין אונ האט גיוויינט אויף איר וואונונג וואש עש איז חרוב גיווארין אונ אויף דיא ישראל וואש

זיינען

זיינען גיגאנגען אין גלות אונ אויף אלע צדיקים
והחסידים וואש זיינען דארט פאר לארין גיווארן
אזו וויא דער פסוק זאגט קול ברמה נשמע נהי בכי
תמרורים רחל מבכה על בניה אונ מיט איר האבין
גיוויינט אלע חיילות ומרכבות זיא זאגט מיינע
קינדער זיינען אין גלות אונ דער בית המקדש
איז פאר ברענט גיווארן וואש זאל איך דא טאן
תשואות מלאה עיר הומיה קריה עליזה על כן אמרתי שעו
מני אמרר בבכי די שטאט איז פול מיט ברומונג
אונ ווישטונג דרום זאגט דער פסוק כה אמר יי
מנעי קולך מבכי פאר מייד דיין קול פון צוא וויינען
קום אונ זעה פון דעם טאג וואס דר בית המקדש
איז חרוב גיווארין איז ניט דא קיין טאג וואש
עש זאל ניט זיין דרינגען קיין קללות דען אז דר
בית המקדש איז גישטאנען האבין די ישראל
גיטאן דיא עבודה אונ מקריב גיוועזן קרבנות
האט זיך די שכינה פון זייא ניט אפ גיטאן וויא
איין מוטער הויערט אויף די קינדער דען זיינען
אלע עולמות דר לייכט גיווארין אונ עש זיינען
גיוועזן ברכות למעלה ולמטה אונ עש איז ניט
גיוועזן קיין טאג וואש עש איז ניט גיוועזן קיין
ברכות ושמחה אונ דיא ישראל זיינען גיזעסין
בטוח אונ די וועלט איז גשפייזט גיווארין פון
זייערט וועגין אונ היינט איז אליץ להיפוך ביז
הקב״ה וועט דיא כנסת ישראל אויף ריכטין
מעפר אונ וועט דיא וועלט משמח זיין מיט
אלימען אזו וויא דער פסוק זאגט והביאותים אל
הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי אונ אזו וויא אז זיי
זיינען גיגאנגען אין גלות שטייט בכה תבכה בלילה
אזו אז זייא וועלין דער לייזט ווערין שטייט
בבכי יבואו ובתחנונים אובילם אזו וויא פריער איז
גיוועזן מיט גיוויין אזו וועלין זייא דער נאך זיך
ווידער קערין מיט גיוויין פאר גרוייש שמחה:
רבי אבא הייבט אן ויקם יונה לברוח תרשישה מלפני
יי וויא צוא דעם וואש ער וויל זיך פאר
בארגין פאר הקב״ה וואש בייא אים שטייט הלא
את השמים ואת הארץ אני מלא נאום יי וויא אזו האט
יונה גיוואלט אנטלויפן פאר אים אלא עם שטייט
יונתי בחגוי הסלע יונתי דאש איז ישראל בחגוי הסלע
דאש איז ירושלים אזו וויא איין שטיין איז הויך
אונ שטארק אזו איז ירושלים העכר גיוועזן אונ
שטארקער גיוועזן פאר אלע בסתר המדרגה דאש
איז דאש בית המקדש דאס ארט פון קדשי
קדשים איז דאש הארץ פון דער גאנצער וועלט

אונ אזו וויא אין דעם הארצין איז דאש נפש
דאש חיות פון דעם גאנצין גוף אזו איז די שכינה
וואס זיא איז דאס חיות פון דער גאנצר וועלט
איז דארט גיוועזן בסתר המדרגה פאר בארגין
וויא איין אשה איז פאר בארגין אין איר הויז
אזו איז אויך די שכינה דארט אלץ גיוועזן אונ
אז כל ישראל זיינן דארט גיוועזן איז אלץ מתוקן
גיוועזן אונ כביכול דער כסא הכבוד איז גאנץ
גיוועזן אונ מיט זייערע עבירות האבין זייא
גישפאלטן אלע אוירים אונ זיא איז אויף גיגאנגן
למעלה דען דאש לאנד איז נאר מתוקן גיוועזן
צו די ישראל אליין אונ דרום אלע נביאים וואס
זיינען דענטסטמאל גיוועזן האבין זייא גינומען
די נבואה פון איר ארט דאש איז ארץ ישראל
אונ דרום איז יונה אנטלאפין גיווארין פון ארץ
ישראל קיין חוץ לארץ כדי די נבואה זאל אויף
אים ניט רוען אונ ער זאל ניט גיין בשליחות
הקב״ה קיין נינוה אויב דו וועסט פרעגן ווארום
האט זיך די נבואה בווייזן צו יחזקאל אויף דעם
נהר כבר דאש איז נאר גיוועזן לפי שעה פון
וועגין די ישראל אזו וויא עש שטייט אויבין
אין פרשת שמות אונ ווידער עש שטייט על
נהר כבר דאש איז טייטש איין טייך וואש ער
איז פריער גיוועזן פון די פיר טייכין וואס גייען
ארויש פון דעם גן עדן אונ פון דעם טאג אן
וואש די וועלט איז בשאפין גיווארין איז די
שכינה דארט אלע מאל אזו וויא דער פסוק
זאגט ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן ומשם יפרד
וגו׳ והנהר הרביעי הוא פרת אונ דער טייך איז
גיוועזן דער פרת:

רבי אלעזר ורבי יוסי זיינען גיזעסין איין נאכט
אונ האבין גילערינט אונ אז עש איז
גיקומען האלבע נאכט האט דער האן גיקריים
האבין זייא גימאכט די ברכה אשר נתן לשכוי בינה
וגו׳ זאגט רבי אלעזר איצונד איז דער זמן וואש
הקב״ה גייט אריין אין גן עדן ער זאל זיך
משתעשע זיין מיט די צדיקים זאגט רבי יוסי
נאך וואש איז ער זיך משתעשע ווייגט רבי
אלעזר אונ זאגט קום אונ זעה איצונד מאכט
הקב״ה ציטערין דרייא הונדערט מיט ניינציג
הימלען אזו וויא די צאל פון שמים אונ טרעט
אין זייא אונ וויינט אויף חורבן בית המקדש
אונ מאכט כביכול נידערין צוויי טרערין אין ים
הגדול אריין אונ דער מאנט זיך אין זיינע קינדר

פון דעם גיוויין דען די נאכט איז גיטיילט אויף דריי חלקים דען די נאכט ווערט תמיד גירעכינט צוועלף שעה חאטשע טבת איז זיא לייאנגער אונ תמוז איז זיא קירצר פון דעסט וועגין ווערט זיא תמיד גירעכינט גלייך: אונ די צוועלף שעה פון דער נאכט ווערט גיטיילט אויף דרייא חלקים אונ די חיילות פון די מלאכים הקדושים ווערין אויך גיטיילט אויף דריי חלקים איטליכר חלק זאגט אין איין חלק נאכט שירה׳ דאש ערשטע חיל זיינען ממונה אין די ערשטע פיר שעה צו לויבין זייער הערין וואש זאגין זייא ליי הארץ ומלואה וגו׳ כי הוא על ימים יסדה וגו׳ מי יעלה בהר יי נקי כפים ובר לבב ווארום זאגין זייא דאש ווייל אז די נאכט איז זיך מתפשט אויף דער וועלט איז די גאנצע וועלט טועם טעם מיתה אונ זייערע נשמות גייען ארויף אזו שטייען די מלאכים אונ זאגין מי יעלה בהר יי דאש איז למעלה דער הר הבית ומי יקום במקום קדשו דאס איז עזרת ישראל דען דא איז אלץ גיוועזן אין גישטאלט פון אויבין דען עש איז פאר האנדין אין איטליכין רקיע ממונים ושרים וואש זייא שטייען ווען דיא נשמות ווילין ארויף גיין אונ זיינען ניט ראוי אזו שטויסין די מלאכים זייא ארויש אזו גייען זיי שוועבין אויף דער וועלט אזו איז פאר האנדין כמה מלאכי חבלה וואש זייא נעמען זיי אונ זיינען צו זיי מודיע דברים שקרים אונ אמאל דברי אמת וואש עס וועט קומען לזמן קרוב אבר אז די נשמות הצדיקים גייען אונ שוועבין למעלה אזו עפינט מען זיי דיא טירין אונ זייא גייען אריין אין דעם ארט וואש הייסט הר יי אזו וויא עש איז דא גיוועזן פאר דעם בית המקדש דער הר הבית אונ פון דארט גייען זייא ארויף צוא דעם ארט וואש הייסט מקום קדשו דארט ווערין גיזעהען אלע נשמות פאר הקב״ה אזו וויא אונטין איז גיוועזן אין בית המקדש עזרת ישראל ובשעת אז דיא נשמות שטייען דארטין דען איז אן גיברייט דארט די שמחה פון הקב״ה מיט זייא אין דעם ארט וואו עש הייסט קודש קדשים אונ דארט זיינן גצייכינט אלע זייערע מעשים אונ זייערע זכיות׳ דאש אנדערע חיל איז ממונה אויף די אנדערע פיר שעה פון דר נאכט אונ זאגין ניט קיין שירה נייערט צוויי שעה דען ווערט האלבע נאכט אזו גייט הקב״ה אין גן עדן אריין אונ

די מלאכים זיינען די אבלי ציון וואש זיי וויינן אויף חורבן בית המקדש אז עס הויבין זיך אן די פיר שעה זאגין זיי על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון די האבין גיוויינט מיט די ישראל דען ווייל עש שטייט גם בכינו דאש איז טייטש מיר האבן אויך גיוויינט מיט די מלאכים אונ עש שטייט הן אראלם צעקו חוצה וואש איז טייטש חוצה דאש איז בבל דאס אלע מלאכים האבין זייא בלייט ביז בבל אונ האבן דארט גיוויינט מיט זיי זיי הייבין אן על נהרות בבל אונ לאזין אויש זכור יי לבני אדום את יום ירושלים דען טוט זיך הקב״ה מעורר זיין אין זיין מדריגה אונ טרעט אין הימל אזו ווערן דער ציטערט צוועלף טויזנט עולמות זייא שרייען אונ וויינען אזוא וויא דער פסוק זאגט יי ממרום ישאג שאוג ישאג על נוהו אונ ער דער מאנט זיך אין דיא ישראל אונ נידערט צווייא טרערין אין ים הגדול דען איז זיך מעורר איין פלאם פייער אונ איין ווינט פון צפון זייט טרעט אין דעם פלאם אונ גייט אונ שוועבט אויף דער וועלט באותו שעה גייט דער פלאם אונ שלאגט אין דעם פליגיל פון דעם האן אזו הייבט ער אן צוא קרייען אונ הקב״ה כביכול גייט אין גן עדן ער זאל זיך משתעשע זיין מיט די צדיקים בשעת הקב״ה גייט אין גן עדן אזו הייבין אן אלע בוימר אין גן עדן אונ אויך אלע נשמות הצדיקים צו זאגין שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וגו׳ מי הוא זה מלך הכבוד יי צבאות הוא מלך הכבוד סלה ובשעת אז די נשמות הצדיקים גייען ווידער אראפ אין זייער גוף אריין דען שטארקין זיך אין זייא אלע דיא מלאכים אונ זאגן הנה ברכו את יי כל עבדי יי העומדים בבית יי בלילות׳ דאש דריטע חיל איז ממונה אין די הינטערשטע פיר שעה פון דער נאכט ביז עש ווערט טאג זיי זיינען משבח צו זייער הערין אונ מיר האבין גילערינט אז עש ווערט טאג אזו זיינען די אלע כוכבים ומזלות אונ אלע מלאכים עליונים וואש זיינן שולט בייא טאג זיינן אלע משבח צו זייער הערין אונ זאגין שירה אזו וויא דער פסוק זאגט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים בשעת אז די זון קערט זיך אום אין איר גלגל הייבט זיא אן זינגן מיט אזים קול די דאזיגע שירה הודו ליי קראו בשמו וגו׳ זמרו לו וגו׳ שירו לו שיר חדש וגו׳ אונ די ישראל לויבין אויך צו השי״ת מיט איר אין איינעם אזו שטייט ייראוך עם

פסק · זאגט רבי אלעזר ווען דיא מענטשין זאלין ניט האבין קיין פאר שטאפטע הערצער אונ בלינדע אויגן וואלטן זיי ניט גקענט בשטיין איבער דעם זים קול פון דעם גלגל חמה בשעת זיא גייט אונ לויבט צו הקב"ה · וויא זיי שטועסן אזו דברי תורה איז דר וייל טאג גוואורן זיינן זייא אויף גישטאנגן אונ זיינן גיקומען פאר רבי שמעון · דאש איבעריגע שטייט אין פרשת ויקהל · רבי אלעזר איז גיגאנגן צוא זיין שווער רבי יוסי ברבי שמעון בן לקוניא וויא זיין שווער האט אים דער זעהן האט ער אים אן גיגרייט אשיין בעטיל מיט בעט גיוואנט זאגט זיין שווער צוצאים האמטו עפיס גיהערט פון דיין פאטער רבי שמעון אויף דעם פסוק וואש עס שטייט עשה יי' אשר זמם יגיי צ"ה מימי קדם זאגט רבי אלעזר די חבריא האבין דאך שוין גיזאגט אז בצע אמרתו איז טייטש ער האט צו ריסין זיין קלייד וואש דאש איז זיין כבוד אונ זיין עטרה אונ דאש איז זיין תיקון גוועזן אונ אז דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין האט ער דאש צוא ריסן · זאגט אים זיין שווער עש איז מיר קשה נאך וואש שטייט עשה יי' אשר זמם דאש איז דאך טייטש השי"ת האט גטאן וואש ער האט פריער גיטראכט וויא אזוא קען דאש קינד באשטיין אויף דעם וואש זיין פאטער דער מלך טראכט אויף אים שלעכץ נאך איידר ער זינדיגט זאגט רבי אלעזר עש איז איין משל צוא איין עשיר וואש ער האט איין טייערע אונ איין חשובי כלי האט ער זיך אלע טאג זייער גיפארכטין זיא זאל חלילה ניט צו בראכין ווערן האט דר עשיר אלע טאג אליין אויף איר אכטונג גיגעבן צוא גיוואר ווערן וואש עש טוט זיך מיט איר ווארום זיא איז ביי אים זייער חשוב גוועזן אמאל איז גיקומען זיין זון אונ האט אים זייער דער צערינט האט דער עשיר מחמת כעס גינומען די כלי אונ האט זיא צו בראכין דאש מיינט דער פסוק עשה יי' אשר זמם קום אונ זעה זינט דאס בית המקדש איז גיבויט גיווארן האט הקב"ה תמיד אין אים מסתכל גיוועזן ווארום ער איז ביי אים זייער חשוב גוועזן אונ האט זיך זייער גיפארכטין אז דיא ישראל זאלין חלילה ניט זינדיגין וועט איבער דעם דר בית המקדש חרוב ווערין אונ ווען ער איז גיקומען אין בית המקדש ארייין האט ער אן גיטאן דאש קלייד דר נאך אז די ישראל האבין גיזינדיגט אונ האבין דער צערינט פאר הקב"ה האט ער דעם בית המקדש חרוב גימאכט אונ האט צו ריסן דאש קלייד וואס ער איז גיגאנגן אן גיטאן דאש מיינט דער פסוק עשה יי' אשר זמם דאש דאזיגע וואש עס איז תמיד גיוועזן איין חשוב קלייד אונ איין עטרה אויף זיין קאפ האט ער דאש היינט צו ריסין אויף דר צייט שטייט ויקרא יי' אלהים צבאות לבכי ולמספד · הן אראלם צעקו חוצה איז כביכול גיוועזן אין עצבות פר הקב"ה פון אויסין ווייניג ניט פון איגעווייניג דאס איז נאר גיוועזן בשעת דאש בית המקדש איז חרוב גיווארן אבער איין אנדער מאל אלע דורות ווען עש ווערין פר לארן די רשעים וואס לייקענן אין אים איז ער זייער צו פרידן אזו וויא עס שטייט באבוד רשעים רנה אויב דו וועסט פרעגן מיר גיפינען דאך אז די רשעים ווערין פר לארין איז ניט פר האנדן קיין שמחה פאר הקב"ה דען דרום האט הקב"ה ניט גילאזין די מלאכים זאלין זאגין שירה בשעת קריעת ים סוף דרום שטייט ולא קרב זה אל זה נאר ווען זייער מאס איז שוין פר פול אונ עס קומט שוין די צייט וואש ער האט זיי אפ גיגעבן צו ווארטין טאמער וועלין זייא תשובה טאן אונ זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן דענסט מאל אז ער מאכט זיי פר לירין איז פר אים איין שמחה אבער אז ער שטראפט די רשעים פאר דער צייט איז פר אים ניט קיין שמחה פר האנדן אונ עש טוט אים זייער באנק אז זיי ווערין פר לארין אזו וויא עש שטייט כי לא שלם עון האמורי עד הנה דאך איז קשה אז עש איז נאך זייער צייט ניט גיוועזן טארום האט ער גיטאן אין זייא איין משפט נאר זייא האבין זיך אליין דאש גורם גיוועזן אונ השם יתברך טוט ניט אין זיי קיין משפט פר דר צייט נייערט אז זיי זיינען זיך משתף בייז טאן דרום האט הקב"ה גיטאן אין זיי איין משפט פר דר צייט אונ עס טוט אים דרויף באנק דרום האט הקב"ה ניט גיוואלט די מלאכים זאלין זאגין שירה בשעת קריעת ים סוף אזו אויך אין די טעג פון יהושפט שטייט הודו ליי' כי לעולם חסדו אונ עש שטייט ניט כי טוב ווייל זיי זיינן גישטראפט גיווארין פאר זייער צייט אבער אז הקב"ה ווארט זייא אצייט זייא זאלין תשובה טאן אונ זייא טוען ניט קיין תשובה דענסט מאל אז ער מאכט זיי פר לירין איז פאר אים איין שמחה הויך בשעת החרבן

בית המקדש שטייט ויקרא יי אלהים לבכי ולמספד חאטשע עס איז שוין געוועזן נאך דער צייט אונ זיי האבין קיין תשובה ניט געטאן האט ער זיך פארט ניט געפרייט אונ האט זיך מצער געוועזן אויף דעם פר לירונג פון די רשעי ישראל איבר דעם כבוד התורה מחמת זיי האבין די תורה מקבל געוועזן דרום איז ניט געוועזן קיין שמחה פר אים הן למעלה הן למטה:

רבי יצחק איז גיקומן צו איין בארג האט ער גיזעהען ווייא איין מענטש איז גישלאפין לעבין איין בוים וויא ער איז דארטין גיזעסין האט ער דר זעהן אז די ערד האט אן גיהויבין צו ציטערן אונ דר בוים איז צו בראכן גיווארין אונ איז אום גיפאלין אין איין גרוב פון ערד אונ די ערד איז ארויף אונ אראפ גיגאנגען מחמת דעם ציטערנעש האט זיך דער מענטש אויף גיחאפט אונ האט גישריען אנטקעגן רבי יצחק יודאי יודאי וויין אונ שרייא דען איצונד האט מען אויף דעם הימיל אויף גישטעלט איין ממונה ער זאל אין איך האבן איין שליטה ער איז אן גבֿרייט איך צו טאן פיל שלעכטץ אונ דאש ציטערנעש פון דר ערד איז נאר געוועזן פין אייערט וועגין דען תמיד ווען די ערד ציטערט איז נאר דרום ווייל מען שטעלט אויף איך איין ממונה ער זאל איך שלעכטץ טאן· האט זיך רבי יצחק זייער פרוואונדערט אונ איז דר שראקין גיווארין זאגט רבי יצחק עס שטייט תחת שלש רגזה ארץ פון דרייא זאכין וועגין קומט אויף דער ערד איין ציטערנעש איז איינש פון זיי תחת עבד כי ימליך אז מען מאכט איין נייעם ממונה אויף דעם ארט פין דעם האר אונ מען מאכט אים שולט זיין ומכל שכן אז מען מאכט אים אויף די ישראל חלילה ציטערט זייער די ערד:

רבי חמא איז גיגאנגן צו רבי אלעזר האט ער אים גיטראפין וויא ער איז גיזעסין אונ ער האלט דיא האנט אין מויל אונ איז געוועזן זייער טרויעריג פרעגט אים רבי חמא אין וואש איז דר האר עוסק זאגט ער איך בין עוסק אין דעם פסוק באור פני מלך חיים אז דער האר איז טרויעריג ומכל שכן אז ער טוט נאך וויינן אונ שרייען וואס טוען דעמאלט די קנעכט אזו וויא עס שטייט הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון חוצה הייסט ווייל דר האר איז אינווייניג אונ זיי זיינען אין דרויסין מלאכי שלום וואו איז דען פר

האנדרין מלאכים וואש זייא זיינען ניט קיין שלום זאגט ער צו אים מיר גיפינן אז עס איז אזו· קום אונ זעה עס איז פר האנדרין מלאכים ושרים פון דעם דין הקשה אונ עש איז פאר האנדרין שרים פון דין אליין אונ עש איז ניט קשה אונ עש איז פר האנדרין שרים וואש זיינן פון דין ורחמים אונ ווידער מלאכים פון כלו רחמים גאר אן דין די הייסין מלאכי שלום אויף די וואש זיינן למטה שטייט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם אויך שטייט ונמקו כל צבא השמים זאגט ער נאך דעם נאך אז דיא ממונים זעהען אז זייער האר איז טרויעריג ווארום זאלין זייא די קינדר אן טאן צער· זאגט רבי אלעזר זייא מוזין טאן וואש מען הייסט זייא אונ מען גיט זיי כח זיי זאלין טאן דעם ווילין פון זייער האר· אויך איז פר האנדרן אזעלכע וואש זיי לויפן אונ זיינען מוריד צוויי טרערין אין ים הגדול איין צו זינקן אזו וויא דר פסוק זאגט משפטיך תהום רבה אונ די עליונים זיינען זיך מתגלגל אראפ אונ די תחתונים ווערין צו שפאלטין אונ נידערין אין צווייא הונדרט מיט אכט אונ פערציג מדריגות אזוא וויא עש שטייט אריה שאג מי לא יירא בלעם האט גזאגט איך זעה אז די גאולה וועט ניט גיך זיין נאר אין סוף פון די טעג דען עש זיינען דיא זעקס טויזנט יאר פון דר וועלט אנטקעגין דיא ששת ימי בראשית ער האט גיזעהען אז דער חורבן וועט באלד זיין באלף הרביעי דאש אלע אונזרע ליכט זיינן פר לאשין גיווארין דען דער בית המקדש איז געוועזן דר אור פון דער וועלט איז דאש חרוב גיווארין אונ דיא זון מיט דער לבנה מיט דיא שטערין ומזלות איז זייער ליכט באהאלטין גיווארין אזו וויא אין דעם פערטין טאג פון בריאת עולם אזו וויא עש שטייט יהי מארות ברקיע השמים דאש אין דער צייט איז דיא לבנה קלענר גיווארין· רבי שמעון האט זייער גיוויינט אונ זאגט ווייא וויא לאנג וועט זיך נאך דר גלות אוועק ציען ווער וועט דאש קענן סובל זיין זאגט ער צו אים אי רבי אי רבי דו זאלשט ווישין וואש פאר איין בלבול האט הקב"ה גימאכט אין אלע הימלן בשעת גזרה אז ער האט אונז מוסר גיוועזן אין דר האנט פון דר שפחה די לילית הרשעה דאש דיא ישראל וועלין קומען אין גלות בבל בשעת מען האט אפ גישריבין דעם גזר דין אונ איז גיחתמת גיווארן

מיט דעם חותם המלך האט הקב"ה גירופן צו אלע חיילות השמים אונ האט גירופן צו גבריאל וואש ער איז דר שרייבר למעלה אונ דער קסת הסופר אין זיינע לענדין אונ זאגט צוא אים האלט נאך אויף די בריבליך מיט די פתקים איידר זיי וועלן גיחתמת ווערין מען זאל ביז טאן מיינע קינדר ביז איך וועל אויף זייא וויינן אונ וועל מאכן איין הספד אונ קלאגן אויף זיי דא בשווער איך אייך אלע חיילות השמים דאש איר זאלט מיך לאזן וויינן אונ איר זאלט אייך ניט איילין מיך צו טרייסטין אזו וויא דר פסוק זאגט על כן אמרתי שעו מני אמרר בבכי אונ ווידער שטייט אל תאיצו לנחמני על שוד בת עמי הקב"ה האט גיטראטן אין דעם הימל וואש הייסט ערבות אונ האט אין אים גימאכט פענצטער אונ האט אזו גיזאגט בני בני מיינע גיליבטע קינדר פון מיינע גידערם איך האב אייך דר צויגן אונ האב אייך גיטראגן וויא איין פאטר טראגט זיינע קינדער אונ איך האב צו אייך גלערינט מיין יראה אונ האב אייך גימאכט גיוועלטיגין. האט איר גיזינדיגט פאר מיר בכמה חטאים האב איך אייך מוחל גיוועזן דען איר זייט גיוועזן מיינע ליבע קינדר. מיינע קינדר מיינע קינדר איך וועל רופין צו אלע פיר זייטין פון דר וועלט אונ וועל זיי בשווערין אויף אייך. מזרח מזרח איך בשווער דיך ווען מיינע קינדר וועלן צוא דיר פר טריבן ווערן זאלשטו זעהען וויא זייער צרה אונ גישטאלט איז פאר ענדרט גיווארין. אונ זיינן שווארץ גיווארין אונ דוא זאלשט קלאגין אונ וויינן אויף זיי אונ דוא זאלשט זיי היטין. מיינע קינדער וואש איר זייט בייא מיר אין הויז גיוועזן אין דעם כח פון אייער מוטר מיט פיל תענוגים אונ איר האט אויף מיר ניט משגיח גיוועזן. מיינע קינדר וואס זאל איך אייך טאן איך האב שוין גוזר גיוועזן איין גזירה בשבועה. איך וועל זיין מיט אייך אין גלות. משה רעיא מהימנא דו בישט גאר ניט משגיח אויף מיינע קינדער וואש איך האב אין דיין האנט מוסר גיוועזן. מזרח מזרח דער וועק דיך צוא משה אונ איר זאלט וויינן אונ קלאגין אויף מיינע קינדר. איין אבלות והספד מאכט אייך אונ איך זאל הערין אונ זאל מיט אייך גיזעסט זיין פון אבילות. מיינע קינדער מיינע קינדר וואש זיינן מיינע גיליבטע פון מיין נפש וויא אזו זאלט איר גיין מיט אייזערנע קייטין

גיבונדין אייערע הענט אהינטר איר קינדר איר זייט אויף גיצויגין גיווארין מיט פיל תענוגים איר זייט חשובר גיוועזן פון גין גאלד. מיינע קינדר מיינע קינדר איר הייליגע חסידים אייער פלייש פון אייער לייב איז גיווארפין גיווארין בשעת חורבן בית המקדש אויף די מארקן אונ אין די גאסין. מיינע קינדר מיינע קינדר ווייא אויף אייך. אונ איבר דעם האט ער צוא ריסין זיינע קליידר אזו וויא דר פסוק זאגט בצע אמרתו צפון צפון ווען מיינע קינדר ווערין אין דיר פאר שפרייט ווערין בשווער איך דיך אז דו זאלשט זעהן וויא זייער גישטאלט איז שווארץ גיווארין אונ זייערע הענט איז צו בראכין גיווארין דרום באשווער איך דיך דוא זאלשט זיך דער וועקן צוא אברהם מיין ליב האבער אונ זאלשט אים דער מאנן דיא עקידה פון זיין זון אונ היינט גייען זיינע קינדער אין גלות אונ זייא פאלין בחרב אונ איר זאלט ניט מודיע זיין צוא יעקב דאש ער זאל ניט פאר קערין די וועלט אין איין רגע. מערב מערב דער וועק דיך צוא דעם גישרייא פון דיא דער שלאגינע אונ דיא גרוישע מלחמות פון מיינע קינדער דער וועק דיך צוא דער כנסת ישראל וואש זיא איז מיין גיליבטע יונתי תמתי וואו אירע קינדר גייען אונ וואו זיי זיינען פאר שפרייט לכמה רוחות העולם אחותי רעיתי יפתי וואש זיא איז צו מיר מיין גיליבטע וואס וועלן געביך טאן די קינדר מרכבה הקדושה דיינע פליגל וואש זיינען פר שפרייט צוא אלע פיר זייטין פון דר וועלט באשווער איך דיך דוא זאלשט מיט זייא גיין אונ זאלשט זייא צוא דעקן מיט דיינע פליגלין צוא אלע פיר זייטין פון דר וועלט אונ אויב ניט וועלן זייא חס ושלום פר לארין ווערן פון דער וועלט זאגט אליהו צוא רבי שמעון רבי וואש זאל איך דיר זאגן באותו שעה וויא פון הימיל האט זיך אויף גיהויבן איין קול מיט גיוויין אזוא זיינען דער ציטערט גיווארין אכצין וועלטין דען דר קול איז ווארין גיהערט אזוא וויא דער פסוק זאגט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה רעשט מאל שטייט ויקרא יי אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד ווער האט נאר גיזעהן אין אלע רקיעים דעם הספד וואש דארטין איז גיוועזן וויא זייא האבין אויש גיטאן זייערע טייערע

מלבושים

מכבושים ביז אלע חיילות השמים האבין גימיינט אז אלע עולמות זיינען פאר קערט גיווארין · זאגט הקב״ה צוא רחל מיינע ליבע שאבטער דוא גיהערשט צוא גיין מיט זייא צוא באשיצין זייא אונ צוא וואונען מיט מיינע קינדער זאגט רחל רבונו של עולם איך וויל ניט נאך גיין דען איך האב זייא דער צויגין אונ האב זיי מגדל גיוועזן אונ האב זיי מתקן גיוועזן וויא אזוא וועל איך קענען צוא זעהען אז דיא שונאים וועלן זייא פאר דארבין אונ דוא וועסט אין זייא פאר געסין דארטין דען האט הקב״ה צוא איר גישווארין אז ער וועט זייא ווידער אויף ריכטין אונ וועט ווידער איין זאמלען צוא דיא ישראל אזוא וויא דער פסוק זאגט כה אמר יי׳ מנעי קולך מבכי וגו׳ ויש תקוה לאחריתך ושבו בנים לגבולם אונ אז זיא איז ארויש גיגאנגען פון הקב״ה אזו האבין אלע חיילות השמים אן גיהויבין זאגין דיא קינה איכה יועם זהב אונ דיא קינה דרך אלף בית האט הקב״ה אליין גיזאגט דר נאך זיינען גיחתמת גיווארין אלע קוויטלעך פון דעם גזר דין זאגט אליהו היינט וועלן מיר שמועסין פון דעם פסוק אראנו ולא עתה דאס גייט אויף הקב״ה ווען ער וועט ווידער קומען פוקד זיין דיא כנסת ישראל זאגט בלעם עש וועט מאקע זיין אבער ולא עתה ניט אזוא גיך אשורנו איך טוא קוקין אז עש וועט זיין אבער ולא קרוב ניט נאהינט נייערט לזמן רחוק דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל ער זאגט דרויף גרוישע סודות זאגט אליהו צוא רבי שמעון אי רבי אי רבי עש איז שווער דיא זאך אונ אלאנגע צייט איידער דיא גאולה וועט זיין וויא פיל צרות על צרות זיינען אן גיברייט צוא זיין אונ וויא אזוא דיא חיות רעות וועלין אויף זייא שולט זיין אונ זייא וועלין זייא אלע מאל וועלין פאר ברענן · ווען דיא זון וועט שיינן סוף טאג אונ עש וועט זיין אזו איין יאר וואש יובל אונ שמיטה וועט זיין אין איין יאר דען אלע זיבין יאר איז שמיטה אונ זיבין שמיטות איז ניין אונ פערציג יאר אונ דאש פופציגטע יאר איז יובל אין דר צייט איז אן גיברייט צוא דער וועקין זיך איין קול פון דעם העכשטין הימיל איין קול וואש איז טרויעריג אונ פאר ביטערט וואש איז נאך אזוא ניט גיוועזן מיום שנברא העולם

אונ דאש קול וועט זיין גאנץ דין אונ שטיל מיט ביטערקייט אונ טרויערקייט אונ דאש קול וועט אראפ נידערין אונ עש וועט ווידער ארויף גיין אונ עש וועט ווידר אראפ נידערין ביז עש וועט אזוא רעדין · מיין ליבע אילת דאי׳ מיינט מען דיא כנסת ישראל וואש זיינען גיגליכין צוא איין אינד דוא בישט אזוא לאנג פון מיר פאר געסין גיווארין איין באשטאנדיגע ליבשאפט איז גיוועזן צווישין מיר אונ דיר איך טו גידיינקן אז דיין חותם פון דיין גישטאלט איז מיר גיוועזן אויף מיין הארצין אונ איין חותם אויף מיין ארום אזוא וויא דער פסוק זאגט שימני כחותם על לבך כחותם על זרועך כי עזה כמות אהבה אזוא שטארק איז גיוועזן אין מיר דיא אהבה אז דער פלאם פון דער אהבה האט אין מיר גיברענט · באותו שעה וועט זיין דרייא גישרייען איינש נאך דעם אנדערין אזו וועלין דער ציטערט ווערין אלע רקיעים אונ אלע עולמות ביז דיא דרייא קולות וועלין גיהערט ווערין צו דעם תנין הגדול וואש אין ים אזוא וויא דער פסוק זאגט ביום ההוא יפקוד יי׳ בחרבו הקשה וגו׳ דאש זיינען גרוישע סודות ער וועט לויפין פיר הונדערט טויזינט מייל אין איין אנדער רג ארין ביז מען וועט אים אויף ברייגען למתיבתא דרקיע אונ מען וועט אים לאזין צוא זיין ארט וואש ער איז תפוס גיוועזן באותו שעה וועלין זיך דער וועקין אויף דיא ישראל כמה צרות איינע נאך דער אנדערע מיט גרויש דוחק אונ מחמת גרויש דוחק וועלין זיי שרייען איין גישרייא נאך דעם אנדערין אונ וועלין וויינען איינש נאך דעם אנדערין אונ הקב״ה וועט זייא רופין אונ וועט זאגין חבירתא יונתי תמתי דיא וואש זיצין נאר בגנים אונ זיינען ניט גיזעהן גיווארין נאר בסתר המדרגה איז איר וואונונג אזוא וויא דער פסוק זאגט כל כבודה בת מלך פנימה אונ היינט זיצין זייא אנטפלעקט אויף דיא גאסין אונ אויף דיא מארקין מיין אילה דא זיינען דא אלע רבנן פון דיא צווייא ישיבות של מעלה צוא פאר נעמען דיין קול מאך מיר עש הערין דען מיין גילוסטיקייט איז צוא הערין דיין קול עש איז שוין כמה צייטין וואש איך האב ניט

ניט

ניט גיהערט דיין קול רעגסט מאל וועט זיין די גאנצע וועלט איין פאר מישונג אזוא וועלין גיין ביידע ישיבות של מעלה מיט דער שכינה צוא דעם קבר פון משה רעיא מהימנא אונ וועלין שרייען דרייא קולות בשעת דיא זון וועט אונטער גיין פון דער וועלט אזוא וועט זיך זיין קבר עפענען וועלין דיא בני ישיבה וועלין אריין גיין וועלין זייא קיין רשות ניט האבין וועלן זייא אלע אוועק גיין אויף זייער ארט אונ דיא שכינה אליין וועט אריין גיין אונ אז זיא וועט אריין צוא משה וועט ער זיצין אונ וועט זיך מיען אין דער תורה אונ איין ליכט איז פאר אים אונ כמה הייליגע ריחות פון דעם גן עדן איז ארום אים אונ אז משה וועט זיא זעהען אריין גיין וועט ער אויף שטיין אזוא וועט זיא זיך משתעשע זיין מיט אים אונ ראש קול וועט זיך דער וועקין אין דער הויך פון דיא הימלען אזוא וועט זיך דער וועקין משיח אין דער נאכט אונ וועט זיין מיט זייא אונ וועט אין דער מערה פון משה איבער חזרין דיא תורה אגאנצע נאכט אונ אז דער עמוד השחר וועט אויף גיין וועט משיח ווידער באהאלטין ווערין אזוא וועט מער ניט בלייבין אין דער מערה נאר משה מיט דער שכינה אונ אין דעם טאג פון שבועות וועט דיא שכינה ארויף גיין אויף דעם בארג סיני אונ וועט לאזין הערין דרייא קולות איין קול אנטקעגין אברהם אונ איין קול אנטקעגין יצחק אונ איין קול אנטקעגין משה מיט יעקב. אזוא וויא דר פסוק זאגט על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך אל תיראי אזוא וועלין זיך דער וועקין די אבות פון דער מערה אונ וועלין ארויש גיין צוא דער שכינה אונ מחמת דעם קול וועלין אין ארץ ישראל פיל רשעים שטארבין אונ אין דעם טאג וועלן אויף גיין תפלות פון ישראל צוא דעם מלך הקדוש אונ דיא אבות וועלין קומען אויף דעם בארג סיני מיט משה אונ ער וועט ארויש גיין אונ דיא אבות וועלין זעהען צוא משה אונ משה וועט זייא זעהען אונ זייא וועלין אריין גיין אין דער מערה פון משה אונ משיח וועט זיך דר וועקין צוא זייא אונ זייא וועלין זיך דארטין אלע מתחבר זיין באותו יום וועלין זיך דר וועקין דיא עשרת השבטים מלחמה צו האלטין לארבע פנות העולם מיט משיח וואש ער וועט אויף זייא גיזאלבט ווערין דורך דעם כהן צדק אונ שבעה רועים נאמנים מיט אים:

חסלת ספר במדבר

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל דָאשׁ
זַיינֶען דִּי שְׁטְרָאף רֵייד וָואשׁ מֹשֶׁה הָאט
גְּרֶעט צוּ כָּל יִשְׂרָאֵל בַּיי דֶער זַייט פוּן דֶעם
יַרְדֵּן · עֶר הָאט זַיי פִיר גִּיצֵיילְט דִּי עֲבֵירוֹת
וָואשׁ זַיי הָאבְּן גִּיטָאן · דָאשׁ עֶרְשְׁטֶע זַייא
הָאבְּן בַּייז גִּירֶעט אוּנ הָאבִּין גִּיזָאגְט עֶשׁ
וָואלְט בֶּעסֶער גִּיוֶועזְן מִיר זָאלְן שְׁטַארְבְּן אִין
דֶער מִדְבָּר · דָאשׁ אַנְדֶערֶע אִיר הָאט אַיין
עֲבֵירָה גִּיטָאן אִין פְלַאץ פוּן עַרְבוֹת מוֹאָב
אִין שִׁטִּים מִיט זְנוּת אוּנ מִיט דֶער אָפּ גָאט
פְּעוֹר · אוּנ אִיר הָאט גִּיזִינְדִיגְט בַּאלְד וִוי אִיר
זַייט גִּיקוּמֶן צוּם יַם אוּנ הָאט גִּיזָאגְט אִיז דֶען
נִיט דָא קַיין קְבָרִים אִין מִצְרַיִם וָואשׁ דוּא
הָאשְׁט אוּנְז אוֹישׁ גִּיצוֹיגִין פוּן דָארְטִין צוּא
טֵייטִין אוּנְז אִין דֶער מִדְבָּר · אוּנ דֶער נָאךְ
הָאט אִיר בַּייז גִּירֶעט אוֹיף דֶעם מָן וָואשׁ עֶר
אִיז גִּיוֶועזְן נַיישׁ אוּנ גוּט · אוּנ אִיר הָאט
גִּיזָאגְט עֶשׁ וֶועט אַייךְ דִּי גִּידֶערִים פוּן אִים
גִּישְׁוָואלִין וֶוערְן · אוּנ אִיר הָאט גִּיזִינְדִיגְט בַּיי
דִּי מְרַגְּלִים אוּנ בַּיי קֹרַח אוּנ אִיר הָאט גִּקְרִיגְט
אוֹיף גָאט אוּנ אוֹיף מֹשֶׁה אוּנ אִיר הָאט דָאשׁ
עֵגֶל גִּימַאכְט דָאשׁ זַיינֶען זִיבִּין עֲבֵירוֹת ·
אוּנ אִין דֶער תּוֹכָחָה שְׁטֵייט וְיִסַּפְתִּי לְיַסְּרָה אֶתְכֶם
שֶׁבַע עַל חַטֹּאתֵיכֶם אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטְרָאפְן אוֹיף
אֵייעֶרֶע זִיבִּין עֲבֵירוֹת · אוּנ דְרוּם הָאט זַייא
מֹשֶׁה גִּישְׁטְרָאפְט כְּדֵי זַייא זָאלְן חֲרָטָה הָאבְּן
דְרוֹיף אוּנ זָאלִין וַוייטֶער קַיין עֲבֵירוֹת נִיט טָאן ·
דֶען וֶוען דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אָדֶר דֶער רַב וֶוערְט
נִיט דֶעם פָאלְק אַזוֹ שְׁטְרָאפְט אִים גָאט פַאר
דֶעם פָאלְק · וְדִי זָהָב רַבִּי יַנַּאי זָאגְט מֹשֶׁה הָאט
גִּיזָאגְט צוּ גָאט וַוייל דוּ הָאשְׁט צוּ יִשְׂרָאֵל פִיל
גָאלְד גִּיגֶעבִּין דְרוּם הָאבִּין זַיי גִּימַאכְט דָאשׁ
עֵגֶל · רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶשׁ אִיז אַיין מָשָׁל
אַיין קוּא וָואשׁ דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִיט אִיר עֶסִין
פִיל הָאבֶּער אַזוֹ וֶוערְט זִיא פֶעט אוּנ שְׁלָאגְט
דֶעם בַּעַל הַבַּיִת · אַזוֹ אוֹיךְ יִשְׂרָאֵל גָאט הָאט
זַיי אַלְץ דָאשׁ גוּטְשׁ גִּיטָאן אוּנ דוּרךְ דֶעם
הָאבְּן זַיי גִּיזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגִין אִים · אַחַד עָשָׂר
יוֹם מֵחוֹרֵב דֶּרֶךְ הַר שֵׂעִיר עַד קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ מֹשֶׁה הָאט
גִּיזָאגְט זֶעהְט וִויא אִיר הָאט פַאר זִינְדִיגְט דָאשׁ
אִיר זַייט אַזוֹ לַאנְג גִּיגַאנְגֶען אִין דֶר מִדְבָּר · דֶען
נָאךְ פֶערְצִיג טָאג נָאךְ דֶעם אַרוֹישׁ גֵיין פוּן
מִצְרַיִם זַייט אִיר גִּיקוּמֶן קַיין חוֹרֵב צוּם בַּארְג
סִינַי · אוּנ פוּן חוֹרֵב אִיז עֶלְף טֶעג וַוייט קַיין
קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ וָואשׁ דָאשׁ אִיז בַּיי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ·
אוּנ אִיר זַייט דָאשׁ אַיין גִּיגַאנְגֶען אִין דְרַיי טֶעג
וַוייל גָאט הָאט גִּיוָואלְט אִיר זָאלְט גִּיךְ קוּמֶען
קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · אוּנ אִיר הָאט פוּן דָארְטִין
גִּישִׁיקְט דִיא מְרַגְּלִים אוּנ הָאט פַאר זִינְדִיגְט
דָאשׁ אִיר זַייט אִיבֶּר גִּיבְּלִיבְּן פֶערְצִיג יָאר אִין
דֶר מִדְבָּר · אַחֲרֵי הַכֹּתוֹ אֵת סִיחוֹן נָאךְ זַיין שְׁלָאגְן
סִיחוֹן · מֹשֶׁה הָאט גִּיוַוארְט צוּא שְׁטְרָאפְין
יִשְׂרָאֵל בִּיז עֶר הָאט אַיין גִּינוּמֶען דִיא צְוַויי
שְׁטַארְקֶע מְלָכִים סִיחוֹן אוּנ עוֹג · אוּנ הָאט
זַייעֶר לַאנְד גִּיגֶעבְּן צוּ יִשְׂרָאֵל כְּדֵי דִי יִשְׂרָאֵל
זָאלִין נִיט זָאגִין וָואשׁ הָאט אוּנְז מֹשֶׁה פַאר
אַיין גוּטְשׁ גִּיטָאן וָואשׁ עֶר שְׁטְרָאפְט אוּנְז ·
הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת הַתּוֹרָה מֹשֶׁה הָאט בַּאשֵׁייד דִי
תּוֹרָה צוּ יִשְׂרָאֵל אוֹיף שִׁבְעִים לָשׁוֹן הָאטְשֶׁע
יִשְׂרָאֵל הָאבְּן אַלֵיין גִיהֶערְט דִי תּוֹרָה אוֹיף
דֶעם בַּארְג סִינַי פוּן גָאט · דָאךְ הָאט מֹשֶׁה
בַּאשֵׁייד דִי תּוֹרָה צוּ דִי קִינְדֶער וָואשׁ זַיינֶען
וָוארִין גִּיבָּארִין אִין דֶר מִדְבָּר · אוּנ הָאטְשֶׁע
זַיי הָאבִּין גִּיגְלֵייבְּט וָואשׁ זַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין
הָאבְּן גִּזָאגְט דָאךְ הָאט מֹשֶׁה אַלֵיין גִּיוָואלְט
צוּ זַיי בַּאשֵׁיידְן דִי תּוֹרָה אוּנ הָאט מִיט זַייא
גִּילֶערְנְט · אוּנ מֹשֶׁה הָאט גִּיזָאגְט צוּא כָּל
יִשְׂרָאֵל גָאט הָאט גִּיזָאגְט אוֹיף דֶעם בַּארְג
סִינַי אִיר זַייט שׁוֹין גִּינוּג גִּיזֶעסִין בַּייא דֶעם
בַּארְג אִיר הָאט שׁוֹין דָא גִּינוּג מִצְוֹת גִּיטָאן ·
אִיר הָאט מְקַבֵּל גִּיוֶועזְן דִיא תּוֹרָה אוּנ הָאט
גִּבּוֹיט דָאשׁ מִשְׁכָּן אוּנ הָאט גִּיזֶעצְט סַנְהֶדְרִין
דְרוּם צִיהְט וַוייטֶער · הַנָּהָר הַגָּדוֹל נְהַר פְּרָת דֶער
טֵייךְ פְּרָת אִיז דֶער קְלֶענְסְטֶער טֵייךְ פוּן דִי
פִיר טֵייכִין וָואשׁ שְׁטֵייעֶן אִין בְּרֵאשִׁית נָאר
וַוייל עֶר גֵייט בַּייא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵייסְט עֶר
גָּדוֹל · דֶען דֶער וָואשׁ בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ אַיין
חָשׁוּבְן מַאן וֶוערְט עֶר אוֹיךְ חָשׁוּב · דִיא